STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00882

OYF NAYE VEGN

Permanent preservation of this book was made possible by
Benjamin Serebin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויף ניצוצן

אַלמאַנאַך

דרייסיק יאָר סאָוועטיש־יידיש שאַפן

איקוף פארלאג

ניו־יאָרק • 1949

OIF NAYE WEGN

ALMANAC

געדרוקט אין 3,200 עקז.

YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

PRINTED IN U.S.A.

209

אינהאַלט

זייט

איקוף-פאַרלאַג — צו דעם לייענער — 7
רבקה רובין — אונדזער ליטעראַטור (אַריינפיר — 9
אשר שוואַרצמאַן — לידער — 15
דוד בערגעלסאָן — הערשל טאָקער (דערציילונג — 17
„ „ צוויי רוצחים (דערציילונג — 32
דוד האָפשטיין — אָקטאָבער (לידער — 38
איציק פעפער — איבער שטעט און דערפער (ליד — 40
א. קושניראָוו — ראַסייאַ (ליד — 42
שמואל גאָדינער — אַריבער די דאָרפישע פאַרקאַנעס (דערציילונג — 43
משה כאַשטשעוואַצקי — לעגינס אָנקום אין פעטראָגראַד (ליד — 54
ע. פינינבערג — ביים דניעפער (ליד — 55
הירש קאַמענעצקי — אָפשייד (ליד — 59
מ. דאַניעל — אויף דער זיבעטער ליניע (דערציילונג — 61
פרץ מאַרקיש — שלמה בערס טויט (פון אַ פּאָעמע — 70
הירש אָרלאַנד — אויף פאָליעסער זומפן (דערציילונג — 73
דוד האָפשטיין — אַ רעגן (ליד — 86
ש. האַלקין — גערעטעניש (ליד — 89
לייב קוויטקאָ — דער רעגנבויגן — 90
נאָטע לוריע — דער סטעפ רופט — 91
פרץ מאַרקיש — אין סטעפ — 95
ליפע רעזניק — זומער (ליד — 96
עליע קאַהאַן — וועגן אייזיק קארפן (דערציילונג — 98
איציק פעפער — אַ ליד וועגן פירער — 107
ליפמאַן-לעווין — די קאָנסטיטוציע אויסנווייניק — 108
י. זעלדין — אַ ביי הויז (ליד — 114
שפרה כאָלאָדענקאָ — צום צפון-ברעג (ליד — 115
עליע גאָרדאָן — אין אַ גוס-רעגן (דערציילונג — 116
שמואל ראָסין — אָפענע פעלדער (ליד — 124
עליע שעכטמאַן — ערשטער אַרויספאָר (פון אַ ראָמאַן — 125
עמנואל קאַזאַקעוויטש — פון ראָמאַן „שלום און חוה“ (פּאָעמע — 132

זייט

דוד בערגעלסאָן — צווישן שכנים (דערציילונג — — — — — — — — — — — 138
אהרן קושנירעָוו — וואָלדהיים (ליד — — — — — — — — — — — — 143
מ. אַלבערטאָן — טיכאָנקע־ביראָפעלד (פונעם בוך „ביראָבידזשאַנער") — 145
אהרן ווערגעלים — דער קוואַל (ליד — — — — — — — — — — — — 152
משה גאָלדשטיין — שניטער (דערציילונג — — — — — — — — — — — 153
ב. אָלעווסקי — ביראָבידזשאַנער לידער — — — — — — — — — — — 164
ב. מילער — אַ באַגעגעניש (קאַפּיטלען פון אַ דערציילונג — — — — — — 169
איציק פעפער — אַ חתונה אין ביראָבידזשאַן (ליד — — — — — — — — 183
לייב טאַלאַליי — מיט פולן... (ליד — — — — — — — — — — — — 185
פייוול סיטאָ — דער אַסטראָנאָם און דער קעכער (דערציילונג — — — — 186
לייב קוויטקאָ — לידער — — — — — — — — — — — — — — — 192
דוד בערגעלסאָן — אָן עדות (דערציילונג — — — — — — — — — — — 198
פּרץ מאַרקיש — דעם יידישן שלאַכטמאַן (ליד — — — — — — — — — 211
א. קושנירעָוו — פון בוך „מלחמה" — — — — — — — — — — — — 213
הירש דאָבין — אין אורלויב (דערציילונג — — — — — — — — — — — 217
שמואל האַלקין — לידער — — — — — — — — — — — — — — — 236
דער נסתר — העשל אַנשעלעס (דערציילונג — — — — — — — — — — 242
איציק פעפער — די טערקישע שאַל (ליד — — — — — — — — — — — 254
עליע קאַהאַן — אַ יונג לעבן (דערציילונג — — — — — — — — — — 257
שמואל ראָסין — אשר שוואַרצמאַן (ליד — — — — — — — — — — — 263
אשר שוואַרצמאַן — לידער — — — — — — — — — — — — — — 265
יחיאל פאַליקמאַן — דער אַרטיסט (דערציילונג — — — — — — — — — 268
ליפע רעזניק — מאַנען און צאָלן (ליד — — — — — — — — — — — 280
הענעך שוועדיק — לידער — — — — — — — — — — — — — — — 281
מאָטל האַרצמאַן — לידער — — — — — — — — — — — — — — — 283
אי. קיפּניס — ברידער (דערציילונג — — — — — — — — — — — — 258
משה כאַשטשעוואַצקי — אונדזער ערד (ליד — — — — — — — — — — 296
דוד האָפשטיין — לידער — — — — — — — — — — — — — — — 296
יאָסל קאָטליאַר — דאָס מיידל מיט די בלאָנדע האָר (ליד — — — — — — 298
אברהם גאָנטאַר — לאַהלע (ליד — — — — — — — — — — — — — 300
אַנע סטעלמאַך — איך און באַרעלע (דערציילונג — — — — — — — — 301
יוסף קערלער — היימלאַנד (ליד — — — — — — — — — — — — — 328

זייט

מאָטע גרוביאַן — ווייסרוסלאַנד (ליד) — 329

מ. אַראָנסקי — צווישן יידישע קברים (דערציילונג) — 331

בונעם העלער — לידער — 343

משה בראָדערזאָן — אוי, מאַמע (ליד) — 344

ישראל עמיאָט — באַגעגעניש מיטן ערשטן רויטאַרמייער (ליד) — 345

יעקב שטערנבערג — אינעם בעסאַראַבער שטעטל (ליד) — 347

נח לוריע — פון אָנהויב (דערציילונג) — 348

חיים מאַלטינסקי — לידער — 357

מענדל ליפשיץ — אַ קינד שטייט אויף (ליד) — 359

שירקע גאָמאַן — דינסטיק (דערציילונג) — 360

זלמן טעלעסין — אויפן ווייסל (ליד) — 364

אי. באָרוכאָוויטש — אין אַ דייטשן ביר־הויז (ליד) — 364

רבקה רובין — ווען דער שלאָס האָט געהיט (דערציילונג) — 367

שלמה רויטמאַן — וואָס הייסט אַ ברודערל (לידער) — 371

לייזער קאַצאָוויטש — אין אוזבעקיסטאַן (דערציילונג) — 373

רחל בוימוואָל — אַן אומבאַוואוסטער רויטאַרמייער (ליד) — 384

משה טייף — די באַלאַדע וועגן דער שבועה (ליד) — 384

הערשל פּאָליאַנקער — דער פּאַרדינסטפולער קעכער פון פּאָלק — 386

מ. טאַלאַליעווסקי — אום ווינטער אַ רעגן (ליד) — 390

מ. גערשענזאָן — פּאָן וואַנץ (אַ משל) — 391

יחיאל שרייבמאַן — דריי זומערס (דערציילונג) — 392

אייזיק פּלאַטנער — כ׳וועל קיינעם ניט דאַרפן פרעגן — 397

הערץ ריווקין — אין דעם קעסל־צעך (דערציילונג) — 398

חנה לעווין — אויפן ברעג ים (ליד) — 405

י. ראַבין — אַ רייזע אויף צוריק (דערציילונג) — 407

עזרא פינינבערג — לידער — 423

מ. העלמאָנד — פון „שיראָהאָ“ (געזאַנג פון די באַרג־יידן) — 428

די שרייבער, וואָס זייערע שאַפונגען קומען אין זאַמלבוך

(לויטן א״ב)

זייט

אַלבערטאָן, מ. — 145
אַלעווסקי, ב. — 164
אַראָנסקי, מ. — 331
אַרלאַנד, הירש — 73

באַרוכאָוויטש, אי. — 364
בוימוואָל, רחל — 384
בערגעלסאָן, דוד — 17, 23, 138, 198
בראָדערזאָן, משה — 344

גאָדינער, שמואל — 43
גאָלדשטיין, משה — 153
גאָמאָן, שירקע — 360
גאָנטאַר, אברהם — 300
גאָרדאָן, עליע — 116
גערשענזאָן, מ. — 391
גרוביאַן, מ. — 329

דאָבין, הירש — 217
דאַניעל, מ. — 61

האַלקין, שמואל — 89, 236
האָפשטיין, דוד — 38, 86, 296
האַרצמאַן, מאָטל — 283
העלמאָנד, מ. — 428
העלער, בונעם — 343

ווערגעליס, אהרן — 152

זעלדין, י. — 114

טאַלאַלײַ, לייב — 185
טאַלאַלאַיעווסקי, מ. — 390
טייף, משה — 384
טעלעסין, זלמן — 364

כאַלאָדענקאָ, שפרה — 115
כאַשטשעוואַצקי, משה — 54, 296

לוריע, נאָטע — 91
לוריע, נח — 348
ליפשיץ, מענדל — 359

זייט

ליפמאַן־לעווין — 108
לעווין, חנה — 405

מאַלטינסקי, חיים — 357
מאַרקיש, פרץ — 70, 95, 211
מילער, ב. — 169

נסתר, דער — 242

סטעלמאַך, אַנע — 301
סיטאָ, פייוול — 186

עמיאָט, ישראל — 345

פאַליאַנקער, הערשל — 386
פלאָטנער, אייזיק — 397
פאַליקמאַן, יחיאל — 268
פינינבערג, עזרא — 55, 423
פעפער, איציק — 40, 107, 183, 254

קאַהאַן, עליע — 98, 257
קאַזאַקעוויטש, עמנואל — 132
קאַטליאַר, יאָסל — 298
קאַמענעצקי, הירש — 59
קאַצאָוויטש, לייזער — 373
קוויטקאָ, לייב — 90, 192
קושניראָוו, אהרן — 42, 143, 213
קיפניס, איציק — 258
קערלער, יוסף — 328

ראָבין, י. — 407
ראָסין, שמואל — 124, 263
רובין, רבקה — 9, 367
רויטמאַן, שלמה — 371
ריווקין, הערץ — 398
רעזניק, ליפע — 96, 280

שוואַרצמאַן, אשר — 15, 265
שוועדיק, הענעך — 281
שטערנבערג, יעקב — 347
שעכטמאַן, עליע — 125
שרייבמאַן, יחיאל — 392

צו דעם לייענער

אינעם זאַמלבוך, וואָס מיר טראָגן איצט צו צו אונדזערע לייענער, קומען אַריין די שאַפונגען פון 67 סאָוועטיש־יידישע שרייבער — פון די עלטערע ביז די ייִנגסטע, — פון די ווערק, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָנהויב דער סאָציאַלער רעוואָלוציע ביז דעם יאָר 1947. דער גאַנצער מאַטעריאַל,—די לידער, פּאָעמעס, פראַגמענטן און גרעסערע דיכטערישע ווערק, די דערציילונגען און קאַפּיטלען פון ראָמאַנען, — איז צונויפגעשטעלט, סיסטעמאַטיזירט און צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון יידישע שרייבער ביים יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע.

אין די איבער הונדערט גרעסערע און קלענערע ווערק, וועלכע זענען דאָ צונויפגעקליבן, קומט צום אויסדרוק דאָס אַלגעמיינע סאָוועטישע לעבן און דאָס סאָוועטיש־יידישע לעבן, ווי עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אינעם סאָוועטיש־יידישן שאַפן פאַר די דרייסיק יאָר — 1918־1947. קיין שום אַנדערער צווייג פון דער גרויסער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, איז נישט אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט דער אַרומיקער סביבה, מיט די קאַמפן און גרעאַנגלעניישן פונעם אַרומיקן לעבן, מיט די פאַר־מעסטן און דערגרייכונגען פונעם לאַנד, ווי דער סאָוועטיש־יידישער צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור. דער סאָוועטישער יידישער שרייבער, דער דיכטער ווי דער פּראָזאַאיקער, שפּיגלט אָפּ אין זיינע ווערק דאָס אַרומיקע לעבן מיט אַלע זיינע פריידן און שוועריקייטן, באַמיט זיך צו רעאַגירן אויף אַלדי פּאַסירונגען און געשעענישן פונעם אַלגעמיינעם און יידישן לעבן, וועלכע זענען אין ראַטנ־לאַנד מער ווי וואו עס איז ענג צונויפגעבונדן נישט צום אָפּטיילן.

אַט דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור אינעם ראַטנלאַנד, איר צוגעבונדנקייט און אָנגעהעריקייט צום רעאַלן בויענדיקן לעבן, איר צילאָנגעווענדטקייט און איר אָנגעזעטיקטקייט מיט גאָר די אחריותן פאַרן לעבן — איז באַזונדערס כדאי צו באַטאָנען.

די אַלע געבראַכטע זאַכן אינעם זאַמלבוך קומען לויטן גאַנג פון די פּאַ־סירונגען און געשעענישן, לויטן גאַנג פון די פּראָצעסן פון בוי און קאַמף, שטרייטן און פאַרמעסטן אויף נייע לעבנס־פאָרמען אין לויף פון די דרייסיק יאָר. די שאַפונגען פון די קרוב צו זיבעציק שרייבער זענען איינגעטיילט מער־ווייניקער לויט די פּעריאָדן פון דעם סאָוועטישן און סאָוועטיש־יידישן לעבן. מיר האָבן דאָ אַזוי אַרום דעם גאַנג, דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון דעם לעבן און גלייכ־צייטיק אויך דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור, ווי זי האָט זיך געפורעמט און געשטאַלטיקט: דער ערשטער אויפברויז פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, דער בירגער־קריג, דער האָסטיקער פּעריאָד פון אויפבוי און רע־קאָנסטרוקציע, די עקאָנאָמישע איבערשיכטונג, דער קאַמף מיט די בעלי־גופים, יידן אויף ערד. גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אינעם זאַמלבוך דער אויפקום און אַנטוויקלונג פון בירעבידזשאַן. דערנאָך קומט — דער פאַנאַנדערוואוקס

פונעם יידישן שאַפן אין די ערב־מלחמה־יאָרן און דער צווייטער מוראדיקער וועלט־קריג, דער קאַמף אויף לעבן און טויט מיט דער היטלעריסטישער בעסטיע, דער העראָאישער קאַמף פון דער רויטער אַרמיי, די דערהויבענע פּאַטריאָטישע געפילן פון די סאָוועטישע פעלקער און דאָס יידיש־סאָוועטישע פאָלק אַריינגערעכנט, זייער באַשיצן דאָס היימלאַנד און גלייכצייטיק די גאָרע וועלט פון דער העסלעכער פאַשיסטישער און נאַצישער פעסט. דאָס אַלץ קומט צום אויסדרוק אין די פאַרשיידנסטע שאַפונגען פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וואָס זענען פאַרטראָטן אינעם אַלמאַנאַך. דורך די איינצלנע שאַפונגען וויקלט זיך פאַנאַנדער די עפּאָפּייע פונעם אינטערעסאַנטן יידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„אויף נייע וועגן" — הייסט דער זאַמלבוך, אויף נייע וועגן איז געגאַנגען דאָס סאָוועטיש־יידישע שאַפן די אַלע דריי צענדליק יאָר. עס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער וועג, וואָס יעדער איינער פון די שרייבער האָט אַדורכגעמאַכט אין אָט דער צייט. עס זענען צווישן די שרייבער דאָ אַזעלכע, וואָס שטייען שוין אין דער יידישער ליטעראַטור צענדליקער יאָרן, ס'זענען אויך דאָ שרייבער אָנהויבער, — וואוקס און נאָכוואוקס פון דעם ליטעראַרישן גערעטעניש אין ראַטנפאַרבאַנד. אין קיין שום אַנדערן טייל פון דער יידישער ליטעראַטור איז נישט אַזוי גרויס די צאָל פון די יונגע קינסטלער, וועלכע זענען אויפגעוואַקסן במשך פון די לעצטע יאָרן. דאָס איז אַ באַווייז פון דעם גרויסן שאַפערישן כוח פונעם סאָוועטישן יידנטום.

דער לייענער באַקומט אינעם זאַמלבוך בלויז מוסטערן פון די רייכע קינסטלערישע אוצרות, וואָס זענען אָנגעזאַמלט אין די שפּייכלער פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָווטן־פאַרבאַנד. מ'דאַרף האָפן, אַז דער אַלמאַנאַך וועט וועקן אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט צו דער רייכער פילקאָלירנדיקער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנלאַנד.

אַ גרויסע צאָל סאָוועטיש־יידישע שרייבער איז העלדיש אומגעקומען אויף די שלאַכט־פעלדער אין דעם קאַמף מיט דער נאַצישער בעסטיע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען דאָס יידישע פאָלק און צו ברענגען דעם נאַציזם אויף דער וועלט. פון אשר שוואַרצמאַן ביז דעם יונגן הענעך שוועדיק, סאַר אַ מערקווירדיקע גאָלדענע קייט פון דיכטער־קעמפער, פון דיכטער־אָנזאָגער פון אַ נייער, פרייער און גערעכטער וועלט.

דער מאַטעריאַל פאַר דעם זאַמלבוך איז צונויפגעקליבן געוואָרן און צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק צוריק מיט אַן אָנדערטהאַלבן יאָר, זומער 1947. דער אַלמאַנאַך „אויף נייע וועגן" האָט געזאָלט דערשיינען מיט אַ יאָר צוריק, אָבער מחמת פאַרשיידענע מניעות דערשיינט דער זאַמלבוך ערשט איצט, אַ יאָר נאָך דעם ווי ער האָט באַדאַרפט דערשיינען.

עס האָבן מיטגעהאָלפן די דערשיינונג פונעם אַלמאַנאַך די „מאָרגן־פרייהייט"־אַסס'ן, דער יידישער פראַטערנאַלער פאָלקס־אָרדן, דער אַמבידזשאַן, דער פריינט יוסף מאָרגנשטערן (קליוולאַנד), און אַנד.

דעם 15טן יאַנואַר, 1949 — פאַרלאַג „איקוף", ניו־יאָרק

רבקה רובין

אונדזער ליטעראַטור

דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז געוואָרן דרייסיק יאָר. זי איז געבוירן געוואָרן אינעם הערלעכן יאָר 1917, אין דער צייט פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס וועט פאַרבלייבן ווי אַן אייביקער ליכטיקער מערק־צייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. צוזאַמען מיטן גאַנצן ראַטנלאַנד איז אונדזער ליטעראַטור געוואַקסן, אַנטוויקלט זיך, אָנגעגאָסן זיך מיט געזונטע זאַפטן, רייף געוואָרן. און אויפגעקומען איז זי אויפן פעטן, שוואַרץ־ערדישן באָדן, וואָס איז גוט דורכגעאַקערט געוואָרן פון די בעסטע מענטשן פון אונדזער פאָלק נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. זי האָט אין זיך איינגעזאַפט די פרייהייט־שטרעבנדיקע טראַדיציעס פון דער יידישער און רוסישער קלאַסיק אין די קאַמפּס־אידעאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד מיט אירע טרוימען וועגן ליכט און גליק פאַרן פאָלק אַפילו אין די סאַמע פינצטערע צייטן פון רעאַקציע.

דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער יידישער קלאַסיק איז געווען די גרויסע ליבע צום פאָלק. אין נאָמען פון דער דאָזיקער ליבע האָט מענדעלע מוכר־ספרים אָנגעווענדט זיין בייסיקן סאַרקאַזם קעגן די בעל־טאַקסעס און בעל־טובות, באַדויערט דעם שרעקלעכן דלות פון די פאָלקס־מאַסן און באַשטרייט זיינע דאָן־קיכאָטישע אילוזיעס, וואָס האָבן אים אָפּגעווענדט פון קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן.

אין נאָמען פון ליבע צום פאָלק האָט י. ל. פּרץ געשטרעבט עפענען דאָס געשלאָסענע מויל פונעם פיל־געפייניקטן „באָנטשע שוויג" און האָט דאָס גאַנצע לעבן געזוכט דאָס שטאַרקע, קאָנדענסירטע שאַרף־וואָרט, וואָס זאָל אויפטרייסלען די זיילן פון דער וועלט.

אין נאָמען פון דער זעלבער ליבע האָט שלום־עליכם געגעבן זיינע פּערסאָנאַזשן דווקא אַ סך רייד, ער האָט זיי געלאָזן זיך אַרויסזאָגן. האָבן זיי זיך אומבאַהאָלפן געדרייט אינעם קרייז פון די אייגענע רייד אינעם פאַרלאַנג צו דערציילן דער וועלט זייער צער.

ניט געקוקט דערויף, וואָס אין דער יידישער ליטעראַטור פאַר דער רעוואָלוציע האָט אַ גרויסן אָרט פאַרנומען דער הומאָר, איז דער תוך אירער געווען אַ טראַגישער, ווייל טראַגיש איז געווען דער גורל פון פאָלק. אַפילו דער פריילעכסטער מענטש פון יענער צייט, שלום־עליכם, האָט געלאַכט דורך טרערן. אין די סאָוועטישע באַדינגונגען איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער טרוים פון אונדזערע קלאַסיקער וועגן אַן עכטער פאָלקס־ליטעראַטור אינעם סאַמע ברייטן זין פון וואָרט.

דער יידישער סאָוועטישער שרייבער איז דאָס רוב אַליין אַ קינד פון פאָלק.

ער איז געקומען אין דער ליטעראַטור פון די אָרעמע הינטערגעסלעך צוזאַמען מיט די „שורות מורדים", וואָס האָבן אין די אומפאַרגעסלעכע יאָרן פון בירגער־קריג געלאָקערט נאָכן שונא.

מיט ביקס אין האַנט,
מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן.
(אשר שוואַרצמאַן)

דאָס נייע, וואָס דער יידישער סאָוועטישער שרייבער האָט אַריינגעטראָגן אין דער ליטעראַטור, די נייע האָריזאָנטן, וואָס ער האָט געעפנט, איז, אין דער ערשטער ריי, באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אויפגעדעקט דאָס אַקטיווע אינעם פאָלק, ער האָט אויסגעדריקט זיין אויפגעוואַכטן ווילן צו בויען אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון גערעכטיקייט. דער הויפט־העלד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז דער שטאָלצער ציל־געווענדטער אַרבעטס־מענטש, וואָס פילט זיך פאַר אַ באַלעבאָס איבער זיך, איבער זיין לאַנד און איבער זיין צוקונפט. ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין שוועריקייטן, ער קעמפט און זיגט.

אויב דיכטונג איז „די זינגענדיקע געשיכטע פון דער צייט", האָט עס, אין דער ערשטער ריי, אַ שייכות צו דער סאָוועטישער ליטעראַטור. קיין אין ליטעראַטור אין דער וועלט קאָן זיך ניט באַרימען, אַז זי גייט אַזוי האַנט ביי האַנט מיטן לעבן, ווי די סאָוועטישע. ניטאָ קיין אין עטאַפּ אינעם קאָמפּליצירטן, שווערן און זיגרייכן גאַנג פונעם ראַטנלאַנד, וואָס זאָל ניט געפינען קיין אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור. און פונקט ווי פאַר באַגרענעצטע באַלעבאַטישע מוחות איז פאַרבאָרגן דער סוד פון אַלע אונדזערע נצחונות, פונקט ווי זיי קאָנען ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן אונדזערע אַרבעטער, פּויערים, אינזשענערן, געלערנטע אַזויפיל אויפגעטאָן פאַר אַזאַ קורצן היסטאָרישן אָפּשניט, אַזוי קאָנען זיי אויך ניט באַגרייפן די פאַרבינדונג פון דער ליטעראַטור מיטן לעבן, וואָס איז אַזוי דינאַמיש און פאַרענדערלעך.

דער סאָוועטישער שרייבער איז אַליין אַ נייער טיפּ מענטש, ווי יעדער בירגער פונעם ראַטנלאַנד. ער איז אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער בויאונג פון סאָציאַליזם. ער איז באַפליגלט מיט פאַרגעשריטענע אידייען. ער זעט פאַר זיך אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. דעריבער קאָן ער ניט וואַרטן, ביז אַ דערשיינונג וועט זיך אָפּזעצן אין די מוטנע וואַסערן פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט, ווי דאָס קומט פאַר אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ער נעמט דאָס לעבן אין באַוועגונג, אין אַנטוויקלונג, מישט זיך אַקטיוו אין אים אַריין, ענדערט אים, ווירקט, אַז דאָס אומנוצלעכע, דאָס היסטאָריש־פאַראורטיילטע זאָל וואָס גיכער אָפּשטאַרבן און דאָס פאַרגעשריטענע, דאָס יונגע זאָל וואָס מער זיך צעבליען. די סאָוועטישע ליטעראַטור איז ניט נאָר געשיכטע, נאָר אויך אַ געווער אין די הענט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אויף צו שאַפן זייער געשיכטע.

די סאָוועטישע ליטעראַטור איז טיף־אָפּטימיסטיש. זי דריקט אויס דעם אָפּטימיזם פון מענטשן, וואָס פילן אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס, וואָס זיינען מוראַדיק פאַרליבט אינעם היינט און פאַרלירן קיינמאָל ניט פון אויג די נאָך

בעסערע צוקונפט; דאָס איז דער אָפּטימיזם פון אַ מעכטיקן אַרבעטס־קאָלעקטיוו, וואָס איז זיכער אין די פּרוכטן פון זיין אַרבעט. ס'איז די זיכערקייט פון מענטשן, וואָס קאָנען מיט רעכט זאָגן וועגן זיך די שטאָלצע ווערטער:

מיר גייען אין דיינע פאָרנטיקע רייען, שפּאַנענדיקע מענטשהייט.
(ד. האָפשטיין)

דער דראַמאַטיזם פון אונדזער צייט און אונדזער דור פאַרנעמט אַ היפּש אָרט אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

ניט קיין פּעך פוןביימער טריפט,
בליט אויף נאָדל בלעטער —

שרייבט א. גאָנטאַר, און דער יונגער פּראָנט־דיכטער י. קערלער שרייט אויס אין זיינעם אַ ליד מיט פאַרביטערונג:

ווי אויף דער תליה קרעכצן שטריק,
סע קרעכצט מיין בלוט אין אָדער . . .

מיט טיפן טרויער איבער דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פונעם יידישן פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דורכגעדרונגען ש. האַלקינס ליד „טיפע גריבער, רויטע ליים". פאַרענדיקט זיך אָבער דאָס דאָזיקע ליד מיט מונטערע ווערטער:

עס וועלן קומען גוטע צייטן,
ס'וועט דאָס מזל אויף זיך בייטן.

אין דוד בערגעלסאָנס „הערשל טאָקער" און מ. דאַניעלס „יוליס", וואו די הויפּט־העלדן קומען טראַגיש אום, רופן זיי צום לעבן און קאַמף.

אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן פון דער מלחמה, אינעם סאַמע טראַגישן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, האָט די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור גערופן ניט צו קריעה־רייסן, ניט צו שבעה־זיצן, נאָר צו דעם, אַז

ס'זאָל דריי מאָל, ווי דער אומגליק,
גרויס זיין די נקמה! (פּ. מאַרקיש)

דאָס צום פּיינט, נקמה אין אים און גרענעצלאָזע ליבע צום היימלאַנד — דאָס האָט באַוועגט דעם סאָוועטישן מענטש אין די טעג פון דער פאַטערלענדישער מלחמה. די דאָזיקע געפילן פון פאָלק האָט אויסגעדריקט די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור און דערמיט נאָך מער מאָביליזירט אים אין קאַמף קעגן דעם בלוט־דורשטיקן פאַשיזם. דאָס פאָלק האָט שטענדיק געגלויבט אינעם אייגענעם קיום, אינעם זיג פון דער גערעכטיקייט. ניט נאָר אין טעג פון גליקלעכן פרידלעכן לעבן, נאָר אויך אין טעג פון די שווערסטע נסיונות האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזט די איבערצייגונג, אַז

ס'איז אַ לעבן דאָ פאַרפלאַנצט. (אי. פעפער)

און קיין שום שוואַרצער קראַפט וועט זיך ניט איינגעבן צו פאַרניכטן די וואָרצלען פונעם דאָזיקן לעבן.

די איינגעוואָרצלטקייט אינעם געזונטן, שעפערישן לעבן מאַכט לייכט דעם סאָוועטישן מענטש אַלע שוועריקייטן:

ליב ווערט מיר די לאַסט פון מיינע זאָרגן —
פון מיינע און פון אַלעמענס צוזאַמען —

שרייבט אין זיין ביראָבידזשאַנער ציקל דער העלדיש־אומגעקומענער יונגער ב. אַליעווסקי.

די מונטערקייט פונעם סאָוועטישן מענטש, זיין העראָאיזם, די איבערגעגעבנ־קייט צום לאַנד און זיינע פירער שילדערט ה. דאָבין אין זיינע דערציילונגען וועגן פּאַרטיזאַנער, י. פאַליקמאַן — אין זיינע מלחמה־דערציילונגען, י. ראַבין, שירקע גאָמאַן, ווי אויך דער עלטערער דור שרייבער — ד. בערגעלסאָן, דער נסתר, נח לוריע, אי. קיפּניס.

אונדזערע קלאַסיקער האָבן פיל געטרוימט וועגן דער פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, נאָר אַרבעט, פיזישע מי איז דאָך דאָס רוב גע־שילדערט געוואָרן, ווי אַ שווערער עול, וואָס טריקנט אויס דעם מאַרך און פאַר־קירצט דאָס לעבן. אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט אויסזען ביי דער שרעקלעכער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וואָס דער יידישער האָרעפּאַשניק האָט אויף זיך איבערגעטראָגן. אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט דער יידישער אַרבעטנדיקער מענטש ענדגילטיק אויסגעגלייכט זיין רוקן און באַוויזן דער וועלט זיין גרויסן, מעכטיקן וואוקס. צום ערשטן מאָל איז ער דאָ באַוויזן געוואָרן אַ גליקלעכער און אַ פאַרליבטער אין זיין אַרבעט, ווייל אַלע פרוכטן אירע געהערן צו אים און צו דעם גאַנצן גרויסן פעלקער־קאָלעקטיוו פונעם ראַטנלאַנד. „מיין לאַנד״, „אונדזערע פאַבריקן״, „מיינע פעלדער״ — אַזעלכע אויסדרוקן טרעפן מיר אין דער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע אויף שריט און טריט, כאָטש קיין איין מענטש אין סאָוועטן־רוסלאַנד פאַרמאָגט ניט קיין אייגענע פאַבריק אָדער אַן אייגענעם גוט. אַלץ איז יעדערנס באַזונדער און אַלעמענס צוזאַמען, און דאָס באַגייסטערט דעם סאָוועטישן מענטש. דאָס האָט ביי אים אויסגעבילדעט די סאָציאַליסטישע באַציאונג צו אַרבעט.

סאַראַ גוואַלדיקע פאַרליבטקייט אין אַרבעט, אין בויאונג עס פילט זיך אין די דערציילונגען פון אַנע סטעלמאַך, אַ פרוי — אַן אינזשענער, וואָס איז ניט לאַנג געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, אין אַרלאַנדס „הרעבליעס״, אין די ביכער וועגן יידן אויף ערד פון עליע גאָרדאָן, נאָטע לוריע, עליע שעכטמאַן. ווי פיין עס פּאָעטיזירט באַפרייטע מענטשלעכע מי דער אומגעקומענער אויף די פראָנטן פון דער פּאַטערלענדישער מלחמה, עליע קאַהאַן, אין זיין „שטאָט אָן קלויסטערס״. דאָס זעלבע איז שייך צו די ביראָבידזשאַנער מאָטיוון פון ד. בער־געלסאָן, א. קושניראָוו, ש. האַלקין, אי. פעפער, ווערגעליס, ווי אויך צו ל. קוויטקאָס קאָלווירטן־מאָטיוון.

דער יונגער ב. אַליעווסקי האָט ווי פאַרסאַכאַקלט דעם אינהאַלט פון דער ביראָבידזשאַן־ליטעראַטור מיט די ווערטער:

> איך בין געקומען אויף בערג און אויף רויערד,
> געזונטער און שענער זאָל ווערן מיין פאָלק!

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ שלל ביכער, פול מיט פרייד פון זאַטער מי אויף אייגענער סאָוועטישער ערד האַנט ביי האַנט מיט די אַנדערע פעלקער פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פאַרהיטנדיק די אייגענע נאַציאָנאַלע פאָרם, האָט די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור ברייט פאַנאַנדערגעעפנט אירע טירן אויך פאַרן ניט־יידישן פער־סאָנאַזש. אַזוי האָט ע. פינינבערג באַזונגען דעם פישער אַלעקסייעוו, וואָס האָט געוויזן די רויטע דעם וועג צו קיעוו, און אי. פעפער האָט געשריבן מיט יוגנטלעכער באַגייסטערונג:

איבער שטעט און דערפער גייען שוואַרצע וואָלקנס,
פאָרן אויף די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

אין ש. גאָדינערס וואַסיוטקע און מ. דאַניעל, פיאָטר לוקאָמסקי . . . דאָס זיינען אַלץ ניט־יידישע פערסאָנאַזשן, וואָס זיינען אַריין אינעם גאָלדענעם פאָנד פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אין תוך אינטערנאַציאָ־נאַליסטיש.

ניט אומזיסט מאַכט דער אומגעקומענער ה. שוועדיק אַזאַ אומדערוואַרטן אויספיר, בעת ער באַשרייבט די אוממענטשלעך־שווערע באַדינגונגען אויפן שלאַכט־פעלד:

ווי ס׳איז וואַרעם אונדז אין פריינטשאַפט
אויף דער קאַלטער, נאַסער ערד.

די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט איר אייגענעם פּנים. ס׳איז אַ נייע ליטעראַטור, אַן אידייענפולע, אַ ציל־געוועגדטע, אַ דערציערישע. זי האָט גע־שאַפן אַ נייע געשטאַלטן־גאַלעריי און אויסגעאַרבעט אירע אייגענע אויסדרוק־מיטלען. זי האָט באַרייכערט די יידישע שפּראַך סיי לעקסיש, סיי פאָנעטיש. זי האָט שטאַרק פאַרברייטערט די קינסטלערישע מעגלעכקייטן פונעם וואָרט־באַנוץ.

די אַלגעמיינע ציל־געוועגדטקייט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור שטערט איר ניט צו זיין זייער פילזייטיק. פּונקט ווי ס׳איז קאָמפּליצירט און פאַרשיידנ־אַרטיק דאָס סאָוועטישע לעבן, פּונקט אַזוי איז קאָמפּליצירט און פאַרשיידנאַרטיק די סאָוועטישע ליטעראַטור. ס׳איז אַ גרויסער אָרקעסטער, וואו ס׳גיסן זיך האַר־מאָניש צונויף דער מעכטיקער קאָנטראַבאַס, די שטילע פליים און די זיסע פידל.

ווי טיף עס שיידן זיך אונטער צווישן זיך דוד בערגעלסאָן מיט זיין ראַפינירטן פּסיכאָלאָגישן געמיט און פינקטלעכער כאַראַקטעריסטיק מיט זיין דינער, קינסט־לעריש־אויסגעשפּילטער דעטאַל און דער נסתר מיט זיין פאַרטיפטקייט פון אַ תלמיד־חכם און מיט זיין געשלענגלטן שפּראַך־סטיל, וואָס זעצט פאָר אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן די טראַדיציע פון דער אַלטער יידישער פאָלקס־מעשה; אָדער ש. גאָדינער מיטן שווערן טראָט און האַרבן וואָרט פון אַ מענטש, וואָס זיין גאַנץ שאַפן איז אויסגעפּאַלן געגנוי צווישן צוויי מלחמות, און דער טרוימערישער מ. דאַניעל מיט זיין ליריש־ראָמאַנטישן נוסח. און אין פּאָעזיע — דער שטרענג־געצאַמטער אין געפיל, פּערז און וואָרט, א. קושניראָוו, און דער פּאַטעטיש־אומ־געצאַמטער פּרץ מאַרקיש מיט זיין שאַרפער אַסאָציאַטיווער בילדערישקייט; כ. מאַלטינסקי מיט זיין איראָנישן שמייכל איבער די אייגענע ליידן און דער דראַ־מאַטיש־אָנגעלאָדענער, בייז־מאָנענדיקער ש. רויטמאַן; דער שטילער האַרציקער ליריקער ש. ראָסין און דער שטורמיש־פאַרליבטער אין לעבן ל. קוויטקאָ, וואָס

אין זיין פריידיקן געמיט געפינט זיך געניג אָרט פאַר דער אַנטציקונג מיטן וואַקסנדיקן יאַדליקל, מיטן וואַקסנדיקן קינד און מיטן וואוקס פון זיין לאַנד אינגאַנצן גענומען.

אַן אייגנאַרטיקע גאַמע טראָגן אַריין אין דער יידישער סאָוועטישער ליטע־ראַטור די שרייבער פון מערב־אוקראַינע, מערב־ווייסרוסלאַנד און ביי־באַלטיק — ב. העלער, מ. בראָדערזאָן, י. עמיאָט, י. שטערנבערג, מ. אַלטמאַן, ה. ריווקין, ה. אָשעראָוויטש. זייער אַלעמענס שטימונג האָט אויסגעדריקט בינעם העלער מיט די ווערטער:

ניִשט אויף דערוויל בין איך אַהער געקומען,
און ניִשט אַ גאַסט בלויז בין איך אין דעם לאַנד דאָ . . .
ניין, פאַר אַ היים האָב איך דאָס לאַנד גענומען
און פאַר אַ סוף צום טרויעריקן וואַנדער.

יאָ, די גרופּע שרייבער פון די מערב־געביטן האָט זיך אָרגאַניש איינ־געגלידערט אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור־משפּחה.

די רייען פון די יידישע סאָוועטישע שרייבער זיינען פאַר דער צייט פון דער מלחמה באַדייטנדיק שיטערער געוואָרן. וועגן דעם זאָגן עדות די שוואַרצע רעמלעך, וואָס באַזוימען אַזויפיל ליבע נעמען. און דאָך איז די סאָוועטישע ליטע־ראַטור פאַר דער צייט פון דער מלחמה באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן. עס זיינען צוגעקומען נייע יונגע שרייבער און אייניקע פון די, וואָס האָבן אויך פריער גע־שריבן, זיינען פאַר די לעצטע יאָרן געוואָרן פיל רייפער. זייער אַן אינטערעסאַנטע גרופּע שטעלן מיט זיך פאַר די שרייבער־פראָנטלער — קערלער, גרוביאַן, ווער־געליס, מאַלטינסקי, טעלעסין, באָרוכאָוויטש, טייף. באַרייכערטע מיט דער מלחמה־דערפאַרונג, האָט זיך זייער שאַפן גאָר אויף אַ נייעם אופן צעבליט, ניט רעדנדיק שוין וועגן אַזעלכע וואָרט־מייסטערס, ווי עזרא פינינבערג און א. קושניראָוו.

צום דרייסיקסטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, צום גרויסן יום־טוב פונעם סאָוועטן־לאַנד און פון אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער אין דער וועלט, איז די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור געקומען מיט גרויסע דער־גרייכונגען. קיין שום שטרויכלונגען אויף איר וועג וועלן ניט אָפּשטעלן איר וואוקס. זי וועט אויך ווייטער בליען און וואַקסן, פונקט ווי ס׳וועט געוויס בליען און וואַקסן אונדזער פאָלק, דאָס פיל־געפּרואווטע אין ליידן און אין קאַמף.

מאָסקווע, 1948.

אשר שוואַרצמאַן

אין אויפשטאַנד

אין קאַלטער ווינטער־נאַכט, ביי שיין פון בליצנדיקע שטערן,
אויף ווייטע געגנטן צעפלאַקערן זיך שריפות.
אין וועלדלעך טונקעלע,
אין האַלבע שוצגראַבנס,
ביי טונקלער זייט פון ברענענדיקע דערפער
זיך שלענגלען שורות מורדים
מיט ביקס אין האַנט, מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן.

פון הייזער אָרעמע, פון שטיקנדע וואַרשטאַטן,
פון לאַנגע וואָגל־נעכט, פון הונגעריקע טעג
געקומען זיינט איר, ברידער מיינע פילע,
צו וויזן
דעם פרייז פון שטילער מי,
דעם ווי פון אייער לייב,
דעם אויסגעשריי פון דורות און פון צייטן.

איך הער: ס׳ברומט אויף דער קייטן־קלאַנג פון דורות קנעכט.
מיט אָרעמען געביין צעשאָטענע אויף לעבנס־מידע וועגן,
ס׳זידט אויף דאָס בלוט פון מענגעס מיינע ברידער,
מיט האַנט צו האַנט און קאָפּ צו קאָפּ געשאָכטענע
אויף שלאַכטפעלדער פון קיילעכדיקער ערד.

איך וויס: ס׳וועט צאַרטעס מענטשן־לייב נאָך ציטערן
אין אַ געמיש פון קויט און בלוט,
און ניט קיין יום־טוב האָט באַלייכט
אינמיטן נאַכט די האָריזאָנטן,
נאָר עמעץ וויל דעם פּין, און עמעץ וויל דאָס בלוט.

מיין בליק ווערט קאַלט, ווי גרויער טאָג פון עסקימאָסן
אין שנייאיק־ווילדן לאַנד . . .
מיט ביקס אין האַנט,
מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן
פּאַרטאַיע איך זיך איצט
און לאָקער נאָך דעם שונא.

1918

מיין ברודערס ליפּן בלוילעך־געל...

מיין ברודערס ליפּן בלוילעך־געל
און ציטערן . . . דעם לעצטן ציטער.
ווער עמעץ קושן זיי, אַחוץ זיין מוטער?

מיין ברודערס האַנט פאַרגליווערט ווערט
און וויל די ערד אומאַרמען.
ווער אפשר עמעצער זי אויף זיין ברוסט דערוואַרמען?...

מיין ברודערס פּוס איז אָפּגעדעקט,
פאַרבלוטיקט און אין קויט,
און שטיל קוקט איר זיך איבער: טויט?...

אָ, ניין!
פון אַלץ, וואָס אייך באַטריבט,
ז'מיין ברודער ריין!

אַ זון־באַשיינטער ריז האָט ער זיך אויפגעשטעלט
מיט אויסגעשפּרייטער האַנט אויף גאַרער וועלט . . .
אַ גרויס בלוי־שוויגן איז אַצינד זיין היכל,
און ס'איז זיין זונענבליק פאַר אַלעס מוחל, מוחל . . .

דער שונא ביי די טויערן!

די שוואַרצע מוטער־נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער שונא ביי די טויערן!

פון טיף פון האַרץ
זיך רייסט אַ ווילד־געשריי:
— דער שונא ביי די טויערן!

אויפגיך צום פערד,
די האַנט שטאַל אָן,
ס'איז איצט דער שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן —
— דער שונא ביי די טויערן!

1919

דוד בערגעלסאָן

הערשל טאָקער

1

פון באַראַק נומער 12, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון אַ דאָרף אויף יענער זייט סאָוועטישער גרענעץ, האָט געשמעקט מיט יאָדאָפאָרם, מיט דזשעגעכץ און מיט דעם באַזונדערן ריח, וואָס שמעקט שטענדיק אַרום קראַנקע אויף פלעק־טיפוס. נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז די אַלע ריחות פילן זיך נישט נאָר פון דעם באַראַק אַליין: מיט יאָדאָפאָרם, מיט דזשעגעכץ און מיט פלעק־טיפוס שמעקט דער טיף־דורכגעפולטער אַסיען, וואָס האָט קיין סוף נישט; מיט זיי שמעקט דער שטאַרק־בידעריקער, קויטיקער הימל, וואָס זיפּט טאָג און נאַכט זיין פליסיקייט, ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ, און אויך די כמורנע טעג שמעקן אַזוי, די טעג פון אַסיען טויזנט ניין הונדערט איין און צוואַנציק.

רעכטס פונעם באַראַק, מיט דעם בלאָטיקן וועג צום שטרויענעם דערפל — אַ דערפל, וואָס פוילט אונטער דעם דריבנעם, קלעפּיקן רעגן — זיינען געגאַנגען צוויי סאָלדאַטן מיט גיכע טריט פון מענטשן, וואָס האָבן עפּעס אין דאָרף צו זאָגן. זיי האָבן געפירט אַ נאַסן קודלאַטן הונט אויף אַ קייטל.

אין דאָרף, אין איינער אַ כאַטע, איז געזעסן די גרענעץ־וואַכטע און האָט טאָג ווי נאַכט געגאַסן אַרום זיך קאַרבאַל, געגאַסן מיט גרויס מורא אַנצושטעקן זיך מיט דער טיפוס־קרענק, וואָס פרעסט מענטשן אין באַראַק. געגאַסן נאָך מיט גרעסערער מורא צוצולאָזן צו זיך עפּעס אַ פאַרהוילענע געפאַר פון קעגנאיבער דער דרייסטער גרענעץ, פון דאָרט, פון וואַנען עס פילט זיך אַהער אַ שטענדיקער שטאָלצער שפּאָט, נאָר אַז מע קוקט זיך איין דורך ביגאָקלען, זעט מען גאָרנישט, אויסער נאַסע שטרעקעס, און אויסער דעם, וואָס אויך דאָרטן איז אַסיען — אויך דאָרט גיסט און גיסט דער רעגן.

צווישן די דריי אויסגעפוצטע אָפיצערן, וואָס שפּילן אָן אויפהער אין קאָרטן און האָבן צו שאַפן אין דאָרף איבער אַ פּאָר צענדליק סאָלדאַטן, האָט דעם אומ־זיכטבאַרן אויבנאָן פאַרנומען דער סאַמע ייִנגסטער און מער פּריצישער — אַ ווייבעריש־געפּודערטער לייטענאַנט. ער האָט גערעדט זייער אָפט מיט די נאָז־לעכער און מיט די ליפּן, ווי גלייך זיי בייסן אים, נאָר ער וויל נישט קראַצן; ער האָט גערעדט מיט זיי ניט אַזוי צוליב זיין קרומען מויל, ווי צוליב די נאָך מער קרומע און טונקעלע וואָנצעס.

פון אים האָט געשטאַמט דער איינפאַל, אַז אַלע אָרטיקע בירגער, וואָס קומען אַהער צופוס, ווי עוואַקואירטע פון יענער זייט גרענעץ, זאָל מען, ביז זייער זאַך וועט קלאָר ווערן, נישט אָפּשיקן ווייטער אין לאַנד, נאָר מע זאָל זיי פאַרהאַלטן דאָ ביי דער גרענעץ אין באַראַק פאַר טיפוס־קראַנקע. זיין בריוו, אין וועלכן ער

האָט וועגן דעם ראַפּאָרטירט צו זיין „נאַטשאַלסטווע“, האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„אום צו פאַרשפּאָרן אומזיסטע ענערגיע . . . לייג איך פאָר“ . . . און אַזוי ווייטער.

פאַר אָט דעם איינפאַל „צו פאַרשפּאָרן אומזיסטע ענערגיע“ האָט ער באַקומען פון זיין „נאַטשאַלסטווע“ אַ דאַנק, אַ וואונק, אַז ער גייט אויפן ריכטיקן וועג און וועט געשטעלט ווערן צום צעטל אויף צו באַקומען אַ העכערן ראַנג. ער האָט גלייכצייטיק דערפילט אי אַז ער איז זייער אַ וויכטיקער און וואָגיקער מענטש, אי אַז פאַר זיין קומענדיקער גרויסער קאַריערע איז בעסער, ער זאָל זיין וואָגיקע וויכטיקייט טראָגן אין זיך און זאָל זיין גליק פאַר קיינעם ניט אַרויסווייזן.

דער עיקר איז געווען צו בלייבן אויסערלעך קאַלט. וועגן זיין געלונגענעם איינפאַל האָט ער דעריבער געשוויגן, ווי גלייך ער געהערט ניט צו אים אַליין, נאָר צו זיין גאַנצן פּיינעם שטאַם, און אויב, שפּילנדיק אין קאָרטן, האָבן זיינע פריינט פאַרפירט וועגן דעם אַ שמועס, האָט ער תמיד וועגן דעם געענטפערט ניט מיט ווערטער, נאָר מיט אַ שיינעם זשעסט ביים געבן די קאָרט, — אַ זשעסט, וואָס לויבט ניט אים אַליין, נאָר זיין גאַנצן אָפיצערישן שטאַם. איין זשעסט האָט ביים געבן די קאָרט געהאַט צו זאָגן:

— מיר זיינען איוראָפּייער . . .

אַ צווייטער זשעסט:

— דער עיקר איז טאַקט . . . טאַקט . . .

אַ דריטער:

— מיר לערנען ביי די פראַנצויזן, ביים אַלטן רוים.

אַ פערטער זשעסט — מיט אַ בליק צום פענצטער:

— און דאָרט — זיי, פון יענער זייט גרענעץ — ביי וועמען לערנען זיי?

דערביי האָבן ביי אים פון אויפרעגונג נאָך אָפטער ווי תמיד זיך געדרייט די נאָזלעכער מיטן קרומען מויל.

איצט זיינען די צוויי סאָלדאַטן, וואָס פירן דעם קודלאַטן הונט אויפן קייטל, געקומען אָנזאָגן, אַז פאַרטאָג האָט מען מיט דער הילף פונעם הונט געכאַפּט אויף דער גרענעץ „צוויי“ — די ערשטע „צוויי“, וואָס דאַרפן לויט דער נייער פאַר־אָרדענונג פאַרהאַלטן ווערן אין באַראַק פאַר פלעק־טיפוס קראַנקע.

דעם הונט האָבן דאָ אַלע דריי לייטענאַנטן געגלעט, נאָס מאַכנדיק די הענט אין דער טיף פון זיין נאַסער האָריקער פעל. ווי פון זיך האָבן אַלע דערפילט, וועמען עס קומט דער ערשטער כיבוד אויסצופרעגן די נייע „צוויי“ און זיי באַזעצן אין באַראַק. דער יונגער לייטענאַנט האָט זיך דערפילט זייער יום־טובדיק. צוליב דער וויכטיקייט פון דער נייער אַרבעט, וואָס שטייט אים פאָר, איז ער אַוועק אין צווייטן קליינעם צימער זיך אויספּוצן. דערצו נאָך איז פונקט צו יענער צייט פון באַראַק פריילעך, ווי אַן אייגענער מענטש, אָנגעקומען דער דאָקטער, און בעת מע האָט דאָ פריינטלעך פון ביידע זייטן געבלאָזן אויף אים מיט קאַרבאָל, האָט

ער דערוויַיל מיט שטאַרק־פּאַרמאַכטע אויגן דערציילט, אַז ער האָט די „נייע צוויי" געזען אין דרויסן לעבן באַראַק, אַז איינער פון זיי איז אַ יונגערמאַן, אויף וועמען „אַלץ" איז קענטיק — אַ ייד, פאַרשטייט מען, און אַז די צווייטע — אַ יונג מיידל, אויך אַ יידישע.

— טאַ־טאַ . . . טאַ־טאַ . . . זי מאַכט זיך גלייך, ווי דעם יונגנמאַן קען זי ניט. נאָר אַליין איז זי . . . ווי ?

אַנשטאָט אַ וואונק צו געבן, האָט דער דאָקטער פאַרמאַכט די אויגן, אַ קנאַק געגעבן מיט צוויי הויך־אויפגעהויבענע פינגער, אַ קוש געגעבן זיי און האָט אַריינגעשריגן אין צווייטן קלענערן צימערל :

— יאַ, פאַן . . . עס לוינט . . . אַנטאָן זיך וואָס שענער !

און מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער שוין געשפּילט מיט די איבעריקע צוויי ביים טישל. אַריינקוקנדיק אין זיינע קאָרטן, האָט ער אַ ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אויפן יונגן מיט די קרומע וואָנצעס, וואָס קומט אַרויס אַ פריש־ראַזירטער און פריש־אויסגעפּוצטער.

— גוט... — האָט ער אַ פּאָנפע געטאָן צו זיך אין דער נאָז. און שווער איז געווען צו וויסן, אויף וואָס דער „גוט" גייט : אויף דעם אַרעסטירטן מיידל, וואָס ער האָט געזען זיצן לעבן באַראַק, אויף דער אויסגעפּוצטקייט פון דעם לייטענאַנט, וואָס מיט די קרומע וואָנצעלעך, אָדער אויף דער ערשטער האַנט קאָרטן, וואָס אים איז אויסגעפאַלן.

— גוט !... — האָט ער, אַריינקוקנדיק צו זיך אין די קאָרטן, איבערגעחזרט.

— אויסגעצייכנט !

2

אין דרויסן האָבן געשוויצט שטייענדיקע טונקל־ברוינע וואָלקנס. עס האָט געמראַקעט דין און פויל, ווי אויף קיינמאָל ניט אויפצוהערן. עס האָט וועָן־ניט־ווען אַ טשוויצער געטאָן אַ פייגעלע ערגעצוואו צווישן פאַרדאַרטע שטעכלקעס און דערנער, וואָס ביי די זייטיקע וועג־גראָבנס — אַ טשוויצער געגעבן בייז, אַן ווילן, ווי פאַרקאַטערט.

אַנטקעגן דעם לייטענאַנט, וואָס שפּאַנט מיט רעסאָרנדיקע אָפיצערישע טריטעלעך, איז מיטן וועג צום דאָרף אָן אָטעם געלאָפן אַ סאָלדאַט. און אין זיין לויפן האָט זיך געפילט די שלעכטע בשורה, וואָס ער האָט אָנצוזאָגן, — אַ שלעכטע בשורה וועגן זיך און יענע אַלע סאָלדאַטן, וואָס היטן אין דער בייטאַגיקער וואַכטע דעם באַראַק. נאָענט לעבן אָפיצער האָט ער מיט אַ לעצטן שפּרונג זיך אַוועק־געשטעלט אין פראָנט, באַקומען אויסגעגלאָצטע גלעזערנע אויגן, זיך צוגעבויגן, ווי אויף צוצופאַלן אַ פאַרגליווערטער צום אָפיצערס קרומע וואָנצעלעך און האָט אויסגעפּלאַצט מיט זיין לעצטן אָטעם :

— די מויד איז אַנטלאָפן !...

פון זיין נאָענטן אָטעם האָט אַ בלאָז געגעבן מיט נעכטן־געגעסענע ציבעלעס און קנאָבל און מיט אַלערליי ריחות, וואָס פילן אָן ענגע פויערשע כאַטעס.

ביים אָפּיצער האָבן נערוועז אַ ציטער געטאָן די נאָזלעכער. זיינע קרומע וואָנצעלעך האָבן זיך אַ בייזן דריי געגעבן אויף איבערצוקרימען דעם סאָלדאַטס ווערטער:

— קקקע!... וואָס הייסט עס . . . „אַנטטט—לאָפן”?

דער אויסגעצויגענער סאָלדאַט האָט אַלץ סאַלוטירט אַ פאַרשטאַרטער מיט הויך־אויפגעהויבענע אַקסלען. זיינע גלעזערנע אויגן מיטן אָפענעם מויל זיינען געווען אויסגעליידיקט, ווי ער אַליין — ער האָט מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. דער אָפיצער האָט פאַרקלעמט די ציין און האָט פון כעס אויסגעציילט אַלע זילבן, וואָס אין די ווערטער:

— און דער צווי—טער?!

דער סאָלדאַט האָט זיך אויפגעטרייסלט, ווי גלייך די מעשה מיט דער אַנט־לאָפענער מויד איז אים שוין פאַרגעבן. ער איז ווי געווען צופרידן, וואָס ער קאָן צוגעבן:

— דאָרט . . . ער זיצט . . .

און ער האָט אַן אויפגעהויבענעם אַרבל, וואָס זעט אויס ליידיק, ווי אַן אַ האַנט, אָנגעוויזן צום באַראַק־צו.

דער לייטענאַנט האָט אָנגעטראָטן אויפן סאָלדאַט, ווי אויף אים דורס צו זיין, נאָר, אַריינקוקנדיק גאָר נאָענט אין זיין פאַרוואָרפענער גלעזערנער צורה, ווי באַ־שלאָסן, אַז זי איז ניט ווערט דעם פאַטש פון זיין האַנט, און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— מאַרש!!! צוריק!!!

און ער איז מיט זיין רעסאָרנדיק געגנגעלע אַוועק גלייך נאָך אים מיטן וועג צום באַראַק.

לעבן באַראַק, אויף אַ הויפן אָנגעוואָלגערטע שטאַרק־אָנגענעצטע שפּענער, איז ווירקלעך געזעסן בלויז איינער — אַ יונגער יידישער בחור מיט גרויסע אויערן אין ביידע זייטן פון זיין נידעריק־געשוירענעם קאָפּ און מיט אַ לענגלעך־אָפּגעבריענט פּנים פון אַ „נאָוואָבראַנעץ”. זיינע אויגן האָבן געקוקט צו דעם אָפּ־געריסענעם שטיק הויט, צו דער פרישער וואונד, וואָס אויף זיין האַנט, — אַ וואונד, וואָס ער האָט געקאָנט באַקומען בעת מע האָט אים געשלאָגן אָדער אומ־געוואָרפן. זיינע אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן פּאַמעלעך, זיי האָבן אַ קוק געגעבן צום שטיין־געבליבענעם אָפיצער — גרויסע, טונקל־גרויע אויגן, זיי זיינען פול מיט ווייטקייטן, מיט ניט קיין היגער פאַרטראַכטקייט און זיינען דאָך פון עפּעס גליקלעך־צופרידן, — אפשר פון דעם, וואָס דאָס מיידל איז גוט אַנטלאָפן — אויף שטענדיק.

ביי דער זייט זיינען געשטאַנען סאָלדאַטן מבֿינים און געזאָגט, אַז אויב מע געפינט זי ניט באַלד, אין די ערשטע פּאָר שעה, איז אַן עק: פאַרפאַלן.

פון אונטער דעם יונגנמאַנס אָפּגעריסענעם מאַנטל האָט זיך אַרויסגעזען אַ שוואַרץ הערצל פון אַ העמדל און אַ קאָלנער פון דעם זעלבן שטאָף; דער קאָלנער איז זייער אַ גראַמער, ווי אַ פרעמדער — ער קנייטשט זיך אַרום זיין האַלדז.

— ממממ!...

דעם אַפּיצערס קרומלעך מויל האָט זיך אַ דריי געגעבן אין אַ זייט צוזאַמען מיט די וואָנצעס און מיט דער נאָז, זיך אַ דריי געגעבן, ווי ביי אַ מפונק.

זיין אַנטוישטער בליק האָט אַ ווילע באַטראַכט דעם אָרעם־געקליידעטן יונגגנמאַן:

— פכע!... אַ טרעפל . . . אַ לאַנג־געחלומט טרעפל, וואָס דאַרף דערנעענטערן צו דער געוואונטשענער קאַריערע, צום העכערן ראַנג...

— איז, הייסט עס, סך־הכל . . . אָט דאָס איז עס?

דער אָפּיצער האָט, באַטראַכטנדיק דעם זיצנדיקן יונגגנמאַן, אַ זאָג געגעבן שטיל, ווי פאַר זיך:

— כאָטש געווען באַדאַרפט זיך איבערטאָן . . . ווי?... כאָטש געווען באַדאַרפט זיך אויספּוצן, איידער מע קומט אין אַן אייראָפּאַישן לאַנד...

און ער האָט אַ וואונק געטאָן צו די סאָלדאַטן, זיי זאָלן פירן דעם יונגגנמאַן אין דער נאָענטער קליינער בודע.

אין דער בודע איז נישטאָ אויף וואָס צו קוקן. אַלץ איז דאָרט פּייכט, ווי אין אַ דורכגענעצט הילצערןביידל.

ביים פּייכטן טישל זיצט דער לייטענאַנט פאַנאַנדערגעשפּרייט מיט זיינע פּאַפּירן און שטרייכט אונטער זיין געהויבנקייט מיט יעדן האַלב־לצנותדיקן „איך", וואָס ער לאָזט אַרויס פון מויל.

— ווי רופט מען אייך?

— הערש.

דער אָפּיצער דערפילט פּלוצים, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו כאַפּן — ער האָט צייט...

— ממ!... הערש?... הערש, מענדל, מאַשקע — אַלע אַזעלכע טשיקאַווע נעמען...

ער האָט אַ קוק געגעבן צום יונגגנמאַנס גרויסע, טונקל־גרויע אויגן און האָט צו זיין באַוואונדערונג דערזען, אַז זיי זיינען, ווי פריער, ווייט פון אים — אַ גאַנצער מהלך. זיי זיינען פול מיט ווייטער, ניט קיין היגער פאַרטראַכטקייט און זיינען דאָך מיט עפּעס גליקלעך־צופרידן — אָפּנים, ווירקלעך דערפון, וואָס דאָס מיידל איז גוט אַנטלאָפן...

— אייער פאַמיליע? — האָט ער בייז געפרעגט.

— טאָקער.

— אייער געבורטס־אָרט?

— נאַריוקע.

— וועלכע נאַריוקע?

ער האָט פון זיין פּאַרטפעל אַרויסגענומען אַ העפט און האָט געשאַרט אין דעם מיט אַ פינגער, ווי מע שאַרט אויף צו געפינען אַ וואָרט לויט דעם אלף־בית. ער האָט געפונען דאָס וואָרט, באַקומען אַן אויסדרוק פון אַ מענטשן, וואָס פילט זיך אַ שמייכל טאָן:

— נו, יאָ... פאַרשטייט מען... נאַריוזקע — אַ שטעטעלע, וואָס האָט אין די צייטן פון קריג אָפּגעברענט, און צוזאַמען מיטן שטעטעלע זייַנען פאַרברענט אַלע באַוויזן, ווער איז אַן אָרטיקער איינוואוינער און ווער ניט... איז אַלע, הייסט עס, זייט איר פון דאָרט — פון נאַריוזקע... איר זייט גאָר די נשמה שולדיק... איר קערט זיך אום פשוט אַהיים... נו, און די יונגע אַנטלאָפענע פרוי אָדער מיידל, זי איז, נאַטירלעך, אויך געווען פון דאָרטן, פון נאַריוזקע, הייסט עס ?...

דעם יונגנמאַנס אויגן האָבן אים אַ רגע באַוויזן זייער טיפע, ניט־היגע פאַרטראַכטקייט און האָבן גענומען קוקן ערגעץ־וואוהין צו אַ דורכגענעצט ווינקל פון באַלקאָן. ער האָט שוין פריער געענטפערט :

— איך ווייס ניט.

— מע האָט דאָך אייך צוזאַמען געכאַפּט !...

— איך קען זי ניט.

— ווי ?...

דעם יונגנמאַנס מויל איז געבליבן אָפן, און עפּעס אַזוי אָפן, ווי גלייך קיינער איז אַרום אים דאָ אין דער בודע נישטאָ. דער אָפיצער האָט דערפילט : דעם יונג איז לאַנגווייליק.

שטיל.

— אומזיסט . . . אומזיסט, — האָט אָפּגעזיפצט דער אָפיצער.

איינקוקנדיק זיך מיט פאַרשמעלערטע אויגן, האָט ער צוגערופן דעם יונגנמאַן נעענטער צום טיש, ער זאָל זיך אונטערשרייבן.

— ווילט איר, הייסט עס, מיט אונדז פירן אַ שפּיל ?

ער האָט דערזען יענעמס אַנגעבויגענעם האַלדז־און־נאַקן — אַ בידעריק־אָפּגעשוירענער נאַקן — אַ נאַקן פון אַ מענטשן, וואָס לאָזט זיך אין אַ וויטן וועג אין די צייטן פון עפּידעמיעס... און אָט... אָט דער האַלדז־און־נאַקן — אין אים איז געווען קענטיק די גאַנצע שולד...

דער אָפיצער האָט מיטאַמאָל חרטה געקראָגן, וואָס אַלץ ענדיקט זיך אַזוי גיך.

— ווילט איר אפשר, — האָט ער געזאָגט, — ווילט איר, איך זאָל אייך דער־מאָנען, ווי אַזוי עס איז געווען ? די דאָקומענטן האָט געפירט ביי זיך די יונגע פרוי, וואָס איז אַנטלאָפן, אָט ווי אַזוי דאָס איז געווען — ווייל אַ פרוי איז שווערער צו באַזוכן, ניט אַזוי ?

ער האָט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען הין און צוריק איבער דער בודע.

—ביידע האָט איר זיך אומגעקערט אין אייער אַלטער היים, כדי צו פאַר־שפּרייטן באָלשעוויזם. — זאָגט דעם אמת, זייט זיך מודה. דאָרט איז שלעכט, נישטאָ פון וואָס צו לעבן. איר קאָנט דאָך זאָגן, אַז טאָן עפּעס שלעכטס דאָ ביי אונדז האָט איר גאָר ניט געוואָלט טאָן. איר האָט נאָר געוואָלט אַריבערכאַפּן זיך מיט אייער כלה איבער דער גרענעץ, האָט איר געוואָלט, און דאָ מיט איר חתונה האָבן... אַוועקפאָרן מיט איר פונדאַנען ווייטער — קיין אוראַגוואַי, צום ביישפּיל, קיין פּאַלעסטינע . . . ווי ?

— איך קען זי ניט, — האָט געזאָגט דער יונגערמאַן.

אין זיינע אויגן איז מיטאָמאָל פאַרשוואונדן דער גליקלעך־צופרידענער אָפּ־גלאַנץ; געבליבן איז אין זיי ניט מער, ווי די ווייטע, ניט־היגע פאַרטראַכטקייט — אַ שיפע, אויף אייביק פאַרעקשנטע.

דער אָפיצער האָט זיך אַרויסגעבויגן דורך דער טיר און האָט אַריינגערופן די צוויי וואַרטנדיקע סאָלדאַטן.

— יאָ, — האָט ער, רייבנדיק די וואָנצעס, גענומען אַראָפּקוקן צום יונגנ־מאַנס האַנט, וואָס מיט דער רויטער פרישער וואונד, — געסט זייט איר ביי אונדז אומגעריכטע . . . קיין פּלאַץ האָבן מיר דאָ פאַר אייך ניט צוגעגרייט, ביז מיר וועלן דערגיין, צי איר זייט ווירקלעך פון באַריוזקע צי ניין, וועט איר מוזן איבער־זיין עטלעכע טעג דאָ ביי אונדז אין באַראַק . . . אין באַראַק זיינען אַפילו פאַראַן קראַנקע . . . קראַנקע אויף פלעק־טיפוס . . . אָבער איר מוזט אונדז מוחל זיין. אַ ביסל זייט איר אַליין שולדיק . . . איר האָט אונדז פריער ניט אָנגעזאָגט, אַז איר קומט, — קיין בעסערן פּלאַץ האָבן מיר ניט באַוויזן צוצוגרייטן...

אין דרויסן איז ער נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען — געשטאַנען מיט פאַרקרימטע וואָנצעס, מיטן פאַרטפּעל אונטערן אָרעם און געקוקט:

מע פירט דעם יונגנמאַן צום באַראַק. אין דער באַגלייטונג פון די צוויי סאָלדאַטן גייט ער זייער פּאַמעלעך, מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ און מיט קורצע טריט, ווי אַ געפּענטעטער. בלויז האָרט ביים אַריינגאַנג אין באַראַק שטעלט ער זיך אָפּ, ער דרייט זיך אויס פּאַמעלעך אויף צוריק, און די טיפע, ניט־היגע פאַר־טראַכטקייט, וואָס אין זיינע גרויסע, טונקל־גרויע אויגן, קוקט אין יענער זייט, וואו עס ליגט דאָס לאַנד, פונוואַנען ער איז געקומען, אין יענער זייט, פונוואַנען מע זעט איצט גאַרנישט, אויסער נאַסע שטרעקעס און אויסער דעם, וואָס אויך דאָרט איז אָסיען.

עס איז געווען פאַרנאַכט.

דער רעגן האָט אויפגעהערט.

ווייט איבערן פעלד, אינעם שטרויענעם דערפל, וואָס קעגנאיבער נאָסע, פאַר־וועלקטע גראָזן, האָט שטיל און ניט זיכער אָנגעהויבן קלינגען אין קלויסטער. די כוואַליעס פון די ערשטע איינזאַמע קלאַנגען האָבן דערגרייכט, ווי אַ גרויל, צו די לייבער פון אַ גרופּע פּויערים און פּויערטעס, וואָס וואַרטן שוין לאַנג ביים באַראַק, מע זאָל פון דאָרט אַרויסטראָגן דעם קערפּער פון זייערן אַן אייגענעם — אַ געשטאָרבענעם פון פלעק־טיפוס. פאַרוואָרפן איבער די שטאַרק־געבויגענע קעפּ, אין אַ טונקעלער, שלעכט־געפאַרבטער טרונע, האָט מען ענדלעך פון דער ברייט־געעפנטער באַראַק־טיר דעם טויטן קערפּער אַרויסגעטראָגן. דער יונגער־מאַן איז פּאַמעלעך אין דער זעלבער ברייט־געעפנטער טיר אַריינגעטראָטן. ער איז געווען העכער פון דער קליינער באַראַק־טיר, ער האָט געמוזט אַביסל אָנבויגן זיין קאָפּ.

אין דאָרף האָט דער קלויסטער אָנגעהויבן קלינגען מער זיכער, ווי אויף אַ געשעענער פאַרפאַלענער זאַך. די פּויערים און פּויערטעס האָבן אַלע מיטאָמאָל זיך אָנגעהויבן צלמען.

3

לאַנגע צווי רייען אייזערנע באַלייגטע בעטן — פון זיי שטינקט מיט קאַמפער, מיט גוטאַפּערטשע און מיט ברוד פון קראַנקע מענטשן־לייבער.

מיט הייסן וואַסער ווערט געשייערט דער לאַנגער דורכגאַנג, וואָס אינמיטן באַראַק. פון די צופיל־אָנגענעצטע פּאָדלאָגע־ברעטער גייט אויף אַ פייכטער וואַרעמער געשטאַנק.

ווייט־פאַרקאַשערטע מוסקולדיקע הענט נעצן אָן און דרייען אויס די שייערנ־דיקע שמאַטע, און אויך דער רוסישער יונג, דער איינציקער באַראַק־דינער, צו וועמען אַט די הענט געהערן, געדענקט זיך — אַ העל־בלאָנדער יונג מיט אַ געגאָלט פּנים, מיט אַ נאַקעט־געגאָלטן קאָפּ און מיט העלע, ווי באַקעט־געגאָלטע, היפּשע אויגן; די אויגן האָבן, אַחוץ שייערן די פּאָדלאָגע, ווי נאָך עפּעס אין זיך. אָנגעבויגענערהייט, איינגעצנדיק און אויסדרייענדיק די שמאַטע, כאַפּט דער באַ־ראַק־דינער אַלעמאָל בליקן צום יונגנמאַן, וואָס האָט זיך אָנגערופן הערש טאָקער און זיצט גאַנצע טעג איינזאַם אויף זיין בעט — דעם באַראַק־דינערס בליקן זיינען מאָדנע ערנסטע, ריינע, און דענסטמאָל דאַכט זיך, אַז ער אַליין איז אויך פיל ערנסטער און ריינער, איידער די אַרבעט, וואָס ער טוט.

קריגעריי אין וויטן באַראַק־ווינקל — אַ קריגעניש מיט אַ פריש־געפאַנגענעם באַיאָרטן יידן, וואָס וויל פאַרנעמען דאָס עקסטע אָפּגעזונדערטע בעט.

צום באַיאָרטן יידן שרייט מען:

— מע זאָגט דיר: „באַזעצט”, ניט דיין עסק, זאָגט מען דיר. מע זאָגט דיר: „באַזעצט” — און קריך ניט מער...

די געפאַקטע באַבעריק־ווייסע שוועסטער מיטן רויטן צלם אויפן שטערן — זי הויבט אָן צו מעסטן די היץ פון יענעם זעלבן ווינקל, וואו מע האָט זיך פריער אַביסל געקריגט. איר „קאַזיאָנע” מיילעכל בלייבט פאַרשנורעוועט, ווי דער גאַנצער וועלט אויף צו־להכעיס, געשלאָסן, און נאָר איר פאַררײסן נעזל טענהט צום באַיאָרטן יידן, אַז עס איז אַלצאיינס, — אַזוי האָט באַפוילן דער דאָקטער:

— ביי אַלע, וואָס קומען אַריין אין באַראַק, מוז צווי מאָל אַ טאָג געמאָסטן ווערן די היץ.

דער באַיאָרטער ייד בעטלט צו איר חלומות:

— וואָס־זשע, איך בין משוגע?... הערט אַ געשיכטע . . . איך בין געזונט און שטאַרק, וועל איך מיר פּלוצים לאָזן מעסטן די היץ...

ווי אַ פאַרגוואַלדעוועטער בלייבט ער אויף זיין בעט צעכראַסטעט מיטן טערמאָמעטער אונטער דער פּאַכווע, נאָר באַלד ווי די שוועסטער גייט אַרויס פון באַראַק, דערנענטערט ער זיך צום יונגנמאַן, וואָס זיצט איינזאַם אויף זיין בעט. פון דעם אויבערשטן זשילעט־קעשענקעלע נעמט ער אַרויס אַ צוזאַמענגעלייגטע פּענסנע און זעצט זי אויף רייטנדיק זייער נידעריק אויף זיין צעפלעטשטער נאָז. ער טוט אַ קוק אויפן בחור פון איבער די גלעזלעך, דערזעט, אַז ער איז אַ יידישער, און הויבט אָן מיט אַזאַ היימישן טאָן, ווי גלייך ער זעצט פאָר דעם

שמועס, וואָס צווישן זיך האָבן געפירט זיינע און אָט דעם בחורס יידעס:

— פכע!... וואָס האָב איך פאַר זיי מורא? אַז סך־הכל האָב איך שוין „סיפ־נאַי" געהאַט. איך האָב נאָר מורא פאַר אַ „וואָזוואָטנע", און „וואָזוראַטנע", דאַכט זיך, הערט מען דאָ ניט, ווי?... מע הערט ניט?... איכ'ל טעלעגראַפירן מיין ברודער . . . כ'האָב דאָ אַ רייכן ברודער.

נאָר דער יונגערמאַן, זעט אויס, וויל ניט פאַרזעצן דעם שמועס, וואָס צווישן זיך האָבן געפירט זיינע און אָט דעם יידנס יידעס. ער ענטפערט ניט.

— ווי לאַנג, מיינט איר, קאָן מען דאָ האַלטן?

דער יונגערמאַן שווייגט.

— ווי לאַנג זייט איר שוין דאָ?

— דעם פינפטן מעת־לעת.

עס ווייזט זיך אַרויס: דאָס איז די איינציקע פראַגע, אויף וועלכער מע קאָן אַרויסקריגן אַן ענטפער ביים בחור. דעם יידן פאַרדריסט עס. זיינע אויגן ווערן בייז, ווי נאָך אַ שבתדיקן טשאָלנט.

— אַבעטעך, יונגערמאַן, — זאָגט ער, — וואָס נעמט איר זיך אַזוי איבער? איר זייט סך־הכל אַ „טונקעלער"...

מיינען מיינט עס: סך־הכל אַ „רויטער".

אַז דער ייד גייט אַוועק צוריק צו זיין בעט, קומט באַרוועס אַריין דער פאַר־רויטלטער דינער — צעכראַסטעט, באַלאָדן מיט פיל קליינע טשייניקלעך אָקרעפּ. ער דערמאָנט: אַ בעדער־יונג אין אַמאָליקע טיף־רוסישע שטעט, וואו שוויץ־באָד איז געווען דער גרעסטער תענוג. זיין אויסדרוק: צעטראָגענע געטריישאַפט, פאַר וועלכער „קאַזנאַ" צאָלט אים אין הורט. כאַפנדיק נאָקעט־געגאָלטע בליקן צום יונגנמאַן, טוט ער דערווייל זיין אַרבעט — ער בייגט צו זיין אויער צו די טרוקענע שעפּטשענדיקע ליפּן פון דעם היציק־הייזעריקן קראַנקן פויער, לעבן וועלכן ער שטעלט אַוועק אַ טשייניקל:

— פּעי, פּעי, — זאָגט ער אים, באַשקאַ־טאָ? טרעשטשיט?

דעם יונגנמאַן האָט מען געררופן אין דער דורכגענעצטער בודע, וואו אין ווינקל ביים נאַסן טישל האָט געוואַרט דער לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצעלעך. ער האָט געהאַלטן אין די הענט זייער פיל קליינע ניי־באַקומענע פאָטאָגראַפיעלעך און האָט כסדר געטיילט אויף זיי, כסדר געטיילט זיינע בליקן — איין פאַרשנדיקן בליק אויף דער קליינער פאָטאָגראַפיע, וואָס אין זיין האַנט, און אַ צווייטער — אויפן יונגנמאַנס אויסגעבליכטן פנים.

— פּאַם־פּאַם... פּאַם־פּאַם, — האָט ער זיך צעזונגען, ווי צום טאַקט פון זיינע בליקן, — זאָגט איר, הייסט עס, אַז אַהיים זייט איר איצט געקומען צום ערשטן מאָל?... וואונדער . . . באַשטימט צום ערשטן מאָל?...

ווען דער יונגערמאַן, וואָס רופט זיך אָן הערש טאָקער, איז באַגלייט מיט צוויי סאָלדאַטן געגאַנגען פון דער בודע צוריק אין באַראַק, האָט ער דערפילט, ווי די פאַרנאַכטיקע פייכטקייט נעמט אים דורך און דורך; זי טוט אים ווי, אָט די פייכטקייט, שטעכט ווי מיט פאַרהוילענע דערנער זיין לייב און פאַרשפּרייט אַ

ברעכעניש איבער אַלע זיינע גלידער. עס זשומעט אין די אויערן, און דער פאַר־נאַכט אין דרויסן איז עפּעס ווי ניט קענטלעך — דעם פאַרנאַכט, דאַכט זיך, קומט אַ ברייטער שלום־עליכם מיט דער פראַגע:

— ווער זייט איר?

דעם לייב האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַריין צוריק אין באַראַק, אָבער אויך אין באַראַק האָט ניט אויפגעהערט דאָס ברעכעניש מיטן זשומען — אויך דאָרט האָט אין אייגענעם לייב יעדעס ווייטעקלעך גליד געוואָלט ווי אָפּטשעפּען זיך און זיך באַפרייען פונעם צווייטן. הערש טאָקער האָט זיך איינגעדעקט אויף זיין בעט, און אים איז געווען זייער מאָדנע, וואָס אַלע זיינע ווייטיקלעכע גלידער זיינען נאָך געבליבן וואַך, דענסטמאָל, ווען זיין גאַנצער קערפּער איז שוין אַנדרימלט געוואָרן — יעדעס גליד האָט זיך געהאַט זיין באַזונדערן זכרון, און אין יעדערן פון אַט די זכרונס האָבן, ווי אין אַ פּוסטן פאַרנאַכטיקן וואַלד מיט אַן אַנענדלעכער קייט פון ווידערקולות, זיך געדענקט די ווערטער:

— פּעי, פּעי... באַשקאַ־טאַ?... טרעשטשיט?...

מיט אַ פּאָר אָוונטן שפּעטער האָט מען לייכט אונטערגעשיכורט אין שטרויענעם דערפל ביי די אָפּיצערן אין דער כאַטע. פון צווייטן דאָרף זיינען געקומען צוגאַסט באַקאַנטע אָפיצערן, וואָס ווייסן שוין פון דער הײם, און וואָס באַשטייט דאָ היינט אין אָוונט די שמחה. דעם לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצע־לעך האָט מען שטעכלדיק־פריינטלעך געדריקט די האַנט, אים מקנא געווען און אים צוגעוואונטשן:

— מיט דערפאָלג . . .

— מיט דערפאָלג . . .

מע האָט געטרונקען גוטן ווין פּאַמעלעך, ניט געכאַפּט, געטרונקען מיט „טאַקט" און מיט כוונה צו דערוויזן איינער דעם אַנדערן, אַז מע ווייסט, ווי אַזוי גוטן ווין צו טרינקען. מע האָט גערעדט ווייניק, ווייל לייטישע מענטשן רעדן בכלל זייער קנאַפּ. דער דאָקטער האָט געוואָלט אַ גאַנצע טאָג, די ערשטע האַלב פון גאַנצע איז אַראָפּ ביי אים גלאַט אין פּויסט אַריין; די צווייטע האַלב האָט זיך פאַרמאַסטן אויף צו ענדיקן זיך מיט אַ הויכן קוויטשיקל, האָט ער זיך פאַרכאַפּט:

— אַך, יאַ, — האָט ער, פאַרשלינגענדיק דאָס קוויטשיקל, געזאָגט, — יענער... דער געכאַפּטער, דער יונגער . . . יענער . . . מאָדנע . . . ער איז דאָך קראַנק געוואָרן מיט פלעק־טיפוס...

— ווי?...

די קרומע וואָנצעלעך האָבן געמאַכט אַ נערוועזע באַוועגונג אויף צו געבן זיך אַ קראַץ אַן אַ האַנט:

— ווי?... ווי?... אַ שאָד, אַ שאָד, אים דאַרף מען היילן, דאָקטער . . . אים דאַרף מען היילן — איך האָב קעגן אים באַוויזן. צווי מאָל איז ער ביי אונדז פאַרשוואונדן פון אונטער די הענט.

און ער האָט אָנגעהויבן קומען אַלע טאָג צום באַראַק, קומען אַן אויסגעפּוצטער מיטן פּאַרטפעל אונטערן אָרעם, און היטן דעם יונגנמאַנס געזונט.

4

אונטער די כוואַליעס פונעם שטאַרקן ביינאַכטיקן פעלד־ווינט האָבן גע־קרעכצט און געסקריפּעט די ווענט און דער דאַך פונעם הילצערנעם באַראַק — געקרעכצט מיט אַלע ברעטער צוזאַמען און מיט יעדער ברעט באַזונדער.

אין טיפער ביינאַכטיקער שטילקייט האָט זיך געדאַכט: עס קרעכצט און עס סקריפּעט דאָ אַ גאַנצע צעלעכצטע ביינאַכטיקע וועלט.

דער ווינט האָט געשמיסן איבער די דינע ווענט פון באַראַק, און אויך אינע־ווייניק האָבן געבלאָזן און געבלאָנדזשעט ווינטיקע שריים, געזוכט זיך אָנצוקלעפּן אָן עפּעס — געזוכט און ניט געפונען.

הערשל טאָקער איז געבליבן אין בעט פאַרטראַכט, אין גרויס נאָגעניש און אין גרויסער היץ, געזען פאַר זיך אַנטקעגן אינמיטן באַראַק דעם קליינעם לאָמפּ, וואָס הענגט אַראָפּ מיט אַ דראָטל פונעם מיטלסטן באַליק. פון צייט צו צייט האָט ער געעפנט די פאַרגאָסענע היציקע אויגן, נאָר ניט דערקענט דעם פלאַץ אַרום זיך, געקוקט, געקוקט ווי פון די בלאָנדזשענדיקע ווינטיקע שריים שאָקלט זיך דער לאָמפּ און זיין פלעמל זעצט זיך, און אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער שווימט אין אַ גרויסן סקריפּענדיקן תיבה־קאַסטן, ווי אין אַ שיף, און דאָס דאָזיקע שווימען איז אַ פאַרצווייפלטס, אַן אומאַנגענעמס, נאָר קיינער פון די אַרומיקע איינגעשלאָפענע וויל גאָרנישט ניט טאָן אויף צוצושווימען צו אַ ברעג.

עס איז געווען דער אַכטער אָדער דער ניינטער מעת־לעת פון זיין קרענק. און דער ווינט האָט געבלאָזן, און דער באַראַק האָט געקרעכצט.

ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען אין פאַרטראָגענעם דרימל, אין גרויסער קראַנקער היץ האָט הערשל טאָקער דערפילט, אַז עמעצער דרייט זיך אַרום אים מיט שטילע אומזיכטיקע טריט — ס'איז מאָדנע: אַלע אַרום אים שלאָפן, און דאָך טונקלט זיך דאָ גאָר נאָענט אַ שטיל־באַוועגלעכער שאָטן, ער איז אי דאָ אי נישטאָ, ער פאַרשווינדט און באַווייזט זיך ווידער איינגעהויקערט, ווי מיט פאַרשלאָפענער געטריישאַפט און מיט אַן אומעטיקן בליק, וואָס איז גע־ווענדט צו אים, הערשל טאָקער, און צו זיין בעט — דער שאָטן פאַרשווינדט און באַווייזט זיך ווידער.

דערנאָך איז הערשל טאָקער אַנדרימלט געוואָרן פיל שטאַרקער, אַזויפיל שטאַרקער, אַז זיין קראַנקער גליענדיקער קערפּער האָט שוין מער די דרימלדיקע שטאַרקייט ניט געקאָנט איבערטראָגן. ער האָט באַלד געמוזט צוריק זיך אויפ־כאַפּן, און אַז ער האָט געעפנט די פאַרגאָסענע היציקע אויגן, האָט ער גלייך דערזען פאַר זיך דעם קאָפּ, וואָס בויגט זיך איבער אים אָן. זיין גליענדיקער בליק האָט פון זייער נאָענט אַריינגעקוקט איבעם קאָפּס אויגן, נאָר זייערע שוואַרצ־אַפּל ניט דערקענט. זיינע שלעפעריקע וויעס האָבן זיך צוריק פאַרמאַכט, און

דענסטמאָל האָט ער דערהערט, ווי דער קאָפּ שעפּטשעט אים אין אויער אויף אַ פּרעמדער שפּראַך:

— פּילסט זיך שלעכט?... וואָס? — חבר . . .

און וועגן נאָך עפּעס שעפּטשעט דער קאָפּ זייער שטיל אין זיין אויער: וועגן דעם נאָמען פונעם אַנטלאָפענעם מיידל — ער ווייסט איר נאָמען: „יוכבד"... זי האָט געבעטן איבערגעבן: „זי איז גוט אַנטלאָפן און איז געקומען בשלום."

— אָך, יאָ, יוכבד . . . זי איז גוט אַנטלאָפן . . .

און ער האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן אָנעם אַריבערגעבויגענעם קאָפּ. ער האָט נאָר געדענקט, ווי אַזוי יוכבד איז אַנטלאָפן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז געשען איז דאָס אָקאָרשט ניט לאַנג, אָקאָרשט צוריק מיט אַן אויגנבליק:

ביידע זיינען זיי פריער געזעסן אויפן הויפן אָנגעגעצטע שפּענער, — ער און יוכבד; זיצנדיק, האָט יוכבד פּאַמעלעך און אומבאַמערקט געגומען זיך אָפּרוקן, דענסטמאָל, ווען די צוויי צוגעשטעלטע סאָלדאַטן, וואָס היטן זיי, האָבן זיך צוגעבויגן, כדי צו פאַררויכערן איינער ביים צווייטן אַ פּאַפּיראָס. און איצט זיצט ער שוין אויפן הויפן שפּענער איינער אַליין, און יענע אַלע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אַרויס פון דער בודע און אַוועקגעלאָפן זי זוכן, האָבן זיך שוין פון די נאָענטע קליינע וועלדלעך און פון די אַרומיקע פּוסטע שטרעקעס אומגעקערט — זיך אומגעקערט איינציקוויז און אַן איר — הייסט עס: יוכבד האָט זיך באַהאַלטן טאָקע דאָ לעבן באַראַק . . . נאָענט . . . זייער נאָענט . . . אָט אַזוי דאַרף מען שטענדיק טאָן . . . זאָלטן גוט, יוכבד . . . אָט אַזוי דאַרף מען שטענדיק טאָן, הערט זיך איין, חברים!...

און די חברים האָבן זיך איינגעהערט און האָבן געגאַפט אויפן שכל, אויף זיין פריילעכקייט און אויף דער אַרומיקער גרויסער פרייד, וואָס קער צו אַלעמען,

— פרייד! פרייד! פרייד פון חברים איבער אַ געלונגענעם גאַנג.

— דער עיקר גליק, חברים, וואָס — קוקט — איך, הערשל טאָקער, האָב פליגל. דער אָפיצער מיט די קרומע וואָנצעלעך — ער קריכט אויף דער ערד . . . ער וועט מיך ניט כאַפּן . . . ער וועט מיך ניט כאַפּן . . . קוקט — פליגל . . .

און ער האָט שוין מער ניט געדענקט די ווינטיקע שיריים, וואָס שאָקלען דעם לאָמפּ אין באַראַק, — ער איז איינגעזונקען טיפער אין דער גרויסער שלעפּעריקער היץ און מיט אַ פּאָר געשווינדע פּאַך פון זיינע פליגל שוין געווען דאָרט ביי זיך אין דער היים צווישן זיינע חברים.

בערל דער רויטער — אַ חבר, וואָס מע רופט אים „וואַנקאַ" פאַר זיין קראַפט — האָט אים געטרייסלט פאַר ביידע אַקסלען און האָט צו אים געזאָגט:

— הערשעלע טאָקער!... איי, ביסטו אַ מזיק!

און ביידע — ער און בערל דער רויטער, אַלטע חברים — זיינען אַזוי אַ ווילע געשטאַנען און האָבן געלאַכט איינער דעם צווייטן אין פּנים אַריין. אים האָבן פון מאָל צו מאָל אַרומגערינגלט אַלץ מער און מער חברים — אַלע זיינען געלאָפן זיך זען מיט אים אין זיין שטעטל, ביי זיין מוטער אין שטוב, וואוהין ער איז אַראָפּגעפאָרן ווי גלאַט אַזוי, זיך זען מיט זיין מוטער. די פאַרנטיקע טיר

איז צוליב פריען האַרבסט שוין געווען פאַרשמירט מיט ליים. דורך דער הינטער־טיר און דורך דעם לאַנגן פינצטערן הינטערהויז זיינען אין אָונט אַריינגעקומעןביידע יאָסלס — יאָסל פון שניידער־פאַראיין און יאָסל דער שוסטער, וואָס האָט, ווי תמיד, געזאָגט „געוויינישע” אַנשטאָט „גאוּנישע”: „די גרויסע געוויינישע ראַטנמאַכט”!

ביי זיין אַריינקומען האָט עמעצער אַ געשריי געטאָן אויפן גאַנצן קול:

„אונדזער גרויסער געוויינישער חבר הערשל טאָקער”.

אַלע חברים האָבן פון דעם מיטאַמאָל זיך זייער שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, און אויך הערשל האָט זיך געוואָלט פאַנאַנדערלאַכן, דאָ אין גרויס היץ אין באַראַק ליגנדיק, געוואָלט און ניט געקאָנט...

אַרום אים, אַרום זיין קראַנקן ווייטיקלעכן לייב, האָבן זיך געפּאָרעט הענט. ער האָט זיך געוואָלט אויפכאַפּן און האָט ניט געהאָט דערויף קיין צענט־חלק פון דער קראַפט, וואָס איז נייטיק דערצו. אים האָט מען געוועקט, ווי אויף איבער־צוקערן אין בעט אויף דער אַנדערער זייט. האָט ער סוף־כל־סוף געמוזט פאַר־געסן אין אַלץ . . . אין אַלץ . . . ער האָט געמוזט עפּעס שמאַלע צוויי פּאַסעקלעך פון די שווערע היציק־אַנגעגאָסענע אויגן, אַרויפציען מיט גרויס אָנשטרענגונג די ברעמען, דערפילן ווייטיקן, אַן אַ שיעור ווייטיקן און דערזען, אַז די לופט אַרום אים אין באַראַק איז אַ מאָדנע — אַ לופט פון ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט, אַ לופט, וואָס ער, דער קראַנקער, באַנעמט זי שוין זייער שוואַך און פילט זי שוין בלויז מיט שוואַכע שיריים פון געוועזענע געפילן.

אַרום זיין בעט איז געשטאַנען דער דאָקטער, די באַבעדיק־ווייסע שוועסטער מיטן רויטן צלם אויפן שטערן און נאָך עפּעס מענטשן פון דער דינערשאַפט. מע האָט מיט גרויס וואונדער אַרומגעקוקט די ציכטיק־איבערגעבונדענע וואונד, וואָס אויף זיין האַנט, און מע האָט אַריינגעשריגן צו אים אין אויער זייער הילכיק, ווי צו אַ טויבן:

— ווער האָט איבערגעבונדן?

— אַ?

— ווער?

מיט דער האַנט אויפן האַרצן האָט די שוועסטער, ווי אין שרעק, דערציילט, אַז ס'איז ניט זי, און חוץ דעם, — זי האָט ווידער אַרומגעקוקט די איבערגעבונדענע וואונד, — אַז זי קאָן שווערן: דאָ אין באַראַק זיינען גאָר אַפילו אַזעלכע איבער־בינד־מאַטעריאַלן נישטאָ...

מע איז אַלע ווילע געלאָפן צו דער טיר — צום לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצעלעך, וואָס האָט מורא אינעווייניק אַריינצוקומען; מען איז אַלע ווילע געלאָפן פון דאָרט צוריק מיט זיינע פראַגן:

— הייסט עס, אַז דאָ אין באַראַק איז עמעצער געווען, ווי?

— הייסט עס, אַז אין באַראַק דרייען זיך אַרום זייטיקע?

פאַרנאַכט זיינען לעבן זיין בעט מיט ליכט אין די הענט דורכגעגאַנגען דער דאָקטער, די שוועסטער און דער דינער, זיך אָפּגעשטעלט. דער דאָקטער האָט

געמאַכט אַ באַוועגונג אויף אַ טאָפּ צו טאָן דעם קראַנקנס דופק, נאָר באַלד חרטה געהאַט, אַ קוק געטאָן דעם קראַנקן אין פּנים, אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און באַוויזן דער שוועסטער זיין פאַרקרימטע צורה, וואָס האָט צו זאָגן:

— שוין גאָר קיין סחורה ניט . . . אַ פּגר . . .

עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, ווען דער ווינט האָט געבלאָזן, און דער באַראַק האָט געקרעכצט.

אין לעצטער קראַנקער היץ, מיט לעצטע שפּורן פון געפילן האָט הערשל טאָקער דערפילט, אַז דאָ אין באַראַק געפינט זיך ווידער „ער" — יענער, וואָס קומט אָהער נאַכט־ביי־נאַכט באָרוועס, אין פאַרשלאָפענער געטריישאַפט, כדי צו היטן דאָ אים, הערשל טאָקער, אויף זיין קראַנקן־בעט, כדי זיך דערנעענטערן צו אים מיט שטילע טריט, ווי די שטילע ווינטיקע שריים אַרום הענגענדיקן לאָמפּ, און אים אַריינשעפּטשען אין אויער דעם גרוס פון אַלע חברים, מיט וועלכע ער, הערשל, האָט ביז איצט צוזאַמען געלעבט, און אויך פון יענע, אויף דער גאַרער וועלט צעשאָטענע חברים־מיטקעמפער, אַ גרוס אַ פּשוטער — געציילטע ווערטער:

— אַ טשטאָ, טאָוואַרישטש ?... פּלאָכאָ ?...

און דאָך פילט זיך אין זיי די ברידערלעכקייט פון „זיי" אַלע, געוועזענע, איצטיקע און קומענדיקע, צו וועמען עס באַגט דאָס האַרץ. און אויך די לעצטע פעסט־געבליבענע טרייסט, וואָס איר נאָמען איז — אייביק! — די טרייסט פון חברים, צעשאָטן איבער דער וועלט ווי ליכטלעך.

— נישקשה, חברים וועלן באַזאָרגן . . . חברים וועלן באַזאָרגן, חבר...

עס איז געווען אין יענער נאַכט, ווען הערשל טאָקער האָט צום לעצטן מאָל מיט באַוואוסטזיין געעפנט די פאַרגאָסענע היציקע אויגן און האָט באַנייס דערזען פאַר זיך דעם נאַקעט־געגאָלטן קאָפּ, וואָס בייגט זיך אָן איבער אים. זיין גליענדיקער בליק האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג אַריינגעקוקט אינעם קאָפּס אויגן, געוואָלט דערזען אין זיי דעם גליענדיקן פאָדעם, וואָס פאַרבינדט אים מיט יענע אייביק־ליכטלעך, און האָט זיי פּלוצים, זייער פּלוצים דערקענט — די העלע, ווי נאַקעט געגאָלטע אויגן פונעם באַראַק־דינער, פון יענעם, וועלכער זעט אויס, ווי אַ בעדער־יונג, בעת ער טראָגט דאָ פאַנאַנדער די טשייניקלעך אָקרעפּ און שרייט אַריין צו יעדן קראַנקן אין אויער:

— פּעי, פּעי . . . באַשקאַ־טאָ ?... טרעשטשיט ?...

— טאָוואַרישטש, — האָט ער געשעפּטשעט אין זיין אויער, — נינטשע דאָקטאָר סקאָזאַל: פּאָמריאָש...

דערביי האָט ער געשטופּט עפּעס אַ ווייכע צוזאַמענגעלייגטע זאַך צו אים, הערשלען, אונטערן צוקאָפּנס, געשטופּט מיט אָנשטרענגונג און געשעפּטשעט צווישן איין שטופּ און צווייטן:

— דאָס איז דיר . . . די חברים פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע . . . איבערגעגעבן . . . די אָרטיקע רויטע פאָן...

הערשל טאָקער האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט זי געוואָלט געדענקען אויף שטענדיק, אויף שטענדיק — אָט די פאָן פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס ליגט ביי אים צוקאָפּנס. ער האָט איינגעזונקען צוריק אין שווערער היץ. עס איז געווען ווי אין חלום, ווען ער האָט נאָכדעם קוים, קוים דערפילט עפּעס ווי עמעצנס אַ ריר ביי זיך אויפן שטערן. אַז ער האָט מיט גרויס מי גאַנץ שמאָל אָן עפן געטאָן די אויגן, האָט ער צום לעצטן מאָל דערזען פאַר זיך דעם אָנגע־בויגענעם קאָפּ מיט די געלע, ווי נאַקעט־געגאָלטע אויגן. נאָר אַליין האָט ער שוין מער ניט געדענקט, צי די נאַכט איז נאָך די זעלבע, צי זי איז שוין אַ נייע, אַן אייביקע, אַ שטענדיקע.

עס איז געווען אין אַ פּאָר טעג אַרום.

גאַנצפרי, ווען אין באַראַק האָבן זיך אויפגעכאַפּט מענטשן, וואָס דאַרפן געזונט ווערן, און מענטשן, וואָס דאַרפן שטאַרבן, האָט מען דערזען, אַז דער יידישער בחור, אויף וועמען דער לייטענאַנט קומט אַלע טאָג זיך נאָכפרעגן, ליגט אָן באַוועגונג אויף זיין צוגעגלעטן געלעגער: ער איז איבערגעדעקט מיט אַ גרויסער רויטער פאָן — אַ סאַמעטענער מיט לאַנגע זילבערנע טרענדלעך, און אונטער דער פאָן זעט אויס זיין פאַרגליווערטער קערפּער אפשר צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי אַ געוויינלעכער, לעבעדיקער. און נאָך זעט ער אויס אונטער דער פאָן:

— באַזונדער . . . און פרעמד . . . פרעמד . . .

מ׳האָט מורא געהאַט צו זיין געלעגער צוצוגיין און די ווערטער, וואָס אויף דער פאָן, איבערלייענען, ווי גלייך מיט איבערלייענען די ווערטער אַליין ווערט מען שוין אויך אין עפּעס פאַרמישט. אין די אַוועק־קוקנדיקע אויגן האָט זיך אָן אויפהער געחלומט: עפּעס רויט, רויטס...

מ׳האָט געגעבן צו וויסן אין נאָענטן שטרויענעם דערפל.

אַרום ניין אַזייגער אינדערפרי איז „באַטשאַלסטווע" מיט פאַרטפעלן אונטער די פאַכוועס געשטאַנען אין דרויסן לעבן דער טיר פון באַראַק. דער לייטענאַנט האָט מיט די קרומע וואָצעלעך און מיט דער נאָז געמאַכט אַזעלכע באַוועגונגען, ווי גלייך זיי בייסן אים, נאָר ער וויל ניט קראַצן. דער דאָקטער האָט געביסן די ליפּ און האָט געהאַלטן די הענט מיט די אַקסלען, גרייט צו באַווייזן מיט זיי, אַז אים פּאַטופּעט זיך נאָך אַלץ גאָרנישט אין קאָפּ.

און אין באַראַק צווישן די געלעגערס איז דענסטמאָל מיט פיל טשייניקלעך אָקרעפּ אַרומגעגאַנגען דער באַראַק־דינער, וואָס מיטן נאַקעט־געגאָלטן קאָפּ און מיט די העלע, ווי נאַקעט־געגאָלטע אויגן. ס׳האָט זיך געהערט, ווי ער קלינגט דאָרט מיט די טשייניקלעך און ווי ער שרייט אַריין צו היציק־קראַנקע אין די אויערן:

— פּעי, פּעי . . . באַשקאַ־טאַ ?... טרעשטשיט ?...

ד ו ד ב ע ר ג ע ל ס אָ ן

צוויי רוצחים

אויף קאַטבוסער־דאַם, ביי דער פרוי הילדע גינטער אין קיך, ליגט אויף אַ קליינעם געשטריקטן טעפּיכל דער האַריקער טעל — אַ גרויסער וואָלפישער הונט מיט אַ שאַרפן פאַרשפּיצטן פּיסק, און האַלט דעם קאָפּ פעסט אויף די פעדערשטע אויסגעצויגענע לאַפּעס. טעל מאַכט זיך, ווי ער דרעמלט. אין דער אמתן איז ער וואַך. זיינע קליינע, כמעט מענטשלעכע אויגן שליסן זיך מיט ברוגזער און פוילער פאַרגלאַצטקייט אַלעמאָל, ווען עמעצער וויל אין זיי אַריינ־קוקן.

און אויף אַריינקוקן אין טעלס אויגן זיינען געווען בעלנים אַ סך, אַ סך — טעל איז דער סאַמע באַרימטער צווישן אַלע זעקס הונדערט טויזנט הינט, וואָס די שטאָט בערלין פאַרמאָגט: וועגן אים האָט מען איינמאָל געשריבן אין די צייטונגען און פאַנאַנדערגעשיקט דעפּעשן אין אַלע לענדער; וועגן אים האָט געזאָלט פאַר־קומען אַ פּראָצעס מיט אַן אויספאָרשער, מיט אַ באַשולדיקער און מיט אַ פאַר־טיידיקער. זויב דער פּראָצעס איז ניט פאָרגעקומען, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס דער מערדער און רוצח טעל איז סוף־כל־סוף ניט מער ווי אַ הונט — פון זיין רציחה האָט ער נאָר באַקומען אַ נאָמען אויף דער גאַנצער וועלט, און מער גאָר.

די פרוי הילדע גינטער, צו וועמען טעל קער, איז אַ קריגס־אַלמנה. איר מאַן, דער פאָטאָגראַף הערבערט גינטער, איז אומגעקומען אין וועלט־קריג. קאָן מען זאָגן, העלדיש, ווי אַ בין ביים מאַכן האָניק. די פרוי הילדע גינטער איז אַ מיטל־וואוקסיקע, פעט־געוואָרענע דייטשקע מיט פאַרשוואומענע שוואַרצע אייגעלעך, מיט אַ בכבודיקן בוזעם און מיט אַ סך גוידערס אונטערן מויל. זי איז אַ גוט־מוטיקע, ווי אַ זאַטע גבירישע קעכין איז גוטמוטיק אין דער צייט, ווען אירע באַלעבאַטים זיינען אויף לאַנג אַוועקגעפאָרן און האָבן איר קיין אַרבעט ניט געלאָזט. זי זאָגט „יוט" אַנשטאָט „גוט", און נאָך יעדע פּאָר ווערטער, וואָס זי רעדט אויס, גיט זי צו מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זיך באמת געוואָלט מיט אייך אַן עצה האַלטן:

— ניכט?

— ניכט וואַר?

זי לעבט פון דער פּענסיע, וואָס זי באַקומט ווי אַ פרוי פון אַן אומגעקומענעם לייטענאַנט, און אויסער דעם פאַרדינגט זי דאָס גרעסטע און טונקלסטע פון אירע דריי צימערן; קיין קינדער האָט זי ניט.

איצט וואוינט ביי איר אין צימער דער אוקראַאינישער עמיגראַנט אַנטאָן זאַרעמבאָ — אַ געוועזענער וואָלאָסט־שרייבער, אַן אַנטלאָפענער אַטאַמאַן פון אַ קליינער באַנדע, וואָס האָט באַראַבעוועט און געקוילעט יידישע שטעטלעך אין

אוקראַינע. זאַרעמבאַ איז תמיד אויסגעפּוצט אין פאַבריקע אויסגענייטע קליידער, ווייל ער געהערט צו אַ קאָמפּאַניע ווייסגוואַרדיאַישע באַלאַלאַיקע־שפּילער, וואָס שפּילן אַ גאַנצע נאַכט שיכורערהייט ערגעץ אין אַ ביינאַכטיקן רעסטאָראַן־קאַבאַרעט. זיין געשטופּלט פּנים איז פול מיט דרעמל, ווייל ער איז די פריערדיקע נאַכט ניט געשלאָפן און ווייל אויך אין דער היינטיקער נאַכט שטייט אים פאַר צו זיין וואַך און מיט זיין שיכורן הוליען אָנשטעקן אין רעסטאָראַן די געסט. אין בערלין געפינט ער זיך שוין אַ יאָר פינף און זיך אויסגעלערנט קוים־קוים צו פאַרשטיין און צו באַלעמעטשען אַביסל דייטש. ביי דער פרוי גינטער וואוינט ער ערשט דעם דריטן טאָג. איצט זיצט ער אַ שפּעט־אויפגעשטאַנענער ביי דער דייטשקע אין קיך, און די דייטשקע טוט מיט אים דאָס, וואָס זי טוט אין דער ערשטער צייט מיט אַלע אירע נייע קוואַרטיראַנטן — זי פּאָיעט אים דערוויל נאָך מיט אמתער קאַווע און דערציילט אים די געשיכטע פון איר וועלט־באַרימטן, קלוגן און פאַרברעכערישן הונט:

— אַ הונט, — זאָגט פרוי גינטער, — איז ווי אַ מענטש, ניכט? דאָס וויסן אַלע, ניכט וואַר? נאָר אַז אַ הונט זאָל זיין אייפערזיכטיק, ווי אַ פאַרשטענדיקער מענטש, זאָגן מיר, ווי אַ מאַן און נאָך מער ווי אַ מאַן — וועגן דעם האָט זיך קיינעם אפילו קיינמאָל ניט געחלומט, ניכט וואַר?

זי קוקט אויף טעלן מיט אַזעלכע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן דעם הונט זאָגן: „ביסטו אַ ממזר!" און פאַרשנורעוועט דעם פעטן פּיסק, ווי אויף אַ קוש צו טאָן:

— און אייפערזיכטיק איז טעל בלויז צו מיר, נאָר צו מיר און ווייטער צו קיינעם ניט.

זי שטרעקט אויס זאַרעמבאַן אַ קורצע רויטע האַנט מיט אַ ווייך־פאַרשוואומען פויסטל, ווי ביי אַ קצבטע, און זאָגט צו אים, אַוועקקוקנדיק כלומרשט אָן אַ זייט:

— אָנו, פּרואווט, ווילט מיך אָנגעמען ביי דער האַנט...

דער געשטופּלטער זאַרעמבאַ טוט עס זייער פּאַמעלעך, זייער פויל, נאָר מיט פאַרגעניגן. אים געפעלט די ווייכע זעקס־פודיקע און גוטמוטיקע באַלעבאָסטע. איר טשיקאַווער אַרט גראַגערן אויף דייטש דערמאָנט אים אָן דעם היימישן אַרט גראַגערן פון די יידישע ווייבער אין יענע קליינע אוקראַינישע שטעטלעך, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט זיינע באַנדע גערויבעוועט און געקוילעט: עס רופט אַרויס אין אים אַ בענקשאַפט צו זיין אייגן דאָרף.

נאָר איידער ער באַוויזט נאָך ווי געהעריק אָנגעמען פרוי גינטער פאַר דער האַנט, מאַכט טעל אויף די דרעמלדיקע אויגן. די ווייכע ליפּן וואָס אַרום זיין שאַרפן פּיסק, באַוויזן זייער אינעווייניקסטע בלוטיקע און פייכטע רויטקייט, און טיף פון זיין גאַרגל און פון זיינע געדערים דערהערט זיך אַזאַ בייזער כאַרכל, ווי אַ גאַנצער מנין מענטשן וואָלטן מיטאַמאָל געגומען שווענקען די העלדזער:

— בעררררר... בעררררר, — בייזערט ער זיך, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון זיינע פאָדערשטע אויסגעצויגענע לאַפּעס, און קוקט מיט פאַרגלאַצטע רציחהדיקע אויגן אויף זאַרעמבאַן, — בעררררר...

— איר זעט? — זאָגט די גראָבע דייטשקע, — איר זעט, צי ניין?...

און אין דעם, ווי אַזוי אירע שוואַרצע, פאַרשוואַומענע אייגעלעך שמייכלען, איז צו זען, אַז זי איז שטאַרק צופרידן, וואָס דער הונט איז אין איר פאַרליבט און איז צו איר אַזוי שטאַרק אייפערזיכטיק.

— ער וועט צו מיר ניט צולאָזן, — זאָגט זי, — אין קיין פאַל.

זאַרעמבאַן איז אַ שאָד, וואָס דער הונט שטערט אים די געלעגנהייט צו ווערן מיט דער באַלעבאָסטע היימיש. ער מוז זיך אָפּזאָגן פון אָננעמען זי ביי דער האַנט. פון זיין אַלטער, יאַרנלאַנגער פּראַקטיק געדעקט ער, אַז אַלע גוטע זאַכן הייבן זיך אָן פון „אָננעמען ביי דער האַנט".

דער גרויסער און האַריקער וואָלפישער הונט וואַרפט אָן אויף אים אַ שרעק. דערצו נאָך האָט ביי זיך פרוי גינטער אַ גאַנצן פּאַק ציַיטונג־אויסשניטן — גאַנצע פּעק מיט באַוויזן, אַז די שרעקלעכע זאַך, וואָס זי דערציילט וועגן איר פאַר־ברעכערישן הונט, איז אָן אמת; קורץ: פון אייפערזיכטיקייט צו דער פרוי גינטער האָט טעל איבערגעריסן דעם האַלדז פון אַן אַכט־חדשימדיקן קינד.

דער פרוי גינטער האָט שוין איינמאָל אַפילו שיער ניט געהאַט דערעסן צו דערציילן דאָס יעדערן באַזונדער. צו איר פלעגן דאָן פון פרימאָרגן ביז נאַכט לויפן ציַיטונגס־לייט און פאַר יעדן פון זיי פלעגט זי מוזן אויסליַיגן די מעשה פונעם אָנהויב ביזן סוף. אַלע פלעגן שליַגען אירע ווערטער און זיי פאַרשרייבן אין גרויס כּאַפּעניש.

נאָר פון דאַן אָן זיינען שוין אַריבער פיל טעג. אָן טעלן, וועלכן מען האָט דענסטמאָל געמאָלט און פאָטאָגראַפירט אין פאַרשיידענע פּאָזעס, האָבן אומדאַנק־באַרע מענטשן פאַרגעסן, ווי זיי פאַרגעסן בכלל אָן אַלערליי ענלעכע גרויסע זעלטנהייטן.

טעל, זעט אויס, איז אויף אָט די מענטשן באַליידיקט, פרוי גינטער — אויך, און מיט אַ באַזונדערער הנאה דערציילט זי איצט באַנייס די געשיכטע איר נייעם קוואַרטיראַנט. ווער איז טעל געוועזן, בשעת ער איז אַריינגעפאַלן צו איר אין די הענט? — אַ גאַרבישט איז ער געווען; אַ באַשעפעניש, וואָס איז קוים אַלט אַ יאָר און צייכנט זיך אויס בלויז מיט דעם, וואָס ער איז אַ קלוג נייגעריק הינטל — אַ קאָמיקער. ער האָט ליב געהאַט אומעטום אַריינצושטעקן זיין נאָז, זיך שאַרן אַרום איר, דער פרוי גינטער, און אָן אויפהער לעקן, לעקן אירע הענט.

געקויפט האָט זי אים אין יענער צייט, ווען איר מאַן איז געפאַלן אין קריג און זי איז געבליבן איינע אַליין. אַלעמאָל, ווען זי פלעגט טעלן איבערלאָזן אַליין אין דער געשלאָסענער וואוינונג און נאָכדעם זיך אומקערן, פלעגט ער זיך וואַרפן אויף איר מיט גרויס פרייד, און דאָס קאָן בלויז פאַרשאַפן פיל שפּאַס, ניכט וואַר?

אָט אַזוי איז טעל ביי איר אין וואוינונג אָפּגעוועזן גאַנצע דריי יאָר. נאָר איינמאָל אין אַ זונטיק איז פרוי גינטער געגאַנגען מיט אירע שכנות אָנקוקן אַ יתומים־הויז און האָט דאָרט דערזען אייניקע ניי־געבוירענע קינדער, וואָס האָבן אויך פאַרשאַפט פיל שפּאַס, ניכט וואַר?... איבערהויפּט איז איר דאָרט געפעלן איינס אַ קליינינקס פון אַ חדשים זיבן. דאָס קליינע האָט, ליגנדיק אין די קישעלעך,

געסליונעט, געשטופט אַ פויסטל אין מיילעכל און האָט געערדט אַזוי פריילעך, אַז די שכנים האָבן זי אָנגעהויבן זייער שטאַרק צוצורעדן, זי זאָל עס נעמען אויף אויפציען צו זיך אַהיים. זי האָט דעמאָלט אַפילו צו אירע שכנות געזאָגט, אַז זי האָט שוין טעלן, נאָר די שכנות האָבן זי דאָך צוגערעדט צו דעם קליינעם, ווייל עס איז זייער „קנאַרקע" (טשיקאַווע), ניכט וואָר?... אויסער דעם האָט זי זיך דערוואוסט, אַז אויב מע נעמט פון יתומים־הויז אַ קליין קינד צו זיך אַהיים, באַקומט מען נאָך דערפאַר צוגעצאָלט פאַר אַלע אויסגאָבן. זי האָט דעריבער דאָס קינד צו זיך גענומען. זי האָט עס געבראַכט צו זיך אַהיים אין די קישעלעך און האָט עס באַוויזן טעלן. פון אָנהויב האָט עס טעל מער אָדער ווייניקער רואיק אַרומגעשמעקט, נאָר נאָכדעם, אַז ער האָט צווישן די פאַנאַנדערגעוויקלטע קישעלעך דערזען אַ לעבעדיק קינדעלע, האָט ער אָנגעהויבן דערויף זייער שטאַרק צו בילן, בילן און שפּרינגען, אַזוי אַז זי האָט געמוזט אויף טעלן זיך אָנבייזערן, טופּען אויף אים מיט די פיס און שרייען:

— פוי!... פוי!...

נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. טעל האָט זיך באַרואיקט, ווען זי האָט דאָס קינד אַוועקגעלייגט, און האָט איבעראַנייס געשפּרונגען און געמאַכט גרויסע געוואַלדן אַלעמאָל, ווען זי האָט דאָס קינד צוריקגענומען אויף אירע הענט.

אַט אַזוי איז אַוועק אַ וואָך און מער — אַ וואָך פון גרויסע געוואַלדן, אַזוי אַז די שכנים פון די נאָענטע וואוינונגען האָבן זיך אָנגעהויבן קלאָגן אויף איר אין פּאָליציי. דענסטמאָל איז איר, פרוי גינטער, געבליבן ניט מער, ווי קויפן צו טעלן אַ רעכטע לעדערן־געפלאָכטענע בייטש, ווייל אין יתומים־הויז האָט זי זיך פאַנאַנדערגעשריבן, אַז פריער, איידער דאָס קינד וועט אַלט ווערן צוויי יאָר, וועט זי עס ניט אָפּברענגען, און אַז מע שרייבט זיך פאַנאַנדער, דאַרף מען אויספילן, ניכט? ניכט וואָר?... מיט דער בייטש האָט זי אָנגעהויבן שלאָגן טעלן יעדעס מאָל, וואָס ער הויבט אויף אַ געוואַלד, פאַרוואָס זי נעמט דאָס קינד אויף די הענט. פון אָנהויב האָט זי אים געשלאָגן זייער לייכט, נאָר וואָס מער טעל האָט געבילט, אַלץ מער איז אין איר געוואָקסן די איינגעשפּאַרטקייט אים אויסצולערנען, אַז אים זאָל ניט אַרן, וואָס זי האַלט דאָס קינד אויף די הענט. זי האָט אים וואָס אַ מאָל אַלץ שטאַרקער מיט דער בייטש געשלאָגן, ביז זי האָט אים אויסגעלערנט: בעת זי נעמט דאָס קינד אויף די הענט, זאָל ער וויסן, אַז ער דאַרף אַוועקגיין אין קיך און זיך דאָרט אַוועקלייגן אונטערן טיש אויפן טעפּיכל. די ערשטע צייט האָט ער, ליגנדיק דאָרט אויפן טעפּיכל, איר נאָך אַלץ נאָכגעקוקט מיט די אויגן און אַלעמאָל, ווען זי האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט, האָט ער דאָרט געמאַכט: בעררררר... בעררררר!... ווי ער האָט עס געמאַכט איצט, ווען ער — זאַרעמבאַ — האָט זי געוואָלט אָנגעמען פאַר דער האַנט. נאָר ביסלעכווייז האָט ער אויך דאָס אויפגעהערט צו מאַכן. ער איז געוואָרן אַ נאָכלעסיקער, שטילער הונט. ער איז שטענדיק געלעגן אין קיך אונטערן טיש מיט אַן אַוועקגעלייגטן קאָפּ אויף די אויסגעצויגענע פאָדערשטע לאַפּעס און מיט צוגעשלאָסענע דרעמלענדיקע אויגן, אַזוי אַז אַלע שכנים האָבן דאָס באַמערקט. אַלע שכנים האָבן

אויף אים געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ פוילער. „פוי, טעל,“ — פלעגן זיי צו אים זאָגן, — „פאַול־פעלץ“. טעל פלעגט זיך צו זיי ניט אומקוקן. נאָר אַמאָל פלעגט זי, פרוי גינטער, אין דעם שאָקלען פון זיין לאַנגן עק באַמערקן, אַז ער בענקט... ער בענקט זייער שטאַרק... זי האָט געמיינט, אַז זי איז שוין מיט אים פאַרטיק. נאָר איינמאָל, אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן . . .

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז דאָס קינד געלעגן אויפן בעט אין די קישעלעך און געשפּילט זיך מיט זיין אייגענעם פּויסטל, געשטופּט דאָס פּויסטל צו זיך אין סליונעוודיקן מיילעכל. זי, די פרוי גינטער, האָט זיך דערמאָנט, אַז עס פעלן איר נאָך אייניקע זאַכן צום מיטיק און אַז עס איז שוין באַלד צען אַזייגער, באַלד וועט מען שפּייז־קראָמען שליסן. זי האָט צוגעמאַכט די טיר פון שלאָפצימער, וואו דאָס קינד איז געלעגן, און אַליין איז זי געשווינד אַראָפּגעלאָפן אין קרעמל.

איז אָט . . . דענסטמאָל איז עס געשען. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, ווען זי האָט זיך אומגעקערט, איז שוין געווען נאָך אַלעמען: טעל איז געלעגן ווי תמיד, אויפן טעפּיכל, וואָס אונטערן קיך־טיש, נאָר די טיר אין שלאָף־צימער איז געווען אָפן, און אויפן דיל איז געלעגן דאָס קינד טויט, פאַרבלוטיקט, מיט אַן איבערגעביסן העלדזל... זי האָט אויפגעהויבן אַ געוואַלד. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן די שכנים. די פּאָליציי איז, פאַרשטייט זיך, אויך באַלד געקומען. מע האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. דער אויספאָרשונגס־ריכטער איז, פאַרשטייט זיך, אויך באַלד געקומען. ער האָט אויך געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. טעלן האָט מען אויף אַ פּאָר טעג צוגענומען אין פּאָליציי, נאָר נאָכדעם האָט מען אים אָפּגעבראַכט צוריק — דער וועטערינאַר האָט אויסגעפונען, אַז טעל איז אַ געזונטער הונט — ער איז ניט משוגע.

די פרוי גינטער דערציילט, ווי זי האָט געוואָרט, עס זאָל זיין אַ פּראָצעס; זי וואַרט נאָך איצט אויך — זי קלאָגט זיך:

— קיין פּראָצעס איז ניט געווען...

אַנטאָן זאַרעמבאָס געשטופּלט פּנים איז פול מיט אומעט און מיט בענקשאַפט — אומעט פון די פיל פאַרגאַנגענע שיכורע נעכט, אומעט פון די שיכורע נעכט, וואָס שטייען אים פאַר. זיינע אויגן האָבן אַרום זיך געשוואָלענע זעקעלעך און קוקן אויף טעלן. די געשיכטע מיטן פאַרבלוטיקטן קינד, וואָס איז דאָ אין צימער געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַן איבערגעביסן העלדזל, דערמאָנט אים אין פיל ענלעכע געשיכטעס אין יענע יידישע שטעטלעך אויף אוקראַינע, וואו ער מיט זיין באַנדע האָבן געקוילעט און געראַבעוועט. בלוט . . . בלוט אין אַלע יידישע הייזער געדענקט זיך אים, בלוט אויף דער גאַס, וואו צווישן צעבראָכן גלאָז און צווישן אַלערליי אַנדערע שמאַטעס און יידישע בעבעכעס וואַלגערן זיך פאַרבלוטיקטע קערפּערס מיט עפּעס אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ — אַ קאָפּ מיט אַ גראָלעך־שוואַרצער באָרד, און אַליין איז מען אַלע צוזאַמען שיכור אָדער ניכטער — ער מיט זיין גאַנצער קאָמפּאַניע, און סיי ווען מע איז ניכטער, סיי ווען מע איז

שיכור, הערט מען ניט אויף צו זינגען דאָס דעמאָלטיק ניי־מאָדנע לידל:

„עפּעלע, עפּעלע!

וואוהין דו קול־ליעסט זיך . . .“

פון גרויס אומעט און בענקשאַפט פאַרגלוסט זיך אים דערציילן דער באַ־ריידעוודיקער באַלעבאָסטע, ווי אַזוי די געשיכטע איז געווען:

— ניכט? — פרעגט ער ביי איר אַלעמאָל איבער, צופּאַסנדיק זיך צו איר אַרט רעדן, — ניכט וואַר?

די גוטמוטיקע און פליייסיקע דייטשקע פאַרשטייט זייער שלעכט זיין צע־בראָכענעם דייטש. איר זיינען אַ סך זאַכן ניט פאַרשטענדלעך, איבערהויפּט איז איר ניט פאַרשטענדלעך, ווער איז שולדיק און פאַרוואָס האָט מען פאַרגאָסן בלוט. קלאָר איז פאַר איר בלויז איין זאַך: אויך אַרום אָט דעם קוואַרטיראַנט אירן האָבן זיך אויף דער פאַדלאָגע געוואַלגערט פאַרבלוטיקטע קינדער — אַ סך, אַ סך פאַר־בלוטיקטע קינדער מיט איבערגעריסענע העלדזלעך.

— נו, און אַ פּראָצעס? — פרעגט זי מיט גרויס אינטערעס ביי זאַרעמבאָן, — אַ פּראָצעס איז געווען?

זאַרעמבאָ שווייגט.

פרוי גינטער קוקט זיך איין אין זיין געשטופּלטן פּנים, פאַרטראַכט זיך, און איר איז דאָ באַנייס עפּעס זייער ניט קלאָר. זי כאַפּט זיך ערגעץ אַוועקגיין.

איצט בלייבן דיביידע אַליין אין קיך — זאַרעמבאָ און טעל. איינער זיצט אויף אַ שטול לעבן טיש, דער צווייטער ליגט אויפן קורצן טעפּיכל און האַלט דעם קאָפּ אויף די אויסגעצויגענע פאַדערשטע לאַפּעס. אַרום איז שטיל. ביידע קוקן זיך אין די אויגן מיט גרויס אומעט, מיט בענקשאַפט.

1924

דוד האָפשטיין

אָקטאָבער

אָקטאָבער!
אַן אָנהויב אַ „אָ“,
אַ ברעג פון אומענדלעכן רונד,
אַ זוים פון אַ זונראָד —
און אותיות אַלע
פון האַנט פון דער גרויסער
און גראָבער:
„אָקטאָבער“.

עס וועלן
חדשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן, —
דיין נאָמען וועט העלן,
דיין נאָמען וועט קלאָרן!

וואו איז ער, דער גאָרנישט,
וואָס ווייסט ניט דיין נאָמען?

וואו איז ער, דער בלינדער,
וואָס וואָגט נאָך אַצינדער
מיט לייקעניש וואָרנען?

און פיינט?
און פיינט אַזוינע,
מיט אַלטע קרוינען
אויף קיילעכיקע קעפּ, געקעכלטע פון דורות,
מיט הוסטן גאָלדענע
פון מילדע ברוסטן,
מיט הערשערישע וואונקען,
מיט איידעלע הענט אין ווייכע הענטשן,
וואָס האַלטן צאַרט
(מיט אָפּגעשטעלטן קליינעם פינגער)
די דראָטן,
וואָס שיקן פונקען
אויף אויפרייסן פון וועלטן!...

אַזוי פיל פיינט!

געבענטשט איז דער, וואָס קאָן עס זיך פאַרגינען
אַזוי פיל פיינט,
און פיינט אַזוינע
ערלעך־שווידערלעך פאַרדינען!

עס וועלן חדשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן —
און אַלע זיי וועלן זיך קערעווען פאַרוואונדערט
אויף דיר,
אויף אָקטאָבער
פון זיבעצטן יאָר
פון צוואַנציקסטן פייער־געשמידטן יאָרהונדערט!

וואו זיינט איר, חדשימלעך דריבנע,
מיט פאַלשגאָלד באַצירטע,
וואָס האָבן מיט חוצפה אָט דאָ געשפּאַצירט
איבער לאַנד איבער גרויסן און גרויען?
איילט גיכער פאַרשווינדן!
וואָס קוקט איר פון שפּעלטעלעך אַרויסעט,
וואָס באַמקעט אייך אונטער
פון קלויסטערשע גלעקלעך?
וואָס רירט זיך דאָרט ווערמיש אין שטויבן,
אין שטויבן אויף פאַלשינקע צעטלעך,
וואָס קנעכטישע רומער אויף שטערנס געניגטע
דאָ האָבן צעטראָגן!

אָקטאָבער!

אַנצאָליקע סטויפּעס,
צעשטעלטע
אין לאַנד אין דעם גרויסן און גרויען
אויף שיידונגען יונגע
פון זיינע אומענדלעכע וועגן —
זיי לויפן,
זיי בייגן די קעפּ אָן,
זיי קניען,
זיי בעטן:

אַ זכיה צו האָבן,
אַ שפּענדל צו ווערן
פון וועלטישן מאַסט־שטאַנג,
וואָס וועט אויף דער שיידונג פון תקופות

דערהייבן דיין אויפשריפט
און וועט זיי, די תקופות,
דורך וואָלקנס באַווייזן:

„אָקטאָבער“.

אַן אָנהויב אַ „אַ“,
אַ ברעג פון אומענדלעכן רונד,
אַ זוים פון אַ זונראָד, —
און אותיות אַלע
פון האַנט פון דער גרויסער
און גראָבער:

אָקטאָבער!

1919

איציק פעפער

איבער שטעט און דערפער גייען שוואַרצע וואָלקנס

1

איבער שטעט און דערפער גייען שוואַרצע וואָלקנס —
פאָרן אויף די פראַנטן בלאַנדע קאַמסאַמאָלקעס.

אַ ציגאַר אין ליפּן — אויף דער זייט דאָס היטל—
בלאַנדע קאַמסאַמאָלקעס פון דערפל און פון שטעטל.

פון דערפל און פון שטעטל, פון נאַקעט און פון חורבות,
בלאַנדע קאַמסאַמאָלקעס — הונגעריק און באָרוועס.

פון אַלע זייטן שפּאַרט דעניקין און פּעטליורע —
זיינען קאַמסאַמאָלקעס אויפן פראַנט געפאָרן.

ווארעם זיינען הערצער, ווארעם זיינען אויגן —
זיינען קאַמסאַמאָלקעס אויפן פראַנט געפלויגן.

וואָס אַ טאָג איז שווערער, וואָס אַ טאָג איז ליבער —
ליגן אויסגעוואָרפן יאַטן איבער גריבער.

ליגן אויסגעוואָרפן יאַטן, קאַמסאַמאָלקעס.
ערגעץ גייען פאָלקן, ערגעץ שיסן פאָלקן.

איז אַ יאָט געפאַלן, ליגט אַ יאָט אין וואונדן —
מיט אַ ווייסן פאַרטעך וואונדן צוגעבונדן.

אויפן פראָנט געגאַנגען, פונעם פראָנט געקומען
וויפל יאָטן הייסע, וויפל ליבע נעמען...

איבער שטעט און דערפער שווימען ניט קיין וואָלקנס —
פאַרן פון די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

2

שטייט אַ צוג. וואַגאָנען און וואַגאָנען.
ביים אַריינגאַנג ליגט אַ מידע נאַכט.
חברה. מיידלעך. רייען. פאָנען.
קאָמיוגיסטן פאָרן אָפּ אין שלאַכט.

קומט מען. שטייט מען. ביז מע וועט באַלייטן
אויף די פראָנטן חברה פון קאָמיוג;
נאָכדעם וועט אין סטעפּ אין קאַלטן און פאַרשנייטן
יאָגן ערגעץ ווייט אַ שוואַרצער צוג.

גוט איז דאָרט, וואו ס'איז ניטאָ קיין שוועלן,
גוט און פריי איז נאָר אין ווייסן סטעפּ.
קאָמיוגיסטן, ביקסן און שינעלן
מיט בודיאָניס היטלען אויף די קעפּ.

לויפט אַ צוג. וואַגאָנען און וואַגאָנען.
נאָכן צוג לויפט נאָך אַ מידע נאַכט.
שרייען יאָטן. זינגען יאָטן. ווייען פאָנען.
קאָמיוגיסטן פאָרן אָפּ אין שלאַכט.

א. קושנירָאָוו

ראָסייאַ

ווער וועט אונדז דערציילן, ווער וועט אונדז באַוואוסטיקן
פון געשעענעם און פון געזעענעם...
יאָ: ראָסייאַ, קויטיקע און מיסטיקע,
ס'האָבן ניט פאַרשאַרט דיך
וועלטס פאַרשטויבטע בעזעמער.

ניט פאַרשאַרט דיך, נאָר די האַרטע ריטעלעך
אויסגעריבן און צעזייט אויף דיר בייזווילנדיק...
אָי, געדיכט צעזייט און אויפגעגאַנגען שיטערלעך —
ניט דיך בייגעקומען, ניט פאַרטיליקט דיך.

מעג זיך וועלט נאָך עקשנען,
מעג זיך וועלט ניט רעכענען
ניט מיט דיינע אמתן, ניט מיט דיינע ליידן, —
רויכיק, אָבער ליכטיק ברענען פעסער פעכענע,
וואָס דו האָסט אָנגעצונדן אויף דיין גרויסן שייד־וועג.

ניט דער גיבור שמשון אין זיין לעצטן ראַנגל
טרייסלט אויף די זיילן פון זיין פיינטס פעסטונג —
דאָס האָסטו, מיין לאַנד,
די וועלט באַראַשט מיט קלאַנגען,
וועלכע שטייגן היינט פון דיינע גלאָקן־נעסטן.

אונטער הויכע הימלען, איבער וועלטנס ענדן,
ניט קיין כמאַרעס רינגלען, ניט קיין ווינטן רעדערן...
אָי, דאָס פליען אויף
און וויכערן אויף לענדער
פון דיין שוואַרצן אָדלער אויסגעפליקטע פעדערן.

און פון פייער־בליצן שנעלער נאָך און פלוצלינגער,
ליכטיקער און פאַרביקער פון מענטשישע באַגערן,
האָט אויף ערדן אויפגעשיינט
דיין פינפשפּיציקער,
דיין נצחונדיקער פייערדיקער שטערן.

1919

שמואל גאָדינער

אַריבער די דאָרפישע פאַרקאַנעס

(פונעם ראָמאַן „דער מענטש מיט דער ביקס״)

צו בידאָוועכאַטקע צו איז דער אָטריאַד געקומען אין איינעם אַ שפּעטן אָונט, אינמיטן ווינטער.

פאַרנאַכט האָט דער פראָסט זיך געשטאַרקט, דער הימל האָט זיך ווינטערדיק גערויטלט און געגליט — עמעצער האָט אויף נאָענטן מערב דעם גאַנצן הימל־געוועלב אונטערגעצונדן און באַשאָטן אים מיט רויטלעך־גליענדיקן גרויען אַש. — דער שניי, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געפאַלן, איז ניט געוואָרן, און אין די אייזיקע הינטער־קעלערס פונעם צפון האָבן זיך שאַרפע ווינטן אין לופטיקע רייטער־מחנות אויסגעשטעלט און געקליבן זיך אין מאַרש אַריין — הערשס אָטריאַד דעריאָגן.

דאָס דערפל בידאָוועכאַטקע איז געלעגן צעוואָרפן אויף אַ בערגל, און פונדערווייטנס האָט עס אויסגעזען, ווי אַ טונקל היטל מיט בלישטשענדיקע רויטע קנעפּלעך־פייערלעך האָבן פון דערווייטנס געשיינט און ווי־ניט־ווי אַ טראָפּן געוואָרעמט די פאַרגליווערטע גלידער פון די רייטער.

אָבער ווען די רייטער זיינען נעענטער צו דער ראָגאַטקע פונעם דערפל צוגעקומען, האָבן זיי געטראָפן דאָרטן ניט מער ווי איין האַלב־דערפרוירן היטל אויפן ברייטן אַריינפאָר־וועג.

דאָס היטל האָט זיך לכתחילה שטאַרק פאַרחידושט: עס האָט קיין שום רייטער־אָטריאַד דאָ אין דעם פראָסטיקן אָונט ניט דערוואַרט. עס איז צוגעלאָפן צום אָטריאַד, אַ דריי געטאָן מיטן ווידל, פון אַ פערדס צופעליקן כראָפּע מיט דער נאָז אָן אַ זייט זיך אַ וואָרף געטאָן, באַרואיקט זיך, ווידער צוגעלאָפן צו די רייטער, אַ ווײַלע געקוקט פאַרלעגן אויפן נאָענטסטן רייטער, און, ווען דעם היטל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער רייטער האָט צו אים אַ פריילעכן וואונק געטאָן, האָט עס אַ פריילעכן וואָיע געטאָן. אויפן וואָיען האָט אומזיכער געענטפערט מיט אַ צוויי־דריי אָפּגעהאַקטע געבילן אַ הונט אויף דער קייט אין אַ הויף אין עק דאָרף. דאָס פאַרוואָרלאָזטע היטל האָט זיך דערמיט דערפרייט און צעשאָטן אין דער פראָסטיקער לופט אַ שנירעלע פריילעכע געבילערייען, ווי טרוקענע אַרבעסלעך אויף אַ בלעך. די שכנישע הינט האָבן דערויף געענטפערט אייליק און בייז.

איצט האָט שוין דער גאַנצער עק דאָרף הינט געבילט פאַרשיידנשטימיק און הילכיק, און דאָס היטל לעבן דער מחנה האָט זיך ווידער פאַרלאָרן. עס איז געשטאַנען, געטאַנצט אויף די הינטערשטע פיסלעך, געדרייט מיטן ווידל, געקוקט אויף די רייטער, געקוויטשעט און פאַרגאַנגען זיך אין זיין הינטישן געוואָי.

דער קוויטש זײַנער איז נאָך אַלץ געווען אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער דערפון, וואָס דער שאַרפּווינטיקער אָוונט האָט מיטאַמאָל און אומגעריכט געבראַכט צו אים אין זײַן הײמלאָז אַזויפיל וואַרעמע לײַבער פון מענטשן און פערד — אַזש די לופט האָט זיך אַרום מיט אַ דאַמף אָנגעפילט.

דער געביל פון די דאָרפישע הינט איז געוואָקסן אַלץ העכער און בייזער, אַלץ טיפער אין דאָרף אַרײַן. דאָס גאַנצע דאָרף הינט איז אויף די פיס אויפגעשפּרונגען און די מײַלער זייערע אין האַקנדיקן, הינטישן געביל אויפגעריסן. דעמאָלט האָט דאָס הינטל, וואָס איז אויפן וועג געווען, זיך אַ לאָז געטאָן פאַראויס די רײַטער מיט אַן אָנאויפהערלעכן הילכיקן געביל אַנטקעגן די דאָרפישע הינט און צוזאַמען מיט זיי זיך אַ לאָז געטאָן צוריק אויף הערשס אַטריאַד.

ווײַזט אויס, אַז צו דער געהעריקער מינוט האָבן פויערשע הענט די הינטישע העלדזער פון די קייטן באַפרײַט און די הינטישע פיס זײַנען שוין איצט ניט געצאַמט געווען צווישן די פּאַרקאַנעס פון די דאָרפישע הויפן. אַ ריזיקע מחנה הינט האָט זיך איצט געדרייט און געווירבלט מיט אויפגעריסענע האַקנדיק־האָווקענדיקע מײַלער אַנטקעגן דעם אַטריאַד. אַלע פײַערלעך אין די פענצטערלעך האָבן זיך אײַנס נאָך אײַנס מיטאַמאָל אויסגעלאָשן און אַלע שײַבעלעך זײַנען בלינד געוואָרן.

אָט אַזוי האָט בידאָוועכאַטקע באַגעגנט הערשס אַטריאַד.

הערש איז צו אַזאַ מין באַגעגעניש ניט צוגעגרייט געווען און אין דער ערשטער רגע זיך אַפילו פאַרלאָרן אַ טראָפּעלע.

— מוזיק... מיט מוזיק באַגעגנט מען אונדז! — האָט ער צו אַקונען אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, — האָט אַקון קאַלט געענטפערט, — עפּעס מוז באַטייטן די דאָזיקע מוזיק.

— וואַסיוטקע! — האָט הערש אַ רוף געטאָן, — וואַסיוטקע! שמייס אַלס קוואַרטיריער אין דאָרף אַרײַן!

— פאַראָן! — האָט וואַסיוטקע פריילעך אויסגעשריען אויפן מאַטראָסישן שטייגער (אויף מיטינגען דאָס וואָרט געפּאַקט). — נאַסטינקע, — האָט ער צום פערד אַ זאָג געטאָן, — היידאַ!

נאַסטינקע האָט זיך מיט דער ברוסט און מיט די פאָדערשטע פיס פאַראויס אַ ריס געטאָן, אַ פּאָך געטאָן מיט די אויערן און מיטן עק אויפן הינטישן געביל און אָוועקגעטראָגן זיך. די הינט האָבן זיך נאָך נאַסטיען מיט איר רײַטער אָוועקגעלאָזט. זייער געביל האָט זיך איצט נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט. זייער געביל האָט זיך איצט געטראָגן צום דאָרף ווי אַ געפּאַר־געשריי.

אַנטקעגן וואַסיוטקען איז פון דער דאָרף־פינצטערניש אַרויסגעריטן אַ רײַטער מיט אַ ברענענדיקן שטורקאַטש אין די הענט. וואַסיוטקע האָט דעם רײַטער מיטן שטורקאַטש נאָך פון דערווײַטנס באַמערקט און איז געבליבן שטיין אינמיטן געלאָף אַ געפּלעפּטער.

— וואָס איז עס פאַר אַן אָנשיקעניש? — האָט ער בײַ זיך אַליין אין דער

פאַרהאַמעוועטער רגע אַ פרעג געטאָן און גלייך אַ לאָז געטאָן זיך אויפן רייטער.

אויפן פערד איז געזעסן אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד.

— היי, זיידע! — האָט וואַסיוטקע צום רייטער אויסגעשריען, — וואָס האָט דאָ פּאַסירט ביי אייך?

דער רייטער האָט זיך וואַסיוטקען פּאַפּערעק אין וועג געשטעלט און גאָרנישט ניט געענטפערט. די הינט זיינען פון וואַסיוטקען נאָך פריער אָפּגעשטאַנען און ווען זיי האָבן דערזען דעם רייטער מיטן ברענענדיקן שטורקאַטש אין די הענט, האָבן זיי זיך צוריק צו דער מחנה אַ לאָז געטאָן און איצט האָט זיך פון דאָרטן זייער שאַרפער געביל דערטראָגן, ווי דער אָפּהילך פון אַ ווייטער שלאַכט.

אויף אַ ווייסן פערד איז געזעסן אַן אַלטער פּויער. זיין ווייסע באָרד האָט זיך געבלייכט ווי אַ צעשמאָלצענע און צערונענע לבנה. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רייזיק־ברייטן פּעלץ. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שאַפּן היטל מיט לאַנגע, שוואַרצע שאָפּן־קודלעס. ווי אַ געניטער רייטער האָט ער געהאַלטן דאָס ציימל אונטער צוויי פינגער פון דער לינקער האַנט. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן. אויפן שטעקן איז געווען אָנגעבונדן אַ רעדנע, אויסגעווייקט, אַפּנים, אין נאַפּט. די רעדנע האָט געפלאַמט און געטריפט מיט טראָפּנס פייער און פיצלעך האַלב־פאַרברענטן שטאָף. די טראָפּנס פייער זיינען געפאַלן אויפן שניי, עטוואָס קירצער פון אַ ווילע בלוי געגליט דאָרט און געלאָשן זיך.

דאָס בילד איז געווען גאַנץ אָנציענד, און וואַסיוטקע האָט זיך אויפן אַלטן פאַרקוקט אַ טראָפּעלע לענגער ווי געוויינלעך. אָבער גלייך האָט ער זיך דערויף געכאַפּט, אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז קיין שום אויסטערלישעס איז דאָ ניטאָ — אַ פּויער אויף אַ פערד — און גאָר! — און אויסגעשריען צום אַלטן:

— וואָס קומט דאָ פאָר? ווער וואוינט דאָ אין דאָרף? אַנטיקריסטן צי געצנ־דינער?

— זון, האָט דער אַלטער טאַטיש געענטפערט, — דאָ וואוינען קריסטן... פאַרקערעווע פונדאַנען...

— זיידע, — האָט אים וואַסיוטקע דערויף פריילעך געענטפערט, — און נעכטיקן וואו זאָלן מיר? דרויסן? און צודעקן מיט וואָס זאָלן מיר זיך... מיטן ווינט? האָ?

— צי איר מיטן ווינט, צי דער ווינט מיט אייך, דאָס גייט אונדז ניט אָן... אונדז . . . לאָזט צורו . . . אַזוי האָט קהל באַשלאָסן!...

— נו, איז אָט וואָס, זיידע...

וואַסיוטקע איז נעענטער צוגעריטן צום אַלטן, אָנגעבויגן זיך צו אים און לויט זיין רגילות נאָך געוואָלט אַ גלעט טאָן דעם אַלטן איבער דער ברוסט (אָט ווי ער האָט געגלעט דעם שעף פון דער סטאַנציע סטאָס: „שיסן — דאָס איז ווערט אַ שפּיי...") און אָנגעטאַפּט דאָרטן אַ רימען. וואַסיוטקע האָט דעם רימען אַ ציִ געטאָן און דערהערט דעם וויכן קלאַפּ פון אַ ביקס אָן דעם אַלטנס פּלייצע. וואַסיוטקע האָט אָפּגעלאָזט דעם אַלטן און אַ פליגקן קערעווע געטאָן זיך אויף

זיין פערד. אויפן אַלטנס פּלייצע איז ווירקלעך אַ ביקס געהאַנגען. דאָס האָט וואַסיוטקען אַריינגעוואָרפן אין אַן אויסערגעוויינלעכן אַגיטאַטאָרישן קורזאַש.

— האַ־האַ! — האָט וואַסיוטקע אויסגעשריען. — דו באַנעם אַקאָרשט וואָס דו טוסט, זיידע.. אייל זיך ניט... איך וועל צוואָרטן... באַנעם... מענטשן... סאָלדאַטן... קאָזאַקן... גייען... פון דער מלחמה אַהיים... דער פּראָסט מיטן ווינט איז אַזאַ, ווי דער אַנטיקריסט אַליין וואָלט זיי ספּעציאַלנע ביי יעזוסן באַשטעלט, ספּעציאַלנע פאַרן אָרעמען און נאַקעטן פאָלק, וואָס האָט זיך דריי יאָר מיט אַ סמיטשעק אין די אַקאָפּעס געוואַלגערט... אַצינד באַנעם, וואָס דו טוסט, און הער מיך אויס מיט קאָפּ... אָרום און אָרום איז נאָענט קיין ישוב ניטאָ... מענטשן און פערד דאַרפן זיך אָפּרוען? דאַרפן... און דווקא אומבאַדינגט באַדאַרפן זיי עסן... איז וואו נעמט מען אַ וואָרעמען אָפּרו, אויב ניט אין אַ דאָרף? האַ? איז אַנשטאָט אונדז מיט ברויט און זאַלץ באַגעגענען, מיט אָפענער טיר — „קומט, ברידערלעך, זינעלעך, אויסגעמאַטערט האָט איר זיך, קומט, וואָרעמט זיך אָן!" אַנשטאָט דעם — וואָס טוסטו? האַ? דו לאָזסט אַרויס די הינט אויף אונדז — איינס! דו לויפסט אַנטקעגן אונדז מיט אַ שטורקאַטש אין די הענט — צוויי! דו האָסט אויפגעהאַנגען אויף דיין אַלטער פּלייצע אַ ביקס קעגן אונדז — דריי! דו באַנעם: צו אַ ישוב איז פונדאַנען גאַנץ ווייטלעך... איז וואָס זאָלן מיר איצט מיט דיר טאָן? אַ מלחמה פאַרפירן? איז גאַנץ פּשוט, זאָג אָפן! עפּענען מיר באַלד אַ פייער און... אדרבא... מירן זען, ווער ס'עט צו וועמען שלום־שלוחים שיקן... האַ?

— שוין? אָפּגערעדט? — האָט דער אַלטער רואיק געענטפערט, — איז הער־זשע, זון. מיט דער גאַנצער באַלבעריי דיינער וועסטו קיין איין טיר דאָ ניט עפענען. האָסטו עס באַנומען? איז פאַרקערעווע.

— און אויב ניט?

— וועסטו שפּעטער זען!

— נו, מילא... גוט... — האָט וואַסיוטקע שטיפעריש אַ זאָג געטאָן, — מיט גוואַלד וועסטו זיך אין ליבע ניט איינקויפן. נאַ, — האָט ער מיט אַ האַנט איבערלופטן אַ פאָכע געטאָן, — אַדיע דערווייליע ביז וואָס ווען... — און פאַרקערעוועט צום אָטריאַד.

דער אַלטער איז זיכער געווען, אַז זיין ביקס מיטן שטורקאַטש, און, איבערהויפּט זיין שטרענגער קול פון אַן אַלטן אונטער, האָבן ווירקלעך אָפּגעשלאָגן דעם חשק ביים סאָלדאַט צו אַריין אַהער קיין בידאָוועכאַטקע אויף נאַכטלעגער. דער אַלטער האָט דעריבער שוין געהאַלטן די היינטיקע נאַכט פאַר אַ זיכערע און רואיקע — בידאָוועכאַטקע וועט באַלד שלאָפן גיין, אַ פּאָר דאַזאָרעס באַר וועט מען שפּעטער אַביסל דאַרפן אויסשטעלן אויף די צוויי ראָגן פון דער דאָרפישער גאַס. דער אַלטער האָט דעריבער פאַרקוועטשט זיין שטורקאַטש אונטערן אָרעם, אַראָפּגענומען זיין שאַפּן היטל און דריי מאָל ברייט און מיט גוטער כוונה זיך איבערגעצלמט. צווישן דעם צווייטן און דריטן צלם איז אים פּלוצים איינגעפאַלן, אַז דער געביל פון די הינט לעשט זיך. ער האָט זיך צוגעהערט אַ ווילע. ווירקלעך: דער געביל פון די הינט האָט זיך געלאָשן און איז געפאַלן, ווייזט אויס

דער שונא איז אָפּגעטראָטן אָדער געבליבן שטיין! דער אַלטער האָט זיך צום דריטן מאָל נאָך ברייטער איבערגעצלמט און פריילעך און שטרענג אַ הוקע געטאָן:

— אָפּאַלטשענצעס בידאָוועכאַטקער! — האָט ער הויך אויסגעשריען.

פון הינטער דער אָוונט־טונקלקייט, פון הינטער דער ראַגאַטקע, פון הינטער די ביי־ראַגאַטקישע פּאַרקאַנעס, פון הינטער די נאָענטסטע דאָרפישע שטיבער, שטאַלן, שפּייכלער, פון הינטער די סקירדעס היי און דאָרפישע ווינטמילן האָבן זיך אָפּגעקלעפּט אַנגעפּעלצטע טונקעלע פוילרשע פיגורן. די פיגורן האָבן געשפּאַנט אַהער אומזיכערע און וואַקלדיקע, געהויקערטע אין פּחד און ציטער פאַר יענער זייט וועג, פונוואַנען עס קאָנען מיטאָמאָל קומען צו לויפן, מיט מערדערישע צורות, מיט שווערע רימענע נאַהייקעס און צום צענטן מאָל איבערקערן דאָס דאָרף מיט די שטרויענע דעכער קאַפּויר און צום הונדערטסטן מאָל צונעמען די לעצטע הון, דעם לעצטן חזיר, דאָס לעצטע ביסן פון מויל און אַ פּאָר צענדליק יונגע פויערים, נאָר־וואָס פון דער מלחמה געקומענע, פאַר דזשורטירסטווע — „די מלחמה האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, פאַררעטער!“ — פאַרן רויטן האָן, וואָס האָט זיך אין די פריילעכע טעג דורכשפּאַצירט אין דערנעבנדיקן פּריצישן פּאָל־וואַרעק.

— פּאָליקאַרפּיטש, — האָבן די פיגורן הייזעריק געכריפּעט, — פּאַרלעש דעם שטורקאַטש! זאָל דער שונא ניט זען אונדזער כּוח, וואָס מיר פאַרמאָגן!

— פּאַרלעש!

— ר׳זאָל זיך ניט דערוויסן...

— ניט קאָנען אויסשפּירן...

זיי זיינען געקראָכן אַהער, די פיגורן, צו פּאָליקאַרפּיטשן, וואָס איז אויפן ווייסן פערד געזעסן, צו דער ראַגאַטקע, צו די פּאַרקאַנעס ביי דער ראַגאַטקע. זיי האָבן געוואָלט ניט מער ווי פאַרהיטן די שוועל פון זייערע זויערע, פאַרמיסטיקטע, דאָרפישע נעסטן. זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט העק, מיט קאָסעס, מיט היי־גאָפּלען, מיט אייזערנע און הילצערנע דרענגער, מיט לאַנגע לייכטע רייטער־שפּיזן. אייניקע פון זיי האָבן געהאַט ביקסן.

— פּאָליקאַרפּיטש! פּאַרלעש... פּאַרלעש... — האָבן זיי הייזעריק געכריפּעט.

נאָר פּאָליקאַרפּיטש האָט איצט אויף זיי בלויז איין בליק געוואָרפן. ער האָט פּלוצלונג פאַרלאָרן די זיכערקייט זיינע דעריך, אַז די סאָלדאַטן וועלן אַהער אויף נאַכטלעגער ניט קומען. צו פריילעך איז דער סאָלדאַט פון אים אַוועק... עפּעס ניט ענלעך איז ער גאָר אויף די אַלע סאָלדאַטן, וואָס זיינען ביז איצט דורך בידאָוועכאַטקע אַדורך... יענע האָבן אים פאַר דער באָרד געשלעפּט, און דער האָט... אַ רעדע אָפּגעבאַלבעט און איז אַוועק... עפּעס איז עס ניט גלאַט... אַ כּוח מוזן זיי פאַרמאָגן אַ גרויסן... ניין... דעם מאַניפעסט וועגן שלאָפן גיין וועט ער איצט ניט אַרויסלאָזן... אַ פייער, זאַגסטו, וועסטו עפענען, — האָט דער אַלטער זיין בליק אין דער טונקל פון דער פראָסטיקער נאַכט פאַרוואָרפן, — עפּן... מיר זיינען אַלטע מלחמה־לייט... און... דער אמת... דער געררעכטער... געווינט... ניט געווען נאָך קיין מלחמה אין וועלכער דער ניט־גערעכטער זאָל אַ נצחון אָפּהאַלטן...

יאָ . . .

און אַנשטאָט צו שיקן זיינע אָפּאָלטשענצעס שלאָפן גיין, האָט ער צו זיי גאָר אויסגעשריען:

— ציך!... וואָס זייט איר אַרויסגעקראָכן פון אייערע פּאָזיציעס? ווער האָט באַפוילן? לייגט זיך אויס אַלע אָט־אַ־דאָ... ביים שלאַגבוים... פּאַזע די פּאַר־קאַנעס... מאַכט זיך גרייט... אפשר וועלן מיר גאָר באַלד דאַרפן אין אַטאַקע אַרויס... נו!...

אויפן הימל האָבן זיך שטערן געצונדן און געלאָשן. דער ווינט האָט זיי געלאָשן. קיין שום מיסטישעס און איבערנאַטירלעכס איז דאָ ניטאָ. איינפאַך: דער ווינט האָט הורדעס וואָלקנס געטריבן אויף די שטערן און פאַרדעקט זיי, און אויף דער ערד האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שטערן לעשן זיך — דער ווינט לעשט זיי. דער געביל פון די הינט איז געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער און — דוכט זיך — וויטער. די פּויערים האָבן אומרואיק, ווי זיי וואָלטן ווירקלעך פאַר אַ שלאַכט געהאַלטן, ביים שלאַגבוים אַרומגעשמאַיעט, ביי די דערנעבנדיקע פאַרקאַנעס אויסגעלייגט זיך, צו דער ערד זיך צוגעקלעפּט, מיט טונקל פון נאַכט זיך צוגעדעקט, ניט געוואָרן, פאַרטייעט זיך און געמאַטערט זיך צו אָטעמען ניט הילכיקער פאַר דער ערד, פאַר דער נאַכט, פאַרן פראָסט. דער אַלטער איז פון זיין פערד אַראָפּגעקראָכן, אַליין אָנגעפירט מיט פאַרנעמען די פּאָזיציעס, געשלעפּט די פּויערים פאַר די אַקסלען: — אַהער! אַהער! — אַנדערע מיט די פיס גע־שטורכעט, קיין אָרט פאַר זיי ניט געקאָנט געפינען און ביסלעכוויז, אין געטומל, אין געזידל, קלאָר געמאַכט פאַר זיך אַליין ווער וואו עס דאַרף ליגן און שטיין.

די אַכט מאַן, וואָס זיינען מיט ביקסן באַוואָפנט געווען, האָט ער אויסגעשטעלט אין דער ערשטער ליניע: — „ווי נאָר עס וועט זיך דערהערן פון שונאס זייט דער ערשטער שאָס — עפנט גלייך אַן אָרגאָן — פייער!...“ — אין דער צווייטער ליניע האָט ער אויסגעשטעלט די עטלעכע פּויערים מיט די קאָזאַקישע פּיקעס, אין דער דריטער — די פּויערים מיט די העק, מיט די אייזערנע דרענגער; רעכטס און לינקס האָט ער אויסשפּירער אַרויסגעשיקט און אַליין האָט ער אַוועק־געשפּאַנט הין און צוריק איבער זיינע פּאָזיציעס, אָפּגעשטעלט זיך, אַרויסגעוואָרפן פאַראויס זיין שטורקאַטשע, צוגעשטעלט דעם הויפן צום שטערן — אַ דעכעלע זיך געמאַכט צו קאָנען גוט פאַנאַנדערקוקן און זען, וואָס עס טוט דער שונא.

און דער „שונא“ איז געזעסן אויף די פערד און קורצע, אומגעדולדיקע שמועסן געפירט וועגן אָוונטברויט און נאַכטלעגער.

אויפן האַלבן וועג פון דער ראַגאַטקע צו דער רייטער־מחנה האָט זיך וואַסיוטקע פּלוצלונג געגעבן אַ הויב אונטער אויף זיין זאָטל:

— אָט האָסטו דיר! — האָט ער זיך אַליין אין געדאַנק אַ זידל געטאָן. — דו ביסט שוין פאַרטיק... אָפּגעהאַלטן אַ רעדע פאַר איינעם עפּעס אַ מטורפן אַלטן און טראַגסט זיך צוריק צו די רייטער־לייט... און נעכטיקן וואו וועלן זיי, דו הונט מיט אויערן איינער, האַ?...

ער איז אַזש רויט געוואָרן פון בושה פאַר זיך אַליין, וואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויפן אַלטן געקאָנט פאַרטראַכטן, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן אַן זיין

אויפגאַבע. עס איז אים איצט נרינג און פריילעך געוואָרן פונעם געדאַנק, אַז ער איז ניט געקומען קיין לײדיקער צוריק אין אָטריאַד, אָט וועט ער באַלד אויסקערעווען זיין נאַסטינקע און געפינען שוין אַ וועג אין דאָרף אַריין... זאָלן זיי פרואוון אַ פיפס טאָן דעמאָלט...

ער האָט זיך פאַרקערעוועט אויף לינקס, אַוועקגעשפרונגען ווייט אין פעלד, אויסגעזוכט עפעס אַ שטעגעלע און מיט דעם שטעגעלע אַוועקגעריטן. דאָס שטעגעלע האָט אַרומגערינגלט בידאָוועכאַטקע ווי מיט אַ שלייף. וואַסיוטקע איז געקומען צו זיין רייטער־אָטריאַד פון דער צווייטער זייט, פון הינטן. דער אָטריאַד איז אומגעדולדיק געשטאַנען אויף איין אָרט. די רייטער זיינען שוין לאַנג געהאַט אַראָפגעקראָכן פון זייערע פערד, אומגעטאַנצט מיט די ציימלעך אין די הענט, זיך געשטויסן פלייצע אָן פלייצע, און פאַשקע פעטושקין האָט מיט אַ קליין שליכט־פיילכל אין דער ליכט פון די שטערן געפיילט דעם שאַרפן טשוואָק, וואָס איז אונטער אַ גלייכן ווינקל אין שפיץ פון זיין פיקע געווען אַריינגעזעצט. דער טשוואָק איז געווען גענוג לאַנג און דין און איז געווען זיין אייגענע, פאַשקעס, דערפינדונג. אין יעדן דערפל פלעגט זיך פאַשקע געבן אַ יאָג נאָך אַן עוף מיט אָט דער פיקע. פלינק פלעגט ער מיט איין מאַך אַריינזעצן דעם לאַנגן טשוואָק דעם עוף אין רוקן אַריין. דאָס עוף פלעגט זיך אַ צאַפל טאָן, אַ פאָך טאָן מיט די פליגלען און פאַשקע פלעגט עס אויפהויבן איבער זיין קאָפ ווי אַ פאָן. אין אַ פאָר שעה אַרום פלעגט פאַשקע מיט זיינע האַרצנס־געליבטע חברים הריזען און זויגן די ביינדעלעך פון דעם עוף און ווייזן דאָס לעכל אין רוקן־ביינדל, וואָס דער האַטשיקל פלעגט אויסדרעלעווען כמעט שטענדיק אין איין און דעם זעלבן אָרט.

אַראָפקריכן פון די פערד האָט הערש באַפוילן, ווען ער האָט באַמערקט, ווי עפעס אַ פייערל טאַנצט אַרום לעבן דער ראָגאַטקע.

איצט, ווען וואַסיוטקע איז צוריקגעקומען פון דער קאַפויערדיקער זייט, זיינען אים די רייטער מיט פראַגעס באַפאַלן. ער האָט קיינעם גאָרנישט ניט געענטפערט. דורכגעשלאָגן זיך גלייך צו הערשן, דערציילט אים וועגן זיין געשפרעך מיטן אַלטן, אָפגעמאָלט דעם אַלטן פון קאָפ ביז די פיס, איבערגעחזרט די גאַנצע רעדע זיינע, וואָס ער האָט פאַרן אַלטן געהאַלטן. און פון דעם אַלעמען האָט הערש קיין שום קלאָרע פאָרשטעלונג דאָך ניט באַקומען.

— ווער־זשע איז אין דאָרף? — האָט ער אַביסל צערייצט אַ פרעג געטאָן.

וואַסיוטקע האָט געשוויגן און געביסן זיך מיט דעם מאַרך זיינעם: „נאַ דיר!... אָט האָסטו דיר!... דאָס... דעם עיקר האָט ער זיך ניט דערוואוסט...“

אַלץ־איינס, — האָט וואַסיוטקע געענטפערט, — אַ וועג אין דאָרף אַריין איז פאַראַן...

— וואַרט צו, — האָט הערש אומגעדולדיק צו וואַסיוטקען אַ זאָג געטאָן. — אָקון, ווען זיינען בעקס קאַוואַלערלעך פון דאַנען דורכגעגאַנגען?

— מיט אַ וואָך צוריק.

— זיי האָבן זיך דאָ ניט געקאָנט פאַרהאַלטן, ווי מיינסטו?

— אַלץ־איינס, — האָט אַקון מעכאַניש געענטפערט, — אין פעלד קאָנען מיר ניט נעכטיקן.

— אַלץ־איינס... אַלץ־איינס... — האָט הערש נאָך מער זיך אויפגערייצט. — וואָס הייסט — אַלץ־איינס? קיין געשלעג טאָרן מיר דאָך ניט איצט פאַרפירן.

— געוויס ניט.

— און אויב בעק שטייט אין דאָרף?

— וועלן מיר אים בעטן אַפרייניקן אַ צענדליק הייזער.

— אין וועמענס נאָמען?

— אין אונדזער אייגענעם.

— און אויב ער וועט ניט וועלן?

— וועלן מיר אים צווינגען.

— הייסט דאָס — אַ קלאַפּ טאָן.

— מעגלעך...

הערש האָט געוואָלט אויסזידלען אַקונען פאַר אַזאַ מין פּלאַנטערן מיט דער צונג, — אַט איז יאָ אַ קלאַפּ טאָן און אַט איז ניט אַ קלאַפּ טאָן, — נאָר אַקון האָט זיך פּלוצלונג אַ שאַרפן קערעווע געטאָן צו וואַסיוטקען:

— ווי מיינסטו, וואַסיוטקע, דער רייטער, וואָס האָט דיך באַגעגנט, איז פון די בידאָוועכאַטקער?

— אומבאַדינגט און קיין שום ספק...

— הערש! — האָט זיך אַקון אַ מאָדנעם פּלינקן קער געטאָן, — ווי האָבן מיר עס זיך ניט געכאַפּט? בעקס אַטריאַד האָט אין בידאָוועכאַטקע אַ שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן... אַט פאַרוואָס מען באַגעגנט אונדז אַזוי...

— אַ שטיקל אַרבעט? וואָס פאַר אַ שטיקל אַרבעט?

— דער טייוול ווייסט אים! אָבער אָפּגעטאָן האָט ער עפּעס זיכער. אַנדערש וואָלט בידאָוועכאַטקע איצט... געכראָפּעט. פאַרשטייסט?

— אַ־אַ! — האָט זיך הערש אָנגעצונדן, אַזש אונטערגעטאַנצט אויף זיין זאָטל. — אַקוניאַק! (שטענדיק רופט ער אים אַזוי אין הייסע מינוטן) אַקוניאַק! דו ביזט דאָך געדעכט... אוי, ווי גערעכט, אַקוניאַק... מע דאַרף עס אויף דער הייסער מינוט אויסנוצן...

— געוויס, — האָט אַקון ווידער שוין קאַלט געענטפערט.

— איך האָב אַ הינטערוועגל צום דאָרף אויסגעפונען, — האָט וואַסיוטקע אין געשפרעך זיך אַריינגעמישט (געפּאַקט די פּאַסיקע מינוט) — אַ פּאָר פאַרקאַנדלעך וועלן מיר נאָר דאַרפן בייקומען.

— וועלן מיר בייקומען! — האָט הערש הילכיק און פריילעך אַ זאָג געטאָן.

— וואַרט אויס... מירן בעקס וויזיטל אויסגעצייכנט דאָ אויסנוצן! אויף די פערד!

— האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. — וואַסיוטקע, בלייב דאָ, דו וועסט פירן.

— די פאַרקאַנעס וועלן מיר לייכט קאָנען בייקומען. אָבער די אַרטילעריע מיטן אָבאָז?...

— ביסט אַ נאַר, וואַסיוטקע! וועלן מיר צעוואָלגערן די פאַרקאַנעס... און וואָס גייט עס דאָ? פיר!

די רייטער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף זייערע פערד. אַ טייל פון זיי האָבן געהערט הערשס געשפּרעך מיט אָקונען. אַ טייל פון זיי האָבן געזען, ווי הערש האָט זיך אין דער שטימונג געביטן, ווי ער איז פּלוצלונג אויפגעלעבט געוואָרן, אַנגעצונדן זיך. זיי האָבן זייער קאָמאַנדיר געקאַנט און געוואוסט, אַז דאָס איז צום גוטן, צום פריילעכן, און זיי זיינען דעריבער אַליין אויך געוואָרן מונטערער און לעבעדיקער.

— אויף די פערד! — האָט זיך הילכיק אין אַלע זייטן געטראָגן און די רייטער זיינען פלינק אויף זייערע פערד געשפּרונגען.

הערש האָט אַ צי געטאָן זיין ציימל אויף לינקס. אויסגעדרייט זיך צו זיינע רייטער:

— היי... ברידערלעך! אַזייגער ניין איז איצט מיסטאָמע.. סאָמע צו וועטשערע זיינען מיר געקומען... און... איר זעט דאָך... מיט מוזיק באַגעגנט אונדז בידאָ־וועכאַטקע.

ער האָט פאַרקערעוועט זיין פערד, אַוועקגעריטן צו דער מיט פון דער מחנה, אַריינגעריסן אין סאָמע מיטן פון די רייען, אומישנע איינעם מיט אַ קני פאַר־טשעפּעט, דעם אַנדערן — מיט אַ זייט, דעם דריטן — מיט אַן עלנבויגן, און יעדן איינעם פון זיי יינגליש־שטיפעריש געזידלט:

— היי, ברודערל... רייטערל... קאַ־וואָלע־ריסט!... ווער אויף וועמען רייט? דו אויף דער קליאַטשקעלע, צי די קליאַטשע אויף דיר? האַ? זעץ זיך, ווי עס באַדאַרף צו זיין! עד־מאָ! נו, מילא... אָט וואָס... ס'עט אויסקומען באַלד אַ פּאָר פאַרקאַנדלעך צו נעמען, און... אפשר... נאָך עפּעס אָפּטאָן... איז ניט גע־דרעמלט! ריין זאָל מיר די אַרבעט אָפּגעטאָן ווערן! און אָט וואָס, ברידערלעך... היי... איר, דאָרטן... געווג געטומלט! הערט! דאָ זיינען בעקס רייטערלעך גע־ווען... האָבן זיי דאָ עפּעס איבערגעלאָזט מיסטאָמע... אַ היפש ביסל טריפערס... איז היט זיך... און ווי זיי האָבן דאָ אַן אַרבעט געטאָן, וועלן מיר שוין שפּעטער זען, אָבער איר וועט אַרבעטן נאָר אַזוי, ווי איך וועל אייך באַפעלן... איז אָט... געהערט, בראַטווא! — האָט ער פּלוצלונג מאָדנע הילכיק אויסגעשריען, און אין זיין שטים איז געווען אי באַפעל, אי דראָאונג, אי חברישע וואָרענונג צו פאַר־היטן זיך פון אַ צרה. — און פּאַשקע וועט דעם האַטשיקל פון זיין פיקע דערוויל אַראָפּנעמען... געהערט, פּאַשקע? נו, איז גוט... און איצט... מאַרש — מאַרש!

דער אָטריאַד האָט זיך אַ לאָז געטאָן. די הינט נאָך זיי. די קעלט האָט ווי פריער געברענט, נאָר איצט איז אין יעדן רייטערס נשמה פּלוצלונג אַ טראָפּעלע וואַרעמער געוואָרן. די טשאַטע הינט האָבן פונדאַסניי זייערע מיילער צעעפנט, פונדאַסניי זייער געביל צעבלאָזן. די בילנדיקע הינט האָבן זיך אָקעגן דער מחנה געטראָגן, געשפּרונגען אויף די פערד, פאַראויסגעלאָפן, צוריק זיך געקערט, מיטן שוים פון זייערע מיילער אויף די פערדישע פיס געשפּריצט. און דער אָטריאַד האָט זיך גאַלאָפּ געטראָגן מיטן זייטיקן שטעגעלע.

ווען דער אָטריאַד האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דער ראַגאַטקע האָט פּאַלי־קאַרפּיטש אין דער שטיל געכריפּעט צו זיינע אָפּאַלטשענצעס:

— מאַכט זיך גרייט! נאָר געדענקט... ווער עמעצער אויסשיסן אַן מיין באַפעל, טאָ זאָל ער שוין פאַראייִנס זיך אַליין אויך פאַרטיק מאַכן... אַזוי באַפעל איך!...

ווען דער אָטריאַד איז אין דאָרף ניט אַריין, נאָר מיט געהוק און געשריי פאַרבייגעטראָגן זיך, זיינען די אָפּאָלטשענצעס אַ ווילע אָפּהענטיק געבליבן און האָבן דערנאָך אַלע מיטאַמאָל אויסגעשריען:

— פאַרביי!...

— געמיטן!...

— ניט געפעלן געוואָרן אונדזער בידאָוועכאַטקע...

— אַוועק.. אַ ליכטיקן גן־עדן זיי...

— הורא, פאָליקאַרפּיטש!

און ווען די ווייכע טופּעניש פון הערשס רייטער־אָטריאַד האָט זיך אַלץ שוואַכער און שוואַכער געהערט, האָבן די פּויערים אָנגעהויבן רופן זייערע הינט צוריק. און די הינט זיינען בילנדיקע, פאַרמאַטערטע, איינציקוויז און טיטשקעס־וויז צוריק געקומען צו לויפן.

נאָר פלוצלונג האָט זיך אַ טופּעניש דערהערט גאָר פון דער קאַפּוירעדיקער זייט, פון הינטער דעם צווינטער, און איידער פאָליקאַרפּיטש מיט זיינע אָפּאָל־טשענצעס האָבן באַוויזן צו באַנעמען, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זיך דערהערט אַ פריילעכע און הילכיקע קאָמאַנדע:

— אַריבער די פאַרקאַנעס — מאַרש — מאַרש!

שטערן האָבן זיך אין הימל געצונדן און געלאָשן. דער ווינט האָט זיי געלאָשן. הערשס אָטריאַד איז אַריבער די דאָרפישע פאַרקאַנעס. די רייטער האָבן מיט אַ פריילעכן געטוק לייכט די פאַרקאַנדלעך גענומען. די אַרטילעריע־רייטוואָגנס האָבן די פאַרקאַנעס איינגעוואָלגערט און צעבראָכן, און הערש, און דער אָטריאַד הינטער הערשן איז געבליבן שטיין אין מיטן דאָרף אַנטקעגן דעם אַלטן צעטומלטן פאָליקאַרפּיטש, וואָס איז מיט זיין פּויערישער מחנה אַהער געקומען צו לויפן.

— אַ גוטן אָוונט! — האָט הערש פריילעך צו פאָליקאַרפּיטשן אויסגעשריען.

— או־או־ו־וך, סאָראָ קעלט! וואָס זיצט איר ניט אין די שטיבער?

— ווער ביזטו? — האָט הערש פייערלעך־שטרענג אַ זאָג געטאָן.

פאָליקאַרפּיטש האָט אַראָפּגענומען זיין ביקס פון די אַקסלען און טעאַטראַל־פייערלעך איבערגעגעבן עס הערשן.

— וואָסי, אַלטער? — האָט הערש ניט באַנומען און אַ וואָג געטאָן די ביקס אין זיינע הענט (אַ פאַרצייטיקע ביקס!).

— איך בין קאָמאַנדיר פון די היגע אָפּאָלטשענצעס, און דו האָסט אונדז אַרומגערינגלט און... געפאַנגען... קומט דיר מיין געווער...

— דריי ניט קיין היטל, אַלטער, — האָט הערש נאָך פריילעכער אַ זאָג געטאָן און אומגעקערט אים די ביקס, — האַלט עס ביי זיך... הייס בעסער די שטיבער עפענען, פייער אָנצינדן... זאָלן זיך מענטשן אָנוואַרעמען... נעם אויף געסט, אַלטער!

— געסט?... וואָרט אַקאָרשט אויס, — האָט פּאַליקאַרפּיטש ניט באַנומען,
— ווער־זשע זייט איר, וואָס איר בעט זיך אַלס געסט אָן? אפשר זייט איר פון סאַמע יענע?...

— פון סאַמע יענע...

— פון די רויטע?

— פון די רויטע...

— פון די רויטע?... — האָט פּאַליקאַרפּיטש איבערגעחזרט. — דאָ זיינען דען נאָענט די רויטע געווען? איז... וואו זייט איר געווען, ווען מע האָט אונדז די רוקנס געבראָכן? האַ?

— ווער האָט געבראָכן?

— בעק! — האָט דער אַלטער קורץ און מיט כעס אַ זאָג געטאָן.

— בעק?... גוט, אַלטער... דיין בעק איז ניט ווייט אַוועק... הייס געסט אויפנעמען!

— ניט ווייט אַוועק, זאָגסטו? ניט ווייט?... דו וועסט אים אָניאָגן? פּאַלק!
— האָט פּאַליקאַרפּיטש פּייערלעך צו זיינע אָפּאַלטשענצעס אַ געשריי געטאָן, און אין דעם דאָזיקן געשריי האָט זיך אַ שלענגל געטאָן אַ פייערדיקע נקמה־האָפענונג.
— פּאַלק!... די סאַמע יענע... די רויטע... אונדזערע זיינען געקומען... עפנט ברייט די טירן... נעמט אויף געסט... בעק איז ניט ווייט אַוועק, זאָגט דער חבר גלאַווקאָווערד!

דער אָטריאַד האָט זיך צעשאָטן איבער בידאָוועכאַטקע.

שטערן אין הימל האָבן זיך געצונדן און געלאָשן. דער ווינט האָט זיי געלאָשן.

לעמפּעלעך אין די שטיבעלעך האָבן זיך געצונדן און באַלויכטן די פאַר־טונקלטע, פאַרזויערטע, פויערשע ווענט.

הערשס רייטער האָבן זיך געוואָרעמט, געגעסן, די פערד אויפגעפּאַסט, אויס־שפּירער אויף די וועגן אַרויסגעשיקט, פּאַטרולן אַרום דערפל אויסגעשטעלט, און די פרייע האָבן ווי די שטיינער אַוועקגוואָלגערט אין טיפן אָפּפרישנדיקן שלאָף.

ביז אין דער טיפסטער נאַכט אַריין איז פּאַליקאַרפּיטש אַנטקעגן הערשן און אַקונען אָפּגעזעסן און דערציילט זיי, ווי בעק האָט מיט אַ וואָך צוריק אין בידאָווע־כאַטקע אַ הוליע געטאָן איבער די פויערשע רוקנס, און איידער פּאַליקאַרפּיטש האָט נאָך באַוויזן זיין דערציילונג צו פאַרענדיקן, האָבן דריי קורצע, אָפּגעהאַקטע שאָסן איינס נאָך אַנדערן הינטער דער וואַנט אַ קנאַק געטאָן, דריי שייבעלעך פון פענצטער, לעבן וועלכן זיי זיינען אין דרייען געזעסן, האָבן מיטאַמאָל אַ פּלאַץ געטאָן, אַ פּראַסט מיט אַ ווינט מיט דריי קוילן האָבן זיך אין שטוב אַריינגעריסן, און ווי אונטערגעשאָסענע זיינען פון זייערע ערטער אַקון מיט הערשן אויפ־געשפּרונגען, פאַר די נאַגאַנען זיך אַ כאַפּ געטאָן און פון שטוב אַרויסגעלאָפן. נאָר אין געלאָף האָבן זיי פונדעסטוועגן באַוויזן צו באַמערקן, ווי דער אַלטער פּאַליקאַרפּיטש האָט זיך פּאַמעלעך פון דער באַנק אַראָפּגעגליטשט און אויסגעצויגן זיך אויפן דיל מיט דער באָרד אַראָפּ.

דער געביל פון די דאָרפישע הינט האָט זיך ווידער הילכיק צעפלאַקערט.

משה כאַשטשעוואַצקי

לעני‌נס אָנקום אין פּעטראָגראַד

(פון דער פּאָעמע „לענין“)

ניט קיין ים׳ען —
אָקעאַנען,
ניט קיין זונען
זיך צערונען —
צו אַ פּעטראָגראַדער
באַנהויף
איז אַ שנעלצוג
צוגעקומען.

אָפּגעשטעלט זיך
עטוואָס ווייטער,
ניט אָט דאָרטן,
ניט וואו שטענדיק
(אַ פאַראָרדענונג באַצייטנס,
עס זאָל עפּעס
ניט געשען דאָרט).

ניט אַ ווינט לויפט
איבער סטעפּעס,
טרייסלט גראָזן,
רייסט די שטענגלעך —
קעפּ אין היטלען,
קעפּ אין קעפּקעס,
און מאַטראָסן־היט
מיט סטענגעס.

ניט קיין קינדער־מעשה
איז עס
וועגן ריזן
און גיגאַנטן —
אין וואַגאָן־טיר
זיך באַוויזן
האָט אַ מענטש
אין ווינטער־מאַנטל.

די טייגאַ
האָט מענגעסביימער,
אין דער טונדרע —
פלאַסטן מאָכן —
פּעטראָגראַד
איז גרויס און שוימיק,
און דאָס לאַנד
איז גרעסער נאָכמער.

צאַפּלענדיקע
מיליאָנען —
אין די שוצגראָבנס
געלעגן —
מענטשן־פרייד
און ברויז פון פּנים
האָט לענינען באַגעגנט.

קיין הודאָק
האָט ניט גערופן,
ניט געשריען
קיין סירענע, —
היט און היטלען —
אינדערלופטן:
לענין!
לענין!
לענין!
לענין!

אין דער רוף
ער וואַקסט און שטאַרקט זיך,
ברענט אין האַרץ,
אין די געהירן, —
איבער שוימענדיקע
אָקסל
דורכגעשוואומען
איז דער פירער.

וויגן קעפ זיך,
פיס זיך שאָקלען,
ווי באַרווישט
פון לייכטער שיכרות, —
שטייען
שטומענדיקע שטאָקן —
לעגין
פונעם בראָנזוויק רעדט.

פרילינג־ווינט
מיט פאָנען בלאָזט דאָרט,
בונטעווען
ווי פאָנען — הערצער,
און עס האָבן ווערטער פּראָסטע
אין דער שטילקייט
הויך דערהערט זיך.

נייך, ניט ווערטער —
הויכבערג־שטראָמען,
נייך, ניט ווערטער —
אַ לאַווינע,

זיי צעטרייסלען
די נשמה,
צינדן פייער אָן
אין זינען.

אין אַ פעלדז
איז אומגעפאַלן,
און אַ קראַך געטאָן
האָט פּלוצים:
— לעבן זאָל די סאָציאַלע
רעוואָלוציע!

קיין הודאָק
האָט ניט גערופן,
ניט געפייפט
האָט קיין סירענע —
שטורעם־רופן
אינדערלופטן:
לעגין!
לעגין!
לעגין!
לעגין!

ע. פינינבערג

ביים דניעפּער

געקומען מיט שווערדן מיט בלויזע טשעטשענצעס אַ מאה
צום שטיבל, וואָס לעבן דעם דניעפּער, צום פישער פון דניעפּער אַלעקסייעוו.
סע האָבן טשעטשענצעס געשלאָגן, אַזש טאָפּליעלעך האָבן געקלונגען:
— „אַלטער, וואו זיינען די יונגען? ביי רויטע געווען דיינע יונגען!
געגאָן דיינע בנים מיט פאָנען אויף גאַסן פון קיעוו!
גיב זיי אונדז, אַלטער, די בנים, אויף שפּיז און אויף תליה!..."
געוויינט האָט דער אַלטער: — „צו מיר אַלעקסייעוו, דעם פישער,
צום הילצערנעם שטיבל ביים דניעפּער, ביי וואַסערן פרישע,
וואָס זייט איר, טשעטשענצעס, געקומען? וואָס ווילט איר, נאַראָנים?
האָב איך דען, אַלטער, צו שאָפן אויף יונגען, אויף בנים?
קאָן איך דען וויסן, וואו בלאָנקען זיי ערגעץ, די רוחות?

ס'איז דאָך ווי ווינט אין אַ פעלד: גיי פּאַק עס, גיי זוך עס!".
מיט פויסטן מיט אייזערנע, קאַנטשיקעס בלייערנע, שאָמפּאָלן שווערע
האָבן טשעטשענצעס דעם פישער דעם אַלטן צענהרגט.
סע האָבן טשעטשענצעס דאָס הילצערנע שטיבל צעבראָכן,
אָוועקגעפירט האָט זיי נאָך בנים דעם פישערס אַ שכן:
— „ער וועט זיי, דער שכן, געפינען, ער וועט זיי דעקאָנען." —
און — ר'האָט זיי געפונען און — מ'האָט זיי געפאַנגען, די בנים...
אין זייטיקער קאַמער, אין הייפל אין שטילן, אין אַרבעטער־געסל —
ביי אויפרופן, פּולווער און באָמבעס דאָרט זיינען די בנים געזעסן.
קריכט אַן טשעטשענעץ, פּאַרלאַקערט און פליט ווי אַ וואָלף אַן.
סע האָבן די בנים געשאָסן, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן.
זיי זיינען געבליבן פאַרחלשט, אין בלוט און אין וואונדן
און מע האָט אַלע דריי זיי געכאַפּט און פאַרקניפּט און פאַרבונדן...
געזעען האָט ווינטער־פרימאָרגן, געזעען דער באַרג האָט,
ווי מ'האָט אַלעקסייעווס דריי בנים, דריי רויטע געהרגעט.
אין בלאָטע צופוסנס דעם באַרג ביזן טאָג ביזן מיטן,
זיינען די בנים געלעגן צעבראָקט און צעשניטן.
ווען זון קוים דערוואָרעמט די שטאָט און דעם באַרג און דעם סטעפּ האָט —
האָט מען די בנים צו ווידלען פון פערד צוגעטשעפּעט.
„פליט, פערדעלעך, פליט" — און אָוועק זיינען פערד מיט דער מאַסע,
אָוועק איבער קיעוו דער שטאָט, איבער גאַס, איבער גאַסן.
געוואָשן און אויפגעראַמט, ציכטיק און גלאַנציק און גלאַטיק,
אַ ליכטיק־קרישטאָלענער שפּיגל דער קיעווער קרעשטשאַטיק.
אויף קיעווער קרעשטשאַטיק אַ ראַש, אַ געלויף און אַ היץ איז:
גאָלד־עפּאָלעטן און שווערדן און פריצים און פריצות,
אַרויס זיינען איידעלע טעכטערלעך, פריצישע מיידלעך:
— „סע שלעפּן דריי רויטע, פאַרשאָלטענע רויטע, דריי פערדישע ווידלען!..."
אויף קיעווער קרעשטשאַטיק אין מיטן המון, אין אַ צוקוקער־רייע
געשטאַנען ביי סלופּ איז דער פישער פון דניעפּער — אַלעקסייעוו,
געקוקט אויף די פערד, אויף די זין, אויף המון און אויף שטאָקן,
זיין גרייז־גרויע באָרד האָט זיך קוים־קוים געטרייסלט, געשאָקלט:
— ער דאַרף ערגעץ גיין, ער דאַרף עפּעס אויפטאָן, ער מוז ערגעץ מאָנען
דער פישער פון דניעפּער — אַלעקסייעוו, דאָס בלוט פון די בנים!

*

דער דניעפּער איז נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן... אויף יענער זייט בריקן
שטייען אין מעכטיקע מחנות די זין פונעם פאָלק — באָלשעוויקעס.
— „וואָס דאַרפסטו?" — „דו, פריינט רויטאַרמייער, דו פיר מיך,
דו פיר מיך צום עלצטן, אַריינברענג צו דיין קאָמאַנדיר מיך,

זאָג אים: פון קיעוו דער שטאָט איז אַ פישער אַנטרונען
און זען אים וויל ער און שמועסן דאַרף ער פון וויכטיקסטן ענין.״
דער דניעפּער איז נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן... מע וואַרט, קאָמאַנדירן,
ס׳זאָל אָנקומען פראָסט און זאָל נעמען דאָס וואַסער פאַרפרירן.
דאַן וועט מען דעם באַרגיקן קיעוו מיט באַמבעס צעבויטען.
דאַן וועט מען צעשפּרייטן אויף קיעוו די פאַנען די רויטע.
נאָר דניעפּער ווערט נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן... ס׳פּאַרציט זיך און ס׳דויערט...
קוקט קאָמאַנדיר אויפן פישער: — „וואָס ווילסטו דאָ, פויער?״
— „איך בין אַ פישער פון קיעוו. זיי האָבן, טייוולאָנים,
זיי האָבן אין קיעוו געהרגעט, געשענדט מיינע בנים.
איך בין אַ פישער פון דניעפּער, אַלעקסייעוו מיין נאָמען.
בלויז איינס איז מיר איצטער פאַרבליבן: בלויז נעמען נקמה.
איז וויסן זיי איצט, קאָמאַנדיר, סע זאָגט דיר דער פישער:
פאַראַן איז, פאַראַן אויפן טייך איז אַן אָרט אַ געוויסער,
וואו לייכט שוין באַדעקט איז דאָס וואַסער מיט הייטל פון קריהע,
איך, פישער, איך נעם זיך קיין קיעוו אייך איבערצופירן...״
קוקט קאָמאַנדיר אויפן פישער. דער בליק זיינער בויערט:
— „דו זאָג אויס דעם אמת דעם ריינעם, דו נאַרסט אונדז ניט, פויער?״
— „ביי בלוט פון די יונגען, געקוילעטע יונגען, דאָ שווער איך.
גלויבסטו נאָך אַלץ ניט? דו דאַרפסט, קאָמאַנדיר, דען נאָך מערער?״
האָבן געלאָזן דעם פישער דעם אַלטן די „גרויסע״
ביז אויפן טייך וועט אַראָפּפאַלן נאַכטישער חושך.
אַז אין דער הויך אויפן טייך וועט זיך אויסלעשן שקיעה,
וועט ער, דער פישער, דער אַלטער, זיי פירן קיין קיעוו!...

*

... האָט אָפּגעברענט שקיעה אין וויטן, איז פינצטער געוואָרן.
שטעלט זיך אַ מחנה אין רייען. ס׳שטייט אַלעקסייעוו פון פאָרנט.
גייט מען. מע קומט אָן צום אָרט. דאָס אָרט איז דאָ קוים־קוים פאַרפרוירן.
— „פריינט רויטאַרמייער, אָט דאָ און מיר וועלן אַריבער, אָן מורא!...״
ציטערן לייבער ביים טייך: — אַ שפּאַן און דערטרונקען דאָ ווערסטו!...
לאָזט זיך דער פישער דער אַלטער אויף אייז, קוים פאַרשטייפטן, דער ערשטער.
גייט מען. אַ מענטש נאָך אַ מענטש. מע צעציט זיך אין קייטן.
סע פּלאָטערט דאָס אייז, נאָר מע גייט, נאָר מע גייט צו דעם ברעג צו דעם צווייטן.
סע ברעקלט דאָס אייז זיך. אַ רגע און — ס׳וועט זיך צערייסן,
נאָר מ׳רוקט זיך און מ׳רוקט זיך צו קיעוו דער שטאָט, אויף די ווייסע!
מיט ביקס אין דער האַנט און מיט האַרטן, פאַרגליווערטן צאָרן,
דער פישער דער אַלטער פון דניעפּער — אַלעקסייעוו — פון פאָרנט.
ס׳צעפּאַלט זיך דאָס אייז, נאָר מע גייט, מ׳האָט דעם אָטעם פאַרטאַיעט:

אין פינצטער, אַקעגן, אויף בערג דאָרטן דרימלט די חיה.
אַ שאָרך ט׳זי דערהערן — מיט הילכיקע באַמבעס פאַרשפּייט זי —
ציט זיך אַ מחנה אין פינצטער... דער ברעג איז ניט ווייט שוין!
ס׳צעשיט זיך דאָס אייז אונטער פיס. מ׳הערט די וואַסערן ריגען.
אויף פינצטערע בערג אַרום קיעוו ווערט גרוי אויף באַגינען.
ס׳כליופּעט דאָס וואַסער... צום ברעג נאָך אַ ווײַלע, אַ ווײַלע...
דער ברעג... און אויף שומרים אַרויף!... און פאַרשטאָפּט זיי די מײַלער!...
פון פינצטערע בערג, וועלכע האָבן דעם אומגליק פאַרשלאָפן,
אַרויס איז אַ קוויטשיקע באַמבע, אין אייז, וואָס פאַרביי מ׳איז, געטראָפן.
אויף אייז, וואָס פאַרביי מ׳איז, צעגיסט זיך, צעשטראָמט זיך דאָס וואַסער.
נאָר ס׳פילט שוין אויף פינצטערע בערג אָן אין פרי־שיין אין בלאַסער,
סע פליט שוין אויף פינצטערע בערג מיט נצחון־געשרייען
אַ מחנה מיט פאָנען, אַ וואָלקן מיט יונגען, אַ פאָלק רויטאַרמייער,
סע שטורמען שוין ברודערשע פאָלקן די אייזערנע בריקן:
— „הוראַ“ און „הוראַ“ און „פאַרנעם זיך, דעניקין!...“
אין גרויסער בהלה, אין וויסטער מפּלה, אין פאָלקן צעזייטע
די גאָלד־עפּאָלעטן פון בערג אַרום קיעוו שוין מאַכן די פליטה...

*

ווייען די פאָנען די רויטע אויף קיעווער קרעשטשאַטיק,
רוען אויף שטיינער פון גאַסן די זייגער די מאַטע.
אין מיטן די גאַסן קאַנאָנען — פאַרבלוטיקטע שטייען.
אין ראָד רויטאַרמייער אויף שטיינער פון גאַס — אַלעקסייעוו.
דעם קאָפּ צוגעטוליעט צו אייזערנער וואַנט פון קאַנאָנע:
— ניטאָ שוין קיין הילצערן שטיבל, ניטאָ שוין קיין בנים.
נאָר אויף שטרעקעס אויף גרויסע צום קרעמל זיך טראָגט אַ ידיעה:
קרעמל, זיי וויסן, געגומען איז קיעוו!

הירש קאַמענעצקי

אָפּשייד

פאַרסט אַוועק? — נו איז פאָר,
נאָר געדענק יענעם יאָר,
נאָר געדענק יענע שעה,
כ'בין געלעגן אָט־דאָ,
כ'האָב געזשמורעט דעם בליק
און געשאָסן פון בריק
אויף אַ נאָענטן באַן,
אויף אַ שטאַבס־[illegible]אַן.

אין אַ ווײַלע אַרום
האָסטו מוטיק געגעבן אַ וואָרף מיטן קאָפּ,
האָסט פאַרפלאָכטן דעם צאָפּ
און ביסט ערגעץ אַוועק —
ביסט אַוועק
אין דער נאַכט
און געבראַכט
דינאַמיט.

און דערנאָך האָב איך מער ניט געזשמורעט דעם בליק, —
אויפן טײַך,
אינדערמיט
איז געלעגן צעפליקט און צעריסן דער בריק.
און מיר זײַנען אַוועק
דורכן וואַלד מיטן וועג
און געלאַכט און געלאַכט
אין דער לופטיקער נאַכט.

אין דער זעלבער מינוט
ערגעץ ווײַט,
ערגעץ ווײַט,
לעם אַ פינצטערן שליאַך,
אונטער איינעם אַ דאַך
(ס'איז נאָך דעמאָלט אַ שטעטעלע דאָרטן געווען)
האָט דײַן אַלטינקע מאַמע אין חלום געזען:

ווי דו פאָרסט, ווי דו פאָרסט איבער טאָלן און בערג
און פאַראויס גייט געשפּאַנט אַ גרויסאַרטיקער פערד.

יעדעס אָקס, יעדער ראָד איז געפּאַרבט, געליאַקירט
און מיט זילבער און גאָלד איז די פור געליאַדירט.
אונטער בויד זיצט דיין חתן און קוקט אינדערווייט,
זיצט דיין חתן פאַרקלערט אין אַ בגד פון זייד.
און דו זיצסט אַזאַ קלאָרע אין ליכטיקער פרייד,
אין אַ לאַנגער און טייערער שניי־ווייסער קלייד.
און סיי טאָג און סיי נאַכט איבער טאָלן און בערג
פירט אייך ביידן אַהיים דער גרויסאַרטיקער פערד.

נאָר די נאַכט אַזוי בלוי
איז געלעגן אין טוי,
און מיר האָבן זיך ביידע געזעצט לעם אַ פלויט,
און מיר האָבן געגעסן אַ הערינג מיט ברויט.
איז געוואָרן אונדז לינד,
איז געוואָרן אונדז גרינג
און מיר זיינען אַוועק
אויפדאָסניי מיטן וועג.
ערגעץ ווייט האָט אַ סאָווע געקלאָגט אין אַ יאַר,
האָסט פאַרדרייט פון מאַכאָרקע אַ גראָבן ציגאַר
און מיר האָבן געלאַכט
און געלאַכט אין דער נאַכט.

— פאָרסט אַוועק, גייסט אַוועק ?
נו, איז גיי, נו, איז פאָר,
נאָר געדענק יענע טעג,
נאָר געדענק יענעם יאָר.

1930

מ. דאַניעל
(דניאל מייעראָוויטש)

אויף דער זיבעטער ליניע

— ווער קויפט וואַליוטע?
— ענגלישע פונטן?
— דאָלאַרן, דאָלאַרן — ווער בייט?

אַ האַנדל מיט וואַליוטע איז אָנגעגאַנגען אין באַנק־קאַנטאָרן, אין טויערן, אין פינצטערע דורכגאַנגען און אינמיטן גאַס.

געהאַנדלט האָבן אַלע:

אַלטע ווייבער, יונגע מיידלעך, געוועזענע שילער פון געוועזענע גימנאַזיעס, פּאַראַרעמטע אַריסטאָקראַטן און אויפגעקומענע ספּעקולאַנטן.

די וואַליוטשיקעס זיינען געווען צו שטאַרק פאַרנומען מיט בייטן געלט הינטער די טויערן, האָבן זיי ניט באַמערקט, ווי אַ קליין ייִנגל איז לאַנג אַרומגעקראָכן אַרום אַ גרויסן טויער, דעם טויער פון אַלע זייטן, ווי אַ הונגעריק הינטל באַשמעקט און גענומען לייענען אַן אַלטע פאַרראָסטעטע שילד.

אויף דער דאָזיקער פאַרזשאַווערטער שילד איז אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע ווערטער: „יעוורעפּעיסקי באַר“.

אָבער פון אַלטקייט און פון לאַנג הענגען אָן תכלית אויף דער ציגלנער וואַנט זיינען די רוסישע ווערטער אָפּגעקראָכן און מער דעם נאָמען פון זייער באַלעבאָס ניט געדענקט. איצט האָבן אים די געלט־ספּעקולאַנטן גערופן פּשוט: „אָפּגעבאַרעטער איראָפּייער“.

אַ גאַנצן פרימאָרגן איז דאָס קליינע ייִנגל אָפּגעשטאַנען ביים „אָפּגעבאַרעטן איראָפּייער“, געקוקט גלייכגילטיק, ווי פאַרשוויצטע הענדלער קויפן און בייטן געלט־פּאַפּירן, געוואַרט מיט אומגעדולד, די טיר פון רעסטאָראַן זאָל זיך עפענען.

דאָס ייִנגל איז געווען געקליידט זייער מאָדנע: אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ברייטע געוואַנטענע פּאַנאַמע, אויף די פּלייצעס — אַ קורצע וואַרעמע קורטקע, די דאַרע בייגעוודיקע קני זיינען ביי אים אַרויסגעקראָכן פון צעריסענע קאַרטענע הויזן, און אַ פּאָר גאַלע שיך מיט שאַרפע נעזער האָבן נאָך מער אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער האָט קיין שייכות ניט צום געלט־האַנדל אויף דער טומלדיקער גאַס.

ווען די טיר פון פאַרשפּאַרטן רעסטאָראַן האָט זיך פּלוצים און מיטאַמאָל געעפנט, איז דאָס ייִנגל אויפן צווייטן טראָטואַר אַריבער, געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן ווי די געלט־ספּעקולאַנטן האָבן זייער דרויסנדיקן האַנדל אין רעסטאָראַן אַריבערגעטראָגן און איז אויך אַהין אַריין.

צו די געדיכט־באַזעצטע טישלעך האָבן די קעלנער געטראָגן אויף ניקלענע טאַצן שטיקער געבראָטענע גאַנדז, הינער, פעטע סופן. דאָס קלאַפּעריי פון גאָפּלמעסער האָט זיך אויסגעמישט מיט אָפּגעריסענע פראַגן פון געלט־ספּעקולאַנטן:

— מע דאַרף פּטור ווערן פון דער סאָוועטסקער נבלה...

— אַז די דייטשישע מאַרקן זיינען ניט בעסער.

— ווער ווייסט, וואָס איז בעסער? — מע זאָגט, אַז די „גדולים" שטייען הינטער ראַקיטנע.

אַ יונגער וואַליוטשיק האָט מיט אַריינגעשטעלטע גאָלדענע ציין געקייט אַ האַרט שטיק פלייש, אינאיינעם מיטן פלייש אַ פראַזע צעקייט:

— ס'איז נאָך ווייט צום געלעכטער... זיי האָבן דאַרט געכאַפּט דעם אמתן טערעבענץ, דיינע „גדולים"...

— איך שענק זיי דיר אַוועק אויף קרן — „מיינע גדולים", — האָט זיך דער צווייטער אָפּגעטרייסלט.

דאָס יינגל איז געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל, פויל געזופּט דעם דערלאַנגטן סופּ און אָנגעשטרענגט געקוקט אויף צוויי מיידלעך ביים בופעט.

די מיידלעך ביים בופעט האָבן גיך און געניט געווישט שמוציקע ביר־גלעזער. איינע האָט דעם יינגלס אָנגעשטרענגטן קוק באַמערקט, אויפגעהערט ווישן די שמוציקע גלעזער:

— רבקה, כאַפּ אַ זייטיקן קוק אַהין צום לעצטן טיש... מיר געפעלט ניט דאָס יינגל אין ברייטן קאַפּעליוש.

— וואָס דיר פאַלט איין! אַ יינגל פון צירק, אָדער גלאַט אַ שלעפּער, פאַראַן אויף וועמען צו קוקן...

— ער איז אַ גאַנצן טאָג אומגעגאַנגען הינטער די פענצטער. מע דאַרף זאָגן בערן, ער זאָל פונדאַנען אַוועקגיין.

ביי איינעם פון די סך טישלעך איז געזעסן אַ יונגער בחור, זייער שיין געקליידט. ער איז געווען אויפגערעגט און צעטראָגן, זיינע גרויע אויגן האָבן אומגעבלאָנדזשעט איבער שפּאַלטן פון אַ פּוילישער צייטונג. קענטיק, די טעלע־גראַמעס פון פראָנט האָבן געהאַט צו אים זייער אַ שטאַרקע שייכות. ער האָט זיי געלייענט גיך, ווי ער וואָלט אונטער די שוואַרצע פּוילישע אותיות זוכן אַ באַהאַלטענעם אמת, אַן אמת, וועלכן די צייטונג האָט מורא אויסצוזאָגן. ער איז מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען שטיל.

— רבקה, מיך האָט קיינער ניט געזוכט?

— ניין.

רבקה האָט זיך נידעריק צום צוגעגאַנגענעם בחור אַראָפּגעבויגן, שטיל פאַרטרויט:

— בער, דאָרט זיצט אַ פאַרשוין אין אַ קאַפּעליוש, ער געפעלט מיר ניט.

בער איז צוריק צו זיין טישל אַוועק, ווידער געלייענט זיין פּוילישע צייטונג און פאַרזיכטיק גענומען באַקוקן דעם יינגל אין ברייטן קאַפּעליוש און געלע שיך. און וואָס לענגער בער האָט אויפן יינגל געקוקט, אַלץ ערנסטער און פאַר־וואונדערטער איז זיין פּנים געוואָרן. ער איז צוריק פון זיין זיצן אויפגעשטאַנען, מיט גיכע טריט צום בופעט צוגעגאַנגען:

— דאָס איז דאָך זיאַמקע קאַפּאַטש.

דאָס מיידל האָט אַ פּאָר גרויסע אויגן געעפנט, די ביר־גלאָז אויפגעהערט ווישן און פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט:

— וועלכער זיאַמקע? — פון באַראַק?

בער האָט איר פאַרוואונדערונג צעשלאָגן:

— הייס אים דאָ וואַרטן ביז זעקס. זעקס וועל איך דאָ זיין.

אין רעסטאָראַן זיינען עסער און אַריינגייער געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. דער טומלדיקער דרויסן האָט דורכן רעסטאָראַן־פענצטער געוואָרפן לעצטע פאַסן זון. פון אַ טאָג אַרומשלעפן זיך איבער אַספאַלטענע טראָטואַרן און בלעכענע דעכער זיינען זון־פלעקן געווען פאַרמאַטערט און אויסגעבלייכט, זיך אויסגעלייגט, ווי מידע סאָלדאַטן, אויף די ליידיקע טישלעך און שטום, אָן ווערטער, דערציילט, אַז דער זומערדיקער טאָג איז שוין אַוועק.

די צוויי מיידלעך ביים בופעט האָבן די ערשטע באַמערקט, אַז אַחוצן ייִנגל אין ווינקל און לעצטע פאַסן זון אויף די טישלעך איז אין רעסטאָראַן קיינער ניט געבליבן. זיי האָבן גיך די גאַסיקע טיר פאַרשפּאַרט און פריילעך אויסגערופן:

— חברה, אַהער! זיאַמקע איז דאָ!

פון הינטער דער אייזערנער קאַסע, פון קיך, פון די זייטיקע צימערן האָבן זיך איינציקווייז גענומען אַרויסרוקן חברים, דערזען אין ווינקל צימער זיאַמקען און פריידיק גענומען שרייען:

— זע, דאָס איז דאָך זיאַמקע!

— ווי קומט ער אַהער?

— שלאָג מיך ביז טויט, אויב איך וואָלט אים אין קאַפּעליוש דערקענט.

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער איז שוין זיאַמקע געזעסן צווישן אַ גרופּע חברים, געגנוי דערציילט, ווי ער איז אַנטלאָפן פון געפענגעניש. איצט, ווען ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם ברייטן קאַפּעליוש און די ווינטערדיקע קורטקע, האָבן די חברים באַמערקט, אַז דאָס פּנים איז ביי אים שטאַרק פאַרברענט און אויסגעמאַטערט, די אויגן—רויט און אויפגערעגט און פינקלען מיט באַהאַלטענער שרעק. וואָס לענגער זיאַמקע האָט דערציילט, אַלץ נעענטער האָבן זיך די חברים צו אים צוגערוקט, מיט פאַרשפּיצטע אויערן געהערט, ווי ער איז מיט צוויי טעג צוריק פון באַראַק אַנטלאָפן, און ניט געוואָלט גלויבן, אַז דעם גאַנצן זיאַמקען איז נאָך קיין פולע זעכצן יאָר ניטאָ.

אין גרויסן רעסטאָראַן־צימער איז געוואָרן טונקל. אין דער אָנגעפאַלענער טונקלקייט האָט קיינער ניט באַמערקט, ווי בער איז דורך דער הינטער־טיר אַריין, מיט שטילע טריט זיך דערנעענטערט צו דער גרופּע חברים און זיאַמקעס דערציילונג מיט אַ ביס איבערגעריסן:

— אין דרויסן דרייען זיך אַרום פּוילישע „שמעקער״!

אַ ווײַלע זיינען אַלע געזעסן שטיל און ווי פאַרגליווערט, מיט צעטומלטע אויגן געקוקט, ווי זיאַמקע טוט גיך אויף זיך אָן זיין ווינטערדיקע רעקל און ברייטע פּאַנאַמע.

— צוריק צו דער אַרבעט, — האָט בער קורץ באַפוילן, — און זיאַמקע דאַרף גלייך ווערן לינק...

די חברה זיינען גיך פון די ערטער אונטערגעשפרונגען, פלינק אָנגעצויגן אויף זיך די ווייסע קעלנערשע שירצן און רונדע הייבן. ביים בופעט זיינען שוין ווי פריער געשטאַנען די צוויי מיידלעך, געניט און ווי שטענדיק געוואַשן די שמוציקע גלעזער און אומרואיק געקוקט אויף דער גאַסיקער טיר. בער האָט זיאַמקען צו דער הינטער־טיר צוגעפירט, אים באַוויזן, ווי אַזוי אין אַ זייטיק געסל אַרויסגיין:

— אויב מיר וועלן אָפּקומען מיט שרעק, וואַרט איך אויף דיר צוועלף ביי־נאַכט דאָ... איצט טראָג גיכער אָפּ די ביינער.

וואוהין גייט מען, אַז די שטאָט איז צעשניטן אין גאַסן און געסלעך, אין פלעצער און פאַרשטעט, אַז דאָס איינציקע אָרט, אויף וואָס ער האָט געהאָפּט, איז געווען דער אומלעגאַלער רעסטאָראַן, און די איינציקע פריינט — די פּאַרטיי־חברים.

אַ ווילע איז ער געשטאַנען אינמיטן הויף, געקוקט, ווי דער אָוונט שפּרייט אויס נאַכטיקע טונקלקייט אויף הייזער און מויערן, מעקט אָפּ די שאַרפע ווינקלען פון מענטשן און זאַכן, פאַרוועבט די שטאָט אין אָנהויב נאַכט. ער האָט שלעכט געדענקט, ווי אַזוי ער איז פון די צעדרייטע הויפן אין געסל אַרויס. אַ שטאַרקע מידקייט האָט שווער געמאַכט די טריט, אַ שלעפעריקייט האָט די רויטע, ניט־געשלאָפענע וויעס געצומען קלעפּן. אָבער אַ שרעק האָט אים געטריבן פון געסל צו געסל, פון איין עק שטאָט צו דער צווייטער — איצט צום וואָקזאַל געבראַכט.

דעם דאָזיקן וואָקזאַל האָט זיאַמקע גוט געוואוסט און שטאַרק פיינט געהאַט. מיט דריי חדשים צוריק האָט ער ביי דעם דאָזיקן וואָקזאַל אַ פאַרשטעמפּלטע טעפּלושקע געהיט. די שטאָט האָט זיך דעמאָלט משונה־גיך עוואַקואירט. די גאַנצע אומגעגנט האָט זיך שוין געפונען אין די הענט פון די פוילישע מחנות. קליינע פּאַרטיזאַנישע טיילן זיינען געווען צו שוואַך, זיי זאָלן קאָנען די שטאָט איינהאַלטן. שוין עטלעכע טעג, ווי די פאַבריק־קוימענס זיינען געשטאַנען קאַלט און טויט — ניט געלאָזט פון זיך קיין רויך. דורך טאָג און דורך נאַכט האָבן לעצטע לאָקאָמאָטיוון געשלעפּט פון וואָקזאַל לאַנגע עשעלאָנען מענטשן און זאַכן. אין שטאָט האָבן זיך געצומען שפּרייטן קלאַנגען, אַז די פוילישע מחנות שטייען עטלעכע מייל פונדאַנען, אַז נאָך היינטיקע נאַכט וועלן זיי די שטאָט פאַרנעמען.

זיאַמקע איז דאַן אַ גאַנצן טאָג אָפּגעווען אין שטאַב — אַלץ געוואַרט אויף אַ באַשטימונג. אין שטאַב איז אין יענעם טאָג געווען צו טומלדיק, און קיינער האָט זיאַמקען און זיין וואַרטן ניט באַמערקט. שוין שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען אַלע סאָוועטן־אַנשטאַלטן זיינען שוין געווען אַרויסגעפירט, ווען דערשראָקענע איינוואוינער האָבן שטיל פאַרטאַיעט דעם אָטעם הינטער פאַרשפּאַרטע טירן און לאָדן, מיט שרעק געוואַרט אויפן קומענדיקן טאָג, ערשט דאַן האָט זיאַמקע באַקומען אַ מאָדנע אויפגאַבע:

— היטן אַ פאַרשטעמפּלטע טעפּלושקע אויף דער זיבעטער ליניע.

דריי שעה האָט זיאַמקע געדאַרפט די טעפּלושקע היטן. דערנאָך האָט אים אַ צווייטער געדאַרפט פאַרבייטן. אָבער שעהען זיינען אַוועק דריי, פיר, פינף, און קיינער איז אים ניט געקומען פאַרבייטן: אַ געשריי פון וואָקזאַל איז אַהער, צו דער זיבעטער ליניע, געקומען צעריסן אין טעמפּ. אַ נאַכט איז אַנגעפאַלן אַ פינצטערע, אַ קאַלטע, אַנשטערנדיקע. אַ טרוקענער ווינט האָט געוויט פון פאַר־גליווערטן, פאַרפרוירענעם טייך, פון הויכע שפּיציקע בערג, אַרומגעטריבן איבער די פאַרדרייטע אייזערנע ליניעס הויפנס שניי. זעלטן־ווען פלעגן אייזנבאַנער פאַר־גיין אויף דער זיבעטער ליניע, קוקן מיט פאַרוואונדערטע אויגן אויף דער איינ־זאַמער, פאַרגעסענער טעפּלושקע, אויפן קליינעם ייִנגל מיט דער ביקס אין האַנט, און בייז לאַכן:

— קוק נאָר אָן דעם העלד!... ראַטעווע די ביינער, כּניאַק!

נאָך אַזוינע שפּאַטישע אויסגעשרייען פלעגט זיאַמקע ענגער דעם גורט אויפן שינעל פאַרציען, דאָס קורצע יאַפּאַנישע ביקסל פון איין פּלייצע אויף דער אַנדערער פאַרוואַרפן און וואַרטן אויף אַן אומבייט.

אָבער די נאַכט איז געוואָרן אַלץ פינצטערער און קעלטער, דער ווינט האָט געשניטן אין די אויגן, אין פּנים, זיך פאַרקליבן אונטערן שינעל. אויף דער זיבעטער ליניע איז געוואָרן אַלץ ליידיקער, אומעטיקער. פונוויַיטן האָט זיך די סטאַנציע געצונדן אין ווייסע, גרינע, געלע, רויטע פייערלעך. די פאַרביקע פייערלעך האָבן אין דער פינצטערער קאַלטער נאַכט ווי מאַמישע אויגן געשיינט, גערופן, געשלעפּט צו זיך, די פּייפערייַ פון אָפּפאַרנדיקע עשעלאָנען איז געוואָרן אַלץ העכער, שרייענדיקער, אָפּגעריסענער. אין דער שטילקייט האָט זיך בוילעטער געהערט, ווי דער ווינט באַלעבאַטעוועט אויף די פאַרשנייטע ליניעס, ווי די קלאַפּערייַ פון אָפּפאַרנדיקע באַנען ווערט שטילער, ווייטער און שטאַרבט אָפּ ערגעץ ווייט אין דער נאַכט־פינצטערניש. זיאַמקע האָט זיך דערשראָקן פאַר דער אַרומיקער שטילקייט, געמאַכט עטלעכע טריט אַוועקצוגיין, אָבער גלייך זיך דער־מאָנט, ווי דער שטאַב־נאַטשאַלניק האָט מיט אַ שטאַרק ערנסטן פּנים אין אים אַריינגערעדט:

— זיאַמקע, אויף דיר פאַרלאָז איך זיך. וואָס עס זאָל ניט טרעפן — פון דער טעפּלושקע טרעט ניט אָפּ.

ער איז מיט גיכע טריט צוריק אויף זיין פּאָסטן געקומען. אַ ווײַלע געטראַכט, אַז עס איז זייער גוט, וואָס גראָד אים האָט מען אָנגעטרויט אַזאַ פאַראַנטוואָרט־לעכע אויפגאַבע, אַז ער וועט גיכער שטאַרבן דאָ ביי דער טעפּלושקע, איידער פון פּאָסטן אַוועקגיין — און נאָך וועגן אַ סך זאַכן האָט ער געטראַכט אין דער אַנגעפאַלענער שטילקייט.

דערנאָך איז ער געזעסן אויף אַ טרעפּל פון דער פאַרלאָזענער טעפּלושקע. די אויגן האָבן זיך אים גענומען קלעפּן. די ברעמען און וויעס זיינען געוואָרן שנייאיקע און ווייסע. כּדי ניט איינשלאָפן, האָט ער דעם קאָפּ פון שינעל אַרויס־גערוקט, גענומען מיט פאַרשלאָפענע אויגן קוקן צום הימל. אָבער אויף וואָס צו קוקן איז ניט געווען. שוואַרצע כמאַרעס זיינען געהאַנגען נידעריק און צע־

פלאַנטערט. פון צווישן די שוואַרצע כמאַרעס האָט אַרויסגעקוקט אַ ברעקל לבנה, אויסגעזעצן ווי אַן אויסגערונען אויג פון אַ בלינדן. זיאַמקע איז פון טרעפל אויפ־געשטאַנען, געגומען אַרומשפּאַנען אַרום זיין טעפּלושקע, געקלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס, אַ האַנט אָן אַ האַנט, כדי זיך צו דערוואַרעמען. דער וואָקזאַל האָט ווידער גענומען שליידערן אַהער, צו דער זיבעטער ליניע, אָפּגעריסענע קולות. די סטאַנציע האָט זיך ווידער געצונדן אין ווייסע, גרינע, געלע, רויטע פייערלעך. מענטשישע טריט האָבן זיך גענומען דערנעענטערן, אָבער ביז דער זיבעטער ליניע זיינען זיי ניט דערגאַנגען. זיי זיינען געבליבן שטיין אויף דער דריטער ליניע, דאָרט לאַנג אַרומגעקראָכן מיט האַנט־לאַמטערנעס אַרום די לאַנגע גע־ליימטע עשעלאַנען, געשלעפּט הילצערנע קעסטעלעך איינע צו די אַנדערע און צוריק גענומען אַוועקגיין. זיאַמקע האָט צונויפגעקליבן די לעצטע כוחות און פונדאַנען, פון דער זיבעטער ליניע, גענומען שרייען צו די אַוועקגייענדיקע

זיינע קולות האָט דער ווינט פאַרטראָגן אָן אַ זייט, צעשאָטן אַ טעמפּן אָפּהילך אויף די צעדרייטע ליניעס און צו קיין מענטשלעכן אויער ניט געבראַכט זיי. זיאַמקע האָט זיך צוריק אַראָפּגעזעצט אויפן טרעפל פון דער פאַרשטעמפּלטער טעפּלושקע, דעם קאָפּ אין קאַלנער איינגענורעט און גענומען דרעמלען...

— שטיי אויף, פאַדלע!

— אַזאַ שנעק, און קריכט אויף מלחמה...

— ער מוז זיין מאַרקס׳ אַן אייניקל!

— דערלאַנג אַ קוק, ציצות טראָגט ער...

— נו, הייב זיך, הייב זיך, ס׳ווערט קאַלט דיין גלאָז קאַווע מיט די צוקער־זעמעלעך...

די צוויי לעגיאָנערן האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, אַוועק וועקן זיאַמקעס שכנים. זיאַמקע האָט אַ שווערן קאָפּ פון האַרטער נאַרע, פון בערגל זאַכן אויפ־געהויבן, באַקוקט מיט אויסגעמאַטערטע אויגן דעם גרויסן הילצערנעם באַראַק און גענומען זיך אָנטאָן.

ער איז שוין געווען געוואוינט, אַז פאַרטאָג, ווען נאַכט וויקלט אויס אין עק הימל אַ גראָע העלקייט, ווען אינדרויסן איז קאַלט און פייכט, זאָל מען אים אויפרייסן פון שלאָף און טרייבן אויף אַרבעט.

שוין דריי חדשים, ווי פּוילישע לעגיאָנערן חזרן איבער איינע און די זעלבע חכמות.

שוין דריי חדשים, ווי זיאַמקע מיט נאָך צוויי הונדערט געפאַנגענע רויט־אַרמייער האַלטן זיך אויף דאָ אין באַראַק.

דער באַראַק איז אַ גרויסער, הילצערנער און געפינט זיך עטלעכע מייל פון שטאָט. דערפאַר אפשר איז ער אַזאַ שוואַרצער, דורכגעפּרעסענער פון קאַרבאָל. זיאַמקען האָט מען אַהער געבראַכט אַ פאַרקאַלייטן פון דער זיבעטער ליניע.

די ערשטע דריי נעכט איז קיינער פון די געפאַנגענע רויטאַרמייער ניט גע־שלאָפן. זיי זיינען געזעסן אָנגעטאָנענע אויף די הילצערנע שוואַרצע נאַרעס, מיט שטאַרע אויגן געקוקט דורך די שיטערע ברעטער אין דרויסן און געוואַרט, מע

זאָל זיי דערשיסן. נעכט האָבן זיך געצויגן לאַנגע און גרויליקע. אַלע נעכט פלעגט מען אַן אַנדער פּאַרטיע רויטאַרמייער אַרויספירן פון באַראַק און צוריק ניט ברענגען. דערשיסן פלעגט מען זיי ניט ווייט פון באַראַק, ביי די שוץ־גריבער, וואָס די רויטע פּאַרטיזאַנער האָבן אויסגעגראָבן, איידער זיי זיינען פון שטאָט אַוועק.

פערציק געפאַנגענע האָט מען די ערשטע דריי נעכט דערשאָסן און אויפ־געהאַנגען. דערציילט האָבן עלטערע רויטאַרמייער, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער „רויטער קרייץ" האָט זיך אַריינגעמישט און פאַרבאָטן. אָבער אין דער אמתן איז דאָס געווען ניט אַזוי.

דערנאָך האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער שטאָב פון די פּוילישע מחנות האָט באַשטימט די רויטאַרמייער לעבעדיק לאָזן, כדי זיי קאָנען אויסבייטן אויף די געפאַנגענע פּוילישע לעגיאָנערן.

אַזוי ניט באַמערקט און פּלוצלונג איז דעם שוואַרצן באַראַק באַפאַלן פרילינג, באַפאַלן פון אַלע זייטן מיט לינדע, ווייכע ווינטן אין סוף־ווינטערדיקע נעכט, מיט ריטשקעס פון צעגאַנגענעם שניי אין די אויפגעזונטע טעג. און שניי אונטער די פיס איז שוואַרץ און ברודיק געוואָרן, מער אין בערג און קופּעס ניט געוואָלט ליגן, אַוועק אין שמאָלע טייכלעך איבער אַלע וועגן און טראַקטן.

די פּוילישע לעגיאָנערן, וואָס האָבן דעם באַראַק געהיט, האָבן שוין דאָס געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר די פאַרקויפטע רויטאַרמייאישע שטיוול, לאַנג פאַרטרונקען. איצט זיינען זיי געזעסן גאַנצע טעג אין דרויסן, געקוקט אויף צע־גאַנגענעם שניי, אויף דער פריילעכער זון און געטראַכט, וואו צו נעמען פריש געלט. ווער ווייסט, ווי לאַנג זיי וואָלטן געטראַכט, ווען זיאַמקע וואָלט אין איינעם אַ פרימאָרגן ניט אַריין צו זיי איןביידל און ניט אַוועקגעלייגט אַזאַ פּינ־פלאַן:

— אין לאַגער געפינען זיך ביי פופצן יידישע געפאַנגענע, און די שטאָט איז אינגאַנצן אַ יידישע... ווען מיר גייען זיך דורך אין שטאָט, וואָלטן מיר שוין געבראַכט אַביסל געלט.

די פּוילישע לעגיאָנערן האָבן געגלעט זייערע קורץ־אונטערגעשוירענע וואָנצעס, מיט פאַרדאַכט געקוקט אויפן יידישן יינגל און געהייסן אים קומען מאָרגן.

אויף מאָרגן איז שוין זיאַמקע מיט עטלעכע יידישע רויטאַרמייער אומ־געגאַנגען איבער די סך יידישע גאַסן פון שטאָט.

זיאַמקע האָט קיין טעות ניט געהאַט. די יידישע אַרבעטער, באַלמעלאָכעס האָבן מיט צער געקוקט אויף זייער אָפּגעריסענעם הילוך, אויף זייערע אויס־געהונגערטע צורות, געשאָטן צו זיי אין די גרויסע טאָרבעס עסנוואַרג און קליינ־געלט. די פּוילישע פּאַטרולן האָבן זיך געמאַכט ניט־זעענדיק, כלומרשט, איינע מיט די אַנדערע געפירט זייער טיפע שמועסן, און ניט געשטערט די רויט־אַרמייער רעדן און באַקומען די נדבות.

שוין אויפן צווייטן טאָג האָט זיאַמקע געוואוסט, וואו עס געפינט זיך דער אונטערערדישער פּאַרטיי־קאָמיטעט, און אויפן דריטן טאָג האָט ער אינאיינעם מיטן קליינגעלט און שטיקער פאַרדאַרט ברויט געבראַכט אין לאַגער אַ נומער „פּראַוודאַ".

די צייטונג האָט מען אַ גאַנצן טאָג פאַרזיכטיק אויסבאַהאַלטן. ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען פון לעגיאַנערישן ביידל זיינען צום באַראַק געקומען אָפּגעריסענע שיכורע קולות, ווען אַ שווער פאַרפּלאָנטערט טופּען פון שיכורע פיס האָט אָפּגע־הילכט אין דער שטילער פרילינג־נאַכט, — ערשט דאַן האָבן זיך די רויט־אַרמייער צונויפגערוקט אויף דער אויבערשטער נאַרע, דאָס לעמפּל פון וואַנט אין דער מיט אָוועקגעשטעלט און גענומען לייענען די געבראַכטע צייטונג. אין גרויסן הילצערנעם באַראַק איז געוואָרן טויט־שטיל, עס האָט גענומען פינקלען מיט פרייד און דערוואַרטונג, און וואָס מער דער פאַרלייענער האָט רוסישע ווער־טער פון דער צייטונג אַרויסגעלייענט, אַלץ נעענטער, ענגער האָבן זיי זיך איינע צו די אַנדערע געדרוקט. אויף די הוילע ווענט פון שוואַרצן באַראַק, אויף די האַרטע נאַרעס איז פּלוצים אויסגעוואַקסן סאָוועטן־רוסלאַנד מיט געראַנגל אויף די פראָנטן, הונגער, צוזאַמענפאַרן, רעדעס פון לענינען. די דאַרע צורות פון די רויטאַרמייער זיינען פריילעך און אויפגעלעבט געוואָרן. אויף אַ ווײַלע האָט מען פאַרגעסן אָן די שיכורע קולות פון די פּוילישע לעגיאָנערן, אָן קעלט און דחקות, אָן קלעפּ און באַליידיקונג. און שטיל, מיט פאַרקריצטע ציין, אין הוילן באַראַק גענומען זינגען נאָענטע רויטאַרמייאישע לידער. די שוואַרצע ווענט פון באַראַק האָבן פאַרנומען מאָדנע קלאַנגען, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט. דורך די אָפענע שפּאַלטן געשאָטן פאַסן לבנה־שיין, צעמישט מיט אַ שיכורן געשריי פון די פּוילישע לעגיאָנערן, און שטום צוגעזאָגט קיינעם ניט אַרויסגעבן.

אַלע טאָג פלעגן די פּוילישע לעגיאָנערן אַרויסטרייבן זיאַמקען מיט זיינע חברים איבער די יידישע גאַסן פון שטאָט, און אַלע נאַכט פלעגן די רויטאַרמייער אויף דער אויבערשטער נאַרע ביים שיין פון אַ קליין גאַז־לעמפּל לייענען צייטונגען, אויפרופן, בריוו פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

די לעגיאָנערן האָבן גענומען באַמערקן, אַז זיאַמקע גייט צו אָפט אין שטאָט, און אים אויפגעהערט נעמען. איצט האָבן זיי אים טאָג נאָך טאָג געטריבן אויף שווערע אומנוצלעכע אַרבעט. פון פאַרטאָג ביז שפּעטער נאַכט איז ער געשטאַנען מיילן־ווייט פונעם באַראַק, געריינִיקט פּויערשע טראַקטן פון שטיינער און מיסט.

אָבער לאַנג האָט זיאַמקע די דאָזיקע אַרבעט ניט געטאָן. אין איינער אַ פינצטערער, רעגנדיקער נאַכט, ווען וואָלקנס זיינען נידעריק און געדיכט, ווען זאַמד אונטער די פיס איז ליימיק און קלעפּיק, איז זיאַמקע פון באַראַק אַנטלאָפן.

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט, ניין, צען, עלף, — עלף אַזייגער. זיאַמקע האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט, דערזען, אַז מענטשן אויפן וואָקזאַל זיינען געבליבן זייער ווייניק. לעגיאָנערן אין לאַנגע, בלויע שינעלן, גרינע היטלען און בלאַנקע שטיוול האָבן זיך פּוסט־און־פּאַס אַרומגעדרייט אויף דער ליידיקער פּלאַטפאָרמע, מיט בייזע אויגן אַריינגעקוקט יעדערן אין פּנים און שטאַרק געזוכט, ביי וועמען עטלעכע מאַרק פאַרדינען. זיאַמקע האָט פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט זיך צו לאַנג אויפן וואָקזאַל פאַרהאַלטן, אַז מע דאַרף וואָס גיכער אָפּטראָגן די בייגער פונדאַנען. ער האָט זיין שוואַרצן קאַפּעליוש טיף אויף די אויגן אַראָפּגערוקט, דורך דער זיבעטער ליניע צום רעסטאָראַן אָוועקגעשפּאַנט.

בערל איז ביי דער הינטער־טיר פון רעסטאָראַן ניט געווען.

זיאַמקע האָט לאַנג געקוקט, ווי פּאַסן לבנה־שיין שפּילן זיך אויף די גע־קאַלכטע, ווייסע ווענט פון רעסטאָראַן, לויפן איבער פון ווינקל צו ווינקל און ווייזן, אַז אינעווייניק, פון דער אַנדערער זייט גלעזערנער טיר, איז פּוסט און ליידיק, שטום און פאַרגליווערט. זיאַמקע איז פון דער גלעזערנער טיר, פון שמוציקן הויף אַוועק צום זעלביקן אָרט, וואו ער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעקראָכן, געבליבן שטיין אַ פאַרמאַטערטער און הונגעריקער ביי דער אַלטער פאַרראָסטע־טער שילד. דער גרויסער שטאָט־זייגער האָט בייז און ווייט אָפּגעקלאַפּט צוועלף שעה און געלאָזן זיי הענגען אין דער איינגעדרימלטער שטילקייט. זיאַמקע האָט ענגער זיין קורטקע אַרום זיין דאַרן גוף אַרומגעוויקלט, די הענט אין די אַרבל פאַררוקט, מיט שוין מידע טריט צוריק צו דער הינטער־טיר אַוועק.

בערל איז אַלץ ניט געווען.

זיאַמקע האָט זיך מיט די לעצטע כוחות אָנגעשפּאַרט אויף דער טיר. די טיר האָט זיך שווער געעפנט, זיאַמקען אַלץ טיפער, ווייטער אין רעסטאָראַן אַריינ־געצויגן. אַ ווייכע וואַרעמקייט האָט פאַרשיכורט זיין מידן ניט־אויסגעשלאָפענעם קאָפּ, געטריבן אים דורך שמאָלע פינצטערע צימערן, איבער אָנגעשטעלטע טעפּ, עמער, קעסטלעך, ביז ער איז אין גרויסן עס־צימער געקומען.

זיאַמקע האָט דאָס בייטאָג־געזעענע צימער ניט דערקענט:

ווייסע מירמל־טישלעך זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, זיך צעמישט מיט שטיקער צעבראָכענע טעלער, גלעזער, שטיקער ציגל. די דרויסנדיקע וואַנט איז געווען צעלעכערט פון רונדע גריבלעך און דער גרויסער הילצערנער בופעט איז געשטאַנען אינמיטן צימער צעבראָכן און רואינירט.

זיאַמקע איז מיט גיכע טריט אַוועק צוריק צו דער טיר, אָבער אַנטקעגן און פון אַלע זייטן איז אויף אים אָנגעקראָכן אַ געדיכטע פינצטערניש, געוויט מיט שרעק און גרויל, צעפּלאָנטערט זיינע מידע טריט און ווייטער ניט געלאָזט גיין.

אין שטילן דרויסן האָבן זיך שווערע זיכערע טריט דערהערט. די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און אַ מענטש האָט זיך גענומען דערנעענטערן. אַ געשריי איז אין דער פינצטערניש פון צימער געפאַלן:

— בערל, דו?...

קיין ענטפער איז ניט געווען.

אַנשטאָט אַן ענטפער האָט זיאַמקע אויפן האַלדז דערפילט קאַלטע פרעמדע פינגער, און אַ הייזעריקע שטים האָט בייז געכיכיקעט:

— אַהאַ, געפּאַקט...

פון יענעם זומערדיקן טאָג זיינען שוין אַוועק אַ סך טעג, אַוועק חדשים, יאָרן. איך בין שוין אויסגעווען פאַר דער צייט אין אַ סך שטעט, געגנטן, קאַנטן, און זיאַמקען אינערגעץ ניט באַגעגנט.

אַ סך דערציילן, אַז זיאַמקע געפינט זיך איצט אין מאָסקווע, לערנט זיך אין איינעם פון די אַרבפאַקן, און מיט דער צייט וועט פון אים אַרויסקומען אַ גוטער פאַרטיי־טוער. אַנדערע ווידער דערציילן, אַז מע האָט אים אין יענער זומערדיקער לבנה־נאַכט איינאיינעם מיט נאָך קאָמוניסטן אויף דער זיבעטער ליניע דערשאָסן.

פרץ מאַרקיש

שלמה־בערס טויט

(פון דער פּאָעמע „ברידער״)

שוין דער צוועלפטער טאָג, שוין די צוועלפטע נאַכט,
דער באַגינען — אין קרעפּ, און די שקיעה — אין קרעפּ.
ערגעץ לויפט, ערגעץ פאַלט, ערגעץ שטייגט שלמה־בער, —
און די לעצטינקע מייל און דער דרייצנטער שלאַכט,
און עס גייט אינדערהייך אַזאַ בליציק געשטעפּ
פון צעפּיבערטן טאָל אויף צעפּיבערטע בערג...

ס׳שוין דער טאָל מיט געביין פון דיוויזיעס געבעט,
און עס וועקט די קאַנאַנאַדע די ווייט און די סטעפּ:
אַז אויפן פערד מיטן ווינט זאָלן אָנקומען נאָך, —
און עס ברענט שלמה־בער: ס׳איז נאָך צייט! נאָך ניט שפּעט!
און אַ פאַל נאָך אַ פאַל, און אַ בראָך נאָך אַ בראָך —
און עס פליען פון פערד און פון רייטער די קעפּ!

— אוראַ! — און די לעצטע באַשקירער אַ שלעפּ!
— אוראַ! — און מיט לעצטע באַשקירער אַ פלי!
איינס אויף איינס! איינס אויף איינס! — אין געשעכט! אין געשעכט!
און עס הירזשען די פערד, און מע בראַקט, און מע׳קעפּט,
און די שפּיזן פון טויט, און די שפּיזן פון לעכט,
און עס ברענט און עס גליט שלמה־בער אינדערמיט.

אַט דערשטעכט דאָרט זיין פערד שלמה־בער און — צופוס!
ס׳ליגט קיטאַיעץ פאַרדעקט מיט אַ בויך פון אַ פערד
אין אַ קאַליוזשע בלוט, אין אַ קאַליוזשע פעטס, —
נאָך אַ קויל, נאָך אַ קויל פון געלעכערטע בריסט.
שלמה־בער אויף די קני — מיט געפּאָך אין געפּעכט,
און אַ ריס זיך אין פלאַם שוין צום לעצט, שוין צום לעצט...

ס׳זעצט שוין בלוט פון זיין מויל, ס׳זעצט שוין בלוט פון זיין הוט,
נאָר עס רייטן די דיוויזיעס פון ראַנד האָריזאָנט,
און מע יאָגט זיך מיט סטעפּ, און מע יאָגט זיך מיט ווינט.
— ברידער, איילט! ברידער, איילט! — ס׳וועט ניט קלעקן קיין בלוט.
איילט זיך, רייטער פון סטעפּ, איילט זיך, רייטער, געשווינט, —
און דער ראַנד ווערט פאַרפלייצט און פאַרוואַקסן און נאָנט!

און ער פאַכט, און ער בראַקט, שלמה־בער, מיט דער שווערד,
און זיין שפּיז איז ווי פלאַמיקע רער אין דער הויטע

בײ דעם שמעלציקן מויל, בײ דער בלוטיקן בראַנד,
און ער פּאַכעט דעם אָטעם שוין אויס, שלמה־בער,
און עס פּאַכעט אים אויס זיך דאָס לעצטע קאַפּ בלוט,
און עס לאָזט זיך אים אָפּ שוין אַ האַנט נאָך אַ האַנט...

אַלע ווײלע — אַ פאַל! אַלע ווײלע — אַ בראָך!
און מע שנײדט, און מע בראָקט, און מע פּעכט, און מע פּאַכט.
ס'איז שוין קײנער — פון לינקס, ס'איז שוין קײנער — פון רעכטס,
נאָר סע קײקלט זיך וואָי, און סע קײקלט זיך קרעכץ,
שוין ניטאָ ווער ס'זאָל פאַלן, ניטאָ ווער ס'זאָל גײן,
און אָט איז שלמה־בער אויפן באַרג שוין אַלײן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר אַ קרײץ אויף אים פּלוצים פון בליץ און פון שווערד,
און באַרינגלט איז ער שוין אַרום און אַרום,
און סע רײסן אויף אים זיך דעם פײנטס אַלע פערד,
און אײדער עס קוקט שלמה־בער זיך נאָך אום,
דערלאַנגט מיט דער שווערד אים דער עלצטער אַלײן:
— „נו, זאָג, קאָמיסאַר, דו — אַ ייד ביסט צי נײן?"

ניט געטאָן זיך קײן קער, ניט געטאָן זיך קײן וויג —
שלמה־בער ט'זיך געשטאַרקט און געענטפערט אין דר'הויך:
— „כ'בין אַ הוטניק אַלײן, — פון דער הוטנער פאַבריק,
און פון לעבנס־פאַרשטאַנד כ'בין אַ באַלשעוויק,
און איך גײ פאַר סאָוועטן פון אַרבעטער, פויער —
און וועל גײן ביז מײן לעצטן אָטעם און כוח!"

האָט דער עלצטער פון באַנדע באַפעלט אַ געשרײ:
— „אויב אַזוי, ז'ער קײן קריסט ניט און אויך ניט קײן ייד.
זאָל מען אָפּשנײדן באַלד אויף אַן אײל אים דעם גליד
אָט אַזוי ווי סע קומט לויטן יידישן דין,
און אויסשנײדן אויך אויף זײן רוקן אַ קרײץ —
— דרײ אײלן די לענג און אַ פינגער די טיף!"

און אַנידערגעוואָלגערט מ'האָט אים אויף דער ערד
און געשניטן זײן פלײש אויף אַ פינגער די טיף.
און בלוט האָט אויף הענט און אויף שטיוול געטריפט.
און געשריגן מיט כוחות מיט לעצטע האָט ער:
— „באשקירער דיוויזיע!" — ז'מיט בלוט פונעם מויל: —
„זאָל לעבן דער זיג פון דער רויטער אַרמײ!..."

נאָך אַ קרעכץ האָט ער „ברידער!" צום לעצטן געלאָזט,
נאָך אַ בלוטיקן רוף אונטער טלאָען פון פערד,

נאָך איין שטרעק מיט דער האַנט — צווישן בלוטיקן ראַסט.
דאַכט זיך, ס׳גייט דאָרט זיין מאַמע, און סערקע, ן׳עזריאל...
און אַ קוש מיטן מויל מיטן בלוטיקס די ערד,
און געוואָרן איז לייכט שלמה־בערן און שטיל...

און אָט איז שוין די סטעפּ מיט געזאַנג ביי די בערג,
און מיט רייטערשן טראָט זיך אַ הייב און אַ ריס,
און מיט הילך און אורא, און מיט פלאַנג און מיט רינג —
אַזאַ הייב געטאָן בערג אויף שינעליקע בריסט,
אַזאַ וויג, אַזאַ וועק — אַזוי לייכט, אַזוי גרינג, —
נאָר עס שלאָפט קעגן הימל אויף באַרג שלמה־בער.

ן׳אונטער דר׳האַרגעטן פערד — דער קיטאַיעץ דערוואַכט,
כאַפּט זיך אויף און דערזעט: — עפּעס טיף איז דער טאָל
און פאַרשטאָכן אין אים זיינען רייטער און פערד,
ס׳איז פאַרטאָג, און די זון קריכט אַרום אויפן שלאַכט,
עפּעס הערט ער פון ווייט און פון נאָענט אַ קול:
— נו, און וואו — שלמה־בער? און נישטאָ שלמה־בער!...

הירש אָרלאַנד

אויף פּאָליעסיער זומפּן

(קאַפּיטלען פונעם ראָמאַן „הרעבליעס״)

אויף לוטשינקער בלאָטעס האָבן זיך ערשט צעפּוקעט די קראָן־קריגעלעך: ווייסע, ציטערדיקע קיילעכלעך האָבן אַרויסגעקוקט פונעם געעפּנטן גרינעם גע־בלעטער, ווי לייבנע פּאָליעסישע קינדער וואָלטן אַהינצו אַריינגעלייגט זשמעניעס רייגעם שניי. אין ווינטיקן טאָג האָבן קרומעוויאַזע ווערבעס אָפּגעשיט פון זיך סאַמעטענע „בערעלעך״ און געלאָזט זיי מיטן פליסיקן טייכל צום אַלטן מילכנדל.

טליאַך... טליאַך...

טאָג ווי נאַכט האָט אַזוי דאָס וואַסער גערעדט, איז געגאַנגען אַזוי דאָס וואַסער פון אַזעראָן קיין לוטשינקי — צו דער הרעבליע, צו די גרין־פּאַרשימלטע דעמבענע לעזשענעס — און געטריבן די געליימטע הילצערנע מיל־ראָד. דער גאַנצער כוטער האָט זיך אויסגעדרייט מיט די קלוניעס צו די בלאָטעס, זיך געטריקנט פונעם פּריליגנדיקן געוויטער און געשמעקט מיט שפּיגינאַר און מיט ווערעמדיקע שוואָמען.

אויפן גראָזיקן פּלאַץ, אַרום אַלטן בערעזעווען צלם מיטן בלעכענעם האָן אויפן שפּיץ, וואָס דאַרף היטן דעם ישוב פון פייער, האָבן פּאַליושקעס געגוואַלדעוועט און געקריגט זיך מיט גאַרנען פאַרן טייכל, פאַר דער וואַסער.

— אַז ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן?

פּאַראַיאָרן האָט אַ פּאַרטיע אינזשעניערן אין הויכע גומענע שטיוול געצאָלט אין לוטשינקי זילבערנע גריווינקעס פאַר איינגעשטאַנענע טעפּלעך מילך און געמאָסטן מיט שטאָלענע סטענגעס די אַרומיקע בלאָטעס. זיי האָבן אויסגעשטעלט אויף די לאַנקעס אַזש ביז ראַדאָוויל, אַזש ביזן אָלעווסקער טראַקט, הויכע סאָסנע־שטאַנגען מיט רויטע פענדלעך אויף די שפּיצן און צוגעזאָגט קומען היינטיקס יאָר טריקענען די גוואַזדן... איז טראָגט אָן דער רוח אָן אינזשעניער אַ שלאָק, דריי טעג נאָכאַנאַנד געבלאָנקעט, מיט אַ הויכן שוואַרצן ניט־גוטן געטאָפּטשעט די בלאָטעס, און היינט גיט ער צו וויסן דעם כוטער:

— מאָרגן טרייבט ניט די טשערעדע אויף ראַדאָווילער זייט. מאָרגן, זאָגט ער, וועלן מיר צענעמען די הרעבליע, די דעמבענע לעזשענעס, און אָפּציען דאָס וואַסער פונעם אייבערשטן טייכל. מאָרגן, זאָגט ער, הייבן מיר אָן גראָבן די קאַנאַלן... איך וועל נאָכדעם (גיי גלויב אים!) איבערוואַרפן אַ בריקל איבער די קאַנאַלן...

— נו, און די מיל? פירן צו די שינדערס אין די ווינטמילן?

— און די טשערעדעס זאָלן דערווייל קרענקען אין די קלוניעס? פון דער זייט זיינען קיין לאַנקעס ניטאָ.

— און קיין אָלעוועסק, אַז מע וועט דאַרפֿן?

— פֿרייטיק שטעלט זיך דאָרטן אַ יאַריד...

אַן אַלטער פֿאַלישוק, אין אַ גריער סוויטקע, אין אַ שמויסן היטל און מיט קאַליע אויגן, האָט גאָרנגען געשלעפּט פֿאַר אַן אַרבל — נאָר ער זאָל גיין מיט אים אין קלוניע און אַ קוק טאָן מיט די אייגענע אויגן, ווי די טעלעצע זיינע האָט זיך אויסגעמאָגערט פֿאַרן ווינטער...

ביאַכע, אַ פֿאַרמעליקטער ייִד, וואָס ס'האָט זיך געהערט פֿון אים דאַרף פֿאַר אַ מייל, מיט אַ שיטער בערדל און אַן אויסגעפּאַשעט בייכל, דער רענדאַר פֿונעם היגן מילכנדל, איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון זלאַטאָווץ — דעם עלטסטן פֿון די טשער־נאָבילער גראָבערס, מיט וועמען גאָרן האָט די לעצטע טעג די בלאָטעס גע־טאָפּטשעט:

— דער וואַלד וועט אָנהויבן דאָרן... איך זע, איר זייט אַ מענטש אַ פֿאַר־שטאַנדיקער...

ס'זיינען דורכגעגאַנגען די קאָראָסטענער יונגען, יעדערער מיט אַ פּאָר פֿריש־אויסגעפּלאָכטענע לאַפּטיעס אין די הענט. ביאַכע האָט זיי אָפּגעשטעלט מיט אַ זיס שמייכעלע:

— האַ, איר האָט זיך אוודאי ניט געריכט, אַז ס'דאָ הי זיצט אַ ייִד אין דאָרף? — ער האָט אַ ברייטן זיפֿץ געטאָן, — אָט אַזוי איז מען אַלע יאָרן פֿאַר־פֿרעמדט און צווישן פֿאַלישוקעס...

די יונגען האָבן אים באַקוקט פֿון אויבן אַראָפּ:

— דרייסט אַ לירע, פֿעטער...

ביאַכע איז נאָכגעגאַנגען די יונגען און געפֿרעגט טאַמעוואַטע:

— יאָ, פֿאַר אַ ציקאַוועס, וואָס זאָגט אייער פֿריץ מכּוח מיין מי־על?...

גאָרן האָט ביז הייזעריק־ווערן איינגעטענהט מיט די פֿאַלישוקעס און אין איינוועגס געוואָרפֿן אויגן אויף ביאַכעס בויך, וואָס האָט זיך גרינג געהויבן אונטערן בורנעס, און ניט געגלויבט, אַז זיין מיל האַלט ביי ווערן אויס מיל...

— פֿעטער, פֿירט אַראָפּ די מיל, וואָרים מיר וועלן זי צענעמען.

דורכגעקומען מיטן כוטער איז ער ערשט פֿאַרנאַכט.

די לעצטע שאָף איז אַריבערגעגאַנגען די הרעבליע. אין קלוניעס האָט מילך געציוקעט אין הילצערנע עמער. פֿייער אין אויוונס האָט פֿריילעך געטוקט זיך און געלעקט צוגעשטעלטע טעפּ קאַרטאָפֿליעס. די פֿאַלישוקעס האָבן נאָך אַלץ געטומלט אויפֿן פּלאַץ, און גאָרן האָט דאָס וויפֿלסטע מאָל זיי צוגעזאָגט און איבערגעחזרט:

— מאָרגן גאַנץ פֿרי שטעלט ער זיינע אַרבעטער און רירט אויף די הרעבליע. צוויי טעג וועט נעמען, ביז דאָס וואַסער וועט אָפּלויפֿן, נאָכדעם שטעלט ער ווידער אַלע אַרבעטער אויף פּיקעט נומער איינס — פֿון דער הרעבליע ביז צו דער ערשטער ווערבע — וועט דורכשניידן דעם קאַנאַל, אים אַרומאַרבעטן און גלייך אַרויפֿציען אַ בריק, אַ פֿעסטן בריק. לוטשינקי דאַרף נאָר צוגרייטן געהילץ.

— איז היינטיקן פֿרייטיק ווערן מיר אָן דעם יאַריד?

— געהילץ איז ביי אונדז אַ קלייניקייט...

און גאָרן האָט געמוזט אויסטרינקען מיטן עולם אַ געגלעזט קריגעלע סאַמאַ־האָן — שלום מיט די פּאַליושקעס. אַזוי איז מען דורכגעקומען. און קיין אַזעראַן אין דער דאַמפּמיל מוז „זו״ געבן אַ פּאַפּיר, אַז לוטשינקער פּויערים זאָל מען מאָלן אין דער ערשטער ריי.

— גאָרניו, נאָך אַ קריגעלע, פאַר די נייע דעסיאַטינעס! אַ קלאָג צו דער בלאָטע!

— אויס זינקעניש!

— אוי, האָט אונדז ניאַכע אַ פּאַס געשונדן! איצטער מעג מען שוין זאָגן דעם אמת...

— גאָרניו, נאָך אַ גלעזעלע.

— האָב קיין פּאַראיבל ניט, גאָרניו. אַ פּאַלישוק קאָן אַנדערש ניט, קאָן ניט אָן קיין בייזער... אין אונדזער לעבן איז מען אונדז גענוג די יאָרן דערגאַנגען.

— מירן אין אַלעווסק, אין אויספּירקאָם דערציילן, ס׳אַראַ מענטש דו ביסט.

— שיינע רייד, אַ פּאַלישוק איז ער . . .

. . . ביים ראָבן מיכיילען (אַ שטוב אונטער נייעם טשערעט), וואו ער איז איינגעשטאַנען, האָט גאָרן געטראָפן אָורוצקין, דעם רויטן בחור (זאַווערוכען) און אַנדרייען — פון די טשערנאָבילער. איבערגעגעבן האָבן זיי אים, אַז פאַר די לעצטע דריי טעג האָט מען אויסגעקאָרטשעוועט דיביימער פון די ערשטע פיר פּיקעטן קאַנאַל־ליניע.

אָורוצקי איז שוין ניט געווען צו דערקענען. די זון האָט אויסגעטריקנט זיינע האָר, אַ טונקעלע פּאַטליע האָט זיך צעשיט אויפן שטערן און אונטערגעהויבן זיך ביי יעדן הויכן רייד.

— גאָרן, מע דאַרף איבערבייטן דאָס עסן פאַר מיינע חברה. זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט צום פעטס און ס׳האָט זיי, אַפּנים, פאַרשאַדט...

אַנדריי האָט געדרייט די קליינע וואָנצעלעך און געשמוכט מיט איין זייט פּנים צו זאַווערוכען.

— גאָרן, נאָך אַ זאַך, — אָורוצקי האָט גערעדט געצויגן, צוגעקליבן ווערטער, — קיין רכילות פיר איך ניט, און האָב זיך ניט איין מאָל איבערגעלייגט, ביז איך האָב ביי זיך געפּועלט עס זאָגן, — די טשערנאָבילער פירן זיך ניט חבריש...

אַנדרייס פּנים איז געוואָרן אָפּגעצויגן. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו זאַווערוכען:

— זאַווערוכע, וואָס פאַר אַ שטיק? וואָס טשעפּעט ער זיך, דער אָורוצקי?

— אַנדרייקע, וועסט אפשר זאָגן, אַז ס׳איז ניט קיין געוועט? — אָורוצקי האָט זיך אויסגעדרייט צו גאָרנען: — חבר גאָרן, ס׳איז אַ פאַקט, די טשערנאָבילער האָבן זיך פאַרוועט מיט אונדזערע קאָראָסטענער יונגען, ווער וועט פלינקער אַרבעטן. מיינע חברה זיינען נאָך ניט געניט אין דער אַרבעט. דאָס ווילן די טשערנאָבילער ניט וויסן... מע איז אַריין אין אַזאַרט און מע רייסט זיך אונטער

די קישקעס... די עלטערע אונדזערע האָבן זיך שוין אונטערגעגעבן, מאַכט מען זיי צום געלעכטער.

זאַוועריוכע האָט זיך צעלאַכט:

— זיי ווילן זיך גלייכן צו די טשערנאָבילער! אַז די טשערנאָבילער זייִנען דעמבעס... נאָר איך איינער שטיי ניט אָפּ, איך האַלט פּאַסאַן, — זאָל אַנדריי זאָגן.

גאָרן האָט באַפֿוילן איבערצופֿירן מאָרגן אַלע אַרבעטער צו דער הרעבליע.

— מאָרגן וועט שוין די אַרבעט גיין אונטער מיין קאָנטראָל. אָווּרוצקי, ניט געזאָרגט.

דער קאָפּ האָט זיך געדרייט ביי גאָרנען („הונדערט פינף און אַכציק אַרבעטער פּליוס צוואַנציק פּאָלישוקעס, פּליוס...״). ער האָט צוריק אָוועקגעזעצט אָווּרוצקין אויף דער באַנק און אים געקלאַפּט אין פּלייצע:

— מיר וועלן אונטערפּאַסען דיינע קאָראַסטענער, וועט עס גיין אַ גאַנג. מאָרגן קומט אַן אָנגעשטעלטער און ברענגט שפּייז פון קאָראָסטען. עך, חברימלעך, וועט עס אַ זאָט טאָן ביי אונדז...

אין הויף אויפן סטויג היי האָט גאָרן נאָך לאַנג זיך געדרייט פון זייט אויף זייט און קיין שלאָף האָט אים ניט גענומען. אין דער שכנותדיקער ניאַכעס שטוב האָט זלאַטאָוו געטרומייטערט און געצויגן שיכור און ברייט:

Тула, д’Тула, д’Тула — я...

„מיט אַזאַ זלאַטאָוון איז ראַדאָוויל אויך ניט שרעקלעך... מירן וויזן „זו״ וואָס מיר קאָנען...״ — איצט זיינען גאָרנען די קאַנאַלן אַ שפּיי...

פון ערגעץ, פונעם וואַסער, פון יענער זייט וואַסער, האָט געבוירערט די פּאָליעסישע נאַכט אַ שטילע בענקענדיקע ליד פון לוטשינקער טונקעלע מיידלעך:

Дуб на дуба нахилився,
а - а - а - а,
Що ти, хлопче, зажурився,
а - а - а - а...

מאָרקאַ, מיכיילעס מיידל, איז שלאַנק און רייצט, איז פרעמד און ציט, ווי אַ בערעזקע אויף אַ ווילדער דעליאַנקע אין וואַלד...

אַזוי ווערט טאָג אין כוטער: אַ הינקענדיקער וואָלף, וואָס האָט געהיט אַ גאַנצע נאַכט אַ רוקן פון אַ קלוניע, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געגראַבלט מיט די געזונטע צוויי פעדערשטע פיס דאָס פעסטע צווייגן־געפלעכט פון אַ כוטערשן פּלויט, ווערט פּלוצים אומרואיק... דער וואָלף דרייט אויס דעם קאָפּ צום וואַלד. ס׳איז נאָך פינצטער. קאַלטע שיין פון שאַרפן וואָלפן־אויג קאָן נאָך ניט כאַפּן דעם שניט — וואו איז בוים און וואו איז נאַכט. אַ שטערן האָט געפינקלט — פינקלט נאָך דער שטערן, אַ ווינטל האָט געבלאָזן — בלאָזט נאָך דער ווינטל. סע שלאָפט נאָך די שאָף אויף וואָרעמער שטרוי אין דער קלוניע... נאָר אַ האָן האָט שוין געגעבן אַ קריי אויף אַ בוידעם... דער וואָלף בויגט אונטער זיין צע־בראָכענעם פוס און לאָזט זיך צו דער הרעבליע, און מיט דער הרעבליע — אין וואַלד. שוין נאָך דער נאַכט...

גאָרנען האָט דורכגענומען די סוף־נאַכטיקע קעלט אויף זיין געלעגער אין

הויף. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. פאַר דער נאַכט האָט דאָס היי אונטער אים זיך איינגעלעגערט — האַרט געוואָרן צו ליגן. אין דער שיטערער דרויסנדיקער בלאָוקייט איז דער גאַנצער כוטער נאָך געשלאָפן. דער וואַלד האָט שוואַך גערוישט און איז ניט מיד געוואָרן.

טליאַך, טליאַך...

טליאַך...

גאָרן האָט אויף גיך זיך אָנגעטאָן און אַוועקגעלאָפן צו דער הרעבליע.

איינס! צוויי!

אַנדריי, אַ לוסטיקער יונג מיט אַ לוסטיקן טיפן שניט אויף אַ באַק, האָט שוין געקאָמאַנדעוועט מיט די טשערנאָבילער ביי דער הרעבליע. אין צוויי שערענגעס זיינען זיי געשטאַנען, געהאַלטן אין די אַדערדיק־פאַרהאַרטעוועטע הענט בער־רעזעווע פאַרשניטענע דרענגלעך און אונטערגעהויבן מיט זיי דעם אויבערשטן לעזשען.

— איינס!

— צוויי!

ביי „איינס" — האָבן אַלע אַריינגעשטעקט די דרענגלעך אין דער נאַט צווישן ערשטן און צווייטן באַלקן. ביי „צוויי" — זיך אַרויפגעלייגט מיט די בייכער אויף די דרענגלעך און געשפּאַרט מיט אַלע קרעפטן אַראָפּצו, אין וואַסער. אַנדריי האָט צוגעוואָרט אַ ווילע, זיך אָנגענומען מיט אָטעם און מיטאַמאָל אויסגעשאָסן, באַגלייכן געוואַלט איבערשרעקן די אַרבעטער:

— מיידלעך גייען!...

די פּנימער ביי די אַרבעטער זיינען ביים לעצטן אַנדרייס אויסגעשריי גע־וואָרן צונטער־רויט פאַר אָנשטרענגונג — דער לעזשען האָט זיך גערירט און אַ שפּריץ געטאָן אין אַלע זייטן מיט שטיקלעך אויפגעריסענער ערד און אָנ־געבראָכענע צווייגן...

— איינס!

— צוויי!

איבערן גאַנצן טייכל האָבן געאַרבעט די קאָראָסטענער. געקאָמאַנדעוועט מיט זיי האָבן אָורוצקי און זאַווערוכע. די קאָראָסטענער האָבן געגראָבן ריוועטשיקעס און געטריבן דאָס וואַסער צום טייכל־שטראָם. אַלע האָבן געשוויגן, ערנסט פאַר־טאָן אין דער אַרבעט. קורצע לאַפּעטעס, געטוקטע אין וואַסער, האָבן פריילעך געבלאַנקט אויף דער זון.

— איינס! צוויי!

קורץ, שאַרף און מונטער האָט דער אַרבעט־רוף זיך געטראָגן פון דער הרעבליע צום וואַסער, צו די בלאָטעס. זלאָטאָוו איז געשטאַנען לעבן גאָרנען און ניט אויפגעהערט צו טרומייטערן, אַז ס'איז אַן אויסבערענגעריי פון מענטשן, — מע האָט ניט געטאָרט שטעלן די גאַנצע פּאַרטיע אַרבעטער אויפן ערשטן פּיקעט. אַ קליינינקייט, וואָס מע האָט די פּאַלישוקעס צוגעזאָגט, — מע דאַרף העלפט מענטשן אַראָפּנעמען און זיי אַוועקשיקן אויפן פינפטן פּיקעט, קאָרטשעוועז ווייטער

דיביימער אויף דער ליניע פונעם קאַנאַל. גאַרנס אויג האָט פאַרבלענדט דער ווימל פון די אַרבעטער. „מיר ברענגען פריש פעלד און גערעטעניש אין אַן אָפגעשטאַנענעם סאָוועטישן קאַנט."

— זלאַטאָוו, דיין מיינונג, — אויף אָוורוצקין קאָן מען פאַרגלייבן אַ פאַרטיע אַרבעטער און שיקן אים מיט זיי אויפן פינפטן פיקעט?

געפרייט האָט גאַרנען זלאַטאָווס גינסטיקער ענטפער וועגן אָוורוצקין און וועגן אַלע קאַראַסטענער גענומען:

— אָוורוצקי איז דער צווייטער אַנדריי, — ער האָט אַ געפיל אין דער אַרבעט. און מיט די קאַראַסטענער איז זיך ניטאָ וואָס צו שעמען, — זיי עסן די אַרבעט; זיי זאָלן זיך נאָר ניט איבערעסן...

ערשט דער פערטער לעזשען איז געלעגן נידעריקער פונעם וואַסער-פלאַך. אַז די טשערנאָבילער האָבן אים אויפגעריסן, האָט דאָס וואַסער אַ שפּאַר געטאָן מיט קראַפט, מיט אַנצאָליקע זילבערנע שפּריצן, אויף דער אַלטער מיל-ראָד און זי אַראָפּגעשווענקט, ווי אַ שפּענדל. די גאַנצע מיל האָט זיך געהוידעט פון דעם רעווענדיקן וואַסער-פליייץ, די מיל און ניאָכעס בויך אונטערן צעשפּיליעטן בור-נעס... ער איז געשטאַנען, ניאָכע, מיטן הוידענדיקן בויך און געדראָעט גאַרנען מיט אַ פעטן חלבנעם פינגער:

— אין קאַראַסטען איז דאָ אַ געריכט, און ער האָט פּאָר אַרענדע באַצאָלט, און ווי פאַרגינט זיך עס אַ ייד אומגליקלעך מאַכן אַ יידן?

גאָרן האָט יינגלש-פאַרשייט געלאַכט, געלאַכט, וואָס דאָס וואַסער פליִצט אַזוי אָן אָפּשטעל, ווי מע וואָלט עס געטריבן מיט דרוקעס, און פון ניאָכען געלאַכט:

— אַ ייד זיינט איר? אָט שטייען יידן און טרייבן וואַסער אויף אייער מיל... ווי קומט עס, פּאַניע אַרענדאַר?

דער גאַנצער טייך קאַראַסטענער האָט אויף אַ מינוטקעלע אַריינגעשטעקט די לאָפּעטעס אין דער בלאָטע און געהערט מיט ברייט-שמייכלדיקע מיילער, ווי „זייער" אינזשענער לייגט אַריין אַ חלק גיאָכען.

— ר' ניאָכע, איר קאָנט מיט אונדז דאָ האָבן אַרבעט אויף אַ גאַנצן זומער... ר' ניאָכע, געגנוג שוין געזויגן די פּאָלישוקעס.

— איינס! צוויי!

די טשערנאָבילער רייסן דעם פינפטן לעזשען.

און פלוצים האָט לוטשינקער קליינוואַרג, וואָס האָט פון גאַנצפרי אָן גע-פלאָנטערט זיך אין וואַסער די אַרבעטער צווישן די פיס, זיך צעקוויטשעט, ווי חזירימלעך:

— פיש!...

— העכט שווימען!...

— אַ שלייען!...

— פ-י-ש!...

פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן דער אַלטער פּאָלישוק, אין סוויטקעלע, אין שמויסן

היטל און מיט די קאַליע אויגן. הינטער אים איז האַלב לוטשינקי געשטאַנען מיט קינד־און־קייט, און אַלע האָבן געהאָלדערט צו גאַרנען:

— גאַרניו!

— גאַרניו, טו אַ טובה און היס, מ׳זאָל ניט רייסן קיין לעזשענעס.

— גאַרניו, לאָז אונדז פאַרהאַטען מיט נעצן די לאַך... וואָס רעדט איר, אַזויפיל פיש...

— גאַרניו, לאָז אונדז פיש כאַפּן.

און דאָס קליינוואַרג האָט פאַרשריען, פאַרקוויטשעט אַלעמען:

— העכט שווימען!

אויף דער זון־באַגאָלדעטער וואַסער־פלאַך האָבן געגלאַנצט און שעמערירט זילבערנע בייכער פון פיש.

— העכט שווימען!

די אַרבעטער זיינען אַרויס אויפן ברעג, אויף גיך אַרומגעוואָרפן אויף זיך זייערע צעריסענע שמאַטעס, וואָס זיינען געהאַנגען אויף נידעריקעביימלעך, און צוריק אַריין אין טייך. זיי האָבן ביזן סוף אַרבעט־טאָג געטריבן דעם וואַסער און זיך אָנגעלייגט פולע בוזעמער מיט זיך־וואָרפנדיקע פיש.

— איינס! צוויי!

אונטער בערעזעוועו דרענגלעך האָט שוין געקרעכצט דער זעקסטער לעזשען... די פּאַלישוקעס האָבן זיך אַרומגעזען, אַז מיטן אינזשענער קאָן מען גאַרניט מאַכן, האָבן זיי זיך אויסגעטאָן נאַקעט און אַריין מיט געפילדער אין טייך נאָך פיש...

איין מאַרקאַ, מיכיילעס מיידל, איז געשטאַנען אויפן באַרג און צום טייכל ניט אַראָפּגעגאַנגען. אַ פאַרנאַכטיק ווינטל האָט געריסן איר העל קליידל און אָפּ־געדעקט ברוינע פיס ביז העכער די קני. די רויטע זון פון עק וואַלד האָט געלייגט גאָלדענע שיין־פלעקן אויף איר פּנים און געסאַרפּעט אַן אויער. גאַרן האָט געקוקט אויף מאַרקאַן פון דער נידער, געזען, ווי זי מיניעט זיך, קוקנדיק אויפן אָנלויפנדיקן וואַסער, און ניט געוואוסט, וואָס מיט איר קומט פאַר.

אין אָוונטן זיינען אָנגעקומען די פורן מיט פּראָדוקטן. יאָסי הויקער איז פאַרפאָרן מיט זיין פורל גלייך צו מיכיילען אין הויף, — געבראַכט פון קאָראָסטען ברעזענטן פאַר די קאַנאַלן, אַ נייע רער צום ניוועליר און אַ גראָבן פּאַקעט פונעם הויפּט־אינזשענער פאַר גאַרנען.

— חבר אינזשענער, — דער הויקער האָט שוין גערעדט גאַר היימיש, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, — ווען איר ווילט, נעמט איר מיך אויך צו אויף דער אַרבעט, טאַקע מיט מיין בולאַנעם. איר קאָרטשעוועט ביימער, דערציילט מען, אין לוטשינקי — וואָלט איך, און דער בולאַנער טאַקע, זיי אָפּגעשלעפּט פונעם קאַנאַל. אַ ייד בין איך אַ קבצן, איר ווייסט, דאַכט זיך, גוט... איך וואָלט נאָך מיין זון גענומען צו זיך, דעם לערער, וואָס לערנט מיט ניאַכעס קינדער...

ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט, און ווידער גענומען רעדן היימיש:

— הערט אַ מעשה, ביים קאָמסאָמאָלסקן קלוב בין איך אייערנעכטן דורכ־

גערפאָרן (איר זיינט זיך געווען אין קאַראַסטען אויף קלאַדבישטשענסקע?) — איז דער גאַנצער קלוב אַרויסגעלאָפן, הוילע שנעקעס, און זיך אָנגעהויבן דער־פרעגן פון אייך און פון די קאַנאַלן. עפּעס האָבן זיי מיר אָנגעדולט אַ קאָפּ מיט אַ ׳נסטרוקטער — זיי ווילן שיקן אַ ׳נסטרוקטער, הייסט עס. פרעגט מיך בחרם וואָס . . .

גאָרן האָט אים געהערט מיט איין אויער. ער האָט געלייענט די פּאַפּיראָס־פּאַפּירלעך פונעם גראָבן פּאַקעט: פאַרמען פון ראַפּאָרטן וועגן אָפּגעטאָנענער אַרבעט. פאַרמען לאַנגע און שמאָלע, פאַרמען ברייטע און קורצע. ער האָט זיך ערשט געכאַפּט, ווען דער הויקער האָט אַרויסגעפּאָנפּעט דאָס שווערע וואָרט — „נסטרוקטער״:

— וואָס פאַר אַ אינסטרוקטער?

— דער קאָמסאָמאָל, הייסט עס, וויל אייך אַריינשיקן אַ ׳נסטרוקטער, — די אַרבעטער, זאָגן זיי, זיינען שוואַך אויף דער עברי. און גאַזעטן און ביכלעך, שייך צו רעדן — זיי ווילן דאָ, אַפּנים, מאַכן אַ קלוב...

פאַר גאָרנען אין געדאַנק האָבן זיך אַ ציִ־אויס געטאָן די לאַנגע בלאַטיקע פּיקעטן. „יאָטן ווילן דאָ אָנהויבן פירן אַ פּאָליט־אויפקלער־אַרבעט, אַ פּאַראיין־אַרבעט. זייער גוט. טאַקע אַ געגויטיקע זאַך.״

— נו, גוט, ר׳ יוסף, מאָרגן גאַנצפרי, איידער מע צעשטעלט די אַרבעטער ביים קאַנאַל, זאָלט איר קומען צו זלאַטאָוון און אים זאָגן, אַז איך האָב אייך געהייסן פירן געוואָלגערטע סאָסנעס פון דער ליביע. זאָל ער אייך ווייזן וואו.

. . . דאָס וואַסער ביי דער הרעבליע האָט געהאַלטן אין איין רוישן. דער רויש האָט זיך צעטראָגן איבער די הויפן און זיך געמישט מיטן הילכיקן גערייד פון די אַרבעטער; אין די הויפן אויפן שליאַך, צווישן די צעוואָרפענע קלעצער אויף דער גאַס, האָבן די אַרבעטער געקאָכט פיש און קאַשעס, באַשמאַלצן מיט פריש־געבראָכטן חזיר. פונעם נאָענטן טאָל האָט זיך אַ האַרמאָשקע אָנגערופן און געגנאַרט יונגן עולם אויף אַ ביינאַכטיקער שמחה.

גאָרן האָט געזוכט מאַרקאָן אין שטוב ביי מיכיילען, אַרום די סטויגן היי אין הויף, ביים וואָגן אין קלוניע — מאַרקאָ איז ניט געווען. פאַרן טאָג האָט זיך אים אויסגעוויזן, זיינען איר די באַקן איינגעפאַלן און אירע אויגן זיינען געוואָרן גרעסער און ווילדער: אַזאַ ווילדע און איבערגעאַנדערשטע איז זי ביים זון־פאַרגאַנג געשטאַנען אויפן באַרג און געקוקט אַראָפּ צום טייכל.

מיט דריבנע טריטעלעך איז ווידער געקומען דער הויקער. ער האָט גע־פּיפּקעט פאַרקלערט זיין פאַרלאָשענעם ציבעק און סודותדיק אָוועקגערופן גאָרנען אין אַ זייט:

— איך באַדאַרף אייך עפּעס זאָגן.

געערדט האָט דער הויקער פּאַמעלעך, ווי ער טוט אַ טובה. ער האָט איבער־געלייגט יעדעס וואָרט, געגעבן מיט דעם אָנצוהערן, אַז ער ווייסט נאָך, נאָר ניט אַלץ קאָן מען דערציילן.

— חבר אינזשענער, היט זיך פאַר ביאַכען!

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער ציבעק איז פּאַרלאָשן, גענומען אויפקלאַפּן פּייער מיט דער קרעסילע.

— פון זיך איז ניט שייך צו רעדן, — איך בין אַ האַרעפּאַשנער מענטש, אַלע אייערע קאַראַסטענער אַרבעטער זיינען פון די הינטערגעסלעך, און איך בין אויך פון דאָרטן — האַרעפּאַשנע חי־וקיימס זיינען מיר.

— איז וואָס, ר׳ יוסף? — גאָרן האָט צוגעאיילט.

— חבר אינזשענער, אַ באַש־בראַט איז אַ ווייסער טעלער — איר זעט, וואָס ס׳טוט זיך אויפן דנאָ. און ניאָכע איז אַ נגיד, אַ שלאַנג. ניאָכע, חבר אינזשענער, וועט אייך ניט שענקען די מיל.

— וואָס, ער האָט געדראָעט, ניאָכע? איך לאָך פון אים, ר׳ יוסף. און גייט לייגט זיך שלאָפן.

— איך זאָג אייך, אַז ער איז אַ שלאַנג, איז ווייס איך, וואָס איך זאָג. איך בין אַ האַרעפּאַשנער מענטש און פאַרדין כשר מיין שטיקל ברויט, און ניאָכע איז אַ נגיד — אַלע פּאַלישוקעס, פון אַלעווסק ביז מאָזיר (איר ווייסט, וואו מאָזיר שטעקט?) זיינען אים שולדיק געלט, ניאָכען. זאָגט ניאָכע, אַז ער וועט זיך מיט אייך אָפּרעכענען. אויף ניאָכען קאָן מען זיך ריכטן — שייך צו רעדן.

דער הויקער האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין, און זיך אומגעקערט. פאַרריסן דעם קאָפּ צו גאָרנען און זיך אָנגענומען מיט האַרץ:

— איר זאָלט וויסן זיין, חבר אינזשענער, אַז ניאָכע גראָבט אויף אייך און אויף אונדזער גאַנצער אַרבעט. ער רייצט אָן די פּאַלישוקעס. וואָס ער קאָן נאָר אויף אייך אויסטראַכטן, טראַכט ער אויס. אַז דער וואַלד וועט אויסטריקענען — האָט איר איינס. אַז די בהמות וועלן זיך אויפהערן מעלקן — האָט איר צוויי. אַז זומער וועלן זיך דאָ האַלטן שטאַרקע היצן, און אַז ווינטער וועלן דאָ זיין גרויסע פרעסט. — שייך צו רעדן.

דער הויקער האָט שוין געהאַלטן גאָרנען פאַר אַן אַרבל:

— ווייטער דאַרף איך אייך זאָגן, אַז ניאָכע האָט אַ מויד, אַ ווערעמדיקע מויד... האָט די דאָזיקע מויד אָנגערעדט מאַרקאָן, מיכיילעס מיידל, אַז איר זייט איינגאַנצן שולדיק אין דעם... ווייסעך... וואָס אַפילו קיין גראָז וועט ניט וואַקסן אין פּאַליעסיע... פון קיין קווייטן איז שוין אָפּגערעדט... און אַז איר, כלומרשט, טרייבט רכילות אויף איר, אַז זי פירט זיך ניט שיין אויף... מאַרקאָ, הייסט עס...

דער הויקער האָט גענומען רעדן אויף דער גיך:

— ניאָכעס שטוב און מיכיילעס איז אַ שטוב לעבן אַ שטוב, איז אפשר האָט עמעצער געזען, צי געהערט. נאָר אַוודאי איז דאָס אַ באַצרע... איר שפּילט זיך מיט ניאָכען!

גאָרן האָט אַ טראַכט געטאָן, אַ קנייטש געגעבן מיט דער נאָז און געשיקט דעם הויקער שלאָפן.

— אַז איך לאָך פון זיין טאָטן. און איר גייט אַרויס מאָרגן אויף דער אַרבעט.

• • •

קאַלטע נעכט האָבן זיך געשטעלט. מע שטייט אויף אינדערפרי, איז געל אין די אויגן פונעם בלעטערפּאַל. אין דער ברוינקייט פון די ווערבעס, וואָס בייגן זיך אין קאַנאַל אַריין, וואַרפט זיך אַמאָל דורך אַ גאָלדן בלעטל אַ דעמבנס און אַ רויטער בלוטסטראָפּן פון אַ קאַלינע.

די קאַראַסטענער האָבן שוין אָנגעשפּאַרט מיטן קאַנאַל ביי די פּאַרקוילטע לאַנקעס — איין טאָג אַרבעט איז געבליבן, און זיי קומען אונטער צו ראַדאָווילער הרעבליע, צו דער טשערנאָבילער דיסטאַנציע; הינטער אַזעראַן שטייען די טשערנאָבילער און דערשניידן די לעצטע פּיקעטן ביי דער לאַנגער הרעבליע — שוין נאָכן זומער און נאָך דער אַרבעט.

האַרבסט.

פוילע ווינטן פּראָוּוען שטיק דורך די נעכט און רייסן פּאַלעס פון די פּאַר־בלאַטיקטע ברעזענטענע פּאַלאַטקעס. ווען מע כאַפּט זיך ניט אויף, איז נאָך בלאָו דער דרויסן; ווען מע וואַרפט ניט די אַרבעט, איז שוין העט אין אָוונט. אין די טראַנשייען שטייט מען אין וואַטאָווע לייבעקעס און אין האַרטע יוכטענע שטיוול. שווער גייט די אַרבעט, — מע קליגט זיך שטייך אויפן טרוקענעם אָנשיט און שאַרן איינגעבויגן די לויזע בלאָטע.

דרייסיק קאַראַסטענער, די עלטערע, זיינען שוין אינגאַנצן אַרויסגעקראָכן פון זייערע פּיקעטן. זיי טומלען ביי יאַנקל ספּיוואַקס קורין און באַקוקן מביניש די אַקערס, וואָס לוטשינקער קאָמענדאַם האָט זיי געליען. מאַריינע האָט ערגעץ דערטאַפּט אַן אַלטע אויסגעריבענע סוויטע, זי אָנגעטאָן אויפן לייבעק זיינעם און שטייף זי פאַרצויגן מיט אַ שוואַרצער קרייקע.

— גוטער ברודער, — שטעלט אָפּ מאַריינע אַלע מאָל אַן אַנדערן, — קריג אַ סוויטע צו דער פעלד־אַרבעט, אין אַ סוויטע אַרבעט זיך געשמאַקער...

מע ווייסט נאָך אַלץ ניט, ווי ווערט מען די ערד איינטיילן צווישן זיך. יאַנקל ספּיוואַק איז פאַר שותפות:

— וואָס גאָט גיט, זאָל זיין בשותפות. מע האָט שוין איינמאָל אָפּגערעדט, דאַרף עס אַזוי בלייבן! — און דאָס דריטע מאָל היינטיקן פרימאָרגן ברענגט ער דעם משל מיטן בעזעם: ס׳איז אַ גרויסע נפקא־מינה, צי דער בעזעם איז צעבונדן, צי דער בעזעם איז פאַרבונדן...

שעפּטל גיט אַלעמען איין אין גדן, אַז ער האָט אינדערהיים אַ שקאַפע, אַ געזונטע שקאַפע האָט ער אינדערהיים:

— מיר דאַרפן, — טענהט שעפּטל, — דינגען פערד צו די אַקערס, און איך האָב אַן אייגענע שקאַפע אויף מיין פאַרמעג, דאַרף מען זי פאַררעכענען פאַר אַ מענטשן... אי דאָס, — דערווייזט שעפּטל, — ווערט איר האַנדלען אַ גרויסע מציאה, — וואָרים איין פערד ווערט פאַרבייטן אייך דריי...

מאַריינע פאַרציט שאַרפער די קרייקע און שטילט איין דעם עולם:

— איז אָפּגערעדט! שותפות, יידן! אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה — שותפות, יידן!

יאָסי הויקער איז אָנגעקומען רייטנדיק פון לוטשינקי:

— שוין! מע האָט די ערד נאָך קיין דראָפּע ניט געטאָן, און מע גערוואָלדעוועט שוין! זעקס פּאָר אָקסן מיט גרויסע הערנער גיט אונדז לוטשינקי, און דער קאָמנעזאָם שיקט אונדז אַ אינסטרוקטאָר, אויסלערנען אונדז די פּויערשע עברי — דער פּאַרזיצער פונעם קאָמנעזאָם גייט צו אונדז פּאַר אַ לערער... און גיטליאַנסקי האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל אַרבעטן בפירוש קאָלעקטיוו, אחדות, הייסט עס, דעם גאַנצן קלין צעאַקערן אין איין גאַנג, און אימירטשעם נאָך פּסח וועלן מיר זען...

— אַוודאי מער שכל!

— יידן, וואָס האָב איך געזאָגט?

אין קאַלטן כמורנעם האַרבסטיקן פרימאָרגן זיינען די עלטערע קאַראַסטענער אַוועק גראָבן „ווייזערלעך" אויף די נייע פּאַלישוקישע פעלדער.

מאַריינע האָט אונטערגעטריבן די אָפּגעשטאַנענע:

— עולם, קומט אָפּגעבן אַ חוב, דעם ערשטן חוב, וואָס ס'קומט אונדזערע שכנים. מיר ווערן פּאַלישוקעס, און אַ פּאַלישוק פאַר אַ פּאַלישוק דאַרף אָפּגעבן דאָס לעצטע.

— חברים, — האָט לוי שלימעס דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דאָס וואָרט „חברים" אויסגערעדט, — חברים, די פּאַלישוקעס שטייען איצטער הינטער לוטשינקי אין אונדזער קאַנאַל און פּוצן דעם דנאָ. און דאָס מיידל, די מאַרקאָ, האָט עס די גאַנצע חתונה אויסגעשטעלט... מע זאָגט, זיי האָבן דאָס אַנדערע וואָרט ניט געזאָגט, די פּאַלישוקעס: זיך אויפגעהויבן גאַנצע הויפן און אַרויס צום קאַנאַל.

— ר' לוי, איר וועט זיך נאָכדעם קוויקן, — קומט גראָבן די ווייזערלעך!

ביי דער שוועל פונעם קורין איז געבליבן רויכערן אַ שייטערל. יאַנקל ספּיוואַק האָט פאַרשאַרט יונגע קאַרטאָפּליעס אין פּריסעק, געגלעט דאָס קאַלטענע־וואַטע בערדל, פּאַמעלעך אָנגעטאַפּט די גוליע אויפן נאַקן און ניט אָפּגעלאָזט פון זיך יאָסי הויקער:

— יאָסי, זיץ דאָ אַביסל מיט דיינע עמער וואַסער. ס'אַ קאַלטער טאָג, און ווען גלוסט זיך איצט אַ טרונק? איי, יאָסי, יאָסי, אַז מע נעמט זיך באַטראַכטן...

אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן און פאַרשלאָגן יאַנקלען רויך אין פּנים. ער האָט זיך צעטרערט פונעם רויך, געפינטלט מיט די אויגן און דערלאַנגט יאָסין אַ הייסע קאַרטאָפּליע.

— כאַפּ איבער, יאָסי, אַ קאַרטאָפּליע. אַז מיר וועלן די ווערט זיין, וועלן מיר איבעראַיאָר עסן אייגענע... נאָר דער עיקר, ס'זאָל קיין מחלוקת ניט זיין, און מע זאָל זיך פאַרגינען... איי, יידן, יידן...

אויף די נאָענטע קאַנאַלן האָט דאָס יונגוואַרג געטיאָפּקעט מיט לאָפּעטעס אין דער בלאָטע. יאָסי הויקער האָט פאַררויכערט זיין ציבעק און פאַרזשמורעט אָן אויג. ער האָט געהערט יאַנקלען מיט איין אויג.

— כ'האָב מיך דערמאָנט, יאָסי, פון די ירושלימער ברידער... נאָך פון פאַרן בית־המקדש... איין ברודער איז געווען אַ מטופל, און דער צווייטער, ניט פאַר

אונדז געדאַכט, איז אַן עקר געווען... איז זאָלסטו געווען זען, יאָסי, ווי נאָך שניט פּלעגן זיי ביינאַכט איבערטראָגן בגנבה גאַרבן תבואה יעדערער פון זיין פעלד אויפן ברודערס... דער האָט רחמנות געהאַט אויפן אָנקינדערדיקן, און דער האָט געוואָלט באַוואָרענען דעם ברודערס געזינד... יאָסי, ביסט אַ מבין — אָקאָרשט מע זעט ניט, ס׳גייען איצטער יענע יאָרן, יאָסי...

דער הויקער האָט אָוועקגעלייגט דעם ציבעק און זיך גענומען צו דער קאָר־טאָפליע. ער איז געווען שטאַרק אין כעס:

— וואָס דערציילסטו מיר קאַזאַלעס, יאַנקל? אַז מע שמועסט איצטער — קאָלעקטיוו, איז שייך צו רעדן? היינטיקע וועלט איז אַ וועלט אָן קאַזאַלעס.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פרישע קאָרטאָפליע פונעם פּריסעק און אָפּ־געזיפּצט:

— נאָר מיט מיין בחור האָב איך ניט געטראָפן... איך ווייס גאָרניט אין וועמען מיין גאָדל איז געראָטן... נאָר ער מורמלט אויף גאָרנען און ס׳אָרט אים, הלמאַי די פאַלישוקעס לעבן מיט אונדז גוט... איכ׳ל דיר דערציילן בסוד, אַז ער איז געווען מיט ביאַכען אין אַלעווסקער געריכט. עפּעס איז דאָרטן געלעגן אַ מסירהלע אויפן אינזשענער, האָט מען זיך פון זיי אויסגעלאַכט. פאַרקערט, מע וויל שוין נעמען ביאַכען אין דער אַרבעט פאַר דער מסירה, האָט אים גאָדל קוים אָפּגעשריגן... וואָס, וואָס, — נאָר אַ ציגל האָט ער אַ גלאַטס, דער משומד.

יאָסי הויקער האָט אָפּגעגאָסן האַלבע עמער וואַסער, ס׳זאָל אים זיין גרינגער צו טראָגן, און זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם בערגל צום שליאַך. ביים שליאַך האָט ער אָוועקגעשטעלט די עמער אויפן גראָז, באַטראַכט דעם הימל, וואָס האָט זיך געכמאַרעט, אויסגעגאָסן די איבעריקע וואַסער פון די עמער און זיך געלאָזט צוריק צום קורין.

— הערסטו, יאַנקל, — האָט דער הויקער געזאָגט געלאַסן און גענומען אַרויס־שאַרן מיט אַ צווייגל קאַרטאָפליעס פונעם פּריסעק, — איך האָב זיך באַטראַכט! איך האָב זיך באַטראַכט — וואָס וועל איך לויפן צו די ווייזערלעך, אַז דער טאָג איז אַלצאיינס אַ כמאַרנער טאָג, און דעם עולם איז מסתמא קאַלט. וואָס פאַר אַ משוגענער טרינקט איצט וואַסער?

ער האָט איבערגעקערט אַן עמער, זיך צוגעזעצט אויף אים און גענומען שיילן קאַרטאָפליעס.

— ווייסטו, יאַנקל, וואָס איכ׳ל דיר זאָגן? — דער הויקער האָט די אויס־געשאַרטע קאַרטאָפליעס צוריק אַריינגעלייגט אין פּריסעק. — זיי זיינען נאָך ניט דערבאַקן, די קאַרטאָפליעס! — ער האָט זיך פאַרקלערט: — הלוואי לאָמיך ליגן זאָגן, פון מיין בענאַק וועט קיין גוטס ניט אַרויס: עס האָט זיך מיטן גאַנצן עולם צעקריגט, מיין גאָדל, און די חברה ווילן אים איצטער אין קאָן ניט אַריינ־נעמען. איז, שייך צו רעדן, מיר איז אַ גרויסער האַרצווייטיק — אַלע גייען קיין אַלעווסק אויפן זאַוואָד אַרבעטן, און נאָר ער איינער בלייבט אָפּגעשמיסן. ער שמועסט שוין מיט ביאַכען, אַז ביאַכע זאָל אים ווידער צונעמען צו די קינדער...

יאַנקל ספּיוואַק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. מע האָט ניט געקאָנט ווויסן, צי ס׳געפעלט אים, צי ניין. יאָסי האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— וואָס שאָקלסטו זיך, ווי דעם רבס ציג? ס׳עפּעס אַ תּכלית היינטיקע צייט בלייבן אַ מלמד? ער איז זיך אַ פאַרפאַלענער, מיין גאָדל! די חברה האָבן אים ניט ליב, נאָר ער האָט זיך אַ גאָלדענעם קאָפּ אויף זיך, אַ גאָלדענעם קאָפּ!

יאַנקל האָט אים איבערגעשלאָגן. ער האָט געקראַצט די גוליע און געקוקט אין וואַלד אַריין.

— שאַ, יאָסי, שוין נאָכן טאָג, און עפּעס ראַשט זיך אין וואַלד. איי, שאַ, שאַ — לאָז צורו מיט דיין פּוסטעפּאַסניק. אונדזערע זיינען שוין מחויב באַלד צו קומען פון דער אַרבעט, און מיט דער וועטשערע האַלט איך נאָך פונפאַרנט. גיי בעסער, יאָסי, נאָך וואַסער...

פון וויט האָט דער וואַלד געטראָגן אַ טויב געזאַנג, אַ צעצויגענע פּאָלי־שוקישע ליד. —

לוטשינקער כוטער, אַ וואַלד לאַפּעטעס, איז געגאַנגען אַהיים פון דער אַרבעט, פונעם פּאַרטיקן קאַנאַל, און געזונגען אויף פּאָליעסיע:

עך, פּאָליעסיע, גרינער בלאָט —
בליצן העלן דיינע נעכט,
דונערס ברענען דאָ די קוילן,
שפּינען וועבן בלאָווע צייג,
עך, פּאָליעסיע, גרינער בלאָט!

הינטערן כוטער האָבן זיך באַגעגנט מיט גאָרנען די פּאָלישוקעס.

— גאָרניאַ, מיר האָבן אונדזערס געטאָן, נאָר אויף דיר האָבן מיר זיך ניט געריכט — מע האָט אונדז דערציילט, אַז דו האָסט זיך געמאָרדעוועט...

— ניט געוואָלט, מיר זאָלן אַרבעטן...

דער עולם האָט גוטמוטיק געהאָלדערט אַרום גאָרנען און אים געשלעפּט מיט זיך קיין לוטשינקי. מע האָט געבעטן דעם אינזשענער, ער זאָל קומען איבעראַיאָר אויך — זיי האָבן אָט דאָ נאָך איין בלאָטיק ערטעלע, און מע דאַרף דאָרטן אַ שטיקל קאַנאַל, ווי די נשמה.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן, — האָט מען גאָרנען ניט געלאָזט רעדן, — מירן טאָקע שרייבן קיין אָלעווסק, אין אונדזער אויספּירקאָם, נאָר דו דאַרפסט קומען צו אונדז אַרבעטן.

„איבעראַיאָר קום איך אויך אַהערצו — צו מיינע פּאָלישוקעס.“

גאָרן האָט געשפּאַנט מיטן גאַנצן כוטער אַרויף־באַרג און געזונגען מיט אַלעמען און פאַרכלינעט זיך אין דעם מונטערן ליד:

עך, פּאָליעסיע, גרינער בלאָט!

גוט איז גאָרנען, וואָס פרילינג קומט ער ווידער קיין פּאָליעסיע. ער וועט באַנייס אָנהויבן אַרבעטן, ער וועט קומען, ער וועט קומען!

בליצן העלן דיינע נעכט.

דוד האָפשטיין

אַ רעגן

פון אינדערפרי היינט גייט און גייט
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן.

ס'איז טיף אין פרילינג,
ס'איז ענדע מאַי,
איך בין אין שטאָט,
נאָר אַלע מיינע חושים שפּירן,
וואָס טוט זיך דאָרט —
אין דאָרף,
אין גרויסער וועלט
פון פעלד.

פון אינדערפרי היינט גייט און גייט
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן —
ס'איז זיסע זאַפט,
ס'איז קראַפט
פאַר ווייטערדיקן וואוקס,
און אויך
איז אַזאַ רעגן פעך
און סם
פאַרן פרעכןווירבלענדיקן ים
פון פליגעלעך און פליגן,
וואָס שעדיקן
די פעלדער און די סעדער...
ס'איז אַזאַ רעגן
אַ גרויסער כּוח,
וואָס קאָן באַוועגן
שווערע רעדער!
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן...

איך בין אין שטאָט,
איך הייב זיך אויף מיטן ערשטן פייף
פון אונדזערע פאַבריקן,
איך זאַפּ אין זיך דעם רויש
פון טלאָען און פון רעדער אויפן ברוק,
דעם רויש פון טויזנטער געצייגן און מאַשינעס,

נאָר איך געדענק,
אַז ס'איז
די שטאָט אַ ריז,
אַ פעלז
אין ים פון פעלד,
וואו אַלץ איז איצט
פאַרטיפט אין גרינען,
וואו וואוקס זיך ריכטעט
אין מילדער שטילקייט
אין שויס פון ערד,
אין באַדנדיקע אַגרוישיקע מאַשינעס.

כ'געדענק עס שטענדיק...
און ערגעץ טיף אין מיר
ווערט רייף די שטילקייט,
וואָס שווימט אַרום פאַר שטורעם.
און, ווי פון לאַנג,
פון שטענדיק,
איז מיין צעשטרייטער בליק,
וואָס וואַרפט זיך אַן אויף אַלץ,
אַצינד אַהין, אַהין, אין טיף פון הארץ,
געווענדעט,
און כ'הער ניט אויף ביי זיך צו פרעגן:
ווען?
ווען קומט זי אָן, די רגע?
די רגע, וואָס ברענגט דאָרט אין באַוועגונג
די שווערע סודותדיקע קייט
פון טיפן, דויערנדיקן שאַפן,
די לאַנג־געגאַרטע ציטערדיקע רגע...
פון אינדערפרי היינט גייט און גייט
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן.

ווי גרין, ווי ברייט
די שטאָט זעט אויס פון מיין באַלקאָן,
איז ווינציק מיר —
און ענג איז מיר אין צימער.
מיך ציט אין רעגנדיקער נעץ,
אין פייכטע פאַרהאַנגען
אויף שטאָטישע פראָנטאָנען,
וואָס לאָזן גרינג מיך דורך,

וואָס לאָזן מיך פאַרביי
און הערן אַלץ ניט אויף צו הענגען...

אַט פאָרט אַן אַ טראַמוואַי...
פאַרקערעוועט ביים ראָג...
עס העלמעוועט דער רעלס פון אונטן,
פון אויבן טרייבט דאָס רעדעלע ביים דראָט,
און פון דער שפיל,
וואָס „אָפּ" און „צו"
דאָרט פירט אין עלעקטרע־שטראָם,
גיט פלוצים זיך אַ שאָט
אַ הויפן פונקען:
רויט און בלוי און געל און פיאָלעט.
און איינער אַזאַ פונק
דורך שפיגל פון מיין אויג
פאַרקלייבט זיך ערגעץ טיף,
און ס'ווערט דאָרט פלוצים קלאָר,
און ס'גיט אַ טרייב,
און ס'גיט אַ טאָרע,
און ס'גיט אַ גיי אין מיר
מיין צאַרטסטער, מיין קרעפטיקסטער מאָטאָר...

אין פולער ליכטיקייט, אין העלקייט
ער נעמט, ער נעמט, מיין מעכטיקער מאָטאָר,
אַ שנעלקייט נאָך אַ שנעלקייט,
און איך דערזע די שטאָט
פון העכסטן דאַך
ביזן נידעריקסטן ציגל דאָרט אין קעלער,
און ס'דרינגט מיך דורך
דער גאַנצער גרויסער זיג
פון שטאָט,
פון איר געשפּאַנטער און געפּלאַנטער אַרבעט,
וואָס האָט אין זיך
אַ האַרץ פאַר יענער ברייטער וועלט,
פאַר יענער העלער הייך,
פאַר וועלט פון פעלד,
וואָס גריבט:
דער גאַנצער גרויסער זין
פון שטאָט,
וואָס דרינגט מיט איר געצייג און איר געדראַנג

אין יענער דרימלענדיקער שטילקייט,
וואָס איז צעגאָסן רייך
אויף לאַנגער פלאַך פון טייך,
אויף גראָז און אויף געשטרויך...
כ׳באַגרייף דעם גאַנצן גרויסן זין
פון שטאָט,
וואָס דרינגט מיט איר געצייג און איר געדראַנג
אין נאָגנדיקער שטילקייט,
אין שלעפּערדיקן דאָרפישן געזאַנג,
און טרייסלט און צעטרייסלט
דאָס אַלטע שטרויענע פאַרמעגן...
אַ שטילער, אַ מחיהדיקער רעגן...

דאָרט בליט שוין קאָרן

ס׳האָט היינט פון פעלד אַ פרישער ווינט
אויף הייסע גאַסן זיך פאַרקליבן
און ניט געוואוסט, ווי איין, ווי אויס,
און שטיל געבליבן.

פון טונקלען הויז בין איך אַרויס,
דעם ווינט אַנטקעגן אָנגעקומען —
און ס׳האָט דער ווינט מיך שטיל און לינד
אַרומגענומען...

איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט
און זאָ אַ וואָרט געוואָר־געוואָרן,
וואָס טוט אויף פעלדער זיך אַצינד —
דאָרט בליט שוין קאָרן!

עס וועט מיר קלינגען היינט ביז נאַכט
דער שטילער שאַל פון וויטן האָרן:
עס בליט שוין קאָרן!...

ש. האַלקין

געדעטעניש

ליד מיינע — גליקלעכער שוידער —
פאַר נאָענט, פאַר וויט און פאַר פרעמד.
גאָלדענע זאַנגען זיך הוידען —
מידקייט פון אייגענע הענט.

גוט איז פון האַרצן באַגריסן
אַ פויער פון אייגענעם לאַנד
מיט גאָלדענעם ברויט און מיט גרינסן
פון פולער, פון אָפענער האַנט.

זאָלן געשאָרענע וואָלן
קלאָר זיין און ווייס און געדיכט.
זאָלן זיך זאַפטיקע טאָלן
בענטשן מיט אָקסן און פיך.

זאָלן אין פרילינג די שלאָקסן
אַנטרינקען גרונטן ביז זאַט.
זאָלן זיך ביימער צעוואַקסן
מיט פרוכטבאַרער צווייג און מיט בלאַט.

זאָלן שוין קינדער זיין ניכטער
פון גיפטיקן ביטער־געטראַנק, —
זאָלן שוין שרעק און פאַרניכטונג
אויסגעמעקט זיין פון געדאַנק.

1924

לייב קוויטקאָ

דער רעגנבויגן

איך האָב אייך אין קאַלענדאַרף געזען, מיינע פריינט,
און שטאָלץ מיט אייך, מיט אייער ווערק, איך וועל אייך פאַרגעדענקען.
וואָס האָט איר דען געטאָן אַזוינס דער ערד, וואָס זי צעשיינט,
וואָס זי האָט זיך צעלאָזט אַזוי איר גאַנצע גוטס אייך שענקען?!

מיין מאַמען כ'האָב באַגעגנט דאָ אין פריידאָרפער קאָלווירט,
לוקעריע גאַנטאַ רופט מען זי, אַ געזונט אין איר געביין.
איר זון בין איך, און טייער איר, כאָטש ניט פון איר געבירט,
און זי איז באַענט, טייער מיר צום הארצן ביז געוויין.

מיין שוועסטער, לאה קאַגאַן, כ'האָב אין וויינגאָרטן געטראָפן,
איך האָב מיט איר באַקענט זיך, און איר מי געזען אין בליט.
ווי מוטיק איז די פרוי ביי אונדז! איר האַרץ איז שטאָלץ און אָפן,
פון זינט איך האָב גערעדט מיט איר, איז שטאָלצער קלינגט מיין ליד.

אַ רעגן איז אַראָפּגעפאַלן שווער, ווי מיט אַ ראָד,
און דורכגעיאָגט, אַריינגעקנאָקט, וואוהין מע קאָן נאָר קריכן.
סע אָטעמט אָפּ די ערד, אַזוי צעפּאַרעט פון דער באָד,
צעלייגט זי זיך און טרינקט זיך די הייס־צעשווענקטע דיכן.

און באַלד די ערד אַ כאַפּ זיך אויף און אויפגעקלאַפּט די אויגן,
ביי ביידע עקן רעגנבויגן נעמט די ערד זיך אָן.
און וויגט זיך, און פון וויגן זיך צעשמעקן זיך די סטויגן,
די ריוון און די רחבותן מיט מיאַטע און מיט מאָן.

די מעלקערין לוקעריע אַ רגע שטייט און קלערט.
שוין אַלע וואָלקנס אָפּגעגאַן — אַלץ פרייער ווערט און קלערער.
ביי ביידע עקן רעגנבויגן האַלט זיך אָן די ערד
און הוידעט זיך, און איר מיט איר, און איך מיט אייך, חברים.

נאָטע לוריע

דער סטעפּ רופֿט

(פֿונעם ראָמאַן „דער סטעפּ רופֿט")

באַנצי, דער פאַרזיצער פֿונעם בוריאַנאָווקער דאָרף־ראַט, איז ביינאַכט לעבן דער נידעריקער זעמליאַנקע אויפֿן ביסל שוואַרצן קוריי געלעגן, געוואָרפֿן זיך און ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן.

אין אָוונט, ווען באַנצי איז פֿון דאָרף־ראַט געקומען, האָט ער ביי דער זעמליאַנקע געטראָפֿן דעם פֿאַסטעך פֿונעם טאַבון. ער האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט, דער אַלטער מאָלדאַוואַנער, אַרום דער גרוילעכער זעמליאַנקע און נאָכדעם אים איבערגעגעבן:

— הערסט ווי די הינט וואָיען דאָרט, ניט צום גוטן, באַנציק, וואָיען די בוריאַנאָווקער הינט... מע שאַרפֿט אויף דיר די ציין, באַנציק, זע, מיש זיך בעסער ווייניקער אין די קאָלעקטיוון, ווײַסט נאָך האָבן אַ מיאוסן סוף...

אין מיטן נאַכט האָט זיך איבער בוריאַנאָווקע אָנגעטראָגן אַ ווינטל און אויפֿן הימל האָט זיך פֿון ערגעץ, פֿון קאָוואַלעווסק און פֿון די הולאַיפּאָלער מאָהילקעס געקליבן שטיקער בלויע וואָלקנס.

דאָס דאָרף איז געלעגן אויסגעלאָשן, פֿאַרכמאַרעט און שטיל.

נאָר פֿון די אַרומיקע פֿעלדער, וואָס ליגן הינטער דער אויסגעטריקנטער קאָוואַלעווסקער באַלקע, און פֿון הולאַיפּאָלער שליאַך, פֿון די אַרומיקע קאָלעקטיוון האָט זיך אין מיטן נאַכט געטראָגן אַהער, אין בוריאַנאָווקע, אַן אומרואיקער גע־רודער פֿון ביינאַכטיקע טראַקטערס און אַ הייזעריקער זומערדיקער פּלאָפּל פֿון די שנייד־מאַשינעס.

דער ביינאַכטיקער טומל פֿון דעם ווייץ־שניט האָט זיך געטראָגן איבער די נאָך ניט געשניטענע בוריאַנאָווקער פֿעלדער אין דעם נאַכטישן אויסגעלאָשענעם דערפֿל אַריין, וואָס ליגט צעוואָרפֿן אויפֿן בערגל, און אויפֿגערודערט, אויפֿגעוועקט און ניט געלאָזן איינשלאָפֿן די כוטעראַנצעס.

אלקנה האַנערמאַן האָט ערגעץ אין עק דערפֿל אינמיטן דער נאַכט מיט אַ הייזעריקער פֿאַרדראָסלעכער שטים דאָס ווייב אויפֿגעוועקט.

— דו הערסט, דו הערסט, העניע־ריוועַ, מע שניידט שוין דעם ווייץ. דער קאָוואַלעווסקער קאָלעקטיוו שניידט שוין דאָס ברויט, ביידערנאַכט גאָר קאָסיען זיי שוין אויך...

דאָרט, וואו עס האָבן די קאָלעקטיוון געאַרבעט, האָבן אַ גאַנצע נאַכט די טראַקטערס שווער גערודערט, גערוישט און געלויכטן פֿון דאָרט מיט אַנגע־צונדענע, צום ערשטן מאָל פֿאַרן סטעפּ דאָ, גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן. פֿון די קיילעכדיקע לאָמפּן האָבן אַהער אין בוריאַנאָווקע לאַנגע ווייסע פּאַסן שיין גע־שלאָגן. די ליכט־פּאַסן זיינען שיינענדיק איבער די פֿינצטערע רואיקע הויפֿן

געפֿאַלן, איבער די קרומע און נידעריקע פֿענצטער און אויפֿגעהויבן שמחה קאַבלונאָווסקין פֿונעם געלעגער און אין גרעט אין טונקעלן דרויסן אַרויסגעטריבן.

— אָט, אַ מיתה־משונה אויף זיי, פֿאַרסאַרפֿעט זאָלן זיי ווערן, איינשלאָפֿן לאָזן זיי גאָרניט, די כאָליערע ווייס זייער מאַמען...

פֿונעם קוריי האָט באַנצי דערזען, ווי עמעצער אין ווייסן איז פֿון שמחה קאַבלונאָווסקיס הויף אַרויס, אַ היפּשע ווילע געבליבן שטיין ביים טויער און באַלד צוריק ניט געוואָרן. אויף יענעם עק דאָרף איז פֿינצטערער געוואָרן. עס איז קאַנטיק געווען, אַז די טראַקטערס זיינען אויף בייע ווייץ־פֿאַסן איבערגעגאַנגען. דאָס ליכט פֿונעם טראַקטער איז עטלעכע הויפֿן איבערגעשפּרונגען און געפֿאַלן אויף באַנציס זעמליאַנקע.

באַנצי האָט זיך פּלוצלונג פֿון קוריי אַ כאַפּ געטאָן, ער האָט זיך אויפֿגעהויבן אויפֿן שטעכיקן קוריי און דערזען איצט, ווי צום ערשטן מאָל, זיין איינגעפֿאַלענע זעמליאַנקע. זי איז געשטאַנען, די זעמליאַנקע, אַ נידעריקע מיט קרומע דורכ־געפֿוילטע ווענט, מיט שטרוי־פֿאַרשטאָפּטע שויבן און מיט פֿאַרטריקנטן ווילדגראָז אויפֿן פּלאַטשיקן ליימענעם דאַך.

— קאָוואַלעווסק רוישט... דער קאָלעקטיוו אַרבעט, עס רוישט דער סטעפּ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — און דער וויהאָן שלאָפֿט... דאָס דאָרף איז נאָראָ־וויסטע, זיי האָבן מורא, די כוטאָראַנצעס, ווי די קוואָטשקעס פֿאַר זייערע הינער האָבן זיי מורא, אַז אַ פֿרעמדער זאָל זיי ניט אויפֿעסן!... אָט האָט מען זיך ווידער אָן אָונט אָפּגעהאַליאַקעט מיט וועמען זאָל מען בויען דעם קאָלעקטיוו, מיט וואָס, אַז די כוטאָראַנצעס האָבן ניט מיט וואָס צו אַרבעטן...

ער האָט פֿאַרקאַשערט די קאָלאַשעס פֿון די שלעכט־פֿאַרלאַטעטע הויזן, גענומען דאָס בייטש־שטעקל און אַרויס אין דאָרף.

בוריאַנאָווקע איז געלעגן אויסגעדרייט אַביסל. די שטאַרק ברייטע איין־און־איינציקע גאַס האָט זיך קרומערהייט אַרויפֿגעהויבן אויפֿן צאַמבער־באַרג, וואָס האָט, ווי אַ הויקער, פֿון הינטערן דערפֿל אַרויסגעשפּאַרט און אַוועקגעשלענגלט זיך ערגעץ באַרג אַראָפּ.

באַנצי איז געגאַנגען איבערן דאָרף. דאָס העמדל האָט זיך פֿון ווינט אויף אים אויפֿגעבלאָזן, פֿאַרריסן און אַנטבלויזט דאָס נאַקעטע לייב.

— אַ טראַקטער, אָט כלאַפּאַטשעט ער... די פּיאַטעס אָפּגעריבן אַרומלויפֿנדיק, — האָט ער מיט פֿאַרדראָס געטראַכט. — וואָס קומט אַרויס... ווען ער קאָן, ווי אַמאָל ביי אַקסמאַנען, די פֿערד פֿון שטאַל נעמען, ווי אַמאָל, ווען ער, באַנצי, האָט אים פֿון שולץ אַראָפּגעוואָרפֿן, ביי אַקסמאַנען... און ביי קאַבלונאָווסקין, וואָלט שוין געווען מיט וואָס דעם קאָלעקטיוו אונטערצוהאַלטן. מיט וואָס זאָל ער זיי איצט נעמען, די כוטאָראַנצעס... — האָט ער זיך פֿאַרטראַכט און פֿאַר־קערעוועט פֿאַרביי שעפּטל קאַביליצעס הויף.

פֿון דער רעכטער זייט גאַס, אויפֿן סאַמע ברעג, וואו עס שטייט די אַראָפּ־געטראָגענע ווינט־מיל, האָט צווישן די פֿאַרוואַקסענע און פּוסטע הויפֿן אַרויס־געקוקט באַלעבאַטיש ר' יעקב אַקסמאַנס פּלאַץ. דער ברייטער און פֿולער הויף

איז קאַנטיק פונדאַסניי געוועז אַרומגעצאַמט מיט רויטע דינע ברעטער. פון פאַרנט, פאַר דער אויסגעקאַלכטער שטוב מיט די שטענדיק־פאַרהאַנגענע ווייסע שויבן, האָט שוין געהאַט אָפּגעצוויטעט אַ היפּשער פּאַליסאַדניק מיט נידעריקע פאַנאַנדערגעוואַקסענע ווײנשל־ביימער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך יעקב אַקסמאַן אין ליינענע גרעט אין שלאָף־צימער אַרומגעדרייט און אַלע ווײלע צעטומלט זיך צוגעזעצט צו כיענען, זיין נידעריקער, דאַרער יידענע, און געטענהט:

— וואָס איז איצטער שייך... אַז מיר האָבן זיך לכתחילה, כיענע, געבויט אויף אַ סטאַוואָק, אויף אַ ים, אויף אַ פאַרפּראַרענעם ים האָבן מיר זיך געבויט...

— ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט די בלוי־אָדערדיקע פיס עטלעכע מאָל ציטערדיק דעם צימער דורכגעלאָפן מיט די נאָכשלעפּנדיקע שנירלעך פון די אונטערהויזן.

— אַ פּאַר בהמות קאָן מען נאָך דערווייל באַדאַצן, נאָר וואָס טוט מען מיטן סאָד, — נאָר עפּעס, וועלן זיי דאָך ווי די היישעריקן אים באַפאַלן, די נאַהייצעס... זיי בילן שוין וועגן קאַוואַלעוווסקער קלין. זיי שאַרפן שוין די ציין... פאַרדינגען פריער, אָנגעזשעברעוועט זיך מיט מיין בלוט... פאַרכעס...

ער איז אַלץ אַרומגעלאָפן צעטומלט איבערן פינצטערן צימער און געטענהט:

— אוי, ווערדנע ווינטן, פאַסקודנע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן. קאַוואַלעווסק האָט שוין אויפגעריסן, פון קאַוואַלעווסק שמייסן די ווינטן אַהער... אָט איז שוין ווייטער געקומען אַ שלאַק. וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? אַ וועלט מיט שונאים! וואָס האָב איך זיי געטאָן, דאַכט זיך, וואָס האָב איך זיי געטאָן, די שלעפּערס?... ברויט געגעבן... שונאים געהאָדעוועט... אוי, כיענע, אויף אַ ים האָבן מיר זיך געבויט, און דאָס אייז פּלאַצט, אוי, דאָס אייז שאָקלט זיך, — דו הערסט, דו הערסט, כיענע?...

די טראַקטערס די שטאָלענע האָבן אַלץ שווערער און נעענטער געררודערט, ווי זיי וואָלטן זיך אַהער אויף דריי־און־דרייסיק רעדער גערוקט און מיט צענדליקער מאָטאָרן געררישט, און די דאָזיקע הודזשעריי האָט זיך מיט אימפּעט צו יעקב אַקסמאַנס הויף דערטראָגן, און ווי אַ זאַווערוכע, וואָס צעברעכט אַן אָפּגעדאַרטן בוים, האָט ער בייז אַריינגעשמיסן אין די פאַרהאַנגענע פענצטער און אַ קעלט און אַ ציטער אָנגעוואָרפן.

— זיי קריכן שוין באַלד אַרויף אויף אונדזער ערד, אויפן סאָד... אויף אונדז וועלן זיי דאָך שוין באַלד אַרויף, לעבעדיקע ווילן זיי אונדז דערשטיקן, דערשטיקט און דערוואָרגן זאָלן זיי ווערן, — האָט כיענע געזיפצט...

זיי האָבן אַ ווײלע צעטומלט געשוויגן.

כיענע האָט אים צוגערופן און אָנגעזעצט אויפן בעט.

— אַז דו אַליין ביסט שולדיק, אַז דו טוסט גאָרניט, אַז דו רעדסט מיט קיינעם ניט, קאָנסט גאָר באַנציען ניט נעמען אין דיינע הענט, נעבעך, שוואַכע הענט ביי דיר...

יעקב אָקסמאַן האָט ניט־ווילנדיק אויף די הענט אַ קוק געטאָן און אין דער פינצטער זיי דערזען בלייכע, קלייענדיקע.

— וואָס איז שייך, אַז ס׳איז אַ סכנה מיט זיי. זיי זיינען דאָך ערגער פאַר די גויים. נאָר מיר וועלן נאָך זען, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, — מיר וועלן זען, וועמעס פאַסטראַמקעס זיינען שטאַרקער... פאַרברענט זאָלן זיי ווערן, זיי וועלן מיך שוין געדענקען, די הינט... די גאַהייצעס.

פאַרביי דעם הויף, אין גאַס האָבן זיך טריט דערהערט.

זיי האָבן אַביסל פאַרהויבן דעם פאַרהאַנג און דורך דער בלוילעכער שיין דערזען באַנציען.

— מיטן קאָפּ אין דר׳ערד, וואוהין קריכט ער דאָס ? — האָט ביענע אַ ציטער געטאָן .

יעקב אָקסמאַן איז בלאַס געוואָרן. ער האָט אין איילעניש די הויזן אַרויפּ־געצויגן און איז אַרויסגעלאָפן אין הויף.

אויפן גראָז איז שוין געהאַט צוגעפאַלן אַ קילער, פייכטער טוי און געקיצלט באַנציען די נאַקעטע פיס... דאָס הודזשען פון די שנייד־מאַשינעס האָט אים גע־שלעפּט און געצויגן צום עק גאַס, פון דאָרף אַרויס, אַהין, פונוואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ מידער געזאַנג פון די קאָוואַלעווסקער פויערים.

איבער די דעכער האָט באַנציען געיאָגט די גרינע לבנה. זי איז איבער־געשפּרונגען פון הויף צו הויף און דעריאָגט אים לעבן כעמע טראַסקונס זעמ־ליאַנקע. די לבנה האָט זיך אויסגעגליטשט און אַריינגעפאַלן צו אים, צו כעמע טראַסקונען, אין אָפענעם דורכגעפוילטן שטרויענעם דאַך אַריין. פונעם איינ־געפאַלענעם קוימען איז מיט שרעק אַ גאַלקע אַ צעפּודזשעטע אַרויסגעפלויגן, פאַרבייגעפלויגן די לבנהדיקע נאַקעטע קראַקוועס און אַוועקגעטראָגן זיך ערגעץ אויף אַ גאָרטן, צום סטאַוואָק.

לעבן דעם שטאַרק־ברייטן פאַרטריקנטן מולבער־בוים, אַנטקעגן כעמע טראַסקונס הויף, האָט באַנצי זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, ווי ער מיט כעמען האָבן דאָ, לעבן דער פאַרטריקנטער זייט פונעם מולבער־בוים, אַ מאַכנאָוועץ דערשאָסן און אין איילעניש אַריינגעוואָרפן אים, דאָ, ביי כעמע טראַסקונען, אין ברונעם אַריין.

איצט שטייט דער ברונעם אַ פאַרשאָטענער, און קיין סימן איז אַפילו פון אים און פונעם מאַכנאָוועץ, וואָס ליגט דאָ, ניט געבליבן.

אָפּגעריייניקט דעם בודזיאַק... אונטערגעקאָסיעט, אויסגעוואָרצלט, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און מיטאַמאָל זיך אויסגעגלייכט און אַ פּאַך געטאָן מיטן העלן בייטש־שטעקל... — נאָר ער איז נאָך אין בוריאַנאָווקע אַ פּאַרטיזאַן... אָן אַנדער בודזיאַק איז אויפן סטעפּ דאָ פאַרבליבן און צעבליט זיך מיט די שטעכיקע צווייגן... אָן אַנדער בודזיאַק, ער רוישט ניט מיטן ווינט, נאָר דער בודזיאַק איז זייער גיפטיק... די פראַנטן נייע, — האָט ער צו זיך הויך אַ רוף געטאָן, — הערסט, כעמע. די פראַנטן נייע, דער לעצטער אַנגריף... דאָרט אין קאָוואַלעווסק גייען אַרמייען, טראַקטערס ברעכן דעם בודזיאַק, און מיר זיינען דאָ נאָך פאַרבליבן

פּאַרטיזאַנער... כעמע, מיר האָבן אָט דאָ אַ מאַכנאָווער דערשאָסן, איצט דאַרפֿן מיר דאָס דאָרף איבעראַקערן...

ער איז אַוועק אַלץ העכער איבערן דאָרף און גערעדט צו זיך אינדערשטיל... אַקסמאַן ציט זיי צו זיך, ער פֿאַרוואָרפֿט די בעצן, אַקסמאַן, מע דאַרף זיי איבער־שניידן, איבערהאַקן דאָרף מען זיי... זי איז גערעכט, עלקע... אין שטורעם גיין... אין שטורעם אויף די מעזשעס... די פּאַרטיי, דער סטעפּ רופֿט...

1931

פּרץ מאַרקיש

אין סטעפּ

(פֿון דער פּאָעמע „ניט געדייגעט״)

לאַנגע אָנגעמידטע טעג,
און די נעכט פֿאַרקאָוועטע;
קומט באַגינען אויפֿן סטעפּ
זיך מיט אַ רו אַ כאָוועטאָן.

ס׳זיינען פֿענצטער אָנגעזייט,
פֿלעמלעך קליינע צאַנקען נאָך;
ווייסע הענט אויף בלויער ווייט
איז ווי גרעט צעהאַנגענער.

ראָזע בושלעס אַ צוג
בלויע הויף באַשייטערן;
לייגט זיך טאָג צו פֿענצטער צו
און מיט ליכט ער שרייט אַריין.

אַלע אייגענע — דערקענסט —
שטיבעלעך צעשאָטענע, —
ווי אַ שורה ווייסע געגנדז
אויפֿן וועג אין שטאָט אַריין.

און ער וועקט דאָרט און ער רופֿט:
— ס׳וואַרטן פֿערד און וועגענער!
נאָר פֿון לאַנג איז מען שוין אויף,
פּאַרטיק, גרייט אין וועג אַריין.

צו דער ווייט זיך ראַנדעל שטרעקט,
און דער גאַנג איז דרייסטיקער;
אַז אַרום איז פֿרייער סטעפּ,
און דאָס האַרץ זיך רייסט אַזוי,

אָנגעשניטן ברויט צום טיש,
איינגעהייצט די אויווענעס;
און מ׳איז קרעפֿטיק און מ׳איז פֿריש,
און מע קוקט אין הויף אַריין.

קוקט ער אין דער ווייט אַזוי,
קוקט ער, און סע טראַכט זיך אים:
„ניט־געדייגעט״ — נאַקעט, הויל,
„ניט־געדייגעט״, האַרציקער!

— ווער צום אַקער, ווער צום פּי,
ווער עס וואַרט אַ רגע נאָך, —
ב׳ראַנדעל איז אַרויס פֿאַרפֿרי
דאָרט דעם טאָג באַגעגענען.

ברייט דער סטעפּ איז, ברייט און קלאָר,
האַרטע האָלדז־און־נאַקענער;
— דאָ געטאָן אַ צעפּאַלאָך
וואָלט מען אַזוי פֿלאַקערדיק.

הילכיק קלינגען זיינע טריט,
ניט געדייגעט, יום־טובדיק;
—„ניט־געדייגעט״!—גרינס און צוויט
איז שוין צייט צו אָנטאָן דיר!

גייט ער, ראַנדעל, קוקט און טראַכט,
ס'פינקלען טויען טראָפּעלעך;
— אַז אויף ביידע זייטן שליאַך
אויפשטיין זאָלן טאָפּאָליעס!

אַז דער וועג איז ברייט און גייט
גלייך אין האָריזאָנט אַריין;
— זאָלן ביימער זיין צעשפּרייט,
בלעטער, ווי די זאַנטיקעס!

ב'עפּעס נאָגט זיין האַרץ און פּיילט,
אין דער טיף אַריינגעטאָן;
און ער זאָגט זיך: — נו, דערווייל
וועט מען פלאַנצן ווייגערטנער!

איז ער צוגעגאַן צו דער שול,
קינדערלעך פאַרזאַמלטע, —
ביים אַריינגאַנג איז שוין פול,
און מיט פרייד זיי פלאַמען דאָרט.

קליין און קלענער, קלענער־קלייך,
אויסגעקלעפּט אַ וואַנט־צייטונג:
„אַלע שילערס, אַלע גיין
אויפן טאָג פון פלאַנצונגען.״

קליינוואַרג טומלט, קליינוואַרג קוועלט,
באַרוועסע, ווי פּאַסטעכלעך;
מ'איז אַרויסגעגאַן אין פעלד,
אויף די פּלייצעס — זאַסטעפּלעך.

זאַלבעצוויט די פאַן מע טראָגט,
איינער — מיטן פּייקל גייט;
און געאַרבעט מ'האָט דעם טאָג,
— אַרבעט ניט־געדייגעטע!

הילכיק קלינגען קינדער־טריט,
ניט געדייגעט, יום־טובדיק;
—„ניט־געדייגעט״! גרינס און צוויט
איז שוין צייט צו אָנטאָן דיר!

און דער טאָג זיך שפּרייט און שטרעקט,
און אין האַרץ אַריין גייט ער:
— ס'וועלן וואַקסן אויפן סטעפּ
קינדער, ברויט און ווייגערטנער!

ל י פּ ע   ר ע ז נ י ק

ז ו מ ע ר

שוין אויסגעלאָשן דער פאַרנאַכט. די וויט איז טונקל.
און אין דער טונקל זיינען וויטן אַזוי נאָענט,
און העכער איז די הויך. עס ווינקען גרינע פונקען
פאַרטראַכט און שטיל. אַ שטילער זומערדיקער אָוונט.

אין אָפּגעשניטן פעלד פאַרלאָשן ס'גאָלד פון גאַרבן
און ס'גרינס פון גראָז, פון איינציק ציטערדיקע זאַנגען.
עס לעשן זיך אין גאָרטן ביסלעכווייז די פאַרבן,
בלויז פלעמלעך מעטיאָל, נאָר וואָס צעשטראַלטע, צאַנקען.

עס צייטיקט זוניק בלוט אין אָוונטיקע פעלדער,
אין אָדערן פון בלאַט, אין עפּלדיקע זאַפטן,
און ס׳וואַרטן יונגען ביי די פעלדישע געצעלטן,
און אויגן מיידלשע, ווי מעטיאַל פאַרגאַפטע.

אין יעדער בלאַט איז טראָפּנס זאַפט און קראַפט פון ברידער,
אויף יעדער בייט גייט אויף די פרייד פון זון מיט רעגן.
כ׳וועל דאָ אויף זיין ביז פאַרטאָג און היטן
זומערדיקע זעט,
זוניקן פאַרמעג.

איך ווייס — ניט איינמאָל האָבן דיכטער שוין באַזונגען
אַ גאָרטן מיד און מאַט פון אָוונטיקע וויינען,
נאָר ניט געווען איז יוגנט קיינמאָל אַזאָ יונגע
און ניט פון מיד און מאַט די ערד אין לאַנד אין מיינעם.

ס׳איז די ערד פון מי, און זון, און גלוסט, וואָס צייטיקט,
איז אָנגעצויגן שטילער אָוונט, ווי אַ סטרונע,
און באַלד וועט אויפפלאַצן און אָנצינדן די וייטן
מיט לויטערקייט פון אַלע איינגעזאַפּטע זונען.

שניט

מע שניידט — ס׳איז גאָלד,
אין גאָרטן — גאָלד! —
בערעזעס זיינען ווייסע מיידלעך
אינדערפרי אין פעלד.

פון גאָלד אין גרין,
פון באַרג אין טאָל —
יונגע מיידלעך פאָרן רייטנדיק
אויף זומערדיקע פערד.

מיין גרינע היים —
אין גאָלדן לאַנד;
מיין מיידל איז מיט אַלע מיידלעך
פייכט און גרין פאַרקעמט.

מיין גאָלדן לייב —
אין שניט פון לאַנד, —
ווייל אַלע זומער איז מיר דאָ,
ווי ערשט געקומען פון דער פרעמד.

עליע קאַהאַן

וועגן אייזיק קאַרפּן

1.

דאָ וועט דערציילט ווערן וועגן אייזיק קאַרפּן, וואָס איז אין אַ כמורנעם פרימאָרגן אַרויסגעפאָרן פון דעם שטעטל ביביטשקע און איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן געקומען אין אַ גרויסער בייער שטאָט אויף אוראַל.

וועגן אַרויספאָר וועט גאַנץ קנאַפּ געזאָגט ווערן. זאָל נאָר דערמאָנט ווערן, אַז אַלע מיידלעך האָבן אים צופוס באַגלייט צו דער סטאַנציע. ביי איניקע פון זיי זיינען די אויגן געווען פאַרוויקלט אין אַ שיינער פייכטקייט, ווי אײדעלע פּרוכטן אין זילבער־פּאַפּיר. און זאָל קיינעם ניט איינפאַלן, אַז ס׳איז צו קלינגענדיק געזאָגט געוואָרן. ס׳איז ריכטיק געזאָגט געוואָרן. אַזעלכע מיידלעך, ווי אין ביביטשקע — אויף אונדז אַלעמען געזאָגט געוואָרן. איר קענט זיי ניט. זיי האָבן געפּאַכטעט מיט די זויבערע נאָזטיכלעך, און אַנדערע, זיכער, — אויך מיט די הערצער. ביז דער צוג איז אָוועקגעפאָרן און איבערגעלאָזן, ווי מע זאָגט עס, נאָר אַ רויך...

און מיט אַן אַנדער וועג זיינען די מיידלעך צוריק אַוועק אין שטעטל...

וועגן וועג וועט ווייניק געזאָגט ווערן. נאָר ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אים, אייזיק קאַרפּן, דעם בענקענדיקן, האָט זיך אין דער מינוט פון זיין שוואַכקייט געדוכט, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועלן שוין אייביק־אייביק גיין איבער די געסלעך פון דעם שטעטל ביביטשקע מיידלעך מיט אויגן פאַרוויקלטע אין אַ שיינער פייכטקייט, ווי אײדעלע פּרוכטן אין זילבער־פּאַפּיר. האָט ער לכתחילה אַביסל געבענקט... דערנאָך האָט אָבער אַנגעפּלייצט אויפן צוג די וואָלגע.

אָ, די וואָלגע, זי איז געלעגן אים פאַר די אויגן, ווי אַ גרויסער אַנשוילעכער לערנבוך פון דיאַלעקטיק — און אירע כוואַליעס האָבן געדינט פאַר אים, ווי גרויסע בוכשטאַבן, וואָס אַלע צוזאַמען לייגן זיי צונויף דעם גרויסן דיאַלעקטישן געזעץ:

— אַלץ פליסט און ענדערט זיך. באַרואיק זיך, בחורל...

זי האָט פאַרפלייצט אירע ברעגן, דעם האָריזאָנט, זיין מוח — און ס׳זיינען אַנטרונען די בענקענישן.

נאָך דעם, ווי זיין מוח איז פאַרפלייצט געוואָרן פונעם צויבער־וואַסער פון דער וואָלגע, איז זיין האַרץ געפאַנגען געוואָרן דורכן פייער, דורך די אוראַלער פייער־שטעט, וואָס שטייען אויף די בערג. ביינאַכט זעען אויס די דאָזיקע פייער־שטעט, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען ניט אויף די בערג, נאָר ווי זיי וואָלטן אַריינגעקראָכן אין די בערג. די בערג זעען אויס, ווי הויכע, פאַרשפּיצטע וואָלקן־קראַצער מיט אַ סך, אַ סך פייער־פענצטערלעך. ביינאַכט קריכן אַריין די שטעט אין די בערג. אַזוי דוכט זיך אין אָט די שיינע, הויכע זומער־נעכט, ווען מע איז

אַזוי ניכטער און ס׳זיינען פאַרשיכורט נאָר די אויגן. און אויב ער האָט אויפן וועג נאָכאַמאָל אַ פּיבער געטאָן — דאַרף מען אים ניט באַשולדיקן אין רעצידיוון, נאָר באַמערקן, אַז אין דער מינוט איז פאַרביי צוג־פּענצטער דורכגעפלויגן אַ מעמאָריאַל־ברעטל: „איירעפּע—אַזיע״, אַז ער האָט איבערגעשפּאַנט פון איין מאַטעריק אויפן צווייטן.

דורכגעפאָרן איין מאַטעריק, אַריינגעפאָרן אין אַ צווייטן, און ס׳איז נאָך לאַנג־לאַנג דער וועג, ווי דער מילך־וועג פון הימל, און דו פאָרסט נאָך אַלץ איבער דעם אייגענעם לאַנד.

2.

די הימל־אונטערצינדערס — די דאַמנעס, די קאָקס־אויוונס מיט די פייער־ציילן, וואָס פאַלן פון זיי אַרויס, דער בליומינג, וועלכער בלעטערט אייזן־בערג, די אייזן־געפלאָכטענע עסטאַקאַדעס, וואָס עס דוכט, אַז זיי זיינען שוין מער גע־מאַכט געוואָרן פון גראַנדיעזער שיינקייט וועגן, אַז דאָס זיינען אַזעלכע אינ־דוסטריעלע באַפוצונגען.

ווען אייזיק קאַרפ קאָן אָנרופן ביים נאָמען די טיילן פון די דאָזיקע מאַשינעריעס, ווי ער קאָן אָנרופן יעדן שווימל, וואָס שווימלט אין וואַלד לעבן דעם שטעטל ביביטשקע, ווי ער קאָן אָנרופן ביים נאָמען אַלע מיידלעך, וואָס באַפעלקערן דאָס שטעטל ביביטשקע!

אָבער מירן אים בשום־אופן ניט פאַרגלייכן צו אַ פיש, וואָס האָט געטראָפן אויפן ברעג. אַן אונדזעריקער יאָט רייסט פון זיך גלייך אַראָפּ אין אַזאַ פאַל די זשאַבערס און גייט אַוועק אויףביידע פיס.

גוט. בויט ער דערוויל באַראַקעס, אָבער זעט, ווי דער דאָזיקער מענטש קוקט זיך צו אַלץ צו — מיט צעעפנטע צעבליטע אויגן, מיט אויגן, וואָס קאָנען לאַנג קוקן אויף דער זון, מיט אויגן, וואָס ברענען, ווען זיי זיינען אין דער פינצטער.

און די מענטשן פאַרשטייט ער אויך דאָ, אייגנטלעך, אויפן קוק, פונקט ווי אינדערהיים. ווען דער נאַטשאַלניק פון דער בויאונג גייט צופוס, איז אַ סימן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. אַז ער פליט אויף אַן אויטאָמאָביל — איז אַ דורכרייס. אַז זיין עלטסטער סטאַליער איז פאַרכמורעט — איז אַלץ אין אָרדענונג, אַז ער נעמט אונטערשמייכלען — דאַן איז אַ דורכרייס.

און דער עיקר איז גוט, וואָס אים פאַרשטייט מען אויך. ער האָט אַזאַ שטילן, היימישן, וואויל־שטעטלדיקן פנים מיט לויטערע אויגן, ווי מיט ריינעם בלויען ספּירט איבערגעוואַשענע, און דערפאַר האָט מען געשמייכלט צו אים. אַז מע גיט אַ קוק אויף אַזאַ פנים, דוכט זיך, אַז מע האָט זיך אויסגערוט אַביסל. און די שטאָט איז זייער אַ פאַרהאָרעוועטע.

און דער סעקרעטאַר פון קאָמיוגישן בוי־קעמערל נינע גראַסימאָווע האָט צו אים איינמאָל אויך אַ שמייכל געטאָן. זי איז דורכגעגאַנגען פאַרביי, האָט זיך איר פאַרוואָלט אַ שמייכל טאָן. און זי — אַז זי גיט אַ שמייכל, איז עס פונקט ווי פּרעמירט. און געפרעגט האָט זי אים:

— צי האָסטו דאָ חברים ?

— דערווייל ניט, — האָט ער געזאָגט.

— ס'איז ניט גוט, אַז אַ מענטש זאָל זיין אַליין, — האָט מיט אַ ביבלישן לשון געזאָגט אָט דאָס ווייט־ניט־ביבליש מיידל. — קום אַמאָל אַריין צו מיר, — האָט זי שוין גאָר פּראָסט געזאָגט, פאַרענדיקנדיק איר שמייכל און אָפּווישנדיק אים מיט אַ נאָזטיכל פון פּנים.

זומער איז ער פון די באַראַקעס אַוועק אַרבעטן מיט אַ פּנעוומאַטישן עקבויער אויף לעכערן דעם אַרץ־באַרג. פון דאָרטן —- אַריבער אויף אָנפירן מיט אַן עקס־קאַוואַטאָר, האָט איינגעשלונגען אַ סך ביכער וועגן מעטאַלורגיע, האָט אויס־געמעבלירט דאָס צימער מיט מעבל, מעבל אויף אויסצוצאָלן און מעבל — פּרעמיעס, וואָס ער האָט געקראָגן אויף זיינע פאַרשיידענע אַרבעטן, און ערשט ווינטער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט צוגעזאָגט אַריינגיין צו נינע געראַסימאָווע.

3.

ס'פאַלט דער הימל אויף דער ערד. אַ ווינטער־נאַכט. אַ וויכער. אַ מע־טעליצע. ס'קלאַפּט אין פענצטער. דוכט זיך, עס קלאַפּט אַ פריינט. ניין, עס קלאַפּט די מעטעליצע.

אייזיק קאַרפּ זיצט אויפן דיוואַן און קוקט אין שפּיגל אַריין. אין שפּיגל דערזעט ער זיך — און ס'איז אומעטיק מיט זיך אַליין, ווען אויפן גאַס איז אַ מעטעליצע. ווען מיליאָנען שטיקלעך ווייסקייט נידערן פון הימל און פאַראייניקן דעם הימל מיט דער ערד מיט אַזאַ גרויסן אַנגעלאַף, ווען צווישן הימל און ערד איז פאַרנומען די גאַנצע לופט און עס דרייט און עס וויכערט אַיין גרויסע באַ־וועגונג — איז ניט פריילעך אַנטקעגן דעם רואיקן שפּיגל. זעצט ער זיך איבער אויף אַ וויכן שטול. זיצט און טראַכט. און ס'איז שווער צו טראַכטן ווען אויפן גאַס איז אַ מעטעליצע. די געדאַנקען שיטן זיך איבער און דרייען זיך און וויכערן.

ס'קלאַפּט אין פענצטער. דאַכט זיך, עס קלאַפּט אַ פריינט. ניין, עס קלאַפּט די מעטעליצע. דער זייגער — אַ פּרעמיע — שלאָגט פּונקט אַכט.

ס'קלאַפּט ניט קיין פריינט. אייגנטלעך — כאַפּט ער זיך — האָט ער אַפילו ניט קיין נאָענטן פריינט, ניט ווייל דאָ זיינען פּרעמדע מענטשן, נאָר ווייל ער, דער גיריקער, האָט אַלץ געיאָגט און געיאָגט, ווי אַ לויפער אויף אַ סטאַדיאָן, צי איז ער ניט איבערגעלאָפן דעם פיניש און געלאָזן ווייט הינטער זיך די מענטשן, וואָס אַפּלאָדירן אים ?

דערמאָנט ער זיך אין די מיידלעך פון דעם שטעטל ביביטשקע. דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט זיי פאַרגעסן, און מיט קיין אַנדערע האָט ער זיך דאָ ניט באַ־פריינדט. און ער דערמאָנט זיך אַן שמייכלען, וועלכע ער איז פאַרבייגעגאַנגען, אַן בליקן, אויף וועלכע ער האָט ניט געענטפערט.

און אויפן גאַס רוישט די מעטעליצע. פאַרוואָס קלאַפּן זיי אויס, די דאָזיקע ווייסע שניילעך, אויף דער שוואַרצקייט פון פענצטער אַ טאַקט פון איינזאַמקייט ?

און פאַרוואָס וועקן זיי דערנאָך אַן אומרואיקייט, אַ דראַנג צו אַ רויש טאָן, צו פאַנאַנדערטרייסלען זיך, צו פאַרדרייט ווערן?

ער פאַרבענקט זיך נאָך אַ פריינט.

אַזוי האָט ער זיך פאַרבענקט אין דער מינוט פון זיין שוואַכקייט, וואָרים מער האָט עס ניט געדויערט, ווי אַ מינוט. פאַר אַזאַ יאָט איז איבערגענוג אַזאַ רעגלאַמענט. דער זייגער האָט טאַקע געוויזן אַ מינוט נאָך אַכט.

און ער דערמאָנט זיך אָן ניבע גראַסימאָווע, וואָס האָט איינמאָל אין אַ זומער־טאָג געשמייכלט צו אים, איידער די זון איז פאַרגאַנגען. עפּעס אַזוי האָט ער זיך דערמאָנט: זי האָט צו אים געשמייכלט פונקט פאַר זון־פאַרגאַנג.

טוט ער זיך אָן און גייט, און נעמט אַ ביכל אונטערן אָרעם. צוליב וואָס איז דאָס ביכל? גלאַט אַזוי, אַ געוואוינשאַפט אַזאַ.

לעבן די לאַמטערנס דרייט זיך דער שניי־טאַנץ, און יעדעס שנייעלע איז באַלויכטן פון אַלע זייטן, ניטאָ ביי זיי קיין שאָטן־זייט. פליט אָן אַ ווינט און וויל אויפהייבן דעם שניי צוריק צום הימל. שוואַרצע פייגל לאָזן דריי־שטריכל־דיקע צייכנס אויפן ווייסן שניי.

לעבן לאַמטערן דערזעט ער — דער גאַנצער מאַנטל איז באַדעקט מיט אַזעלכע העל־פינקלענדיקע אויסערגעוויינלעך־שיינע קרישטאַלעכלעך, אַזעלכע שיינע, אַז, קוקנדיק אויף זיי, פאַרווילט זיך, אַז די מינוט, אָדער מיט אַ מינוט שפּעטער, זאָל אויפן האַרצן ווערן זייער גוט.

און אָט איז דאָס פענצטער. ניבע גראַסימאָוועס פענצטער. קלאַפּט ער אָן ציטעריק־באַשיידן, און די דאָזיקע ציטעריקע קלעפּ ווידערקולן ביי אים אין האַרצן.

כאָטש ער איז אין אַלגעמיין אַ דרייסטער יונג.

4.

ער האָט פאַרמאַכט די טיר און געלאָזן הינטער איר די מעטעליצע.

דער צימער איז אָנגעפילט מיט מענטשן, אַ סך פון זיי רויכערן. און איינער מיט אַ גרויסן פריילעכן געלן טשוב אויפן קאָפּ טרייבט מיט אַ האַנטעך אַרויס דעם רויך פון צימער.

אַבי ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זי טרעפן איינע אַליין.

יאָ, ווי האָט עס אים געקאָנט איינפאַלן! ער האָט איבער דעם פאַרלוירן אַ שמייכל געטאָן. זי האָט אים ניט דערקענט — האָט זי זייער היימיש צו אים אַ שמייכל געגעבן, ער זאָל זיך אָן דעם ניט אָנשטויסן. זי האָט זייער היימיש אַ שמייכל געטאָן — דערפאַר האָט ער זיך תיכף אָנגעשטויסן. אָבער ביז וואָס־ווען האָט זי אים אָנגענומען פאַר די אַקסל און אַ ווענד געטאָן צו אירע פריינט:

— באַקענט זיך!

כאָטש צו אַזאַ צערעמאָניעלן אופן פון באַקענען זיך איז מען דאָ אין צימער קיינמאָל ניט אָנגעקומען.

ער האָט אָנגערופן זיין פאַמיליע און דערלאַנגט אַלעמען די האַנט. און ווי זי האָט דערהערט די פאַמיליע, האָט זי זיך גלייך דערמאָנט.

און אָט דער, מיטן פריילעכן געלן טשוב אויפן קאָפּ — אָט דער נאַטשאַלניק פון אַ צעך — האָט ווייטער גענומען דערציילן מיט היץ זיינע פּלענער. רעדנדיק, איז אים אַלץ געלעגן אין קאָפּ, אַז מע דאַרף זען, אַז דער ניי־אַריינגעקומענער זאָל זיך פילן גוט, און דערפאַר האָט ער דערציילט פאַר אַלעמען זיינע פּלענער, נאָר זיין פּנים איז געווען געווענדט צו קאַרפּן. ער האָט אים דאָ גלייך איינגעבירגערט, ווייל גערעדט האָט ער הויפּטזאַכלעך צו קאַרפּן, און די איבעריקע האָבן זיך נאָר צוגעהערט.

אַלע האָבן זיך געהיצט, און קאַרפּ האָט מער געשוויגן. ער האָט אָבער ניט אויסגעזען איבעריק, ווייל געשוויגן האָט ער אָנגענעם און זיכער: דער נאַטשאַלניק פון צעך פאַרטרויט אים זיינע פּלענער, מעג ער זיצן, האָרכן און שווייגן.

זיצט ער מיט זיין שטילן, היימישן, וואויל־שטעטלדיקן פּנים, מיט לויטערע אויגן, ווי מיט ריינעם בלויען ספּירט איבערגעוואַשענע, און דערפאַר האָט מען געשמייכלט צו אים. אַז מע גיט אַ קוק אויף אַזאַ פּנים, דוכט זיך, אַז מען האָט זיך אויסגערוט אַביסל. און די דאָזיקע מענטשן זיינען זייער פאַרהאָרעוועטע.

און די, נינע, דער סעקרעטאַר פון קעמערל, איז אויך זייער אַ פאַרהאָרעוועטע. רוימט זי איין דעם נאַטשאַלניק פונעם צעך אין אויער:

— אַ סימפּאַטיש בחורל.

און גיט צו העכער:

— אָבער מע דאַרף, אַז די דעלעגאַציע פון סטאַלינסק זאָל גיכער קומען צו פאָרן.

שמייכלט ער, דער גרויסער געלער מאַנספּאַרשוין, דער גוטער אַרבעטער, וועלכער פאַרשטייט זייער אַ סך זאַכן אויסער זיין ספּעציאַליטעט.

פון די דאָזיקע מענטשן קאָן מען גאָרניט באַהאַלטן. די דאָזיקע רוישיקע, היציקע, אָפּטמאָל צעטראָגענע, ברויזנדיקע מענטשן איז אַ ווילע געפעלן געוואָרן זיין אויסערלעכע שטילקייט, די רואיקייט, וואָס האָט אַ וויטן גערוך פון שטעטל, דאָס ביסל נאַאיווקייט און קאַפּעלע באַשיידנקייט.

אין דער דאָזיקער רוישיקער פלאַמיקער שטאָט האָט עס שוין אויסגעזען ווי אַביסל עקזאָטיש.

5.

פרילינג, אַ פריאיקער פרילינג. מענטשן האָבן זיך שוין טאָקע צוגעוואוינט צום פרילינג. ס'איז אַ יאָר־יערלעכע דערשיינונג, און מע פאַרליבט זיך אין אַלע פיר צייטן פון יאָר, אין די גרויסע פּרעסט איינשליסלעך.

אָבער אַזאַ פרילינג איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. די ביימער האָבן זיך אויסערטערמיניק צעבליט. און וואַרעמע ווינטעלעך, און דופטיקע נעכט. אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט און צו וואָס די נשמה גאַרט.

אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט, זיינען זיי געגאַנגען, קאַרפּ און גערא־סימאָווע, און וואָס? — און האָבן זיך געפילט, דאַרף מען רעכענען, גוט. די דאָזיקע צוויי מענטשן האָבן זיך געמוזט טרעפן, וואָרים, קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן, האָבן זיי ערשט געקאָנט באַמערקן, ווי שנעל זיי וואַקסן. אויף זיך אַליין איז שווער צו באַמערקן.

לכתחילה איז ער געוואַקסן אַליין. ער געהער צו די שטאַרקע מענטשן־געוויקסן, וואָס רייסן זיך אַליין אַריין מיט די וואָרצלען אין דער ערד און שטעלן זיך אַוועק מיטן פּנים צו דער זון.

אָבער איצט, אַז מע העלפט אים, וועט ער געוויס צעוואַקסן. און די גערט־נערין — ניבע געראַסימאָווע — איז זייער אַ טרייע.

פרילינג. לאָמיר פאַרגעסן זיינע דופטיקע ווינטעלעך, לאָמיר זיך אַרויס־שלאָגן פון קאָפּ זיינע לופטיקע נעכט. אַן די דאָזיקע פליטערלעך איז ער געווען אויסערגעוויינלעך הערלעך, ווי קיינמאָל — פּרעכטיק.

אין איינעם אַ פרילינג־טאָג האָט די ראַדיאָ געבראַכט די ידיעה:

— די לעצטע זעקס טשעליוסקינצעס זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן פון אייז.

דאָס האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד פון קליין ביז גרויס (זעט די ציימונגען פון יענער צייט), און די דאָזיקע ידיעה האָבן זיי דאַן דערהערט פון דורכגייענדיקע חברים. דאַן האָבן זיי דערפילט אַ גרויסע פרייד, און כדי כאָטש אַביסל אויסלאָדן זי, האָבן זיי זיך צעקושט. זיי זיינען געגאַנגען אין מיטן גאַס, האָבן זיי ניט געוואָלט שטערן די גאַס־באַוועגונג, זיינען זיי אַרויף אויפן טראָטואַר און צעקושט זיך.

און פילנדיק נאָך אַלץ, אַז די פרייד גרעסערט זיך, און האָבנדיק גרויסע געראַמע הערצער, האָבן זיי זיך פאַרגינט, אַז זייער פרייד זאָל ווערן נאָך גרעסער. דאָס האַרץ וועט אויסהאַלטן. ס'האָט זיך פאַרוואָלט, אַז אַלע פריידן וואָס קאָנען געבן אין לעבן, אַלע טרוימען און פאַרלאַנגען וואָס קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן, — זאָלן שוין נעמען און פאַרווירקלעכט ווערן היינט — באַלד, שוין.

געראַסימאָווס רויִק פּנים איז געווען אַזוי גליקלעך־רויט. אירע אויגן האָבן אויסגעשטראַלט גרינלעכע פייער־פעדעמלעך, און דאָס מויל אירס האָט געזאָגט:

— לאָמיר היינט באַשטימען, אַז מיר ווערן מאַן און ווייב.

און ביי אים האָט אינעווייניק גענומען שנעל אַפּלאַדירן דאָס האַרץ, כאָטש אין אַלגעמיין קלאַפּט עס ביי אים זייער רעגלמעסיק.

6.

ער האָט אַ פּאָר טעג געוואָרט, אַז זי זאָל קומען. געקויפט אַן אַש־טעצעלע. אפשר רויכערט זי. זי איז געקומען. ניין, זי רויכערט ניט. מע דאַרף זיך ערנסט דורכרעדן. און זיי האָבן זיך ערנסט דורכגערעדט. און זיין רויִק פּנים איז דאָסמאָל געווען אומרויִק. און איר אומרויִק פּנים איז דאָסמאָל געווען רויִק. נאָר ניט קיין צוויי אומרויִקע פּנימער פּאָר אַ מאָל. נאָר אַן פּאַניק!

— אפשר וועלן מיר צוואוואַרטן, — האָט זי געזאָגט, — מיר זיינען יונג. — דערביי האָבן זיי אַ שמייכל געטאָן. וואָרים געגומען רעדן האָט זי לכתחילה מיט אַ קול, וואָס איז אויף אַ פּאָר יאָר עלטער פאַר איר, ס׳זאָל זיך באַקומען וואָגיקער, זיין פּנים זאָל רואיקער ווערן. אָן עבירה זיין פּנים.

— יענער פרילינג־טאָג, — האָט זי געזאָגט, — האָט אונדז דערנעענטערט, ווי אַ יאָר לעבן, אָבער מע דאַרף זיך ניט איילן. פאַרוואָס לויפט ביי דיר דער זייגער?

ער האָט איבערגעשטעלט די ווייזערס פון זייגער.

— אייגנטלעך, — האָט זי געזאָגט, — קאָנען מיר נאָך ווייניק איינער דעם אַנדערן. איך רויכער ניט, דו רויכערסט אויך ניט. פאַרוואָס האָסטו געקויפט אַן אַש־טעצעלע?...

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס אַש־טעצעלע פון טיש.

— און צוריק גערעדט, — האָט זי געזאָגט, — פאַרוואָס שווייגסטו, ווען איך רעד צו דיר? אַ צייט איז עס מיר געפעלן געווען, אָבער איצטער ווילט זיך שוין מיר הערן עפּעס פון דיר.

ער האָט געשמייכלט און געשוויגן.

— איך ווייס, — האָט זי געזאָגט, — אַז דו ביסט אַ וואוילער, איך ווייס, אַז דו ביסט אַ גוטער. און ס׳טראָגט פון דיר מיט אַ ווייטן גערוך פון שטעטל, און אַביסל נאַאיווקייט, און אַ קאַפּעלע באַשיידנקייט. נאָר ס׳קאָן זיין, אַז מע דאַרף עס ניט. זיכער, מע דאַרף עס ניט.

דאָ האָט ער זיכער געזאָגט:

— יאָ, מע דאַרף עס ניט.

דערנאָך האָבן זיי געטרונקען טיי. זי האָט געשוויגן, און ער האָט גערעדט. וועגן דעם, אַז ער ווערט אַן עלטסטער אַרבעטער ביי דער דאַמנע. וואו האָב איך געקויפט אַלע לעניגס ווערק? אַ פּרעמיע. קום וואָס אָפּטער אַריין. איך בין די טעג אַרויסגעטראָטן אויף דער פּראָדוצירן־באַראַטונג. מיין ניט, אַז דאָס מויל איז ביי מיר פאַרשטאָפּטאָרעוועט. צי האָב איך גערעדט? פאַרשטייט זיך, גערעדט. מיינסט טאַקע.

7.

אַ גאַנצן זומער האָט זי געוואַרט אויף אים.

פאַרן זומער האָט ער אַ סך, אַ סך געהאָרעוועט און איז געוואָרן געגליכן צו די פּילע, אין איינע יאָרן מיט אים, וואָס שפּרינגען כסדר אַרויס פון זייער הויט — און אויף פאָטאָ־קאַרטלעך באַקומען זיי זיך יעדערע צוויי וואָכן אַנדערש, און אויפשטייענדיק אינדערפרי, זיינען זיי שוין אַביסל אַנדערש, ווי אין אָוונט, און לייגנדיק זיך שלאָפן ביינאַכט — שטייען זיי אויף אַביסל געענדערטע איבערדערפרי.

און פון טאָג צו טאָג ווערן זיי אַלץ מער באַרוישט, אַלץ מער צעברויזט, און ס׳נעמט דוכטן, אַז זיי טראָגן צו עטלעכע לעבנס אין זיך.

און סוף זומער איז ער געקומען צו איר אַ רווישיקער, אַ היציקער, אַ ברויזנדער, אָן דעם ווייטן געדוך פונעם שטעטל, אָן דער ביסעלע נאַאיווקייט, נאָר ס'איז געבליבן אַ קאַפּעלע שטאָלצע באַשיידנקייט.

וואָרים ער האָט איר באַשיידן און דאָך מיט אַ שטאָלצקייט אָנגעזאָגט די בייס:

— איך בין באַשטימט געוואָרן פאַר אַ גאַרנאַוואָוי פון דער נייער קאָמיוגישער דאַמבע.

ניט טראַכטנדיק אַפילו וועגן דעם, האָבן זיי זיך באַלד דערזען, אַרומגענומען. און אפשר האָבן זיי אין דער הייסער מינוט צעקושט זיך אויך.

און פילנדיק נאָך אַלץ, אַז די פרייד גרעסערט זיך, און האָבנדיק גרויסע, געראַמע הערצער, האָבן זיי זיך פאַרגינט, אַז זייער פרייד זאָל ווערן נאָך גרעסער. דאָס האַרץ וועט אויסהאַלטן. ס'האָט זיך פאַרוואָלט, אַז אַלע פריידן וואָס קאָנען געבן אין לעבן, אַלע טרוימען און פאַרלאַנגען וואָס קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן, זאָלן שוין געשען און פאַרווירקלעכט ווערן. היינט. די מינוט.

נאָר דערפילנדיק, אַז עפּעס חזרט זיך ווידער איבער ביי זיי אַ געשעעניש, אַ שטימונג, וואָס האָט שוין איינמאָל פּאַסירט, און ניט וועלנדיק איבערחזרן זיך, האָט ער פאַרקוועטשט דאָס מויל, און ס'איז דאָרט דערווייל געבליבן פאַרשלאָסן די פראַזע:

— לאָמיר היינט באַשטימען, אַז מיר ווערן מאַן און ווייב.
די שוין איינמאָל אַרויסגעבראַכטע פראַזע.
און זי האָט אַ גאַנצן זומער אויף אים געוואַרט.
וועט זי וואַרטן נאָך אַביסל. וואָס עס דאַרף געשען, געשעט דאָך, געוויינלעך.

8.

און אַז עס טרעפט אַ יום־טוב, אַז עס ווערט געלאָזן אין גאַנג אַ נייע דאַמבע, אַז עס ווערט געעפנט אַ נייע קאָקס־כעמישע באַטאַרייע, אַז עס קומט אָן אַ בליומינג, פאַרזאַמלען זיך אַלע מעטאַלורגן און פאָרן אַרויס אין די בערג אויף דער פרייער לופט פייערן זייער יום־טוב, און עס ווערן פרעמירט אַלע שלאַגלער, וואָס האָבן הייס און איינגעשפּאַרט געאַרבעט. און פאַר דער יוגנט בלייבט עס, ווי אַ בליענדיקער טרוים אויף ווייטער, און פאַר די אַלטע — ווי אַ העלע דערינערונג — אויף דערציילן זייערע אייניקלעך, די פּיאָנערן.

עס שפּילן די אָרקעסטערס, און עס גלאַנצט זייער מעש אַנטקעגן דער זון. און די יוגנט פאַרוועט זיך אין לויפן, און עס גלאַנצט דער בראָנדז פון זייער לייב אַנטקעגן דער זון.

אויף אַן איינגעוואָלגערטן בוים זיצט אַט דער, וואָס זיין געלער קאָפּ האָר ברענט אַנטקעגן דער זון — דער נאַטשאַלניק פון צעך, און לעבן אים זיצט דער סעקרעטאַר פון צעכאָוון פאַרטיי־קאָלעקטיוו; קוקן זיי אויפן גאַנצן גלאַנץ, וואָס שעמערירט פאַר זייערע אויגן.

און דערנאָך פאַלט איין דעם נאַטשאַלניק אַ זאָג צו טאָן:
— איר זעט אַן געראַסימאָווען מיט קאַרפּן?... אַ שיינע פּאָר?

אויף וואָס דער סעקרעטאַר שאָקלט צו מיטן קאָפּ.
און דערנאָך פאַלט איין דעם נאַטשאַלניק פון צעך צוצורופן זיי און אַ זאָג טאָן:
— איר ווייסט, פון אייך וואָלט געווען אַ שיינע פּאָר.
שמייכלען זיי. און דער בראַנדז פון פּנים ווערט נאָך מער אָנגעצונדן. און דערנאָך פאַלט זיי איין צו דערלאַנגען איינע דעם צווייטן די האַנט, טאַקע קאַרפּן מיט גראַסימאָווען, פאַלט זיי טאַקע איין שטאַרק אַ דריק צו טאָן זיך די הענט.
און כאָטש גאָרניט איז ניט געזאָגט געוואָרן דערביי, האָבן דאָך די צוויי עלטערע חברים פאַר זייער חוב צוגיין צום וועלדל, וואו עס וואַקסן בלימלעך, אָנרייסן אַ בוקעט און דערלאַנגען גראַסימאָווען און קאַרפּן.
און נאָך אַ סך האָבן זיי דערזען, אַז מע רייסט בלומען און מע טראָגט צו גראַסימאָווען און קאַרפּן, האָבן זיי נאָכגעפאָלגט אָט דעם ביישפּיל. אויף אַ שפּיץ בערגל זיינען זיי געזעסן, קאַרפּ מיט גראַסימאָווען, באַשאָטן מיט בלומען — באַלד ביזן האַלדז, ביזן שמייכל, וואָס אויפן פּנים.
אַזוי פיל פריינט האָבן געטאַנצט אויף זייער חתונה. פון דעם אַליין קאָן שוין פריילעך זיין אויפן גאַנצן לעבן.
וואָס עס ווערט געוואונטשן אונדז אַלעמען, ליבע חברים.

איציק פעפער

אַ ליד וועגן פירער

אייביק וועלן יאָגן שטראָמען,
אייביק גרינען וועט דאָס פעלד,
ווי די זון וועט סטאַלינס נאָמען
שיינען אייביק אויף דער וועלט.

ער איז טיפער פון די ים׳ען,
ער איז העכער פון די בערג,
נאָך אַזאַ איז ניט פאַראַנען
אויף דער קיילעכדיקער ערד!

איבער אַלע ווייטסטע עקן
זינגען מיר די זעלבע ליד:
אוקראַינער און אוזבעקן,
דער אַרמענער און דער ייד.

אייביק וועלן יאָגן שטראָמען,
אייביק גרינען וועט דאָס פעלד,
ווי די זון וועט סטאַלינס נאָמען
שיינען אייביק אויף דער וועלט!

ווי די שטערן אויפן קרעמל,
לויכט אויף ערדן אונדזער רום,
זינגען פריילעך קאָן מען דעמלט,
ווען דאָס גליק איז אומעטום...

ווען אין אַלע ווייטסטע ווינקלען
צינדן אויגן זיך מיט פרייד,
ווען די פרייע פעלדער פינקלען
מיט דער שענסטער ליד פאַרזייט...

אייביק וועלן שטראָמען יאָגן,
אייביק גרינען וועט דאָס פעלד,
ווי די זון, וועט סטאַלינס נאָמען
שיינען אייביק אויף דער וועלט!

ביי די גרענעצן דער וועכטער
היט דאָס היימלאַנד און ער הערט,
ווי סע הילכן סטאַלינס ווערטער
אויף דער קיילעכדיקער ערד!

און אַט דאָרט, וואו בייטשן הוליען,
וואו ס׳איז נידעריק דער דאַך,
רופט אים טאַטע — יעדער קולי,
רופט אים ברודער — דער פעלאַך!

אייביק וועלן יאָגן שטראָמען,
אייביק גרינען וועט דאָס פעלד,
ווי די זון, וועט סטאַלינס נאָמען
שיינען אייביק אויף דער וועלט!

ליפמאַן־לעווין

די קאָנסטיטוציע אויסנווייניק

איר האָט אָפּגערעדט, חבר? איצט לאָזט מיך אַביסל. איר זייט נאָך אַ יונגער חבר, איר זייט געקומען אויף אַלעם גרייטן, אַז ס'איז שוין געווען אויסגעראַמט, צוגעקליבן, און אין אַלע ווינקעלעך — יום־טוב! איך פאַרגין אייך, וואָס איר האָט דאָס מיסט און די קרעץ אין די אויגן ניט אָנגעזען, ווי איך פאַרגין מיינע אייגענע קינדער. איר זייט מיר אַלע טייער — אייגענע און פרעמדע. וואָס הייסט פרעמדע? ניטאָ גאָר היינט קיין פרעמדע, וואָס זאָלן איינער פונעם אַנדערן צופּן און רייסן, ווי ס'איז, ניט היינט געדאַכט, געווען אַמאָל. פאַרקערט: היינט נעמט מען זיך פאַר די הענט איינע מיט די אַנדערע, ווי אין איין קייטעלע געקייטלט. מע גייט אין איינע קאָלאָנעס, און אַלע זינגען איינע לידער. איי, לידער! איך האָב זיי ליב, די היינטיקע לידער. עס הייבט מיך אינדערלופטן. איך ווער יונג, הערנדיק. אייגנטלעך, בין איך ניט גאָר קיין אַלטער. אמתע יאָרן איז מיר ניט מער ווי צוואַנציק. אמת, אַהינטער די פּלייצעס באָמבלען זיך ביי מיר ווי ביי אַ גלגול אַ פּעקל יאָרן פון אַן אַנדער וועלט — אַ יאָר עטלעכע און פערציק פון דעם צאַריש־קאַפּיטאַליסטישן כף־הקל... יענעס פּעקל יאָרן איז גראָד אַ צעקאַרדאַשעטעס, וואָרים די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט מענטשן אַריינגענומען ווי קאָרן־זאַנגען צווישן מיל־שטיינער און האָט זיי צעריבן, צעמאָלן... אָבער איצט האָב איך זיך אָפּגעיונגערט. אַ יונגער און אַ שלאָגלער בין איך! מער נישט — אין קאָמסאָמאָל קאָן איך ניט גיין, ווייל דער קאָפּ איז ביי מיר אַ גרויער. איר מיינט אפשר, אַז גרויע האָר שטערן דעם קאָפּ יונג צו זיין?

זעצט זיך צו אַביסל, חבר, מיין סאָרקע וועט אייך דערלאַנגען אַ גלאָז טיי. נישקשה, ביי אַ שלאָגלער אין דער היים מעגט איר אויסטרינקען אַ גלאָז טיי און צובייסן אַ זעמל. פאַראַן, פאַראַן! און איך וועל דערווייל אויסטאָן די פּאַלטאָ און די ספּעצאָווקע מיינע און איך וועל אַביסל שמועסן. איר זייט געקומען אַהער פאַרטייטשן די קאָנסטיטוציע אונדזערע און דעם וואַל־געזעץ פאַר די שטוביקע באַלעבאָסטעס און פאַר אינוואַלידן. אָט, לאָמיר זאָגן, גרשון איז אַן אינוואַליד — ער האָט זיך אויסגעהאָרעוועט ביי די קאַפּיטאַליסטן, אָבער דאָס סאָציאַליסטישע היימלאַנד זיכערט אים אַ גוטע עלטער. ביי אונדז איז ער אַ חשובער מענטש, אַן אינוואַליד פון אַרבעט! דאָס איז אַ חשובער טיטל, וואָס באַווייזט, אַז ער האָט אויף זיין לעבן געאַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט. באַקומט ער איצט דערפאַר שכירות פון דער מלוכה, וואָס רופט זיך פּענסיע, און מע טראָגט עס אים אַריין אַהיים מאָנאַטלעך אין אַ באַשטימטן טאָג.

איז דאָס פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? פאַרשריבן: „פאַרזיכערונג אויף דער עלטער“!

און אַמאָל . . . האָט מען דאָך אויסגעזויגן און אַרויסגעוואָרפן. פריער — בעת דו האָסט נאָך געאַרבעט, ביסטו געווען אַן אָרעמאַן, און אויף דער עלטער אַן כוחות — אַ קבצן, אַ בעטלער. גיי קלאַפּן אין די טירן ביי דער קהלשער צדקה נאָך אַ פּיטאַקל אויף שבת אָדער איינבעטן זיך אין שמוציקן הקדש צו־זאַמען מיט שטילע משוגעים און חולי־נופלים. און די רייכע גבאים פּלעגן זיך נאָך פּאַראויס באַזאָרגן מיט אַ באַצאָלטן שמש ביי דער טיר, אַ גרויסן, אַ געזונטן, וואָס זאָל קאָנען אָנכאַפּן אַ צען אָרעמעלייט מיטאַמאָל און אַרויסוואַרפן זיי אויף יענער זייט טיר ביי דעם ערשטן געמורמל... מע האָט דאָך ניט געטאָרט אַ פּיפּס טאָן... פאַרבייס די ליפּן און שאַ־שטיל.

חבר, איך בעט אייך נאָכאַמאָל: איר טרינקט טיי, און איך וועל רעדן. איר זייט ניט מיט אַ סך עלטער פון מיין מיזיניקל, פון מיין הירשלען — אים איז אַכצן יאָר. ווי זאָגסטו, שרה, אַכצן דאַרף אים ערשט ווערן אין יענעם יאָר? ער איז אויך אַ חשובער מענטש. פון קינדוויַיז אָן אַ חשובער — מע האָט זיך מיט אים געצאַצקעט, גענומען אין די קלאַסן, געלערנט, געפּירט אין די קאָלאָניעס, אין זומער־לאַגערן, געהאָדעוועט, געפּעסטשעט. און ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ יאַט — געזונט און שטאַרק, מיט געענדיקטע צען קלאַסן, מיט אַ קוטשמע האָר אויפן קאָפּ, וואָס נויטיקן זיך קיינמאָל ניט אין אַ היטל, מיט אַן אָפענער ברוינער ברוסט אַפילו אין ווינטערדיקע פרעסט.

איז דאָס פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? פאַרשריבן: „רעכט אויף בילדונג״! דאָס איז שוין ביי מיר אין דער היים, ביי מיין הירשלען אין קאָפּ, גאַנצע צען קלאַסן מיט אומזיסטער לער.

איך אין זיינע יאָרן האָב ניט געהאַט אַזאַ קאָנסטיטוציע, פאַר מיר איז געווען אַ פינצטערע, אַ חרובע תלמוד־תורה מיט אַ הינקענדיקן רבין — דעם שלימסטן פלעגט מען אָפּגעבן פאַר די אָרעמע קינדער. פלעגן מיר מיט אים מלחמה האַלטן, מיטן רבין, אַ יאָר, צוויי. ער — אונדז מיט דער קוליע, און מיר — אים מיט נאַסע טיכער. ער פלעגט כסדר דרימלען, נעצן מיר אַן טיכער און וואַרפן אין אים פונדערווייטן. דערעסט עס אונדז, און מיר גייען אַוועק צו אַ באַלמעלאָכע. צו־ערשט מיט די שוואַכע קינדערשע הענטלעך טראָגן פּאַמויניצעס פון שטוב, האַלץ און וואַסער, לויפן אַ גאַנג, פאַרשפּאָרן יעדערן אַ טירחה און כאַפּן קלעפּ דערביי. אָבער אַ מאָגער ריטעלע אויף אַ פּייכטן באָדן, אָן בלעטלעך אַפילו, ציט זיך אויך אין דער הויך, — כלומרשט אויסגעוואַקסן, אויסגעלערנט זיך אַ מלאכה, און מע קאָן שוין אָנהויבן צו באַקומען געצאָלט פאַר דער אַרבעט — איז קיין אַרבעט ניטאָ. באַלעבאַטים נעמען לערן־ייִנגלעך, און געזעלן זוכן אַרבעט. איר זייט אַ יונגער חבר, און איר ווייסט גאָר ניט, וואָס עס באַטייט זוכן אַרבעט. מע פאַרט אויס שטעט, מע גייט אויס צופוס גרויסע מהלכס, מע קלאַפּט אין אַלע טירן: אַרבעט! אַרבעט! מע וואַרפט מקח, מע וואַרפט זיך אַליין, מע מאַכט זיך דערנידערט, געשלאָגן, אַבי נעם אויף אַרבעט...

מייך הערשל אָבער ווייסט ניט דערפון, פון זוכן אַרבעט. ער האָט געענדיקט די קלאַסן און האָט ערשטנס צוויי מאָנאַטן אָפּגערוט. ס׳קומט אים דאָך רו, און

אַן אָפּרו־הויז איז פּאַראַן. אַן אָפּגערוטער, אַן אויסגעפּעסטשעטער, האָט ער אויס־געקליבן אַ פאַבריק דווקא אַזאַ, וואָס געפעלט אים — ער האָט אַ גוסט צו מאַשינעריע, און מע האָט אים גלייך אָנגענומען און מע צאָלט שוין, און מע צאָלט גוט... און דאָרטן טאַקע איז ער מיט זיינע צען קלאַסן גלייך אָנגעקומען אויף די אָוונט־קורסן לערנען זיך אַלס מעכאַניקער.

איז דאָס פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? פאַרשריבן: „רעכט אויף אַרבעט"! גאַראַנטירטע אַרבעט פאַר יעדערן. אַרבעט מיט כבוד און ערע.

און אַ זאַוואָד פאַרמאָגט ביי זיך קורסן, אַ ביבליאָטעק, אַ קלוב, אַ לייען־זאַל — ס'איז אַ גאַנצער אוניווערסיטעט! אַרבעטער לערנען זיך און יאָגן אָן זייערע אינזשענערן: זיי גלייכן זיך אויס באַלד.

און הערשל איז אַ יאָט — ער איז אויך ניט הינטערשטעליק. ער האָט זיך שוין באַקענט מיט דער מאַשינעריע און גענומען יאָגן באַרמעס, און די אַרבעט איז ביי אים דווקא פון הויכער קוואַליטעט. איז אדרבא! אַרבעט קלעקט. פאַרדינט געלט, ביסטו נאָך אַ לייט!

האָט קיין פאַראיבל ניט, יונגער חבר, וואָס איך פאַרהאַלט אייך. איר האָט שוין אַפילו פאַרענדיקט אייער געשפּרעך מיט די באַלעבאַסטעס — מיט די ווייבער. די ווייבער — אַרבעטערינס און שטוב־באַלעבאַסטעס — האָבן ביי אונדז אַ דעה אין לאַנד גלייך מיט אַלעמען. יעדער מענטש איז ביי אונדז דערהויבן. זייער אָנגעלייגט, וואָס איר זייט צו אונדז געקומען. מיין סאָרקע וואָלט אייך אויך געקאָנט אַ סך דערציילן, נאָר זי איז אַ שווייגנדיקע... זי איז געווען אַ יתומה, דאָס ווייב מיינס. דער טאַטע אירער, אַ שוסטער, איז פרי פון דער וועלט אָוועק. ניט געווען דעמלט וואָס צו זשאַלעווען. איצטער, דעם אמת זאָגנדיק, ווילט זיך זייער לעבן. איי, לעבן! אַז ס'ווערט כסדר פריידיקער דאָס לעבן! איז זי דעמלט, מיין ווייב, זאָג איך, אַ יונג קינד, אַ יתומה, אָוועק אויף אַן „אָרט", דינען ביי פרעמדע לייט. דאָס ערשטע אָרט אירס איז געווען ביי דעם שוחט פון שטעטל. אָפּגערעדט: דאָס ערשטע יאָר דינען גאָר אָן געלט, בלויז פאַרן עסן, און אויפן צווייטן יאָר באַקומט זי אַ רובל אַ חודש, אַזוי, סאָרקע? איך לייג ניט? אַרבעט זי שווער, האָדעוועט פרעמדע קינדער, טוט אין שטוב און העלפט נאָך אין דער שחיטה. די פעדערן פון די געקוילעטע עופות האָבן דאָרט אין שטעטל געהערט צום שוחט — אַזאַ אָפּמאַך איז געווען — ווייל דאָס מזומן געלט פאַרן קוילען האָט געהערט צו דער „קאָראָבקע", וואָרים דאָס שטעטל איז אָרעם, עסט ווייניק פלייש, האָט מען באַשטייערט אויך עופות, און פאַרן שוחט איבערגעלאָזט די פעדערן. האָט דאָס קליינע סאָרקעלע זיי באַדאַרפט פליקן. אַ שווערע אַרבעט. קוים אויסגעהאַלטן אַ יאָר, איז זי אָוועק פון דעם אָרט און איז אָנגעקומען צו אַ קצב. איז דער שוחט געלאָפן צום רב מיט אַ טענה, ער זאָל פסקענען, אַז די יתומה דאַרף זיך אומקערן צוריק צו אים, ווייל זי איז אים שולדיק געבליבן. דאָס ערשטע יאָר איז זי דאָס עסן אויך ניט ווערט געווען... דאַרף זי נאָך ביי אים אָפּדינען פאַר דאָס פריערדיקע... וועט איר פרעגן, און ווי איז איר דערנאָך געווען ביים קצב? פון דעם קצב איז זי אַמאָל אינמיטן נאַכט אַנטלאָפן, אַז ער

האָט געגומען צו איר צושטיין... איז זי געבליבן אויף דער גאַס אַ צייט, הונגעריק און עלנט...

אַזוי, חבר, איז געווען אַמאָל...

און היינט זיינען אַלע קינדער באַזאָרגט: קינדער בליען ביי אונדז ווי בלומען אין פעלד. און אַ מיידל איז אַ מענטש! און דער מענטש איז דער גרעסטער קאַפּיטאַל ביי אונדז אין לאַנד, און מע היט עס אָפּ, ווי אַ גוטער סעדער אַ פרוכט־בוים.

מיין רייזעלע, מיינע אַ טאָכטער, האָט גאָר אַן אַנדער לעבן. אויך אַ מיידל, און פון עלטערן אַרבעטער, און ס׳איז גאָר אַנדערש. זי האָט געענדיקט פריער די שול, און איז דערנאָך ערשט אַוועק אַרבעטן, אַ דערוואַקסענע שוין. און איצט — פליט זי. זי פליט, אינדערלופטן טאַקע, און הויך, און ווייט — אויף אַ מאַשין. זי האָט דערצו חשק געהאַט, האָט זי זיך אויסגעלערנט פליען. און פאַרוואָס זאָל זי ניט פליען? אַז מ׳איז אַ פרייער פויגל, אַן זאָרגן, אַן קלעמעניש. און פליען איז ביי איר אַן אָפּרו, אַ פאַרווײַלונג נאָך דער אַרבעט. ביי רייזעלען איז אַ גרינג לעבן, אַ פריידיקס — פליט זי. און ס׳איז איר אויך אַ כבוד, זי וויל אָפּהיטן און שיצן איר פריידיק לעבן און איז גרייט זיך אַ לאָז טאָן אויף איר מאַשין אַנטקעגן דעם שונא, וואָס וועט נאָר וואַגן לאָזן זיך צו אונדזערע גרענעצן.

מיין וועלוול, דער עלטערער זון, איז שוין לייטענאַנט אין דער רויטער אַרמיי ביי טאַנקען. אַט ערשט געווען אַ רויטאַרמייער, און מיר פלעגן אין אַ רו־טאָג גיין צו אים צוגאַסט. דער גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען ביי אונדז צו פאַרברענגען דאָרטן ביי אים. אַ גרויסער זאָל צו אויפנעמען געסט. דער שענסטער קלוב, מיט געזאַנג, מוזיק און טענץ. צייטונגען און ביכער. וואָס פאַר אַ קלוג און שיין לעבן ס׳איז ביי אונדזערע רויטאַרמייער!

חבר, איך האָב אויף אייך פאַראיבל. וואָס עסט איר ניט?... עסט, עסט, און איך וועל אייך דערציילן, ווי איך בין געווען אַ סאָלדאַט, אין קאַזאַרמע. מילא, פון מיר איז ניטאָ וואָס צו רעדן: אַ ייד איז — „זשיד“ אין איין באַק, און „זשיד“ — אין דער אַנדערער באַק. די באַקן האָבן געפלאַמט פון פעטש ווי פּאַמפּעשקעס. און פויערים פון דאָרף, און אַרבעטער פון שטאָט, ניט־יידישע, וואָס שרייען די „מאַליטווע“, אַז זיי צערייסן זיך די גאָרגלען, — אַזוי האָט דער פעלדפעבל גע־פאָדערט, — האָט מען זיי אויך אַריינגעשאָטן אין באַק פעטש, מער ווי גרויפּן אין דער קאַשע. געווען ביי אונדז אַ סאָלדאַט אַ פויער, וואָס האָט ניט באַנומען די צוויי ביקאַלאַיען מיטאַמאָל—איינעם מיט אַ „וועליטשעסטווא“ און דעם אַנדערן מיט אַ „וויסאָטשעסטוואָ“, און ער פלעגט זיי צעפּלאָנטערן, דעם פעטער מיט דעם פלימעניק... האָט דער פעלדפעבל זיך געמאַכט אַ חוזק־שפּיל איבער אים און מאַנאַטן לאַנג פלעגט ער צוויי מאָל אין טאָג אים טראַסקען איבערן גאַנצן פּנים איינס נאָכן אַנדערן: אַ פּאַטש פאַר „וועליטשעסטוואָ“ און אַ פּאַטש פאַר „וויסאָטשעסטוואָ“.

אַזוי איז געווען אַמאָל אַ סאָלדאַט אין קאַזאַרמע.

ביי אונדז איז די רויטע אַרמיי אַ באַשיצער פון אונדזער גליקלעך לאַנד און

אַ בויער פון אונדזער פריידיק לעבן. ס'איז אַ כבוד צו שיצן דאָס טייערע לאַנד.

דאָס איז פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? — פאַרשריבן! און דער כבוד איז אָנגעקומען מיר אויך — מיין פאַמיליע. מיין וועלוול איז לייטענאַנט ביי טאַנקען, און מיין רייזעלע פליט שוין דאָס צווייטע יאָר אויף אַן עראָפּלאַן.

און די עלטערע טאָכטער מיינע מיטן מאַן, מיט מיין אײדעם הייסט עס, קלייבט זיך, זיינען שוין גרייט צו פאָרן — טרעפט וואוהין? אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אַרבעטן דאָרט, בויען דאָרט.

די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? — פאַרשריבן! אין וואָל-געזעץ — פאַרשריבן. מיר ווילן געהעריקע דעפּוטאַטן אין אויבער-ראַט פון פסס"ר, און אין די אויבער-ראַטן פון די פאַרבאַנדיקע רעפּובליקן און אין די אָרטיקע ראַטן! אין דאָרף-ראַט, אין ישוב-ראַט, אין שטאָט-ראַט און אין געגנט-ראַט.

אָט דאָס איז טאַקע די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע פון סאָציאַליזם אין אונדזער נייעם לעבן: מענטשן זיינען דערהויבן געוואָרן און פעלקער זיינען דערהויבן געוואָרן, אַלע גלייך, און אַלע — חשובע. מענטשן זיינען חברים. און פעלקער — ברידער. און אַמאָל, אוי, אַמאָל! איך וויל גאָר ניט דערמאָנען יענע פינצטערע יאָרן, ווען מע האָט אַלע האָרעפּאַשניקעס געטרייבערט, פעלקער געמאַטערט, געפּייניקט, און אָנגערייצט נאָך איינע אויף די אַנדערע, אויף הריגות און פּאָ-גראָמען. איצט אָבער זיינען אַלע פעלקער גלייך — אַלע אָן אונטערשייד, ווי אין דער קאָנסטיטוציע איז פאַרשריבן. און פעלקער צווישנאַנאַנד זיינען פריינט, העלפן איינע די אַנדערע, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל שטייגן וואָס העכער. געבענטשט זאָל זיין די פריינטשאַפט צווישן פעלקער! סאָציאַליזם האָט באַפרייט יעדן מענטשן, ווי דעם מאַנצביל, אַזוי די פרוי, ווי די עלטערן, אַזוי די קינדער. סאָציאַליזם האָט באַפרייט יעדעס פאָלק, יעדע נאַציע, ווי גרעסערע — אַזוי קלענערע. סאָציאַליזם — איז אויס עקספּלואַטאַציע פון אַ מענטש און אויס אונטערדריקונג פון אַ פאָלק. סאָציאַליזם איז דער פונדאַמענט פון אונדזער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע, און אַזאַ פונדאַמענט איז אייזן-פעסט! דאָס איז אַן אייזערנער בריק אויף איבערצוגיין צו קאָמוניזם.

איך ווייס, איך פאַרשטיי, איך זע, איך הער, איך לייען ביכער, צייטונגען ביי אונדז אין קלוב, אין לייען-זאַל. אַז איך קום אַהיים פון דער אַרבעט, טו איך אָן די שפּאַקולן און לייען צייטונגען, ביכער, און די קינדער לייענען מיר. אויך פאַרשטיי איך און איך ווייס, אַז מיר האָבן נאָך אייניקע שוועריקייטן, אָבער מיר אַלע זיינען זיכער, אַז זיי זיינען צייטווייליקע.

נו, מער וועל איך אייך היינט ניט פאַרהאַלטן, נאָר איך וויל אייך בעטן, יונגער חבר, קומט טאַקע צו אונדז צוגאַסט אין אַ רו-טאָג, צו אַ יום-טובדיקן מיטאָג מיט אַלע מיינע קינדער, וועט איר זיך באַקענען מיט זיי. אדרבא, קומט אַריין.

אַז איר וועט זיך באַקענען מיט מיינע קינדער, וועט איר זען, וואָס פאַר אַ געבענטשטער טאַטע איך בין — לייבע דער שלאָגלער. געבענטשט איז אַ טאַטע

פון אַזעלכע קינדער. און געבענטשט זיינען קינדער מיט אַזאַ געבענטשטן טאַטן, וואָס איז פאַרשריבן אין פּאַס איבער זעכציק יאָר, און איז אמתע יאָרן אומגעפּער נאָר צוואַנציק, און איז פון די ערשטע שלאָגלער אין דער פאַבריק, און האָט אין די אַמאָליקע יאָרן אויך אַ קלאַפּ געכאַפּט פון אַ זשאַנדאַר, בעת די עלטערע טאָכטער איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. איך האָב וואָס צו דערציילן, אדרבא, יונגער חבר, קומט אַריין צו מיר צוגאַסט...

זייט אַזוי גוט, חבר, נאָך איין ווײַלע נאָר, איך וועל אייך ניט פאַרהאַלטן לאַנג.

אָט זעט, אדרבא: טוט אַ קוק ביי מיר אין מויל, זעט איר — אין דער אונטערשטער ריי פעלן ביי מיר דריי ציין... יענע, די זייטיקע און עטלעכע אויבערשטע ציין, זיינען אויך אַריינגעשטעלטע, שטאָלענע ציין, גאָלדענע ציין, נאָר די דריי לאָזט מיך ניט דאָס האַרץ אַריינצושטעלן... איך וויל ניט פאַרשטעלן מיין יוגנט... אין דער יוגנט אַמאָל אויף אַ דעמאָנסטראַציע האָט אַ זשאַנדאַר זיי מיר אויסגעשלאָגן. איז זאָל זיין אַן אָנדענק: אין גוטע יאָרן דאַרף מען ניט פאַרגעסן די שלעכטע... אַז ניט אומזיסט בלוט פאַרגאָסן! פאַרנעם איך נאָך מער נחת, פריידי, פאַרגעניגן פון דעם איצטיקן ליכטיקן און פריילעכן לעבן אונטער דער שיין פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע!

י. זעלדין

אַ נײַ הויז

גאַסן פֿליסן מיר אַנטקעגן,
הײַזער הויערן פֿאַר מיר —
איך האָב שליסלעך צווײ געקראָגן,
צו אַ טויער, צו אַ טיר.

ווילט זיך טומלען און בארימען
און דערציילן קליין און גרויס:
כ׳האָב באַקומען הײַנט אַ צימער
אין אַ שפּאָגל־נײַעם הויז.

איצטער לויף איך, ווי אַ זיגער,
גאַס אַרויס און גאַס אַרײַן, —
כ׳בין אַ היגער, כ׳בין אַ היגער,
שטאָט איז מײַן און אַלץ איז מײַן!

יאָג ניט, טראָג זיך ניט, קאָנדוקטער,
שטעל מיר אָפּעט דײַן טראַמוואַי,
בירגער ווירדיקע, וואָס קוקט איר?
מאַכט אַן ערטעלע מיר פֿרײַ!

„רוקט זיך, האָט ניט קיין פּאַראיבל,
ס׳איז פונפאַרנט נאָך געררויס, —
בירגער ווירדיקע און ליבע,
לאָזט, איך פֿאָר צו זיך אַהיים.“

שפרה כאַלאַדענקאָ

צום צפון־ברעג

נאָר איין דריטל פון דער ערד איז טרוקן,
אויף די איבעריקע דריטלען צוויי
הוידעט זיך דער ים.
האָב איך היינט אוועקגעוואָרפן אַלע מיינע גליקן —
און פאָר צום צפון־ברעג, צום קאַלטן אָקעאַן.
אַזאַ מין שטילער וועטער...
דורך יונגוואַלד שלענגלט זיך דער באַן,
מיט יעדער מייל איז ווייטער דער עקוואַטער,
מיט יעדער מייל איז נעענטער מורמאַן.
מיט שלאַנקע פעסטע שטאַמען,
מיט נאָדל־בלעטער דינע
אַט שטייען הויכע טאַנען,
די אייביק יונגע, אייביק גרינע.
דעם ווייכן וואונק פון בלעטערדיקע צווייגן
פאַרביטן האָבן שניטן קרעפטיקע פון נאָדלען,
און מאָך, ווי פוטער, רייך די ערד באַדעקט,
און שפייזט דעם הירש, דעם צפונדיקן וואָגלער.
עס וואַרפן דורך זיך איינציקע בערעזעס,
מיט צווייגן איינגעהויקערטע
פאַרלאָזטע שטיף־קינדער פון קאַלטן צפון,
ווער קאָן דען זאָגן,
אַז דאָס זיינען די קרובים
פון יענע שלאַנקע ביימער
אין ציכטיקן בערעזע־וואַלד,
וואָס שיינט מיט זיינע שטאַמען
אין אונדזעריקע ברייטן?...
די זון, וואָס העגנגט דאָ לעבן האָריזאָנט,
זי טוט שוין לאַנג, וואָס זי פאַרשטייט,
וואָס זי האָט איינמאָל איבער אַלעמאָל פאַרשטאַנען...
אין מיין מאָסקווער צימער איז פון לאַנג שוין פינצטער,
און מיין מאָסקווער זייגער וויזט שוין צוועלף,
נאָר עס פאָלגט אים ניט דער העלער טאָג,
און כ׳לייען איבער דייטלעך דורכן פענצטער:
„סטאַנציאַ: פאָליאַרני קרוג״.

1929

עליע גאָרדאָן

אין אַ גוס־רעגן

שוין גאַנצע דריי וואָכן, ווי מיכל האַלט די אויגן אַרויפצו צום הימל, און אין זיי, אין די אויגן, ברענט אָפּט אַ פייערל פון זוכן, און אָפּט זיינען זיי רחמנות־דיקע, ווי בעטלערישע, און האַלטן אין איין בעטן — גיב אַ רעגן, גיב אַ רעגן, ס׳ווערט פאַרברענט אַ פעלד מיט תבואה... גיב אַ רעגן...

און אַלע טאָג זעט אים אויס דער הימל רייגער, בלויער און אָן אַ ברעקעלע וואָלקן.

— אַ טרוקענער הימל, אַ טרוקענער אַט ווי די ערד. ער האָט זיך פאַרלאָזט, דער הימל. אַ יאַלאָוועָר הימל, און גיי מעלק אים אויס...

מיכלס אויגן קריכן אַראָפּ פונעם בלויען הימל און בלאָנדזשען אַרום איבערן פעלד, און דאָס פעלד ברענט, ווערט געל און סאַרפּעט איצט.

וואָס אַ רגע, דוכט זיך אים אויס, אַז ער איז געלער, פאַרסאַרפּעטער געוואָרן, דער סטעפּ. אפשר ווייזט זיך עס אים נאָר פונווייטנס אויס אַזוי.

— כיענע, כיענע, קום נאָר אַהער, — צעשרייט זיך אַלע ווײַלע מיכל, — ווי קומט דיר אויס, ער איז טאָקע פאַרברענטער געוואָרן, דער סטעפּ, ער איז טאָקע געלער געוואָרן, — אָ, כיענע, ווי מיינסטו?! גיב נאָר גוט אַ קוק. קום נעענטער אַביסל, אפשר ווייזט זיך עס נאָר אויס פונווייטן אַזוי?...

ער פילט איצט, מיכל, ווי אַט די דאָזיקע טויזנטער תבואה־גרעזלעך זויגן אויס פון דער ערד דעם לעצטן טראָפּן וואַסער, און מאָרגן וועלן זיי פאַרשמאַכטע און פאַרחלשטע זיך לייגן צו דער ערד. ווער איז עס אַזוי שלעכט, אַז עס חלשט אַ פעלד מיט תבואה, ביט צו שענקען אַ ביסעלע וואַסער? איין שפּריץ וואַסער, וואָלט כאָטש אויף זיי אַביסל טוי אַרויסגעפּאַלן. זייען אינדערפריען טרוקענע, ווי די טעג, אָן אַ טראָפּן טוי און אָן אַביסל ראָסע.

ער וויל זיך לאָזן גיין אין סטעפּ, אַ ראַיע טאָן די ערד, ווי טיף האָט שוין אויסגעטריקנט. מיטאַמאָל בלייבט ער שטיין, פאַרזשמורעט די אויגן. גיין, ער וועט ניט גיין, ס׳וועט אים נאָך מער אויסרייסן דאָס האַרץ. וואָס וועט ער זיי העלפן, ער וועט זיי אַ רעגן ברענגען, צי וואָס?

ער לאָזט זיך גיין ווייטער, מיכל. דער קאָפּ איז ביי אים אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. ברוגז איז ער אויף דער זון, וואָס זי סמאַליעט אַזויפיל, און אויפן הימל, פאַרוואָס ער גיט קיין רעגן ניט.

— ס׳וועט זיין היינט אַ רעגן, אָ, ווי מיינסטו, מיכל?—שרייט צו אים עמעצער פון אַ רעדל, וואָס שטייט אין גאָס.

— שטיינער, הייסע שטיינער וועט מען זיך גיכער פון הימל דערוואַרטן, איידער אַ רעגן.

ער שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע, פאַרקעט מיט די באָרוועסע פינגער די ערד, ווי ער וואָלט ערגעץ איבעוויניק אין דער ערד וועלן וואַסער געפינען, צופּט זיין

געל בערדל און פּילט איצט, פאַר די דריי וואָכן זינט ס׳איז קיין רעגן ניטאָ, מער ווי פאַר זיין גאַנץ לעבן, אַז ער האָט אַ בערדל, און ווען ער האָט גרויסע זאָרג, קאָן ער עס צופּן און מאַנען ביי דעם טרייסט און הילף. אויסגעוועזן איז ער היינט, וואו זיין קליין קאַלאַניעלע האָט אַ ווינקל. אויפן גאָרטן געווען, די קאַרטאָפליעס געראַיעט, געוואָלט אַ סימן כּון אַ קאַרטאָפליעטשקע געפינען, און געפונען האָט ער דאָרט קליינע קאַרטאָפליעטשקעס, ווי אַרבעסלעך, צוגעבונדענע מיט לאַנגע פעדעם צו דער ערד.

— עך, אַ רעגן, איין גוטער רעגן, און זיי וואָלטן אַ וואַקס געטאָן, ווי די קניידלעך!

— וואַקסט אייך, וואַקסט געזונטערהייט, — האָט ער געזאָגט שטיל און פול מיט געבעט אויף אַ רעגן, פאַרשיטנדיק דעם קוסט.

אַזוי איז אַוועק אַ הייסער און אַ ברענענדיקער טאָג.

ווען מיכל איז געקומען צו זיך אויפן הויף, איז שוין כמעט געווען טונקל. ער האָט געפילט, ווי אין דרויסן גיסט זיך אָן אַ שווערער זומערדיקער אָוונט, אַ געדיכטער ווי קלעי.

— פו, פו, וואָס זאָגסטו, ווי עס פאַרעט? — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו נחומקען זיינעם, וואָס איז געלעגן און געשלאָפן דערביי אונטערן וואָגן.

— איי פאַרעט עס, איי פאַרעט! — האָט ער איבערגעחזרט, לייגנדיק זיך.

מיכל באַמערקט אינעם כראָפּען, אַז ער שלאָפט איצט געשמאַק, נחומקע. ער האָט זיך אָנגעהאָרעוועט דעם טאָג. ער וואָלט אים וועלן עפּעס פרעגן, נחומקען, איז אָן עבירה אויפוועקן אים פון שלאָף.

מע זאָגט, אַז די ערד איז אַ גרויסע, גאָר אַ גרויסע איז זי, די ערד. ער האָט עס אַליין געזען אויפן סטעפּ. וואו ער גייט אַרויס, טרעפט ער ערד. אָן אָן עק און אָן אַ ברעג ציט זי זיך, אָט די ערד. און דער הימל, זאָגט מען, איז דאָך גרעסער פאַר דער ערד, — פאַרוואָס־זשע קלעקן ניט קיין וואָלקנס פאַר דער גאַנצער ערד, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

פאַרוואָס איז — אַרום גייען רעגנס, און צו זיין קאָלאָניע דערגייען זיי ביט? זיי בלייבן ערגעץ שטעקן, ווייסט דער רוח וואו! ער מוז עס ווייסן, זיין זון, ער האָט דאָך געלערנט אַמאָל אין אַ שול.

אין פעטרעקאָווע, אין יאַניסעל, אַרום און אַרום האָט געגאָסן ווי פון אַן עמער. דאָרט שטייען שוין תבואות ביזן גאַרטל, און דאָ דאַרט און וויאַנעט אַלץ. דער געדיכטער זומערדיקער אָוונט שלאָגט מיט דאַמף און מיט היץ פון דער ערד, און עס איז אים ענג, דעם אָוונט, אונטערן הימל, ס׳איז אים ענג אויף דער ערד, שפּאַרט ער ערגעץ ווייט אַהין אין סטעפּ אַריין.

נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ שווערע נאַכט. אָט די דאָזיקע נאַכט טראָגט מיט זיך געוויס אַ רעגן, אַ גרויסן רעגן, אפשר וועט ער נאָך היינט אַרויספאַלן, דער רעגן.

ער צעעפנט די נאָזלעכער, — אים דוכט זיך, אַז עס שמעקט מיט רעגן. עפּעס איז קילער געוואָרן, דאַכט זיך. ס׳האָט אַ שורשע געטאָן דאָס גראָז. אַלע־

מאָל פּאָר אַ רעגן גיט אַ שורשע דאָס גראָז. ס'איז טאַקע קילער געוואָרן, ס'האָט אַ ווינטל אַ ווייע געטאָן, ווי ערב אַ רעגן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַוועקגעגאַנגען אַנטאַפּן דאָס גראָז. ער האָט דערפילט, אַז זיי זײַנען קעלטער געוואָרן, די גראָזן, זיי האָבן אַנגעצויגן די בלעטער און זיי שפּירן רעגן, וואָס קומט, וואָס איז שוין נאָענט און וועט באַלד אַרויספאַלן.

— יאָ, ס'וועט זײַן אַ רעגן, געוויס וועט זײַן, — האָט ער צו זיך אַליין געטענהט, גייענדיק צוריק פון דעם גראָז.

מיט אַנגעגאָסענער האָפענונג אין האַרצן און מיט קראַפט אין די הענט וואָלט ער וועלן מיט אַ יונגן אימפּעט געבן אַ וועק נחומקען אַזוי, אַז אַלע זאָלן דערהערן, זאָל דאָס גאַנצע דאָרף דערהערן, אַז ער און דאָס גראָז האָבן די ערשטע דערשפּירט דעם רעגן, וואָס גייט, וואָס קומט אָן און וועט באַלד אַ גאָס טאָן אויף דער פאַרחלשטער און דורשטיקער ערד, און די ערד וועט געבן אַ שלאָג אַרויס מיט הייסן אָטעם און וועט זיך פאַרגיין מיט אַ לאַנגן פאַרצויגענעם חיות (כיעס)־אויסגעשריי:

— אַ־ה־אַ־ה־ה־אַ־ה . . . אַ־ה־אַ־ה־אַ־ה־אַ־ה . . .

זי וועט אַ זשליאָקע טאָן, די ערד, וועט אַנגיסן אַ פולן ערדענעם בויך.

ער דריקט זיך צו צו נחומקען פול מיט האָפענונג, אַז דער רעגן וועט אַרויס און מאָרגן וועלן אַנוואַקסן אוגערקעלעך פרישינקע, לאַנגע, אַזוינע ווי זײַנע פינגער, קאַרטאָפליעטשקעס קיילעכדיקע, ווייסינקע, מיט ברוינע הייטעלעך, און ווייצעלעך געלינקע, גאָלדענע ווייצעלעך וועלן זיך אַנגיסן אין דער נעסט פונעם זאַנג.

— נחומקע, נחומקע, — הויבט ער אים אָן וועקן מיט פאַרטאַיעטן אָטעם, — נחומל, גיב אַ קוק, דער הימל איז, דוכט זיך, שוואַרצער געוואָרן; דוכט זיך, עס קומען אָן וואָלקנס. באַלד וועט אַרויס אַ רעגן.

— נחומקע, טשוכע זיך אויס. דוכט זיך, עס האָט געשפּריצט... גיב נאָר אַ שמעק, דוכט זיך, עס שמעקט רעגן... טשוכע זיך אויס, נחומקע!

נחומקע האָט זיך איבערגעקערט און בלויז אַ הייסן פאַרמאַטערטן אָטעם אַרויסגעלאָזט פון דער נאָז.

מיכל איז אַליין געלעגן, גלייך מיטן גראָז געשפּירט דעם רעגן, גלייך ווי ער אַליין וואָלט זײַן אַ שטיק גראָז און געדאַרפט וואַקסן פון דעם רעגן.

ווען־ניט־ווען האָט עפּעס אַ בלאָז געגעבן אַ ווינטל, וואָס האָט קוים־קוים אָנגערירט אַ בלעטעלע פון אַ גרעזל און איז פאַרשוואונדן געוואָרן, איבערלאָזנדיק אַ הייסע נאַכט, אַ שווערע נאַכט, וואָס טראָגט ערגעץ אין איר טיפער פינצטערניש אַ סוד פון אַ רעגן.

אַ פּאָר שעה איז מיכל אַזוי געלעגן, ער האָט אַלץ געקוקט אויפן הימל און געוואָלט באַשטימען, צי עס קומען טאַקע צו וואָלקנס, צי דאָס זײַנען פּשוט אפשר נאָר שטיקלעך נאַכט־חושך.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און זיך געלאָזט גיין איבערן הויף. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין קאַסטן, דאָרט אין שטוב, ליגט אַ לוח. אין גאַס האָט

מען די טעג דערציילט, אַז דער לוח שרייבט אויף רעגן. דעם חודש, שרייבט ער, דאַרף זיין גרויסע רעגנס. נאָר ער ווייסט ניט, וועלכער חודש איז איצט. ער ווייסט, אַז פּסח איז „ניסן“. און וויפל איז שוין פון פּסח, ווייסט ער ניט.

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין הויף און האָט פּלוצים דערהערט, אַז די פּערד אויפן שכנישן אַרטעל־הויף טופּען און טפּרוסקען צופּיל. איז ער צו־געגאַנגען, אַ גלעט געגעבן דאָס בורע פערדל און דערפילט, אַז עס איז אײַנגאַנצן אָן אויסגעבאָדנס אין שווייס.

— סט׳געזען אַמאָל אַ שוויצן! שוין איינמאָל אויסגעבאָדן, — האָט מיכל געבורטשעט צו זיך. — אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי היינט די פּליגן געביסן. זיי האָבן נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געשוויצט. אַז די פּערד שוויצן, מוז גיין אַ רעגן. די פּערד ווייסן בעסער פונעם לוח.

מיכל האָט געגלעט אַ ווײַלע די פּערד, עפּעס געטראַכט, אַוועקגעגאַנגען צוריק שלאָפן און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

געשלאָפן איז מיכל געשמאַק און רואיק, ווי ער וואָלט זיכער זיין, ער מעג שוין די נאַכט שלאָפן רואיק, אַז דער רעגן וועט אויספאַלן, און ס׳וועט אויפלעבן דאָס פעלד. אַ גרינס וועט ער דאָס טרעפן, דאָס פעלד, אַ באַפרישטס און אויפ־געלעבטס, אַ פולס מיט האָפענונג איף וואַקסן און אויפוואַקסן... אַ געראָטנס, אַ באַגליקטס מיט אַ סך פּרוכט.

מיכל האָט גאַרנישט געפילט ווי די נאַכט איז אַוועקגעקראָכן און האָט הינטער זיך איבערגעלאָזט אַ שווערן טאָג, אַ פולע מיט היץ און מיט זון.

ער האָט דערפילט, מיכל, אַז די זון־שטראַלן שטעכן אים אין די אויגן, פונקט ווי אויף זײַנע אויגן וואָלט עמעצער אַרויפגעלייגט אַ בודיאַק מיט שטעכלקעס. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, געבליבן שטיין אַ ווײַלע צעטומלט.

— טאַקע ניט געוועזן קיין רעגן? — ס׳ברענט שוין ווײַטער... פאַרפאַלן, ס׳וועט אַלץ אויסברענען, ביז אַ שטרויעלע וועט אויסברענען דער סטעפּ... פאַר־פאַלן, מע וועט בלײַבן אָן אַ ברעקל ברויט און אָן אַ ביסל פּאַשע... ניכאַי וואָלט כאָטש די זון פאַרגאַנגען אויף אַ ווײַלע! שטייט, ווי אַ גזלן, און וויל ניט אַוועק און סמאַליעט און סמאַליעט. ווען ער קאָן, מיכל, וואָלט ער זי איצט פאַרטריבן, די זון, פאַריאָגט מיט אַ ווילע, ווי ער יאָגט אַראָפּ אַ קעלבל, וואָס איז אַרויף אויף זיין ברויט און צעשטערט און צעשעדיקט עס.

ער שטעלט אָן זיין האַנט אַ פאַרמאַסטענע.

— גיי אַוועק ערגעץ, זון, פאַרקריך! ניט ווער אַ ווײַלע! ברענסט אויס דעם סטעפּ, פאַרקריך, ניט ווער!

אים הויבט אָן איצט באַנג טאָן, ס׳כאַפּט אים אָן אַ חרטה אויף זיין גאַנץ פריערדיקן לעבן, פאַרוואָס ער איז אַ הענדלער געווען. עס פאַרדריסט אים איצט, הלמאַי ער האָט שטענדיק געוואָלט, די זון זאָל ניט פאַרגיין. ווען ער פלעגט פירן סחורות ערגעץ דאָרט ביי זיך אין וואָלין, פאַרביי די גרויסע פאַליעסיער וועלדער, האָט ער שטענדיק מורא געהאַט, אַז אַט־אַט וועט די זון פאַרגיין, און די וועלדער וועלן בלײַבן שטיין און וועלן שרעקפול רוישן... די לעצטע בלוט־רויטע פייערלעך

פון דער פאַרגייענדיקער זון און די רוישיקע וועלדער האָבן אים געשראָקן פאַר גזלנים, וואָס קאָנען אָנפאַלן אויף אים, צונעמען זיין סחורה און אים הרגענען.

אַ גאַנץ לעבן האָט ער מורא געהאַט, די זון זאָל פאַרגיין. ער האָט געוואָלט, זי זאָל אים היטן, זי זאָל מאַכן הימלעכער און פריילעכער זיין וועג. און איצט וויל ער זי פאַרטרייבן. איצט ברענט זי אויס זיין ברויט, איצט זויגט זי אויס זיין בלוט. שרייט ער אַלע ווילע אויס:

— פאַרגיי, זון, ביט ווער! זויג ניט מיין בלוט פון דער ערד... פאַרגיי, ביט ווער!...

— —

אינדערפרי, ווען מיכל האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין זיין נחומקע לאַנג ניט געווען. באַגינען האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אַוועק אין אַרטעל־הויף, גענומען ביים בריגאַדיר אַ פּאָר פערד, איינגעשפּאַנט זיי, אריינגעלייגט אין וואָגן אַ לאָפּעטע און זיך געלאָזט פאָרן נאָך זאַמד. כיענע, נחומקעס מאַמע, איז שוין געווען אויף די פיס, זי האָט אויסגעמאָלקן די בהמה, זיך געפּאָרעט אין הויף, און ווען נחומקע איז שוין אַרויסגעפאָרן, איז זי אים נאָכגעלאָפן ביזן טויער און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט פאָרן האַסטיק אַראָפּ באַלקע, ווייל די פערד קאָנען אים צעטראָגן; ער זאָל ניט קריכן טיף אין די גריבער, אַ שטיק זאַמד זאָל ניט פאַלן אויף אים, און ער זאָל למען־השם ניט פאַרגעסן אָנשיטן רויטע ליים אויף אונטערשמירן די ווענט.

נחומקע האָט אַ שמיץ געגעבן די פערד, אַ צופרידענער, וואָס ער פאָרט אַליין נאָך זאַמד, און זיך געלאָזט פאָרן.

— פאַרטאָג האָט אים שוין דער רוח אויפגעטראָגן, ער האָט קיין צייט ניט געהאַט מיטן זאַמד, — האָט מיכל אַ בורטשע געטאָן, ווען ער איז צו זיך אַביסל געקומען. — מע וועט שוין, דוכט זיך, פאַרשפּאָרן שמידן. אַז קיין רעגן איז ניטאָ, צו־וואָס נאָך מאַטערן אומזיסט די פערד. סיי־ווי־סיי וועט אַלץ פאַרפאַלן ווערן.

מיכל איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויף, לאַנג געפּאָרקעט ערגעץ די קופּקעלעך מיסט. ער האָט געזען, ווי זיי פאַרען זיך איצט קעגן דער זון, ווי ערשט אַרויס־גענומענע לאַבנס ברויט פונעם אויוון.

— ס׳ברענט, ס׳פּאַרעט, — האָט מיכל אַ ברום געטאָן.

פלוצים איז די זון ניט געוואָרן, פונקט ווי זי וואָלט אויף אַן אמתן זיך דערשראָקן דערפאַר, וואָס מיכל האָט זי געוואָלט פאַרטרייבן, און דער הימל איז געוואָרן אַן אומעטיקער, ווי אַ ברוגזער.

פון ערגעץ האָבן זיך גענומען אָנטראָגן וואָלקנס. אַרום איז געווען שטיל, די גראָזן האָבן זיך גענומען שאָקלען פרום און מיט געבעט.

— גיב אַ רעגן, גיב אַ רעגן... ראַטעווע אונדז, גיב אַ רעגן.

דער הימל איז אומעטיק, פאַרטראַכט און הערט דאָס געבעט פון דער ערד און פון די געוויקסן.

— גיב אַ רעגן... גיב אַ רעגן... — זיי ווערן גערדיכטער, די וואָלקנס אין

הימל, זיי גיסן זיך אָן פולער. ער לאָזט זיך אַראָפּ, דער הימל, נעענטער צו דער ערד, ווי ער וואָלט זי וועלן אַרומנעמען, מיט ליבע אָפּלעקן אירע טריקעניש־שמערצן... וואָס אַ רגע, שאָקלען זיך אַלץ מער די גראָזן, זיי פלאָפּלען שטאַרקער און פריילעכער:

— אַ רעגן... אַ רעגן... אַ רעגן...

און דאָס פעלד און מיכל האָבן אויסגעבעטן אַ רעגן.

דער מיט־וואָלקנס־פאַרוויקלטער הימל האָט מיטאַמאָל ווי געפּלאַצט, און מיליאָנען טראָפּנס האָבן זיך אַ ריס געגעבן האַסטיק, צעיאָגט און ראַשיק, ווי זיי וואָלטן מיט זייער ראַשיקן קומען וועלן אויף גיך אָנזאָגן דער ערד די פריידיקע בשורה פון אָנטרינקען זיך, דער תבואה — פון וואַקסן און אָנגיסן זיך, און אים, מיכלען, די בשורה פון אַ גוט, געראָטן יאָר.

מיכל האָט זיך געלאָזט לויפן אין שטוב אַריין.

— אַך, אַ רעגן. אַך, אַ רעגן, אַך... אַ טייערער רעגן, אַ־אַ־ה־אַה־אַ־ך, גיסט עס... איי, גיסט עס... אַ־ה־אַ־ה־אַ־ה־אַ־ך...

ער איז אַריינגעלאָפן אין שטוב, אַ שלעפּ געגעבן מיט אַ יונגן אימפּעט כיענען צום פענצטער.

— אַ, וואָס זאָגסטו, אַ רעגן, קיין עין־הרע, וואָס זאָגסטו, ווי עס גיסט! איי, גיסט עס! אין סטעפּ גיסט אויך אַזוי, כיענע, זעסט ניט?

אים דוכט זיך, מיכלען, אַז ער פילט איצט די גאַנצע פרייד פון דער ערד ביי זיך אין האַרצן, די גאַנצע פרייד פון דעם, וואָס עס טראָגט מיט זיך דער ראַשיקער רעגן.

זי בולבעט זיך ביי אים אין האַרצן, אָט די פרייד, פונקט ווי דאָס ערשט־אָנגערעגנטע וואַסער.

אים ווערט ענג אין האַרצן, שרייט ער אַלץ:

— איי, אַ רעגן, כיענע, איי, אַ רעגן, נו, אַ רעגן!

ער הויבט אָן קלאַפּן אין די פענצטער, אין די שויבן, אויפן פענצטער־ברעטל, ווי ער וואָלט וועלן מיטפּויקן דעם פריילעכן טאַנץ פון די מיליאָנען טראָפּנס, וואָס פאַלן אויף דער ערד, ווי פריילעכע בשורות פון אַ גוט געראָטן יאָר, און גיסן זיך צונויף אין ריטשקעס און טראָגן זיך שוימיקע, פלאָפּלענדיקע, פול מיט פרייד.

— אַ, כיענע, ס׳בולבעט זיך, ס׳בולבעט זיך, ס׳וועט נאָך רעגענען, ביז נאַכט וועט הייַנט רעגענען. ביז נאַכט וועט הייַנט גיסן.

ערגעץ ווייט אויפן סטעפּ איז אַ האַלבער הימל רויט געוואָרן פון אַ בליץ, וואָס איז דורכגעלאָפן אַ רויטער, אַ בייזער, אַ פולער מיט רציחה, ווי אַ שלאַנג, און דערנאָכדעם האָט פון ערגעץ זיך דערהערט אַ טויבער דונער.

דער דאָזיקער דונער האָט כיענען ווי געבראַכט אַ גרוס פונעם וויַיטן סטעפּ. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז נחומקע איז דאָך אַוועקגעפאָרן צו די זאַמד־גריבער, און די זאַמד־גריבער מיט די ריוון, קאַנאַוועס און באַלקעס קערן שוין זיין פאַר־טרונקען, און איר נחומקע טרינקט זיך דאָרטן ערגעץ.

—אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן, טאַטע האַרציקער! דאָס קינד איז דאָך איצט אין סטעפּ, ער וועט דאָך דאָרט דערטרונקען ווערן. ווי צו מיר און ווי צו מיינע יאָרן, קינד מיין טייערס!

כיענע האָט זיך צעיאָמערט, צוגעפאַלן צום פענצטער און מיט אַ שטילן תחינה־געבעט אָנגעהויבן בעטן:

— טאַטע־פאָטער, ליבהאַרציקער, טו טאָן גרויס חסד פון דיין לייטזעליקן נאָמען און שטעל אָפּ דעם רעגן, זאָל אויפהערן רעגענען און קער מיר אום צוריק מיין קינד!

מיכל איז געשטאַנען און איז פאַרטיפט געווען אינעם רעגן. ער האָט גאָרניט געפילט. ער האָט נאָר עפּעס דערהערט, ווי כיענע וויל אָפּשטעלן דעם רעגן, האָבן זיך ביי אים אָנגעגאָסן די אויגן מיט כעס. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר.

— וואָס, דער רעגן זאָל אויפהערן! אַ? דער רעגן זאָל אויפהערן? ביסט משוגע? דער סטעפּ זאָל פאַרטריקנט ווערן, ווילסטו?

כיענע האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן יאָמערן.

— נחומקע איז דאָך אין סטעפּ. נחומקע איז דאָך אַרום די זאַמד־גריבער... גיי זע, וואָס איז מיט אים, גיי, נו, טו אָן אַ זאַק אויפן קאָפּ און גיי.

מיכל איז געשטאַנען און האָט געזען, ווי אין גאַס האָט זיך געטראָגן אַ גרויס וואַסער. „טאָקע גרויסע גריבער זיינען דאָרטן, גאָר גרויסע,״ — האָט מיכל געטראַכט, — „ווער ווייסט, וואָס איז טאָקע מיט אים.״

ער איז אַוועק פונעם פענצטער, ווידער זיך אומגעקערט, געשטאַנען און געקוקט אויפן רעגן, ווי ער וואָלט אינעם גייענדיקן רעגן וועלן געפינען אַ טרייסט פאַר זיין נחומקען, וואָס טרינקט זיך דאָרט אפשר ערגעץ אינעם רעגן.

דער רעגן איז אַביסל שטילער געוואָרן.

מיכל האָט אויף זיך אָנגעטאָן אַן אַלטן זאַק, און אַ באָרוועסער, מיט ביז אַרויף פאַרקאַטשעטע הויזן, זיך געלאָזט גיין צו די זאַמד־גריבער. ער האָט געטיאַפּקעט אין בלאָטע. די ערד האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין זויגן דאָס וואַסער. זי האָט עפּעס געבורטשעט, געבאַלבלט, די ערד, ווי אַ בויך, וואָס האָט נאָך אַ לאַנגן הונגער מיטאָמאָל זיך אָנגעגאָסן. אינמיטן סטעפּ האָט מיכל זיך געוואָלט צעשרייען, אפשר וועט אים עמעצער פונוויטן ענטפערן.

נאָר די לופט איז געווען פייכט און טויב און האָט ניט געוואָלט טראָגן קיין געשריי. ער איז געגאַנגען ווייטער, מיכל. אויף דער פרייד, וואָס איז אים אָנגעוואָקסן אין האַרצן פונעם רעגן, איז געלעגן אַ לאַסט, ווי ס׳לייגט זיך אַרויף אַ לאַסט, אַ שטיין אויף גרעזלעך־שפּראָצונגען, וואָס קריכן פון אונטער דעם שטיקל ערד, וואו ער ליגט, און ער לאָזט זיי ניט וואַקסן.

די זון איז אַרויס אויפן בלויען, פרישן נאָך־רעגנדיקן הימל. און אַלץ, וואָס עס וואַקסט אויפן ברייטן פעלד, האָט זיך אויפגעהויבן מיט פרישע אָנגעגאָסענע כוחות צו וואַקסן, צו בליען און איבערבליען אין פרוכטן.

מיכל האָט ביי די ווייטע זאַמד־גריבער געמאָנט:

— נחומקע, נחומקעלע, נחומקע.

— ער האָט געוואָלט אַ קרבן, אָט דער רעגן, אַ קרבן האָט ער געוואָלט. אַנדערש האָט ער דעם סטעפּ קיין רעגן ניט געוואָלט שענקען, — האָט מיכל געטראַכט.

דאָס וואַסער האָט אין דער באַלקע, וואָס ציט זיך לעבן די זאַמד־גריבער, געררישט און האָסטיק געפּלאָסן.

— נחומקע! — האָט מיכל אויסגעשריען מיט די גאַנצע כוחות.

— נאָ! נאָ! איי, נאָ! — האָט מיכל דערהערט אַ געשריי, ווי אַ ווייטן גרוס פון נחומקען.

— נחומקע! נחומקע! — האָט מיכל גענומען ווידער שרייען.

ער האָט זיך געלאָזט שטאַרקער לויפן און האָט מיטאַמאָל פון יענער זייט פאַרגאָסענער באַלקע דערזען נחומקען. ער איז געווען אינגאַנצן אַ דורכ־גענעצטער, ווי אַ סנאָפּ, וואָס האָט אין אַ רעגנדיקער נאַכט דורכגענעכטיקט אין סטעפּ. מיט די לעצטע כוחות האָט ער אויסגעשריען:

— טאַטע, ער האָט דערלאַנגט, דער רעגן, ביז די קאַרטאָפליעס, אַ, טאַטע?

מיכלען האָט אַרומגעכאַפּט אַ צווייענדיקע פרייד — פאַר זיין נחומקען און פאַר דער פולער באַלקע וואַסער. ער האָט זיך געלאָזט לויפן און שרייען:

— מע דאַרף עפּענען אַ קאַנאַווע צו דער סאַזשעלקע, צום סטאַוואָק. טרייבט אַריין אין סטאַוואָק דאָס וואַסער, טרייבט דאָס וואַסער; אַן עבירה אַזויפיל וואַסער, טרייבט דאָס וואַסער... טרייבט... דאָס וואַסער וועט אַוועקלויפן, אַן עבירה אַזויפיל וואַסער...

1929

שמואל ראָסין

אָפּענע פּעלדער

שוין האָבן אויסגעשיילט זיך
שטיינערדיקע האַרטן
פון קאַלטן אייז,
פון טיפן שניי, —
און פעלדער אָפּגעדעקטע
וואַרטן שוין און וואַרטן
אויף ערשטן,
פרילינגדיקן זיי.

היי, פעלדער אָפענע,
איר אָפּגעמעקטע צאַמען —
איין ברייטע גאָב,
איין גרויסע ערד —
עס וועט אויף אייך דער פויער שוין
אַן עלנטער ניט שפּאַנען
פון פרי ביז שפּעט
מיט אַקער נאָכן פערד.

שוין זיינען אויסגעגלייכט
די קלינעס און די פּליינען,
ווי ס׳וואָלט די רחבות
ברייטער זיך צעשפּרייט,
און מיידל־לידער דאָרפישע
עס וועלן מער ניט וויינען
פון טיפער איינזאַמקייט
אין אייער לענג און ברייט.

אַ שטראָם אַ זודיקער
וועט נעמען אין דיר פּליצן,
מיט ליכט, מיט ראַדיאָ
אין יעדן טויבנשלאַק,
און אונטער הימלען דיינע ליכטיקע
וועט אויסגלייכן די פּליצעס
דער טויזנטיאָריקער באַטראַק.

אויף פעלדער אָפענע,
אויף ברייטע טראַקטן —
אַ נייער אַקערער,
אַ נייער זייער,
און ס׳וועט אַ לאָז טאָן זיך
מיט האַסט אַ טראַקטאָר
פון ברייטער האַנט
אַ הייב טאָן דאָ די רויערד —

ס׳זאָל אויפגיין הויך, —
ס׳זאָל זיין געראָטן —
מיט זון,
מיט רעגן
דער פּאַרזיי!
כ׳וואָלט זיך אַליין
אַצינד פאַרקנאָטן
אַ קערנדל צווישן זיי.

1930

עליע שעכטמאַן

ערשטער אַרויספאָר

(פונעם ראָמאַן „פּאַראַקערטע מעזשעס")

די לעצטע טעג האָט זיך דער טייך אַזוי צעשפּילט, אַז ער איז אַרויס פון די ווייכע ווייס־זאַמדיקע ברעגן, האָט פאַרטרונקען די אַלטע באָד, אַראָפּגעטראָגן דעם דורכגיי־בריקל, און דריי שוואַרצע סטויפּטשיקלעך זײַנען פאַרבליבן זיך ראַנגלען מיט די לעצטע קריהעס. גדליה פּאַשינער מיט וואָווע צעלניקער, וואָס וואוינען פון יענער זײַט טײַך, זײַנען לאַנג געשטאַנען ווײַט פון די צעבושעוועטע וואַסערן, געהויבן די אַקסלען, זיך איינער מיטן אַנדערן איבערגעקוקט און געשאָקלט מיט די קעפּ:

— איז נאָ דיר, דאַכצעך אַזאַ שטילער טײַך . . .

— אַזאַ אַנשיקעניש, — ענטפערט גדליה, — גאָר די קלאָדקע אַראָפּגעטראָגן?

— אַז איך בין ניט צוגעוואוינט, — ווײַנט אַזש וואָווע, — ס'איז מיר שווער צו גיין מיט אַן אַנדער וועג...

— קומט, ר' וואָווע, קומט, די פורן וועלן וואַרטן! — און די צוויי יידן, אומצופרידענע, שווײַגנדיקע, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין שטעטל אַרײַן. זיי זײַנען אַוועק דורכן הילצערנעם בריק. זיי זײַנען געגאַנגען פּאַמעלעך, געפּאַמקעט די ציגאַרלעך און אַלעמאָל זיך אומגעקוקט אויף צוריק: „נאָ דיר אַזאַ וועג..." דער טאָג איז אויפגעגאַנגען אַזאַ וואַרעמער, פון די אַרומיקע פּויערשע סעדער האָט אַזוי געטראָגן מיט ווײניקע ריחות פון די אָנגעקוואָלענע פרילינגדיקע ביימער, אַזש וואָווע צעלניקער האָט זיך צעניסט.

— צו געזונט! ס'זאָל זײַן צום גוטן...

— אַ דאַנק, ר' גדליה! קומט אַביסעלע גיכער!

ס'איז געווען זונטיק. ס'האָט זיך באַדאַרפט שטעלן אַ מאַרק. האָט מען פרי די קלייטן געעפנט, און דער טאָג איז אָנגעפילט געוואָרן מיט גערוכן פון אייל, לעדער, דזשעגעכץ און פון געזאַלצענע פיש. די בלאָטע איז אויסגעמישט געוואָרן מיט הירזש, מיט גראָבער שוואַרצער זאַלץ, וואָס די פורן טרייסלען אָן דורך די לעכערדיקע, מיט שטרוי פאַרשטעקטע זעק. ווען די צוויי יידן זײַנען פאַרביי־געגאַנגען דעם קאָאָפּעראַטיוו, האָט וואָווע ניט אויסגעהאַלטן:

— ר' גדליה, איר זעט כאַטש, ווי מע לייזט?

— וואָזשע, איר רעדט מיר נאָך אַלץ אין דער גאַל אַרײַן?

— חלילה, ר' גדליה, איך זאָג עס גלאַט אַזוי... קומט אַביסעלע גיכער!

די נײַע וועגענער, אָנגעפּאַקעוועטע ביז אַריבער די לאַנגע ווײַסע דראַבינעס, האָבן שוין טאָקע געטראָסקעט איבערן שאָסיי. פון די הינטערגעסלעך איז מען אַרויס באַגלייטן דעם קאָלעקטיוו אויף דער ערד. פּיוּווישקע פּולפּול איז נאָכ־געלאָפן נאָך די פורן, געשלונגען הייסע געבאַקטע קאַרטאָפליעס, ווי אַ קאַטשקע,

און געשריען: „אך־כאַ, יידן, אַ גרויסע מלחמה אויפן עסן...״ בעריש דער קאַטע־רינשטשיק האָט זיך אָנגעטאָן אין זיין פאַרביקן גאַרניטער, דאָס פלושענע גרינע היטל מיט די רויטע פעדערן אויף דער זייט, און זיך אַוועקגעשטעלט ביים שאָסעי, פריער ווי אַלעמאָל, שפּילן אַ פרייליכס. דער פאַפּוגאַי איז געזעסן ביי בערישן אויף דער ליכטיקער לאַטע, וואָס אויפן אַקסל, געקנאַקט יאַדערן, ווי ער וואָלט געוואוסט, דער פאַפּוגאַי, אַז אויף אים שטעלט בעריש אויס דעם מאַרק.

אין שטעטל איז עפּעס מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. אַפילו די זון איז פאַרבליבן שטיין אָן אַ זייט: זי איז שוין אָן אַריינגעיערין אין שטעטל ניט דאָס ערשטע יאָר, זי האָט שוין געזען אין שטעטל אַ סך זאַכן, וואָס קיינער געדענקט זיי אַפילו ניט, נאָר אַז יידן זאָלן פאָרן אויף ערד?... שטייט זי. די זון, אויפן באַרג, אויך אַביסל אַ פאַרטראַכטע, און רירט זיך ניט פונעם אָרט. יידן קלייבן זיך אין רעדלעך, קלייטניקעס זיינען אַרויסגעלאָפן אויף די גאַניקעס, צופּן די בערד, פינטלען מיט די אויגן: „יאָ, זיי פאָרן טאַקע...״ דער קורצזיכטיקער בוכהאַלטער, דער איינ־ציקער מענטש אין שטעטל, וואָס טראָגט אַ שליאַפּע סיי זומער, סיי ווינטער, האָט אָנגעיאָגט וואָוועןן מיט גדליהן, וואָס זיינען געלאָפן פאַרסאַפּעטע נאָך די פורן.

— וואוהין פאָרט איר, יידן? — האָט דער בוכהאַלטער זיי אָנגעכאַפּט פאַר די פאָלעס. — פאָלגט מיך, פאָרט בעסער קיין ארץ־ישראל...

— גייט געזונטערהייט! — רייסט זיך אַרויס וואָווע. — אַהין פאָרן אַלטע יידן שטאַרבן, איך פאָר לעבן!

— גערעכט, ר׳ וואָווע, — זאָגט גדליה, — מיר פאָרן לעבן...

— לאָז זיי אָפּ, — איז אונטערגעגאַנגען קלמן הוץ, — זאָלן זיי פאָרן! זיי וועלן גיך קומען צו לויפן, ווי די מייז... לויפּט, לויפּט...

— ווער וועט קומען? — שפּרינגט אַזש אונטער וואָווע. — דאָ האָב איך ניט וואָס צו טאָן, דאָ בין איך אַ געשטאַרבענער... איר האָט ניט געהערט וואָס ער האָט נעכטן געזאָגט אויף דער סאָבראַניע?

— ווער? — פרעגט קלמן.

— טאַקע ער אַליין, דער סעקרעטאַר פון פאַרטיינעם קאָמיטעט . . .

— וואָס־זשע האָט ער אייך אַזוינס געזאָגט?

— אַז אַלע יידן וועלן פאָרן אויף ערד, אָדער גיין אין די פאַבריקעס. ביי סאָוועצקע וולאַסט, זאָגט ער, איז האַנדל אויסגעשלאָסן... נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי...

— וואָס ט׳איר זיך געשטעלט מיט זיי רעדן, — שרייט גדליה, — די פורן גייען אַוועק... אַז זיי פאַרשטייען אונדז סיי־ווי ניט... איך דערקען די פּאַגאָדע לויטן טייסטער... קומט גיכער, ר׳ וואָווע, זיי וועלן זיך נאָך קומען צו אונדז בעטן...

— זיי וועלן קומען, — לויפט וואָווע נאָך גדליהן. — ער מיינט, דער הוץ, אַז ער האָט צו טאָן מיט מיר... מיט סאָוועצקע וולאַסט שפּילט מען זיך ניט. אויב זי האָט געקאָנט דערלאַנגען בראַצקין מיט אַ קני אין הינטן, — האָט וואָווע אָנגעיאָגט די פורן, — האַ, ר׳ גדליה?

— קריכט אין וואָגן, קריכט, ר׳ וואָווע, — שפּאַרט אים גדליה אונטער, — זיי וועלן אַלע קומען...

— פּאָרט געזונט!
— בלייבט געזונט!
— מע טרייבט, נעבעך, יידן...
— וואָס רעדט איר, ר׳ קלמן, ווער טרייבט זיי חלילה?
— ס׳איז זיי שוין בעסער פון אונדז...
— אַז זיי וועלן האָרעווען, וועט זיי זיין גוט!
— קומט, יידן, זיי זיינען שוין אַוועקגעפאָרן!
— יאָ, אַוועקגעפאָרן... דוכט זיך וואָס, נאָר עפּעס ווערט זשאַלקע...
— נו, וואָס ט׳איר געוואָלט? ס׳איז פונדעסטוועגן אַ נסיון!
— יאָ, אַ גרויסער נסיון, יידן...

**
*

נאָך גאָר קאַיאָר האָבן שמחה דער קצב, לייבקע און זבולון דער מלמד אַוועק־געטריבן דאָס ביסל כודאָבע מיטן ברייטן שליאַך. לייבקע איז גאָר ניט צופרידן געווען, וואָס אשר דער לאַנגער האָט געשיקט דעם טאַטן זיינעם, דעם הינקעדיקן מלמד, אין אַזאַ בלאָטע טרייבן די בהמות. „ס׳איז דען פאַר אים אַן אַרבעט,״ — האָט לייבקע געטראַכט, — „אַז דער ייד שלעפּט קוים די פיס אין דער בלאָטע... נאָר גיי, ער איז פּרעצעדאָטעל...״ דער עיקר איז לייבקע געווען אין כעס אויף אשרן פאַר דעם, וואָס אים, לייבקען, האָט אשר ניט געוואָלט הערן און איז איינ־געגאַנגען, מ׳זאָל אַריינגעמען דעם מיידענער אין קאָלעקטיוו אַריין. דערצו האָט נאָך דער מיידענער באַדאַרפט אַרויספאָרן אַנטקעגן, העלפן פּאַרפירן די בהמות, און מ׳האָט אים נאָך אַלץ ניט באַגעגנט. די בהמות זיינען געקראָכן פונעם וועג, פאַרלאָפן אויף אויפגייענדיקן קאָרן, און אַלעמאָל איז לייבקען אויסגעקומען זיי צו פאַרקערעווען, ווייל דער מלמד האָט שוין אָנגעהויבן צושטיין, און פון שמחהן האָט שוין אויך געשלאָגן אַ גערדיכטע פּאַרע. דער מלמד האָט זיך אַלעמאָל אָפּ־געשטעלט, זיך אומגעקוקט אויף צוריק און איבערגעפרעגט:

— ר׳ שמחה, ס׳איז שוין ווייט פונדערהיים?

— שוין ווייט, ניט ווייט, — האָט שמחה מיט כעס אויסגעשריען, — וואָס פרעגט איר זיך נאָך אַזוי? די גרויסע געשעפטן, וואָס איר האָט דאָרטן איבער־געלאָזט? — און אַליין האָט זיך דער קצב צוגעזעצט אויף אַ פּיען, וואָס ביים וועג, מיטן פּנים צום שטעטל, צוגערופן לייבקען און אים אַ פרעג געטאָן: „אײַאָ, מ׳זעט נאָך, דוכט זיך, אַרויס דעם צלם פונעם קלויסטער? ס׳איז דאָך אונדזער צלם...״ — לייבקע האָט זיך צעלאַכט. ווען לייבקעס געלעכטער וואָלט מען געקאָנט צעשניידן מיט אַ מעסער, וואָלט פונעם געלעכטער אַ שפּריץ געטאָן אַ ווייניקער זאָפט. דער קצב האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דערנאָך האָט ער אָנגענומען לייבקען פאַר אַ האַנט, אים צוגעשלעפּט גאָר נאָענט צו זיך, אַז דער מלמד זאָל ניט הערן. — „דו לאַכסט,״ — האָט דער קצב שטיל געזאָגט, — „אָפּגעלעבט דאָרטן אַלע יאָרן... טאַקע זייער שלעכטע יאָרן, מיין קינד, אָבער אָפּגעלעבט... אוי, די ראָבע איז ווידער אַוועק צום קאָרן. קודי, אַ בראָך צו דיינע יאָרן!״ — און דער קצב איז אַוועקגעלאָפן מיט אַ פאַרביטערטן געשריי נאָך דער בהמה.

דער פרילינגדיקער טאָג איבער די פעלדער איז געווען אַזאַ וואַרעמער, און דער הימל אַזאַ ריינער, אַז וואו־ניט־וואו אויפן האָריזאָנט האָבן נאָר געבלאַנקעט אַ פּאָר טונקעלע כמאַרעלעך, און די זון איבער די קעפּ האָט אַזאַ בראָט געטאָן, אַז דיביימער זיינען געבליבן שטיין ווי פאַרכישופטע, און דער ווינט האָט זיך פאַרטאַיעט אין די ראָגן. די שוואַלבן האָבן מיט אַ צוויטשעריי זיך געדרייט נידעריק איבער דער ערד, פון די סעדער האָבן זיך געטראָגן אַזעלכע ריחות, אַזש זיי האָבן פאַרכאַפּט ביים אָטעם. ערגעץ ווייט פונעם וועג האָבן הינט געבילט, און ס׳האָט געבוקעט אַ באַראַבאַן. די בהמות זיינען שוין אויך פונעם וועג ניט געלאָפן, געגאַנגען פאַמעלעך איבער די וואַרעמע בלאָטעס, נאָר די צוויי אָפּגעקעלבטע קי האָבן זיך וואָס מער אַלץ שטאַרקער צערעוועט, ווייל די אייטערס זיינען זיי אַזוי פול געוואָרן, אַז די מילך האָט זיי אָנגעהויבן רינען פון די דיקעס. שמחה מיט לייבקען האָבן זיי אויסגעמאָלקן אויפן שליאַך. דער מלמד האָט זיך אַזש אָפּגעקערעוועט. ער האָט ניט געקאָנט צוקוקן, ווי די מילך צעגיסט זיך איבער דער ערד, רינט אַראָפּ אין ראָוו אַריין און גייט אַוועק מיט די רוישיקע וואַסערן.

— פאַרוואָס האָבן זיי מיר ניט געזאָגט, — האָט דער מלמד זיך גענומען קראַצן אונטערן בערדל, — כ׳וואָלט געווען מיטגענומען אַ טעפּל... איי, איי, אַזויפיל מילך... ר׳ שמחה, אפשר קאָן מען זיי מעלקן שפּעטער אַביסל, מירן צוגיין צו אַ שטוב... ס׳איז דאָך אַ ריס פונעם האַרצן...

— מע קאָן שוין מער ניט וואַרטן, ר׳ זבולון, — האָט דער קצב געזאָגט, — ס׳איז אַ רחמנות אויף דער כודאָבע, ס׳טוט איר, נעבעך, וויי... איר הערט, ווי זי קרעכצט? אַ שטומער צונג, ר׳ זבולון, מירן שוין טרינקען מילך דאָרטן...

דעם מיידענער האָט מען נאָך אַלץ ניט באַגעגנט. ערשט הינטערן סאָסנאָוון וואַלד האָט זיי אָפּגעוואָרט אַ פּויער — דער מיידענער האָט אַרויסגעשיקט פאַר זיך אַ מענטשן. נאָר אַזוי־ווי מ׳האָט זיך צונויפגערעדט, אַז ביים וואַלד זאָל מען וואַרטן אויף די פורן, האָט לייבקע אָפּגעשיקט דעם פּויער אַהיים. דער פּויער האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין — ער האָט געוואָלט אָפּקומען דעם מיידענער אַ שטיקל חוב, נאָר לייבקע האָט אים דערקלערט: זיי טרייבן ניט קיין כודאָבע אויפן יאַריד, זיי פאָרן אויף ערד, אַליין וועלן זיי אַרבעטן... „אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין,“ — האָט זיך אַזש שמחה צעשריען, ווען דער פּויער איז אַוועק, — „מענטשן שיקט ער. איך וועל טרייבן, און ער וועט זיצן אין שטוב? אויף אַזאַ אופן האָב איך אים געהאַט אין דר׳ערד, ניט אין קאָלעקטיוו...“

— איך האָב דאָך געזאָגט, — האָט לייבקע זיך צוגעשפּאַרט צו אַ סאָסנע, — האָט מען זיך איינגעשפּאַרט: ישראל איז אַ דאָרפס־ייד, ער קאָן זיך מיט דער ערד... אשר האָט מיך אויך ניט געוואָלט פאָלגן...

— אַז ער איז אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אין כאַזייסטווע, — האָט שמחה געזאָגט, — וועגן דעם איז ניטאָ וואָס צו רעדן; אַז ער האָט געגעבן אין קאָלעקטיוו אַריין אַ פּאָר גוטע פערד, וועסטו דאָך ניט אָפּלייקענען. וואָס־זשע דען, מ׳עט

אים דאַרפֿן הייסן נעמען דעם זאַסטעפּ אין האַנט אַריין... און ווייטער וועלן מיר זען... נו, טרייבט צונויף דעם סקאָט!

אינגיכן זיינען אָנגעפֿאָרן די פֿורן. ביי אַלעמען זיינען די נייע שטיוול געווען ביז די כאַליעוועס אין בלאָטע, די קאַפּאָטעס אונטערגעשטעקט אונטער די גאַרטלען, די היטלען פֿאַררוקט אויף די פּאַטיליצעס, די פּנימער פֿאַרפּאַליעטע, די בערד צעקאָשמעטע, נאָר די אויגן האָבן ביי די יידן געברענט... זיי זיינען אָנגעפֿאָרן מיט אַ רעש, גענומען אונטערפּאַשען די בהמות, די פֿערד, אַראָפּגעשלעפּט די זעק פֿון די וועגענער, זיי אויסגעשפּרייט צווישן די סאָסנעס, און מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטערלענען די הערצער און אָפּרוען. אשר דער לאַנגער איז אַרומגעלאָפֿן צווישן דעם עולם, געזען, אַז קיינער זאָל זיך מיט גאָרניט פֿאַרנעמען, מ׳זאָל נאָר עסן און זיך אָפּרוען.

— מיר האָבן נאָך אַ ווערסט זעקס, האַ, ר׳ שמוליע?

— מיט אַ סמיטשיק, — האָט דער באַלעגאָלע געענטפֿערט.

— נו, איז נאָך אַ שטיקל וועג...

— דאָס שטיקל איז לענגער פֿון די זעקס ווערסט, — האָט שמוליע געלאַכט.

— דער פּריץ האָט זיך פֿאַרקליבן אַביסל ווייטלעך... איז ער גאָר קראַנק געווען אַוועקשטעלן די אימעניע אַביסל נעענטער. וואָס זאָגסטו, זלמן?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — ענטפֿערט דער גלעזער, — ווען מ׳וואָלט אים געווען זאָגן צוריק מיט אַ יאָר צען: הער זיך צו, פּאַניע, ס׳וועט קומען סאָוועצקע וולאַסט, און דיין ערד וועלן פֿאַרנעמען יידן? וואָס זאָגסטו, שמואל?

— ווען מ׳וואָלט עס מיר געווען זאָגן, — קראַצט זיך וואָווע אונטער די פּאַכוועס, — וואָלט איך אויך געווען אָנגעשפּיגן אַ פֿול פּנים... הערט אַ מעשה, ווער מען וואָלט עס זיך געלייגט אויפֿן שכל? וואָווע צעלניקער — ביים פּריץ זעלינסקי אויף דער ערד... אַ סמיכת־הפּרשה!...

— איך דאַרף אייך זאָגן, — מישט זיך אַריין גדליה, — אַז סע פּאַטופּעט זיך מיר נאָך איצט אויך ניט אין מוח... עפּעס בין איך, יידן, ווי אין אַ חלום, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפֿן באמת... עפּעס ווי אַ חלום, יידן. מיר פֿאָרן אויף ערד, פֿאָרן פֿאַרביי דערפֿער, די גויים ווינטשעווען אונדז ז׳באָהאָם... עצהנען, וואָס מיר זאָלן פֿריער זייען... ווי אַ שיינער חלום, יידן, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפֿן באמת!

— אַ שיינער חלום, — קראַצט זיך נאָך וואָווע אַלץ אונטער די פּאַכוועס, — נאָר אַביסל אַ שווערער... אוי, אַ שווערער... ווערסט באַלד ווידער זאָגן, אַז איך בין... ווי הייסט עס ביי דיר?

— אַ פּעסימיסט, — לאַכט אשר דער לאַנגער, וואָס ליגט אָנגעשפּאַרט אויף לייבקעס אַקסל, — ס׳הייסט, אַ מרה־שחורהניק, ר׳ וואָווע! מירן מאָרגן, יידן, זיך אַ נעם טאָן פֿאַר די אַקערס, אַ, אָט די פּולע זעק וועלן מיר פֿאַרזייען... און ס׳וועט אויפֿגיין ברויט מיט קוילעטש!

— אָמן!

— צוליב וואָס דען ברעכן מיר זיך?

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן...

— יידן, — האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן זלמן דער גלעזער, — איך וויל, אַז אשר זאָל ראַזרעשען דעם טאָטן זיינעם, ער זאָל מאַכן אַ מלא... — דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, מ׳האָט געמיינט, אַז דער גלעזער, וואָס האָט ליב זיך אַמאָל אַ ווערטל טאָן, חכמהט זיך איצט אויך, נאָר ביי זלמנען האָט געציטערט די באָרד און אין איין אויג האָט ביים יידן גענלאַנצט אַנטקעגן דער זון אַ גרויסע טרער... — יידן, — האָט זלמן געזאָגט, — צוריק מיט זעקס יאָר איז דאָ מיין קינד געהרגעט געוואָרן... טאַקע ערגעץ אַט־אָ דאָ, וואו מיר זיצן, האָב איך אים געפונען צווישן אַ סך קראַסנאַאַרמייצעס... אַט דאָ ערגעץ איז פאַרגאָסן געוואָרן זיין יונג בלוט...

אשר דער לאַנגער, וואָס האָט ניט געקענט זלמנס זון — שמואליקן, האָט איצט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ער ווייסט טאַקע, אַז שמואליק איז געהרגעט געוואָרן ביים סאָסנאָוון וואַלד, נאָר ווי אַזוי שטעלט מען זיך איצט אָוועק דער־קלערן דעם גלעזער, אַז באָלשעוויקעס מאַכט מען ניט קיין מלאס... אשר האָט אַ קוק געטאָן אויף לייבקען, ווי ער וואָלט געזוכט ביי אים הילף. נאָר לייבקע איז געזעסן מיט ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן. ער איז, ווי פאַרשטאַרט גע־וואָרן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, צוגעלאָפן צו זלמנען און אויס־געשריען:

— טאַטע, מ׳דאַרף ניט... באַליידיק אים ניט...

— איך? — איז זלמן אויפגעציטערט געוואָרן, — איך באַליידיק אים? — אָבער לייבקע האָט גאָרניט געענטפערט. ס׳האָט אים אַזוי אָנגענומען ביים האַרצן פונעם טאַטנס פולע אויגן, אַז ער איז אויף גיך אָפּגעגאַנגען צו די פורן. אשר איז אים נאָכגעגאַנגען, און זיי האָבןביידע שווייגנדיקערהייט אָנגעהויבן צונויפ־נעמען פון אונטער די פערד דאָס היי. שמואל דער באַלעגאָלע, וואָס איז דענסט־מאָל געפאָרן מיט זלמנען ברענגען דעם זון, איז צוגעגאַנגען צום גלעזער, און אים אָנגענומען פאַרן אָרבל:

— קום, זלמן, ער דאַרף ניט די מלא דיינע... וועסט אים דערמיט ניט לעבעדיק מאַכן... קום, זלמן, מיר פאָרן, קום, קום, גאָ פאַרצוים די פערד... — זלמן האָט זיך גענומען פאַרצוימען די פערד, אָבער באַלד האָט ער ניט געסטאָיעט. מ׳האָט דערהערט, ווי אַרויפצו אין וואַלד, צווישן די הויכע שטילע סאָסנעס, האָט דער מלמד אויסגעשריען: „את נשמת שמואל ברב זלמן"...

דער טאָג האָט דערוויל אָנגעהויבן פאַרלאָזן די פעלדער. ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט. די יידן האָבן גענומען אָנטאָן די לייב־פּוטערלעך. וואָוועע האָט פונדעסטוועגן פאַרוויקלט אויפן האַלדז די פאַטשיילע, וואָס דאָס וויב האָט אים מיט גוואַלד מיטגעגעבן; שמוליע, שמחה מיט לייבקען האָבן איבערגעקוקט, ווי מ׳האָט פאַרצוימט די פערד. ס׳איז צוגעקומען זלמן מיטן מלמד, זיי האָבן געהאָלפן צובינדן די בהמות צו די דראָבינעס, און די פורן האָבן זיך גערירט. די זון איז דערוויל פאַרגאַנגען איבער דעם שיטערן אָליכאָווע וועלדל. די רויטע ברוגזע אָליכעס רינגלען אַרום די זון, שטופּן די צווייגן אין דער זון אַריין, ווי

זיי וואָלטן זיך וועלן אָנזויגן אויף אַ גאַנצער נאַכט. די פֿורן שלעפּן זיך פּאַוואָליע. די רעדער סקריפּען אין דער בלאָטע. די וואַסערן רוישן אין די ראָוועס ביים וועג. זייער געזאַנג פֿאַרלויפֿט ביז צו דער יונגער לבנה, וואָס פֿאָרעט זיך שוין אין דער צווייטער זייט פֿונעם טונקעלן בלויען הימל.

1936

עמנואל קאַזאַקעוויטש

פון ראָמאַן „שלום און חוה"

1

עס קלאַפּט אַ צוג אונטער די שטערן,
און ס'קלאַפּט מיין האַרץ, און ס'קלאַפּט דיין האַרץ.
די נאַכט איז טיף, די נאַכט איז שוואַרץ,
און נאָר אַן איינזאַמער לאַמטערן
פליט דורך אינמיטן נאַכט געשווינד,
טוט קוים אַ בליץ דאָרט און פאַרשווינדט.
פון טיפער נאַכט דעם צוג אַנטקעגן
לויפט אַן אַ סטאַנציע צומאָל.
די וועלט איז ברייט, דער צוג איז שמאָל,
ער בויערט דורך די שטילע געגנט,
ער טוט אַ רויש צעווישן ביימער,
און אויף אַ בריק אַ קנאַל ער טוט,
און פול מיט גבורה מיט געהיימער
ער גייט זיין וועג, — און אים איז גוט.

2

וואָקזאַלן נעמען אים אין שויס,
און זאָרגזאַם ווערן זיי געוואויר אים.
די וועג־מייסטערס, ווי די דאָקטוירים,
אים הערן אויס און קלאַפּן אויס.
אַן אַלטער סטרעלאָטשניק זיין בענטשונג
אין גרינע פלעמלעך טראָגט אים צו.
מיט זאָרג דעם צוג באַגלייטן מענטשן, —
צום וויטן מזרח גייט דער צוג!

3

אָט צינדט זיך אָן אַ טאָג אַ בייער
ביים וויטן בלייכן האָריזאָנט.
דער הימל שפּילט מיט רויטן פייער,
די פעלדער ווערן גאָלדיק־בלאָנד.
עס טוט דער צוג אַ הויכן שאָל
מיט ברייטן אָטעם פון אַ גיבור,
ער יאָגט אַ צווייטן צוג אַריבער
און שטעלט זיך אָפּ ביי אַ וואָקזאַל.

4

אין צוג איז טומלדיק און ליכטיק,
און ס'קלינגט געלעכטער איבעראַל.
מע לאַכט און מע דערציילט געשיכטעס,
דער לייענט, דער שלאָפט, דער פּאַרט בכלל.
מע וואַרט אויף סטאַנציעס אויף גרויסע,
גאָך פרישן אָקרעפּ לויפט מען אָפּט.
פון אויבן מאַכט מען גאָר אַ כוסה,
פון אונטן שפּאַסט מען און מע שלאָפט.
דאָ שפּילט מען שאָך, דאָ טרינקט מען קאַווע,
מע פירט ראָמאַנען און מע רעדט:
כאַבאַראָווסק, סאַכאַלין, סאָוגאַוואַן,
אימאַן, וולאַדיוואָסטאָק, פּאָסיעט.

5

אין וויטן קאַנט מע פירט אַריבער
דעם דראַנג צו אַלץ, וואָס גרויס און ניי,
די וואָרעם פון פּאַרלאָזטע שטיבער,
פון פראָסטן זיין די טומלעריי.
און אָט דאָס פּאָרל פירט איר ליבע,
און אַלע שמייכלען: „ס'איז כדאי."
עס שמייכלט סאַכאַלין, סאָוגאַוואַן,
פּאָסיעט, וולאַדיוואָסטאָק, אימאַן.
מע ווייסט שוין אַלע: זי הייסט חוה.
מע ווייסט, אַז שלום הייסט איר מאַן.

6

דער גאַנצער צוג באַטראַכט זיי צערטלעך
און וואַרפט זיך איבער שוין מיט ווערטלעך,
און יעדער טוט אויף זיי אַ וואונק —
אַזוי זיך, גלאַט, אָן קיין שום סיבה,
ווייל יעדער איז געווען יונג,
און יעדן רירט די שטילע ליבע,
וואָס אָטעמט שמעקעוודיק און קלאָר
אין אָט דער יוגנטלעכער פּאָר.
אַזויפיל שטעטלדיקע תמימות
אין זייער האַלטן זיך באַצווייט,
אין זייערע ניט־דרייסטע רייד
וועגן די „פּעטערס און די מימעס".

די צוויי פּאָר אויגן, ווי אין טשאַד
פון לעבן, וואָס ווערט איצט ערשט עכטער,
און דער קליינשטעטלדיקער חשד:
די שרעק פּאָר לייטישן געלעכטער...
צום פענצטער צוגעטוליעט פעסט,
זיי קוקן אָן די וועלט די גאָרע,
ווי יונגע פּיקסלעך פון אַ נאָרע,
ווי קליינע שוואַלבן פון אַ נעסט.

7

ביים פענצטער זיצט די יונגע פּאָר
און קוקט, ווי בערג און פעלדער לויפן.
ער פּילט דעם דופט פון אירע האָר,
זי הערט דעם קלאַפּ פון זיינע שלייפן.
עס זינגט דער צוג פאַר זיי אַ ליד,
מיט מייל־טריט קומען אָן אַנטקעגן
שלאַגבאַומס, שטיבלעך, סטויפּן, וועגן.
די גאַנצע וועלט אַנטקעגן פליט
מיט איר צעשויבערטן פאַרמעגן.
אַ גאַנצן טאָג, אַ האַלבע נאַכט
געוועזן איז דאָס פעצטער אָפן.
און חוה האָט לעב אים געוואַכט,
און שטיל געלאַכט, און ניט געשלאָפן.
און איצטער שלאָפט זי, חוה, שטאַרק.
אַ הויכער באַרג איר קומט צו חלום,
און שייטערס ברענען אויפן באַרג,
און צווישן זיי איז זי און שלום.

8

מע ווערט געוואוינט. מע ווייסט — מע פאָרט.
פון אָנהויב טראַכט מען וועגן אָרט,
וואָס מע האָט הינטער זיך פאַרלאָזן,
און מע דערציילט אַלץ אויס פון דאָרט.
ס׳קומט נייער טאָג, געקליידט אין ראָזן.
ביי מענער וואַקסט שוין אָפּ די באָרד.
אַ נייער ווינט הויבט אָן צו בלאָזן.
מע טראַכט שוין וועגן יענעם אָרט,
וואוהין מע קומט, וואוהין מע פאָרט.

9

און וואָס אַ שעה, ווערט נענטער אַלץ
די צייט פון שיידונג מיט די מענטשן,
וואָס מ'האָט דערוואוסט זיי און דערקענט שוין.
מע שעמט זיך פאַלן אויפן האַלדז,
נאָר ווען מע קלייבט די טשעמאָדאַנען
און ווען מע טוט זיך איילִיק אָן,
ווערט שיער אַ שאָד אַוועק פונדאַנען,
און חוה ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

10

ס'איז שלום בלייך. ער קאָן ניט ריידן.
געקומען. אָט. זאָל זיין אין פריידן.
ער זעט, ווי ס'פלאַקערט חוהס בליק.
געקומען. אָט. זאָל זיין מיט גליק.
עס ווערט אַ פריילעכער קאָנווייער:
די אינזשענערן, רויטאַרמייער
די פעקלעך שלעפּן צו דער טיר,
און נחת ווינטשט מען אים און איר.
עס ברומט דער צוג. מיט פונקען שפּייט ער.
און ס'ברענען שייטערס ביי דער באַן,
און אויפן באַרג סע ברענען שייטערס
אָט־אָ. אָט איז. אַביסל ווייטער
עס ליגט די שטאָט ביראָבידזשאַן...
— — — — — — — — — — —

11

די שטאָט געלעגן איז אין טאָל,
וואָס ביי דעם טייך דעם שטראָמיק־שנעלן.
דער הימל ריין איז, ווי קרישטאָל,
און זיך אַליין אַזוי געפעלן,
אַז נאָר ער שפּיגלט זיך מיט שטאָלץ
אין טייך און אין די לוזשעס גרינע,
און אין די ריטשקעס, וועלכע רינען
פאַרביי פאַרגרייטע שטאַבלעס האָלץ...
עס גלאַנצט די שטאָט מיט הימל־שטיקלעך,
דו פאָלסט אַריין — ביסטו אומגליקלעך!

12

כאָטש אַלץ איז דאָ געווען אין פּלענער
און זייער וויניק — אויף דער וואָר,
ט'מען זיך דערפון געפילט נאָך שענער,
ווייל יעדער איז געווען אַ בכור.
ער איז אַהער אין וויט געקומען,
צעשיידט זיך מיט זיין אַלטער היים —
מיט פּעטער קלמן, מומע פרומע, —
און האָט דערמיט שטאָלצירט געהיים.
ער איז געווען כמעט דער ערשטער,
דער איינגעמער און דער באַהערשער,
און שיער מיט תענוג דאָס געוואוסט:
ביז מיר איז דאָ געווען פּוסט.
אָט דער־אַ גדלותדיקער וויסן
פלעגט אים מיט אייפער טאָן אַ ברען.
און עס פלעגט אים כמעט פאַרדריסן,
וואָס מ'איז דאָ אויך ביז אים געווען.

13

ס'איז שלום צו צו דעם פּאַראָם,
צום שווערן וואָסערדיקן גייער,
און ס'האָט דער אַלטיטשקער קאַרייער
אָוועקגעפירט אים קעגן שטראָם.
אויף צווייטן ברעג, אין שטילן שווייגן
האָט שטרענג באַגעגנט אים די טייגע
מיט ווינטיקער, מיט ברייטער שטים.
אַ סאָפּקע איז געווען פאַר אים.
ער האָט אויף איר גענומען שטייגן,
און פון דער הייך האָט אָט די וועלט, —
דער טייך מיט זיינע העלע אָרבל,
די וויט אין רויק־רייפע פאַרבן —
פאַר זיינע אויגן זיך געשטעלט.

14

„דו, שלום, ביסט אַהער געקומען
און האָסט דערזען: ס'איז גוט און שיין.
פאַר חוהן ווּעסטו קלייבן בלומען,
צום ריינעם קוואַל נאָך וואַסער גיין.
אויף בערג, ווי וויטע בערג פון כרמל,

װעסטו אױעקגײן אין געיעג.
װעסט שיסן דאָרט אַ הערש, אַ האַרמל
און דורכלײגן דעם ערשטן שטעג.

15

„און זאָל זיך דוכטן דיר: ישראל
האָט די געצעלטן דאָ צעשטעלט
אױף שטרעקעס פרילינגדיקע, בלאָע,
און אין דער מיט איז דײַן געצעלט.
און פול מיט װײַן װעט זײַן דער לאָגל,
און פרילינג װעט פאַרגײן אין שײַן,
און חוה װעט פאַרגײן אין טראָגן,
און הײסער זומער־לעב װעט זײַן,
און רױטער בלעטער־פאַל װעט יאָגן,
און ס'װעט פאַרשיטן אַלץ דער שניי.
און װען אַראָפּגײן דאָ דער שניי װעט,
װעט דאַן פון דיר מיט איר באַצװײט
געזאַלבט װערן אַ נײַער שבט.
און ס'װעט אַ גינגאָלדענע פּאַװע
שטײן בײַ דײַן שװעל; און ס'װעט אַ הערש
מיט צװײַגן־הערנער זאָגן: הערש,
דו שטאַם פון שלום און פון חוהן!..."

1934־1940

דוד בערגעלסאָן

צווישן שכנים

מיט משוגע־געוואָרענע קאָלירן פון וועלקונג בלאַנדזשעט אַרום מיר אויף בערג און אין טאָלן דער הייס־זוניקער סוף פון אָקטאָבער. ריחות שאַרפע, ווי אינגבער, זיינען פול מיט ווילדקייט, ווי די באַוואַקסענע הויך־באַרגיקע גע־דיכטעניש, וואָס אונטער נאָענטע און ווייטע הימל־בלאָקייטן.

איך קער זיך אום צופוס פון דער „וואָרעמער אָזערע" צוריק צום בערגיקן ישוב לאַנדאַקאָ, וואו מע ענדיקט בויען דעם גרויסן קאַלך־זאַוואָד. מיר דערגייט די יאָר די בייטאָגיקע היץ, און דער קאָפּ איז מיר פול מיט דער צוויי־אַ־האַלב־שעהדיקער לעקציע, וואָס איך האָב באַר־וואָס אויסגעהערט דאָ אין ווילד־פאַר־וואַקסענעם הויכבאַרגיקן העק, וואוהין עס פאַרבלאַנדזשעט נאָך אַ מאָל אויף היינט צו טאָג דער אוסוריער טיגער — אַ לעקציע וועגן פיש־פאַרמערונג.

שפּאַן איך אַלץ מיט אויסבאַהאַלטענע שטעגן באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף און ווער שיער ניט צעגאַנגען פון היץ. דערצו נאָך די אומבאַטראַטענע שטרעקעס, וואָס קוקן אויף מיר פון אַלע זייטן — זיי שוואַכן מיך אָפּ, ווי אַ פסוק פון „בראשית":

„און געווען איז אָוונט, און געווען איז מאָרגן —
דער טאָג דער ערשטער."

געראָטעוועט האָט מיך פון דעם אַלעמען די פּאַרוואַלטערין פון דער לאַנ־דאַקאָער שול, וואָס איז דעמלט אויף איינעם פון יענע בערגיק־הייסע שטעגן מיר אַנגעקומען אַקעגן. שוין אַליין די שטייפקייט און די באַשלאָסנקייט פון אירע ברייטע טריט האָבן געווירקט אויף מיר, ווי אַ מין סאָרט חלשות־טראָפּן, מיך אויפגעטרייסלט און מיך אומגעקערט צום געפיל, אַז אויסער אומבאַרירטע שטרעקעס, וואָס דערמאָנען אין פסוקים פון „בראשית", הויבט נאָך דאָ אָן אַרויס־צושטראָמען פון צווישן די בערג אַ יונג, שווער און גליקלעך־ערנסט לעבן. אַ שטראָמעלע אין דעם לעבן איז די פּאַרוואַלטערין, וואָס קומט מיר אָן אַקעגן. איר האָט געקלעקט ענערגיע אויף איינצוואָרדענען אינעם יונגן באַרגיקן ישוב לאַנדאַקאָ אַ זעלטן־גוטע שול. פריילעך און מוטיק, ווי אויגן פון גליקלעכע קינדער, קוקן דאָרט די שפּיגל־ריינע פענצטער פון איר שול אויפן נייעם וואַקסנדיקן שיינעם ישוב. און אַליין איז די פּאַרוואַלטערין שוין ניט גאָר יונג, און רעדן רעדט זי גאַנץ פּאַמעלעך, אָביסל זינגענדיק־צעצויגן, ווי מע רעדט אין זשיטאָמירער געגנט, פון וואַנען זי שטאַמט. און זען זעט זי אויס איצט, בעת זי דערנעענטערט זיך צו מיר, ווי איר מאַמע, וואָס האָט אַמאָל נאָך אין שטעטל געטראָגן אַ פּאַריק.

— אין אַזאַ היץ? — זאָג איך, אָפּשטעלנדיק זיך אַ שמועס טאָן מיט דער פּאַרוואַלטעריק, — וואוהין טראָגט עס אייך?

— טאַקע... עס טראָגט מיך, — ענטפערט זי, צושטעלנדיק אַ האַנט צום שטערן און איינקוקנדיק זיך אינעם נאָענטן רוסישן ישוב, וואָס ליגט אין אַ זייט

לעבן אַ נישקשהדיק־הויכן באַרג, — ניט עס טראָגט מיך, נאָר ממש עס צע־טראָגט מיך!

זי קוקט זיך נאָך אַלץ איין אינעם רוסישן ישוב:

— דאָס גיי איך איצט אַהין, געמוזט אָוועקוואַרפן אַלע אַרבעטן. איך וועל, דוכט זיך, אויסלאָזן צו זיי אַלץ, וואָס ביי מיר אויפן האַרצן.

— וואָס איז דען? — וואונדער איך זיך.

— פרעגט ניט, — ענטפערט זי, — צרות איז גענוג. מיר האָבן אָפּגעטאָן אַ חכמה... מיר האָבן אַנטליען דעם רוסישן ישוב אַ לערער... מיר זיינען דאָך מיט זיי שכנים.

— וואָס — פרעג איך, — האָט איר זיי אַנטליען?

— יאָ, — זאָגט זי, — מיר האָבן זיי אַנטליען אַ לערער אויף מאַטעמאַטיקע.

— אַ לערער?!...

— נו, יאָ, — ווערט זי בייזלעך, — אַן אמתן לערער, אַ לעבעדיקן. וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי?

— ניין, — זאָג איך, — גאָרניט. אַנטלייען, ווייס איך, קאָן מען יענעם אַ טעפּל, אַ לאָקשנברעט, אַ מולטער אויף ראַשטשינען. אָבער אַנטלייען אַ לערער?... איך הער עס צום ערשטן מאָל.

— מסכים, — מאַכט זי, — ס'איז טאַקע געווען ווי אַנטלייען אַן אויג פונעם קאָפּ. מיר באָדן זיך דאָ אין לערער? נאָר אַז יענע קומען אַלע טאָג און בעטן און קליאַנטשען, און לעבן לעבן מיר מיט זיי זייער גוט. ביי יעדן יום־טוב און ביי יעדער צרה — מיר ביי זיי, זיי ביי אונדז, איין גוף און איין נשמה. גיי קוק צו, ווי יענע קאָנען ניט אָנהויבן דאָס לערן־יאָר. האָבן מיר זיי געליען אַ לערער אויף געציילטע צען טעג. נו, זעט איר דאָך: האַלטן זיי אים שוין אַריבער דריי וואָכן און גיבן אים אונדז נישט אָפּ. דאָס האָב איך אָוועקגעוואָרפן אַלע אַרבעטן און גיי איצט צו זיי. איך וועל זיי דאָרט אָפּשפּילן אַ מיטוואָך, אַז זיי וועלן מיך האָבן צו געדענקען אויף קינדס־קינדער.

— ניין, וואַרט, — זאָג איך צו דער פאַרוואַלטערין, — אויב אַזוי, גיי איך אויך מיט אייך.

מיר איז דאָ באמת טשיקאַווע אַ קוק צו טאָן, ערשטנס, ווי אַזוי זעט אויס אַ לערער, וואָס מע אַנטלייט אים. צווייטנס, ווי אַזוי וועט די פאַרוואַלטערין אים אָפּנעמען, און, דריטנס, ווי אַזוי וועט זי פירן מיט זיך צוריק אַהיים אָט דאָס לעבעדיקע שטיקל סחורה.

די איינוואוינער פונעם קליינעם רוסישן ישוב — דער עיקר די מאַנצבילן — טרעפן מיר אין דרויסן ביי דער אַרבעט. מע איז אַלע אויסגעטאָן ביז צום העמד, מע שוויצט, ווי אום תמוז און מע טעסעט זייער ערנסט גראָבע און דינע קלעצער. טאַקע דאָ געפינען מיר דעם רויטלעכן פאַרזיצער פונעם ישוב־ראַט — זייער אַ הויכן פערציק־יאָריקן מאַן מיט אַן אויסגעמושטירטקייט פון אַ רויטאַרמייער און מיט אַ טבע אַ טראַכט צו טאָן אַ קאַפּעלע פריער, איידער ער ענטפערט אַ מענטשן אַ וואָרט. ער איז אויך אויסגעטאָן ביז צום העמד, בייגט זיך מיט אַ

האָק אין האַנט איבער אַ גראָבן קלאָץ, וואָס ליגט צווישן זיינע לאַנגע פיס, טעסעט און שוויצט גלייך מיט אַלע.

— ווי איז דיר קיין בזיון ניט, חבר אַלעקסאַנדראָוו, — טרעט באַלד אָן אויף אים די פּאַרוואַלטערין און שטעלט מיך גלייך פֿאַר אַן עדות. — אויפֿן אָוונט פֿון דעם דאַזיקן־אַ חבר ביי אונדז אין לאַנדאַקאַ האָסטו ערשט יענע וואָך זייער שיין גערעדט, ווי אַזוי מע דאַרף העלפֿן איין ישוב דעם אַנדערן. זיס, ווי צוקער, האָסטו גערעדט, און אַליין טוסטו אונדז אָפּ אַזאַ זאַך. מיר האָב אייך אַנטליען אַ לערער אויף צען געציילטע טעג, האָלטסטו אים שוין די דריטע וואָך און קלערסט גאָר, אָפּנים, ניט אים צוריק אונדז אָפּצוגעבן...

— וואַרט נאָר, — טוט דער פֿאָרזיצער פֿאַמעלעך אַ טרייסל אויף רעכטס און אויף לינקס מיטן קאָפּ, — כאָפּ ניט... וואָס הייסט „איר האָט אונדז אַנטליען"?...

ערווישט אָפּ מיט אַ האַנט דעם שוויס פֿון שטערן, טוט אַ קאָפּעלע אַ טראַכט און שטעלט אָן זיינע אויגן אויף דער פּאַרוואַלטערין:

— נו, און מיר? — פֿרעגט ער, — מיר פֿאַר אייך זאָרגן זיך ניט? און וואָס איז דאָס־אַ, אַ הונט?...

דערביי ווייזט ער אָן אויף די אַנגעגלעזטע פֿענצטער פֿון דער אַנטקעגנדיקער סאַמע שענסטער ישוב־געביידע — אַ געביידע, וואָס האָט ביים אַריינגאַנג אַ שילד מיט אַן אויפֿשריפֿט „קלוב"...

שטעלט זיך אַרויס:

די פּאַרוואַלטערין האָט געוואָלט באַוואָרענען די לאַנדאַקאַער שול מיט „פּאַדוואוינע" פֿענצטער אויף ווינטער. פֿענצטער האָט זי געהאַט, נאָר גלאָז אויף שויבן איז איר נאָך ניט געהאַט אַנגעקומען. דער רוסישער ישוב האָט דענסטמאָל באַשלאָסן אַרויסצונעמען אויף דערווייל די שויבן פֿון די „פּאַדוואוינע" פֿענצטער ביי זיך אין קלוב און זיי אָפּגעבן פֿאַר די „פּאַדוואוינע" פֿענצטער פֿון דער לאַנדאַקאַער שול, כדי די קינדער זאָל דאָרט זיין וואַרעם; לאַנדאַקאַער שול האָט פֿון איר זייט אויסגעליען דער רוסישן ישוב אַ לערער אויף מאַטעמאַטיק — אַ טובה פֿאַר אַ טובה.

— נו, גוט! — איז אין דעם אַלץ מודה די פּאַרוואַלטערין, — אָבער ס'איז געווען גערעדט אויף וויפֿל אַנטלייען מיר אייך דעם לערער? ס'איז געווען געזאָגט קלאָר „אויף געציילטע צען טעג", צי ניין?

— יאָ, ווער זאָגט דען, אַז ניין? — ענטפֿערט דערויף גאַנץ אָרנטלעך אַלעקסאַנדראָוו. — אַזוי איז געווען אָפּגערעדט: „אַ לערער אויף מאַטעמאַטיק אויף צען געציילטע טעג". האָט איר אונדז דאָך אָבער געגעבן אַ לערער, וואָס האָט נאָר־וואָס איצט, אין 1931 יאָר, געענדיקט דעם טעכניקום... דאָס האָבן מיר געמוזט צו אים צושטעלן אונדזערע אַ יונגע לערערין, זי חזרט מיט אים איין אַ טערמינאָלאָגיע אויף רוסיש. ווי נאָר ער וועט זיך אויסלערנען, וועלן מיר אים אָפּהאַלטן צען געציילטע טעג און וועלן אים אייך אָפּגעבן גאַנצערהייט, קיין האָר וועט אויף אים ניט פֿעלן. וואָס־זשע? מיר וועלן אייך, חלילה, ראַבעווען?

— ט'האָסטו דיר! — פֿליעסקעט אויס מיט די הענט די פּאַרוואַלטערין, —

דריי וואָכן דאַרף ער אויף אויסלערנען די טערמינאָלאָגיע? וואו איז ער ערגעץ? ער קען דען קיין רוסיש ניט?

— אָן דאָרט־אָ, — ווייזט אָן אַלעקסאַנדראָוו אויף אַ הויז, וואָס זעט אויס פונוויטנס ווי אַ שול, — אדרבא, זיי זיך אַהין מטריח, דו ביסט שוין אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אפשר וועסטו טאַקע ביי אים פועלן, ער זאָל עס מאַכן אַ קאַפּעלע גיכער...

אַליין נעמט ער שטייפער די האַק אין די הענט און טעסעט שוין ווידער דעם קלאָץ צווישן זיינע לאַנגע פאַנאַנדערגעשטעלטע פיס.

אין שול, וואוהין מיר קומען אַריין, זעט אַלץ אויס ווי באַלד נאָכן ענדיקן די לימודים. אָן אויפראַמערין קערט אויס די פּאַדלאָגעס און באַגיסט זיי פון אַ טשייניק. די פענצטער זיינען זומערדיק צעעפנט. דער ריח פונעם אָפּגעזעצטן באַנעצטן שטויב מישט זיך אויס מיט די ווילדע איבגבער־געוויקסן, וואָס ציען זיך אַהער פון דער אַרומיקער בערגיקער ביימער־געדיכטעניש און דערמאָנען אין עפּעס אַ נייעם ביז גאָר גרויסן ערב־יום־טוב. פון איינעם אַ קלאַס הערט זיך אַ פריילעכער שמועס, איבערגעהאַקט פון מאָל צו מאָל מיט אַ געלעכטער. דאָרט טרעפן מיר דעם „אַנטליענעם לערער" — אַ יונג שוואַרץ בחורל. ער איז נישט אַליין. ניט ווייט פון דער פּאַרטע, וואו ער זיצט, שטייט אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין אָפענעם פענצטער אַ בלאָנד רוסיש מיידל פון אַ יאָר ניינצן. זי איז אָפּגעשוירן כמעט ווי אַ ייִנגל, זי טראָגט אַ שמאָל בלוי לעדערן פּאַסיקל אויף דער זייער דינער טאַליע. זי האָט אַ שטיפעריש נעזל און קוקט מיט דורכגעטריבענע, ברייט־צעעפנטע אויגן — העלע אויגן, ווי גרויסע וויינטרויבן.

דערזעענדיק אונדז, די אַריינגעקומענע, ווערט דאָס פּאַרל פּאַרלוירן. דאָס מיידל דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פענצטער, און מיר זעען זי שוין נאָר אין די פּלייצעס. דאָס זיצנדיקע בחורל בלייבט אַ ווילע בלאַס. דערנאָך טוט ער זיך אַ כאַפּ צו אַ צעעפנטן העפט, וואָס ליגט לעבן אים אויף דער פּאַרטע, שפּאַרט זיך אונטער אויף ביידע עלנבויגנס און חזרט ווי אַ גרויסער מתמיד:

— טראַפּעציע איז אויף רוסיש: טראַפּעציאַ.

— קוואַדראַט — קוואַדראַט.

— פּיראַמידע איז אויף רוסיש: פּיראַמידאַ.

— קאָנוס איז אויף רוסיש: קאָנוס.

די פּאַרוואַלטערין, זע איך, קוקט זיך גוט איין אין דעם רוסישער לערערין. פּאַמעלעך דרייט זי אויס צו מיר די אויגן, פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ און טוט צו מיר זייער שטיל אַ זאָג וועגן דער לערערין:

— שיין ווי די וועלט! אַזאַ שטיק גאָלד אויף מיר... זעט איר שוין, וואָס דאָ טוט זיך?

דערנאָך פירט זי איבער איר בליק אויף איר אייגענעם אומגליק, אויפן שוואַרצן בחורל הייסט עס. ערשט שפּעטער טוט זי ביי מיר באַנייס אַ פרעג:

— נו?... וואָס הויבט מען דאָ אָן צו טאָן?... אדרבא, זייט אַ קלוגער און גיט אַן עצה.

— ראַדיוס איז אויף רוסיש ראַדיוס, — חזרט אַלץ זייער פלייסיק דאָס בחורל, — פאַראַלעל איז אויף רוסיש פאַראַלעל, דיאַגאָנאַל איז אויף רוסיש דיאַגאָנאַל, פערפּענדיקוליאַר איז אויף רוסיש פּערפּענדיקוליאַר.

פאַרזאָרגט, ווי אַמאָל די מאַמע, וואָס האָט נאָך געטראָגן אַ פּאַריק, שטייט אַ ווײַלע די פאַרוואַלטערין און טראַכט. זי איז געפאַלן אויף אַ שכל.

— הער אויס, — זאָגט זי צו איר מאַטעמאַטיק־לערער, — איך האָב באַשלאָסן בלייבן דאָ אויף אַ פּאָר טעג. איך אַליין וועל שוין אַ פּרוּוו טאָן איינחזרן מיט דיר די טערמינאָלאָגיע. מיט מיר, האָף איך, וועסטו זיך אויסלערנען אַ קאַפּעלע גיכער... ווי מיינסטו?

— ווי?...

אַ ווײַלע זיצט דאָס בחורל נישט טויט, נישט לעבעדיק. די יונגע לערערין האָט זיך שוין צוריק אויסגעדרייט מיטן פּנים פונעם פענצטער און קוקט אויפן בחורל. זי איז בלאַס און וואַרט, וואָס וועט ער זאָגן. זי קוקט זיך מיט אים איבער.

— ניין, — כאַפּט זיך דאָס בחורל, — צו וואָס דאַרפט איר דאָ בלייבן? איך . . . איך קען שוין, דוכט זיך.

דערשראָקנערהייט שטרעקט ער אונדז אויס דאָס העפט, מיר זאָלן אים פאַרהערן.

— טראַפּעציע איז אויף רוסיש טראַפּעציאַ. פּיראַמידע — פּיראַמידאַ. קאָנוס — קאָנוס, פערפּענדיקוליאַר — פּערפּענדיקוליאַר.

— נו, יאָ, — זאָג איך צו דער פאַרוואַלטערין, — וואָס ווילט איר פון אים? ער קען דאָך שוין אויסגעצייכנט... איצט וועט ער דאָ בלייבן ניט מער ווי אויף צען געציילטע טעג און וועט קומען צוריק קיין לאָנדאָקאָ.

אַזוי ווערט טאַקע באַשלאָסן. ניט שפּעטער ווי אין צען טעג אַרום וועט דער אַנטליענער לערער שוין געבן זיינע אונטערריכט־שעהען ווידער אין דער לאָנדאָקאָער שול.

איצט גייען מיר ביידע צוריק קיין לאָנדאָקאָ, איך און די פאַרוואַלטערין. מיר שווייגן. ס'הויבט אָן נאַכט ווערן. מיט משוגע־געוואָרענע קאָלירן פון וועלקונג בלאָנדזשעט אַרום אונדז אויף בערג און אויף טאָלן דער הייס־זומערדיקער סוף אָקטאָבער. מיר געדענקען זיך נאָך אַלץ די ווינטער־פענצטער, וואָס זיינען געבליבן אָן שויבן ביי דער סאַמע שענסטער געביידע אינמיטן רוסישן ישוב. און אין די אויערן הערן מיר נאָך אַלץ ניט אויף צו קלינגען די ווערטער:

— פאַראַלעל איז אויף רוסיש: פּאַראַלעל.

— דיאַגאָנאַל — דיאַגאָנאַל.

— פּערפּענדיקוליאַר — פּערפּענדיקוליאַר.

1937

אהרן קושניראָוו

וואַלדהיים

געקומען זיינען מיר פון זייער ווייט אַהער,
אַ הייפעלע אַ קליינס, אַ צענדליק מאַן, ניט מער,
מיט ערשטן פרילינג־ווינט, מיט ערשטע פרילינג־טעג,
דורך טייגע זומפּיקער אָן וועג, אָן שטעג.

ארומגעקוקט זיך און זיך איבערגעקוקט שטום.
אַזאַ מין גרויסע ווילדערניש אַרום!
געדיכטעניש, פאַרוואַקסנקייט און גנוס —
צי האָט דאָ ווען־ניט־איז אַ מענטש געשטעלט אַ פוס?

נאָר שיין איז דאָ געווען, אויב ווילדקייט קאָן זיין שיין,
איז דאָס געווען די שיינקייט און די פּראַכט אַליין, —
אַ פרישע גרינע וועלט אין רינג פון סאָפּקע־בערג,
דער כאַאָס האָט געמעגט זיין קאָנטעט מיט זיין ווערק.

דער פרילינג האָט נאָר־וואָס די ערד באַהויכט,
דעם הימל אויסגעקלאָרט און אויסגעבלויט אַזוי,
אַז אַלע סאָפּקעס האָבן זיך געצויגן אין דער הויך
און דאָרט זיך אָפּגעשאָטנט אין דער בלוי.

אַ וואַלד אַן אוראַלטער האָט זיך פאַר אונדז געשפּרייט;
פון זיין געדיכטעניש, און פון זיין טיף, און פון זיין ברייט
באַנומען האָבן מיר פון וואַסערן דעם דראַנג,
פון גראָזן דעם געשפּרעך, פוןביימער דעם געזאַנג.

און איינער האָט געזאָגט: „איר ווייסט, ס׳געפעלט מיר באַלד!
ס׳געפעלט מיר אָט דאָס לאַנד, ס׳געפעלט מיר אָט דער וואַלד!
אונטער אַזאַ מין זון די ערד מוז זיין געבענטשט,
היינט שטעלט זיך פאַר, אַז דאָ וועט צוקומען אַ מענטש!“

האָט נאָך איינער געזאָגט: „בפירוש ס׳האָט אַ גרונט
אָט דאָ אין וואַלד אַ היים צום לעבן און געזונט!“
באַשלאָסן האָבן מיר: אָט דאָ זאָל זיין וואַלדהיים!
דערווייל איז דאָ געווען אַ וואַלד, נאָר ניט געווען קיין היים.

און ס׳ערשטע מאָל האָט דאָ דער וואַלד דערוואַכט
מיט ערשטן שייטער אָנגעצונדענעם אין נאַכט,
און צו באַגינען האָט דער וואַלד געטאָן אַ קנאַק, —
דער ערשטער בוים געפאַלן אונטער האַק!

די ערשטע שטוב, וואָס מיר האָבן דאָ אויפגעשטעלט,
איז אויך געווען אַ פרישע נייע וועלט.
פון ערשטן קוימען אונדזערן, דער רויך
ווי פריילעך האָט אַוועקגעצויגן זיך אין בלויער הויך.

ווי האַסטיק האָט גענומען שפּראָצן קעגן זון
דער שוויס, די מי, וואָס מיר האָבן דער ערד פאַרטרויט.
און מיר האָבן צום ערשטן מאָל פאַרזוכט דעם טעם דערפון
און מיר האָבן געגעסן דאָ געבענטשטע ברויט.

און מילך גענומען טריפן האָט פון גראָז און גרין,
און האָניק האָט גענומען טראָגן אונדז די בין.
אַ וועלט, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן און געהיים,
צעעפנט האָבן מיר: אָט דאָס איז היים!

געקומען זיינען מיר אַ הייפּעלע, ניט מער,
ווי גרויס און רייך אין צאָל מיר האָבן זיך פאַרמערט!
זאָל זיין געבענטשט פון קומען אונדזערן די שעה,
וויל היים, און היימלעכקייט, און היימלאַנד איז איצט דאָ!

מ. אַלבערטאָן

טיכאָנקע־ביראָפעלד

(פונעם בוך „ביראָבידזשאַן")

כאָטש ס'איז שוין שפּעט, לאָזן מיר זיך פונדעסטוועגן מיט משא פון טיכאָנקע אין בירער פּרואוו־פעלד. איך רעד בפירוש אָפּ מיינע פורמאַנעס פון פאָרן היינט: דער מהלך איז אַ גרויסער — 60 ווערסט. מע פאָרט מיט משא און דורכאויס וועלדער. כ'וויס, טאָמער באַגעגנט עמעצער, שטעלט אָפּ. ס'איז דאָך די שיינע וועגן. ניט כדאי.

נאָר זיי לאַכן מיך אויס, די פורמאַנעס. אַבי נאָר קאָנען אָנטאָפּן דעם וועג, מע זאָל ניט בלאָנדזשען, קאָן מען פאָרן די גאַנצע נאַכט. קיינער וועט ניט אָנרירן. שיינע יאָרן. אין ביראָבידזשאַן זאָל גאָר עמעצער טשעפּען!...

אויב אַזוי — פאָרן מיר. נאָר אַ־דאָ באַלד נאָך אונדז פאָרן פורן מיט בינען. זיי מוזן פאָרן פּאַמעלעך... דאַרף מען זען זיך אויך ניט יאָגן. גלייכער זיך האַלטן אינאיינעם... אָבער די קליינע יינגלעך פון דער מינסקער „ווילדער דיוויזיע" ווילן מיך אַפילו ניט אויסהערן ביזן סוף.

— וואָש נאָך עפּעש גוטש? אַז די „אוקראַינער זשלאָבעס" דאַרפן, לאָזן זיי מיט די בינען אויך לויפן.

. . . ביים פּאַראָם דערשלאָגן זיך מיינע פורמאַנעס, מע זאָל זיי דורכלאָזן די ערשטע איבער דער ביראַ. זיי האָבן קיין צייט ניט. זיי איילן זיך. זיי ווילן זיך ניט שטעלן וואַרטן די „לעטשטע". אין קיין פאַל וועלן זיי ניט וואַרטן.

דעם גוטמוטיקן פּאַראָמשטשיק מיטן קאָרייער בערדל געפעלט בפירוש דאָס יונגוואָרג זייער. ער איז אויך אַמאָל געווען אַ יונגער. איצט איז ער רואיק. ער האָט נאָר ליב צוקוקן, ווי יענער היצט זיך. ער בעט ביי מיר אַ „ראָסייער" פּאַפּיראָס און דערציילט מיר דרך־אגב, אַז דער „אָזיעט" קלייבט זיך מאַכן איבער דער ביראַ דעם גרויסן בריק, און אים וועט מען צונעמען פּאַר אַ וועכטער אויפן בריק. איז קומט אויס: אי ער וועט ניט דאַרפן ציען דעם פּאַראָם, אי ער וועט באַקומען צוויי מאָל אַזויפיל שכירות. בפירוש אַ גלייכע זאַך.

— זייער גוטע מענטשן, דער אָזיעט...

— . . . חברה, טאַקע אין דער אמתן, וואוהין איז דאָס יאָגעניש? סיי־ווי וועט אויסקומען נעכטיקן אויפן צוועלפטן ווערסט. מעג מען זיך פאָרן פּאַמעלעך. מע פאָרט מיט משא, די פערד זיינען ערשט היינט געקומען פונעם פּרואוו־פעלד, זיינען זיי מיד. איז ניטאָ אַזוי וואָס צו איילן זיך...

נאָר לייבקע דעם שמידס קאָן ניט ליידן, אַז פּאַדלעס קאַראַבקען זיך. לייבקע האָט אין מינסק געדינט ביי אַ „קאַרעסניק", האָט ער ליב, אַז פערד שטעלן פיס.

לויפן טאַקע די פערדלעך, ווען מע שמייסט זיי. דאָס אייזן אונטער אונדז אויף די וועגענער דרינזשעט און לאָזט ניט איינזיצן. די פערד אָבער ווישן אָפּ

מיט די עקן די שמיץ, מאַכן זיך, ווי זיי האָבן שוין פאַרגעסן און גייען ווייטער פּאַמעלעך. דאָס אײַזן באַרואיקט זיך אַביסל, לייגט זיך בעסער אײַן, און ס׳ווערט באַקוועמער צו זיצן.

. . . אַז לייבקע הויבט ווידער אַ מאָל אָן גיכער צו טרײַבן, זעץ איך זיך איבער צו מוישקען אויפן וואָגן. דער פירט אַלע אינסטרומענטן פאַר אַ קוזניע. פאַרט ער דער לעצטער און לאַנגזאַם. מוישקע זאָגט, אַז דאָס איז די ערשטע קוזניע פאַר בּיראָבּידזשאַן. מוישקע איז אַ גאַנצער „פּאָעטישער שרײַבער״. ער רעדט אויף גיך און דערציילט, אַז ער וויל פאַרפירן די ערשטע קוזניע אין דער קינפטיקער רעפּובּליק אָן אַ שום פּגם.

. . . וואָס איז אַזוינס ערד, ווייסט שוין מוישקע גוט. ער אַרבעט אַלע יאָרן ביי ערד. זײַן טאַטע איז געשטאָרבן אויף ערד, און ער אויך דאָס אייגענע. נאָר אַזוינס האָט ער נאָך ניט געזען. איצט האָט ער קיין צייט ניט. מע דאַרף עפּעס אַריבערפירן און „פאַרדינען עטלעכע גראָסן״. נאָר מיט דער ערשטער „וואָז־מאָזנאָסט״ וועט ער באַשרייבן אָט די סאָפּקע, וואָס מיר זײַנען נאָר־וואָס דורכ־געפאָרן, און עס צעשיקן אין די זשורנאַלן און אין די גאַזעטן.

— אָך, ווי זי איז סיין די סאָפּקע. „טיכאָנקאַיאַ״ הייסט זי, זי איז אַ סטילינקע, הייסט זי „טיכאָנקע״. און פון יענער זייט בּירא איז דאָ נאָך אַ סאָפּקע, הייסט זי „בּוינאַיאַ״. יענע איז ניט קיין סטילינקע, הייסט זי „בּוינאַיאַ״.

נאָר די „טיכאָנקאַיאַ״ געפעלט „מייסקען״ בעסער. זי איז זייער גרויס. אפשר צוויי וויאָרסט די הויך. און זי האָט אַ טרעפּ אינמיטן. און אַרום־און־אַרום איז זי באַוואַקסן מיט ביימער, גרויסע און קליינע ביימער.

— אַי, אַ קלאָג צו יענע יאָטן. זע נאָר, וויפל זיי זײַנען שוין אָפּגעפאָרן. מע דאַרף זיי דעריאָגן. — דער וועג איז אַ גוטער. ביי מוישקען אויפן וועגעלע איז וואויל אויסגעבעט. קאָן מען אַ שטויס טאָן די פּאַדלעס.

אָ, אָ. מע זעט זיי שוין אָן פונוויטנס. נאָר גוט, וואָס אַרויף אַ באַרג יאָגן זיי ניט די פערד. וועןֹ אַ שטייגער, לייזער דער קאַרעסניק זעט לייבקען אַזוי זיך יאָגן, וואָלט געוועןֹ אַ קלאָג צו זײַנע יאָרן, און דאָ — אַז מע האָט אים אַליין געטרויט פערד — ווייזט ער חפירותן.

מיר דעריאָגן יענע פורלעך. אינדרויסן ווערט טונקל. נאָר גיך גייט אויף די לבנה מיט אַ ברייט־רונדיק פּנים, ווי ביי אַ יונגער גאָלדיאַטשקע. דער שליאַך איז אַ גלייכער, אָן אויסגעריבענער, ווי דער שליאַך פון באַלטע קיין אָדעס. די פערד זײַנען צופרידן, וואָס די פליגעלעך בייסן ווייניקער, און זיי שפּאַנען מיט מער חשק. מיר רעדן אָפּ אונטערפּאַשען די פערד אויפן צוועלפטן ווערסט און אַליין איבערנעכטיקן דאָרטן אינעם הילצערנעם באַראַק.

. . . אין באַראַק געפינען זיך כסדר אַרבעטער, וואָס פאַרריכטן דעם וועג. די ראָמען פון די פענצטער זײַנען דאָ פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, און די טיר איז אָן אָפענע. שיין גייט אַריין דורך דער טיר און דורכן געלעכערטן הילצערנעם דאַך. אין אוונט באַלויכט זיך דער באַראַק מיטן פייער פונעם טשוהונענעם אויוועלע. איצט בײַנאַכט איז דאָס אויוועלע צוגעמאַכט, און ביי דער שיין פון אַ

שוועבעלע זעט מען, ווי איבער די נאַרעס ליגן צעלייגט אויסגעטאָנענע, פאַר־האַרעוועטע מענטשן מיט ניט־זיכערע מאָנגאָלישע פּנימער. דאָס שוועבעלע באַלייכט איינע אַ באַק אָדער עמעצנס אונטערשט האַלב פּנים ביז דער נאָז. און נאָכדעם, ווען דאָס שוועבעלע ווערט פאַרלאָשן, זעט מען שוין גאָר ניט. מע הערט נאָר, ווי זיי אָטעמען שווער, זייער שווער. דאָס אָנטאָן זייערס ליגט אָפן, ניט באַהאַלטן. קיינער וועט גאָרנישט ניט צוגנבענען. פאַרקערט, אויב אַ פרעמדער וועט ביינאַכט אַריינגיין, וועט ער נאָך אונטערוואַרפן עטלעכע שייטעלעך האָלץ אינעם טשוהונענעם אויוועלע, עס זאָל ווערן וואַרעמער...

אַהינצו, אַביסל ווייטער פון יענער זייט, האָבן זיך צוגעלייגט אינעם אָנטאָן צוויי מאָנגאָלן מיט עטלעכע איינציקע הערעלעך אויף דער באָרד, און פון דער זייט — אַ מאָנגאָל מיט אַ רונדיק צעפּלעטשט פּנים.

ביינאַכט, אין דער פינצטער, האָבן אויף אַלע פּרייע ערטער זיך גענומען רוקן שפּעטע דורכפאָרער: רוסן, אוקראַינער, יידן. שפּעטער האָבן אָנגעיאָגט יענע פורלעך מיט די בינען. די ניי־אָנגעקומענע האָבן זיך אויך געשטופּט אין באַראַק. אויף די נאַרעס איז געוואָרן ענגער. ענגער און וואַרעמער... נאָר ניין, ס'איז גאָר ניט ענגער. קיינער פילט דאָס ניט. אַלע זיינען גלייך מיד און אַלע ווערן גלייך איינגעשלאָפן. נאָר אָטעמס, נאָר פאַרשיידענע אָטעמס, כלערליי כראָפּען הערן זיך יאָ...

און אינדרויסן אַרויס הערט מען גאָר ניט. אַ גרויסע ליכטיקע לבֿנה דרייט זיך איינע אַליין אַרום, קוקט אַלעמאָל אַריין אין אַן אַנדער פענצטער. נאָכדעם דערהערט מען גאָר, ווי פערד — פאַרשיידן געפענטעטע — מאַכן משוגענע שפּרינג צווישן אין הויכער פעטער פּאַשע און כראָמטשען אַלע אַלצאיינס...

. . . דריי אַזייגער האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. אַ זון איז אויפגעגאַנגען אַ ריינע, אַ פרישע, אַ ציכטיקע. ביינאַכט איז געווען גאַנץ קאַלט און איצט איז זייער אָנגענעם צו פאָרן. קיין זכר פון מידקייט געבליבן.

פונעם אָרט פאָרן אַרויס אַלע אינאיינעם. אַ קליינע שטרעקע פאָרן נאָך אַלץ אַלע אינאיינעם. ווייטער צערייסט זיך אַ ציימל, ברעכט זיך איין אַ שפּיצע, דרייט זיך אָפּ אַ מאַטערקע — און עס בילדן זיך אָפּגעשטאַנענע. נאָכדעם געפינען זיך היציקע, אומגעדולדיקע, טרייבן אונטער די פערד און עס ווערן פאַדערשטע.

אָט הויבן זיך שוין אָן באַגעגענען פורלעך, וואָס פאָרן צוריק פון בירער פעלד. אָ, אָ! דער וועג „טיכאָנקע—פּרוואָו־פעלד״ איז געוואָרן אַ גרויסער טראַקט. כסדר קאָן מען דאָ באַגעגענען דורכפאָרערס. וויפל איצטער פאָרן דורך פורלעך אין איין וואָך, זיינען פריער ניט דורכגעפאָרן פאַר אַ יאָר.

— וואָס הערט זיך דאָרטן?

— גאָרניט. מע אַקערט, מע פירט גּעהילץ.

— וויפל פערד שלעפּן?

— ניט גלייך. ביי איינעם — זעקס. ביי אַן אַנדערן — פיר... נו, און וואָס אין טיכאָנקע?

— גאָרניט. ס'קומען נאָך אָן איבערוואַנדערער. מע גיט אַרויס פערד. מע קריגט זיך.

— ווען וועלן שוין אַמאָל זיין די מאַסקעס?

— נאָך ניט אַזוי גיך. מע קווענקלט זיך נאָך, צי זאָל מען אַרויסגעבן גרייטע מאַסקעס, צי זאָל מען יעדערן סחורה אַרויסגעבן. און דערווייל ליגט די מאָרליע אין סקלאַד.

— אַ שיינעם דאַנק זיי פאַר דעם אויך. איז כאָטש דער סקלאַד אָפּגעהיט פון די קאַמאָרעס... נאָ, וויאָ!

אָפּגערעדט, געזעגנט זיך, און מע פאָרט ווייטער. מיט ווייטערדיקע פורלעך שטעלט מען זיך שוין ווייניקער אָפּ: דורכגעוואָרפן זיך נאָר מיט אַ פּאָר פראַגעס, אַביסל נאָך נאָכגעשריען, און זיך צעפאָרן.

... איצט פאָרן מיר שוין ווידער אַ גאַנצע כאָפּטע פורלעך. די הינטערשטע האָבן אונדז אָנגעיאָגט. דערווייל איז דער וועג נאָך אַ גלייכער, אָן אויסגעריבענער. פון ביידע זייטן שליאַך—טיפער, געדיכטער וואַלד. אין אים—ביימער פון כלערליי מינים. דאָ און דאָרטן זיינען גרויסע שטיקער וואַלד אויסגעברענט, אויף אייניקע ערטער טליען נאָך אָפּגעברענטע וואָרצלען, אָן איבערגעבליבענער פאַרברענטער צווייג. האַרט לעבן שליאַך האָט זיך אַ גראָבער, הויכער בוים אָפּגעסמאָליעט נאָר פון אויבן. זיך אויסגעבויגן ווי אַ משונה־ווילדע בריאה מיט הערנער אין אַלע זייטן. אַלעמאָל טוט ער פון ערגעץ אַ צי און לאָזט אָפּ. נאָך אַ פּיפּקע און רויכערט ווייטער.

די אָפּטע ריטשקעס, קליינע טייכלעך, ברייטע בלאָטעס, וואָס באַגעגענען זיך, זיינען דערווייל נאָך אויסגעריכטעט, איבערגעוואָרפן מיט בריקלעך, צוגעדעקט.

נאָר אַהין ווייטער צום פראָנט־פעלד זיינען נאָך ניט אַלע בריקלעך צורעכט געמאַכט. דאָ דאַרף מען זיין געהיט. מע מוז אַרומגיין, צי אפשר איינגאַנצן אויס־מיידן די בלאָטעס, ווי נאָר ס'איז מעגלעך. נאָר לייבקע צעקנייטשט זיין ברייט, גרויס פּנים און זאָגט, אַז ער איז ניט מחויב דאָס אַלץ אין זינען האָבן. ער דאַרף פאַר קיינעם ניט אָפּקומען, קיינער קאָן אָבער אים קיין דעות ניט זאָגן און אַלץ מיט אָן אַנדער.

נאָ! נאָ! וויאָ! נו, וויאָ! געגומען. שטאַרקער. אָט אַזוי, נו, וויאָ!... אָ, דער שד זאָל אייך צוכאַפּן... נאָט אייך, נאָט אייך. אַ קלאָג צו אייערע ביינער... נאָט אייך נאָך... איצט שטייט. און נאָך... איצט שטייט, וועל איך כאָטש וויסן פאַרוואָס...

די פערד מאַכן עטלעכע אָנגעשטרענגטע פרואוון אַרויסצושלעפּן. בויגן אויס די קריזשעס, פּאַכען מיט די נאָזלעכער, אָבער זיי טוען נאָר עטלעכע טאָפּטשע מיט די פיס אַרום זיך און בלייבן נאָך מער מיד אויף דעם זעלבן אָרט. דערפאַר האָט לייבקע איצט צו זיי קיין טענות ניט: ער האָט זיי געשלאָגן, ווילן זיי אויף צו־להכעיס ניט גיין...

שטייט ער, לייבקע, אַ באָרוועסער מיט לאַנגע צוויי אָנגעגאָליפּעטע פיס אין דער בלאָטע און בעט, מע זאָל אים העלפן.

— אַסאַ, וואָס האָב איך געזאָגט? מע דאַרף אַדורימעט (דורך דאָנען) ניט פאָרן. ביסט יאָ געפאָרן, ליג אין דער ערד אַפילו פינף שעה, — רייצט זיך אַ יונגער מינסקער יאָט אין אַפגעריבענע כראָמענע שטיוול.

— אַוועק, דו שפעקוליאַנט! פאַרמאַך דיין זאַק! גיי אויף דער בערזע, אַניט וועל איך דיך שיקן...

— און דו ביסט אַ מיאוסער קאָרעסניק, אַ פערדישער שמייסער.

לייבקע דרייט זיך פאַמעלעך אויס, און מיט אים דרייען זיך די לאַנגע ברייטע פליגל פון די הויזן.

— גיי אַוועק. מער זאָג איך גאָר ניט, און אַלץ מיט אַן אַנדער.

אברהם קירזשנער קאָן אַזעלכע מעשיות ניט פאַרליידן. ער קריכט אַראָפּ פון וואָגן. זיינע צוויי געדיכטע גרויע ברעמען זיינען אַנגערוקט נאָך פון פריער איבער די טיפע אויגן. און ער קוקט שוין פאַר זיך.

וואָס פאַר אַ ריידעכצן? צוערשט דאַרף מען אַרויסשלעפּן דעם וואָגן פון דער בלאָטע און נאָכדעם אים קאָנסענען, ער זאָל ניט זיין קיין קונצנמאַכער.

— אַהער, יאָטן, קומט אַהער. אַלע אַהער. דו, לעניגראַדער תכשיט, וואָס האָסטו זיך אַנגעטאָן נאַקעט, ווי אַ טעלעגענט. קום אַהער, שטעל אונטער אַ נאַקעטע פלייצע.

די פערד האָבן אויפגעלעבט, ווען זיי האָבן געקאָנט דערוויזן, אַז זיי זיינען ניט אינגאַנצן שולדיק. אַבי דער וואָגן האָט זיך עטוואָס גערירט, האָבן זיי אים שוין ניט געלאָזט ווייטער זינקען. אין איילעניש האָבן זיי זיך געסטאַרעט אָנ־צוטאַפּן האַרטע שטיקער קאַטשקע, וואו אַנצוהאַלטן די ציטערדיקע פיס און אויך מיטהעלפן אַרויסציען.

— איי, ס'אַ חיות, ווען אַלע נעמען זיך מיטאַמאָל! פונעם טיפסטן זומפּ קאָן מען אַרויסשלעפּן. — אברהם קירזשנער האָט דאָס שוין לאַנג געזאָגט.

איצט פאָרט מען ווידער אַלע נאָכאַנאַנד. די אַפּגעשטאַנענע פורן מיט די בינען האָבן שוין אויך אַנגעיאָגט. אַלעמאָל לויפט אַוועק אַן אַנדערער זיך אָנ־טרינקען מיט קאַלטע וואַסער פון די אַפּטע פרישע קוואַלן, און די פורן פאָרן זיך אַליין. דער וועג איז ווידער אַ גלייכער, אַן אויסגעריבענער.

— היי, דו, וואָס האָסטו זיך אַפּגעשטעלט?

... דאָס האָט דער ערשטער פורמאַן זיך אַפּגעשטעלט און באַלד נאָך אים אַלע. איי, טשיקאַווע צו קוקן, ווי דער יעגער יאָגט זיך עס געשיקט נאָך אַ ווילדער קאַטשקע.

— פויך! — ניט געטראָפן. טראַך! — ניט געטראָפן. בוך! — דאַכט זיך, אויך ניט געטראָפן. ניין, דאָס הויכע גראָז באַוועגט זיך, שורשעט, קערעוועט אָפּ. דאָס לויפט דאָרטן דער הונט, זוכט, שמעקט, נישטערט און שוין צוריק.

— מאָלאָדיעץ, באַביק! אַ גאָלדענער הונט, — אַ קוליק טראָגט ער. אַ ווילדע קאַטשקע ביי אים אין די ציין. אַלע פורמאַנעס רינגלען אַרום דעם יעגער מיטן הונט. אַלע הערן בייגעריק.

אַ, דאָ איז פאַראַן זייער פיל ווילדע עופות. אויב זיך אָפּגעבן ספּעציעל

מיט געיעג, קאָן מען זיך פיין דורכלעבן. אין די אַלע טייכלעך, וואָס מיר זיינען דורכגעפאָרן, פּרוכפּערן זיך אָן אַ שיעור געשמאַקע פיש. דאָ זיינען אַכט־און־צוואַנציקערליי פיש. פון די קלענסטע ביז גאָר גרויסע.

ברוך ריבאַקן פון טערנאָווקע געפעלט עס ביז גאָר. ער דאַרף האָבן די גאַנצע ערד אין דער ערד. כאָטש ס׳געפעלט אים בפירוש דאָס גאַנצע אָרט. אָט, אַ שטייגער, אַ־דאָ, אָ: דער וואַלד מיט די נידעריקע ביימלעך זעט אויס ווי אַ גרויסער פּריצישער סאָד אין אוקראַינע. אָט די קליינע, נידעריקע בערעזקעס מיט די זויבער־ווייסע קאָרעס אויסגעפּוצט, ווי מיט פיינע באַלעבאַטישע הענט אויסגעפּאַרבט, און אַזוי בכלל... אים, ברוכן, אַ מענטשן, וואָס ער האָט שוין אויסגעזען אַלערליי טייכן אויף דער וועלט און כל המינים פיש אין זיי — זעט גאָר סך־הכל דער גאַנצער קאַנט נישט אויס פרעמד.

נאָך זיין מיינונג וואָלט מען דעם קאַנט אָנגערופן ניט „ווייטער מזרח״, נאָר „נאָענטער מזרח״...

און ברוך, שוין אַן עלטערער מענטש, פאַרדרייט זיין אויסגעהאָרעוועט פּנים, מע זאָל עס ניט זען. ער פאַרשעמט זיך. טאָמער האָט ער געזאָגט אַ נאַרישקייט. שוין אויסגעזען אַ וועלט און שעמט זיך פאַר אַ נאַרישקייט.

און אַלעמאָל, ווען ברוך זאָגט אַרויס אַ געדאַנק, מיינט ער — ס׳אַ נאַרישקייט. פאַרדרייט ער ס׳פּנים און שעמט זיך...

נאָר ניין, ס׳איז גאָרניט קיין נאַרישקייט. מוישקע מיינט אויך אַזוי. ס׳איז דאָ אַזוי גרויסאַרטיק, אַזוי שיין, אַז ווען ער האָט איצט צייט, זעצט ער זיך אַוועק און צעשרייבט בירָאָבידזשאַן אויף עטלעכע בויגן פּאַפּיר און צעשיקט עס איבער אַלע זשורנאַלן און איבער אַלע גאַזעטן. נאָר ער האָט קיין צייט ניט, מוישקע. מע דאַרף עפּעס פאַרדינען. איצט פירט ער אַ קוזניע. די ערשטע קוזניע אין בירָאָבידזשאַן אַריין, איז דאַרף מען זען, ס׳זאָל קיין שאָדן ניט זיין.

— נו, חברה, געזונט. ניט געראַשט. — אַ־דאָ דאַרף מען זיך אַביסל אָפּשטעלן מיט די פערד, זיי זאָלן אָפּעטעמען. אָט זעט מען שוין די הייזער פון בירער פּרואוו־פעלד. פינקלשטיין דער אַגראָנאָם וועט זיי דערזען אַזוי באַס, וועט ער מאַכן דעם שיינעם גוואַלד.

יאָ, ריכטיק. אָט־אַ דאָרטן לינקס זעען זיך עטלעכע ליכטיקע פלעקן. וואָס ווייטער וואַקסן זיי אויס אין פירעקעדיקע פאָרמען. אָט זעט מען שוין אַרויס בלעכענע דעכער. מע זעט שוין אַפילו, אַז דאָס בלעך איז אָפּגעציינקעוועט און ס׳איז געפאַלדעוועט. ס׳איז דאָסזעלבע בלעך, מיט וועלכן עס זיינען געדעקט כמעט אַלע הייזער אין קאַנט.

. . . אָט פאָרן מיר שוין איבער דעם לעצטן גרויסן בריק, וואָס דערבויט זיך. די פורלעך גייען דאָ פּאַמעלעך. רעכטס פון וועג שטרייטן די מינסקער „איקאָרצעס״ מיט זעקס פערד, זיי זאָלן בעסער שלעפּן דעם אַקער. איבער דער צעאַקערטער ערד שטייען איינגעבויגענע מיידלעך און זעצן קאַרטאָפליעס. דאָרט ביים שליאָך ליגן אָנגעוואַליעט זאַפּרענע קעדרעס — מאַטעריאַל פאַר זייער גרויס הויז.

לינקס פאַרפלעצן זיך ביי דער ערד פליסיקע יונגע יאַטן פון דער ראָגאַ־טשאָווער קאָמונע. אַלע ווילע פאַרשטעלן אונדז דעם וועג פורן מיט לאַנגע קלעצער. לייבקע, וואָס פירט דער ערשטער אונדזער „שאַלאָן", צעשרייט זיך אַלעמאָל אויף אַן אַנדער פורמאַן, פאַרוואָס שלאָגן זיי אונדז איבער דעם וועג מיט זייערע פורלעך און מיט די לאַנגע קלעצער אויף זיי.

אַט פאַרקערעווען מיר שוין ס'לעצטע מאָל. אויפן ווינקל שטייט אַ געצעלט מיט מאַנגאָלן באַלמעלאָכעס, וואָס העלפן בויען דעם וועג, מאַכן ברונעמס, און אַט זעט מען שוין גוט אַלע געביידעס, דעם גרויסן, גרויסן הויף, בײדע טויערן, וואָס רוען קיינמאָל ניט אָפּ: דער פאָרט אַריין, יענער פאָרט אַרויס.

דורך איינעם אַ טויער פאָרן מיר אַריין. אין דרויסן איז שוין טונקל. דער ראָש איז דאָ אומגעהויער גרויס. איך באַוויז ניט זיך אַרומקוקן, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע באַפאַלן אונדז, און ס'הייבן זיך אָן אויספרעגן.

1930

אהרן ווערגעלים

דער קוואַל

ווען עס פאַלט אַ טראָפּן אויף אַ שטויבל,
מוטנע־גרוי דער טראָפּן דעמלט ווערט.
קוואַל דו יונגער, זאָג, וואָס ביסטו זויבער?
שלאָגסט אַרויס דאָך פון דער שוואַרצער ערד!

בויג איך אָן צום קוואַל זיך און איך הער:
„כ׳בין דערפאַר אַ שניי־ווייסער, מיין טרייער,
ווייל עס האָט מיך יאָרנלאַנג געשייערט
די געדיכטע שוואַרצקייט פון דער ערד...״

ווען אין נאַכט פּראוואוט נאָר אַ שטראַל זיך ווייזן,
פון דער נאַכט פאַרשלונגען גלייך ער ווערט.
זאָג מיר, קוואַל, פאַרוואָס האָט אַזוי פלייסיק
דיך געפּוצט די ניט־געפּוצטע ערד?

בויג איך אָן צום קוואַל זיך און איך הער
פונעם ווילדן וואַסערל דעם פלוידער:
„ס׳האָט די ערד געמאַכט מיך פריש און זויבער —
איך זאָל פרישקייט ברענגען אויף דער ערד...״

1938

משה גאָלדשטיין

שניטער

(פונעם בוך „ביראָבידזשאַנער אויפן אָמור״)

מיט טאָג צוגלייך איז מען אויפגעשטאַנען נאָך אַ נאַכט ניט שלאָפן. וואָך זיינען די קאָמונאַרן אַ גאַנצע נאַכט געווען, ווייל די קאָמאַרעס זיינען זיי באַפאַלן ווי לאַנג־אויסגעקוקטע געסט. דאָך האָט ריוואַקין, דער בריגאַדיר, אַ געשריי געטאָן אינעם פרימאָרגן אַריין:

— חברה, צייט אויפשטיין צו דער אַרבעט!

ס׳האָט אים אַ ברען געטאָן צווישן די פינגער. די ערד האָט זיך אונטער זיינע פיס אָנגעצונדן. ער האָט געכאַפּט אַ קאָסע און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין די הויכע גראָזן, אָפּלייגן אַ וואַל היי. ער האָט אויסגעשניטן אַ סטעזשקע און נאָך אים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איינער נאָכן אַנדערן אַ גאַנצע ריי שניטער.

די אַרבעט אויפן אָמור האָט זיך אָנגעהויבן.

צווישן די ערשטע שניטער איז געגאַנגען פּיוזקע. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס העמדל און אַוועקגעשיקט די צווי געזונטע הענט זיינע אין דער אַרבעט אַריין, געשניטן ברייטע האַלבע קרייזן. ער איז נאָכגעגאַנגען צום טאַקט פון דער קאָסע און דער קערפּער האָט זיך געדרוקט פון רעכטס אויף לינקס, פון לינקס אויף רעכטס.

הינטן, צווישן די סאַמע לעצטע, איז געגאַנגען מאיר רובין און געדויבעט מיט דער קאָסע אין דער ערד. ער האָט געהאַקט אין גראָז מיט דער קאָסע מיט אַלע כוחות. אַ שווייס האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים, און די גראָזן, אַנשטאָט זיי זאָלן זיך אַוועקלייגן אָפּגעשניטענע, האָבן זיי זיך באַר איינגעבויגן, ווי זיי וואָלטן מורא האָבן פאַר אַ קלאַפּ, און ווען ער האָט געמאַכט אַ טריט פאָראויס, האָבן זיי זיך צוריק אויסגעגלייכט און געבליבן שטיין, ווי זיי וואָלטן פון אים געחוזקט...

ער איז געבליבן הינטערשטעליק. פאַר זיינע אויגן האָט זיך אַוועקגעצויגן אַ לאַנגע־לאַנגע ריי, וואָס איז אַוועק אין אַ זייער שיינעם טאַנץ. ער איז גע־בליבן שטיין און פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם שיינעם בילד. דאָס ערשטע מאָל זעט ער אַזאַ שיינעם טאַנץ: דער טאָג איז אַ שיינער, די זון שיינט און ברענט די קערפּערס, וואָס באַוועגן זיך גראַציעז, צום טאַקט, איינער הינטערן אַנדערן. די הענט שלאָגן ריטמיש אין דער לופט און די קאָסעס שניידן די שטראַלן פון דער זון.

זייער אַ שיינער טאַנץ.

נאָר וואָס־זשע שטייט ער אַזוי פאַרטראַכט און קוקט, ווי פּיוזקע טראָגט זיך אַוועק וויינט־וויינט, אַט פאַרגייט ער שוין אין האַלבן קרייז און באַלד וועט ער גיין אויף צוריק און זיי וועלן זיך באַגעגענען — פּיוזקע אויף צוריקוועגס און ער,

רובין, נאָך אַלץ אַרויפוועגס — אַן אָפּגעשטאַנענער און פאַרשעמטער.

נעמט ער שאַרפן די קאָסע, נאָר עפּעס איז עס ניט דאָס. די קאָסע שאָקלט זיך אים אין די הענט און עס שאַרפט זיך ניט. מיט זיין רייבן דאָס שאַרפשטיינדל אין דער קאָסע באַקומט זיך ניט דאָס, וואָס עס דאַרף זיך באַקומען נאָכן שאַרפן אַ קאָסע. אָבער ער פאַרלירט זיך ניט, רובין. ס'איז איצט אַן אָנהויב, דער ערשטער טאָג; פון שוין פאַרגלייכן זיך מיט פּיוואָקען קאָן קיין רייד ניט זיין, און טראָטוויז לאָזט ער זיך אַרויף פעלד מיטן ברייטן אויסגעשניטענעם וועג.

דעם ערשטן טאָג האָט מען אָפּגעאַרבעט צוואַרפן, אַן רעכענונג. ס'איז געווען אַ מין פּרואוו פון אַרבעט. פאַרנאַכט, ווען די צווייטע גרופּע איז אָנגעקומען פון אַרלאַווקע, האָט מען פאַרטיילט די פּלעצער פאַר די בריגאַדעס און באַשטימט די נאָרמעס.

— דריי מענצן אויף אַ העקטאַר? מ'עט ניט מאַכן. דאָס זיינען דען סניטערס, דאָס זיינען דאָך סייסערס! — האָט בערקע דערווידערט ריווקינען.

— פאַראַיאָרן האָט איין מענטש געמאַכט אַ האַלבן העקטאַר, ס'זיינען אויך ניט געווען אַזוינע וואַזשנע העלדן, — זאָגט פּיווקע.

— אַנדערע גראָזן געווען, ניט געווען קיין פאַרפלייצונג, די זון האָט אַנדערש געסיינט, היינט וועט מען ניט מאַכן — האַלט זיך בערקע ביי דאָס זייניקע.

— דאָס וואָסער וועט אָפּפאַלן, וועט מען היינט אויך מאַכן צו האַלבן העקטאַר — זאָגט ריווקין און ער נעמט זיך אויסשניידן צייכנס אויף אַ שטעקן, אויף צו מעסטן דאָס וואָסער.

— דער אַמור הייבט זיך! — שרייט אויס דער אַלטער ברייטער. — ס'האָט זיך היינטיקע נאַכט אויפגעהויבן אויף דריי ווערשקעס.

— אָ, נאָ! — ביי ברייטערן הייבט זיך שוין, — האָט זיך חברה צעלאַכט.

— לאַפּאַטין האָט געמאָסטן! איר ווילט ניט, גלויבט ניט. — ער האָט זיך אָפּגעקערט פון דער חברה אַ שטאַרק־טרויעריקער. ס'האָט אים געביסן און ער האָט זיך געקראַצט מיט סכנות. וואָס מער ער האָט זיך געקראַצט, אַלץ מער האָט אים געביסן.

טעג זיינען געשטאַנען שיינע, ליכטיקע און הייסע, די קאָסעס האָבן וואָס אַ טאָג ווייטער געקלונגען פרייליכער און דרייסטער. די הענט ביי די ערשטלינגען האָבן זיך גענומען באַוועגן זיכערער. די ווייטיקן, וואָס זיינען אַריינגעקראָכן די ערשטע טעג, זיינען ביסלעכווייז אַרויס צוריק און די קאָסעס זיינען געוואָרן גרינגער און געהאָרכזאַמער.

ווען ניט דאָס, וואָס די אויגן האָבן אַנדערש געשפּילט ווי ביי אַלע, וואָלט מען ניט געקאָנט אין גרוניען דערקענען, אַז זי איז „גרוניע״. מע האָט זי געקאָנט אָננעמען פאַר אַ „בחור״. אויסערלעך האָט זי זיך מיט גאָרניט ניט אונטערגעשיידט פון אַלע אַנדערע שניטער: אַ פּאָר הויזן האָט זי געטראָגן ווי אַלע, אַ העמדל ווי אַלע, אַ טיכל אויפן קאָפּ ווי אַלע און מיט דער קאָסע איז זי אויך ניט געווען פון די ערגסטע. זי איז דאָס ערשטע מאָל אויף היי־שניט, די הענט האָבן די ערשטע טעג געבראָכן מיט סכנות, אונטער די אָרעמס האָבן זיך

באַזעצט צוויי קאַרטאָפּל און האָבן געצויגן דעם גאַנצן קערפּער. נאָר גרוניע האָט באַהאַלטן דעם ווייטיק, אַ קרענק וועט זי אים אַרויסווייזן. זי בייסט די ליפּן ביז בלוט און פירט די קאָסע ווי נאָך אַ לאַנגיאָריקער געוואוינהייט. זי ענטפערט ניט, ווען מע פרעגט ביי איר: „וואָס מאַכן עפּעס די קאַרטאָפל ביי דער חברטע גרוניע, און ווערן זיי שוין פאַרטיק?...“ זי ענטפערט ניט, זי ווייזט ניט אַרויס קיין ווייטיק. פאַרקערט, זי איז פריילעך; אירע אויגן, וואָס זיינען ניט אויסגעשלאָפן פון ווייטיק, וואָס זי פילט אין די נעכט שטאַרקער ווי אין די טעג, און פונעם בייסן פון די קאָמאַרעס, וואָס מאַטערן אין די נעכט ביז צום האָרץ־פאַרגיין, — די אויגן, די ניט־אויסגעשלאָפענע, שיסן מיט פריילעכע גלאַנצעלעך און גיבן־צו מוט רובינען: „שנייד, שנייד, ברודערקע! אָט־אָט נאָך אַ טאָג און דו וועסט זיך אויסגלייכן מיט די בעסטע שניטער.“

זיי זיינען אין איין בריגאַדע, זי מיט רובינען. בערקע איז זייער בריגאַדיר.

פּיווקע איז אין דער צווייטער בריגאַדע. יעדן טאָג פרעגט ער זיך נאָך, ווי סע האַלט מיט רובינען, צי קענען זיי שוין אַרויס אין פאַרמעסט. ער גלויבט ניט אין זיינע כוחות, פּיווקע, פאַרמאַכט ער איין אויג און לאַכט.

אין סאָצגעוועט גייען אויך ביידע בריגאַדעס — ריווקינס און בערקעס, פאַראויס גייט ריווקין מיט זיין בריגאַדע.

— זאָל ער סמאַיען אַ וועלט, — זאָגט בערקע, — איך האָב ניט וואָס צו לויפן.

נאָר פריד, גרוניע און רובין, וואָס זיינען אין איין בריגאַדע, שלעפּן אים, דעם בריגאַדיר.

— אָדער געאַרבעט, אָדער געגאַנגען צום טיוול! — זאָגט פריד, פילנדיק, אַז די קאָסע הויבט אָן גיין זיכערער אין זיינע הענט. אין די רויכער־מינוטן כאַפּן זיי אַ שטילן שמועס וועגן בערקען. ריווקין שניידט פאַראויס. פאַרנאַכט, ווען ער קומט צו די ביידלעך, דערציילט ער, אַז זיין בריגאַדע וועט איבגיכן אַריינ־שניידן אין קיטאַי. זיי שטייען שוין נאָענט פון די בערג.

טעג שטייען שיינע, גראָז שטייען שלאַנקע, אָנגעגאָסן מיט פולער צייטיקייט און גרינקייט. וואַרטן טאָר מען ניט. וועט די זון כסדר אַזוי שיינען, וועט דאָס גראָז ווערן געל, שניידט מען מיט געיעג. מען רוט ניט, מינוטן בלויז שטעלט מען זיך אָפּ אויף פאַררויכערן און מען שניידט ווייטער. עס ריננט דער שוויס פון די צעביסענע לייבער און מע שניידט מיט געזאַנג — מע פאַרציט אַ ליד און מע טראָגט עס פאַראויס, פאַראויס. מע איילט ווי אין אַ גאָר וויכטיקער שליחות. דאָס פעלד איז אויסגעלייגט מיט וואַלן היי, שוין צייט אויפצושטעלן קאָפּנעס, מע דאַרף טראַכטן פון אויפשטעלן סטויגן און די פערד מיט די מאַשינעס שטייען אין אָרלאָווקע אויף דער צווייטער זייט אַמור.

פריד קריצט מיט די ציין, ווען ער דערמאָנט זיך בערקעס פאַרזיכערונג: „מע רופט אַרויס פון כאַבאַראָווסק אַ קאַטיער, פירט ער אַריבער די פערד מיט די מאַסינעס, אין דריי־פיר טאָג קומט אַ קאַטיער, אַז מע רופט אַרויס.“

— מיר זיינען ווערט פעטש, פעטש זיינען מיר ווערט, — זאָגט ער צו גרוניען. — ווי האָבן מיר עס געקאָנט דערלאָזן אַזאַ זאַך? קיין שום תירוצים

קאָנען דאָך ניט זיין! — ער פילט, פריד, אַז ער וועט דאַרפן צאָלן, צאָלן מיט דערקלערונגען, מיט אַן ענטפער און . . . אפשר מיט נאָך עפּעס גאָר וויכטיקס. פריד איז דאָך דער באַפולמעכטיקטער פון כּאַרטיי־קעמערל פון קאָמונע, ער איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער אַרבעט, פאַר דער קוואַליטעט פון היי, פאַרן אויספילן דעם פּלאַן. און דאָ שטייען די פערד מיט די מאַשינעס אויף דער צווייטער זייט אַמור און דאָס גראָז טריקנט אונטער דער זון.

דריי מאָל האָט מען געשיקט מענטשן אין כאַבאַראָווסק צום אויספירקאָם וועגן אַ קאַטיער און קיין קאַטיער איז ניט געקומען. דער קאַטיער פון קאָמונע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, שטייט ער ערגעץ צווישן די וואַסערן פון דער טונגוזקע אין אַמור און כריפּעט מיטן קאַליע־געוואָרענעם מאָטאָר.

טראַכט מען און מע קלערט. עס ברענען די מינוטן אויפן אַמור, רופט מען צונויף אַ פאַרזאַמלונג, אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג.

עס פלאַקערן אויף שייטערס און ס׳קנוילן אויף וואָלקנס רויך.

— איז אַט וואָס, חברה, פערד מוזן מיר האָבן צו דער אַרבעט, פערד מיט מאַשינעס. — אַלע זיצן אויסגעזעצט אַרום רויך און הערן ריוּוקינס רייד. — מיר וואָלטן דעם גאַנצן אינדזל אַרומגעגאָלט און מיר וואָלטן געהאַט אַ טייערן ווינטער. אַלע וואָלטן געווען באַזאָרגט, די פערד, די בהמות און די מענטשן. מיר האָבן באַשלאָסן שיקן נאָך אַ מענטשן. מיר האָבן באַשלאָסן שיקן פרידן מיט אַ בריוו צום אויספירקאָם, אָנשרייבן אַ בריוו מיט אַלע אונטערשריפטן, באַשרייבן די גאַנצע לאַגע, אַז מיר זיינען פערציק קאָמונאַרן אויפן טאַרעבאַרעוווער אינדזל און די פערד מיט די מאַשינעס שטייען אויפן צווייטן ברעג ניט קיין אַריבערגעפירטע, אַז סע שטייט פאַר אַ געפאַר, מיר זאָלן זיך ניט פאַרגרייטן קיין היי צום ווינטער. ווי מיינט איר, יאַטן? זאָגט זיך אַרויס.

— וואָס איז דאָ אַרויסזאָגן? מע דאַרף שיקן און גאָר. מער ווי שיקן מענטשן, אָפּרייסן זיי פון דער אַרבעט, קאָן מען דאָך ניט.

— אין צייטונג דאַרף מען אָנשרייבן!

— וועגן דער פאַרוואַלטונג דאַרף מען אָנשרייבן!

— וואָס איז שולדיק די פאַרוואַלטונג?

— זיי האָב צוגעזאָגט אַלץ צו באַזאָרגן.

— זיי האָבן באַזאָרגט!

— און אַ קאַטיער האָבן זיי באַזאָרגט?!

— זיי האָבן באַזאָרגט! — האָט ריוּוקין אַ געשריי געטאָן מיט כעס. — דעם קאַטיער האָט מען אַוועקגעשיקט כדי . . . — ער האָט פאַרשלונגען אַ וואָרט און שטיל געבליבן. בערקע איז געלעגן, געצופּט אַ ליפּ און געשמייכלט.

— שאַ! איך האָב אַ פרעדלאָזשעניע.

— שטיל, יאַטן! פּיוּוקע האָט אַ וואָרט.

אַט וואָס, מע דאַרף אַריבערפירן אַ פּאָר פערד אַזוי, אָן אַ קאַטיער.

— אויף די מייטקעס?

— ווידל, וואָס קריכסטו!

— שטיל, יאַטן, לאָזט רעדן! זאָג, פּיווקע, וואָס מיינסטו?

— וואָס כ׳מיין? פאַראַיאָרן האָט מען דאָ געשניטן פון קראַסנאַ־רעטשקע? געשניטן. זיי האָבן אַריבערגעפירט די פערד מיט די מאַשינעס אויף לאַדקעס? אַריבערגעפירט. נו, איז וואָס־זשע גלאָצט איר ווי די גולמס? ביז מ׳עט זיך דאָרטן אויסקלייבן צו שיקן אַ קאַטיער, קאָן מען אויפשטעלן אַ פּאָר סטויגן.

מע איז געבליבן שטיל. אַרום רויך האָבן געזונגען די קאָמאַרעס. דער אָמור האָט שטיל געקלאַפּט אין ברעג. מע האָט געקוקט אויף ריווקינען און געשוויגן.

ריווקין האָט אַ מינוט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און געזאָגט שטיל, ווי פאַר זיך אַליין:

— סאָקאָל וואָלט איבערגעשוואומען, אַ קלוגער פערד איז ער.

— ס׳אַ מורא ריזיקירן, — מיינט זלאַטקין.

— גיי שלאָפן, אַז דו האָסט מורא. איך פיר אַריבער צוויי פערד, אַניט גיב איך מיין קאָפּ!

— גוט, פּיווקע, מע קאָן. גוט, איך פאָר מיט דיר, — האָט ריווקין איינ־געשטימט. — בלייבט עס אַזוי. מיר פאָרן נעמען סאָקאָלן, פריד גייט אין שטאָט אַריין און דאָ וועט מען שטעלן קאָפּנעס.

מע האָט צעשלעפּט די שייטערס אין די ביידלעך, אין די קאָמאַרניקעס אַריין. מע האָט זיי אָנגעפילט מיט רויך און מע איז אַריינגעקראָכן אין די זעק שלאָפן.

די קאָמאַרניקעס זיינען אויפגעצויגן אויף נידעריקע שטעקלעך, וואָס זיינען אַריינגעזעצט אין דער ערד. אַרום און אַרום זיינען זיי אַרומגעשיט מיט ערד. בלויז דורך איין אויפגעהויבענעם עק קריכט מען אַריין, מע נעמט מיט רויך אויף אַרויסצוטרייבן די קאָמאַרעס און מען שלאָפט איין. מע שלאָפט גוט, געשמאַק ביים ברעג פון אָמור. נאָך זייער אַ לאַנגן טאָג שווערער אַרבעט שלאָפט מען געשמאַק. נאָר לאַנג שלאָפט מען ניט. נאָך אַ פּאָר שעה שלאָפן נעמען זיך רודערן די קאָמאַרניקעס און קללות שיטן זיך פון דאָרט אַרויס אָן אַ שיעור.

— דוכט זיך, גוט פאַרמאַכט דעם קאָמאַרניק, און אָנגעקראָכן.

— ביי מיר איז געווען אַ רויך — דערשטיקט צו ווערן, קיין איין קאָמאַר איז ניט געבליבן.

— דער שוואַרץ יאָר ווייסט עס, ווי מע זאָל אומישנע אַנלאָזן אַהער די קאָמאַרעס.

— קען זיין, אַז ס׳איז עמעצנס אַ שטיקל אַרבעט.

— פּאַקט מען — איז געשלאָגן צום טויט.

— „שור“ [1] לאָזט מען אָן. ביי מיר איז געווען אונטערגעהויבן דער קאָמאַר־ניק. מע דאַרף „וואַטשן“ [2] — זאָגט מאַן, וואָס וואַרפט זיך ווי אַ וואָרעם און קאָן ניט שלאָפן.

לעבן אים אין אַ קאָמאַרניק ליגט דער אַלטער ברייטער, שטיל.

---

[1] זיכער. [2] היטן.

— אַט, זעט איר, — שרייט אַרויס מאַן פון קאַמאַרניק, — דער אַלטער קרעכצער שלאָפט גאָר, אים בייסט גאַרניט, ער ליגט זיך רויִק.

— זאָלסט אַזוי רויִק ליגן אין קבר, אַמעריקאַנעץ, גנב! — שרייט אַרויס מיט אַ וויינענדיקן טאָן דער אַלטער ברייטער און צעקרעכצט זיך.

— קינדער, — זאָגט מאַן, — מע דאַרף „וואַטשן", איך נעם זיך אונטער צו „וואַטשן".

— קוואַטש, — ענטפערט ברייטער, — ווער דערוואָרגן!

מ'איז געפאָרן ברענגען סאָקאָלן. אויף צוצוגעבן ריוּוקינען מוט, דערציילט פּייוּוקע סאָקאָלס חכמות.

— געדענקסט, ריוּוקין, — הויבט ער אָן און לאַכט, קאַטשעט זיך מיט די וועסלעס אין די הענט, — געדענקסט מיט די וואַרעניקעס? אין אַ וויכאָדנאָי איז עס געווען, מע האָט געמאַכט וואַרעניקעס, מיר זיינען אַלע געלעגן אויפן גראָז ביי דער סטאָלאָווע, ווי הינט אַרום אַ יאַטקע. ביי די יאַטן רינט די סליונע פון די פּיסקעס און זעלדע קלעטראַק וויל ניט געבן פריער, ביז אַלע וועלן ווערן פאַרטיק, כאַטש גיב איר טויזנט קרענק, וויל זי ניט געבן צו פאַרזוכן. און דאָ ליגט שוין אַ שיסל וואַרעניקעס פון אַ שטיק הונדערט — אין פּוטער ליגן זיי, פּעטע. ליגן מיר און וואַרטן. צו יעדן וואַרעניק, וואָס זי לייגט אין שיסל אַריין, לייגט מען צו אַ קללה. נאָר פאַרפאַלן — זי וויל ניט געבן, וואַרט מען. יאַטן ליגן אַזוי לאַנג אויף די בייכער, ביז מע נעמט איינדרעמלען. איך, ווייסטו דאָך, האָב פּיינט צו שלאָפן. ליג איך און קוק אויף די וואַרעניקעס און דאָ זע איך: פון פעלד קומט זיך אָן דער בחור, סאָקאָל. ער מאַכט אַ טריט און קוקט זיך אַרום, מאַכט אַ טריט און קוקט זיך אַרום. זעלדע שטייט ביים פייער פאַרפלאָמט און שוויצט. „אוי, — טראַכט איך, — דער בחור וועט פאַטערן די וואַרעניקעס." איך וויל אַ געשריי טאָן, נאָר עפּעס לאָזט עס מיך ניט. ער מאַכט עס אַזוי קלוג, ווי אַ געניטער גנב. „עס, — טראַכט איך, — זאָל דיר וואויל באַקומען." גייט ער צו צום שיסל, גיט אַ שמעק, אַ לייכטן דריי מיטן וויידל און אַ קיי מיט די ליפּן. ער האָט פאַרשלונגען אַלע וואַרעניקעס ביז איינעם. די גראָבע זעלדע האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און געמאַכט אַ גוואַלד: „אוי, די וואַרעניקעס!" נאָר סאָקאָל איז זיך אַוועק מיט אַן אויסגעשמירטער מאָרדע, כאַטש טראָג אים אונטער אַ האַנטעך אָפּצואווישן. אַט אַ חכם אַ פערד, — פאַרענדיקט פּייוּוקע און שפּאַנט איין די הענט, וואָס האָבן זיך אַביסל נאָכגעלאָזט ביים דערציילן. דאָס שיפל גליטשט זיך איבערן אַמור און פּייוּוקע פּאַטשט מיט די וועסלעס, פריילעך, לעבעדיק.

אַ קלוג פערד, סאָקאָל, אַ שיינס, אַ — שטאַלטנע פאַרשוין: שוואַרצער סאַמעט, טיפע, קלוגע אויגן מיט ציטערדיקע נאָזלעכער.

גאַנץ אָרלאָווקע איז זיך צונויפגעלאָפן קוקן ווי סאָקאָל וויל ניט אַרויפגיין אויפן אַמור, ווי ער שטייט מיט אַ פּאָר אָפענע בעטנדיקע אויגן און ציטערט מיט די נאָזלעכער. מע פירט אים אַריין אין וואַסער, טרינקט ער זיך אָן און ווייטער גיין וויל ער ניט, כאַטש דערהרגע אים. די בייטשן סווישטשען אין דער לופט,

די קולות פֿאַרהילכן און סאָקאָל רייסט דעם קאָפּ פֿון ציימל און ציט זיך אויף צוריק.

— סאָקאָל, — בעט זיך פּיוּוקע, — סאָקאָל! — ער גלעט אים דעם האַלדז, ער קושט אים אין דער מאָרדע.

סאָקאָל קוקט אויף אים זײַטיק מיט בעטנדיקע אויגן און בלאָזט מיט די נאָזלעכער. ניין, אין וואַסער אַריין וויל ער ניט. דאָס דאַרף שטייט ביים ברעג, טרײַבט אונטער, לאַכט, האַלט אָפּ, ציט אויף צוריק און גיט צו חשק.

אַ פּאָר שעה האָבן זיי זיך אָפּגעמאַטערט ביים ברעג, ביז פּיוּוקע האָט אַ וואָרף־אַראָפּ געטאָן פֿון זיך די הויזן מיטן העמדל און האָט זיך אַ לאָז געטאָן רײַטן ביים ברעג. ער איז אַזוי לאַנג אַרומגעריטן און אַרומגעדרייט זיך, ביז ער האָט סאָקאָלן דעם קאָפּ פֿאַרדרייט און אַ לאָז געטאָן זיך שווימען מיט אים. ווען סאָקאָל האָט פֿאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פֿיס, איז פּיוּוקע אַראָפּ־געשפּרונגען פֿון אים. האַלטנדיק דאָס ציימל אין האַנט איז ער געשוואומען צום שיפּל, וואָס ריוּוקין האָט געפֿירט ביים ברעג. ער איז אַרײַן אין שיפּל, פֿעסט אַרומגעבונדן דאָס ציימל אַרום זײַנע קורצע, פֿעסטע, ברוינע, פֿאַרהאָרעוועטע הענט, וואָס האָבן זיך אָנגעצויגן מיט בלויע שטריקלעך. ריוּוקין האָט אַ צי געטאָן מיט די וועסלעס און זיי האָבן אַ שניט געטאָן דעם אַמור.

גיך האָבן זיי געצויגן פֿון ברעג, גיך, גיך האָבן זיי געדרודערט. זיי האָבן געפֿיבערט. פּיוּוקע איז געלעגן אויסגעצויגן אין שיפּל אויפֿן בויך, פֿעסט גע־האַלטן סאָקאָלן ביים ציימל, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אויף זײַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. סאָקאָל איז נאָכגעשוואומען מיט אומעטיקע אויגן, אַ שרעק איז געוואַקסן פֿון מינוט צו מינוט אין די צוויי קלוגע פֿערדישע פּיאַלעטעווע אויגן. ריוּוקין האָט געדרודערט שטאַרק און גיך, זײַן גאַנצער קערפּער איז געווען געשפּאַנט. יעדעס אָדערל איז געווען אָנגעצויגן און האָט געאַרבעט. מיט די אויגן האָבן זיי געשלונגען סאָקאָלס קאָפּ, וואָס האָט זיך געהאַלטן העכער איבערן וואַסער.

ביים ברעג האָט מען זיי אויפֿגענומען מיט פֿאַטשערײַ און מיט הוראַ־געשרייען. ס'איז שוין געווען נאָך דער אַרבעט. די נאַכט האָט זיך שוין געהאַט אַריבערגעגליטשט איבער די מאַנדזשורער ברעג.

צום ברעג זײַנען זיי צוגעקומען מידע, שווײַגנדיקע, אָן אָטעם. זיי האָבן געקוקט אויף סאָקאָלן מיט שולדיקע בליקן, ווי זיי וואָלטן קעגן אים באַגאַנגען אַ גאָר גרויסע זינד. אַ פּאָר שעה איז ער געשטאַנען, סאָקאָל, ביי אַ קופּע היי און האָט קיין שמעק ניט געטאָן צו דעם. פּיוּוקע איז די גאַנצע צײַט לעבן אים געשטאַנען און מיט ליבע געגלעט זײַן האַלדז. בערקע איז צוגעקומען און אַ זאָג געטאָן:

— געפּאַטערט דעם בעסטן פֿערד. אַ מיתה־משונה אויף אײַך!

האָט אים פּיוּוקע אָפּגעמאָסטן מיט אַזאַ בליק, אַז ער האָט זיך גלײַך אָפּגעטראָגן.

מיט סאָקאָלן איז גאָרנישט ניט געשען. ער האָט זיך אָפּגערוט און צוריק

געוואָרן אַ לייט... נאָר וועגן אַריבערפירן נאָך אַ פערד איבערן אַמור, האָט שוין קיינער מער ניט גערעדט.

ביינאַכט קאָן מען ניט שלאָפן. עס העלפט ניט דאָס אַנרויכערן ביז צום דערשטיקט ווערן אין די קאָמאַרניקעס און אין די ביידלעך פאַרן שלאָפן גיין. איגמיטן נאַכט כאַפּט מען זיך אויף מיט קרעכצן און מיט קללות, וואָס מען שיקט אַוועק צו עמעצנס אַ קאָפּ. געגוי צו וועמען ווייסט מען ניט. מאַן האָט אָנגעהויבן היטן, איז ער פון מידקייט איינגעשלאָפן. פּרוּווט מען איבערוואַנדערן, מען גייט פון די ביידלעך אין די קאָמאַרניקעס אַריין, פון די קאָמאַרניקעס אין די ביידלעך אַריין, און אומעטום ווערט מען געביסן. אַנדערע וויקלען זיך אין די קאָלדרעס און לייגן זיך אַוועק אויף די שיפלעך, וואָס שטייען צוגעבונדן צום ברעג. אַנדערע גייען אַרום און קראַצן זיך. קיינער שלאָפט ניט. די לופט איז שטיל, אויסערן זשומען פון די קאָמאַרעס הערט מען גאָרניט. דער אַמור ליגט אַ גלאַטינקער און די לבנה קריכט אַרום און פאַרבט אים אין אַ גרינעם קאָליר. כמורנע און שטיל שטייען די מאַנדזשורער גרענעץ־בערג.

אין אַזוינע שלאָפלאָזע נעכט, וואָס חזרן זיך איבער כמעט נאַכט נאָך נאַכט, קריכט מען סוף־כל־סוף פון די ביידלעך, מען פאַרקאַטשעט די קאָמאַרניקעס און מען זעצט זיך אויס אַרום אַ גרויסן שייטער און מען דערציילט זיך מעשיות.

אַ סך מעשיות הערט אויס דער ברעג פון אַמור און גאָר נייע, קיינמאָל ניט געהערטע מעשיות פון פּאַריז, פון בוענאָס־איירעס, פון ניו־יאָרק און פון לאָס־אַנדזשעלעס.

דער אַמור איז געוואוינט צו הערן מעשיות פון די העלדנטאָטן פון די רויטע פּאַרטיזאַנער, מעשיות, ווי מע האָט פּאַרטריבן ווייסע באַנדיטן, מעשיות פון העלדישן אומקום, פון רויטע באַפרייער, מעשיות פון קאַמף און פון זיג.

היינט הערט דער אַמור גאַנץ נייע מעשיות; מעשיות פון מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזן די אַלטע היימען, פאַרלאָזן גרויסע שטעט אין ווייטע פרעמדע לענדער און מע איז געקומען דאָ צו די ווילדע אַמורער ברעגן קאַרטשעווען די טייגע, טריקענען זומפּן, פאַרטרייבן דעם אייביקן איינוואוינער פון זומפּ — דעם קאָמאַר — און בויען אַ ניי לעבן פאַר באַנייטע מענטשן.

פאַר די מענטשן, וואָס זיינען געלעגן אַרום שייטער און האָבן אויסגעהערט די טענות פון די געקומענע קיין בּיראָבּידזשאַן, איז אַלץ געווען קלאָר און פאַר־שטענדלעך. ס'איז זיי אַפילו קלאָר און פאַרשטענדלעך געווען די ניט־קלאָרע און אומפאַרשטענדלעכע מעשה פונעם אַלטן ברייטערן. ס'איז זיי אַלץ געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך. נאָר עפּעס האָבן זיי ניט געקאָנט איינבייסן מאָנס דער־ציילונג. אין אַ מין מאָדנער שטאָט האָט ער געוואוינט — לאָס־אַנדזשעלעס רופט מען די שטאָט. אַ גן־עדן דאָרט אַ גאַנצער, דערציילט ער. מאַראַנצן, ווייַנטרויבן — אונטער פענצטער. נעם, צי אויס די האַנט און לייג אין מויל. די מאַגאַזינען זיינען פול מיט אַלדאָס גוטס, נאַ דיר וויפל דו ווילסט, נאָר... גיי פּרוּוו, נעם עס...

— עך, — זאָגט ער, — חברימלעך, איר זייט נאָך יונג, מיך פאַרשטיין קאָנט איר נאָך ניט, און די אַלטע קאָנען ניט און ווילן ניט פאַרשטיין. קושן

דאַרף מען דאָך יעדעס ברעקעלע ערד — אַט אַפּילו פון דער נאַקעטער וויסטער טייגע. עס איז טאַקע גאָרנישט ניטאָ דאָ, עס איז נאָך רוי, נאָר עס קאָן דאָך אַזוי פיל זיין — עס וועט דאָך אַזוי פיל זיין! דאָרט ביסטו געשפּאַנט, געצווימט, געדריקט און געוואָרגן, דאָרט ווערגסטו זיך טיילמאָל מיט ווייסער בולקע מיט פּוטער, דאָרט האָסטו אַפילו די מעגלעכקייט אויפצוהענגען זיך אויף זיידענע טיכער. און דאָ ביסטו פריי, נעם דאָס בעסטע שטיק לאַנד, אַקער, אַרבעט, בוי, שאַף, באַרייכער דיין לעבן. דאָ שטערט מען דיר ניט. פאַרקערט, מע העלפט דיר באַרייכערן זיך, און דו באַרייכערסט דיין לאַנד. נעם די טייגע, בוי אַ נייע היים פאַר יידן, אַ היים פון ערלעכער מי, פון אַרבעט, אַ סאָציאַליסטישע היים.

— נו, וואו נאָך קאָן אַזוינס מעגלעך זיין? — פרעגט ער, און דאָס פּנים פלאַמט אויף, די אויגן גלאַנצן, ער איז שטאַרק צעוואַרעמט און צעלויכטן.

— פאַרוואָס איך בין געקומען פונעם צעבליטן גן־עדן לאָס־אַנדזשעלעס, פונעם גן־עדן, וואָס האָט זיך שוין אַזוי צעבליט, אַז ער נעמט שוין אַזש וועלקן, פאַרוואָס איך בין פון דאָרטן געקומען אַהער אין דער טייגע, וואָס הויבט איצט אָן בליען — דאָס איז אָן ענין אַ פּשוטער, נאָר פאַרשטיין דאַרף מען אים און אויך דערפילן.

ער האָט געענדיקט, אויסגעצויגן זיךביים שייטער און געבלאַנדזשעט מיט די בליקן איבער די רחבותדיקע ברייטן פון אַמור, איבער דער טונקעלער גרינ־קייט פונעם טאַרעבאַרעווער אינדזל און איבער די שטילע גרענעץ־בערג. די קאַמונאַרן זיינען געבליבן ליגן שווייגנדיקע, פאַרטראַכטע. מע האָט זיך גע־סטאַרעט צו פאַרשטיין דעם גאַנצן תוך פון מאַנס רייד און מען איז צוגלייך מיטן מאַרגן־בלוי איינגעשלאָפן אַרום שייטער, וואָס האָט געטליעט און געשפּריים העל־גרויע רויכלעך אַרום די קעפּ.

ווען די זון גיט דעם ערשטן וואַרעמען שמיר איבער די פּנימער, שטייען שוין די שניטער אויף די פיס. יאָ, געשלאָפן, ניט געשלאָפן, יאָ געביסן, ניט געביסן, ווען דער טאָג אויפן אַמור צעקליינגט זיך, קלינגען אויך די קאָסעס אין די הענט.

פאַרביישווימענדיקע פישער האָבן אָנגעזאָגט שלעכטע נייס. עס פאַרנעמט זיך אויף אַ רעגן און לאַנג וועט דער רעגן גיסן. און נאָך האָבן זיי דערציילט נייס און נאָך טרויעריקער איז די צווייטע נייס געווען: אַ צווייטע פאַרפלייצונג וועט קומען נאָכן רעגן, דער טייך סונגאַרי איז אַרויס פון די ברעגן און ער רייסט זיך אין אַמור אַריין. די מעטעראָלאָגישע סטאַנציע ווייזט אויך אויף אַ פאַר־פלייצונג — האָבן זיי געזאָגט. די נייס האָט מען אויפגענומען ביים ברעג פון אַמור, ווי אַ נייס אויף מלחמה, ערב אַ שלאַכט מיט אַ שונא, ווען וועלכן מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער גרייט זיך גאָר שטאַרק. און אַז דער שונא גרייט זיך, מוז מען זיך גרייטן נאָך שטאַרקער, כדי דעם צוגעגרייטן שונא בייצוקומען. פיבערט אויף אַמור. די קאָסעס אין די הענט גייען דרייסט און זיכער, און דער אַלטער ברייטער, ווי ער וואָלט זיך אונטערגעגעבן זיין גורל, גייט אויך, כאָטש אַ שווייגנדיקער, מיט דער קאָסע אין די הענט אין דער אַלגעמיינער ריי און פון

זיין ווי אַ ריבאַייזן צעריבענעם פּנים קרימט זיך אַמאָל אַ שמייכל, ווען די קאָסע אין זיינע הענט זינגט אין אַלגעמיינעם כאָר.

און אַזוי איבערן גאַנצן גרויסן טאָרעבאָרעווער אינדזל באַוועגן זיך מענטשן מיט קאָסעס, מיט ווילעס און מיט גראַבליעס. גיך פֿיבערן די טעג. יעדער איינער פֿלייסט זיך אַרבעטן שנעל. יעדער איינער טרייבט אונטער מיט זיין שנעלער אַרבעט דעם שכן זיינעם. אַפֿילו סאָקאָל, אַט דאָס קלוגע, בראַווע פֿערד, דוכט זיך, פֿאַרשטייט אויך און פֿילט די ערנסטקייט פֿון דער לאַגע. אויך סאָקאָל אַרבעט פֿלייסיק. ער ציט די אַדערן אויפֿן האַלדז און שלעפּט די קאָפּנעס היי צום ערשטן סטויג, וואָס ווערט היינט אויפֿגעשטעלט. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס די זון איז שוין לאַנג פֿאַרגאַנגען, ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס די קאָמאַרעס ווילדעווען איצט מיטן אָנקומען פֿון נאַכט שטאַרקער, ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס דער איינ־געצויגענעם מאָגן פֿאָדערט עסן. דעם אָנדערהאַלבן־טויזנט־פּודיקן סטויג היי מוז מען היינט אויפֿשטעלן, מוז מען היינט ענדיקן.

צוריק גייט מען פֿריילעכע, כאָטש שטאַרק אויסגעמאַטערטע. דער איינדזל צעזינגט זיך מיט שטילע, געפּרעסטע טענער. (די גרענעץ־בערג שטייען כמורנע). מען גייט מיט פֿרייד, מען פֿילט ניט די מידקייט, מע פֿילט אויך ניט דעם הונגער. זעלדע די קעכין שטייט דאָרט ביים ברעג אין אַ וואָלקן רויך און קאָכט צוויי קעסלען עסן. ברויט ליגט שוין אָנגעשניטן, גרייט צום עסן. און באַלד וועט מען זיך אויסזעצן מיט אַראָפּגעהאַנגענע פּיס צום אַמור און מע וועט קייען געשמאַק, געזונט און מיט אַפּעטיט. דערווייל גייט מען מיט געזאַנג. די טיכלעך אויף די קעפּ פֿלאַטערן, די קאָסעס אויף די אַקסלען גלאַנצן מיט מאַטע שיין אָנטקעגן דער אויפֿגייענדיקער לבנה. עס איז שוין נאַכט, עס איז שוין גוט נאַכט. נאָר קיינער ווייסט ניט פֿון קיין צייט, קיינער פֿרעגט ניט ווי שפּעט ס׳איז. מען ווייסט נאָר, אַז אַזויפֿיל און אַזויפֿיל האָט מען געמוזט שניידן, אַזויפֿיל און אַזוי־פֿיל קאָפּנעס האָט מען געמוזט אויפֿשטעלן און דעם ערשטן אָנדערהאַלבן־טויזנט־פּודיקן סטויג האָט מען געמוזט פֿאַרענדיקן. גייט מען מיט געזאַנג. ס׳קומען אָן שניטער, קאָפּנעס־מאַכער און סטויגן־שטעלער, מען קומט פֿון אַלע זייטן. ס׳קומען אָן רובין מיט פּיוּוקען, וואָס האָבן היינט געמאַכט דעם ערשטן אַרויספֿאָר צו זייער געוועט. סקומט גרוניע, אַ לעבעדיקע, אַ ברוינע, אַ פֿרישע ווי אַ צייטיקע פּרוכט. זי זינגט מיט די צוויי שפּיצן פֿון אירע גרינלעכע אויגן, זי האָט היינט אַלעמען איבערגעיאָגט ביים קאָפּנעס־שטעלן. מיט אַ האַלבער נאָרמע מער האָט זי היינט געמאַכט. פֿון אַלע זייטן קומט מען אָן און מע באַגריסט מיט אויפֿ־געהויבענע קאָסעס און ווילעס דעם ערשטן סטויג, וואָס שטייט אויף אַ בערגל אינמיטן אינדזל. אַלע זיינען פֿריילעך, מע וואַרפֿט פֿון זיך די הויזן און מע שפּרינגט אינעם פֿרישן קילן אַמור.

עס לעבן אויף די ברעגן פֿון אַמור.

מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיצט מען אויפֿן ברעג, מען קייט ברויט מיט שטיקער פֿלייש און מע הערט זיך צו, אפֿשר קלאַפּט אַ מאָטאָר, אפֿשר קומט שוין אַ קאַטיער. ס׳איז יעדנס גרעסטער פֿאַרלאַנג דאָס אָנקומען פֿון אַ קאַטיער מיט

די פערד און מיט די מאַשינעס, מע זאָל עס קאָנען אָן אַרבעט טאָן גיך און גוט. זיצט מען און מע הערט זיך צו צו יעדן נייעם רויש, וואָס דערהערט זיך אויפן אַמור.

די ערשטע טעג האָט אָפּגענאַרט דאָס מאָטאָר־שיפל פון דער גרענעץ־וואַך. פון וויאַרסטן ווייט הערט מען דעם מאָטאָר קלאַפּן און ווי אַ פינטל מיטן אויג פליט עס פאַרביי דעם ברעג. עס צעשניידט דעם אַמור אויף צוויי פאַסן, וואָס וואַרפן זיך געפאַלדעוועטע צום ברעג, און ס׳לויפט גיך, גיך צו דער גרענעץ און פון דער גרענעץ. היינט דערקענט מען שוין דעם טומלדיקן רויש, וואָס עס מאַכט אָט דאָס שיפל אויפן אַמור. אַ פּאָר מאָל אין טאָג לויפט עס פאַרביי דעם ברעג. ס׳איז לעבעדיק אויפן אַמור, שיפן גייען, גרויסע שיפן, מיט ליכט און מיט געזאַנג גייען די שיפן אויפן אַמור. מע טאַנצט אויף די שיפן, מע שפּילט און מע זינגט דאָרט. פון ברעג באַגריסט מען די פאַרבייגייענדיקע שיפן מיט אויפגעהויבענע קאָסעס און פון דאָרטן ענטפערט מען מיט ווייסע טיכלעך.

1934

ב. אַלעווסקי

בירָאָבידזשאַנער לידער

אַ וועג

דער ערשטער — אַ וועוורִיק — פון צעדער, פון הויך
דערהערט האָט דעם אויפרייס, דערזען דעם רויך.

אין פינצטער, אין צווייגן — פאַרגליווערט פון שרעק,
באַהאַלטן די מאָרדע אין פוכיקן עק.

דער וועוורִיק — פאַרציטערט — פון פאָדערשטע פיס
האָט דעמלט פאַרלאָרן די שישקע מיט ניס.

פון הייל — אונטער וואָרצלען — אין צאָרן דער בער
אַרויס איז אַ ברוינער, און טופּענדיק שווער

אויף די הינטערשטע לאַפּעס — זיך אונטערגעשטעלט,
געגעבן אַ רעווע אַזאַ אויף דער וועלט,

אַז ס׳האָבן אַרום אים גענומען אַזש וואַיען
די אַלטע, די גרינע — צעפּאַטלטע כוואָיע,

די כוואָיע — די גרויע צעבויגענעביימער
באַוואַקסן מיט ווייסע, מיט שליימיקע שוואָומען...

מיט אויטאָ־מאַשינעס, מיט לאָמען, מיט העק,
דורך טייגע און בלאָטעס, מע לייגט דורך אַ וועג.

מאַכט דער בער אַזאַ שרעקלעך געהויל...
אַ פראָש פון דער בלאָטע — צערעפּעט דאָס מויל,

אַ נאַסער, אַ גרינער פון גרוי און פון וויסט
שפּרינגט אויף די לאַנגע הינטערשטע פיס.

פאַרבראָכן די פאָדערשטע פיסלעך די צווי —
קוואַ — שרייט אין בלאָטע — און קוואַקעט פון ווי.

— קוואַ־אַ — שרייט אין פינצטער — געוועזן אַזוי וואויל,
שטיל אין דער בלאָטע, דאָס גראָז האָט געפוילט,

קיינעם מע זעט ניט — מחיה. ס׳איז שאַ.
מע ליגט אויפן בייכל — מע קוואַקעט זיך — קוואַ־אַ.

קוואַ־אַ — כאַפּן אונטער די פּרעש מיך אַרום —
ס׳גראָז אין די בלאָטעס סע בולבעט זיך שטום...

גיט אַזאַ הילעך אין וואַלד — אַ מאַנאַל,
אַ קרעכץ און אַ דונער אַ בראַך און אַ פאַל,

דעם ראַש כאַפּן אונטער פון וויטן די בערג,
קייקלען דעם ווידערקול איבער דער ערד.

פון נאָרעס אַרויס און פון ביימער אַראָפּ
דער וועווריק, דער וואָלף מיט דעם בולעווע־קאָפּ,

דער בער און קאַבאַן — מיטן שפּיציקן שנוק,
מע לויפט פון די וועלדער מיט וואַי און געהוק.

און ס׳טראָגן די סאָוועס, די אָדלערס, די ראָבן
די פּוכיקע קינדער פאַרפרעסט אין די שנאָבלען,

זיי שרייען פון אומגליק — זיי לויפן פון שרעק...
דורך טייגע און בלאָטעס מע לייגט דורך אַ וועג,

מע קאָרטשעט, מע פרייט זיך, מע גראָבט און מע לאַכט
און שייטערס מע צינדט אין דער ליכטיקער נאַכט...

שטאָט

1

זון און שניי פון אומעטום
אַזויפיל ליכט — און שיין אַ ים.
איך ווער פאַרטרונקען פון דער זון
מיט אַלע פופצן טויזנט מאַן.

מע טאַסקעט שטיין און האָלץ מע טראָגט —
און וועגט צעשפּאַרן שוין די וויט.
מיין קלייבינק מאָסקוועלע — סע יאָגט
און קיינער האָט דאָ ניט קיין צייט.

סע וואַקסט אַ הויז — און נאָך אַ הויז —
אין ברייטער באַרגיקייט אין ווייסער,
דער ערשטער קומען קריכט אַרויס
און הייבט זיך אויף אַריבער הייזער.

און ווען פאַרנאַכט — סע נעמט פאַרגיין,
און הימלען פלאַקערן אין פייער,

און מידע לאָזט מען זיך אַהיים —
צו פרישע הילצערנע געביידן,

אַזאַ מין שטילקייט אין געמיט!
אַזאַ מין רואיקייט אין בליק!
און ווען דעם ערשטן פייף סע גיט
די נייע הילצערנע פאַבריק,

סע ווערט פאַמעלעכער דער טראַט,
עס ווערן שטיל ביראָבידזשאַנער,
אַלע קוקן אויף דער שטאָט
און אַלע ווערן דאָ ווי מאַמעס —

מע הערט זיך איין — סע שרייט אין שניי,
ס׳ווערט דער ערשטער פייף געגעבן —
דער ערשטער קינדערשער געשריי
פון אונדזער ניי־געבוירן לעבן.

2

עס טאָגט. קיילעכיק און שווער
וועט באַלד די זון אַ גרויסע זיך באַווייזן.
עס הויבט שוין אָן זיך אויסשיילן די ערד
מיטביימער און מיט קוימענער און הייזער.

עס ווערן רויט די גרויע דעכער־שפּיצן.
מיט רויטן אויפגאַנג גיסט די וועלט זיך אָן.
מיד פון נאַכט, פאַרמאַטערט פון אַ זיצונג
גייט דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם.

ער גייט אַהיים. מע גריסט זיך, מע באַגעגנט . . .
— — — — — — — — — — — — — — —
ווייניק שלאָפן מענטשן אין דער געגנט! . . .
— — — — — — — — — — — — — — —

3

סע ליגט די ערד אין בלענדיקן פרימאָרגן
אַ באַגאַסענע מיט שיינענדיקע פלאַמען.
ליב ווערט מיר די לאַסט פון מיינע זאָרגן —
פון מיינע און פון אַלעמענס צוזאַמען.

האַרטער ווערן, נייער מיינע הויטן.
דאָס האַרץ ווערט פול — מיט ברייטקייט און מיט טאָגן,

ווי כ׳וואָלט אַ הימל איצט — אַ ליכטיקן
ערגעץ טיף אין זיך געטראָגן...

אַ וואַלד

איך שטיי אויפֿן שוועל פֿונעם ליוונטןביידל.
מע צינדט אינעם אויטאָ שוין אָן די לאַמטערנס.
סע קאַפּעט די ראָסע. צענומען די צווייגן —
סע וואַרטן די ביימער פֿאַרגליווערטע, שווערע.

אַ סאָווע מיט קיילעכיק־אָפֿענע אויגן
דערזען אין וואַלד מיך — און יאָגט מיט געשרייען.
מיט שרעק האָט דער שווערער דער פֿינצטערער פֿויגל
גענומען זיך איבערן קאָפּ מיינעם דרייען
און פּאַטשן און שרייען...

מיט שטאָלענעם פֿערד־קראַפֿט
סע ברעכט זיך אַריין די מאַשין אין די צווייגן,
און ביידע לאַמטערנס — די אויגן פֿון אויטאָ
נעמען די נאַכט אויף צוויי העלפֿטן צעשניידן,

ס׳ווערט ראַשיק אין טייגע. פֿאַרלאָזן די ביידלעך,
דורך וואַלגער געדיכטן — אָן שטעג אָן אַ וועג
מיט פּאַרטיעס מענטשן איך לאָז זיך אין טייגע,
אויף פּלייצעס פֿאַרוואָרפֿן די זעג און די העק.

מיר ווערן פֿאַרשוואונדן . . . אין ביימער אין גרינע,
ווי פּאָר אַ שטורעם — מע קאָן דאָ דערהערן —
סע קאַפּען די לויטערע זאַפֿטן און רינען,
עס גיט זיך אַ וואַלגער אַ קיילעכיקער שטערן,

און נאָכדעם — אַ הילעך. עס בויגן זיך קרוינען,
עס קלינגען די העק און עס הוילן די בערג,
סע פֿליען די פֿייגל, סע קרעכצן די ביימער.
און גליק איך דערזע אויף מיין ליכטיקער ערד —

און פֿיל פֿון דער וועלט — ווי פֿון טויערן גרויסע —
די שלעסער צעעפֿנט, די וועגן באַהעלט.
מיר טראָגן אין גרויסן אין וואַלדיקן דרויסן
די גאָלדענע שליסלען אַצינד פֿון דער וועלט.

כינגאַן

מיט נעפּלען פאַרדעקט איז כינגאַן — און מיט רויך.
עס האָבן די בערג דאָ פאַרנומען דעם הימל.
ס'איז קיינער ניטאָ . . . איך קריך צו דער הייך.
אַ רוקזאַק. אַ קאָמפּאַס. אַ ביקס אויפן רימען.

מיט פעלדזן מיך רינגלט אַרום דער כינגאַן —
אַמור ערגעץ אונטן — ער יאָגט זיך צום ים.
עס רעש'ן די וועלדער. עס קלינגען די בערג —
כ'האָב ליב דיך, מיין יונגע, מיין באַרגיקע ערד!

איך נורע זיך איין. איך באַהאַלט זיך אין כוואָיע.
וואָס דאַרף איך דען איצטער? וואָס האָב איך געוואָלט?
איך בין געקומען אויף בערג און אויף רויערד,
געזינטער און שענער זאָל ווערן מיין פאָלק!

1936

ב. מילער

א באַגעגעניש

(קאַפּיטלען פון דער דערציילונג „בירא־בידזשאַן")

זינט גיטל האָט געלעבט אין בירא־בידזשאַן, איז איר נאָך דאָ קיין איין מאָל ניט געווען געגוג אויפגעלייגט אויפן האַרצן און דער קאָפּ איז איר ניט געלעגן דערביי, זי זאָל אַרויסנעמען פון קאַסטן, וועלכן זי האָט נאָך מיטגעבראַכט פון קיראָוואָגראַד, אירע יום־טובדיקע קליידער, וואָס זי האָט געמאַכט, ווען עזריאל האָט נאָך געלעבט. איצטער, אויף צו באַגעגענען איר גאַסט, אויף וועלכן זי האָט אַרויסגעקוקט, האָט זי אָט די קליידער צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן. היפּש אַלט־מאָדיש, אָבער זייער יום־טובדיק, האָט זי אויסגעזען אינעם לאַנגן, ביז דער ערד, שוואַרצן זיידענעם קלייד, וואָס האָט געשמעקט מיטן אַלטן נאַפּטאַלין, מיט קאַסטן און מיט פאַרגאַנגענע יאָרן, אינעם שוואַרצן דין־אַרומגעזוימטן טוך, פון אונטער וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזילבערט אירע האָר. נאָר די דערהויבענע יום־טובדיקייט איז איצט געווען צו זען ניט אַזוי אין די לאַנג־ניט־גענוצטע אַלטמאָדישע קליידער, ווי אין איר גאַנצן אויסזען, — אינעם פּנים, וואָס האָט מיטאַמאָל אָנגעוואוירן אַ סך פון זיין אַלטער געלקייט און אויף וועלכן עס האָבן זיך, דאַכט זיך, אַפילו געמינערט די קנייטשן אין די אויגן, וואָס האָבן געשיינט ביי איר אַ קאַפּל יינגער און גלאַנציקער, ווי געוויינלעך...

גיטל האָט צום לעצטן מאָל מיט אויפגערעגט־ציטערנדיקע פינגער פאַרריכט דעם אַרומגעזוימטן טוך אויפן קאָפּ, אומרואיק — צי איז אַלץ אין אָרדענונג — האָט זי נאָכאַמאָל באַטראַכט די בלוילעך־אויסגעקאַלכטע ווענט פון איר צימער, זאָרגעוודיק פאַרריכט די בלאַנקענדיקע שפּיציק־אויסגעהעפטע פאַרהענגלעך אויף אירע פענצטער, וואָס קוקן אַרויס צו דער גאַס, און נאָכאַמאָל פאַנאַנדערגעגלעט אויפן טיש דעם ווייסן געפּרעסטן און פריש מיט קראָכמעל שמעקנדיקן טישטעך. אַ באַרואיקט־צופרידענע מיטן אויסזען פון איר ליכטיק־געוואָרענער וואוינונג, וואו אין יעדן ווינקעלע האָט געשמעקט מיט יום־טוב, האָט זי פאַרשלאָסן די טיר.

איידער זיך לאָזן צום וואָקזאַל, איז זי פאַמעלעך, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, אָנגעהאַלטנדיק זיך מיט אַ האַנט פאַרן פאַרענטש פונעם קאָרידאָר־לייטער, אַרויפ־געגאַנגען צו פּעסין, כדי צו בעטן מיטגיין צום וואָקזאַל. עס איז געווען זונטיק, און פּעסי האָט ניט געאַרבעט.

גיטל איז שוין דעם דריטן טאָג געגאַנגען צום וואָקזאַל באַגעגענען דאַניע זינגער. די ערשטע צוויי טעג האָט זי, ווי די שכנים האָבן איר דערקלערט, זיך צוגעאיילט. ביי איר איז דער צימער שוין געווען ציכטיק צוגעקליבן, אַלץ האָט געוואַרט אויפן גאַסט. איר אומגעדולד איז פון מינוט אויף מינוט געשטיגן, האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און איז אַוועק צום צוג. ווערליק מענטשן אויפן וואָקזאַל האָבן איר געהאָלפן אויסרעכענען, האַלטנדיק אין האַנט די טעלעגראַמע, וואָס זי

האָט באַקומען וועגן דעם טאָג פון דאַניעס אַרויספאָרן, האָט ער נאָך ניט אייערנעכטן, ניט נעכטן זיין ניט געקאָנט.

— בפרט, — האָט מען איר צוגעגעבן דערביי, — אויב דער צוג, ווי סע מאַכט זיך, וועט נאָך אַביסל פאַרשפּעטיקן...

אָבער היינט, לויט אַלע אויסרעכענונגען און, אַפילו דערלאָזנדיק, אַז דער צוג וועט פאַרשפּעטיקן, האָט ער שוין געמוזט קומען, וואָס עס זאָל ניט זיין. אַ פאַרגעפּיל איז ביי גיטלען פון אינדערפרי אָן געווען אַזאַ, — און דערפאַר טאַקע האָט היינט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט ביי איר דאָס האַרץ, אַז דאָס מאָל וועט זי צום וואָקזאַל שוין מער אומזיסט ניט גיין...

— וועסט מיר טאַקע העלפן דערקענען מיין גאַסט, — האָט זי געזאָגט, שטייענדיק ביי פּעסין אין צימער, מורא־האָבנדיק זיך צוזעצן, כדי ניט פאַרשפּעטיקן, און האַלטנדיק אויך פּעסין אין איין אונטעראיילן. — וועסטו מיר העלפן דערקענען, איך קען דאָך אים ניט, פונקט ווי דו...

אין דער אמתן האָט גיטל דערביי געהאַט אַ צווייטן מיין. צום ערשטן מאָל פאַר אַ סך יאָרן האָט זי געפילט אין זיך אַזאַ אויפגעלייגטקייט, צו שטאַרק האָט געקלאַפּט היינט ביי איר דאָס האַרץ, אַזוי אַז פאַר איר עלטער, — האָט זי געפילט, — וועט עס זיין צו שווער איבערצוטראָגן, אויב זי וועט ניט האָבן עמעצן לעבן זיך, וועמען זי זאָל קאָנען כאַטש מיט אַ וואָרט, מיט אַ בליק דערפון עפּעס איבערגעבן.

שוין אַראָפּ מיט דער קורצינקער דיקלעכער פּעסי פון די קאָרידאָר־טרעפּ און אַרויס אין ליכטיק־צעשיינטן ערב־מאַיאיקן דרויסן, האָט גיטל, אַ הויכע, אַ יום־טובדיקע אין אירע טונקעלע זיידענע מלבושים און אינעם יום־טובדיקן אַרומגעזוימטן טונקעלן טוך אויפן זילבער־גרויען קאָפּ, זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און האָט מיט חידוש — ערשט איצט, אינדרויסן, האָט זיך עס איר געוואָרפן אין די אויגן — אַ ריר געטאָן פּעסיס גרוי וואָכעדיק שאַלעכל, וואָס יענע האָט אין איילעניש אַרויפגעוואָרפן אויפן קאָפּ.

— פּע, פּעסי, כ'לעבן, איך בעט דיך, — האָט זי מיט אַ בעטנדיקער מינע צונויפגעקנייטשט דאָס פּנים.

— וואָס איז? — האָט יענע ניט פאַרשטאַנען.

— איך מיין, דאָס טיכל, מיין איך, דיינס...

— וואָס־זשע, אַ שלעכט טיכל?

— טוט זיך אָן היינט אַביסל יום־טובדיקער...

— אַז איר האָט מיך געהאַלטן אין איין אונטעראיילן — איר האָט מורא צו פאַרשפּעטיקן, האָב איך געכאַפּט, וואָס עס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט...

— נישקשה, גייט אַרויף אויף אַ מינוט. איך וועל דאָ צוואַרטן. נאָר געדענק, זאַם זיך ניט.

אין עטלעכע ווײַלעס אַרום איז פּעסי אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ אין אַ נייעם טיכל אויפן קורץ־אונטערגעשוירענעם גראָוולעכן קאָפּ און מיט אַזאַ מינע אויפן קיילעכיקן שמייכלענדיקן פּנים, ווי איינער רעדט: — מהיכא־תיתי, זי

וועט שוין איצט אויך מיט איר יום־טובדיק אויסזען, נישקשה, גיטעלען ניט פאַרשעמען...

גיטל האָט געוואָרפן אַ קורצן שאַצערישן בליק אויף פעסין — פון איר נייעם טיכל ביז די גלאַנציק־צוגעפוצטע שוואַרצע טופליעס מיטן נידעריקן קנאַפל, — צופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ, און זיי זיינען ביידע אַוועקגעגאַנגען. פעסי — אַ נידעריקע און דיקלעכע אין אַ קאַלירטן ברייטן קאַפּטל און אין בלאָוון קורצלעכן קליידל, וואָס האָט זי געמאַכט נאָך קירצער, ווי זי איז געווען, און גיטל — אַ הויכע, אין די יום־טובדיק טונקעלע לאַנגע קליידער, וואָס האָבן זי געמאַכט נאָך העכער פון איר אמתן וואוקס.

אויפן וואָקזאַל האָבן זיי מיט די אָקאָרשט־געקויפטע פּעראָן־בילעטן זיך קוים דורכגעשטופּט אינעם באַוועגלעכן געדראַנג פון מענטשן מיט פּאַרטפּעלן, זעק, טשעמאָדאַנעס, וואָס האָבן זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן אינעם דורכגאַנג. מע האָט נאָר־וואָס געגעבן צו וויסן, אַז דער צוג איז שוין אַרויסגעגאַנגען פונעם לעצטן ראַזיעזד...

אויפן פּעראָן איז געווען אַן אויפגעלעבטע האַוועניש פון אַן אַ שיעור מענטשן, וואָס דאַרפן פאָרן אָדער באַגעגענען. היינט, ווייל עס איז זונטיק, איז דאָ געווען מער מענטשן, ווי אַלעמאָל. און די האַוועניש איז דאָ געווען ביז צו פאַרלירן זיך גרויס, פיל גרעסער, ווי נעכטן און אייערנעכטן, ווען גיטל איז אַליין אַהער געקומען. גיטל האָט אַפילו צוליב מער זיכערקייט אָנגענומען פעסין אונטער דער האַנט, עס זאָל זי פון איר ניט אַוועקטראָגן מיטן גאַנצן היפּשלעכן מענטשן־שטראָם.

דער טאָג איז געווען אַ זוניק־פרישער, אַ מחיהדיק־וואַרעמער, עס האָט געשמעקט מיט ערב־מאַי. די רעלסן האָבן געגלאַנצט קעגן דער זון, ווי שמאָלע שטיקער צעשמאָלצן זילבער. אויף יענער זייט ליניעס האָבן זיך געהויבן דאַך אויף דאַך סטאַנציע־געביידעס און אין דער לענג און אין דער ברייט צעוואַקסענער אייזנבאַן־ישוב.

גיטל שטעקן האָט האַרטלעך אָפּגעקלאַפּט אינעם שטיינערנעם פּעראָן. אַרום האָט מען ראַשיק געֿרעדט, געלאַכט, אייזנבאַנער האָבן אויף לענגלעכע אייזערנע וועגעלעך, פּאַנאַנדערשטופּנדיק דעם עולם, דורכגעפירט באַגאַזש, בינטלעך צייטונגען און פאַרשיידנערליי פּעקלעך, זיך געגרייט צום צוג, וועלכער האָט אָט־אָט געדאַרפט אָנקומען.

וואָס נעענטער עס איז געווען צום אָנקום פונעם צוג, אַלץ שטאַרקער האָט ביי גיטלען געקלאַפּט דאָס האַרץ. כדי זיך אַליין ווי עס איז צו באַרואיקן, האָט זיך איר איצט גראַד געוואָלט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש — ניט וועגן דעם צוג, אויף וועלכן זיי האָבן אַרויסגעקוקט...

— פעסי, איך בעט דיך, — האָט זי זיך אָנגערופן, — וואו איז דאָ דאָס שטאַלכל, דאָס וואָקזאַלכל, מיין איך, וואָס איז דאָ געשטאַנען, — דו געדענקסט באַטש? — ווען מיר זיינען אַהער אַראָפּגעקומען צום ערשטן מאָל? — און זי האָט אַ נישטער געטאָן מיטן קורצזיכטיקן אַלטן בליק צווישן די פּילצאַליקע

גרויס־געוואַקסענע וואָקזאַל־געביידעס און ניט געפונען דאָס, וואָס זי האָט געזוכט.

— אַט דאָרט דאַרף עס ערגעץ זיין פאַרשטופּט, — האָט פּעסי איר אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט צווישן די וואָקזאַל־געביידעס. — אויב מע האָט עס נאָך ניט אַראָפּגעטראָגן. נאָר, מסתמא, איז עס שוין ניטאָ...

— איר געדענקט כאַטש די בלאָטע, וואָס מיר האָבן דאָ דעמלט געטראָפן?

— האָט פּעסי פּלוצים בוילעט דערמאָנט זיך זייער אָנקומען אַהער, אַ זאָג געטאָן צו גיטלען. — די ערד, וואָס האָט זיך געוויגט, ווי אַ צעיוירענע ראַשטשינע? אַ? — זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַרטן ערטערוויז שוין אָפּגעקלאַפּטן פּעראָן אונטער די פיס. — איר געדענקט כאַטש, וואָס דאָ איז דעמלט געווען? — זי האָט אַ פיר געטאָן מיטן בליק איבערן ווימלענדיקן עולם, וואָס האָט שוואַרץ געמאַכט דעם וואָקזאַל. — די קאַמאָרן... דאָס ווילדערניש דעמלט געדענקט איר כאַטש, גיטל, אַ?...

— יאָ, — האָט גיטל געענטפערט, — ווי זשע דען?... ווען עמעצער זאָל מיר דעמלט, אינעם ערשטן טאָג, ווען מיר זיינען געקומען אַהער, געזוען זאָגן, אַז אַט אויף דעם זעלבן אָרט וועל איך שטיין אויף אַט אַזאַ גרויסן און ראַשיקן וואָקזאַל, וואָלט איך יענעם אָנגעקוקט ווי משוגע. וויפל יאָר איז שוין אין דעם, אַ, פּעסי, זינט מיר זיינען געקומען אַהער? איך האָב שוין גאָר פאַרלאָרן דעם חשבון...

— אַט ווערט שוין פּאָוואָליע באַלד פערצן יאָר, — האָט יענע, אַ רעכן־טוענדיק אין געדאַנק, איר געענטפערט.

— פערצן, זאָגסטו? — האָט גיטל מיט קענטיקן חידוש אַ פרעג געטאָן. — יאָ, טאַקע פערצן, ביסט גערעכט, פּעסי, — און זי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן. — וויפל־זשע איז שוין, אַז מיין לייבל איז ניטאָ? אַלע פּופּצן? ווי איז מיר...

זי האָט נאָכאַמאָל טיף אַ זיפץ געטאָן.

— דער צוג! — האָט פּעסי מיטאַמאָל אויסגערופן.

כאַטש אַלע האָבן אויפן צוג שוין היפּש אַרויסגעקוקט, און ער האָט אַפילו פאַרשפּעטיקט, איז ער דאָך זייער אומגעריכט אַרויסגעשפּרונגען פון הינטער דעם ווייטלעכן סעמאַפאָר. שפּרייטנדיק אַ לאַנגן וויקלשנור גראָוו־צעצויגענעם רויך, האָט ער, ווי אָנזאָגנדיק אַ גוטע בשורה, זיך מיט אַ הייזעריק־לאַנגן פייף אויס־געדרייט און מיט אַ שנעלן געדודער, איינגעהילט אין רויך און דאַמף, זיך דער־נעענטערט צום וואָקזאַל.

דער עולם האָט זיך געטאָן אַ שאַט־אַראָפּ איבער די רעלסן, צו יענער ליניע, איבער וועלכער דער צוג איז צוגעפאַנגען, אַ באַשאָטענער מיט מענטשן—עלטערע מאַנצבילן, פרויען, קינדער, מיליטערלייט. אין אַלע פענצטער און אויף די אַראָפּגאַנג־לייטערלעך איז מען געשטאַנען, ווער מיט אַ טשייניק, ווער מיט אַ פלאַש, ווער מיט אַ גאַנצן האַק־און־פּאַק, גרייט באַלד אַראָפּצופאַנצן, ווי נאָר דער צוג וועט זיך אָפּשטעלן. דער עולם האָט ראַשיק און גיך זיך אַ לאָז געטאָן צו אַלע וואַגאָנעס מיטאַמאָל, און עס איז געוואָרן אַ טומלדיקע אויסמישעניש פון

די, וואָס באַגעגענען, און די, וואָס זיינען אָנגעקומען, ניט דורכצושטופּן זיך, ניט פאַנאַנדערצוקלייבן גאָרניט אין די ערשטע רגעס.

גיטל און פּעסי, מיטגעצויגן מיטן אַלגעמיינעם שטראָם, האָבן צוערשט זיך אויך אַ לאָז געטאָן מיט אַלעמען, נאָר באַלד זיינען זיי פאַרלוירענע געבליבן שטיין צווישן עולם. צו וועלכן וואַגאָן זאָלן זיי איילן? צו וועמען פון די פיל אָנגעקומענע זיך אַ לאָז טאָן?

— ווען איך וויס כאָטש, — האָט גיטל זיך אַ קלאָג געטאָן, — צי איז ער אַ נידעריקער, צי אַ הויכער?... אַ שוואַרצער, צי אַ בלאָנדער? און אין וואָס ער וועט זיין אָנגעטאָן?

— מסתמא מיליטעריש, — האָט פּעסי איר אַ זאָג געטאָן און מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ געגעבן:

— אפשר, אָט יענער? האַ?

— וועלכער? — האָט גיטל זיך אומרואיק אַ וואָרף געטאָן אין דער זייט, וואו פּעסי האָט געוויזן. פונעם וואַגאָן איז דאָרט אָנגעבויגענערהייט פּאַמעלעך אַראָפּגעגאַנגען אַ מיליטערמאַן מיט אַ קוליע.

— אַפּנים ניט ער, — האָט גיטל זיך אָנגערופן זיכער. כאָטש דאַניע האָט איר ניט געשריבן, וואָס פאַר אַ וואונד ביי אים איז, נאָר צוליב עפּעס איז זי דאָך זיכער געווען, אַז די פיס זיינען ביי אים גאַנצע.

— ניין, ניין, ס'איז ניט ער! — פּעסי האָט אויך מיט איר מיטגעשטימט, דערזען, ווי אַ דערפרייט־וויינענדיקע נידעריקע פרוי נעמט שוין אַרום יענעם מיליטערמאַן מיט דער קוליע ביי די טרעפּלעך פון וואַגאָן. לעבן זיי האָבן זיך אומגעדולדיק געשטופּט דריי קינדערלעך פאַר אַמאָל — צוויי ייִנגלעך און אַ מיידעלע — מיט חידושדיק־דערפרייטע און עפּעס אַביסל איבערגעשראָקענע פּנימלעך. אָט האָט זיך דער געקומענער אָפּגעריסן פון דער פרוי, און די קינדער זיינען אים באַפאַלן פון אַלע זייטן.

— אפשר דער? — האָט גיטל זיך אָנגערופן מיט האַרץ־ציטערניש צו פּעסין, אָנווייזנדיק אויף נאָך איינעם פון די אָנגעקומענע.

— וועלכער?

— ווי איז מיר, אָט גייט ער, דאַכט זיך, גלייך צו אונדז... — זי האָט מיט די אויגן אָנגעוויזן פּעסין אַ גאַנץ־הויכן מיליטערמאַן מיט איין האַנט, אַן אונטערגעבונדענער צום האַלדז, מיט אַ ניט־גרויסן רענצל אין דער געזונטער האַנט. דער מיליטערמאַן האָט ברייט געשפּאַנט צווישן עולם און האָט זיך נייגעריק איינגעקוקט אין פּנים פון יעדן אַנטקעגנקומענדיקן.

— יאָ, ער גייט דאָך טאַקע גלייך צו אונדז! — האָט פּעסי אַ זאָג געטאָן און דערפילט, ווי ביי איר וועט זיך באַלד אָפּשטעלן דאָס האַרץ. זי האָט פון אַ זייט קורץ אַ קוק געטאָן אויף גיטלען. יענע איז געשטאַנען אַן אויסגעשעפּט־בלאַסע, נאָר די אויגן האָבן איר ברענענדיק געפינקלט שוואַרצע אונטער די ווייסע ברעמען. און זי האָט ניט אַראָפּגענומען אַ גיריקן בליק פונעם אַנטקעגנגייענדיקן.

גיטל האָט גאָר ניט געקאָנט ענטפערן, ווען דער הויכער מיליטערמאַן מיט דער אונטערגעבונדענער האַנט איז צו זיי באמת צוגעגאַנגען. צו גיטלען איז פאַר איבערראַשטקייט אַפילו צוערשט ניט דערגאַנגען, וואָס ער האָט אַ פרעג געטאָן. זי האָט נאָר געפילט, ווי דאָס האַרץ איז ביי איר מיטאַמאָל גרויס געוואָרן און האָט אַ שפרונג געטאָן צום האַלדז אויף אָט־באַלד צו דערשטיקן זי. עס האָט גענומען אַ לענגערע ווײַלע, ביז דאָס האַרץ אירס האָט זיך צוריקגעקערט אויף זיין אָרט. ערשט דעמלט איז צו איר מיט אַ פאַרשפעטיקונג דערגאַנגען דער זין פון זיין זייער פשוטער פראַגע:

— וואו איז דאָ דער אַרויסגאַנג אין שטאָט? — האָט ער ביי זיי געפרעגט.

— איר זייט צו עמעצן געקומען? — האָט פעסי, אַנשטאָט ענטפערן, ביי אים אויך אַ פרעג געטאָן, ניט אַראָפּנעמענדיק פון אים, פונקט ווי גיטל, בשעת־מעשה אַ פאַרשנדיקן בליק. גיטל האָט אַפילו אַ שטעל געטאָן פאַראויס דאָס שטעקל און געמאַכט אַ קליינעם שפאַן אין דערוואַרטונג פון זיין ענטפער.

— אַ?... וואָס האָט ער געפרעגט? — האָט גיטל, פאַרלוירן־שטאַמלענדיק, ווען דער מיליטערמאַן איז שוין אַוועקגעגאַנגען פון זיי, אַ פרעג געטאָן ביי פעסין.

— וואָס האָט ער געוואָלט, אָט־דער? אַ?

— ווייס איך! — האָט יענע מיט פאַרדרוס געענטפערט.

— פאַרט? וואָס האָט ער געזאָגט?

— כ'ווייס זייער! — האָט פעסי נאָך בייזער זיך אָנגערופן. — צי עס איז פונדאַנעט ווייט קיין ביראָפעלד, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט.

— קיין ביראָפעלד? — האָט גיטל אָן כוח אַ שטאַמל געטאָן און איז געוואָרן נאָך בלאַסער ווי זי איז געווען.

ווי אויף אָנצוזאָגן די צייט, וואָס זיי האָבן אומזיסט געפּאַטערט ערשט, האָבן ביידע פרויען פונעם אָרט, וואו זיי זיינען די גאַנצע צייט אומבאַוועגלעך געשטאַנען, זיך אַ לאָז געטאָן שיער ניט לויפן לענגאויס אַלע וואַגאָנעס.

— אפשר אָט יענער? — פעסי האָט אָנגעוויזן גיטלען אויף זייער אַ שלאַנקן לייטענאַנט. זיין גאָלדיק־בלאָנדער קאָפּ האָט זיך שטאָלץ געוויגט איבערן גאַנצן עולם. דער איז אויך געגאַנגען אַזוי ווי גלייך אויף זיי. — דער מוז אַוודאי זיין פון פראָנט, — האָט צוגעגעבן פעסי.

— פונוואַנען נעמסטו עס? — האָט גיטל, גייענדיק, אַ פרעג געטאָן.

— איר זעט דען ניט די מעדאַלן אויף דער ברוסט ביי אים?

— איך ווייס, לאָמיר צוואַרטן, — האָט גיטל שטיל, אָן האָפענונג אַ זאָג געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט, איינקוקנדיק זיך אינעם אַנטקעגנגייענדיקן לייטע־נאַנט.

ניט צו וויסן פונוואַנען, האָט זיך צו אים מיטאַמאָל אונטערגעדרייט אַ יונג מיידל מיט לאַנגע געלאָקטע האָר, אין טופליעס מיט זייער הויכע קאָרקעס. זי האָט היימיש אַ נעם געטאָן דעם לייטענאַנט אונטערן אָרעם און, פאַרטרווילעך לאַכנדיק צו אים מיט געפערלטע ציין, גיך אַוועקגעפירט אים פאַרביי די פאַר־לוירענע שטיין־געבליבענע גיטלען און פעסין.

— ניט דער, — האָט פּעסי מיט אַ געפּאַלענער שטים זיך אָפּגערופן, — ניט דער...

גיטל האָט געשוויגן. זי האָט געפילט: דאָס לעצטע ביסל כוח ווערט זי באַלד אָן. אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעקלערט פאַר דער קנאַפּער האַלבער שעה אויפן טומלדיקן איבערגעפּולטן פּעראָן און פאַר די עטלעכע מינוט, זינט דער צוג איז דאָ געשטאַנען, דאָס אומגעדולדיקע אַרויסקוקן, דאָס ניט וויסן, צי איז גע־קומען איר גאַסט און צי וועט זי זיך דאָ מיט אים טרעפן, דאָס מיינען אַלע מאָל אויף אַן אַנדערן אַז דאָס איז ער, און אַלע אומרואיקע פאַרגעפילן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט איר אַרויסקוקן אויפן ניט־באַקאַנטן גאַסט, האָבן זי אָפּ־געשוואַכט ביז לעצט.

— וויסטו גאָר וואָס? — האָט זי, קוים צו הערן, אַ זאָג געטאָן צו פּעסין. — וואָס וועלן מיר זיך דאָ אַרומשטופּן אינעם רעש און טומל? לאָמיר זיך אָט דאָרט אָוועקשטעלן, אין אַ זייט, מיר וועלן אַזוי אָנזען דעם גאַנצן צוג. אויב ער איז געקומען, וועט ער זיך אויך מסתמא נאָכפרעגן... איך מיין, איך וועל אים, פונ־דעסטוועגן, דערקענען.

זיך עטוואָס צוריקגעקערט, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט נעענטער צו דעם אָרט, וואו מע גייט אַרויס פונעם וואָקזאַל אין שטאָט אַריין.

— קוק זיך גוט איין, — האָט גיטל אַ בעט געטאָן די שכנה. — וויסט דאָך, — ביי מיר איז די ראיה געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט.

דער רעש אַרום צוג האָט זיך צוביסלעך געשטילט. די פּאַסאַזשירן זיינען שוין ווידער געווען אין זייערע וואַגאָנעס. אַן עלטערער געפּאַקטער מאַנצביל האָט, שטייענדיק אויפן אויבערשטן טרעפּל, געזעגענענדיק זיך, געמאַכט מיט דער האַנט צו עמעצן, וואָס האָט אים באַגלייט. אַנלויפנדיק מיט אַ פולן זיך־איבערגיסנדיקן טשייניק און מיט אַ פריש־געקויפטער צייטונג, האָט אַ פאַרשפּעטיקטער רויט־פלאָטלער מיט לאַנג־צעפלויגענע גאָלדיק־שוואַרצע סטענגעס פונעם הויך־פאַר־רוקטן קיילעכדיקן היטעלע זיך נאָך באַוויזן אַרויפכאַפּן אויף אַ טרעפּ פון וואַגאָן.

אויפן פּעראָן איז געוואָרן גאָר שיטער. אייזנבאַנער האָבן אויף לאַנגע אייזערנע וועגעלעך אָפּגעפירט נייע באַגאַזש־פּעקלעך, וואָס זיי האָבן, אָנשטאָט די אָפּגעשיקטע, אַראָפּגענומען פונעם אַוועקגעגאַנגענעם צוג.

גיטל און פּעסי זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען און זיך איינגעקוקט אין יעדן דורכגייענדיקן. גיטל האָט ניט באַמערקט, ווי דער שוואַרצער יום־טובדיקער טוך איז איר פון די גראָווע צעפלויגענע האָר אַראָפּ אויף די אַקסל.

— אַפּנים, ניט געקומען, — האָט ענדלעך שטיל אַ זאָג געטאָן פּעסי, מורא־האָבנדיק אויפצוהייבן די אויגן צו גיטלען.

— היינט אויך ניט? וואָס־זשע זאָל עס הייסן? — האָט גיטל פאַראומערט, ניט קוקנדיק אויף פּעסין, ביי זיך אַליין אַ פרעג געטאָן. נאָכדעם האָט זי זיך שאַרף אַ קער געטאָן צו פּעסין.

— ווי מיינסטו, מע זאָל אים נאָך סיידן געווען פאַרהאַלטן אין שפּיטאָל אויף אַ פּאָר טעג?...

ווען זיי זיינען אראָפּ אויפן לעצטן פון די עטלעכע שטיינערנע טרעפּלעך, וואָס פירן צום וואָקזאַל־פּלאַץ, האָט גיטל זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, אַ ציִ געטאָן פעסין פאַרן אָרבל:

— און, אפשר זוכט ער אונדז נאָך דאָ ערגעץ אַרום, פעסי? — ביידע פרויען האָבן זיך נאָכאַמאָל צוריקגעקערט אויפן פּעראָן, דאָ דורכגעזיפּט מיטן בליק דעם רעשט עולם, וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצן געהאַלטן ביים פאַנאַנדער־גיין.

דער פּעראָן איז געווען ליידיק. פון הינטער דער באַגאַזש־קאַמער האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער פּרוי מיט אַ לאַנגן בעזעם. אויפהייבנדיק אַ שטויב, האָט זי מיט ברייטע באַוועגונגען גענומען קערן די ציגאַר־שטיקלעך און פּאַפּירלעך, וואָס זיינען געבליבן אויפן פּעראָן.

די לעצטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זיינען גיטל און פעסי פּאַמעלעך אויך אַוועקגעגאַנגען.

אַראָפּגעקומען אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ און זיך געלאָזט גיין צוריק אין שטאָט, האָט גיטל זיך אָנגערופן צו איר שכנה:

— ניין, פעסי, זאָג מיר, וואָס דו ווילסט, איך האָב ניט קיין מזל...

ניט הערנדיק פעסי זאָל איר עפּעס ענטפערן דערויף, האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— ניט צו קיין אייגענע זין, ניט צו קיין פרעמדע האָב איך, אַפּנים, קיין מזל ניט...

* * *

דאָס איז געווען אַ מעכטיקער רוקן פון זייער אַ הויכן און זייער אַ ברייט־פּלייציקן פּאַרשוין. אָנגעטאָן איז דער פּאַרשוין געווען אין אַ גרויסן גלאַנציק־ברוינעם לעדערנעם מאַנטל, שטייף איינגעצויגן מיט אַ שמאָלן פּאַס אַרום די ברייטע לענדן. אויף אַ רימענדל איז ביי אַ זייט ביי אים אַראָפּגעהאַנגען אַ סאָליד־געפּאַקטער פּלאַנשעט. אויף די פיס זיינען ביי אים געווען נידעריקע, פון גלענצנדיקן כראָם, בליאַסקענדיק־אויסגעפּוצטע שטיוול. די פיס אין אָט די שטיוול האָט ער געהאַלטן ברייטלעך־פאַנאַנדערגעשטעלט, ווי ער זאָל שטיין ניט אויף קיין שטאָטישן פּלאַץ, נאָר אויף אַ צעוויגטן שיף־דעק. דאָס מיליטערישע היטל איז אים, ווי עס איז צו זען געווען פון רוקן, געווען נידעריק אַראָפּגערוקט איבערן פולבלעך־רויטלעכן קאַרק... ער איז שוין לאַנג, ווייזט אויס, אַזוי געשטאַנען, ניט גערירט, ווי אַ סטאַטוע, מיטן רוקן צום וואָקזאַל, און, ווייזט אויס, שטאַרק אויפמערקזאַם עפּעס דאָרט פאַר זיך אויסגעפּאָרשט, אָדער אין עפּעס ווייט אין דער צעוואָרפענער שטאָט זיך איינגעקוקט.

אָט דעם רוקן פונעם פּאַרשוין האָט די ערשטע דערזען פעסי. גיטלען האָט זי גאָרניט געזאָגט וועגן דעם, מורא געהאַט צו פאַרשאַפן איר נייע עגמת־נפש. נאָר אַליין האָט זי, פּאַמעלעך גייענדיק מיט גיטלען, שוין די גאַנצע צייט פונעם פּאַרשוינס רוקן קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

גיטל האָט גאָרניט באַמערקט, ווייל זי האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין

אומקוקן צום וואָקזאַל, צי גייט פון דאָרט ניט קיינער... דערנאָך איז זיי אָנ־געקומען אָנטקעגן רבקה מאַנדעל, פון זייער הויף, און האָט זיך לעבן זיי אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט.

— ניט באַגעגנט? — האָט רבקה מיט חידוש אין די וואַסעריקלעכע אויגן, וואָס האָבן, זינט זי האָט אָנגעוואוירן דעם זון, געהאַלטן אין איין טרערן, אַ פרעג געטאָן ביי גיטלען און ביי פּעסין.

— זעט איר דאָך... — האָט גיטל געענטפערט.

— ניין, רבקה, איך האָב טאַקע ניט קיין מזל, — האָט זי נאָכדעם איבער־געחזרט דאָס, וואָס זי האָט צוריק מיט אַ פּאָר מינוט געזאָגט פּעסין, — איך האָב ניט קיין מזל צו קיין זין, — און זי האָט שווער אַ זיפץ געטאָן, — ניט צו קיין אייגענע, ניט צו קיין פרעמדע...

אין דעם, וואָס רבקה מאַנדעל, און ניט עמעץ אַנדערש, איז איר אַט איצט, ביים אַראָפּגיין פון די וואָקזאַל־טרעפּ, גראָד אַנטקעגנגעקומען, האָט גיטל אייג־געזען אַ באַזונדער מין זין. טאַקע זי, רבקה, וואָס האָט אויך אָנגעוואוירן איר אייגן קינד, און ניט די דיקלעכע פּעסי, וואָס האָט קיינמאָל קיין קינדער ניט געהאַט, וועט זי רעכט קאָנען פאַרשטיין אין איר איצטיקן צושטאַנד... זי, רבקה, איז איר אמתער גלייכן, און פאַר איר וועט זי זיך איצט קאָנען אָביסל אויסרעדן דאָס האַרץ... דעריבער איז, ווען פּעסי האָט אַ זאָג געטאָן, אַז די פרויען זאָלן אויף איר צוואָוואַרטן, זי דאַרף אַ ווײַלע דאָ צוגיין ניט ווייט, האָט גיטל אָן רייד, בלויז מיט אַ שאָקל פונעם קאָפּ, זי אָפּגעלאָזט און, אַפילו ניט אומקוקנדיק זיך רעכטס, וואו יענע איז אַוועק, גענומען אויסרעדן פאַר רבקהן איר גאַנץ ביטער האַרץ, נאָר אַזוי ווי דאָס קאָן טאָן איין אומגליקלעכע מוטער פאַר אַ צווייטער...

דער מיליטערמאַן אינעם לעדערנעם מאַנטל איז נאָך אַלץ, ווי פריער, גע־שטאַנען מיטן רוקן צום וואָקזאַל. זעענדיק אים אַלץ בלויז אין רוקן, איז פּעסי הינטער־אַרום שוין געווען צוגעגאַנגען אַזוי נאָענט, אַז צו איר איז דייטלעך דער־פלויגן דער גאַנצער געשפּרעך, וואָס דער מיליטערמאַן האָט פאַרפירט מיט אַ קליין יינגל, וועלכן ער האָט אָפּגעשטעלט אינמיטן יענעמס צעהיצטן לויפן מיט אַ צעבראָסטעטן קעלנערל און האָט אים אַ רוף געטאָן צו זיך מיט אַ פינגער.

— זאָג מיר נאָר, — האָט דער מיליטערמאַן אויף אַ ריינעם יידיש זיך אָנגערופן צום יינגל, — ביסט שוין עפּעס לאַנג אַ ביראָבידזשאַנער?

— וואָס הייסט? — האָט דאָס יינגל דערשטוינט זיך אָפּגעשטעלט, ניט פאַרשטייענדיק וואָס אַט דער פרעמדער מיליטערמאַן וויל פון אים.

— איך פרעג, אין ביראָבידזשאַן לעבסטו שוין לאַנג?

— אין ביראָבידזשאַן? — האָט זיך דאָס יינגל נאָך מער פאַרחידושט. — וואָס הייסט? זינט איך לעב, לעב איך אין ביראָבידזשאַן!...

— אַ־אַ, — האָט דער מיליטערמאַן זיך מיטאַמאָל פריילעך פאַנאַנדערגעלאַכט, — וויפיל־זשע לעבסטו שוין דאָ אַרום און אַרום?

דאָ האָט דאָס יינגל זיך באַשלאָסן אַ שפּיל טאָן מיטן אומבאַקאַנטן מיליטער־מאַן.

— אַנו, טרעפט! — האָט ער געזאָגט.

— אַוודאי אַ יאָר עלף? אַ?

— דווקא ניט געטראָפן!

— צען?

— אויך ניט געטראָפן.

— ניין?

— יאָ, — האָט מיט גדלות געענטפערט דאָס ייִנגל און האָט זיך אויף גיך געלאָזט לויפן זיין וועג.

— וואַרט נאָר, — האָט דער מיליטערמאַן אים אָפּגעשטעלט, — זאָג מיר, וואָס געפינט זיך עס אין דער־אַ צוויי־שטאָקיקער געביידע אַנטקעגן?...

— אין דער־אָ, לינקס? איז דאָך אונדזער שטאָט־ראָט! און אַנטקעגן — די אַפּטייק...

— און וואָס זעט זיך עס דאָרטן אַרויס פאַר אַ הויכער מויער, אַ? אָט דאָרט פון רעכטס?

— דאָס איז דאָך אונדזער געגנט־אויספירקאָם! און אַנטקעגן — די שול. וואָס איז? — האָט דאָס ייִנגל מיטאַמאָל מיט נייגיר זיך אַ נעם געטאָן ערשט ווי עס באַדאַרף צו זיין באַטראַכטן דעם פרעגנדיקן און האָט אַזוי פאַרריסן צו אים דעם קאָפּ, אַז דאָס גאַנצע ווייסע העלדזל האָט זיך אים אַנטפּלעקט אינעם פאַנאַנדערגעשפּילעטן טונקעלן קאָלנערל. — וואָס איז, איר זייט צום ערשטן מאָל אין ביראָבידזשאַן?

— יאָ, צום ערשטן מאָל, — האָט געענטפערט דער מיליטערמאַן. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, נאָר דאָס ייִנגל, וואָס האָט, אַפּנים, ערגעץ שטאַרק געאײַלט, איז שוין אַוועק זיין וועג. דעמלט האָט דער גבר מיטאַמאָל, זייער אומגעריכט פאַר פעסין, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון אים, זיך געטאָן אַ שאַרפן קער אויס נאָכן אַנטלויפנדיקן ייִנגל, אַזוי אַז די שטאַרק־איבעררעשטע פעסיע האָט פּלוצים דערזען דעם מיליטערמאַן גלייך אַנטקעגן זיך, פּנים צו פּנים. ווי פאַרלוירן זי האָט זיך ניט דערפילט דערפון אין דער ערשטער רגע, האָט זי דאָך דאָס ערשטע, ווי פריער דאָס ייִנגל, פאַרריסן דעם קאָפּ. זי האָט איצט געקאָנט באַטראַכטן דעם הויכן פאַרשוין אין זיין גאַנצער גרייס, פון אויבן ביז אַראָפּ.

דאָס מיליטערישע היטל איז, מחמת גרויס אויפגעלייגטקייט ווייזט אויס, טאָקע געווען ביי אים גאַנץ הויך אַרויפגערוקט איבערן היפּש־הויכן רוילעכן, טיף־ווינקלענדיקן שטערן, אַזוי אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון פאַרנט אַ ביש־קשהדיקער טייל פון זיינע דריבנע געקרויזטע פעך־שוואַרצע האָר, וואָס ביי די ווינקלען זיינען זיי געווען עטוואָס צוגעכאַפּט מיט גראָווקייט. די ברעמען, גראָב־לעכע און אויך פונקט אַזעלכע פעך־שוואַרצע, זיינען געווען שאַרף איינגעבראָכן איבער די זייער בוילעט אַרויסקוקנדיקע גרויסע אויגן, וואָס אויף זיין בראָנדז־אָפּגעברוינט פּנים האָבן זיי, אַפילו אין פאַרגלייך מיט זיינע האָר און ברעמען,

ערשט אויסגעזען אַן אמת שוואַרץ. דער קוק זייערער איז געווען אַזוי פליִנק און שאַרף, אַז ווען זיי האָבן, בלויז פאַרבייגייענדיק, אַ שווּב געטאָן איבער פּעסיִן, האָט יענע גלייך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ווען זי האָט אים נאָכדעם נאָכאַמאָל אויפגעהויבן, האָט זי זיך געסטאַרעט אויף גיך פאַרקריצן ביי זיך אין זכרון די פּעסטע, ווי פון האַרטן שטיין געהאַקטע, שטריכן פונעם מיליטערמאַנס שטאַרק־אַפּגעבערנט פּנים — די לאַנגע אָדלער־נאָז מיט די שמאָלע, אויפגערעגט־צעבלאָזענע נאָזלעכער, דאָס ברייטע איינגעשפּאַרטע מויל מיט די פולע האַרטע ליפּן און מיט דעם דייטלעכן שראַם, וואָס האָט צעטיילט אויף צווייען דעם קין זייִנעם ביי דער רעכטער זייט מויל. אָט דער שראַם האָט אים אי מיאוסער גע־מאַכט, אי צוגעגעבן עפּעס אַ באַזונדער מין חן און ברען זייִנע אַזוי אויך זייער אויסדריקלעכע ענערגישע געזיכטצוגן. דער מיליטערמאַן האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט. דערביי האָט ער אַ בלענד געטאָן מיט אַזאַ איבעראַשנדיקן גלאַנץ פון אַ מויל געדיכט־צונויפגעשטעלטע צייןָ, אַז דאָס גאַנצע טונקל־בראַנזעווע פּנים זייִנס האָט זיך מיטאַמאָל צעשיינט, ווי ווען מע זאָל אויף דעם אַ בלענד־טאָן מיט אַ זון־שטראַל פון אַ גרויסן שפּיגל... ער האָט געלאַכט צום ייִנגל, צו וועלכן ער האָט זיך עס אַזוי פּלוצים און אומגעריכט פאַר פּעסיִן אַ קער געטאָן.

— וואָהין אַנטלויפסטו, נאַרוץ? כאַפּ! — מיט די ווערטער האָט ער אויף גיך אַרויסגענומען פון קעשענע אַ לענגלעך־שמאָלע זאַך, פאַרוויקלט אין גלאַנצנ־דיקן זילבער־פּאַפּיר, און, אַלץ נאָך לאַכנדיק, עס פליִנק אַ וואַרף געטאָן, פאַר־לאָזנדיק זיך אויפן ייִנגלס בריהשקייט. יענער האָט זיך אויף גיך געגעבן אַ קער אויס און האָט מיט די שפּיץ־פינגער באַוויזן אַ כאַפּ טאָן די אומגעריכטע מתנה.

— וואָס איז עס? — האָט דאָס ייִנגל מיט נייגיר אַ פרעג געטאָן.

— אָט דאָס? — האָט דער מיליטערמאַן געענטפערט. — דאָס פיר איך מיט זיך פון זייער ווייט, זייער פון ווייט. דאָס איז אַ וואָזשנע זאַך — אַ דייטשישער טראָפעי.

— פאַרוואָס־זשע... פאַרוואָס האָט איר דאָס מיר געגעבן? — האָט דאָס ייִנגל זיך אָנגעפרעגט מיט חידוש און מיט מורא, מע זאָל עס ביי אים ניט אָפּ־נעמען. נאָר דער נייגיר צו וויסן, פאַרוואָס עס קומט אים, האָט איבערגעוואויגן.

— ווען איך האָב דאָס גענומען דאָרט, וואו איך האָב עס גענומען, — האָט דער מיליטערמאַן אים גערן געענטפערט, — האָב איך זיך געשוואוירן — אָפּגעבן עס אַ מתנה דעם ערשטן בירָאָבידזשאַנער ייִנגל, וואָס איך וועל דאָ באַגעגענען, ווען איך וועל אַהער קומען... דו ביסט מיר אַנטקעגן געקומען דער ערשטער... ביסט אַ וואויל ייִנגל! גיי, אויפוויקלען וועסטו עס שוין אינדערהיים...

אַפילו פאַרגעסן אָפּצודאַנקען, האָט דאָס ייִנגל זיך געלאָזט לויפן אָן אַ קאָפּ פאַר איבעראַשטקייט, צודריקנדיק שטאַרק די אומגעריכטע מתנה צום האַרצן...

ביי פּעסיִן, וועלכע האָט דאָס אַלץ צוגעזען, איז דערווייל שוין אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן אַ באַשלוס וועגן דעם, ווער אָט דער געקומענער איז. און ער איז איר מיטאַמאָל, פונעם ערשטן אויגנבליק, געפעלן געוואָרן אי מיט זיין גבורה־דיקן אויסזען, אי מיט זיין פיינעם יידיש רעדן, אי מיט די פראַגן, וואָס ער האָט

געשטעלט דעם פאַרבייגעלאָפּענעם יינגל, אַז מיט דער מתנה, וואָס ער האָט אים געשענקט...

פּעסי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט אַ שפּאַן געטאָן אַנטקעגן דעם אומבאַקאַנטן. ער האָט זיך אויך געלאָזט גיין. דערזען אויפן וועג די בידעריטשקע, דיקלעכע עלטערע פרוי, האָט ער איר צוערשט געהאַט אָפּגעטראָטן דעם וועג, נאָר מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט אין איר עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אים שטאַרק אַ צי געטאָן צו איר. ער האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט און, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן, אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז, מומע? מיר דוכט זיך, איר ווילט ביי מיר עפּעס פרעגן.

דאָס האָט שוין פּעסין גאָר צוגעגעבן מוט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ביז־גאָר אויפגעלייגטע און אַ שיינענדיקע...

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

מיטן גאַנצן פּנים האָט ער זיך מיטאַמאָל היימיש צו איר צעשמייכלט.

— איך ווייס אַליין ניט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — אפשר דערפאַר, ווייל איך וויל עפּעס פרעגן ביי אייך...

— פרעגט. וואָס־זשע שווייגט איר?

זיין פּנים איז געוואָרן אַ קאַפּל ערנסטער.

— איך פרעג זיך דאָ נאָך אויף אַלטע בירזאַבידזשאַנער, — האָט ער געזאָגט און זי אַ מעסט געטאָן פון קאָפּ ביז די פיס. — איר זייט ניט אַמאָל קיין אַלטע בירזאַבידזשאַנער? איר אַליין? אַ?

— וואָס איז שייך אָן אַלטע? — האָט פּעסי זיך צעשמייכלט. — די גאַנצע שטאָט איז נאָך גאָר ניט אַזאַ אַלטע. ס'איז נאָך ניטאָ קיין פולע זעכצן יאָר, זינט מע האָט זיך דאָ אָנגעהויבן באַזעצן...

— נו, און פון אָט די זעכצן יאָר זיינט איר דאָ שוין וויפל? — האָט ער וויטער געפרעגט.

— איך? — אָט האָבן מיר גראָד ערשט היינט מיט מיינער אַ שכנה אויס־גערעכנט: ס'איז פּונקט, — איך געדענק שוין ניט איבער וואָס דאָס איז צו רייד געקומען, — אין הערבסט וועט שוין ווערן פערצן יאָר, אַז מיר זיינען דאָ...

— פערצן? — האָט ער זיך הייס אַ כאַפּ געטאָן, און זי האָט מיטאַמאָל זיינע גרויסע טונקעלע הענט דערפילט ליגן ביי זיך אויפן אַקסל. — דאַרף איך דאָך טאַקע אייך האָבן!

שמייכלענדיק האָט זי זיך אַ קאַסע געטאָן אויף זיינע טונקעלע גרויסע הענט, וואָס זיינען געלעגן אויף אירע אַקסל. מיט אַ קינדערש־פאַרלוירענעם שמייכל, וואָס האָט מאָדנע באַלויכטן זיין שטרענג־פאַרהאַרטעוועט געזיכט, האָט ער זיי אַראָפּגענומען.

— אַנטשולדיקט, — האָט ער געזאָגט, און ווידער ביז גאָר לוסטיק: — איז אייך, ליבינקע, דאַרף איך טאַקע האָבן!...

— ניין, אויב אַזוי, זייט איר מיר שוין מוחל, — האָט פּעסי מיט פרייד

אים געגענטפערט, — אויב אַזוי, דאַרפט איר שוין טאַקע דווקא האָבן ניט מיך, נאָר אַן אַנדערע. נאָר עס מאַכט ניט אויס, זי איז מיינע אַ שכנה...

דערין, וועד עס איז געשטאַנען פאַר איר, איז שוין ביי פעסין איצט מער קיין צווייפל ניט געווען.

— וועד איז דען אייער שכנה? — האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן מיט חידוש.

— וואָס הייסט וועד? — זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און האָט מיטאַמאָל אויסגעשאָסן:

— גיטל טשערנאָוועצקע, אָט וועד! — און זי האָט דערביי גענומען איהר קוקן גלייך אין די אויגן, כדי צו זען זיין איבערראַשונג. דאָס האָט דעם מיליטערמאַן טאַקע איבערראַשט און, ווייזט אויס, נאָך מער, ווי פעסי האָט אויסגערעכנט. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן שטאַרק בלאַס. דערנאָך האָט איס דאָס גאַנצע בלוט געטאָן אַ יאָג צוריק אין פנים.

— וואָס... וואָס האָט איר געזאָגט? — האָט ער אויסער זיך אַ שטאַמל געטאָן.

— גיטל טשערנאָוועצקע — האָב איך געזאָגט. וואָס איז? איר זייט דען ניט צו איר געקומען?... איר זייט דען ניט . . .

— גיטל טשערנאָוועצקע? — האָט ער פּאַמעלעך איבערגעפרעגט און איז אויף לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן מיט אַ פאַרביסענער אונטערשטער ליפּ. דערנאָך האָט ער זייער שטיל צוגעגעבן:

— יאָ, איך וואָלט אַוודאי זייער געוואָלט קומען צו גיטל טשערנאָוועצקע...

פעסין האָט זיך דערביי אויסגעדאַכט, אַז ביי אים אויף די אויגן-ווייסלען האָט עפּעס פייכט אַ גלאַנץ געטאָן. נאָך אַ פּאַוזע האָט ער צוגעגעבן שטיל:

— וואו איז זי אָבער, גיטל טשערנאָוועצקע? אַ?

— סטייטש, — האָט פעסי שיער ניט אויסגעשריען אויסער זיך, — אָט איז זי! — און זי האָט אַ ווייז געטאָן אַהין, אַ שפּאַן פּופּציק פון זיי, ניט ווייט ביים אַראָפּגאַנג פון די וואָקזאַל-טרעפּלעך, וואו גיטל האָט, שטייענדיק מיטן רוקן אַהער, געשמועסט מיט רבקה מאַנדעל.

— וועד? — האָט דער מיליטערמאַן זיך האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן. — וואו? — נאָר אַנשטאָט ענטפערן, האָט פעסי הויך אויף אַ קול גענומען רופן:

— גיטל, גיטל! — אַהער גייט! גיכער, איך בעט אייך!...

— אַ! — האָט דער מיליטערמאַן ברייט צעעפנט דאָס מויל, קוקנדיק אויף פעסין, און נאָכדעם האָט ער, ווי איר האָט זיך אויסגעדאַכט, מיט אַ מאָדנעם איבערשרעק אין די שוואַרצע אויגן אַ קער געטאָן דעם בליק אַהין, וואוהין זי האָט געשריען.

דערהערט, אַז פעסי רופט זי, האָט גיטל פּאַמעלעך זיך אומגעקוקט, אַ שטעל געטאָן פאַראויס זיך דעם שטעקל. זי האָט ערשט איצטער דערזען דעם הויכן ברייטפּלייציקן מיליטערמאַן אין דעם לעדערנעם מאַנטל, וואָס איז געשטאַנען באַנאַנד מיט דער נידעריקער, דיקלעכער פעסין. מיט זיין אויסזען האָט זיך ביי איר גלייך פאַרבונדן דאָס, וואָס פעסי האָט זי אַזוי פריילעך גערופן צו זיך,

און גיטל האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז דאָס האַרץ האָט איר ווידער שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קלאָרן פאַרגעפיל פון דערוואַרטונג, וואָס האָט זי די לעצטע טעג, און באַזונדערס היינט, ניט אָפּגעלאָזט פון גאַנץ־פרי אָן. דערפילנדיק אַ ברעכערישע שלאַבעריקייט אין די קני, האָט זי זיך פּאַמעלעך געלאָזט גיין צו פּעסין.

ניט אָראָפּנעמענדיק די ביז־גאָר דערשראָקענע, גרוי־געוואָרענע אויגן פון דער אַנטקעגנגייענדיקער יום־טובדיק אויסגעפּוצטער הויכער אַלטער, האָט דער מיליטערמאַן אַ כאַפּ געטאָן פּעסין פאַר אַ האַנט, זיך נידעריק אָנגעבויגן און איר אַריינגעאָטעמט גלייך אין אויער:

— זאָגט, איך בעט אייך, ווער איז דאָס?

פּעסי האָט אים אַ לענגערע ווײַלע אָנגעקוקט שטום מיט שטאַרק לוסטיק־געוואָרענע אויגן.

— דאָס איז זי דאָך, — אַליין... גיטל טשערנאָוועצקע... שוין דעם דריטן טאָג היינט גייט זי אייך צום וואָקזאַל באַגעגענען... מיר האָבן דאָך שוין געמיינט...

נאָר מער האָט ער פּעסין ניט געהערט. ער האָט זיך גיך געלאָזט לויפן.

וויפל אירע כוחות און דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ האָבן איר דערלויבט, האָט גיטל אויך גיך געשטעלט אירע טריט, פּלאָנטערנדיק זיך אינעם לאַנגן יום־טובדיקן קלייד. מיטאַמאָל האָט זי אויסער זיך אַ געשריי געטאָן, דאָס שטעקל איז ביי איר אַרויסגעפלויגן פון דער פאַרציטערטער האַנט, און ווי לאַנג זי איז, האָט זי זיך האַסטיק אָנגעבויגן אויף פּאָראויס...

דערשראָקן־הילכיק, אַזוי אַז עס האָט אָפּגעקלונגען ווייט איבערן וואָקזאַל־פּלאַץ, האָט דער מיליטערמאַן, אויסשטרעקנדיק צו איר די הענט, אַ געשריי געטאָן:

— מאַמע! . . .

פאַלנדיק אין חלשות, האָט גיטל באַוויזן אַ שטאַמל טאָן:

— זון מיינער! . . .

רבקה מאַנדעל און פּעסי בערמאַן האָבן פון ביידע זייטן דערשראָקן זיך געלאָזט לויפן צו זיי...

איציק פֿעפֿער

אַ חתונה אין ביראָבידזשאַן

שפּילט אַ פֿריילעכס! שפּילט אַ פֿריילעכס!
אין דער ראָד אַריין געשווינד,
אַלע פֿאָלעס און פּאַטשיילעס,
ווי די זעגלען אויפֿן ווינט!
פֿידלען, פֿלייטן, קאָנטראַ־באַסן,
זאָלן טאַנצן אַלע גאַסן,
זאָלן דונערן טרומייטן,
און די גרינסן אויף די בייטן,
זאָלן זאַפּטיק זיין און גוט,
פֿידלען, פֿלייטן, ניט גערוט!
ווי געשמאַקע הויכע זאַנגען,
שפּילט אַ פֿריילעכס!
מיידלעך! יונגען!
ס'איז אַ לעבן דאָ פֿאַרפֿלאַנצט,
אויב געזונגען, איז געזונגען,
אויב געטאַנצט, זאָל זיין געטאַנצט!

איבער בערג און איבער וועגן
פֿאָרט אַ מונטערע די געגנט,
מיט דער שיף און מיטן באַן,
איבער הויכן פֿון כינגאַן,
איבער טייכן, איבער קרוטשעס
הילכן נעמען אויף דער וועלט.
פּאַשקאָוו, ראַדע און אַבלוטשיע,
לאַנדאָקאָ און ביראָפֿעלד!

טאַנצן שניטער, טאַנצן זייער,
פּיאָנערן, רויט־אַרמייער;
טאַנצט אַ מיידל פֿון וואָלין,
מיט אַ בחור פֿון פּאָלטאַווע;
אַלע פֿעלדער זיינען גרין,
אַלע וועלדער קוטשראַווע!
ראָהאַטשאָווער און אָדעסער!
זאָל די ראָד נאָך ווערן גרעסער!
ווען סע טאַנצן די טשערקאַסער,

הייבט אין בירע זיך די וואַסער
ווען ס'ע טאַנצן די וואַלינער,
ווערן אַלע סאָפּקעס גרינער;
קומען אומאַנער אַריין,
שוימט אין פלעשעלעך דער ווין!

אויב געהוליעט, איז געהוליעט,
קאָוונע, בעמיראָוו, קאַפּוליע,
און אַ יונג פון אוקראַינע,
און אַ יונג פון פּאַלעסטינע
און יונג פון אַרגענטינע,
שפּילט אַ פריילעכס!
מיידלעך; יונגען!
ס'איז אַ לעבן דאָ פאַרפלאַנצט,
אויב געזונגען, איז געזונגען,
אויב געטאַנצט, זאָל זיין געטאַנצט!

איבער בערג און איבער טאָלן,
וואו די מזרח־ווינטן מאָלן,
וואַרטן רייכקייטן אַזויט,
וואַרטן רייכקייטן פאַרגרייט
ביי די ברעגן פון אַמור,
אין דעם וואַסער פון קולדור,
קוילן ווינקען פון קימקאַן,
מירמל זינגט אין בירעקאַן,
און דאָס גאָלד אין בריקיטשאַנקע,
און דאָס פּוטער אינעם וואַלד,
און די צעדערן די שלאַנקע,
און די ערד, וואָס ווערט ניט אַלט.

פּאָלעס פאָכן, קליידער פאָכן,
העכער הייבן זיך די פיס,
פלאַצן וועט דער שוואַרצער שכן
אויף די אינדזלען, וואו ער איז!

אונדזער זון אויף אַלע וועגן,
אונדזער רייכקייט אין די בערג,
אונדזער יום־טוב, אונדזער געגנט,
אונדזער סטאַלינישע ערד!

שפּילט אַ פריילעכס!
מיידלעך: יונגען!
ס'איז אַ לעבן דאָ פאַרפלאַנצט,
אויב געזונגען, איז געזונגען,
אויב געטאַנצט, זאָל זיין געטאַנצט!

לייב טאַלאַלײ

מיט פולן...

שיסן געגאַנגען כ'בין נעכטן אין טיר *),
אַ מיידל מיט פולן באַגעגנט זיך מיר.

אוי ס'אַראַ שטיפּערקע, מיידל, דו ביסט,
דאָס וואַסער, דאָס קלאָרע אין גאַס דו פאַרגיסט.

אַ מיידל מיט פולן אין וועג איז געקומען —
אין קרענעצע האָט זי איר שמייכל געפונען.

ליבע, שוואַרצאויגיקע, ווייסט וואָס איך וויל?
ווינטש מיר, כ'זאָל טרעפן אין ציל.

דערנאָך האָט די זון אונדז מיט פלאַמען געבראָטן,
דערנאָך האָט די ראָסע געררוט אין אַ שאָטן,
דערנאָך האָבן ווידער זיך פעלדער געצויגן,
דאָס מיידל מיט פולן — ביי מיר פאַר די אויגן.

אַ קויל האָט געטראָפן. אַ מענטש איז געפאַלן,
ער דריקט צו דער ערד זיינע ליפּן פאַרחלשט.
עס וויגט זיך און וואַקלט דער וואַלד, ווי אַ דולער,
און ווידער — דאָס ליכטיקע מיידל מיט פולן.

אויב כ'וועל מיין קאָפּ אין די שלאַכטן דערטראָגן,
אויב ס'וועט מיך מיידן דער בלייאיקער האָגל,
וועל איך דיר ברענגען מיין לעבן אַנטקעגן,
ווייל דו האָסט מיט פולן מיך דעמלט באַגעגנט.

---

*) שיסער־פּאָליגאָן.

פ י ז ו ל   ס י ט אָ

דער אַסטראָנאָם און דער קעכער

אויב די לעזער וועלן גאָרניט האָבן קעגן, וועל איך זיי דערציילן אַ פריילעכע געשיכטע וועגן איינער אַ מיידל מיטן נאָמען טאַניע קאַפּוט, וועלכע האָט היינטיקן זומער געהאַט צו לייזן זייער אַ שווערע לעבנס־פּראַגע: פאַר וועמען זאָל זי חתונה האָבן, — פאַר אַן אַסטראָנאָם, צי פאַר אַ קעכער?

צום אָנהויב קאָן זיך די דאָזיקע געשיכטע, וואָס איך דערצייל אייך דאָ, אויסווייזן אַפילו אַביסל מאָדנע, און, מעגלעך, אַז אייניקע פון אייך, ליבע לעזערינס, איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַרן אמת, ווען מע פרעגט אייך אַשטייגער, פאַר וועמען, וואָלט איר זיכער געענטפערט — פאַרן אַסטראָנאָם. נאָר כדי איר זאָלט זיך איבערצייגן, אַז אונדזער טאַניען איז גאָר ניט אַזוי לייכט געווען ענד־גילטיק באַשליסן די פּראַגע, וועל איך אייך מוזן אַביסל פאַרהאַלטן און דערציילן די געשיכטע מער אויספירלעך.

היינטיקן זומער, — אויף וויפל ס'איז געשיכטע, וועלן מיר זיין פּינקטלעכער, — זומער 1936 יאָר, האָט טאַניע קאַפּוט, אַ שטעטלדיק מיידל פון דראָזשנע, אַ סעקרעטאַר פון אַ קוסטאַרן־אַרטעל, באַקומען אַן אומזיסטיקע פּוטיאָווקע קיין יאַלטע. איך וויל ניט אָפּציען אייער אויפמערקזאַמקייט און נעמען אייך באַשרייבן די שיינע קרימער בערג, וואָס זייערע שפּיצן נעכטיקן תמיד אין די וואָלקנס; דעם רחבותדיקן שוואַרצן ים, וואָס איז זומער מילד און שטיל, ווי אַ טייבעלע, און די וואונדערלעכע קרימער קיפּאַריסן, וואָס צו זייער שלאַנקייט איז קיין גלייכן ניטאָ אויף דער וועלט. דאָס אַלץ וועלן מיר איבערלאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל. איצטער וועלן מיר זיין קירצער: די קרימער נאַטור האָט אונדזער טאַניען פאַר־כישופט.

דער כישוף איז אָבער געווען אַ צווייענדיקער. ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין סעוואַסטאָפּאָל, איז טאַניע, ווי אַלע פּאַסאַזשירן־קוראָרטניקעס, אַוועק צום אויטאָ, וואָס פירט קיין יאַלטע. די טרעפּלעך פון אויטאָ זיינען אָבער געווען אַביסל צו הויכע, און דאָס קליידל ביי טאַניען איז געווען, איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַר דער פראַזע, צו אַ שמאָלס, איז איר שווער געווען אַרויפקריכן אין אויטאָ. פאַר איר איז אָבער געשטאַנען אַ מאַנצביל. קענטיק אַן אינטעליגענטער מענטש, האָט ער איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט. טאַניע האָט ניט דערווידערט. האָט ער זי אַ הייב געטאָן און כמעט אַריינגעוואָרפן אין אויטאָ אַריין. אַז דער אויטאָ האָט זיך שוין גערירט, האָט דער מענטש אַ פרעג געטאָן וואוהין פאָרט זי, ענטפערט טאַניע — אין דעם און אין דעם אָפּרו־הויז. זאָגט ער, אַז ער פאָרט אויך אַהין. פרעגט אים שוין טאַניע, פונוואַנען פאָרט ער. ענטפערט ער — פון לענינגראַד. וואו

אַרבעט ער? ענטפערט ער — אין פולקאָווער אָבסערוואַטאָריע. — אַלס וואָס?
— אַלס אַסטראָנאָם.

— זייט איר, הייסט עס, אַן אַסטראָנאָם? — פרעגט טאַניע איבער אַביסל פאַרחידושט.

— יאָ, אַן אַסטראָנאָם, — ענטפערט דער אַסטראָנאָם.

אַ רגע שווייגן זיי ביידע. דערנאָך האַלט טאַניע ניט אויס און טוט אַ זאָג:

— ווערליק איך שטעל מיר פאָר, דאַרף ביי אייך זיין זייער אַן אינטערעסאַנטע פראָפעסיע.

— און איר האָט קיין טעות ניט, — ענטפערט דער אַסטראָנאָם.

— איך שטעל מיר גאָר ניט פאָר, — זאָגט טאַניע, — וואָס־זשע קאָנקרעט טוט אַ גאַנצן טאָג אַן אַסטראָנאָם?

— וואָס זאָל מען טאָן? — ענטפערט דער אַסטראָנאָם. — געפאָלגן, ווי באַוואוסט, קוקן אין דער ערד, און מיר, אַסטראָנאָמען — אין הימל.

— דאָס ווייס איך, — זאָגט טאַניע, — אַז איר קוקט אין הימל, אָבער אַ גאַנצן טאָג קוקט מען אין הימל?

— אַמאָל אַ גאַנצן, אַמאָל אַ האַלבן טאָג און אַמאָל אינגאַנצן ניט. ווי סע מאַכט זיך.

— דורך ספּעציעלע שפּאַקטיוון אַוודאי?

— יאָ, דורך שפּאַקטיוון.

— וואָס־זשע זעט מען דאָרטן אין הימל?

— וואָס זעט מען? די לבנה זעט מען, די שטערן, און אַמאָל, אַז ס'אַ ליקוי־חמה, זעט מען די זון אויך.

— נו, אינטערעסאַנט?

— זייער! אַז מיר וועלן זיך באַזעצן אין אַפּרו־הויז, וועל איך אייך אַביסל באַקענען מיט אונדזער ענין. איך פיר מיט זיך אייניקע אַפּאַראַטן.

— אָ, איך וועל אייך זיין זייער דאַנקבאַר, — ענטפערט טאַניע.

מע איז געקומען אין אַפּרו־הויז, אָפּגעוואוינט אַ פּאָר טעג, און אונדזער אַסטראָנאָם האָט אָנגעהויבן פירן טאַניען אין די בערג. לאָזט זי קוקן דורך זיינע לאַנגע שפּאַקטיוון אויף דער לבנה, אויף די שטערן, און טאַניע ווערט צעשמאָלצן פון פרייד.

דאַרף זיך אָבער מאַכן, אַז אין איינעם אַ שיינעם אויפדערנאַכט זאָל אין אַפּרו־הויז פאָרקומען אַ קאָנצערט, און אַזוי ווי טאַניע זיצט מיטן אַסטראָנאָם, זאָל זיך לעבן איר רעכטס צוזעצן אַ בחור, און דער בחור האָט אַ קוק געטאָן אויף טאַניען, און דאָס מיידל איז אים דווקא געפעלן געוואָרן. פּרוּווט ער אפילו מיט איר פאַרפירן אַ שמילן געשפּרעך, נאָר קיין געשפּרעך קלעפּט זיך ניט.

אַ רגע זיצט מען שווייגנדיקערהייט, דערנאָך טוט דער בחור פלוצים אַ זאָג:

— אַ שיינער אָוונט. אין אַזאַ אָוונט איז זייער גוט צו באַטראַכטן די שטערן.

— איר זייט דען אַן אַסטראָנאָם? — קוקט זיך שוין טאַניע אום אויפן בחור.

— אַ שטיקל שייכות האָב איך ד'ערצו, — ענטפערט דער בחור.

— אינטערעסאַנט! — ענטפערט טאַניע און ווענדט זיך צום אַסטראָנאָם:
— נו, באַקענט זיך.
— זייער אָנגענעם, — ענטפערט דער אַסטראָנאָם און שטרעקט אויס דעם בחור די האַנט, — מאַרטין פּראָקאָפּיטש זאַזוליאַ. און ווי רופט מען אייך?
— מישע גאָלובטשיק, — ענטפערט דער בחור.
— אָטשען פּריאַטנאַ, גאָלובטשיק.
— אפשר וועלן מיר זיך גיין אַביסל דורכשפּאַצירן? — זאָגט שוין מער דרייסטער דער בחור. — אין אַזאַ נאַכט דאַרף מען נאָר קוקן אויף די שטערן. ווען איך האָב די ספּעציעלע שפּאַקטיוון, וואָלט איך גאַנצע נעכט נאָר געקוקט אויף די שטערן...

טאַניע האָט אַ קוק געטאָן אויף לינקס, אויפן אַסטראָנאָם, הייסט עס, דערנאָך אויף רעכטס, אויפן נייעם אַסטראָנאָם, הייסט עס, און האָט אַ שמייכל געטאָן.

— נו, קומט, וועלן מיר זיך אַביסל דורכשפּאַצירן.

אַז מע איז אַרויסגעגאַנגען אין זדרויסן, האָט דער אַסטראָנאָם זייער העפלעך אַ פרעג געטאָן: „מע מעג?", האָט טאַניע געענטפערט: „ביטע", און דער אַסטראָנאָם האָט זי גענומען אונטערן אָרעם לינקס. דער בחור איז שוין געווען מער דרייסטער און האָט זי גלייך, אָן שום פראַגעס, גענומען אונטערן אָרעם רעכטס.

— אַ וואונדערלעכע נאַכט! — זאָגט דער אַסטראָנאָם. — איר פילט, טאַני־טשקע, ווי סע שמעקן די מאַגנאָליען?

— וואָס מיר מאַגנאָליען! — רופט זיך אָן דער בחור, — זעט בעסער ס'אַראַ שטערן אין הימל!

ווייסט טאַניע ניט, וועמען צו ענטפערן.

נאָכן שפּאַציר געזעגענען זיי זיך ביידע מיט טאַניען און גייען אַהיים. גייען זיי. פרעגט דער בחור:

— פונוואַנען זייט איר, אַנטשולדיקט פאַרן פרעגן?
— פון לענינגראַד, — ענטפערט דער אַסטראָנאָם.
— וואו אַרבעט איר דאָרט?
— אין פולקאָווער אָבסערוואַטאָריע.
— זייט איר טאַקע, באַקומט זיך, אַן אמתער אַסטראָנאָם?
— יאָ, אַן אַסטראָנאָם.
— זאַבאַוונאָ, — זאָגט דער בחור.
— און איר ווער זייט? — פרעגט דער אַסטראָנאָם.
— איך אַרבעט לויט דער סיסטעם פון שפּייז־אינדוסטריע.
— אַלס וואָס?
— אַלס קעכער.
— טאָזשע זאַבאַוונאָ, — ענטפערט דער אַסטראָנאָם. — זיינען מיר דאָך ווידער קאָלעגן.
— וואָס הייסט?

— אַט דאָס הייסט, — ענטפערט דער אַסטראָנאָם. — פינף יאָר בין איך געווען אַ קעכער אין אַ גאַרקיך, דערנאָך האָט מען מיך געשיקט לערנען, און איצטער בין איך אַן אַסטראָנאָם.

— אַפּיאַט זאַבאַוונאַ! — ענטפערט דער קעכער. — איך אַרבעט שוין אויך פינף יאָר אַלס קעכער און טרוים אויך ווערן אַן אַסטראָנאָם.

— הייסט עס, אַז איר וועט ווערן. ביי דער ראַטנמאַכט קאָן מען יעדער טרוים פאַרווירקלעכן.

און זיי געזעגענען זיך און צעגייען זיך.

אויף מאָרגן נאָך דער וועטשערע, טאַניע גייט נאָר אַרויס פון עס־צימער, וואַרט שוין אויף איר דער אַסטראָנאָם מיט אַ שפּאַקטיווע אונטער דער האַנט.

— איר האָט חשק גיין אין די בערג קוקן אויף דער לבנה?

— קומט, — ענטפערט טאַניע.

זיי גייען אַפּ עטלעכע טריט, יאָגט זיי אָן דער קעכער.

— גוטן אָוונט. קאָן איך צושטיין צו אייער קאָמפּאַניע?

— ביטע, — ענטפערט טאַניע, — מיר גייען פּונקט קוקן אויף דער לבנה. איר ווילט גיין מיט אונדז?

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן, — ענטפערט דער קעכער.

איצטער, אַזוי ווי זיי גייען זיך פּאַוואָליע אינדרייען, וועלן מיר זיי אייך געבן אויף גיך אַ מאָל אָפּ.

וואָס איז שייך דעם אַסטראָנאָם, מוז איך אייך אָפּריער אויסזאָגן אַ שטיקל סוד: דער אַסטראָנאָם איז נאָך געווען אַ בחור. ס'הייסט, פאַרהעלטניסמעסיק ניט קיין שטאַרק־אַלטער בחור — 37 יאָר סך־הכּל — אָבער דאָך אַ בחור און דערצו נאָך אַ לאַנגער און אַ דאַרער. דאָס ביסל פעטס, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אַמאָל אַלס קעכער, איז ווי פאַרשוואונדן מיטן רויך. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן ווייכן קאַפּעליוש און ברילן. אַזוי ווי ער פאַרנעמט זיך העכער צען יאָר מיט הימל־זאַכן, פאַרגעסט מען אַמאָל צובינדן ווי ס'דאַרף צו זיין אַ זאָק, פאַרשנירעווען אַקוראַט אַ שוך און נאָך אַזעלכע קליינלעכע ערדישע זאַכן. דערפאַר איז דאָס אָבער געווען אַ מענטש זייער אַן אינטעליגענטער און שטאַרק אַ סימפּאַטישער, אַ דימענט.

דער קעכער, פאַרקערט, איז שוין אַ העלד גאָר פון אַן אַנדער אָפּערע. אויפן ערשטן אָרט שטייט נאָך דערוויל ביי אים די אכילה. דעריבער האָט ער טאַקע געהאַט לויטערע בעקלעך און האַרטע. אַלט איז ער געווען אַ יאָר צוואַנציק. פון פאָרנט אַ גלאַנציק טשוביקל, אַ פריילעך טשוביקל, וואָס גיט אייך אָנצוהערן, אַז קיין גרויסע וועלט־דאגות מאַטערן נאָך ניט דעם בחור. ס'בעזל אָביסל פאַרריסן. דאָס געגנגעלע אַ רואיקס, ער האָט צייט. אויגן קלייניבקע — קוים וואָס מע זעט זיי אַרויס פונעם גרויסן פעטן פּנים.

נו, און טאַניע, אַ יידיש מיידל פון דראַזשנע, אַ מיידל פון 20 יאָר, אַ סעקרעטאַר פון אַ קוסטאַרן־אַרטעל, אַ מיידל ניט קיין מיאוס — שוואַרצע ברענענדיקע האָר, קאַרע אויגן, אַ גלייכע געטאַקטע נאָז און וואוקסיק און פיין. אָבער קיין

וועלט האָט זי נאָך ניט געזען. איז פאַרוואָס זאָל זי ניט טראַכטן וועגן חתונה האָבן און וואוינען אין אַ גרויסער שטאָט און יאָ אָנקוקן אַ וועלט? חתונה־האָבן האָבן איר נאָך די נייע באַקאַנטע ניט פאַרגעלייגט. אמת, דער קעכער האָט איר איינמאָל אַ זאָג געטאָן אַביסל פאַרשטעלט, אַז ווען ער האָט חתונה מיט אַזאַ מיידל, ווי זי, וואָלט ער זי קודם־כל אַביסל פאַפּראַוועט.

— מיט מיין פּרנסה, באַרישניע, קאָן מען ניט פאַרפאַלן ווערן. אויב אַפילו אַ מלחמה, שטיי איך אויך ביים טאָפּ. און אויב ניט קיין מלחמה, — ווער איך אַן אַסטראָנאָם. דאָס איז מיין טרוים, און איכ׳ל מיין טרוים פאַרווירקלעכן.

דער אַסטראָנאָם האָט גערעדט מער פאַרשטעלטער:

— לענינגראַד! פּולקאָווער אָבסערוואַטאָריע! גאַליליי! קאָפּערניק! איר ווייסט ניט, טאַניע, וויפל וואונדער עס איז פאַראַן אין אַסטראָנאָמיע!

און טאַניע האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט. זי האָט אַפילו אָנגעשריבן אַהיים דער אַלטער מאַמען אַ בריוול, אַז זי פאַרברענגט דאָ זייער גוט די צייט און זי האָט זיך דאָ באַקענט מיט איינעם אַ וואוילן בחור, וואָס אַליין איז ער אַ קעכער און ווילן וויל ער זיין אַן אַסטראָנאָם, און מיט אַן אַסטראָנאָם, וואָס פריער איז ער געווען אַ קעכער און אַדאַנק דער ראַטנמאַכט איז ער פון אַ קעכער געוואָרן אַן אַסטראָנאָם. האָט איר די מאַמע געענטפערט: „וואָס טויג מיר, טאָכטער־לעבן, דיינע סטראָנאָמען־שנאָמען, וואָס אַמאָל זיינען זיי געווען קעכערס, און דיינע קעכערס, וואָס דאַרפן ערשט ווערן סטראָנאָמען. סטראָנאָמען, וואָס איך וויים אַפילו ניט מיט וואָס מע עסט עס. פאָלג מיך, טאָכטער, און זוך זיך שענערע גליקן...״ נאָר וואָס ווייסט אַן אַלטע מאַמע? און אונדזער טאַניע האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט. געטראַכט האָט זי אַזוי:

מיטן אַסטראָנאָם, אויב ער וועט איר אַפילו פאַרלייגן, וועט זי ניט חתונה האָבן — ווייל ער איז שוין אַביסל אַלט. כאָטש, צוריק גערעדט, ווען זי האָט חתונה מיטן אַסטראָנאָם, וואָלט דראַזשנע געגאַנגען כאַדאַראַם. „פּאַר וועמען, ביילע,״ — וואָלט מען געפרעגט ביי איר מוטער, — „האָט עס חתונה געהאַט אייער טאָכטער? פּאַר אַ סטראָנאָם?!״ „נו, וואָס־זשע ווילט איר, איר האָט דאָך אַזאַ אײדעם, וואָס, אַז איר וועט וועלן, וועט ער אייך אַפילו דערלאַנגען דאָס טעלערל פון הימל...״

. . . נו, און דער קעכער? דער קעכער קאָן דאָך אויך ווערן אַן אַסטראָנאָם. נאָר ניין... זיין טשוביקל, אָט דאָס צו פריילעכע טשוביקל געפעלט איר עפּעס ניט גאָר איבעריק... און זי האָט באַשלאָסן נאָך אַביסל אַ טראַכט טאָן.

ס׳איז געבליבן נאָך פינף טעג דאָ צו זיין. מע דאַרף שוין באַלד פאָרן אַהיים. דער אַסטראָנאָם איז געוואָרן מער שווייגנדיקער. און איינמאָל, ווען זיי זיינען געשטאַנען אין די בערג, האָט ער איר אַפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וועט קומען אַהיים און וועט קוקן אין הימל אַריין, וועט ער שוין דאָרט זוכן אַ נייעם שטערן — זי וועט ער זוכן...

— און טאָמער וועל איך גאָר זיין מיט אייך? — האָט טאַניע אַ זאָג געטאָן.

— וועל איך פאַרשפּאָרן זוכן, — און דער אַסטראָנאָם האָט צום ערשטן מאָל פאַר זיין זיין דאָ אין אַפּרו־הויז אַ שמייכל געטאָן...

— איר ווייסט וואָס ? — האָט טאַניע אַ זאָג געטאָן, — לאָמיר זיך איבער־שרייבן...

דער אַסטראָנאָם איז ווידער געוואָרן שטאַרק ערנסט.

— מירן זיך איבערשרייבן, — האָט טאַניע פאַרגעזעצט, — און דערנאָך...

— גוט, איך בין מסכים, — ענטפערט דער אַסטראָנאָם.

— און דערנאָך וועלן מיר זען... — פאַרענדיקט טאַניע.

און דער אַסטראָנאָם איז אַוועקגעפאָרן.

אַז דער אַסטראָנאָם איז אַוועקגעפאָרן, האָט נאָך דער קעכער ביי זיך ערגעץ טיף אין האַרצן געוואָרעמט אַ שטיקל האָפענונג. אין טאָג פאַרן אַוועקפאָרן האָט טאַניע געזאָגט צום קעכער :

— איר ווייסט, גאָלובטשיק . . . איך האָב באַשלאָסן.

דערהערט דאָס וואָרט „באַשלאָסן", האָבן ביים קעכער אַזש אָנגעהויבן פלאַמען די בעקלעך, און דאָס פריילעכע טשוביקל זיינס האָט זיך שיער ניט געלאָזט אין אַ טענצל.

— גיט מיר אייער אַדרעס, טאַניע, — האָט געזאָגט דער קעכער.

— נאָט אייך מיין אַדרעס. נאָר ווייסט איר, וואָס איך האָב באַשלאָסן ? איך האָב באַשלאָסן, לאָמיר זיך פריער אַביסל איבערשרייבן, און דערנאָך...

— גוט, — ענטפערט דער קעכער, — זאָל זיין אַזוי, איך קאָן וואַרטן.

— און דערנאָך וועלן מיר זען, — האָט טאַניע פאַרענדיקט.

אויף מאָרגן האָט זי גאָלובטשיק דווקא באַגלייט צו דער שיף. און טאַניע איז מיט אַ שווער האַרץ אַוועקגעפאָרן אַהיים קיין דראַזשנע. און אַז זי איז שוין געקומען צוריק אין שטעטל און האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי זי האָט געקלעטערט מיטן אַסטראָנאָם אויף די וואונדערלעכע קרימער בערג, און איר איז אויפגע־שוואומען אין זכרון דאָס פריילעכע טשוביקל פונעם יונגן קעכער, האָט איר אָנ־געכאַפּט אַ גרויסע בענקעניש, אָבער אַזאַ בענקעניש, וואָס ס'איז שווער צו זאָגן, נאָך וועמען פון דיביידע מער : צי נאָכן אַסטראָנאָם, צי נאָכן קעכער.

אַזוי, אַז, ליבע לעזער, מיינט ניט, אַז אַזוי גרינג ווערן געלייזט אַזעלכע ערנסטע פראַגן...

לייב קוויטקאָ

וואַלד

פרי פאַרטאָג, ווען פייגל לייטישע נאָך שלאָפן,
פלעג איך גיין צום וואַלד מיט אַ וויזיט.
אויג אויף אויג מיט אים אַ רעד טאָן אָפן
וועגן אַלע אומרוען פון מיין געמיט.

נאָר דאָרטן איז שוין דאָ די קראָ,
די מאַרקעלעכע שרייט פאַרשייט:
שוין אָפּגענאַרט אַ צווייטע קראָ,
און שטעקט איר פייגן
און זעצט זיך גראָב, אָן אָפּשיי, אויף די צווייגן
און אויפן ראַנדעוואו אויף מיינעם שפּיט.
האָבן מיר זיך אויסגעלאַכט
און ווייטער זיך געשפּאַנט
און אונדזערס זיך געטראַכט.
פאַרביי די טריבע פיל־משפּחהדיקע יאָדלעס
די קנאַפּע בריות טרעטן אָפּ די פיס זיך
איינס דאָס צווייט.
איך קום צום וואונדערלעכן פּלאַץ,
צו יענעם פליין דעם העלן,
וואו ס׳האָט דער וואַלד באַמיט זיך
זיינע שענסטע יאָדלעס אויסצושטעלן,
און צוגערוקט אַ בינטל קוועלעכלעך, וואָס קוועלן,
און אַרום זיי — די שענסטע גראָזן אויסגעשפּרייט.

איז וואָס האָט דעמלט מיך געקלעמט ביים האַרצן?
אַ בערעזע־בוים, אַ יונגנט נאָך —
געבראָכן און צעשטאָכן — הוילע לאָך,
די דאַרע שטעקנס צו דעם הימל שטאַרצן.
אַזאַ מין בוים האָב איך געזען,
און דאָס איז מיר געלעגן אויפן האַרצן,
פון דעם און ענלעכס נאָך
האָב איך גערעדט.

אַזוי האָב איך אין וואַלד פאַרבראַכט
אויך יענע שעה, ווען יונגע באָדן זיך אין קוואַלן־פּראַכט.
געזען אין גרינעם גראָז,

ווי ראָזע לייבער לויכטן
דורך אַלע דורכלויכטן,

אין קאַלטן וואַסער טויכן,
און אויך דערפון איז אומרופול געווען מיין נאַכט.

און איצטער, וואַלד, ביסטו אַן אַנדער וואַלד געוואָרן,
אַ סך פאַרגלייבט איז דיר: דו ביסט דעם מענטש פון מוט
דאָך בייגעשטאַנען אין די שווערסטע יאָרן!
זיין גורל האָט דיך ניט געמיטן —
מיט אים האָסט זיך געבראָכן און געבלוט,
מיט אים האָסטו געשטורעמט און געליטן.
מיט סודות, וואַלד, מיט סודות ביסטו פול,
געווען ביסטו אין בונד מיט דער פאַרשווערונג.
ביי דיר אין קרוין פאַרבאָרגן האָט אַ שטערן
אויסגעקוקט דעם וועג און אויסגעהיט דיין גבול,
מיט דיינע קרייטעכצער דו האָסט געטאָן דערנערן
אויך די, וואָס זיינען שיער פון פיין געוואָרן דול.
דו ביסט זיי, וואַלד, געווען אויך פינצטער און געהיט
ווי זייער שווער געמיט.
דו האָסט באַהיט זיי און באַשיצט זיי, וואַלד,
און די געפּלאָגטע איינגערוימט אַ מוט אַ רו —

ביז דער זוים פונעם געגאָרטן האָט זיך ברייט צעשטראַלט.
און כאָטש איך וועל שוין דער אַמאָליקער ניט זיין,
און קומען וועט אַן אַנדערער אין דיין געבענטשטער רו,
דאָך טוט מיך האַרציק פרייען, וואָס דו וועסט ווידער דו,
און מערסט פאַר אים די גאָב,
און קלייבסט פאַר אים די שיין,
און רייסן רייסט איר ביידע זיך פאַראויס
אין גבול פון ליכטיקייט אַריין!

דער ברונעם

דעם ברונעם איז צום האַרצן, אַז מען שעפּט אים,
אַז דער עמער דרינגט צום קאַלטן דעק,
און באַברעט מיט זיין ליפּ דעם גרונט און וועקט
די קוואַלן אונטער דר׳ערד און מערט די קרעפטן.

עס שיינט דאָס ברונעם־פּנים און עס קוועלט
פון קלינגעוודיקן פּלאַפּל פונעם עמער,

וואָס טאַנצט אַראָפּ דאָס וואַסער נעמען
מיט אַ פּאַרנייג, מיט להוט'ן שעפּ!

און ווי דעם ברונעמס פּנים ערשט באַלעבט זיך,
ווען חוה קומט, די עמער ריין געפּוצט.
זי ציט געהיט אַרויס דאָס אָנגעשעפּטע,
חלילה ניט צעפּליעסקענען דאָס גוטס.

פונוויטן קומען רייטער צוגעריטן,
דאָס דאַרשטיק פערד באַקומט צו טרינקען דאָ,
עס הילכט אין ברונעם אָפּ דער קלאַפּ פון טלאָ,
דער פאַרגעניגנפולער פּריסק פון טרינקערס ליפּן.

און אָט, געטראָפן האָט, דער ברונעם איז דעם ווינטער
אַליין מיט זיך געבליבן ניט געשעפּט.
האָט אים דער שטויב דאָס פּנים גרוי' פאַרקלעפּט
מיט פוילס, מיט מאָך די חיותן פאַרשפּינט אים.

אַ ברונעם איז צום האַרצן, אַז מע שעפּט אים,
אַז דער עמער דרינגט צום קאַלטן דעק,
און באַברעט מיט זיין ליפּ דעם גרונט און וועקט
די קוואַלן אונטער דר'ערד און מערט די קרעפטן.

דער קאָכלעפל

דרייט זיך דער קאָכלעפל אום אינעם טאָפּ,
און מישט דאָרט, און נישטערט, דעם שוים שוימט אַראָפּ.
און הייבט פונעם דעק אויף, און וויגט זיך אין קאָך.
דאָ שרייט ער: געננג! און דאָ פאָדערט ער: נאָך!
דאָ זידלט ער אויס, און דאָ שטעלט ער זיך איין,
און פּסקנט און זעלצלט און שמעלצלט אַריין,
אַ שמיץ מיט די גרויפּן, די ציבל אַ שטויס,
און פייער מיט וואַסער צעקריגט און גלייכט אויס.
דעם אַרבעס אַ שעפּ און דעם קרייטעכץ אַ שלעפּ,
און מישט זיך און קריכט אין די שכנישע טעפּ.
ער וואָלט אָן אַ סוף נאָר געדרייט זיך אין טאָפּ,
ווען ס'שטעלט אים זיין אייגענע גאווה ניט אָפּ: —
ער הייבט זיך און גיט צו פאַרזוכן אַ לעק —
און דעמלט איז פאַרטיק — מע לייגט אים אַוועק...

אומרו

און ס׳טרעפט ביינאַכט, אין שלאָף, זי הערט,
איך דריי זיך אַלץ און קאָן ניט שלאָפן,
פון מאָל צו מאָל מיין בעטל קרעכצט,
עס רעדט צו איר פון עפּעס שלעכטס,
מיט אומרו ווערט איר האַרץ פאַרלאָפן.

זי כאַפּט זיך מיט איר שלאָף צו ראַנגלען,
איר יונגער שלאָף איז קלעפּיק־זיס,
און קלעמט די אויגן, קלעפּט די אַנגלען,
נאָר ס׳שטעלן זיך אַראָפּ די פיס
אין בלאָנדזשעניש צו מיר דערלאַנגען.

„איך קאָן ניט שלאָפן״, — זאָגט זי קוים,
פון שטאַרקן שלאָף נאָך טרוימענד־שיכור.
זי שפּאַרט זיך צו אויף מיין געלעגער
און גלעט מיין קאָפּ. און צו מיר רוימט
און יאָגט פון זיך אויף מיר איר טרוים,
און יונגן שלאָף, מיט רו דערקוויקטער,
אין מיין געמיט זי הויכט אַריין. —
און זי ווערט וואַך. און איך שלאָף איין.

אַ חתן אָן אַ כלה

זיינען מיר אַרויסגעפאָרן
אויפן ערשטן שליטן,
אויפן ערשטן שליטן,
אַלע מחותנתטעס —
די כלה אינדערמיטן,
די כלה אינדערמיטן.

— אוי־אוי, —
זינגען אַלע,
נאָר סע שווייגט אַליין די כלה.
— אוי!

זיינען מיר אַרויסגעפאָרן
אויפן צווייטן שליטן,
אויפן צווייטן שליטן,
אַלע מחותנימלעך —

דער חתן אינדערמיטן,
דער חתן אינדערמיטן.

— אוי־ אוי, —
זינגען אַלע,
נאָר סע שווייגט אַזוי די כלה,
— אוי!

זיינען מיר אַרויסגעפאָרן
אויפן דריטן שליטן,
אויפן דריטן שליטן,
כלהס צד און חתנס צד —
די קלעזמער אינדערמיטן,
די קלעזמער אינדערמיטן.

— אוי־אוי, —
שפּילן אַלע,
וואָס־זשע שווייגט אַזוי די כלה?
אוי!

ווי מיר זע'ן אַרויסגעפאָרן,
פליט פאַרביי אַ רייטער,
פליט פאַרביי אַ רייטער,
האָט די כלה אויפגעפלאַמט,
ווי אַ פייער־שייטער,
ווי אַ פייער־שייטער.

— אוי־אוי, —
שווייגן אַלע,
נאָר סע זינגט אַליין די כלה...
— אוי!

שליטעלעך, איר שליטעלעך,
מעגט צוריק שוין פאָרן,
מעגט צוריק שוין פאָרן, —
חתן־לעב, אוי, חתן־לעב,
אַז ווי צו דיינע יאָרן,
אַז ווי צו דיינע יאָרן.

— אוי־אוי, —
אויקען אַלע, —
זעט אַ חתן אַן אַ כלה,
אוי! ...

איך בין אַ קאָזעק

בין איך געגאַנגען יאַגעדעס רייסן,
טרעף איך אין וועג אַ שטיקעלע אייזן,
האָב איך דאָס שטיקעלע אייזן באַטראַכט —
און האָב עס געצויגן,
און האָב עס געבויגן,
און האָב פונדערפון זיך פּידקאָוועס געמאַכט.
האָט שוין מיין פערדל פּידקאָוועס.

בין איך געגאַנגען זיך הוידען און וויגן,
טרעף איך אין גראָז אַ לעדערל ליגן,
האָב איך דאָס שטיקעלע לעדער באַטראַכט —
און האָב עס געשקראַבעט,
און האָב עס געשטשאַבעט,
און האָב פונדערפון זיך אַ זאָטל געמאַכט.
האָב איך שוין מיין פערדל אַ זאָטל.

בין איך געגאַנגען פּשוט שפּאַצירן,
טרעף איך אין וועג אַ פּליושענעם שנירל,
האָב איך דאָס פּליושענע שנירל באַטראַכט —
און האָב עס צעשונדן,
צעקניפּט און צעבונדן —
און האָב פונדערפון זיך אַ צוימל געמאַכט.
האָט שוין מיין פערדל אַ זאָטל.

פּידקאָוועס איז דאָ, אַ זאָטל איז דאָ,
אַ צוימל איז דאָ, אַ שווערד און אַ קאָזעק
אַוודאי איז דאָ...
נאָר קיין פערדל איז ניטאָ!
און דער קאָזעק שטייט אויף דר'ערד —
ווייל דעם קאָזעק פעלט דאָס פערד.

ווער וואָלט דעם קאָזעק אַ פערדל געבראַכט?!
איך בין אַ קאָזעק און רייס זיך אין שלאַכט!
ווי קאָן אַ רייטער זיין אָן אַ פערד?
ווי זאָל ער פליען פאָרויס מיט דער שווערד?
איך בין אַ קאָזעק —
איז גיט מיר אַ פערד!

דוד בערגעלסאָן

אַן עדות

1

אין ברייטן אויסגעבראָכענעם אַריינגאַנג פון גאַנץ־געבליבן זייער אָפּגעלופּעט הויז שטייט אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק. אַלץ, אין וואָס ער איז אָנגעטאָן, בעט זיך, מע זאָל עס וואָס גיכער פאַרבייטן אויף עפּעס אַנדערס. העכער פון זיין קאָפּ הענגט אַן אָפּגעמעקטע שילד, אויף וועלכער מע קאָן איבערלייענען ניט מער, ווי דאָס וואָרט „מאַש״. דער ייד רירט ניט מיט קיין איין אבר, ווי עס רירט זיך ניט דאָס וואָרט „מאַש״. און פון דער זייט דאַכט זיך מינוטנוויז, אַז ער איז ניט קיין לעבעדיקער — ער איז בלויז אויסגעמאָלט אין דער טונקעלער פּוסטקייט פון דער פעלנדיקער טיר און צו זיין געזיכט פעלט עפּעס, פּונקט ווי ס׳פעלט צום וואָרט „מאַש״ אויף דער שילד, וואָס איבער זיין קאָפּ.

אַרום־און־אַרום אים, אין דער ניט־לאַנג באַפרייטער רעפּובליקאַנישער הויפּט־שטאָט, איז אַלץ נאָר־וואָס באַלויכטן געוואָרן מיט אַ ווינטערדיקער זון, וואָס האָט זיך באַוויזן מיט עטלעכע שעה שפּעטער, ווי זי איז אויפגעגאַנגען. אונטער איר שיין ווערט פון רגע צו רגע אַלץ ווייטער און ווייטער דער ביינאַכט־אויסגעפאַלענער שניי, און זיינע פיל אַרויספינקלענדיקע אייז־קרישטאָלעכלעך פאַרבלענדזשען ממש די אויגן ביי די דורכגייער. אַן אַרויסשטעקנדיקע ווייסע וואַנט אין אַנטקעגנדיקן הייזער־געוואָלגער איז זייער העל באַלויכטן מיט זון, און דעריבער דאַכט זיך, אַז שטאַרקער ווי תמיד שרייט היינט אַראָפּ פון אָט דער וואַנט דער פאַרבליבענער אומזיניקער אויפשריפט:

„חנא׳ן האָט מען אַוועקגעפירט פון געטאָ דעם 27טן גאַנץ־פרי.״

ס׳איז אַרום צוויי אַזייגער בייטאָג — די צייט פון מיטאָג־איבעררייס אין אַלע צענטראַלע אַנשטאַלטן. די גאַס ווערט וואָס אַמאָל לעבעדיקער, נאָר אויפן יידן אין ברייט־אויסגעבראָכענעם הויז־אַריינגאַנג איז נאָך אַלץ ניט צו באַמערקן, ער זאָל קלערן זיך רירן פון אָרט. פון די פיל דורכגייער, וואָס איילן דאָ פאַרביי, בלייבט לעבן אים שטיין איינס אַן עלטער מיידל אין אַ לייכטן, כמעט זומערדיקן מאַנטל. זי טראָגט אויפן האַלדז אַ גאַרזשעטקע פון אַ ירושהדיק־אַלטן ברוינעם פוקס. און פון אונטער ווייס־וואַליטשקענעם בערעטל, וואָס אויף איר קאָפּ, זעען זיך אַרויס גלאַט־געקעמטע האָר, וואָס הויבן אָן גרוי ווערן.

— מיך? — פרעגט זי ביים יידן. — מיך דאַרפט איר?

איר דאַכט זיך, אַז דער ייד האָט זי נאָר־וואָס אַ רוף געטאָן. און טאַקע דאָ באַלד, ביים ערשטן קוק אויף אים, פאַלט איר איין, אַז ער איז אַ בלינדער — צי דאַרף ער ניט, מע זאָל אים אַריבערפירן אויפן אַנדערן טראָטואַר?

— וואָס? — פרעגט קאַלטלעך דער ייד.

ניט געאיילט פירט ער אָפּ זיין פאַרשטאַרטן בליק פון דער וואַנט מיטן

אויפשריפט, וואָס אין אַנטקעגנדיקן הייזער־געוואַלגער, און פאַרהאַלט אים בלויז איין רגע אויפן מיידל.

— מעגלעך, אַז איך דאַרף איך.

ער לייגט זיך עפּעס איבער ביי זיך אין געדאַנק — דערביי אָבער קוקט ער שוין ווידער ניט צום מיידל, נאָר גאָר צו די משונהדיק־געקניפּטע קרייקעס און צו די אויסגעקרימטע שקראַבעס, וואָס אויף זיינע פיס. גראָב, ווי שטרוי, געשניטן מיט אַ סערפּ, שטעקן איינציקע ווייס־גרויע האָר אין זיין אויסגעפּאַלענעם שיטערן בערדל, און דורך פּיל קנייטשן, ווי דורך טיפע ריגוועלעך, פליסט אַ טויטע טונקל־קייט איבער זיין גאַנצן לענגלעכן פּנים און גיסט זיך אַריין אין די שוואַרצע גריבער, וואָס אונטער זיינע פאַרשמאַלטע אויגן.

— אויב מכוח קליידער, — טוט זיך אַ כאַפּ דאָס מיידל, — איז קומט אַריין צו מיר אין שטאָט־ראָט. איך אַרבעט דאָרט. איר וועט פרעגן: דאָרע אַראָנסקי.

און מיטאַמאָל דערפילט זי, אַז עפּעס צו גיך פליען ביי איר די ווערטער פון מויל. דער ייד, זעט זי, שטייט נאָך מער קאַלט ווי פריער.

— ניין, — שאָקלט ער זיך סוף־כל־סוף אָפּ, — קליידער?

אַנגעוויזן פאַמעלעך אויף דער שילד, וואָס מיטן געבליבענעם וואָרט „מאַש“, גיט ער אומעטיקלעך צו:

— כ׳האָב זיך דאָ נאָר־וואָס צונויפגערעדט מכוח אַרבעט. כ׳בין אַ בלעכער... פון מערב־אוקראַינע קום איך.

ער רעדט אַלץ ניט־געכאַפּט און אָפּגעריסן.

— מע וועט מיר דאָ שוין געבן עפּעס אָנצוטאָן.

ער טוט ווי ביי זיך אַליין אַ פרעג:

— אַ?...

און ווי זיך אַליין ענטפערט ער:

— מע האָט מיר צוגעזאָגט.

ער זיפצט אָפּ:

— ניט אין דעם גייט עס.

ערשט איצט טוט ער רעכט אַ קוק אויפן מיידל. פאַמעלעך־פאַמעלעך נעמען זיינע אויגן זיך פאַרשאַרן אונטער די ברעמען, וואָס טוען פון מאָל צו מאָל אַ ציטער, און ניט זיין מויל, נאָר עפּעס גאָר זיינע באַקן טוען בייזלעך און פון זיך אַ וואָרף די ווערטער:

— כ׳בין אַן עדות!

אַ פּאַוזע.

— אַן עדות?

דאָס מיידל וויל תופס זיין, וואָס מיינט מיט דעם דער ייד. ווי פון ווייטיק אין די שלייפן קנייטשן זיך אירע אויגן — בלווילעכע, שוין אַביסל אָפּגעבליאַקעוועטע און צו וואוילע, מע זאָל קאָנען מיט זיי אַריינקריכן אַ מענטשן אין דער נשמה. לעבן די לעפלעך פון איר קורצער נאָז ווערן געדיכטער די רויטלעך־פאַרבלאָזטע קאָלירן, וואָס דערמאָנען אין איר אָפּגעשפּילטער יוגנט.

— דער איינציקער געבליבענער עדות, — דערהערט זי ווידער דעם יידנס קול, — אָט, ווי איר זעט...

— אַך, דאָס מיינט איר?

דאָס מיידל רעכנט, אַז זי פאַרשטייט שוין בערך, וועגן וואָס גייען דאָ די רייד.

— גאָט מיינער! — וויל זי אַ טרייסט טאָן דעם יידן צי זיך אַליין, — ווער איז דען היינט ניט קיין עדות?... און ווער איז דען היינט ניט קיין געבליבענער?... איך אויך — פון אַ פאַמיליע זאַלבעאַכט...

— הערט, וואָס מע זאָגט אייך! — ווערט מיטאַמאָל בייז דער ייד.

ער רעדט וועגן אַ טויטן־לאַגער ערגעץ־וואו אונטער לוואָוו. ער מאַכט אַ פּאָר טריט צום מיידל און כאַפּט זי אָן פאַרן מאַנטל. ממש אויף אַ טרייסל צו טאָן מיט איר. ער איז, שטעלט זיך אַרויס, געבליבן איינער פון אַריבער אַ מיליאָן... מע דאַרף, מיינט ער, פאַרשרייבן אַלץ, וואָס ער האָט געזען.

— און אַליין, — קלאָגט ער זיך, — בין איך שוין גאָר שוואַך — אַ!... היינט וואָס בעבעט איר? איך פרעג ביי אייך: איר ווילט פאַרשרייבן. צי ניין?

דערשטוינט, כמעט דערשראָקן שטייט אָקעגן אים דאָס מיידל, וואָס הייסט דאַרע אַראָנסקי און איילט זיך צו איר אַרבעט אין שטאָט־ראַט און געדענקט, אַז אין קאָרידאָר לעבן דער טיר פון איר צימערל וואַרט צו יענער צייט פיל מער עולם, ווי לעבן אַנדערע שכנישע טירן. זי הערט קוים, וואָס דער ייד רעדט צו איר. זי זעט בלויז, ווי אָקעגן אויף דער ווייסער אַרויסשטעקנדיקער וואַנט באַלייכט די זון אַלץ העלער דעם אומנוצלעכן אויפשריפט:

„חנאַ׳ן האָט מען אַוועקגעפירט פון געטאָ דעם 27טן גאַנץ־פרי.“

און אַ געפיל איז ביי איר אַזאַ, אַקוראַט ווי פון אומעטום, פון אַלע גאַנץ־געבליבענע ווענט דאָ אין שטאָט שרייען איצט צו איר אַראָפּ אָן אַ שיעור אַזעלכע אומנוצלעכע און אומזיניקע אויפשריפטן:

„חנאַ׳ן האָט מען אַוועקגעפירט פון געטאָ דעם 27טן גאַנץ־פרי.“

2

פון דעמלט אָן קומט דער ייד אַלע אויפדערנאַכט צו דאַרע אַראָנסקי אַהיים. דער ייד דערציילט — דאַרע פאַרשרייבט.

די וואוינונג פון די אַראָנסקיס — אַ וואוינונג פאַר אַ משפחה זאַלבעאַכט אין האַלב־חרובן הויז פון „כימטרעסט“ — איז דורכאויס פאַרוואַלגערט מיט אַרומיקן געברוך. נישטאָ נאָך דערווייל, ווער עס זאָל אַפּראַמען אַהין דעם וועג. פון דער גאַנצער משפחה אַראָנסקי איז קיינער אַחוץ דאַרען ניט געבליבן לעבן, און אירע אַלע באַקאַנטע זיינען אָדער אומגעקומען דאָ אין שטאָט אָדער זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן צו אומצוקערן זיך פון דער עוואַקואַציע. דאָס מעבל פון אַלע צימערן האָט מען צעטראָגן. אָפּגעזוכט האָט זיך צום אַלעם ערשטן דער אַלטער קיילעכדיקער טיש — אַ טיש, אַרום וועלכן איז אַ משפחה זאַלבעאַכט. ער איז געווען ביז לעצט צעפּאַרן. שוין גאָר זיין כלי ניט. דאַרע האָט אַרום אים גענוג געשוויצט און אים געטאָן זיין רעכט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט ווידער באַקומען אַ שטיקל חיזוק אין לעבן.

איצט שטייט שוין דער טיש אויף זיין פריעריק אָרט ביי די אַראָנסקיס אין גרויסן עס־צימער. דאָרע האָט אים צוגעדעקט מיטן איינציק־פּאַרהיטן אַן אַלט געוועבט סערוועט מיט אַ טיפן אימבער־געלן אוזאָר און מיט קורצע, נאָר זייער גראָבע טרעלדלעך. דער שווערער קיילעכיקער טיש האָט דורך דעם ווידער־אַמאָל באַקומען זיין אַמאָליקע חשיבות. און אַרום אים אויף די אָפּגעלופּעטע ווענט האָבן זיך ווי אויסגעלייטערט יענע ערטער, וואו די אייל־פאַרב „פּאַד־דוב״ איז געבליבן גאַנץ. דאָס איז געווען אַ שטאַרקע אייל־פאַרב אין אַ פיינער וואוינונג — מיט איר האָט אַמאָל דער „כימטרעסט״ פּרעמירט דעם אַלטן כימיקער מרדכי בענציאָנאָוויטשן — דעם פאָטער פון דער משפחה אַראָנסקי — אַ מונטערן, פּולבלוטיקן זקן, וואָס אַז די דייטשן האָבן אים געפירט צו דער תליה אינאיינעם מיט זיין שכן דאָ אין הויז, דעם רוסישן פּראָפעסאָר בירוקאָוו, האָט דער גאַנצער שטאָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פירט מען צו דער תליה אַלע וויכטיקע אויפטועכצן פונעם גאַנצן אָרטיקן „כימטרעסט״.

פון דער אַלטער ליוסטרע, וואָס איבערן קיילעכיקן טיש, איז געבליבן ניט מער ווי דער הוילער קאַרקאַס. דאָרע האָט אים פאַרדראַפּירט מיט איר פאַרביקן זיידענעם האַלדז־טיכל. זי האָט אַוועקגעלייגט ניט ווייניק כוחות אויף צו דער־וואַשן די פּאָדלאָגע מיט הייס וואַסער און מיט זייף.

און ווידער איז אין די ווינטערדיקע אָוונטן געוואָרן היימלעך ביי די אַראָנסקיס אין וואוינונג.

אַרום דעם פאַרשפּרייטן קיילעכיקן טיש פילט זיך אַן אויפהער אַ באַגנדיקע וואַרטעניש. וואָס ריינער אין צימער, אַלץ נאָגנדיקער איז די וואַרטעניש. פון שטאָט־ראָט האָט מען דאָרען אַריינגעשטעלט אַהער אַ טעלעפאָן־אַפּאַראַט. ער געפינט זיך אין וויטן ווינקל פונעם גרויסן פוסטלעכן עס־צימער און האָט נאָך דערווייל ניט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. דאָס איז אַ קאַלטער, שטענדיק־שווייגנדיקער מעכאַניזם. פון אים, אַזוי דאַכט זיך, נעמט זיך די קאַלטקייט אין דער גאַנצער געוועזן־ראַשיקער וואוינונג, וואו פאַר דער מלחמה פלעגט דער טעלעפאָן כמעט קיין מינוט ניט רוען.

עס מאַכט זיך:

אינמיטן שטילן אָוונט טוט זיך פלוצים אַ ריר דאָס טעלעפאָן־צינגעלע צווישן די צוויי ניקלנע דעכעלעך און ברענגט גרויס, ווי אומגערן, אַן אומקלאָרן ציטעריקן קלאַנג. דאָרע ווייסט, אַז דאָס פאַרעט מען זיך אודאי ערגעץ־וואו אויף דער צענטראַל־סטאַנציע מיט די טעלעפאָן־דראָטן. און דאָך בלייבט זי זיצן מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ, ווי גלייך אָט־אָט וועט זיך דער׳הערן אַ רוף כאָטש פון אַ טייל געוועזענעם רוסישקן לעבן. זינט אָנהויב מלחמה איז ניטאָ קיין שום ידיעות פון אירע צוויי יינגסטע ברידער גענאַדי און באָרע — אַ פּאָרל, וואָס האָבן ביידע בשותפות געוואוינט דאָ אין וואוינונג אין איין צימער, און ביידע בשותפות זיך געגרייט צו די סטודענטישע עקזאַמענעס, אויף איין פאַקולטעט, און זיינען ביידע, ווי בשותפות, אַוועק אויפן פראָנט. איז אָט: צי איז ניט געשען אַ נס כאָטש מיט איינעם פון זיי?

דאָרע טוט אַ ציטער, ווי גליך אָט־אָט וועט זי דערהערן אין טעלעפאָן:
— ער לעבט!

איינמאָל אין אָוונט — דאָרע און דער ייד האָבן זיך נאָר־וואָס געהאַט צו־געזעצט צום טיש — האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און אַרייַנגעקומען איז אַהער אַ יונגער מענטש — זייער אַ וואָוקסיקער און זייער אַ דינער. אַ באַ־זונדער שלאַנקייט האָבן אים צוגעגעבן די אָפיצערישע קליידער אָן די פּאַגאָנעס און די פּאַרטופּייע, וואָס ער האָט פון צוגעוואוינטקייט נאָך אַלץ אויף זיך געטראָגן.

אָוודאי אַ מינוט און מער זיינען דאָרע און דער אַרייַנגעקומענער געשטאַנען פאַרגליווערט און פּלוצים אַרויפגעפאַלן איינער דעם צווייטן אויף די העלדזער. דער ייד האָט צוגעקוקט, ווי עס געדויערט היפשלעך, ביז דעם יונגן מענטשן גיט זיך איין באַרואיקן דאָרען. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס האָט פון דער מלחמה זיך אומגעקערט דעם פּראָפעסאָר בירויקאָווס יינגסטער זון קיריל — יענער, וואָס האָט ווי אַ וואונדער־קינד צו צוואַנציק יאָר געענדיקט איינצייטיק דעם פילאָלאָגישן און דעם פיזישן פאַקולטעט. ער איז, הייסט עס, ניט דאָרעס ברודער און ניט אַפילו איר וווייטסטער אייגענער. מער ניט, וואָס דאָרעס פאָטער, דעם אַלטן כימיקער מרדכי בענציאַנאָוויטשן, און קירילס פאָטער, דעם פּראָ־פעסאָר בירויקאָוו, האָבן די דייטשן אויפגעהאַנגען דאָ אין שטאָט פאַר איין זאַך און כמעט אויף איין תליה — היינט גיי זאָג, אַז זיי קערן זיך ניט אָן אַזוי נאָענט, אַז נעענטער קאָן שוין ניט זיין.

3

דאָס פייערל פונעם איינציקן עלעקטרישן לעמפּל זיפּט זיך קוים־קוים דורכן שיטערן זיידנס, און ביי אָט דער שיין, וואָס באַלייכט קנאַפּ די אַרומיקע קאַלטע פּוסטקייט, זיצט דאָרע גאַנצע אָוונטן אַקעגן דעם פרעמדן יידן, דעם בלעכער פון מערב־אוקראַינע, און פאַרשרייבט אַלץ, וואָס ער דערציילט וועגן דעם טויטן־לאַגער אונטער לוואָוו.

דאָס, וואָס זי הערט פונעם יידן, איז אַ סך ערגער פון אומקום, פיל קרענק־לעכער ווי טויט. אָט צו וואָס דייטשן האָבן דערפירט אינעם לאַגער אונטער לוואָוו: לויט זייער באַפעל האָבן פריער־געבראַכטע יידן—דורכאויס צוגעקליבענע יידן און יידענעס מיט פיינע פּנימער — געמוזט אויסגעפּוצטערהייט, ווי צו אַ חתונה, באַגעגענען עשעלאָנען מיט ניי־געבראַכטע און זיי פאַרזיכערן:

— „איצט מעגט איר שוין זיין רואיק."

— „דאַנקט גאָט!"

— „דאָ וועט איר שוין בלייבן לעבן."

— „זייט זיכער..."

— „דאָ וועט אייך שוין זיין גוט."

דאָרע פאַרשרייבט געטריי און ניט געכאַפּט, באַמיענדיק זיך, דער עיקר, אַז אינעם איבערגעבן אויף רוסיש דאָס, וואָס דער ייד דערציילט אויף יידיש, זאָל

ניט אַריין קיין גרייזן פון דער רוסישער שפּראַך. אירע פּלייצעס הויקערט זי די גאַנצע שעהען מיט סבלנישער גרייטקייט, פּונקט ווי זי הויקערט זיי גאַנצע טעג ביי איר אַרבעט אין שטאָט־ראָט. איר פּלייסיקייט איז אַן איינגעוואָרצלטע, אַ שטענדיקע, געירשנט פון אַ טאַטן אַ געלערנטן און פון זיידעס למדנים. אין תוך געגומען איז איר ניט אינגאַנצן קלאָר, ווער דאַרף אָט די מי אירע לעבן אָט דעם יידן און וואָס וועט דערפון אַרויסקומען. בלויז ערגעץ טיף אין זיך פילט זי, אַז דאָס אַלץ האָט אַ שייכות צו די פאַרשוואונדענע גענאַדין און באַרען, צום אומקומען פון איר פאָטער, פון איר גאַנצער משפחה און פון אַלע אירע נאָענטע דאָ אין שטאָט, פונוואַנען בלויז איינציקע האָבן באַוויזן זיך ראַטעווען. מיט איר פאָטער, ווי מע דערציילט איר דאָ אין שטאָט, האָבן דאָך די דייטשן געטאָן כמעט דאָס אייגענע, וואָס מיט די יידן אין לאַגער אונטער לוואָוו: איינעם פרימאָרגן, איידער זיי האָבן אים אויפגעהאַנגען, האָבן זיי אים איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע, ווי מען שפּאַנט איין אַ פערד — מיט אַ כאָמוט און מיט אַ דוהע — און אים געצוואונגען שלעפּן אַ פאַס וואַסער איבער דער הויפּט־גאַס.

פול מיט ערנסט איז דאָרעס פנים און איר קול, בעת זי לייענט איבער פאַרן יידן איינציקע פון זיינע ווערטער, איבערגעזעצט אין רוסיש, און וויל וויסן, צי האָט זי זיי ריכטיק פאַרטייטשט.

— יאָ, — טוט אומעטיק זיך אַ שאָקל דער ייד און טראַכט אַ ווײַלע, — אַזוי, אַפּנים, איז עס.

ער האָט איר איינמאָל אין אַזאַ פאַל שוין געענטפערט:

— מיך פרעגט איר דאָ מבינות?... וואָס קען איך אייך דערויף זאָגן?... די צרות זיינען געווען אויף יידיש...

דעם יידנס פאַרשוואַרצט פנים דערמאָנט אין אַ האָלאָוועשקע, געראַטעוועט פון פלאַמען און פון שריפות. עס פילט זיך פון אים, אַזוי דאַכט זיך, אַ ריח פון געסמאַליעטע ביינער. דאָרע האָט פון זיינעטוועגן צוגעמאַסטעט צום טיש אַ לאַנגע באַנק, ער זאָל קאָנען זיך צושפּאַרן און האַלב ליגן. קוים וואָס ער רעדט, אַזוי אָפּגעשוואַכט איז אַלץ, וואָס אין אים איז נאָך געבליבן לעבן; און דערציילן דערציילט ער דערווייל נאָך אַלץ וועגן איינער פון די ערשטע פאַרטיעס, וואָס מע האָט אַוועקגעפירט פונעם טויטן־לאַגער אויף אָפּצוסאַמען אין דער „קאַמערע" און אויף צו פאַרברענען. און פאַרטיעס האָט מען פון דאָרט געפירט אַ סך, אַ סך גאָר אָן אַ שיעור. און אין יעדער פאַרטיע האָט ער אַ באַזונדער סימן, וואָס לאָזט ניט, ער זאָל זי פאַרפעלן.

— אין איין פאַרטיע, — דערציילט ער, — איז געווען אַ יונגע פרוי, זייער אַ גרויסע שיינהייט... אַ קראַסאַוויציע — גאָר ניט אויסצומאָלן — אויספּאַרן וועלטן. און געווען איז אין יענער פאַרטיע איינער נאָך גאָר אַ יונגער מאָלער — אויך אַ ייד. פלעגן די דייטשן אים אָנידערזעצן, ער זאָל זי אָראָפּמאָלן, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, מיט אַלערליי פאַרבן. און ער פלעגט זי באַמאָלן און וויינען, באַמאָלן און וויינען. און זי האָט זיך אַלץ איינגערעדט, אַז מע וועט זי לאָזן לעבן — אַלץ איבער איר שיינקייט. און אויך דער יונגערמאַן, דער מאָלער, האָט

אַזוי געגלויבט, און אויך אַנדערע האָבן געגלויבט. און נאָכדעם, אַז מע האָט זי דאָך גענומען פירן אינאיינעם מיט אַלע אין דער קאַמערע . . .

דאָרע פאַרשרייבט גיך־גיך, פאַרגעסנדיק שוין גאָר אינגאַנצן, אַז זי דאַרף זיך היטן, עס זאָלן זיך ניט אַריינכאַפּן קיין גרייזן ביים איבערגעבן דעם יידנס יידישע ווערטער אויף רוסיש. דער ייד איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן — פון שוואַכקייט, אַפּנים. דאָרע וואַרט צו אַ ווײַלע, ניט אַפּרייסנדיק די אויגן פון די פריש־אָנגעשריבענע שורות. און פּלוצים הויבט אָן דערגיין צו איר זייער אַ שטיל כליפּעריי באַגלייט מיט נאָך שטילערע היכצן און קרעכצן. זי דערהערט אַ נאָגנדיקן געיאָמער, ווי אַ זשומעריי פון אַ פליג, וואָס וואָלט כסדר זיך קלאַפּן און קלאַפּן אין פענצטער און וואָלט אומעטום זיך אָנשטויסן אויף גלאָז — אויף גלאָז פון אַ שויב. דאָרען איז אַ וואונדער: ווען אַלע מערדערייען האָט דעם ייד געקלעקט שטאַרקייט צו דערציילן, און איצט וויינט ער. טרערן רינען איינע נאָך איינע איבער זיין לענגלעך פּנים דורך די פיל קנייטשן און בלייבן הענגען אויף די איינציקע האָר, וואָס שטעקן אין זיין אויסגעפאַלענעם בערדל — גראָבע ווי שטרוי, געשניטן מיט אַ סערפּ.

— וואָס איז מיט אייך ? — פרעגט דאָרע ביים יידן. — איר וויינט ?

— יאָ, — כליפּעט קוים אַרויס דער ייד, — אויף אָט דער שיינקייט אירער, וואָס זיי האָבן פאַרברענט... עס כאַפּט זייער אָן ביים האַרצן.

ווירקלעך, עס כאַפּט זייער אָן ביים האַרצן. דאָרע טוט פּלוצים אַ וואָרף איר קאָפּ אויף די עלנבויגנס, וואָס זי האַלט אויפן טיש. און וואָס מער זי באַמיט זיך איינצוהאַלטן אין זיך דאָס געוויין, אַלץ מער טרייסלען זיך אירע אַקסלען. מיט אַלע חושים פילט זי, אַז זי באַוויינט אַ בראָך, וואָס איז ברייט ווי אַ ים, זי באַוויינט אומגעקומענע שיינקייט. גאָט אין הימל !... וויפל שיינקייט זיי האָבן אומגעבראַכט !...

ווען דאָרע שטילט זיך איין, דערזעט זי, אַז דער אויסגעמאַטערטער ייד דרעמלט — אים האָט איינגעשלעפערט זיין אָפּגעשוואַכטקייט. מיט פאַרוויינטע אויגן קוקט זי זיך איין אין ווייטן צימער־ווינקל, ווי מע קוקט זיך איין אין אַ פוסטקייט. זי וואַרט אַ מינוט פינף און מער, און אין איר מוח דרייען זיך פון זיך אַליין די ווערטער, וואָס זיינען אויפגעשריבן דאָ אין שטאָט אויף אַ גאַנץ־געבליבענער וואַנט. מעכאַניש פאַרשרייבט איר האַנט אויף דער לינקער רייַנער זייט פונעם לעצטן פאַרשריבענעם בלעטל:

„חנא׳ן האָט מען אָװעקגעפירט פון געט[?] דעם 27טן גאַנץ־פרי“...

נאָר דער ייד דרעמלט נאָך אַלץ האַלב־ליגנדיק אויף דער באַנק, וואָס זי האָט דאָ פון זיינעטוועגן צוגעמאַסטעט צום טיש. דורך די פיל קנייטשן, ווי דורך טיפע רינוועלעך, פליסט אַ טויטע טונקלקייט צו די שוואַרצע שוואַרץ־גריבער, וואָס אונטער זיינע צוגעמאַכטע אויגן, און ביי דער שיין פונעם איינציקן עלעקטרישן לעמפּל, וואָס זיפּט זיך פון אויבן דורך דעם שיטערן זיידנס, זעט אויס זיין פּנים ווי דאָס וואַקסענע פּנים פון אַ טויטן אין טרונע. דאָרע געדענקט איר פאָטערס פּנים: ציגל־ראָזעווע באַקן פון אַ פעסטן, ברייט־אַקסלדיקן זקן —

פון יענע, וואָס בלייבן ענערגיש און פול מיט אימפּעט ביז די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן, — באַקן, וואָס זיינען אָנגעגאָסן מיט חכמה אין אַלע זייערע צעאַקערטע שפּעלטיקלעך. אומגעריכט פאַר זיך אַליין, הויבט זי אָן פאַרשרייבן אויף דער לינקער ריינער זייט פונעם לעצטן בלעטל:

„. . . און די מאַמע, וואָס האָט מיט אים דורכגעמאַכט אַ לאַנג לעבן, האָט שטענדיק געהיט זיין געזונט, ווי דאָס וואָלט זיין איר הויפּט־באַרוף אין לעבן. געווען איז זי פון בעסאַראַביע — זייער אַן איבערגעגעבענע, אַ קרעפּטיקע נאָך אויך אין אירע עלטערע יאָרן. קיינער פון די קינדער געדענקט ניט, מע זאָל ווען־ניט־איז אין איר לעבן האָבן גערופן צו איר אַ דאָקטער. און מיר דערציילט מען דאָ, אַז אין יענעם אינדערפרי, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז די דייטשן האָבן דעם טאַטן איינגעשפּאַנט אין וואָגן, ער זאָל שלעפּן איבער דער הויפּט־גאַס אַ פאַס וואַסער, האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, פאַרבונדן איר קאָפּ און איר פּנים אין אַ פּויעריש טיכל און איז אַוועק העלפן דעם טאַטן שלעפּן דעם וואָגן. די דייטשן האָבן זי אַלעמאָל אָפּגעטריבן, און זי האָט זיך אַלעמאָל באַנייס דורכגעריסן צום וואָגן און האָט אים אונטערגעשטופּט. די דייטשן האָבן גענומען זי שלאָגן און האָבן זי אומגעוואָלגערט. זי איז געבליבן ליגן אין אַ טייך בלוט, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אויפגעהויבן און, צעשלאָגן, דורכאויס אין בלוט, וואָס האָט גערונען פון איר פּנים און פאַרנעצט די צעשמיסענע האָר אויף איר קאָפּ, באַנייס גענומען אונטערשטופּן דעם וואָגן. און דאָס איז געווען איר מלחמה מיט די דייטשן, ווייל ניט בלויז מיט ביקסן און מיט קוילן האָט מען מלחמה געהאַלטן און גובר געווען די דייטשן, נאָר אויך מיט שיינקייט, מיט געווײַנלעכער מענטשלעכער שיינקייט.“

4

עס טרעפט:

ווען דאָרע פאַרזיצט זיך שפּעטלעך אין אָוונט מיטן יידן, קומט אַהער אַריין קיריל. גיין איז אים נאָך אַלץ ניט גרינג — זיינער אַ פוס איז פון נאָך אַ פאַר־וואונדונג אַביסל איינגעצויגן אין קני, און מע ווייסט נאָך דערווייל ניט, צי ער וועט זיך מיט דער צייט אויסגלייכן, צי ניין. קיריל איז גרייט די רגע אַוועקצוגיין צוריק, נאָר דאָרע פאַרזיכערט אים, אַז ער שטערט ניט, און פאַרהאַלט אים.

קיריל האָט, אייגנטלעך, ניט וואוהין צו איילן. זיין גאַנצע משפּחה איז אומ־געקומען. זיין פאָטערס וואוינונג — אויף איין עטאַזש מיט די אַראַנסקיס — האָט ער געטראָפן פאַרקלאַפּט, פאַרצויגן מיט שפּינוועבס, פּוסט און פּונקט אַזוי פאַרוואָלגערט מיט שטוקאַטור־ברוך, ווי דאָרע האָט דאָ צוריק מיט אַ וואָכן דריי געטראָפן אירע. שווייגנדיק זיצט ער דאָ ביים טיש. ער קוקט זיך איין אינעם יידן. קירילס יונג פּנים אינאיינעם מיט די גרויע אויגן זיינען די גאַנצע צייט אַביסל אָנגעשטרענגט, ווי ער וואָלט וועלן גרינטלעך באַנעמען עפּעס אַזוינס, וואָס אים איז ניט אינגאַנצן קלאָר. ניט מיט ווייניק יידן האָט ער פון קינדווייז אָן זיך אָנגעזען דאָ אין שטאָט. מיט אייניקע קען ער זיך מער נאָענט. אַנדערש פון זיי

אַלע זעט אים אויס אָט דער ייד, וואָס איז, ווי אים האָט געזאָגט דאָרע, געבליבן איינער פון אַ מיליאָן — ער איז אויסגעמאַטערט, אָפּגעשוואַכט, זינגט צו און שאָקלט זיךביים רעדן. און טאַקע ווייל קיריל פאַרשטייט ניט קיין יידיש, קומט אים פאָר, אַז דעם יידנס ווערטער וועגן דעם טויטן־לאַגער אונטער לוואָוו זיינען מסתם זייער טיפּזיניקע און זייער שטאַרקע — ווערטער וועגן אַ מיליאָן אומגעבראַכטע לעבנס. אַ קלייניקייט ?!

אויף די באַשריבענע בלעטלעך, וואָס ליגן אויפן טיש לעבן דאָרען, קוקט ער דעריבער מיט באַזונדער אָפּשיי. פון צוריק מיט אַ יאָר צען געדענקט זיך אים אַן אָוונט, ווען זיין פאָטער, דער פּראָפעסאָר בירויקאָוו, האָט צום ערשטן מאָל פאַרשלעפּט פון ערגעץ צו זיך אַהיים מרדכי בענציאַנאָוויטשן — אַפּנים פון נאָך דער אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע פון „כימטרעסט”, וואו דער פּראָפעסאָר בירויקאָוו האָט דענסטמאָל געמאַכט זיינע עקספּערימענטן איוף צו פאַרוואַנדלען עפּעס זייער שלעכט־שמעקעוודיקס אין זייער שמעקעוודיקס. ביים אַריינקומען פון גאַס האָבן זיי געהאַלטן אין סאַמע מיטן אַמפּערן זיך.

— איך וויס אין זאַך, — האָט האַלב ווערטלענדיק זיך, האַלב ערנסט געטענהט מרדכי בענציאַנאָוויטש, — דערוויל שטינקט מסוכן ניט בלויז אין דער גאַנצער לאַבאָראַטאָריע, נאָר אויך אַרום און אַרום אין אַלע קאָרידאָרן, איך קאָן דאָרט פּשוט ניט איינזיצן ביי מיר אין קאַבינעט, און צי וועט דערפון אַמאָל אַנהויבן שמעקן, איז גאָר אַ גרויסע פראַגע. איך גלויב ניט... און צו וואָס ?... געגוג איז, אַז אין לעבן זאָל מען ניט שטערן צו פאַרשפּרייטן גוטע ריחות אַלץ וואָס איז פון דער נאַטור שמעקעוודיק.

דערנאָך האָט דער פאָטער אים — קירילן — דעמלט באַך אַ שול־ייִנגל, אָנגעוויזן אויף מרדכי בענציאַנאָוויטשן:

— קוק זיך צו: אַ ייד! אַזוינע, ווי ער, אַז מע איז זיי אַמאָל שטאַרק דערגאַנגען די יאָרן, האָבן זיי באַשאַפן אַ בוך, וואָס האָט איבערגעלעבט גאָר אַן אַ צאָל אַנדערע ביכער — אַ בוך וועגן דעם גוטס און שלעכטס פון דער וועלט...

דאָס אַלץ קומט איצט אַרויף אויפן זינען קירילן, בעת ער קוקט זיך איין אינעם יידנס פּנים און הערט זיך איין אין זיין קול, — ווער ווייסט, צי וועלן זיי אויך איצט ניט באַשאַפן עפּעס ענלעכס צו יענעם בוך — די יאָרן איז מען זיי יעדנפאַלס געגוג דערגאַנגען.

— דו ווייסט ? — זאָגט ער שטיל צו דאָרען, ווען פון אָפּגעשוואַכטקייט ווערט דער האַלב־ליגנדיקער ייד אויף אַ ווילע איינגעשלעפערט, — דו ווייסט, דאָרע, וואָס איך טראַכט ?...

ער בלייבט אַ ווילע זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי שמייכלענדיק פאַראויס פון זיך אַליין און פון דעם, וואָס ער וועט באַלד זאָגן.

— אין אָט די בלעטלעך דיינע וואָלט מען, מעגלעך, געדאַרפט אַריינשרייבן אויך וועגן אונדזערע ביידע אַלטיטשקע — וועגן מיין פאָטער און וועגן דיינעם... דו פאַרשטייסט צי ניין — קאָמיוגיסטן . . .

ער פאַרגעסט, אַז איין פוס איז ביי אים איינגעצויגן אין דער קני, און הויבט

אָן אַרומצוהינקען הין־און־צוריק לעבן דאָרען. ער רעדט, ווי זיין טבע, מיט צו קורצע פראַזן און צו גרויסע אינטערוואַלן, בעת וועלכע זיינע דינע ליפּן פאַרמאַכן זיך שטייף, ווי אויף ניט צו עפענען זיך שוין מער. און אַרום זיין יונג מויל, וואָס ווערט באַוואַקסן מיט אַ ווילד טונקל־בלאָנד בערדל, הויבט אָן אַרומצושוועבן אַ קינדעריש־חנעוודיקע שעמעוודיקייט. ער רעדט אַזוי, אַקוראַט ווי נאָך יעדער פראַזע וואָלט אים עמעצער אונטערטרייבנדיק אַ שטויס געטאָן: „נו, ווייטער! ווייטער!...״ ער דערמאָנט מיט זיין רעדן אין אַן איינגעשטילטן ים, וואָס מיט דעם ריטמיש־פּאַמעלעכן אָנקלאַפּן זיך אָן די ברעגעס זאָגט ער אָן, אַז ער קאָן זייער שטאַרק רוישן.

— יאָ... — זאָגט ער — קאָמיוגיסטן... עטלעכע און זעכציק יאָריקע קאָמ־יוגיסטן.

און ער דערציילט דאָרען אַלץ, וואָס ער האָט זיך דאָ אין שטאָט דערוואוסט וועגן זיי — וועגן זיין פאָטער און וועגן איר פאָטער:

— וואַליען געדענקסטו?

— וואַליע?... אין טעאַטער און אין קינאָ פלעג איך דיך זען מיט אַ מיידל, אַ שייניקע. נאָך גאָר אַ יונגע — אַ יאָר זעכצן — זיבעצן.

— נו, יאָ...

וואַליע איז דאָס געקומען צו קירילס פאָטער אַהיים, צום פּראָפעסאָר בירויו־קאָוון. דאָס איז געווען נאָך אין די ערשטע טעג פון דייטשישער אָקופּאַציע. וואַליע האָט אָפּגערופן דעם פּראָפעסאָר אויף אַ סוד:

— מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אין איינער אַ לאַבאָראַטאָריע פון „כימטרעסט״ זאָלן מיר אויספאַרטיקן האַנט־גראַנאַטן און מיר וועלן די גראַנאַטן צושטעלן די די פאַרטיזאַנער.

— „מיר״? — האָט זיך געוואונדערט דער פּראָפעסאָר, — ווער איז דער „מיר״?

— מיר — די אונטערערדישע קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע.

— מיט עלטערע האָט איר קאָנטאַקטיר?

— זייט רואיק...

דעמלט האָט דער פּראָפעסאָר בירויקאָוו זיך געהאַלטן אַן עצה מיט מרדכי בענציאַנאָוויטשן און... ביידע — ער און מרדכי בענציאַנאָוויטש — זיינען, אַזוי קומט אויס, אינעם זיבעטן יאָרצענדליק פון זייער לעבן אַריינגעטראָטן אין דער אָרטיקער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע.

קיריל קנייטשט מיט די אַקסלען.

— ווי דו ווילסט דיר, — זאָגט ער דערנאָך צו דאָרען. — אויף צו מאַכן צוריק יונג דעם אַלטן פאָוסטן האָבן דייטשן געמוזט אַראָפּבערענגען אַזאַ פינצטערן ציניש גייסט, ווי מעפיסטאָפעלן, און ביי אונדז האָט עס דורכגעמאַכט דער לויכטיק־גלויבנדיקער גייסט פון דער קאָמיוגיסטין וואַליע. צי ליגט ניט אויך אין דעם דער אונטערשייד צווישן אונדזער מענטשן און זייערן?

דאָרע ענטפערט דערויף גאָרניט. זי האָט ניט געענדיקט, ווי קיריל, קיין

שום פילאָלאָגישן פאַקולטעט און מוז נאָך דאָ גוט אַ טראַכט טאָן, וואָס ער מיינט. זי קוקט אויף קירילן אַנגעשטרענגט, מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי גלייך איר וואָלט פון רגע צו רגע אַלץ מער געשטאָכן אין די שלייפן.

5

צוגעקומען איינמאָל אין אָוונט צו דער טיר פון די אַראַנסקיס וואוינונג, האָט קיריל דערהערט פון דאָרט דאָרעס אַ האַרצרייסנדיקן געשריי, באַגלייך שיער ניט מיט אַ היסטערישן קוויטש:

— פּאַמאַגיטע!!!

אַזוי שרייט מען אינמיטן דער נאַכט, ווען מע ווערט פּלוצים באַפאַלן אויף אַ פּוסטער גאַס. זיכער, אַז אין עס־צימער וועט ער טרעפן אַ גרויס איבערקערעניש, האָט קיריל זיך זייער איילִיק אַריינגעריסן אַהין אין טיר, נאָר צו זיין באַוואונדערונג דערזען דאָס זעלבע פּוסטלעך־צוגעקליבענע עס־צימער, וואָס תמיד. מער ניט, וואָס אויף דער צוגעמאַסטעטער באַנק לעבן דעם קיילעכיקן פאַרשפּרייטן טיש איז דער ייִד דאָס מאָל געלעגן מער אויסגעצויגן, ווי געוויינלעך. די הענט זיינען אים געווען צונויפגעלייגט אויף דער ברוסט, און ביי דער קנאָפּער שיין, וואָס זיפּט זיך דורכן קאָלירטן זיידנס, האָבן די לעפּלעך פון זיינע צוגעמאַכטע אויגן אָפּגעלויכטן מיט גלאַנץ. אַפּנים פון דעם, וואָס מע האָט דאָ אויף אים געגאָסן וואַסער. באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָט דאָרע אַ לויף געגעבן צום טעלעפאָן אין ווינקל און גענומען עפּעס אַריינשרייען אין טרייבל. מבולבל האָט גלייך נאָך איר זיך אַ לאָז געטאָן קיריל און כמעט מיט גוואַלד זי אָפּגעשלעפּט פון דאָרט:

— דער טעלעפאָן אַרבעט דאָך ניט.

— אָך, יאָ...

דאָרע האָט אָפּגעאָטעמט ווי נאָך אַ קאַשמאַר.

— גאָט מיינער!... ער גייט אויס, אָדער ער איז אפשר גאָר שוין אויסגעגאַנגען... וואָס־זשע טוט מען איצט?... גאָט מיינער!

און אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך איר מאַנטל, האָט זי אָוועקגעיאָגט ערגעץ־וואוהין זוכן אַן אַרבעטנדיקן טעלעפאָן, אַרויסרופן „גיכע הילף“, זיך אַריינכאַפּן צו אירן אַ באַקאַנטן דאָקטער און אים אַהער ברענגען.

פונעם שטאַרקן קלאַפּ, וואָס דאָרע האָט ביים אָוועקלויפן געטאָן מיט דער טיר, האָט זיך אַ וויג געטאָן דער הענגענדיקער קאַרקאַס. און דאָס עלעקטרישע פייערל אונטערן זיידנס האָט אויף אַ רגע זיך אַ זעץ געטאָן, ווי אויף אויסגעלאָשן צו ווערן. דערנאָך איז אין עס־צימער מיטאַמאָל געוואָרן זייער שטיל, און אָט די שטילקייט האָט גענומען געבן קירילן אַלץ מער און מער צו פילן, אַז ער געפינט זיך דאָ אויף דער וואָך, איינער אַליין מיט אַ מענטשן, וואָס האַלט ביים אויסגיין.

אַנגעשטרענגט און פאַרשפּיצט איז געווען דעם ייִדנס נאָז מיט די געשלאָסענע אויגן און געשלאָסענעם מויל. אַזוי אַנגעשטרענגט און פאַרשפּיצט זעט אויס דאָס פּנים פון אַ מענטשן, וואָס האָט לאַנג און ערנסט געצילט אין עפּעס, נאָר געבליבן

אינמיטן — ניט דערצילט. דאָ אויפן טיש זיינען געלעגן די בלעטלעך מיט זיין ניט־פאַרענדיקטן דערציילן וועגן אַ מיליאָן מענטשן, וואָס ער האָט אָנגעוואוירן אינעם טויטן־לאַגער ערגעץ־וואו אונטער לוואָוו — וועגן אַ גאַנצן מיליאָן! אין קירילס אויגן האָט דער ייד איצט יעדנפאַלס אויסגעזען, ווי איינער פון די גרעסטע בעלי־עדות אין דער וועלט.

קיריל האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. גענומען צורוקן צו זיך און אויפמישן די בלעטלעך, האָט ער דערפילט צו זיי עפּעס אומבאַקאַנטס, ווי עס טרעפט געוויינלעך, ווען מע זעט פאַר זיך די לעצטע אַרבעט, וואָס אַ מענטש האָט פאַרן טויט געטאָן, נאָר ניט דערטאָן. אויף אָט די בלעטלעך, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, וועט ער אוודאי געפינען עפּעס זייער שטאַרקס, אַזוינס, וואָס איז נאָך פון קיינעם ביז איצט ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן. נאָר צו זיין באַוואונדערונג זיינען דאָרט אַלע ווערטער און פראַזן געווען זייער געוויינלעכע און פּראָסטע. טרוקן, כמעט ווי אין אַ פּראָטאָקאָל, איז אויף איינעם אַ בלעטל געווען געשריבן, ווי אַזוי אַ צו־קינד־גייענדיקע פרוי איז אומגעקומען לעבן אַ גרוב אינאיינעם מיט אַ גוואַלדיק־גרויסער מענגע נאַקעט־אויסגעטועגע און האַלב־נאַקעטע מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער און פאַרשיידענעם געשלעכט.

„און בעת איינע פון די פיל קוילן האָט געטראָפן די פרוי אין קאָפּ, האָט זי שוין געבוירן דאָס קינד. און ווען מע האָט זי אַריינגעשטויסן אין גרוב אַריין, האָט איר זיך אין שטויב נאָכגעשלעפּט אַהין דאָס קינד, באַהעפט ביים נאָפּל צו דער מוטער.“

איבערגעלייענט וועגן דעם, פאַרקרימט ער זיין פּנים, ווי נאָך האָבן געלאָזט זיך אַרויסרייסן אַ צאָן.

אויף דער לינקער זייט פון אַן אַנדער בלעטל געפינט ער די פּרטים פון מרדכי בענציאַנאָוויטשעס טויט, פאַרשריבן מיט דאַרעס האַנט. און שוין אַליין דער נאָמען „פּראָפעסאָר בירזיוקאָוו“, וואָס זי דערמאָנט דאָרט עטלעכע מאָל, הויבט אָן אַרויסצורופן אין קירילן אַן אומגעהייערע בענקשאַפט צום פאָטער — אַ שטאַרקע און קלעמענדיקע בענקשאַפט. דאָ אין דער נאָענטקייט פונעם יידן, לעבן וועלכן ער איז געבליבן אויף דער וואַך, שווימט אויף ביי אים אין זכרון איינער אַ מאָמענט פון זיינע יונגע קינדער־יאָרן, ווען ער אינאיינעם מיט אַנדערע עטלעכע קינדער אין הויף האָבן באַליידיקט אַ יידיש ייִנגעלע. גראָד דענסטמאָל איז פון דער גאַס אָנגעקומען זיין פאָטער און איילנדיק אים אַריינגערופן אין שטוב אַריין, אים אַריינגערופן זייער שטרענג, ווי אויף באַלד מקיים־פּסק צו זיין. נאָר דאָך, אַריינקומענדיק אין קאָרידאָרל, זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עפּעס נייטיקס צו טאָן, און איז גלייך אַוועק צו זיך אין קאַבינעט. ערשט אין אָוונט האָט אים דער פאָטער אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט, פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר און אים כלומרשט אויסגעזאָגט אַן ערנסטן סוד, אַז ער, דער פּראָפעסאָר בירזיוקאָוו, איז גאָר אין דער אמתן... נו יאָ... זיין פאַמיליע איז אין דער אמתן גאָר אַבראַמסאָן — גאָר אַ ייִד, הייסט עס... אַ שטיק צייט האָט דער פאָטער נאָכדעם אים, קירילן, געלאָזט מיינען, אַז ער איז אַ ייִד.

וואָס מער קיריל האָט זיך דערמאָנט אָנעם פאָטער, אַלץ שטאַרקער האָט אים דורכגענומען זיין בענקשאַפט און געפאָדערט, ער זאָל זי אין עפּעס אויסגיסן. ער האָט ניט געדענקט, ווען האָט ער דאָ ביים קיילעכיקן פאַרשפּרייטן טיש גענומען די פען אין האַנט און ווען האָט ער גענומען פאַרשרייבן אויף דער לינקער זייט פונעם לעצטן בלעטל זיינע לעצטע זכרונות וועגן זיין פאָטער, דעם אומגעקומענעם פּראָפעסאָר ביריוקאָוו.

פּלוצים האָט קיריל דערפילט, אַז ער איז מער ניט דער איינציקער לעבעדיקער מענטש דאָ אין צימער. אַ קער געטאָן געשווינד דעם קאָפּ, האָט ער דערזען דעם יידן, ווי ער זיצט אָנגעשפּאַרט מיטביידע הענט אויף דער צוגעמאָסטעטער באַנק ביים טיש, און דורך פיל קנייטשן, ווי דורך טיפע רינוועלעך, פליסט בענקשאַפט איבער זיין לענגלעכן טונקעלן פּנים און גיסט זיך אים אַריין אין די שוואַרצע לעכער, וואָס אונטער זיינע האַלב־צוגעמאַכטע אויגן.

דערפילט לעבן זיך דעם צוגעלאָפענעם קירילן, טוט דער ייד אַ ציטער:

— וואָס איז? — וואונדערט ער זיך, — מע האָט געמיינט, איך בין געשטאָרבן?

פּאַמעלעך נעמען זיינע אויגן זיך פאַרשאַרן אונטער די אויפגעציטערטע ברעמען, און ניט זיין מויל, עפּעס זיינע באַקן טוען אַ וואָרף אָפּ פון זיך די ווערטער:

— ווי קען איך שטאַרבן?... איך בין דאָך אַן עדות!

פּרץ מאַרקיש

דעם יידישן שלאַכטמאַן

1

איך ווייס: דו האָסט געקושט די ביקס אין יענעם טאָג,
וואָס האָט אויף וואָגשאָלן געלייגט פון פאָלק דאָס לעבן,
און מיט איעדן שאָס, ווי מיט אַ דונערנדיקן גלאָק,
האָסטו געבענטשט דאָס לאַנד, וואָס האָט זי דיר געגעבן.

האָסט אַ דערקלערונג מאַכן פייערלעך געהאַט
מיט פייער און מיט בלוט דורך אויפשטייג און דורך ווייען —
דו! דער ייד! דער בירגער! דער סאָלדאַט!
דו! דער ייד! דער רויטאַרמייער!

געהאַט האָסט אַ דערקלערונג מאַכן מיט דער ביקס,
אַזאַ, וואָס ניט פאַרוועלקן וועט זי ווי די שטערן —
דו ביסט געוועזן, וועסט זיין, דו ביסט
קעגן דער פינצטערניש און קנעכטשאַפט דער פאַרשווערער!

דו האָסט אַמאָל פון בערג געבאָטן צען דערקלערט,
אַז ס'זאָל מיט זיי דאָס האַרץ פון וועלט זיך פיטערן און פעסטען.
פאַרפאָלגטע, טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד
דורך אַלע ארבע מיתות בית־דין —

פון פאָלק צו פאָלק — מיט דערנער אויף די הענט,
פון לאַנד צו לאַנד — מיט וואָגל־ווינט געפּאַרט דאָרט.
מיר מעלדן זיי אויך דאַן, ווען אונדזער מויל איז שוין פאַרברענט!
מיר מעלדן זיי אויך דאַן, ווען אונדזער האַלדז איז שוין געשאָכטן!

אַצינדער טראָגט זיך דיין דערקלערונג צו דעם קאָט,
אַזאַ, וואָס נאָר מיט ביקס אין האַנט דערקלערן קאָן מען.
ס'באַוועגט זיך באַרג און טאָל, עס מורמלט גראָז און בלאָט,
און בלוט אויף אַלע וועגן שרייט: — נקמה!

איך ווייס: דו האָסט געקושט די ביקס אין יענעם טאָג,
וואָס האָט דיך אויג אויף אויג געשטעלט מיטן באַגרעבער,
און מיט איעדן שאָס, ווי מיט אַ דונערנדיקן גלאָק,
האָסטו געבענטשט דאָס לאַנד, וואָס האָט זי דיר געגעבן.

2

פון ניט פאַרוועלקנדיקן אוראַלט איך פאַרנעם,
ווי אַ צוואה, דעם געדויש פון שלאַכטן. איך פאַרגעס ניט,
ווי שמעון און ווי לוי האָבן אויסגעקוילעט שכם
פאַר לעסטערן, פאַר שענדן זייער שוועסטער.

אַצינדערט איז קיין צאָל אויף ציילן ניט פאַראַן,
קיין וואָרט אַצינד אויף וויינען איז ניטאָ מער.
זאָל ווי אַ באַרג זיך איצט אַראָפּלאָזן דיין האַנט,
זאָל דריי מאָל, ווי דער אומגליק, גרויס זיין די נקמה!

דער גלאַנץ פון זייער בלוט איז זיסער פון באַגין,
קיין פרייד אַזאַ אינערגעץ איז ניטאָ מער —
אָט שטייט ער קעגן דיר, דער דייטש, פונקט ווי אַ יאַשטשער גרין, —
רייס זיך אַריין אין גאָרגל, אין זיין טמאַ'ן.

און ביזן לעצטן אָטעם ניט פאַרגעס
פון זויג־קינדער געשליידערטע, פון מאַמעס די געהוילן,
די ערד די וויינענדיקע פון דער שטאָט אָדעס
און דאָס געוויין פונעם פאַרבלוטיקטן לוקיאַנאָווער בית־עולם.

איבער געשאָכטענע קהילות, איבער אָרעמקייט צעפּליקטס
יאָרהונדערטער זיך קייקלען, פונקט ווי רייפן.
ווייסט, יידישער סאָלדאַט, זיך ניט צעשיידן מיט דער ביקס,
ווי ס'האָבן דיינע זיידעס ניט צעשיידט זיך מיטן ספר.

דו ווייסט זי ניט אַרויסלאָזן פון האַנט אַצינד,
ס'וועט אין דיין צאָרן איבערברעכן יעדער פעסטונג.
— אַ שטאָט פאַר יעטווידן געשאָכטן קינד!
— אַ שטאָט — פאַר יעטווידער געשענדטער שוועסטער!

גיי, רויטאַרמייער יידישער, נקמה נעם,
זאָל זיך ניט אויסשעפּן פון האַרץ דיינעם דער צאָרן,
ביז ס'וועט בערלין ניט זיין צעבראָקט ווי שכם,
ביז ס'וועט דאָס בלוט ניט זיין באַצאָלט פון דיינע קברים!

3

איך ווייס: דו האָסט קיין ברויט ניט אָנגערירט אין יענעם טאָג,
ווען ס'האָט דער קאָט דאָס פאָלק צום אויסראָטן געמאָלדן.
נאָר ניט קיין תענית ס'איז געווען און ניט קיין פּלאָג,
געמאָלדן מ'האָט עס ניט צום ערשטן מאָל דיר...

דאָס וואַסער אויסגעטריקנט אין באַקלאַזשקע האָט,
געריסן קריעה אויפן לייב האָסטו פון צער און ווייטיק,
ווען זקנים האָט דער קאַט געיאָגט אויף מאָרד און שפּאָט,
ווען איבער קינדער האָט די האַק געטאָן זיך אַ צעגיי דאָרט.

נאָר ניט אַראָפּגעלאָזט אין פּיין האָט זיך דיין קאָפּ,
דיין ביקס, פּונקט ווי אַ רייניקייט, האָט זיך אין ד׳רהייך געהויבן!
צוויי טויזנט גלות־יאָר זיינען פון דיר אַראָפּ,
און פינף און צוואַנציק פּרילינגס צערטלען דיך מיט צויבער,

אַז ווי אַ לייב אין שלאַכטן גיין זאָלסט גראָד,
דיין גייסט זאָל שטאָלץ קעגן דעם הענקער זיין פאַרמאָסטן.
— דו האָסט באַשטעטיקט דיין באַרוף ביי סטאַלינגראַד!
— דו האָסט דיין רעכט באַשטעטיקט אונטער מאָסקווע!

פאָראויס אונטער דער פאָן — דער ברידערלעכער רוס,
מיט דיר דער אוקראַינער גייט צוזאַמען
און דער ווייסרוס, און נאָך, און אַלעמען איז גלייך באַוואוסט,
אַז נאָר אין היימלאַנד איז פאַראַן, ווי ס׳איז פאַראַן אין מאַמע!

און שטאַרבנדיק אויף שלאַכטפעלד, בעגטשן וועסט די שווערד,
און מיט אַ קוק זיך צולייגן צו דער באַפרייטער שוועל דאָ.
אויך מיט דיין לייב ז׳פאַרקנאָטן רוסלאַנדס ערד,
אויך מיט דיין בלוט זיינען באַגאָסן אירע פעלדער!

איז נעם פון האַרץ מיינעם דאָס טיפסטע קול,
עס שיידט זיך ניט מיט טריט מיט דיינע ביי די״ראַנדן!
דיך אין דער קייט דער גאָלדענער וועט איינשליסן דאָס פאָלק,
אַ שטערן אָנטאָן וועט אַ גאָלדענעם דאָס לאַנד דיר!

א. קושניראָוו

פון בוך „מלחמה״

איך טראָג אין האַרץ טיף פאַרקריצט אַ נאָמען

„דאָס פאָלק איז אומשטערבלעך״.
— סטאַלין

אויף אַלע וועגן, שטעגן פון מלחמה
איך טראָג אין האַרצן טיף פאַרקריצט אַ נאָמען,

אַ העכערן פון אַלע מיינע הייכן,
אַ טיפערן פון אַלע מיינע תהומען,
אַ ליכטיקן און זוניק זהעלן נאָמען,
וואָס שיינט און וואַרעמט מיך און טוט מיר לויכטן.
ער ברענט אין קאָפּ ביי מיר און וואַכט אין זינען,
ער נערט מיין ליבע, און ער נערט מיין שנאה.
ער העלפט מיר, און ער ווייזט פאָראויס צו שפּאַנען,
ער טרייבט מיך אונטער, ווען כ'בין אָפּגעשטאַנען,
ער הייבט מיך און ער מונטערט מיך און מוטיקט,
ווען כ'פאַל מיט פּנים צו דער ערד פאַרבלוטיקט,
און שטייט מיר ביי אין אומגליק און אין נויטן,
און פירט דערווייל מיך דורך דורך אַלע טויטן.

אַך, ליבע מיינע, איינציקע דו איינע,
אַנטשולדיק מיר, פאַרגיב מיר, ניט דיך מיין איך.
איך מיין ניט אויך, אַנטשולדיק מיר, פאַרגיב מיר,
די בליענדיקע צווייג פון אונדזער ליבע,
וואָס איז מיט יוגנט־מוט אַוועקגעטראָטן
נאָך מיר אויף וועגן־שטעגן פון מלחמה
און האָט אין שלאַכט זיין יונגן רויש צעשאָטן.
ניין, אויך ניט אים, איך מיין ניט אויך זיין נאָמען,
כאָטש בלויז דערמאָנען אים — פאַרכאַפּט דעם אָטעם,
אַ טרער אויף ווייס, ווי אַ טראָפּן טוי, פאַלט,
מיין לעבן איז געוועזן אויף זיינס געכפּלט,
אויף זיינס און דיינס, מיין טייערע, מיין ליבע...

אַך, וויפל ליבע נעמען כ'היפער איבער
און נאָר צו איינעם כ'ווענד מיינע ווערטער,
אָט די ביז איצט נאָך ניט אַרויסגערעדטע:
ניט נאָר מיין לעבן, אַלע לעבנס מיינע
דיר גיב איך אָפּ, דיר זאָלן זיי געהערן,
מיין מוט און בלוט זאָל דיר פאַררעכנט ווערן.
און אויב באַשערט מיר רום, זאָל דיר עס שיינען,
דיר, וועמעס נאָמען כ'טראָג פאַרקריצט אין האַרצן,
אין וועמעס לעבן כ'גלויב מיט פולן גלויבן,
מיט וועמעס גליק איך וויל נאָך זיין דערהויבן,
און וועמעס רוף איך פאָלג —
מיין פאָלק!

פאָטער קאָמאַנדיר

ביינאַכט, פון אָסיענדיקע וועגן און פון בלאָטע
געקומען „פּאַפּאַלנעניע״ אין מיין ראָטע.
כ׳בין דורך פאַרביי דער שיטערער שערענגע,
זיך איינגעקוקט אין פנימער אין מידע,
אַפילו אין דער פינצטערניש דער ענגער
זיי זעען אַלע אויס אַזוי פאַרשידן.
אַזוי פאַרשידן יעדנס אויגן גלאַנצן —
אַלץ יוגנט פון געבורט — יאָר פינף־און־צוואַנציק.

אָ, יינגלעך אַכצניעריקע און צאַרטע,
ווי פרי אויף אייער גורל איז געפאַלן
דער שווערער עול פון מענער און סאָלדאַטן,
דער שטאָלצער חוב פון קריגער און באַשיצער.
ווי פרי עס מוז געפּרוּאווט ווערן אין פייער
די רייפקייט אייערע, דער כוח אייערער...
וואָס גיט אייך מוט און גרייטקייט צו באַנעמען
דעם רוף און דעם באַפעל פון אונדזער היימלאַנד:
צי יינגלשע נאָך נייגעריקע דרייסטקייט,
צי ליבע טיף באַזיניקטע און הייסע,
צו טרייהייט איינגעבוירענע פון וויגל?...

אָ, אָדלערס מיט קוים־קוים געשטאַרקטע פליגל,
פון נעסטן היימישע נאָר־וואָס אַרויסגעפלויגן.
איך קוק אַצינד זיך איין אייך אין די אויגן,
און וויל דערזען דאָרט שטאַרקייט, ניט קיין מורא.
מיר איז פאַרטרויט אַצינדערט אייער גורל,
דאָס לעבן אייערס, אייער הייסער אָטעם,
איך בין איצט אייער קאָמאַנדיר און פאָטער.

אָ, קינדער מיינע, יונגע, צאַרטע לעבנס,
צי איז באַשערט מיר, צי איז מיר געגעבן
מיט אייך זיך נאָענט־נעענטער באַקענען,
ביז צו געדענקען אויסווייניק די נעמען,
דעם שמייכל יעדנס אויסווייניק געדענקען,
און וויסן יעדנס טרוים און יעדנס בענקען.
צי אפשר וועל איך מוזן, דאַרפן
נאָך היינט ביינאַכט אין שלאַכט אייך וואַרפן.
און נאָכדעם. נאָך דער שלאַכט, נאָכן געוויטער,
אויב מיך וועט אויסמיידן אַ קויל אָדער אַ שפּליטער,

ווי וויטיקלעך כ׳וועל וועלן און ניט קענען
דערמאָנען ניט דעם שמייכל, ניט די בעמען
פון יענע, וועלכע וועלן דאָ שוין פעלן...

אָ, היימלאַנד, דיינע הייליקע באַפעלן,
כ׳האָב אויסגעפילט מיט האַרבקייט און מיט ליבע.
ווער ווייסט, אויב ניט אין אַזאַ נאַכט אַ טריבער
פון אָסיענדיקע וועגן און פון בלאָטע
איז ערגעץ אין אַן אַנדער, אַנדער ראָטע,
אַן אַכצניאָריק און שוואַרץ־חנ׳יק יינגל,
אויף מיר אינגאַנצן ענלעך און געראָטן,
געקומען אין אַ ראָטע ניט קיין גרינגער,
געקומען אין אַ שווערער שעה . . . געקומען . . .
און כ׳וויס ניט, וואו איז ער אַהינגעקומען.

ליבע צו ווייב און צו קינד

ליבע צו ווייב און צו קינד —
אַ וואַרעמקייט טריפט אַזאַ רייפע,
זי מאַכט מיך אי מילדער אי שטייפער —
ליבע צו ווייב און צו קינד.

ווי קומסטו אין זין מיר אַצינד,
ווי קומסטו אַצינד מיר אין האַרצן
אויף ברענענדיק שלאַכט־פעלד אויף שוואַרצן,
ליבע צו ווייב און צו קינד.

צעבושעוועט פייער און ווינט
מיך דריקט צו דר׳ערד, צו דער הייסער,
נאָר אויפשטיין באַפעלט מיר און הייסט מיך
ליבע צו ווייב און צו קינד.

אָ, שונא, צערין און פאַרשווינד,
איך גיי אויף דיר, ברוינער געוויטער,
מיט מוט און מיט כוח, וואָס גיט מיר
ליבע צו ווייב און צו קינד.

ליבע צו ווייב און צו קינד —
אַ קוואַל אַזאַ ריינער און פרייער,
אַ קראַפט אַזאַ פעסטע און טרייע
אין גרויסן מיין היימלאַנדס געזינד . . .
ליבע צו ווייב און צו קינד.

הירש דאָבין

אין אורלויב

אביגדור ראָדאָוו, דער פּאַרטיזאַן פון דער מחנה אויף סואוואָראָווס נאָמען, גייט זיך אין אורלויב אַהיים. מיט דער ביקס אויפן אַקסל און מיט אַ דייטשישער גראַנאַטע, פאַררוקט מיטן לאַנגן הילצערנעם הענטל אונטערן רימען פונעם פּעלצל, גייט ער זיך עטוואָס בגילופין פונעם טראָפּן, וואָס ער האָט גענומען אין אַ באַקאַנט דאָרף. ער גייט און זינגט זיך:

И поет эту песню гармонь
Про улыбку твою и глаза...

ער איז שיכורלעך פונעם אויסגעטרונקענעם ביסל „סאַמאַהאָן", און מער פון אַלץ דערפון, וואָס ער גייט אַהיים. די היים איז קיין היים ניט: די עלטערן זיינע וואוינען גאָר אין וואַלד ניט ווייט פון שטעטל. אַ פּאָר מאָל איז ער שוין ביי זיי געווען. איין מאָל — אָפּגעפירט אַ בהמהלע, וואָס מע האָט אים געגעבן פון דער מחנה. אַ צווייט מאָל — פאַרנדיק ווינטער פאַרביי פון אַ שלאַכט־אָפּעראַציע, אַביסל זאַלץ פאַרפירט.

איצט גייט ער ווידעראַמאָל אויף אַ פּאָר טעג. און דאָס מאָל — באַזונדערס צופרידן דערפון. איצט האָט מען אים באַלוינט מיט אַ פּאַרטיזאַנישן מעדאַל פון דער ערשטער מדרגה, וואָס מע האָט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געבראַכט צו פירן אויף אַן עראָפּלאַן פון מאָסקווע. גייט ער זיך אַהיים און וואָלט בשום־אופן ניט געוואָגט צו מודה זיין זיך פאַר עמעצן, אַז די עצם סיבה פון זיין גיין איצט צו די עלטערן איז דער פאַרלאַנג צו ווייזן זיך דאָרטן מיטן מעדאַל אויפן ברוסט.

אויפן האַרצן איז אים פריילעך. דערצו איז נאָך אין דרויסן פרילינג. אַלץ גרינט, אַלץ דערוועקט זיך צום לעבן. אין ליכטיקן, בלאָו־צעגאָסענעם הימל, ווי אַ טייך, שווימען אום וואָלקנדלעך־קריעס. און סע שפּילט אַזוי זילבערדיק־פריש אַ ווייט וואַסער. און פייגעלעך מוקן זיך און טוקן אין טיפן רוים, צוויטשערנדיק זייערע לידער, און ווי צוגעבונדענע אויף אַ שטריקל אין דער הייך, לאָזן זיי זיך אַראָפּ נידעריק, נידעריק צו דער ערד און הייבן זיך באַנייס אויף הויך, הויך, אַז קוים וואָס מע זעט זיי...

גייט ער זיך און זינגט, ווייל אַרום אים זינגט אַלץ, וואָס איז דאָ אויסגעהיט פון חורבן, זינגט זיך שוין אַביסל צו שרייענדיק:

Про тебя мне шептали кусты
В белоснежных полях под Москвой

אין זינען ביי אים איז דאָס מיידל, וואָס וואוינט מיט זיינע עלטערן. עפּעס אַ ווילד־פרעמד יידיש מיידל, וואָס האָט זיך בעת דער שחיטה אָפּגעשלאָגן פון איריקע און זיך צוגעשאַרט צו זיי. ער האָט זיך ווינטער באַקענט מיט איר, ווען

ער האָט געבראַכט דאָס ביסל זאַלץ. ער האָט אָפילו ניט געהאַט קיין צייט זי רעכט אָנצוקוקן. נאָר ביז איצט האָט ער אויף קיין איין מינוט זי ניט פאַרגעסן. אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן געוואָרעמט איר געשטאַלט ביי זיך אינעם האַרצן און די גאַנצע צייט זיך געריסן צו איר. איצט טראָגט ער איר אינעם סאָלדאַטישן רוקזאַק אַ קאָפּטל, — אַ מתנה, וואָס סע האָט זיך אים געמאַכט אַראָפּצוכאַפּן פון אַן אונטערגעשאָסענער דייטשישער מאַשין. און סע שטעלט זיך אים פאָר, ווי ער ברענגט עס איר, גיט עס אַ צעוויקל פאַר אירע אויגן, און באַנייט פון גליק ווערט איר דאָס געזיכט, זי לאָזט אַראָפּ די אויגן... און פרעגט זי דאַן בכיוון: „כ'זע, עס געפעלט דאָס דיר אַוודאי ניט אַזוי שטאַרק?"... בכיוון פרעגט ער זי אַזוי, ווען יענע טוליעט זיך צו אים מיט אַן אַקסל...

זיך דערמאָנענדיק אינעם מיידל, דערמאָנט ער זיך באַנייס אין מעדאַל. ער מעג שוין דווקא ניט מורא האָבן צו זיין ניט באַשיידן... אַ פיין ביסל צרות האָט ער זעלבסט, מיט זיינע הענט, פאַרשאַפט דעם דייטש דאָס לעצטע יאָר... צוויי עשעלאָנען מיט געווער און מיט לעבעדיקער קראַפט אַראָפּגעלאָזט, אַ מאַשין אונטערגעשאָסן... חוץ דעם וואָס ער האָט אָנטייל גענומען אין אַנדערע שלאַכטן. דאָך, זייענדיק אין לאַגער, איז ער געווען געענגט און ניט געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט דער פרייד, אַזוי ווי עס האָט זיך אים געוואָלט. דאָרטן, זייענדיק שטענדיק אין סאַמע קאָך, צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטיזאַנער, האָט ער אים אָפילו נאָך רעכט ניט געהאַט אָנגעקוקט, דעם מעדאַל. בלויז איצט, פאַרבלייבנדיק אַליין, אַליין מיט דער אומבאַגרענעצטער פרייד, וואָס גייט אים איבער אַלע ברעגן, האָט ער מיט אַ כיוון צעשפּיליעט ברייט דאָס פּעלצל און גייט זיך אַזוי און קוקט אַלע ווײַלע אויף דעם, וואָס פינקלט אים, בליאַסקענדיק מיט אַזאַ מין יום־טוב, אויף דער ברוסט. „סע איז ניט קיין שפּילכעלע, — טראַכט ער זיך, — צוויי גרויסע מענטשן אויף דעם. אוואַ, גרויסע קעפּ!".

קוקנדיק אויפן מעדאַל און ניט אויפהערנדיק מיט שטאָלץ צו טראַכטן וועגן דעם, אַז „אַבי פאַרוואָס גיט מען עס קיינעם"... גיט ער זיך אַליין ווי אַ בלעטער פאַר די אויגן דאָס פאַרגאַנגענע לעבן זיינס, ביז ער איז געקומען אין וואַלד. ער ווייסט: ער איז געווען אַ פּשוט ייִנגל, אַ טעסלער פון דורות טעסלער. ניט זעענדיק אַרום זיך קיין אַנדער לעבן, איז ער קוים אַריבער אין פינפטן קלאַס פון דער יידישער שול און האָט זיך שוין גענומען פאַר דער מלאכה. אַרבעטער זיינען פון זייער משפחה אַרויס גוטע. נאָך קינדוויַיז האָט ער שוין געקענט גוט האַלטן אַ האַק אין האַנט. און ער האָט זיך גענומען פאַר דער מלאכה האַנט־ביי־האַנט מיט זיין טאַטן, אין איין אַרטעל, איז ער אין אַ יאָר אַרום געוואָרן אַ פאַלנער באַלמעלאָכע. געבויט האָבן זיי גופא אין שטעטל שולן, אַ קלוב. שפּעטער — די דערבייאיקע טאָרף־זאַוואָדן. נאָך שפּעטער — דעם קאָמבינאַט פונעם עופות־ראַטווירט, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויפן הויכן ברעג פון ווילִיע דעם טייך און באַשיינט דאָס אָרעמע שטעטל, וואָס האָט ביזן אָנקומען פון די סאָוועטן אין מערב־ווייסרוסלאַנד אין טויזנט נייַן הונדערט נייַן און דרייסיקסטן יאָר נאָך פון אַזוינע געבייען ניט געוואוסט.

ווי אַלע דערוואַקסענע ייִנגלעך פֿון זײַן דור, איז ער נאָך דעם, ווי די סאָוועטן זײַנען אָנגעקומען, געוואָרן אַ קאָמיוגיסט. ער איז געלאָפֿן, ווי אַלע, נאָך דער אַרבעט אויף פֿאַרזאַמלונגען, זיך געלערנט שיסן פֿון אַ ביקס, געטראָגן פֿאַרשיידענע צייכנס: פֿון „קים", פֿון „פּוואָ". נאָר מער פֿון אַלץ האָט ער ליב געהאַט זיך שיפֿן אויפֿן טײַך. אין אַ שיינעם זומער־אויפֿדערנאַכט אָנזעצן אַ שיף מיט מיידלעך און לאָזן זיך שווימען מיט לידער און געזאַנג אַרויף וואַסער. נאָך האָט ער ליב געהאַט פֿאָטאָגראַפֿירן זיך. פֿאָטאָגראַפֿירט זיך שטייענדיק און ליגנדיק. דער עיקר בויענדיק, ווי ער שטייט מיט אַ האַק אין האַנט און אַ מייקע מיט אָנטבלויזטע, ייִנגלש־געזונטע און נאָך ווײַט ניט אויסגעהאַרעוועטע הענט, שטייט איבער אַ בערווענע און טעסעט. די זון פֿאַרבלענדט די אויגן, ער זשמורעט זיך און לאַכט.

. . . ביים פֿאַרענדיקן אַ נײַע געביידע, איז זײַן טאַטע אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע. אַ קרעפּטיקער, אַ קאַרגער אויף רייד, האָט ער יעדעס מאָל ניט געוואוסט ווי אַזוי צו ענדיקן זײַן רעדע און האָט געקוקט אויף הינטן, אַז מע זאָל אים אונטערהעלפֿן. און ער, אביגדור, האָט יעדעס מאָל עס צוזעענדיק, געהאַט צו ביסלעך בזיונות פֿאַרן טאַטן און דאָך גלײַך מיט אַלעמען פֿריילעך געלאַכט, ברענגענדיק נאָכדעם דעם געלעכטער פֿאַרנאַכט אַהיים, כּדי ביים עסן מיט אַ ניגון פֿון דרייען אַ „פּזור" צו זאָגן דעם טאַטן:

— אַז דו קענסט ניט און אַז דו ווייסט ניט, טאָ נעם זיך ניט אר־ו־נטער...

אַזוי איז געווען... נאָכדעם איז געקומען די מלחמה... און ס'איז אַלץ אַוועק קאַפּויר...

ניין. מער טראַכטן וויל שוין אביגדור ניט. וואָרים צו ווײַט קאָן עס אים פֿאַרפֿירן. ווידער געטאָ. ווידער צרות... גענוג פּלאָג געהאַט... איצט ווילט זיך אים ניט טראַכטן דערפֿון. פֿאַרקערט, עס ווילט זיך אים גאָר זינגען... און ווידער צעזינגט זיך אביגדור:

Ты теперь далеко, далеко...
Между нами снега и снега...

עס האָט אים אָנגעיאָגט אַ פֿור. אויף דער פֿור — אַ באַקאַנטער פּאַרטיזאַן מיט אַ דאָרפֿישער פֿרוי. ער לאַכט עפּעס, און זי האַלט אין האַנט זײַן ביקס, אָנטרײַבנדיק דאָס פֿערד, און האָט דערבײַ אַזאַ מין גליקלעך אויסזען, גלײַך זי וואָלט זיך געהאַט אומגעקערט אַהיים מיט איר באַשערטן נאָך דער חתונה...

— וואוהין פֿאָרסט עס?

— פֿון לאַגער. נאַטשאַלסטווע האָט געשיקט אונטערצוהעלפֿן דעם ווײַבל אויף פֿאַרזיי...

— זע נאָר, — לאַכט אביגדור, — זאָלסט שוין דאָרטן פֿאַראייִנס נאָך עפּעס ניט פֿאַרזייען.

נאָר דאָס ווײַבעלע ווערט ניט נתפּעל.

— נישקשה, — זאָגט זי, — ס'מאַכט ניט. מיר וועלן עס פּאַר קיין הינט ניט אַרויסוואַרפֿן...

— זעסטו נאַר! — שטייט ניט אָפּ אביגדור פון דער פור, — אַ מין באַלע־בעסל זי האָט עס זיך צוגעקליבן...

— און די כלה, — לאַכט יענע, אַנטבלויזנדיק אַ גאָלדענעם צאָן, — און די כלה איז דען אַבי וואָס?

זי גיט אַ שמייס דאָס פערד, און די פור גייט פאַרביי, אויפהייבנדיק אַ שטויב און איבערלאָזנדיק אביגדורן הינטער זיך.

ניין, קיינער פאַרשטייט ניט, וואָס באַטייט פאַר אים אָט דער טאָג. ווען זיי פאַרשטייען עס, וואָלטן זיי, מסתמא, אַזוי גיך ניט פאַרבייגעפאָרן, ניט באַמערקנדיק דעם מעדאַל און ניט געבנדיק זיך די טירחה צו דערגיין די סיבה פון זיין פרייד. ער האָט אויף דעם דווקא געוואַרט. מע קאָן זאָגן, אַז בלויז צוליב דעם האָט ער מיט זיי פאַרבונדן דאָס געשפרעך. און צוריק גערעדט, קימערט עס אים איצט ניט גאָר איבעריק, ווייל ער ווייסט: דער פאַרטיזאַן מיט דער פרוי זייַנען פאַרנומען מיט דער אייגענער פרייד. אָט אין דער היים, דאָרט איז עפּעס אַנדערש... דאָרט איז דער טאַטע, די מאַמע און, דערהויפּט, דאָס מיידל...

. . . אַ צעהיצט־צופרידענער און רויטלעכער מיט אַן אַרויסגעלאָזטער טשופּ־רינע פון אונטער דער קובאַנקע מיטן רויטן שטערנדל גייט אביגדור פאַראויס מיטן וועג. אַרום און אַרום אַרבעט מען אין פעלד. ווער עס אַקערט, און ווער עס זייט. אַראָפּ־צו צו אַ טייכל טרייבט אַ באַרוועס מיידעלע מיט אַן אַרום־געבונדן פּנימל, ווי אַ באַבע, אַ פּאָר גענדזלעך. פונעם עק דאָרף רייסט זיך אַרויס פריילעך הירזשענדיק אַ לאָשעקל און לויפט אַוועק מיט אַ פאַרריסענעם עק איבערן פעלד. „יאָ, יאָ, — קלערט זיך אביגדור, באַטראַכטנדיק די רואיקייט אַרום, — ווען ניט די פאַרטיזאַנער, וואָלט איר אַזוי רואיק ניט געאַקערט און געזייט.‟

באַר מיטאַמאָל הייבט ער אויף עטוואָס קרומלעך דעם קאָפּ און הויבט זיך אָן צוהערן. ער האָט קיין טעות ניט. מע שיסט... מיט מינענוואַרפערס שיסט מען... שטיל, שטיל. אַ לייכט ווינטל ווימלט אין דעם גראָז און פאַרוואַרפט אויף דער גוט־אַרויסגעשפּראָצטער גרינער ווינטער־תבואה אַ קיל שאָטנדל פון אַ וואָלקן, און מיטאַמאָל — ווידער אַ קנאַל, נאָר ניט אַזוי ווייט...

עס האָבן דאָס אויך דערהערט די פּויערים, וואָס אַרבעטן דאָ. ווער עס בלייבט שטיין מיט אַקער־אייזן אין דער נאָך ניט פאַרענדיקטער באַרעזנע, ווער — מיט אַ הויפן מיסט אויף דער ווילע אין סאַמע גיין פון דער קופּע.

— ערגעץ גייט אַ שלאַכט! — שרייען זיי איבערן פעלד צו אביגדורן, מיינענדיק דערמיט — אַ שלאַכט צווישן דעם פיינט מיט פאַרטיזאַנער. ווייל די שלאַכטן צווישן דעם שונא מיט דער רויטער אַרמיי איז פון זינט באַלד אַ פּאָר יאָר שוין צו ווייט, אַז מע זאָל דאָ הערן...

— ווייזט אויס... — איז ער מסכים מיט די פּויערים, וואָס נעמען זיך אָן

איילעניש באַניס פאַר דער אַרבעט. און ניט פאַרהאַלטנדיק זיין טראַט, גייט ער זיך ווייטער מיט זיין וועג.

ער טראַכט, אַז די לעצטע צייט האָבן די דייטשן, ניט קאָנענדיק צוקומען צו די דערפער, וואו עס זיינען נאָענט פאַרטיזאַנער, געגומען זיי צינדן פון עראָפּלאַנען, אַז ער ווייסט נאָך ניט, ווי לאַנג וועט אויך אָט דעם דאָרף אויסקומען אַזוי רואיק לעבן... נאָר אַ טופּעריי פון פערדישע טלאָען רייסט אים איבער זיינע מחשבותן. עס פאָרן צווייפאַרטיזאַנער אויסשפּירער. זיי רייסן זיך אַרויס פון דעם נאָענטן דאָרף, וואָס ליגט אויפן באַרג. האַסטיק און שטאַרק לויפנדיק, אויף דעם קאָפּ צו ברעכן, לאָזן זיי זיך אַראָפּ צום טאָל, וואו אַ וואַסער־מיל מורמלט מיטן וואַסער אונטער דעם פאַרמאַכטן סטאַוו. ציילנדיק הילכיק מיט אַ קלאַפּעריי פון די טלאָען די ברעטער פונעם הילצערנעם בריקל, דערנעענטערן זיי זיך צו אים. אַן דעם קרום־אָנגעגנייטן רויטן בענדל אויף די היטלען זעט ער: פאַרטיזאַנער פון אַ צווייטער מחנה. דאָך שטעלט ער זיך אָפּ:

— וואָס, חברים, עפּעס אומרואיק?

די צעהיצטע פערד שטייען ניט איין, רוקן זיך אויף הינטן, פאַרשקען שטאַרק, שאָקלענדיק מיט די קעפּ, און פאַרלירן אויף דער ערד שטיקער פינע...

— רוצחים האָבן זיך באַוויזן.

— וואו?

— לעם כאַרקי, „שטשאַרס" האָט זיך מיט זיי פאַרטשעפּעט.

— אַ סך עפּעס אָנגעפאָרן?

— דער רוח ווייסט זיי, מע זאָגט: געגנוג. זיי ווילן דורכפירן אַ מאָביליזאַציע צווישן דער באַפעלקערונג.

די אויסשפּירער גיבן אַ זעץ די פערד און ווערן נעלם, איבערלאָזנדיק אביגדורן שטיין פאַרטראַכט אויפן מיטן וועג... „אָט האָסטו דיר... מע שלאָגט זיך גראָדע אין דעם ראַיאָן, וואו זיינע עלטערן געפינען זיך..."

וואוילינגעריש געגעבן אַ וואָרף־אונטער מיטן אַקסל די ביקס אויפן רימען אַזוי, אַז ער האָט זי באַלד דערפילט שטייף צוגעדריקט צום גוף, טראַכט ער שוין מער פון גאָרנישט ניט און גייט ווידער אַוועק.

בידעריק, ביים ברעג הימל, אין דער זייט, וואוהין ער גייט, קומט אויף אַ גרויסער רויך און הויבט זיך אָן צו קנוילן, פאַרכאַפּנדיק אַלץ מער מיט שוואַרצ־קייט דעם לויטערן האָריזאָנט. ברענען ברענט עס איצטער אַוודאי ניט זיין דאָרף און ניט זיין שטוב. ער ווייסט: זייער ביסל היימיש גוטס איז שוין לאַנג אַוועק מיטן פייער. נאָר ער ווערט בלאַס, ווי אַלץ, וואָס איז דאָ אין דער וועלט אַרום, איז טאַקע נאָר זיינס. ער הייבט זיך אויף אויף נאָך אַ העכער בערגל, שטייט דאָרט אַ פּאָר גוטע מינוט איינער אַליין, זיך אָנהאַלטנדיק מיט דער האַנט אָן אַ ביימל. אים דוכט, אַז ער הערט, ווי מענטשן שרייען דאָרט אין גרויסער בהלה, ווי עס מרוקען בהמות, ווען זיי דערפילן האָרט לעבן זיך דעם טויט.

די שיסעריי שטאַרקט זיך, ווערט אַלץ הילכיקער און נעענטער פון מינוט צו מינוט. און ס'ווערט אים אַלץ שווערער איינצוהיטן אין זיך די זיכערקייט,

מיט וועלכער ער איז אַרויס פון לאַגער. אים ווערט אויפן האַרצן שווער: ווער ווייסט, אפשר איז פון זיין משפחה קיין זכר ניט געבליבן... זיי קריכן דאָך אין וואַלד אויך... איז גוט, האַלט מען זיך לעבן די פּאַרטיזאַנער. אָבער טאָמער ווערט גאַר שמאָל, איז ווער וועט עס זיך גיין שלעפּן מיט עלטערע, מיט אומ־באַוואָפנטע מענטשן, מיט פרויען? זיינען זיי איבערגעבליבן ערגעץ־וואו אין וואַלד און מע קאָן זיי מיט די הוילע הענט דערשטיקן. אָדער סע האָט זיי שוין דער דייטש, די פּאָר יידישע פון צענדליקער שחיטות איבערגעבליבענע משפחות, אַריינגעטריבן אין איין ביידל און אַוועקגעלאָזן מיט פייער.

עס האָבן זיך אים גענומען באַגעגענען מענטשן: פרויען מיט קלומקעס, מיט קינדער אויף די הענט, זקנים מיט לעצטע פאַרהיטע שטיקלעך פּי, וואָס זיי האָבן געפירט אויף שטריקלעך אין וואַלד אַריין. זיי האָבן ניט געוויינט, נאָר שוואַרצע, דורכגעווייקטע אין גרויל און אומגליק, זיינען זיי געגאַנגען און גע־גאַנגען, זיך ניט אָפּשטעלנדיק. עס האָבן געשריען בלויז די בהמות, ווי אַ מינוט פאַר דער שחיטה, געצויגט אַלץ די קעפּ אַראָפּ־צו צו דער ערד נידעריקער און נידעריקער, ווי זיי וואָלטן אונטער די פיס שוין פאַרפרי דערשמעקט דעם ריח פון בלוט.

אַ פרוי אין אַ ציצן קלייד, אַ באָרוועסע מיט פאַרשמאַכט־אויסגעטריקנטע ליפּן און מיט אַ פּעקעלע סוכאַרעס אין האַנט, מיט אַ פּיצל קינד אויף דער צווייטער, האָט אביגדורן דערציילט:

— זיי זיינען אָנגעשפּרונגען גראָד דעמלט, ווען אַלע זיינען פון פעלד געקומען אויף וואַרמעס אַהיים (ס'אַרט אייך, זיי ווייסן ווען צו אָנלויפן; גראָד ווען די פּאַרטיזאַנער זיינען אַוועקגעפאָרן פון ראַיאָן אויף עפּעס אַן אָפּעראַציע). וועמען געכאַפּט און וועמען געשאָסן. אירס אַ קליין מיידעלע איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. פאַר שרעק האָט זי ניט געוווּסט וואוהין צו לויפן. „פעטערל, — האָט זי זיך געבעטן ביי אַ דייטש, — איך לויף צו מאַמקען...״ האָט ער אויס־געשאָסן אינעם אָפענעם מיילעכל און זי איז אומגעפאַלן... און זי, די מוטער, איז געלעגן ניט ווייט פאַרבאַהאַלטן אין אַ מעזשע און האָט אַלץ צוגעזען...

— איז וואָס, פרעג איך ביי אייך, וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? — פרעגט זי פאַרצווייפלט דעם יידישן בחור.

פון ערגעץ האָט זיך באַוויזן אַ מחנה פּאַרטיזאַנער. קלינגענדיק מיטן כלי־זיין, זיינען זיי אַרויס פונעם וואַלד און, יאָגנדיק איינע די צווייטע, אין גאַנג זיך געלאָזט דורכן דאָרף צום שאָסיי, וואָס האָט זיך ווייט־ווייט געלאָזט הערן מיט אַ טראַסקערײַ פון אַ פּאָר פורן...

דערזען די פּאַרטיזאַנער, האָט דאָס ווייבל געזאָגט:

— ווען זיי קומען פריער, וואָלט מען דאָך פון קיין צרות ניט געוווּסט...

און זי איז אַוועק מיט איר וועג, ערשט איצט באַגיס זיך שטיל צעוויינענדיק.

אביגדור איז אַוועק נאָך דער מחנה. ער איז דורכגעגאַנגען דאָס דאָרף, וואו אַלע האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגעשאָטן אין דרויסן מיט קינדער און בעבעכעס, מיט בהמות אויף די שטריקלעך, נאָר דערזען אָנקומען די פּאַרטיזאַנער, אָפּ־

געהאַלטן זייער אַרבעט און גענומען אַריינשלעפּן אַלץ, וואָס מע האָט געלייגט אויף די פורן, צוריק אין די הייזער.

ער איז דורכגעגאַנגען דאָס פעלד, וואו איבערגעלאָזטע אַקער־אייזנס אין די באַרעזנעס האָבן דערציילט פון דער שרעק, וואָס מענטשן האָבן דאָ איבערגעלעבט, דערהערנדיק גאָר נאָענט אַ שיסעריי. ער איז אַריין אין וואַלד. אין דער געדיכטעניש פון ביימער איז ער אָפּגעשטאַנען פון דער מחנה און איז אַוועק אַליין.

איצט איז ער שוין געווען רואיקער. ער איז געווען כמעט זיכער: „מע וועט שוין דאָ געבן די וועלט צו זען די פאַשיסטן!...“

גייענדיק אַליין, איז ער אַרויסגעקומען צום שאָסעי־וועג, צו באַקאַנטע ערטער אַרום שטעטל. „גיכער! גיכער!“ — האָט ער זיך אַליין אונטערגעטריבן. — „עס קאָן זיין, אַז קיינמאָל האָבן זיך אין דיר דיינע אייגענע אַזוי ניט געגוויטיקט ווי איצט. קענסט פאַרשפּעטיקן זיי צו ראַטעווען... וועסט דערנאָך קיינמאָל זיך ניט מוחל זיין... קיינמאָל ניט, כל־זמן דו וועסט לעבן... ווי אַ שווערער שטיין וועט עס דיר שטענדיק הענגען אויפן האַלדז און שלעפּן אַראָפּ, ביי יעדער פאַל דיך דערמאָנען: „אביגדור, ביסט ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט דיך אויף זיך!... לויף גיכער! טאָמער וועסטו פאַרשפּעטיקן זיי ראַטעווען, וועסטו כאָטש ניט פאַרשפּעטיקן נקמה צו נעמען פאַר דיין בלוט...“

נאָר ווי אויף צו־להכעיס, ווייל ער איילט, ווייל עס טרייבט אים שוין, שפּרינגען אַרויס, ווי פון דער ערד, עטלעכע פּאַרטיזאַנער און שטעלן אים אָפּ. צי זיינען זיי דאָס פון דער זעלבער מחנה, וואָס ער איז איר נאָר־וואָס נאָכגעגאַנגען, צי פון אַן אַנדערער, וואָס וואַרט אויף איר ריי אַריינגיין אין שלאַכט, דאָס ווייסט ער ניט און עס אינטערעסירט אים ניט...

— פון וואָס פאַר אַ מחנה? וואוהין גייסטו? — פרעגט מען אים.

— אין אורלויב אַהיים. דאָ ניט ווייט אין וואַלד לעבט מיין משפּחה. כ'זע שוין, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, — ניט קיין גוטע צייט זיך אויסגעקליבן...

— ס'וועט דיר אויסקומען בלייבן מיט אונדז.

— וואָס הייסט? — איז עס אביגדורן ניט געפעלן. — וואָס בין איך עפּעס, אַ שפּיאָן?

— אַזוי האָט מען באַפוילן. ביסט דאָך אַליין אַ פּאַרטיזאַן, ווייסטו דאָך, מיר טוען, וואָס מע הייסט אונדז...

— ווער האָט באַפוילן?

— קלאָר, ווער. דער קאָמאַנדיר.

— ביי מיר זיינען דאָ אייגענע קאָמאַנדירן. וואָס בין איך עפּעס?... איך גיי אַהיים... איך בין דריי חדשים אין שפּיטאָל אָפּגעלעגן...

און ניט וועלנדיק הערן קיין זאַך, האָט ער זיך אויפגעהויבן מיטן זאַמדיקן אַרויפגאַנג פון שאָסעי, וואָס איז טיף און ווייך צעריבן פון פורן. די פּאַרטיזאַנער זיינען אַוועק נאָך אים.

— הער נאָר דו, חבר, שטעל זיך נאָר אָקאָרשט אָפּ! איך בעט דיך מיט גוטן, — האָט איינער פון זיי געזאָגט.

אביגדור האָט זיך ניט אומגעקוקט. דאָן האָט יענער אים אָנגעיאָגט און אָנגעכאַפּט הינטער־אַרום פאַר דער ביקס, וואָס ער האָט געטראָגן מיטן רימען אויפן אַקסל. דער בחור האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעקערט פריער בלויז דעם קאָפּ אויף הינטן, נאָכדעם אַ האַלבן גוף.

— ביי וועמען כאַפּסטו די ביקס?

יענער האָט ניט אָפּגעלאָזן.

— טשעפּע ניט די ביקס, פאַרשטייסט? איך האָב פאַר איר מיט בלוט באַצאָלט... — און זיך אָנגעגאָסן רויט, אַ ריס געטאָן די ביקס צו זיך, אַרויסגעריסן זי און זיך נאָך אַ מעסט געטאָן אויף צו דערלאַנגען יענעם אַ קלאַפּ. אַ קלאַפּ טאָן האָט ער אָבער ניט באַוויזן. דער צווייטער איז אויך צוגעלאָפן, מע האָט אים אַנטוואָפנט און אַוועקגעפירט אין וואַלד.

צוגעפירט צום קאָמאַנדיר און אים שיער ניט פאַרמאַסערט, אַז דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים געוואָלט אָפּשטעלן, האָט ער זיך געוואָרפן שלאָגן, זיינען די פּאַרטיזאַנער אַוועק. אביגדור איז געבליבן מיטן קאָמאַנדיר אויג־אויף־אויג. דאָס איז געווען אַ מענטש אין מיטעלע יאָרן, אָנגעטאָן אין אַ לייכטן געטראָגענעם רעגנמאַנטל, וואָס האָט אים קוים געכאַפּט ביז די קני. פון אונטער דעם רעגנ־מאַנטל האָט אַרויסגעקוקט אַ קלאָר־וויס קאַלנערל.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט מען מיך פאַרהאַלטן? — האָט אביגדור גע־פּרואווט פרעגן מיט אַ געפּאַלענעם טאָן אַביסל, פון אַזאַ, וואָס פילט זיך ניט שולדיק אין קיין זאַך, נאָר איז גרייט זיך אַפילו פאַרענטפערן, אויב מע וועט עס דאַרפן, אַבי מע זאָל אים לאָזן גיין זיין וועג.

דער קאָמאַנדיר האָט אים ניט געענטפערט. ווי ער איז געזעסן אויף אַ גרין פאַרשימלטן און מיט מאָך באַוואַקסענעם קאָרטש, אַזוי איז ער געבליבן. לויט דעם, ווי ער האָט געהאַלטן דעם מאַוזער אין הילצערנעם שיידל אויף די קני, אויפן מאַוזער — די פינגער מיד צעשפּרייט, האָט מען געזען, אַז דער מענטש וויל זיך אָפּרוען אַ רגע ביי דער ערשטער מעגלעכקייט דערצו, כאָטש לאַנג רוען וועט דאָך אים ניט אויסקומען. אָנשטאָט אַן ענטפער האָט ער אביגדורס ביקס געהייסן אָפּגעבן אַ צווייטן פּאַרטיזאַן און אים אַליין, במחילה, פאַרנעמען אַן אָרט באַגלייך מיט אַלעמען אין באַהעלטעניש. פילנדיק, אַז ער וועט זיך שוין צו גאָרניט ניט דערשלאָגן, האָט אביגדור דערמאָנט, אַז מע זאָל אים כאָטש אָפּגעבן די ביקס. נאָר אויך די ביטע איז געבליבן אָן אַן ענטפער.

ניט געוואוינט איז אביגדור געווען צו אַזאַ באַציאונג. ביי אים אין דער מחנה האָט מען אים תמיד געהאַט אַרומגערינגלט מיט כבוד און אַכטונג. אמת, עס האָט אים קיינער ניט געהויבן אויף הורא. נאָר מע האָט געוואוסט: דער בחור קען עפּעס אויפטאָן. דאָרטן זיינען זיינע קליינע זינד געדעקט געוואָרן מיט געפערלעכער אַרבעט. קיינער האָט וועגן זיי אַפילו ניט דערמאָנט. און דעריבער איז ער שטאַרק צעטומלט געוואָרן דערפון, וואָס עס איז אַלץ אַזוי נאַריש פאַר־

געקומען. ער האָט זיך געצוואונגען אַוועקצולייגן אויפן אָנגעוויזענעם אָרט באַגלייך מיט אַלע פּאַרטיזאַנער, זיך באַמיענדיק בלויז איינס: ניט איבעריק אַרויסווייזן ווי צערודערט ער איז.

ליגנדיק אויף זיין אָרט, האָט ער געזען, ווי די פּאַרטיזאַנער בשכנות פּאַר־מאַסקירן זיך מיט צווייגן, טראָגן צוליב דעם צוועק יונגע גרינע ביימלעך, אַרויס־געריסענע מיט די וואָרצלען, שטיינער, שטיקער האָלץ, אַלץ, וואָס סע מאַכט זיך אונטער דער האַנט. טייל האָבן זיך געמאַכט אויף דער גיך לייכטע שוצגראָבנס. ער איז אָבער געווען אַזוי צערייצט, אַז אויף אַלץ, וואָס סע האָט זיך געטאָן אַרום אים, האָט ער שוין איצט געקומען קוקן מיט גרינגשעצונג, ווי אויף עפּעס אַ זאַך, אויף וואָס מע וואַרפט נאָר אַרויס טירחה. „וואָס־זשע דען? ביז וואַנען זיי וועלן זיך דאָ צוגרייטן, וועלן די דייטשן דערשמעקן וועגן זיי און וועלן בעלם ווערן... אויב זיי זיינען שוין ניט אַוועק.“

אַ פּאָר מאָל איז אים געפאַלן אין אויג דער שכן פון רעכטס, דער, וואָס האָט אים פאַרהאַלטן. נאָר אויך איבער דעם זעלבן פּאַרדראָס־געפיל הלמאי מע האַלט אים דאָ אומזיסט־און־אומנישט, האָט ער ניט געפונען אפילו מער פּאָר בויטיק, ווי פריער, אָנצוקוקן יענעם בייזלעך פון אונטערן שטערן.

עפּעס טאַקע נאָר ווי מע טוט אַ זאַך אויף געלעכטער, האָט ער שפּעטער אַביסל, ניט קענענדיק ליגן ליידיק, ווען אַרום האָבן אַלע, אָנגעהויבן אויך מאַכן זיך אַ שוצגראָבן, אָבער מיט וואָס צו גראָבן האָט ער ניט געהאַט. בעטן — ניט געוואָלט. דאַן האָט ער געפונען אַ שאַרפן פלאַטשיקן שטיין און גענומען דערמיט קאַלופּען די ערד, צעגראָבן זי און אָפּשאַרן מיט די פינגער. ווען ער האָט זיך פאַרטאָן אין אָט דער מלאכה, איז אים געוואָרן ניט אין אַן ערך גרינגער. „אַ מענטש, — האָט ער געטראַכט ליגנדיק אויף אַ זייט און גראָבנדיק אַלץ, — קאָן קיינמאָל ניט זיין גאָר גוט, ווען ער זאָל אַפריער ניט דערפילן די פולע מאָס פון צרות. ס'האָט אים גראָד איצט געפעלט נאָך אַביסל האַרצווייטיק... האָט מען אים אָט־אָ פאַרהאַלטן... ביין, אַז ער ווייסט דאָך, כמעט ווי אויף זיכער, אַז עס וועט שוין קיין זאַך דאָ ניט פאָרקומען... צו דער נאַכט האָבן די דייטשן ניט ליב אַרויסצופאָרן... און איצטער איז שוין אַ שטיק נאָך האַלבן טאָג... און בכלל... ס'איז מער ניט, אים אָנצוטאָן האַרצווייטיק, געוויס, מער ניט...“

אַזויפיל צייט זיך געקליבן גיין אַהיים... אַזויפיל טעג האָט ער געטרוימט פון דער מינוט, ווען ער וועט זיך לאָזן אין וועג... לאַנגע, שווערע ווינטער־נעכט, ווען אין דרויסן האָט געוואָיעט דער ווינט און מיט הויפנס שניי געזעצט אין די שויבן, ניט נאָר אַנווייענדיק קעלט, נאָר אויך — גוואַלדיקע סכנה, וואָס דרייט זיך דאָ שטענדיק האַרט אַרום דעם פּאַרטיזאַן, איז ער געלעגן אין וואַלד־שפּיטאָל אַ פאַרוואונדעטער און געטראַכט דערפון, ווי אַזוי ער וועט אַריינקומען אין דעם יידישן לאַגער מיט אַ זייט, וואָס קיינער גייט ניט, און וועט זיך פּלוצים אַ ווייז טאָן צווישן די ביימער. און ס'וועט די מאַמע, שטייענדיק ביים פייער, אים דערזען און צופרידן ווערן, און דאָס מיידל זיינס וועט זיך צעשייגען: „אביגדור!“ און ער וועט לאַכן און לאַכנדיק, ניט געאיילט צוקומען צו זיי, ווי אַ

מענטש, וואָס איז שוין אויסגעוועזן אַ וועלט און ווערט ניט צעגאַנגען אַזוי גיך אַפילו פון גרויס איגן נחת: „וואָס־זשע האָט איר געמיינט — איך בין שוין אויף דער וועלט ניטאָ? אַמער קרענקט נאָך אַזויפיל דער דייטש, וויפל בלוט איך וועל נאָך אים אַרויסלאָזן...״.

„נו, מילא, — הויבט ער זיך אָן באַלד צו טרייסטן, — דערפאַר וועט נאָכ־דעם די פריד זיין גרעסער... מע דאַרף נאָר האָבן געדולד... אַז סיי־ווי־סיי וועט מען אָפּזיצן נאָך אַביסל און מע וועט זיך צעגיין. עס איז שוין געבליבן ווינציקער צו וואַרטן, ווי מער... ס'איז שוין טאַקע גאָר נאָענט צו דער היים. דורך דער בלאָטע — דריי שפּאַן.״ און עס ווערט שוין איצט אים גאַנץ פריילעך אויף דער נשמה: זיי ליגן דאָרט ערגעץ אין וואַלד דערשראָקענע פון אַ מינדסטן גערויש און ווייסן ניט, אַז ער, אביגדור זייער זון, געפינט זיך דאָ און היט זיי...

עס האָט אים שוין אַזוי פאַרכאַפּט דאָס גראָבן זיך אַ שוץ־ערטל, אָדער, ריכטיקער, די געדאַנקען זיינע, אַז ער זעט ניט, ווי עמעץ שפּאַרט אים אַ קליינע לאָפּעטקע. ס'איז יענער, וואָס האָט אים פאַרהאַלטן: אַ דאָרפישער פּולבלעכער בחור, מיט אַ ראַבעוואַט פּנים פון פּאָקן, אין אַ וואַטאָווקע.

— נעם! — זאָגט ער, — דערמיט וועסטו גיכער עפּעס אויפטאָן.

ניט ענטפערנדיק אים גאָרניט, נעמט ער די לאָפּעטקע און טוט ווייטער זיין אַרבעט.

ער ענדיקט דאָס גריבל און הויבט שוין אָן עס צו באַדעקן אַרום און אַרום מיט שטיקער גראָז־ערד, וואָס ער שניידט אָן פּאַסנווייז, ווייל אַ מענטש, אַז ער טוט שוין אַ שטיקל אַרבעט, וויל ער, עס זאָל זיין גוט.

דער שכן זיינער ווייזט אַרויס סימנים, אַז אים איז שוין אַליין אויך גוט לאַנגווייליק געוואָרן צו ליגן אויף איין אָרט, גאָרניט טוענדיק, און ער פילט זיך עטוואָס שולדיקלעך דערמיט, וואָס ער האָט אים פאַרהאַלטן. ער פרעגט אים, צי וויל ער ניט עסן, און שפּאַרט אים אַ שטיק ברויט. עסן וויל ער ניט. נאָר גראָד ענטפערן דאַרף מען אים יאָ שוין עפּעס. ווייל וואָס קאָן ער האָבן צו אַ פּאַר־טיזאַן? מ'האָט אים געהייסן פאַרהאַלטן אים, האָט ער אים פאַרהאַלטן. נאָר עס גיט באַלד דער שכן פון לינקס אַ צוגעשטיקטן געשריי „ראַזגאַוואַרטשיקי״, און ער ווערט אַנטשוויגן...

פון אַ דרעמלדיקער שוואַכקייט נאָכן ביסל אויסגעטרונקענעם בראָנפן און זינלאָזן זיצן אָט דאָ אין ערגעץ־ניש הויבט אָן אביגדורן צו נייגן שלאָפן. אינעם האַלבן דרעמל מישט זיך אויס דאָס קילבלעכע פּליסטערן פון בלעטער איבערן קאָפּ מיט אַ צוגעשטילט געדערריי ערגעץ־וואו נאָענט אין באַהעלטעניש. פונעם שטיין־האַרטן וואַרצל, אויף וועלכן ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, שמעקט מיט טרוקן, פוילן געהילץ... דער רייעך דערמאָנט אים אָן דער בויאונג, וואָס ער האָט אַמאָל אויף דעם הויכן ברעג פון ווויליע געבויט... עס קומען אויף אין זכרון לאַנגע געביידעס מיט געצינקעוועטע דעכער... יענע פריילעכע זאָרגלאָזע טעג... און עס טראָגן אים די געדאַנקען אַוועק ווייט... ווייט... נאָר עמעצער גיט אים אַ צי און רייסט איבער דעם פאָדעם פון זכרונות...

ס'איז דער שכן זיינער, וואָס האָט אים פאַרהאַלטן.

— שלאָפסטו?

— ניין, — ענטפערט ער, — איך שלאָף ניט...

— וואָלסט אפשר צוגעגאַנגען צום קאָמאַנדיר. טו אים אַ בעט... און אַ מענטש איז דאָס אַ גוטער, וועסטו באַקומען די ביקס און וועסט גיין אַהיים. וואָס וועסטו טאַקע דאָ זיצן אומזיסט?

אביגדור גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. זיך גיין בעטן — דאָס וויל ער ניט.

— אַז סיי־ווי־סיי וועט שוין היינט גאַרניט זיין, — מאַכט ווידער יענער, — שוין צו שפּעט... וואָס קענסטו אָנווערן? ער וועט דיך דען באַשטראָפן דערפאַר?

אביגדור שווייגט, כאָטש ער זעט אַליין אויך, אַז עס איז שוין שפּעטלעך; די זון קוקט אַרויס טאַקע נאָך גאַנץ הויכלעך, נאָר צוזאַמען מיט אירע גאָלדענע און צו לאַנגע שפּיזלען, וואָס רייסן זיך דורך דורך דער געדיכטעניש פון צווייגן, לייגן זיך שוין אויס טיפע און לאַנגע שאָטנס אויף דער ערד. און ער באַשטימט אויך, אַז ער האָט ניט וואָס אָנצואווערן, פאָלגט יענעם, גייט אַוועק צום קאָמאַנדיר.

דאָס מאָל הערט אים דווקא דער קאָמאַנדיר אויפמערקזאַם אויס, און עס געדויערט ניט קיין צוויי מינוט, ווי ער הייסט אים אומקערן צוריק די ביקס און ער לאָזט אים אָפּ. און אביגדור נעמט אַ צופרידענער, באַנייט אַן אויפגעריכטער, די ביקס אויף די פּלייצע, גיט אַ הייב אויף די האַנט צום הימל פאַר אַ דאַנק דעם קאָמאַנדיר, און ער איז שוין גרייט אַוועקגיין.

נאָר איצטער, ווען ער קען שוין ענדלעך אַוועקגיין אַהיים, געפינט ער פאַר נויטיק צוצוגיין נאָכאַמאָל צו דעם פּאַרטיזאַן, וואָס האָט אים פריער פאַרהאַלטן.

— נאַ, — זאָגט ער צו אים, דערלאַנגענדיק די האַנט, — אַ דאַנק פאַר אַ גוטער עצה.

— דו האָב קיין פאַראיבל ניט! — ענטפערט אים יענער, — פאַרשטייסט דאָך אונדזער זאַך איז אויספילן, וואָס מ'הייסט אונדז.

ס'מאַכט ניט. וועסטו זיין אַמאָל אין אונדזערע קאַנטן, פאַרגיי צו אונדז אין לאַגער. — און אביגדור גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, פריילעך און שוין אינגאַנצן איבערגעביטן צו די איבעריקע פּאַרטיזאַנער, גייט אַוועק. נאָר אין דער רגע הייבט זיך אויך אויף די גאַנצע מחנה און מ'גייט אַוועק. זיי גייען אין דער זעלבער ריכטונג, וואָס אביגדור.

מ'גייט אין איין שורה פּאַזע דעם ברעג וואַלד. מ'גייט דורך אויסגעהאַקטע און זומפּיקע דעליאַנקעס, וואו עס שטייען בלויז שטאַמען און וואו שפּעטער, אַן ערך אין יוני חודש, וועלן אָנהויבן וואַקסן רויטע יאַגעדעס. אין נאָך הייסער שיין צווישן ביימער קומט אויף אַ דערפל. עס גייען פאַרביי גרויסע, לאַנגע, ערשט פאַר דער מלחמה געבויטע קאָלווירטישע שטאַלן. און ווידער ווערט דאָס דערפל פאַר־פאַלן, אַרויסקומענדיק אין אַ מינוט אַרום מיט אַ צווייטער זייט, וואו אַ פּאָר הינט־לעך בילן, רייסן זיך אָפּ די קישקעס און פאַרהילכן מיט זייער בילערייַ די וועלט. קאָביליאַנקע — דערקענט אביגדור. אויך אַ באַקאַנט דאָרף. אָט אין דעם דאָרף האָבן זיי פאַר דער מלחמה געקויפט זייער שטוב, אַ פּאַרטיקע געקויפט און פון

דאָגען מיטן וואַסער איבערגעפירט. פון דאָגען איז דריי טריט צו דעם אָרט, וואו די עלטערן געפינען זיך, נאָר אַרויסגיין פון וואַלד אויפן צעשייד פון די וועגן. זיין וועג איז אויף רעכטס...

ווי אַ מענטש, וואָס דאַרף אָט־אָט שוין אַוועקגיין מיט זיין וועג, וואָלט אים דאָך איצט טשיקאַווע געווען דווקא צו וויסן, וואוהין גייט די מחנה. נאָר גלאַט אַבי־וועמען פרעגן פּאַסט עפּעס ניט. דעריבער הויבט ער אָן גיין אַביסל שטילער ביי דער זייט און עטוואָס דערווייטערט פון דער גאַנצער מחנה, ביז וואַנען ער גלייכט זיך אויס מיטן פּאַרטיזאַן, וואָס האָט אים פאַרהאַלטן.

— וואוהין גייט איר דאָס איצט, אַהיים?

נאָר יענער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. מ'האָט אים אויפגעהויבן פון אָרט, געהייסן גיין, גייט ער. וועט מען זיך באַגעגענען מיטן שונא, מ'וועט דאַרפן געבן פייער, — וועט ער...

איצט לאָזט זיך אביגדור גיין אַליין מיט אַ באַקאַנטער פּראָסעקע, וואָס פירט צום שייד־וועג מיט אַ סך אַ קירצערן וועג. ער ווערט פאַרפאַלן צווישן די הויכעביימער, וואָס שטייען פון ביידע זייטן פּראָסעקע, שאַפנדיק אַ מין צוגעשטילטן קאָרידאָר. פון דער מחנה, וואָס גייט ניט גאָר אַזוי ווייט, דערגייט צו אים אַ מין גערויש, ווי פון אַ זייטיק ווינטל, וואָס פאַרטשעפּעט אַ ברעג פונעם וואַלד. ער מאַכט אַ שליף מיטן וואַלד אויף רעכטס, און אַרויסקומענדיק אויפן וועג, פאַרכאַפּט ער נאָך אָן עק פון דער מחנה. אים דוכט מיטאַמאָל, אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך עפּעס צו שטאַרק געגומען איילן... פאַרלאָזט ער דעם וועג, וואָס פירט אים אַהיים, און האַקט דורך אַ ברייט פעלד, קומט אַרויס צוריק צו דער מחנה. יאָ, די מחנה יאָגט שוין ערגעץ. הינטן, אויפן שאָסעי, הילכט מיטאַמאָל אויף אַ שיסעריי פון ביקסן. און עס גייט אַוועק, ווי אַ ווינטל איבער שוואַרץ־פאַרכמורעטע גראָזן פאַר אַ געוויטער, אַן אומרו פון מענטש צו מענטש:

— זעט אויס, אונדזער אויסשפּירונג האָט זיך עס פאַרטשעפּעט מיטן שונא...

און אַפילו ער, אביגדור אַליין, גיט אויך מעכאַניש אַ טאַפּ זיך ביי דער זייט — דאָ די ביקס. און ס'גיט זיך אין זיין קערפּער עפּעס־וואָס שוין אַ צי אָן — אַזאַ מין איבערגאַנג פון איין צושטאַנד צו אַ צווייטן, צו דעם, וואָס קאָן דאָ געשען מ'יט אַ פּאַרטיזאַן אויף יעדער טריט און שריט. ער נעמט ווידער זוכן דעם באַקאַנטן, כדי עפּעס גענויער זיך דערוויסן ביי אים, נאָר געפינען אים האָט ער שוין ניט געקאָנט.

דער אומרו, וואָס אביגדור האָט דערזען ביי מענטשן אין די אויגן, האָט שנעל אויך אַ הויך געטאָן פון דעם גאַנצן אַרום. ברעכנדיק הילכיק דאָס טרוקענע אָנגעוואַלגערטע האָלץ צווישן די ביימער, האָט אָן אויסשפּירער, — רייטנדיק אויף אַ פערד און מיט אַ קאַראַבין איבער דער פּלייצע, אָנגעיאָגט די מחנה. ער איז געווען צעטראָגן, דאָס פערד — נאַס...

— וואו איז דער קאָמאַנדיר?

זיך האַלטנדיק כסדר עטוואָס דערווייטערט פון דער מחנה, גייט אביגדור איר נאָך אַלץ נאָך. דערפון, ווי אַזוי געהיט און צוגעשטילט מ'איז איצט באַגאַנגען געוואָרן

אויף ניט אַרויסצוגעבן אַ צו הויכן שאָרך, זעט ער, אַז ווי פריער איז געווען די געפאַר ווייט, אַזוי נאָענט־האַרט האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערוקט. דערצו דוכט זיך אים אָפּ, אַז די מחנה פּאַרטיזאַנער איז דאָ אַ נייע, ווייסט ניט גוט דעם וועג. מ'זעט עס דערפון, וואָס יעדע ווײַלע, ווען מ'הייסט זיך אָפּשטעלן, רינגלען אַרום די קאָמאַנדירן פון די ראָטעס דעם קאָמאַנדיר פון דער מחנה און מ'האַלט אַלץ אין איין עצהנען זיך... מ'גייט אַוועק, ווי אין אַ מין יאָגעניש אויף עמעצן צו פאַר־לויפן אַ וועג. נאָר אָט פאַרהאַלט מען זיך ווידער, דער קאָמאַנדיר זעצט זיך צו אינמיטן גאַנג אויף אַ ברעגעלע פון אַ שטאַם, מיט איין פוס זיך אָנגעשפּאַרט אין דער ערד; ער נעמט ווידער אַרײַנקוקן אין קאַרטע, און אביגדור הערט, זיך אַרומדרייענדיק דערבײַ, ווי ער זאָגט מיט כעס:

— עס זאָל ניט זיין אין מחנה קיין איין מענטש, וואָס זאָל גוט וויסן דעם קאַנט?! וואָס טויג מיר די קאַרטע, אַז מיר דאַרפן ערגעץ דורכן זומפּ זיך דורכ־רייסן...

אביגדור גייט צו נאָך נעענטער. ער פאַרשטייט דווקא, אַז איצט מעג ער שוין יאָ זיין אַ שטיקל בעל־העזה, מער ווי אַלעמאָל. ער וואָלט געדאַרפט, פילט ער, צו־גיין און זאָגן: „איך ווייס דאָ אַלע וועגן אַרום־און־אַרום. איך קען אייך אַרויס־פירן"... נאָר ער האַלט זיך איין. די פאַרטיזאַנער קענען אים ניט. ווער ווייסט, צי זיי וועלן אים גאָר פאָלגן.

דערזען אָבער, אַז די מחנה האָט, גייענדיק, ווידער גענומען זיך צופיל דרייען מיטן וואַלד אינמיטן זומפּ, אַז אַלע אַרום האָבן גענומען נאָך מער זיך נערווירן, ווי מענטשן, וואָס ווילן עמעצן פאַרלויפן דעם וועג, נאָר ניט וויסנדיק דעם קאַנט, היובט מען אָן, פאַרקערט, נאָך מער אָנצולייגן וועג, און ס'איז דאָ אַ געפאַר, אַז זיי זאָלן גאָר פאַרשפּעטיקן, האָט ער זיך באַשלאָסן און איז אַוועק צום קאָמאַנ־דיר. ער האָט איצט געטראַכט, אַז ווי יענער זאָל ניט אויפנעמען זיינע רייד, נאָר זאָגן מוז ער דאָס, וואָס ער ווייסט, אַז אים זאָל אפילו נאָכדעם אויסקומען צו פאַר־דריסן, פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן. יענער האָט, גייענדיק, ווידער צום וויפלטן מאָל אַרײַנגעקוקט אין קאַרטע. איז ער צו אים צוגעגאַנגען. ניט דערגייענדיק אַ פּאָר טריט, ווי צו נאָטשאַלסטווע, האָט ער זיך אַ שטעל אָפּ געטאָן מעשה סאָל־דאַט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער ביקס צום פוס:

— חבר קאָמאַנדיר, דערלויבט!

אומגעדולדיק און בייזלעך האָט אויף אים יענער אַ קוק געטאָן, ניט פאַר־האַלטנדיק זיך אין גאַנג.

ניט אויפהייבנדיק די ביקס פון פוס, איז אביגדור אַוועק נאָך אים.

— איך זע, אַז איר דאַרפט ערגעץ... איך ווייס דאָ דעם קאַנט, ווי מיינע פינף פינגער... זאָגט, וואוהין דאַרפט איר?

דער קאָמאַנדיר — אומגעדולדיק און בייזלעך, ווי פריער, דאָך רוקט ער אונטער די קאַרטע אונטער דעם דורכזיכטיקן דעקעלע פון פעלד־טאַש און שטעלט זיך אָפּ. די מחנה גייט ווייטער.

— פון וואָס פאַר אַ מחנה ביסטו? — גיט אים אַ פרעג דער קאָמאַנדיר און

פאַרכאַפּט אַליין. — פון דער מחנה א. ב. „סואוואראָוו״? קאָמאַנדיר אַנטאָנאָוו?

— בריגאַדע פּאָלקס־נקמה־נעמער, — העלפט אים אונטער אביגדור.

ביי אביגדורן איז איצט אַ געפּיל, ווי ער שטייט אויף אַן אויספאָרשונג. זינדיק איז ער מיט קיין זאַך ניט, נאָר ווער ווייסט, צי מ׳וועט אים גלויבן, וואָס ער זאָגט. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אַן ערנסטער פראַגע.

ער דערזעט אַן די אויגן פונעם קאָמאַנדיר, אַז ער גלויבט אים יאָ, וואָס ער זאָגט. דאָך, ווען יענער גיט ביי אים אַ פרעג, צי האָט ער ניט קיין דאָקומענטן, גיט ער אַ זאָג אַ ביסעלע צו גיך אפילו „פאַראַן״ און נעמט זיי אַרויס פון קעשענע.

אייגנטלעך, איז דאָס אינגאַנצן איין פּאַפּירל, אַ צייגעניש, אַז ער, אביגדור ראַדאָוו, פּאַרטיזאַן פון דער און דער מחנה, דער און דער בריגאַדע, איז אָפּגעלאָזט געוואָרן אויף אַ פּאָר טעג אַהיים, אַלס באַלוינונג פאַר אויסגעצייכנטער אַרבעט אין קאַמף קעגן שונא און אַז מ׳בעט די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן פון יענעם ראַיאָן, וואוהין ער גייט, קומען אים צו הילף מיט טראַנספּאָרט, שפּייז־מיטלען א. אַ.

דאָס געפּיל ביי דעם בחור, אַז דאָ וועט אים פאַרשטיין עפּעס וויכטיקס צו טאָן, שטאַרקט זיך אַלץ מער, וואָס לענגער דער קאָמאַנדיר שווייגט, עפּעס טראַכטנדיק, שוין נאָכדעם, ווי ער האָט דורכגעלייענט זיין פּאַפּירל. דערפון ווערט אביגדורן אַ קאַפּעלע צו הייס. ער ווייזט דאָך מיט גאָרנישט ניט אַרויס זיין צו־שטאַנד, אַ צושטאַנד פון אַ מענטשן, וואָס פּאַקט זיך צווישן פרעמדע, האָט צו טאָן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך, נאָר וואָס ווייסט, אַז ער זאָל אפילו גיין און פּינקטלעך טאָן דאָס, וואָס ס׳פאָדערט זיך פון אים, ווייסט ער נאָך אויך ניט, וואָס מע קאָן פון אים טראַכטן, ביז ער וועט עס ניט אויפטאָן. ווייל זיי ווייסן בכלל ניט, וואָס פאַר אַ פּאַרטיזאַן ער איז ביז איצטער געווען.

ממש ניט ווילנדיק, ווי נאָר אויף אָנבעטן זיך, גיט אים דאַן אַ צי די לינקע האַנט צום לאַץ פונעם פּעלצל און עס גיט עפּעס זילבערדיק אַ בליאַסק פאַר אַלע־מען אין די אויגן.

— אָט־אָ! — מאַכט ער, — אביסעלע אַליין פאַרשעמט דערפון, וואָס ער האָט געטאָן, — באַלוינט מיך מיט אַ מעדאַל... — און צעשמייכלט זיך, — איך גיי דאָס טאַקע ווייזן אַהיים...

— נו, יאָ, — מאַכט איצט דער קאָמאַנדיר, אומקערנדיק שוין אים צוריק דאָס פּאַפּירל, — דער „פעטער וואַסיע״ וועט דען ביי זיך אין דער בריגאַדע האַלטן אַבי וועמען? — און זיי גייען אַוועק, יאָגן אַן די גאַנצע מחנה...

גייענדיק, זאָגט דער קאָמאַנדיר, דער עיקר צו די פּאָר קאָמאַנדירן פון די ראָטעס:

— די דייטשן ווייסן שוין, אַז מיר זיינען ערגעץ דאָ. זיי וועלן שוין אַהער פאַר קיין פאַל ניט גיין. איצט זיצן זיי שוין אין „זאַסאַדע״ און וואַרטן אויף אונדז. ביז נאַכט וועט זיי דערעסן צו זיצן, און זיי וועלן נאָך פּרוּוון אַרויסקריכן אויפן שאָסיי. זיי האָבן אַ באַפעל דורכצופירן אַ מאָביליזאַציע צווישן דער באַפעלקע־רונג, און זיי מוזן פאָרן. זיי וועלן זיך דערביי פאַרטשעפּען מיט אונדזער זוואַד, וואָס איז דאָרטן איבערגעבליבן... פאַר דער צייט מוזן מיר זיי פאַרלויפן פון הינטן

און געבן דעם געהעריקן שניט. און דו, — מאַכט ער איצט צו אביגדורן, — אויב ס׳איז, ווי דו זאָגסט, אַז דו ווייסט גוט דעם קאַנט, איז ווען דו קענסט נאָר אונדז צופירן צו דעם פונקט, וואָס איך וועל דיר אָנווייזן... דאַרף מען גאָרניט בעסער...

— קלאָר, חבר קאָמאַנדיר...

דער קאָמאַנדיר קוקט אָן, גייענדיק, דאָס בחורל פון אַ זייט. אַ צעהיצטער און ערנסטער מיט אַ פאַררוקט קובאַנקעלע איבער דער טשופּרינע שוואַרצע האָר, גייט ער מיט דער ביקס אויפן אַקסל, פאַרטשעפּענדיק זיך מיט איר אָן די צווייגן. דאָס בחורל איז אים געפעלן.

— איך פיל, — האָט ער געזאָגט, אַרויפליייגנדיק היימיש אביגדורן אַ האַנט אויפן אַקסל, — אַז דו פאַרשטייסט סאַראַ וויכטיקע אויפגאַבע פאַר דיר שטייט.

— כ׳ווייס ? — האָט יענער געזאָגט מיט אַ טאָן, כלומרשט ער איז אַליין נאָך רעכט אין זיך ניט זיכער, — ביז איצט איז נאָך ניט געווען אַזאַ אויפגאַבע, איך זאָל זי ניט אויספילן...

און אַליין פילט ער שוין, ווי עס היצט אים אונטער אָט די פרייד, דאָס גרויסע פאַרגעניגן, צו פירן נאָך זיך אַ מחנה פאַרטיזאַנער שלאָגן דייטשן ; פאַרטיזאַנער, וואָס וועלן זיך אָפּשטעלן, ווען ער וועט אָנווייזן און וועלן ווידער גיין, ווען ער וועט זאָגן — וואוהין. און שוין איצט ווערט אים גוואַלדיק אָנגענעם, וואָס אַלע פונעם בינטל קאָמאַנדירן קוקן אויף אים אַרויס. און עס הויבט זיך אים אָן פאַר־צושטעלן, ווי ער לויפט און שרייט „הוראַ״ דער ערשטער אין שלאַכט, ווי ער הרגעט דייטשן, ווי ער קומט נאָך דער שלאַכט אַ צעהיצטער, אַ נאַסער פון שוויס אַהיים און גיט אַ זאָג די היימישע : „כ׳וואָלט געקאָנט נאָך פריער קומען אַביסל, נאָר ס׳האָט מיך פאַרהאַלטן אַן אַטריאַד, געדאַרפט אים דאָרט צוהעלפן אַביסל... אָך, האָבן מיר געגעבן די דייטשן !״. און אָט די גרויסע פרייד וואָס ער וועט ווידעראַמאָל אַ טרייבער טאָן די דייטשן די קישקעס, מאַכט צונישט די גאַנצע מעגלעכע שרעק, דעם חשק צו גיין גיכער אַהיים, און ער גיט באַנייס אַ זאָג :

— כ׳ווייס ? דעם קאַנט ווייס איך אויסגעצייכנט. וויפל מאָל בין איך דאָ געווען נאָך קינדווייז מיט מיין טאַטן, בשעת מיר האָבן געאַרבעט אויף דער בוי־אונג פונעם טאָרף־זאַוואָד...

— נו, איז אָפּגערעדט ! — מאַכט דער קאָמאַנדיר, — גיי אין ראַזוועדקע !

אביגדור לויפט אַוועק מיט אַ געקלאַנג פון דער ביקס פאַראויס פון דער מחנה. לויפנדיק שוין, באַקומט ער פון אַ ראָטע נאָך איינעם אַ פאַרטיזאַן אין פּאָר, און זיי גייען באַנאַנד אַוועק צופרידענע. ער — פאַרויס, און דער צווייטער — נאָך אים.

איבערן וואַלד גייט אַוועק אַ טרישטשעריי...

* * *

אין פּאָר מיטן צווייטן פאַרטיזאַן, איינער פון איין זייט וועג, דער צווייטער— מיט דער צווייטער זייט, גייט זיך אביגדור אין אויסשפּירונג. אויף אַ געהעריקער דיסטאַנץ צווישן זיי און דער מחנה גייט נאָך אַ פּאָר. הינטער זיי — דער קאָמאַנ־דיר פון מחנה, דער קאָמיסאַר. נאָך זיי — אַלע איבעריקע. ראָטע נאָך ראָטע

מיטן געווער אויף זיך, מיט די עטלעכע פּאַנצער־ביקסן, וואָס מ׳טראָגט אין פּאָר מיטן נויטיקן ביסל טאָל — טאָמער קומט אויס פּאַרמינירן דעם וועג. גאָר היבטן שלעפּן זיך עטלעכע פורן, אויף די פורן וועט מען נאָך דער שלאַכט ברענגען צוריק אין לאַגער, די, וואָס וועלן שוין אויף די אייגענע פיס ניט קאָנען גיין. סיי ביי אביגדורן, סיי ביי דעם צווייטן פּאַרטיזאַן זיינען די ביקסן גרייט פּאַרקלעמט אין די הענט. זיי גייען מיט אַ גיכן געהיטן שפּאַן פון יעגער און באַמיען זיך וואָס מער צו האַלטן אין שאָטן, כדי מען זאָל זיי ניט גיך דערזען פון וועג. אָבער דערפאַר אַליין קוקן זיי פליייסיק וואָס עס טוט זיך אויפן וועג פּאָראויס.

יעדער מאָל אַן אַנדערער אַ בליק אויף הינטן, צי האָבן זיי זיך ניט אָפּגעריסן פון דער מחנה. נאָר הינטער זיי הודזשעט מיטן וועג, ווי אַ צוגעשטילטער וואַסער־פאַל. אַ שוואַרצע מאַסע גייט דאָרט אַרויס פון געדיכט־פאַרשאָטנטע ערטער, שניידט זיך מיטן זאַמד, — איבעראַקנדיק די פּאַסן שיין פון דער נידעריק־אַראָפּגעלאָזטער זון, און זיי גייען ווייטער אַוועק, זיך ניט אָפּשטעלנדיק.

ווען פון פאָרנט גיט אַ לייכט אַ ברייט־בלאָטיק פעלד, שטעלט זיך אביגדור אָפּ. דאַן קומט תיכף צו אים צו לויפן איינער פון דער צווייטער פּאָר.

— וואָס איז? וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט?

נאָר ער וואָרט אויפן קאָמאַנדיר. ערשט אים זאָגט ער:

— נאָך דעם־אַ טאָרף־זומפּ דאַרף זיין דער שאָסעי. אַז מיר וועלן אַריבער־גיין דאָס טייכל, איז דאָס שוין גאָר נאָענט.

— נו גוט, פיר גיכער!

— מיט וואָנען פירן? מיטן גלייכן וועג, צי מיט די קוסטעס?

— נאָר מיט די קוסטעס...

עס גוואַדזשעט אונטער די פיס. דער באָדן — קוים צוגעטריקנטע בלאָטע — וויגט זיך אונטער יעדן טראָט. עס הויבט זיך אַלץ אַן אָפּטער טרעפן וואַסער מיט „קאָטשקעס" באַוואָקסענע מיט לאַנגע, טרוקענע האָר, וואָס זעען אויס ווי צונויפגעקנוילטע שאָף מיט די קעפּלעך אונטער זיך. פון דעם שפּרינגען פון קאָטשקע אויף קאָטשקע, פון דעם דורכרייסן זיך מיט גוואַלד צווישן די ווערבע־קוסטעס, פון דעם פליוכען אונטער די פיס, פון דעם אַלעמען, וואָס עס קאָן באַ־גלייטן אַ מענגע מענטשן אין גאַנג, דערצו נאָך מיט אַ פּאָר פורלעך, וואָס הריז־נען יעדעס מאָל מיט די פערד אין בלאָטע, אַז מ׳דאַרף זיי שלעפּן, — שאַפט זיך אַ גערודער, וואָס ווי דו זאָלסט אים ניט וועלן פאַרטאַיען, לאָזט זיך עס ניט.

באַנייס וואַלד. לאַנגע שאָטנס פון סאָסנעס אויף דער שקיעהדיק־באַשיינטער ערד. צווישן די שאָטנס — איבערגעבליבענע רעשטלעך פון געוועזענע פּאַר־גרייטע שטאַבעלן האָלץ...

— אָט, — זאָגט אביגדור, — אַ סימן, אַז איך גיי גוט...

ער באַוויזט נאָך ניט ענדיקן, ווי גאַנץ וויטלעך הינטער זיי, דאָרטן, וואו עס הויבט זיך שוין אָן לעשן די זון, דערהערט זיך באַנייס אַ היפּשע שיסעריי, עס הויבן אָן זעצן מינענוואַרפערס.

אַ רגע, און אביגדור שטעלט זיך אָפּ אין זיין אויסדרייען זיך און צוקוקן,

ווי מ׳קומט נאָך אים אָן; ער קוקט אַהער־אַ, נאָר זיין קאָפּ איז שוין ערגעץ דאָרטן ביי דער שיסעריי. הייסט עס, אַז דער קאָמאַנדיר איז טאַקע געדעכט געווען. די דייטשן האָבן זיך טאַקע פאַרטשעפּעט מיטן איבערגעלאָזטן זוואָד אויפן שאָסעי, ווי ער האָט פאָרויסגעזען, און איצטער דאַרף מען זיי וואָס גיכער פאַרלויפן דעם וועג פון הינטן...

ער דערזעט לויפן דעם קאָמאַנדיר. יענער מאַכט צו אים מיט די הענט: „גיכער! גיכער!״ און עס ציט נאָך אים די גאַנצע מחנה.

שוין לויפנדיק, כאַפּן זיי זיך אַרויף אויפן הויכן שיפּוע פון דעם שאָסעי, גייען אַריבער דאָס היפּשע טייכל און לאָזן זיך באַנייס אַראָפּ צום וואַלד. זיי לויפן ווייטער מיט די קוסטעס פּאַזע דעם וועג. די שיסעריי קומט איצט אויס פון פאָרנט, עטוואָס רעכטס.

ווען מ׳דערזעט ווייטער מיטן שאָסעי אָנקומען מענטשן, גיט מען זיך אַלע מיט־אַמאָל אַ שאָר אַראָפּ צוריק אין וואַלד און מען פאַרטאַיעט זיך, בעמענדיק זיך אין דער שטיל צוגרייטן צו באַגעגענען דעם שונא. מ׳איז כמעט ווי זיכער, אַז באַקומענדיק אַ ווידערשטאַנד אויפן שאָסעי, האָבן זיך דאָס די דייטשן געלאָזט צוריק אין דאָרף.

אביגדורס אויפגאַבע איז שוין כמעט ווי געלייזט. ווי דאָ זאָל זיך ניט ענדיקן די באַגעגעניש מיטן שונא, נאָר דעם נחת, וואָס אַזאַ יינגל קאָן האָבן פון אַרויס־פירן אַזויפיל מענטשן גוט און אַקוראַט אויפן אָרט, וואָס מ׳האָט געדאַרפט, וועט שוין ביי אים קיינער ניט אַוועקנעמען. ער פאַרשטייט שוין דווקא, אַז איצט דאַרף אים דער קאָמאַנדיר ניט אַזוי נויטיק האָבן. נאָר צו נאָענט זיינען שוין די דייטשן, אַז ער, אַ יידישער יאַט מיט אַ ביקס, זאָל זיי קאָנען רואיק אָפּלאָזן. פון דער היצי־קער, כמעט ווי ווילדער גרייטקייט שניידן פון זיי פּאַסן פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אויף דער וועלט, ווערט ער ווי אויסגעוואָקסן. ער הויבט אָן זוכן עפּעס אַ שטיקל אָרט, כדי זיך אַוועקצולייגן צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטיזאַנער אין דער באַהעלטעניש.

ער דערזעט וואַלגערן זיך אַ גרויסן אויסגעדרייטן קאָרטש מיט ערד אויף די וואָרצלען, הייבט ער אים אויף אויף זיך און טראָגט אַוועק: ער וועט ניט באַווייזן מאַכן עפּעס אַ גריבל, און די דייטשן זיינען שוין דאָ. דער קאָרטש קאָן אים באַשיצן.

ענדלעך קלייבט ער זיך אויס אַ הויך ערטל צווישן אַ פּאָר יונגע יאָדלעס, וואָס שניידן, ווי מיט זעגן, דעם געפּאַרבטן הימל. דער שאָסעי־וועג איז אים, ווי אויף דער דלאָניע. ער לייגט זיך אַוועק הינטער דעם געבראַכטן קאָרטש אויפן רויב און שפּאַרט אָן די צום וועג אָנגעצילטע ביקס אויף איינעם פון זיינע צע־דרייטע וואָרצלען. דער אָטעם איז אים הייס און אָפּגעהאַקט. דאָס זעצן פון זיין בלוט אין האַרצן גיט זיך איבער דער ביקס. זי רירט זיך יעדע ווילע פונעם אָרט, און די „מושקע״ פאָרט אַראָפּ אַביסל צו נידעריקלעך, אַזוי, אַז דער אָפּשניט פון שאָסעי, וואָס פאַרשטעלט אין דער רגע דעם נידער מיט די נעלם־געוואָרענע דייטשן, וועלכע דאַרפן אָט־אָט אַרויסקומען פון דאָרטן, שפּרינגט אַרויף צו הויך.

אין אָט דער לײדיקער רגע באַמערקט דאָס ייִנגל אַלץ אַרום זיך מיט אַ באַזונדער נײַקײט. בײַ דער זײַט — אַ פּאָר בלימלעך מיט אַ גוואַלדיק אויסגעשפּילטער ראָזע שטילקײט אַרום. אַ פֿליג זשומעט, שוועבנדיק אויף אײן אָרט. אויף אַ װײַס קעפּעלע פֿון אַ ראָמאַשקע־בלימל קריכט אום אַ װערעמל... און אָט־אָ װערט פֿון דעם װערעמל גאָר ניט קײן װערעמל, נאָר אַ מענטש. ס׳קריכט אַרויס פֿאַרן אויג, װי פֿון אונטער דער ערד, אײנער און נאָך אײנער... דײַטשן. ער דערקענט זײ שוין. ער קען שוין ניט אײַנהאַלטן זײַנע הענט, װאָס ציִען זיך צום צינגל פֿון ביקס. אין דער אַרומיקער באַװעגונג פֿון זײַנע פֿינגער איז די גאַנצע ייִנגע קראַפֿט, װאָס רײַסט זיך אויסצושיסן אין די דײַטשן.

פּלוצעם דערמאָנט ער זיך, אַז די איבעריקע, װאָס געפֿינען זיך ניט אויף אַזאַ אויסגעשפּילט אָרט, װי ער, קאָנען אוודאי נאָך ניט זען, אַז די דײַטשן זײַנען שוין דאָ. ער הײבט זיך עטװאָס אונטער און שרײַט אויס מיט אַ צוגעשטיקט אויפֿגערעגט קול צו זײַן שכן, אַן אומבאַקאַנטן בחור, װעמען דאָס לעבן און די שנאה צום דײַטש האָט אָװעקגעלײגט זײַט־בײַ־זײַט מיט אים:

„דײַטשן! דײַטשן גײען!“ און אײַלנדיק זיך, װי ער װאָלט דאָ מורא געהאַט װאָס צו פֿאַרשפּעטיקן, לײגט ער זיך צוריק אָװעק אויף דער ערד, זיך אָנשפּאַרנדיק מיט דער ביקס אין די הענט אויף די עלנבויגנס, און ער הויבט זיך אָן צילן. אַ הויכער דײַטש מיט אַן אויטאָמאַט אונטערן אָרעם קומט אים אַנטקעגן. ער גײט געלאַסן, טראָט נאָך טראָט מיט אַ שװערלעכן גאַנג פֿון אַ געזונטן מענטשן. נאָר אָט װערט אַ שיסערײַ. עס גיט אַ ריס דעם װאַלד פֿון עטלעכע זײַטן מיטאַמאָל. פֿײַער־צינגלעך פֿון פּאַרטיזאַנישן געװער גיבן זיך אַ שפּאַר פֿון צװישן די קוסטעס. דער דײַטש גיט זיך אַ װאָרף אין אַ זײַט פֿון שאָסײ.

— אַ גוטע קרענק װעסטו שוין בײַ מיר אַנטלויפֿן, — גיט אַ זאָג אַלײן צו זיך אַביגדור, און ער הויבט אים אָן צו באַשיסן.

דער דײַטש פֿאַרלירט דעם אויטאָמאַט, גיט זיך אַ דרײ אויס, װי אויף אַ קוק צו טאָן אויף הינטן, און פֿאַלט אום. אין דער זעלבער רגע דערפֿילט אָבער אויך אַביגדור, װי עפּעס האָט אים געגעבן אַ זעץ אין לינקן אַקסל. בײַם געשרײ „הורא“ פֿון די פּאַרטיזאַנער שפּרינגט ער נאָך אויף, נאָר ס׳פֿאַרדרײט זיך אים דער קאָפּ און ער פֿאַלט אום.

אין רוּיִק פּונעם פּולװער, אין פֿײַער־צונגען פֿון אַ דערבײַיִקן קוילן־װאָרפֿער גיט נאָך אַ שװעב פֿאַר אים דער אויסגעקילטער הימל. ער גיט אַ טראַכט: „די הײם — דאָ בײַ דער זײַט, און ניט דערגאַנגען“... נאָך דעם װערט אים פֿינצטער אין די אויגן, װי בײַנאַכט, און ער פֿאַרגעסט אַלץ...

פֿאַרטאָג, מיט די ערשטע שטראַלן פֿון דער אויפֿגײענדיקער זון, װאָס גיסט אויס איבער װעגן און װעגעלעך איר שײַן פֿון אַ שײנעם אָנקומענדיקן טאָג, קערט זיך אום פֿון שלאַכט די מחנה צוריק אין לאַגער. אויף אײנער פֿון די פֿורן זיצט אַביגדור. ער זיצט אינעם װײַך־אויסגעבעטן װאָגן מיט אַן אָראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און שאָקלט זיך מיט יעדן טרײסל פֿונעם װאָגן. אין פּנים — קײן טראָפּן בלוט,

די ליפּן — אויסגעטריקנטע מיט אַ צוגעברוינט הייטעלע, וואָס ציען יעדעס מאָל זיך צו באַלעקן פאַרשמאַכט און צו בעטן:

— וואַסער...

מיט אַ האַנט זיך אָנהאַלטנדיק אָנעם וואָגן גייט דערביי מידלעך און צופרידן, ווי מ׳גייט פון אַ שלאַכט, איינער אַ פאַרטיזאַן מיט דער ביקס איבער דער ברוסט אָנגעטאָן מיטן רימען אַריבערן האַלדז, ווי מ׳טראָגט אַן אויטאָמאַט.

— אָט דאָ ערגעץ אין די וועלדער... — מאַכט צו אים אביגדור, עפּענענדיק די טיף־איינגעגראָבענע אויגן, ניט אַזוי ווי פאָדערנדיק וואָס, נאָר גלאַט אַזוי זיך ריידנדיק — דאַרפן זיין מיינע עלטערן... ווען מע קאָן צופאָרן... כאָטש אויף איין האַלבער שעה...

דער פּאַרטיזאַן הערט אים אויס, קוקט אָן זיין ערדיש־פאַרעלטערטן פּנים און טראַכט, אַז דער בחור רעדט פון היץ...

און ער גייט ווידער אַ טרייב דאָס פערד...

ערגעץ ניט אַזוי ווייט פון הינטן שיסט מען שוין ווייטער...

שמואל האַלקין

אויפֿן רויטן פּלאַץ

ביז צום הונדערטסטן דור זאָל דערגרייכן דער גאַנג
אויפֿן פּלאַץ אויפֿן רויטן אין גרויזאַמען האַרבסט,
וואָס ער האָלט נאָך אין פֿריידיקע קעלטן מיין האַרץ;
אויב פֿאַראַן אויף דער ערד עפּעס מילדס, עפּעס האַרבס,
אויב נאָר אויסטרעטן קאָן מען מיט טריט אַ פֿאַרלאַנג,
איז געווען יענער גאַנג אויפֿן פּלאַץ — אַ געזאַנג
און אַ טרייסט פֿאַרן פֿאָלק אין זיין נויט און אַ דאַנק.

ס'איז געווען אינעם האַרבסט, ווען אַהינטער דער שטאָט
האָט געאָטעמט דער פֿיינט, זי פֿאַרברענען געדראָט
מיטן פֿייער פֿון בייז, וואָס באַנאַכט ציגדט זיך אָן
אין די אויגן ביי וועלף... ס'איז געווען אינעם טאָג,
ווען דאָס האַרץ פֿונעם לאַנד געווינט אויף דער וואָג,
און דאָס פֿאָלק האָט אויף אייביק געזאָגט דאָס געבאָט;
ס'איז הינטער אונדז מאָסקווע, און ווייטער — קיין טראָט!

ס'איז געווען אינעם טאָג, ווען פֿון פֿרי ביז ביינאַכט
האָט אַ שניי זיך געקלעפּט צו דעם פֿלאָם פֿון דער פֿאָן;
ס'איז געווען אינעם טאָג, ווען געשטאַנען איז קאָן
איז דער גורל פֿון לאַנד און זיין הייליקסטע שוועל,
און ס'איז קיינמאָל געווען נאָך די פֿאָן אַזוי העל —
אויפֿן קרעמל די פֿאָן — אַזוי דורכזיכטיק רויט,
ווען געגאַנגען דאָס פֿאָלק איז מיט איר קעגן טויט.

און געווען איז דאָן האַרבסט, און ס'איז יום־טוב געווען,
און דער גרעסטער פֿון מענטשן האָט אַלץ דאָס געזען,
מיטן אויג זיי באַגלייט און אין האַרצן געבענטשט,
און נאָך גרויער איז דעמלט דער מענטש...
אויב פֿאַראַן אויף דער ערד עפּעס מילדס, עפּעס האַרבס —
אָט אַזאַ אינעם האַרבסט־טאָג געווען איז זיין האַרץ,
נאָר ביז גרויל האָט דאָן ניכטער געקלאַפּט דער געדאַנק;
ביז צום הונדערטסטן דור וועט דערגרייכן דער גאַנג.

1946

טיפע גריבער, רויטע ליים

טיפע גריבער, רויטע ליים —
כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ היים,
פרילינג — פלעגן סעדער בליען,
האַרבסט־צייט פלעגן פויגלען ציען,
ווינטער — פלעגט דאָרט פאַלן שניי,
איצטער בליט דאָרט ווינד און וויי.

ס׳האָט מיין היים אַ בראָך געטראָפן —
טיר און טויער זיינען אָפן
פאַר די רוצחים, פאַר די שינדער
די, וואָס קוילען קליינע קינדער,
די, וואָס הענגען אויף די זקנים,
די, וואָס שאַנעוועון ניט קיינעם.

טיפע גריבער, רויטע ליים —
כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.

יאָר נאָך יאָר זיינען אַריבער —
פולע זיינען יענע גריבער,
און נאָך רויטער איז די ליים
יענע ליים איז איצט מיין היים:
דאָרטן ליגן מיינע ברידער,
די צעריסענע אויף גלידער,
די געשאָכטענע אין שטוב,
די געשאָסענע ביים גרוב.

טיפע גריבער, רויטע ליים —
כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.

קומען וועלן גוטע צייטן —
וועט דאָס מזל אויך זיך בייטן,
וועלן ווייען ווערן לינדער,
וועלן ווידער וואַקסן קינדער,
וועלן קינדער שפּילן, רוישן
ביי די קברים פון די קדושים,
ביי די טיפע, פולע גריבער, —
אַז דער ווי זאָל ניט אַריבער.

טיפע גריבער, רויטער ליים —
כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ היים.

1943

זאָל זיין מיין שטוב אַ האָפן דיר

וואו איך זאָל ניט בלאָנקען נאָר,
וועלכע טיר ניט עפענען:
אפשר וועט ער אָנקומען?
אפשר וועל איך טרעפן אים?

אָן אַלטן, אַ פאַרביטענעם,
צעריסענעם, צעשליסענעם,
אַ הונדערט מאָל געליטענעם —
אַרומנעמען, באַגריסן אים.

ברודער דו אומשולדיקער
און הונדערט מאָל געלייטערטער,
די צייט — זי מאַכט געדולדיקער,
נאָר קיינמאָל ניט דערוויטערטער.

זאָג, וועלכעס קלייד דיר אָנטאָן איצט?
און וועלכע פרייד פאַרשאַפן דיר?
נאָך אומגליקן פאַרפלאָנטערטע
זאָל זיין מיין שטוב אַ האָפן דיר.

ניט טרייסטן דיך, ניט ערוב זיין,
מיט וואָס דיין בראָך דיר לינדערן?
וועסט אין דיין נעסט דער תּרובער
ניט טרעפן שוין די קינדער מער.

דיין נחלה ניט פאַרטרונקען איז,
קיין אָדלערס ניט פאַרטראָגן זיי:
אינמיטן וועג אַ „יונקערס" איז
אַראָפּ אויף צו דערשלאָגן זיי.

זאָל אויפזידן דאָס בלוט אין דיר,
און אויסברעכן אין פייערן
אויף אָנצינדן דעם מוט אין דיר,
די קראַפט די אומגעהייערע.

וואָס נעמט איין שטעט און געגנטן,
און פעסטונגען פאַרטיליקט זי,
און מינדסטע גאָב באַגעגנטע
פון טיפן האָרץ באַוויליקט זי.

און זאָל מיין טיש — דיין תענוג זיין
מיין קינד — אַ קינד פֿאַרבייטן דיר, —
הונדערט מאָל געפּייניקטער,
טויזנט מאָל געלייטערטער.

1943

מיין וואָרט

מיין וואָרט — מיין היים ביסטו, אין דיר פֿאַרזייט בין איך איינגאַנצן,
מיין לעבן און מיין טויט — אין דיר אַן אָרט געפֿינען.
כ׳בין פֿריי, מיין וואָרט, איך זאָל זיך אָט די שיכורלעכע פֿרייד פֿאַרגינען:
דיך טויזנט מאָל צעאַקערן און טויזנט מאָל דיך איבערפֿלאַנצן.

נאָר אין פֿאַרוויסטע ווייגערטנער ווי זאָל איך זיין דיין היטער?
אַזעלכער — אַ געשטראָפֿטער מיט אַ האַרץ אַ ניט־באַרוטן —
אַז ביי דעם מינדסטן שאָרך פֿון בלאַט און צווייגן־ציטער
איך שפּרעך דיך אָפּ מיט שרעק: ס׳זאָל נאָר זיך אויסלאָזן צו גוטן.

דער שווערער פֿליגל פֿון מיין גורל איז געווען דיין וויגל,
נאָר צווישן יאָ־ און ניט־זיין האָסטו צעוואַקסן זיך: צעבליט זיך
מיט וואָס דיך איצט, מיין וואָרט, באַוואָרענען, באַשיצן,
ווען ס׳קאָן דיך אָפּמעקן פֿון דר׳ערד דעם גורלס צווייטער פֿליגל.

דאָס לעצטע געשריי פֿון אומגעבראַכטע — ווינט זאָל ווערן?
און ווי אין מדבר — דער באַפֿעל דער הייליקער: נקמה נעמען!
אין דיר, מיין וואָרט, זיי זיינען אָנגעטאָן געווען, און דיך פֿאַרשעמען
דער גורל וויל, אַז דו זאָלסט מער דער וועלט די רו ניט שטערן.

אַז ביים באַגעגענען אַ פֿריינט — דו זאָלסט ניט קומען אויף די ליפּן,
ביים איינשטילן אַ קינד — פֿון אונטער צאַרטער האַנט זאָלסטו פֿאַרשווינדן;
אַז האַרץ מיט האַרץ, ווי ים מיט ים, זאָלסט מער ניט בינדן,
אַז צווישן לעבעדיקע ווערטער זאָל מען דיך אַריבערהיפּן...

ניין, ניין, מיין וואָרט! ביז לעצטן טראָפּן זאַפֿט אין דיינע וואָרצלען
און ביזן לעצטן טראָפּן בלוט אין מיינע אָדערן, —
איך וועל דיך, ווי די ערד, צעאַקערן, פֿאַרפֿלאַנצן דיך און פֿאָדערן
דעם אָטעם לופֿט, וואָס זאָל אַ היים פֿאַר דיר, מיין וואָרט, זיין.

1945

דער וואַלקן

ס׳איז מיר אַזוי גוט צו טראַכטן וועגן דיר,
ס׳איז מיר אַזוי ליב אויף דיר זיך ריכטן,
מיר דאַכט, איך וואָלט איצט אַלע קרומקייטן פאַררוכטן
און שטרענג באַטראַכטן יעדן קער און ריר.

דער וואָלקן, וואָס פון טונקלקייט הויבט אָן זיין לעבן
און וואַגלענדיק בלייבט יונג, און בלאָנדזשענדיק ווערט אַלט,
ווען ער פאַרשלינגט דעם מולד און אין זיך באַהאַלט
אינאיינעם מיטן וואָך־שטערן, וואָס ברענט דערנעבן.

ווער ווייסט דעם וואָלקן חושד זיין אין דעם,
אַז ליב איז אים צו האַלטן זיי אַ נאַכט אין קלעם?
אַ קינד אין וויג, מיר דאַכט, עס ווייסט:
דאָס זוכט דער וואָלקן זיך ביינאַכט אַ טרייסט.

ווייל ווי די טונקלקייט זאָל אים ניט וויכטיק זיין,
ער וויל, אַז ערגעץ טיף אין אים זאָל ליכטיק זיין, —
איז ווער ווייסט זאָגן מיר: דו טוסט ניט רעכט.
איך זוך דאָס אויך, ווי ער, אַ טרייסט זיך אין די נעכט.

אַט דער שטערן איז מיר טייער

אַט דער שטערן איז מיר טייער
פאַר דער ריינקייט פון זיין פייער,
פאַר זיין קומען צווישן הונדערט,
פאַר זיין לייכטן זיך באַזונדער,
און דערפאַר, וואָס נאָר זיין שיין
אין איין טראָפּן שליסט ער איין.

אַט דער שטערן איז מיר טייער,
ווייל עס צווייט זיך ניט זיין פייער,
ווען ער שענקט זיין ליכט דעם וואַסער, —
ס׳ווערט ניט טונקעלער, ניט בלאַסער
אויפן לאַנגן גאָלד׳נעם וועג:
פון דער הויך און ביזן דעק.

אַט דער שטערן איז מיר טייער,
ווייל זיין גרויס איז אומגעהייער,
ווייל פאַר אים אַ מאָס געפין איך,
ווייל זיין ליכט אין זיך פאַרשפין איך,

און דערפאַר, וואָס ער געהערט
אי דעם הימל, אי דער ערד.

1936

***

דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע וועלט:
ווער עס ווײנט און ווער עס קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זײַט פֿאַרשטעלט
מיט זילבער־פֿאַרב, וואָס האָט די ווערט
אַ גראָשן געלט צי עטוואָס מער, —
פֿאַרשווינדט פֿון אויג די גאַנצע ערד,
פֿון ריינעם גלאָז אַ שפּיגל ווערט.
און ווי דער שפּיגל זאָל זײַן ריין —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אַליין.

1933

דער נסתר

העשל אַנשעלעס

העשל אַנשעלעס איז געווען גרויס באַוואוסט ביי דער אינטעליגענץ פון שטאָט — ביי זשורנאַליסטן, ליטעראַטן אאַ. מ׳פלעג צו אים אָפט קומען פרעגן מבינות שוין אויף פאַרטיגע מלאכה, און ווען מ׳האָט פירגענומען אַן אַרבעט, וועלכע האָט געפאָדערט גענוי וויסן אין אַ געוויסן געביט, אין וועלכן מ׳האָט אַליין אונטערגעהונקען, פלעג מען ביי אים פאַרויס שעפּן ידיעות, ווי אין אַ הילף־בוך, אין אַן ענציקלאָפּעדיע.

ער איז געווען פיל באַלאַדן כאָטש נאָך יונג פון אַ יאָר פינף־זעקס און צוואַנציק, אָבער שוין אַזוי ווייט באַלערנט און באַלעזן, אַז ער האָט אויסגעזען אויך אַביסל איבערגעלאַדן. דער קאָפּ, ביים קאַרק, עטוואָס אַראָפּגעבויגן, דאָס פּנים מער אָפּגעצויגענער און בלאַסער ווי ס׳פּאַסט אַפילו פאַר אַזאַ, וואָס פאַרנעמט זיך בלויז מיט לערן־זאַכן, די האָר פון קאָפּ שוין היפּש שיטערלעך, די שלייפן איינגעפאַלן און די הויט פון די הענט אַזוי דין און דורכזיכטיק, ווי דאָס לייב פון אַ יונג עופהלע, ווען מ׳בלאָזט דעם צווישן די פעדערלעך.

מ׳דאַרף זאָגן, אַז אַ שטיק שווערע ירושה האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט. ערשטנס, זיין מוטער, וואָס נאָך ליגנדיק מיט אים אין קימפּעט, האָט מען באַמערקט, ווי ס׳איז אויף איר פּלוצלונג אָנגעפאַלן אַ שוויגעניש און זי האָט אויפגעהערט ענטפערן אויף די ווינטשעניש, אויף די מזל־טובס, וואָס אייגענע און באַקאַנטע זיינען נאָענט מיט זיי צו איר בעט אונטערגעקומען. זי האָט זיך גלייכגילטיק באַצויגן צום קינד, צום זויגלינג, ניט ווי אַנדערע מוטערס. האָט מען איר צוגעבראַכט דאָס קינד צום בעט צום אָנזויגן, האָט זי דעם די ברוסט געגעבן, ניט—ניט. אַליין האָט זי זיך ניט דערמאָנט און אָפט פלעג זי אַפילו בשעתן זויגן אַליין אין דעם פאַרגעסן און זיך עפּעס ווילד פאַרטראַכטן.

דאָס שוויגן האָט אויך נאָכן קימפּעט פון איר ניט אָפּגעלאָזט. פאַרקערט, האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט און דערגרייכט אַזאַ מאָס־מדרגה, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן מורא האָבן איר דאָס קינד צו פאַרטרויען, זי זאָל זיך אַמאָל אַזוי ניט פאַרגעסן, אַז זי זאָל דאָס גאָר פון די הענט אַרויסלאָזן.

אַ סברה, אַז איינמאָל האָט דאָס טאַקע מיט איר געטראָפן, און דעמלט האָט מען זיך גענומען עצהן מיט דאָקטוירים, און אַז יענע האָבן זי גוט באַטראַכט און עטלעכע מאָל איינער מיטן אַנדערן אויף קאָנסיליומס זיך דורכגעשמועסט, אַזוי זיינען זיי צום אויספיר געקומען, אַז דאָס קינד דאַרף מען ביי איר אַוועקנעמען, ווייל אין אַזאַ שטאַנד איז זי ניט פייאיק אירע מוטער־פליכטן אויסצופילן און אַז זי אַליין דאַרף מען אָפּגעבן אין אַ געהעריקן שפּיטאָל צום היילן.

אַזוי האָט מען געטאָן, און ס׳איז ניט אַוועק קיין סך צייט, אַז איר לאַגע האָט זיך פאַרערגערט, זי איז אַלץ מער אין זיך פאַרזונקען, זיך אָפּגעזאָגט פון עסן,

טרינקען און ניט דערלאָזט מ׳זאָל זי אַפּילו מיט גוואַלד האָדעווען. און דער סוף איז געווען גאָר אַ שלעכטער. אין איינעם אַ טאָג, ווען די שפּיטאָל־באַדינער האָבן ניט באַמערקט און פון איר אָוועקגעקוקט, האָט זי געקראָגן עפּעס אַ שאַרפע זאַך, אַ מעסער צי אַ גאָפּל, מיט וועלכן זי האָט זיך געפּרוּווט דעם האַלדז שטעכן. און אַז מ׳האָט זי יענעם מאָל אָפּגעראַטעוועט און איר אויסגעהיילט די וואונד, האָט זי זיך פּאַרטאַיעט אויף אַ צייט און כּלומרשט ניט געוואָלט קיין שאַרפע זאַכן אין די הענט נעמען און אַפּילו אויף זיי ניט קוקן, ביז אַ צווייטער גינסטיקער פאַל האָט זיך איר געמאַכט, און דאָס מאָל האָט זי מיט זיך ענדגילטיק פאַרענדיקט: זי האָט זיך דעם האַלדז ביז טיף און אויף טויט דורכגעשניטן.

דאָס — די מוטער. דער פאָטער, וואָס האָט, זעט אויס, זי שטאַרק ליב געהאַט, האָט זיך די זאַך אַזוי שטאַרק צום האַרצן גענומען, אַז ער האָט געהאַלטן אויך זיין לעבן פאַר פאַרענדיקט. ער איז אומגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט צעמישט — זיך ניט געלאָזט טרייסטן, ניט אויסריידן... און ווען, ווי דער שטייגער, האָבן שפּעטער צו אים אין שטוב זיך גענומען אַריינשטעלן שדכנים מיט פאַרשיידענע פאַרשלאָגן, ווי מ׳קומט אַלעמאָל צו אַ יונגן אַלמן, האָט ער ניט נאָר זיי ניט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף, נאָר שוין ביי די ערשטע ווערטער אויף זיי אָנגעשריען און זיי פּשוט דורכגעטריבן. די שדכנים האָבן צוערשט בלויז מיט די אַקסלען אָוועקגעמאַכט, מיינענדיק, אַז ס׳איז צייטווייליק, ווייל דער צער איז נאָך פריש; אָבער אַז זיי האָבן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל געפּרוּווט אַריינקומען, און יענער האָט ווידער און נאָך מיט מער בייזער זיך צעשריען, האָבן זיי געזען, אַז ס׳איז ערנסט, ס׳איז ניט געמאַכט און ניט בלויז לפּנים, און זיי האָבן אָנגעהויבן זשאַלעווען שיך און מער זיך צו אים ניט געוויזן.

ער, דער פאָטער, האָט זיך אויך פון געשעפט אָפּגעוואָרפן. שטאַמענדיק אַליין פון פיינע עלטערן, וועלכע האָבן אים באַזאָרגט מיט היפּש נדן סיי פון זייער צד, סיי אויך פון כּלהס צד, און וואָס דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, ער זאָל באַלד נאָך דער חתונה זיך אַ נעם טאָן צום גרויס־האַנדל, מיט אויסזיכטן אויף גאָר גרויסע רווחים, ווי ס׳טוען אַלע רייכע זיינגלייכן נאָך דער חתונה, האָט איצט, נאָך דעם, ווי דער אומגליק האָט אים געטראָפן, זיך באַזייטיקט און אַרויסגענומען פון דעם... ער איז געוואָרן היימזיצער און ניט געוואָלט אויסהערן קיין מוסר ניט פון זיינע עלטערן און ניט אויך פון אַנדערע אייגענע, אַז — „וואָס ?... ס׳טרעפט... ער איז נאָך יונג, מדאַרף זיך זען אין די הענט נעמען“... זיך ניט געלאָזט. ער האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם קינד, וועלכן ער האָט אַ מוטער פאַרביטן. און וואָס געהער געשעפט און שטוב־באַלעבאַטישקייט, האָט ער זיך פאַרלאָזט, ערשטנס, אויף זיין משרת, אויף איינעם, דעמלט נאָך אַ יונגן פאַרשוין, מיטן נאָמען שמאי, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אויף געטריישאַפט, ווי אויך אויף דער אַם און אויף דער דינסט, וואָס איינע האָט מיטן קינד געהאַט צו טאָן, און די צווייטע — מיט דער שטוב.

די געשעפטן האָט ער ליקווידירט. און פאַרן צונויפגעזאַמלטן געלט פון באַלד דער ליקווידאַציע האָט ער זיך געקויפט אַ גרויס הויז אויף אַן אָנגעזעענער גאַס

אויף פרנסה, און אָנפירן מיטן הויז, אַכטונג געבן אויפן אויפמאָנען דירה־געלט, רעמאָנט א. אַ. — האָט גענומען אויף זיך זיין לייב־משרת שמאי, וואָס ער איז אים געווען אַ באַדינער, אי כמעט באַלעבאָס אויף אַלץ, ווייל קיין אייגן לעבן האָט ער ניט געהאַט און קיין אייגענע פאַמיליע האָט ער זיך ניט געדענקט איינ־צושאַפן. דאָס — דעמלט, ווען דער פאָטער נאָך יונג געווען און ווען דער אומ־גליק האָט אים געטראָפן. און איצט, ווען מיר דערציילן דאָ, איז ער שוין עלטער מיט אַריבער אַ פערטל יאָרהונדערט. ער גייט זיך אַרום שטענדיק אין כאַלאַט און אין די שטעקשיך אין שטוב. צו די געשעפטן האָט ער זיך אַלץ ניט אומגע־קערט, חתונה האָבן — אויך ניט. ער איז נאָך אַלץ באַלעבאָס פון יענעם גרויסן הויז אויף דער אָנגעזעענער גאַס, ווי אַמאָל. ער האַלט זיך נאָך אַלץ מיט זיין משרת שמאי, וועלכער האָט זיך, נאַטירלעך, אויך ווי דער באַלעבאָס געעל־טערט און וואָס האָט זיך אַזוי איינגעלעבט מיט יענעם, אַז ער טראָגט אויך די זעלבע קליידער, וואָס יענער, אַמאָל — וואָס פון יענעם פאַלט אַראָפּ, און אַמאָל אויך נייע, פון אַ מער ביליקערן שטאָף אָבער אין זעלבן שניט, וואָס דער באַלע־באָס, געניים. ער עסט מיט אים צוזאַמען, גייט מיט אים אינאיינעם אין באָד און אין פרייע שעהן שפילן זיי ביידע אַ שטילן שאָך באַשטענדיק.

אויך די שטוב האָט זיך מיט גאָרניט געענדערט. די פינף־צימער־וואוינונג אויפן צווייטן שטאָק פון אייגענעם הויז איז, ווי פריער, אויך איצט רייכלעך אויס־געשטאַט. אַביסל נאָר די ווייסלעכע מעבל אָפּגעבליאַקעוועט, אַביסל אויך די פאָרהאַנגען פון אַמאָל אָפּגעפאָרן אין פאַרבן. אָבער אַלץ איבעריקע—ווי געווען. און דאָס איינציקע, וואָס האָט יאָ עטוואָס געענדערט דאָס פּנים פון דער שטוב, איז דעם באַלעבאָס׳ אונטערגעוואַקסענער זון, וואָס צו זיין באַנוץ איז איצט אָפּגעג־געבן געוואָרן דעם באַלעבאָס׳ אַמאָליקער קאַבינעט, וועלכן ער, דער זון, האָט ביי אַלע פיר ווענט באַשטעלט מיט אָנגעגלאָזטע ביכער־שאַפעס ביז דער סטעליע אַרויף אויבן און וואָס אַהין קומען איצט אָפּט מיט באַזוך מענטשן, מיט וועלכע ניט דער באַלעבאָס און ניט אויך שמאי זיין משרת, פאַרגינען זיך ניט קיין מינדסטע קענטשאַפט צו פאַרפירן, האַלטנדיק זיך פון ווייטן און הנאה האָבנדיק פון זונס, העשלס, קענטשאַפט.

זיי קוקן מיט שטאָלץ און איבערנעמערישקייט, ווי אַזוי די באַזוכער טרעטן אַלעמאָל מיט דרך־ארץ העשלס שוועל אַריבער, דענקענדיק, אַפּנים, זיך צו דער־ווּיסן און צו קריגן ביי אים דאָס, וואָס ביי אַנדערע איז דאָס ניט צו דענקען... ס׳גרויסט זיך מיט זיין זון ניט נאָר דער פאָטער, בשעת ער זעט, ווי אַזוי די באַ־זוכער קלאַפּן אָן אין דער טיר פון זיין זון אײדל, נאָר אויך שמאי, וואָס אויך ביי אים איז העשל פאַר אַ שטיק זון פאַררעכנט און וואָס אַלעמאָל, ווען ער זעט דעם באַלעבאָס אין זיין איבערנעמערישער און עטוואָס באַרימערישער גדולה, האַלט ער אים אונטער און באַרעכטיקט אים זיין שטאָלץ מיט אַ זאָג־געבן דערביי: הע־שעניו, באַלעבאָס, איז קיין עין־הרע אַ מענטש, וואָס אַנדערע, משמעות, דאַרפן צו אים אָנקומען...

דאָס — פון איין זייט — נחת. פון דער אַנדערער זייט אָבער ערגערט זיי

זייער, ווען זיי באַמערקן, אַז העשל האַלט זיך אַלץ מער אַלטבחוריש אין דער פלייצע בויגן און אַז דאָס בלאַס אויסזען פון זיין פריער יוגנט אָן, מיט זיין על־טער, פון אים ניט אָפּגעלאָזט, זיך ניט אויסגענומען, נאָר פאַרקערט, זיך מער געשטאַרקט און אַזאַ שטענדיקער גאַסט אויף זיין פּנים געבליבן, אַז ווען דער פאָטער טוט אָפּט פאַרשטעלטערהייט אַ קוק אויף העשלען, אַזוי דערזעט ער מיט דערשרעק די גוואַלדיקע ענלעכקייט פון אים צו זיין מוטער, ווען זי איז מיט אים אין קימפּעט געלעגן און ווען די געוויסע טרויעריקע שווייגעניש איז זי באַ־פאַלן.

דאָס האָט דעם פאָטער און שמאַין פיל אַנגסטן פאַרשאַפט. זיי האָבן זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואָס העשל איז אַ היים־זיצער און אַ גרויס־געלערנטער. און פאַר אַזאַ איז אייגנטלעך און ס׳פּאַסט זיך אויך אין קערפּער עטוואָס אָפּגע־שטאַנען צו זיין און אין געזונט געמינערט... און ניש־קשה — האָבן זיי זיך גע־זאָגט, — ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען העשל וועט מער מיט דער וועלט אין באַריר קומען און דעמלט וועט זיך אים אויך זיין געזונט ענדערן צום מער געוואונטשענעם. — האַ, ווי מיינט איר, שמאַי ? — פלעג דער באַלעבאָס, ווען זיין זאָרג וועגן זיין זון פלעג אים באַפאַלן, צו זיין באַדינער זיך ווענדן און ביי אים אַ פרעג טאָן.

— יאָ, באַלעבאָס, — פלעג יענער דעם באַלעבאָס אונטערהאַלטן און אים שטיצן אין זיין טרייסט. אָבערביידע פלעגן דאָך ביי זייער ניט־אַרויסגערעדטער און שטיל־אויפגעהאַלטענער מרה־שחורה בלייבן, און באַזונדערס דער באַלעבאָס, ווען מען ס׳איז שוין אַ שטיק צייט גאָר אַ שווערער שטיין אויפן האַרצן געלעגן, טראַכטנדיק וועגן גורל פון זיין זון.

דאָס איז פון דעמלט, ווען העשל איז איינמאָל עפּעס קראַנק געוואָרן און אַ דאָקטער האָט אים באַזוכט. און ווען דער דאָקטער האָט אים אָפּבאַטראַכט, האָט ער זיך פּלוצים געכומען דערפרעגן וועגן זיין מוטער, פון וואָס זי איז געשטאָרבן, און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, האָט ער נאָכאַמאָל אַ גאַר־גאָר באַאַבאַכטנדיקן בליק געוואָרפן אויף העשלען. און בשעת דער פאָטער האָט אים פון דער טיר און פון דער שוועל אַראָפּבאַגלייט און ווידער און נאָכאַמאָל וועגן זונס איצטי־קער קרענק זיך געהאַלטן אין דערפרעגן, אַזוי האָט אים דער דאָקטער דעמלט אַ זאָג געטאָן : — דאָס איצטיקע איז גאָרניט. ס׳וועט פאַריבערגיין, נאָר דער עיקר וואָלט מען דעם זון באַדאַרפט זען היטן פון דערשיטערונג.

— וואָס הייסט ? — האָט דער פאָטער אַ פרעג געטאָן, וועלנדיק אויפקלערן און זיך דערוויסן דעם גענויעם מיין פון דאָקטערס ווערטער.

— דאָס הייסט קיינע איבעראַשונגען, קיין דערשרעק, פון וועלכן מ׳פאַר־לירט זיך אַמאָל און מ׳קאָן דערנאָך שווער צו זיך קומען.

דער פאָטער האָט דאָס פאַרגעדענקט און פלעג אָפּט ניט שלאָפן פאַר מרה־שחורה, און אַלעמאָל פלעג ער וועלן מיט העשלען וועגן דעם איבעררעדן, אַז יענער, העשל, הייסט עס, זאָל זיך זען היטן, מחמת דער דאָקטער האָט דעמלט און דעמלט דערפאַר און דערפאַר געוואָרנט, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, ווי־

אַזוי צוצוטרעטן צו העשלען מיט אַזוינע רייד. ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבן און צי וועט אים יענער, העשל, גאָר פאַרשטיין. און העשל אַליין האָט, ווייזט אויס, ניט פאַרשטאַנען, און דאָס איז שוין פאַר העשלען גאָר ניט גוט געווען — אַ סימן, אַז ער ווייסט ניט, וואו ער האַלט, ווייסט ניט, וואָס ס׳ליגט און וואַרט ביי זיין שוועל אויף אים, און אויב אַזוי, קאָן אים דער אומגליק טרעפן אומגע־ריכט, ווען אַ געוויסע סיבה זאָל דאָ אויפקומען און זיך ווייזן — אַזאַ, וואָס איז מסוגל אַרויסצואַרופן ביי אַזוינע, ווי ער, אַן אומגליק.

יאָ, נאָר דערווייל אָבער האָבן זיך קיינע סיבות ניט געמאַכט. דערווייל איז העשלס לעבן ביי זיין פאָטער אין הויז געפלאָסן, ווי געוויינלעך, אין די אָמאָ־ליקע דורכגעלייגטע ברעגעס, אָן ענדערונג. צו דעם פאָטער, וואָס איז פאַרבליבן אַן אַלמן, און צו שמאַי, וואָס איז אַ בחור פאַרזעסן, איז מיט העשלס אונטער־וואַקסן צוגעקומען נאָך איינער, וואָס לויט אַלע סימנים וועט אויך ער פאַרזיצן — מיטן איינעם חילוק נאָר, וואָס העשל האָט זיך פאַרקנסט צו זיין קאַבינעט, וואָס דער פאָטער האָט אים צו זיין באַנוצן אָפּגעטראָטן און וואָס ער, העשל, האָט אים באַשטעלט מיט הויך־אָנגעגלאָזטע ביכער־שאַפּעס אַרום אַלע פיר ווענט ביז דער סטעליע אַרויף אויבן, און וואָס אַלעמאָל האָט מען אים דאָרט געקאָנט טרעפן ביים לייענען אַ בוך — אַמאָל אַן אַלטן, וואָס די בלעטער זיינען פאַרגעלט און שמעקן מיט צייט־עלטערלעכן שימל, און אַמאָל אַ נייעם, אַן ערשט־צעשניטענעם, פון וועלכן די פאַרב פון דרוק און פון פריש פאַפּיר פילט זיך אַרויס.

העשל וואַלט, עלטער ווערנדיק ווי זיין פאָטער, שוין גאַנצע טעג אין כאַלאַט און אין שטעקשיך אומגיין, און צום שטילן שאַך, וואָס דער פאָטער האָט אָפט געשפּילט מיט שמאַין, וואָלט אַ דריטער — העשל, צוגעקומען, וואָס וואָלט אַמאָל געשטאַנען הינטער די פּלייצעס פון איינעם אַ שפּילער, און אַמאָל הינטער די פּלייצעס פון אַ צווייטן, זיך ניט אַריינמישנדיק און קיינמאָל קיינעם אפילו קיין עצה ניט געבנדיק.

מעגלעך, אַז ווען ס׳טרעפט מער ווייטער גאָרניט, וואָלט ער, אויף אַזאַ אופן, אויך זיין שווער שטיקל ירושה איבערגעקומען און דאָס מעגלעך־קרענקלעכע אין אים וואָלט אַזוי איינגעשלאָפן, ניט האָבנדיק קיין סיבה צום אויפוואַכן, ווי די זוימען פון געוויקסן אַמאָל, ווען זיי האָבן ניט די געהעריקע באַדינגונגען — באָדן, זון און פייכטקייט, צו זייער וואוקס.

אָבער מיטאַמאָל האָט יאָ עפּעס געטראָפן — און דאָס איז די מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין 1939 און ביי וועלכער מיר אַלע און די גאַנצע וועלט זיינען איצט עדות.

2

אַז דאָס פּאָשיסטישע חיל איז אַריין אין שטאָט, וואו העשל אָנשעלעס האָט געוואוינט, איז איידער זייער מאַכט האָט איינגעפירט די נייע אָרדענונג, איידער זי האָט באַוויזן די אידן פון זייערע הייזער אַרויסצוזעצן און זיי באַפוילן איבער־פּאָרן אין יענע ערטער, וואָס זי האָט באַשטימט פאַר זיי — אין די געטאָ־קוואַר־טאַלן, — האָט זי דערווייל צעשיקט קוואַרטירירן איבער דער שטאָט, אויסצוגע־

פינען וואוינונגען פאַר אירע מיליטערישע און ציווילע פאָרשטייער, פאַר אָפיצערן, באַאַמטע א. אַ. — ניט אויסגעשלאָסן אויך אין די יידישע וואוינונגען.

אַז מ׳איז צוגעקומען צו העשלס פאָטערס הויז, וואָס אויף דער אַנגעזעענער גאַס, האָט איינער אַ שכן, צי מיט אַ בייזן מיין, צי ניט מיט קיין בייזן, אַ וויִז געטאָן אויפן באַלעבאָס׳ וואוינונג אַליין, ווי אויפן סאַמע באַקוועמסטן און פאַר־סיקסטן פאַר אַזוינע לייט, ווען מ׳דענקט דאָ איינצוקוואַרטירן.

העשלס פאָטערס וואוינונג איז געפעלן. און באַלד טאַקע האָט זיך אויף דער פּאַראַד־טיר, אין אונטערשטן שטאָק, איינער אַן אָפיצער באַוויזן, שוין מיט גע־פעק, גרייט צו פאַרנעמען, וואָס מ׳וועט אים אָנווייזן. אַ ווײַלע נאָך האָט ער דאָס געפעק אונטן געלאָזט, אַז דער סטרוזש, אָדער אַנדערע, זאָלן דערויף אַכטונג געבן, און אַליין האָט ער אַרויף אויבן געשטייגט, אין צווייטן שטאָק, זען, וואָס מ׳האָט פאַר אים אויסגעפונען.

די וואוינונג איז אים געפעלן. באַזונדערס העשלס קאַבינעט, וואו ער האָט געדענקט זיך באַזעצן. און באַלד האָט ער אַ באַפויל געגעבן, אַז אַליין די באַלע־באַטים זאָלן מיט אים אַראָפּ אונטן גיין, אים העלפן דאָס געפעק אַרויפברענגען.

ס׳האָט זיך, נאַטירלעך, באַלד געוואָלט לאָזן די דינסט. אָבער דער אָפיצער, דער קוואַרטיראַנט, האָט מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט: ניין, די דינסט דאַרף ער ניט. — איך, — איז שמאי דער משרת אונטערגעשפּרונגען, זיך גלייך אויס־געשטעלט און געוואָלט די דינסט פאַרבייטן. — ניין, אויך דיך ניט, — האָט דער אָפיצער אויך שמאיס ווילן און באַדין־גרייטקייט אָפּגעוואָרפן און ניט דערלאָזט. דעמלט האָט זיך אַרויסגערופן דער באַלעבאָס אַליין, העשלס פאָטער, מיטן אָפי־צער אַראָפּצוגיין, אָבער אויך אים האָט יענער מיט אַ האַנט באַזייטיקט: ניין, דער, — האָט ער געזאָגט אָנווייזנדיק אויף העשלען, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ זייט, עטוואָס מער בלאַס ווי אַלעמאָל, צוזעענדיק דעם אָפיצערס קאָמאַנדע און ניט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס אַלעמען האָט ער אָפּגעוואָרפן און אים, בלויז אים, האָט ער אויסדערווײַלט צו אָט דער טראָג־מלאכה.

— פאַניע... הער אָפיצער... — האָט זיך דערווײַל העשלס פאָטער צום אָפי־צער מיט תחנונים געווענדט, — ס׳איז מיין איינציקער זון. ווי ער זעט, דער הער אָפיצער פון די ביכער אין זיין קאַבינעט — אַ געלערנטער, — און דערצו, ווי ער זעט אויך, אַ שוואַכער אין געזונט. און צו וואָס גראָד דער זון, ווען אַלע אַנ־דערע זיינען גרייט דעם הער אָפיצער באַדינען און אים די געפעליקייט טאָן מיט גרויס פאַרגעניגן.

— אַך אַזוי, אַ געלערנטער? — האָט דער אָפיצער אַ קוק געטאָן אויף העש־לען, ווי אויף אַ וואַנץ אָדער אַנדער נישטיקייט, — נישקשה, זאָל ער זיך צוגע־וואוינען. ער וועט זיך געוואוינען נאָך צו ערגערס.

— שנעל! — האָט ער אַ באַפויל געטאָן, ווי צו אַ ליאַדע שיק־ייִנגל, צו העשלען און מיט אַ האַנט אים אָנגעוויזן, ער זאָל גיין פאָרויס, אַראָפּ אונטן, אָן טענות.

ס׳האָט, נאַטירלעך, ניט געהאָלפן. ס׳האָבן זיך בלויז נאָך דעם, ווי העשל

מיטן אָפּיצער האָבן זיך פון דער טיר אַרויסגעלאָזט, אויך אַלע איבעריקע אין שטוב, ווי גולמער, זיי זיך נאָכגעלאָזט — סיי דער פּאָטער, סיי שמאַי דער משרת, סיי אויך די דינסט, פון הינטן גייענדיק — ניט דערפאַר, האָט מען געזען, וואָס זיי ווילן דאָרט צוניץ קומען און מיט עפּעס העשלען קאָנען העלפן, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל אַ ברידערלעכער כוח האָט זיי אונטערגעטריבן און זייערע פיס גע־מאַכט שפּאַנען.

דער אָפּיצער האָט, אַראָפּקומענדיק, העשלען אויף דעם געפּעק אָנגעוויזן. דאָס זיינען געווען צוויי טשעמאָדאַנעס. איינער אַ גרעסערער און מער שווערער, און דער צווייטער אַ מער לייכטער. העשל האָט זיך אָנגעבויגן און געוואָלט בײדע אין בײדע הענט בעמען, נאָר דאָ האָט דער אָפּיצער אַ באַפעל געטאָן: — ניין! דעם — האָט ער אויף דעם שווערערן אָנגעוויזן — אין די הענט, און יענעם, דעם לייכטערן — מיט די ציין.

— וואָס? — האָט העשל, שוין אַ שטיק פריטשמעליעטער פון פריער, איצט, די לעצטע ווערטער דערהערנדיק, אויפן אָפּיצער אַ קוק געטאָן, ניט פאַרשטייענ־דיק וואָס יענער מיינט, און מיינענדיק, אַז ער האָט ניט גוט געהערט.

— יאָ, ייד... דעם — מיט די ציין.

אַ ווײַלע זיינען אַלע בײַזוועזנדיקע ווי פאַרגליווערט געוואָרן. דער פּאָטער האָט זיך באַלד פון אָרט געוואָלט אַ לאָז טאָן, דעם אָפּיצער צו די פיס צופאַלן, ביי אים אויסבעטן, ער זאָל צוריקנעמען זיין באַפעל. אויך שמאַי האָט, דוכט זיך, געוואָלט טאָן דאָס זעלבע. דאָס זעלבע — אויך די דינסט. אָבער דעמלט האָט דער אָפּיצער אַזאַ געשריי געטאָן „שנעלער״!, ווענדנדיק זיך צו העשלען, אַז יע־נע אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיינע תחנונים און צו דער ערד פאַלן וועלן דאָ ניט העלפן, און אַז ווער ס'האָט אויגן און קאָן צוקוקן, וואָס דאָ ווייטער דאַרף פאָרקומען, זאָל ער קוקן. און ווער ס'איז דאָס ניט אימשטאַנד, דער זאָל דעם קאָפּ אָפּקערעווען און אַוועקקוקן.

העשל אַליין האָט גאָרניט ניט געזאָגט. ניט קוקנדיק ניט אויפן פּאָטער און ניט אויפן באַדינער, וועלכע האָבן האַלב טויט אויסגעזען, און אויך ניט אויף דער דינסט, וואָס האָט זיך מיטן פאַרטעך די טרערן געווישט, האָט ער זיך צום געפּעק אָנגעבויגן, דעם שווערערן טשעמאָדאַן מיט דער האַנט גענומען און צום צווייטן, באַין ברירה, מיטן פּנים זיך דערנענטערט... אַ ווײַלע נאָך האָט מען געזען, ווי דער רוקן קווענקלט זיך אים, זיך אַראָפּ און אַרויפהייבנדיק, נאָר באַלד האָט זיך אויך זיין רוקן אויפגעהערט קווענקלען... אָבער ווי די יאָרן... אָנגע־בויגן צום געפּעק האָט זיך איינער אַ מענטש מיטן נאָמען העשל, און אויפגע־שטעלט, דעם טשעמאָדאַן שוין אין די ציין טראָגנדיק, האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אַנדערער, אַ צווייטער שוין, קאָן מען זאָגן, ניט קיין מענטש, אַלנפאַלס ניט ער.

ווער ס'וואָלט דעמלט אויף העשלען אַ מער אויפמערקזאַמען קוק געטאָן, וואָלט געזען, ווי מיטאַמאָל האָט זיך אים דער בליק געענדערט. זיינע אויגן, אַלעמאָל פון עטוואָס גרוילעכן קאָליר, זיינען איצט ווי גאָר ווייס געוואָרן, גלייך דער מאַ־מעס מילך וואָלט אים אין זיי געקומען... ער האָט, אַזוי גייענדיק, אין איין האַנט

דעם שווערן טשעמאָדאַן געטראָגן און דעם צווייטן, דעם גרינגערן, אין די ציין. אַ שטילע לוויה פון אָפּיצער און פון די אייגענע איז אים נאָכגעגאַנגען. דער אָפּי־צער, וואָס איז, ווייזט אויס, געוואוינט געווען צו אַזוינס, און אויך, ווי ס׳ווייזט אויס, ניט אַזאַ, וואָס זאָל זיך מאַכן מחשבות און פּייניק זיין אָפּצומעסטן די גרייס פון דער דערנידערונג און באַליידיקונג, וואָס ער דערלאַנגט אַ מענטשן, צוויב־גענדיק אים צו אַזאַ סאָרט דינסט — איז נאָכגעגאַנגען, ווי מ׳גייט נאָך אַ גע־ווײַנלעכן געפּעק־טרעגער, וועלכער טראָגט דיר אָפּ אויף געוויינלעכן אופן דיין געפּעק — קאַלט, גלייכגילטיק, גלייך ס׳געשעט גאָרניט. און העשלס אייגענע, דער פאָטער, שמאי דער באַדינער און די דינסט, וואָס האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט אין איין ווישן זיך די טרערן מיטן פאַרטעך, זיינען נאָכגעגאַנגען, ווי מ׳גייט נאָך אַ מת, ווען קיין ווערטער אין מויל זיינען ניטאָ, ווען דער בראָך איז דיר אַזוי גרויס, אַז דו ווייסט ניט, צי דער קאָפּ איז דיינער און צי דיינע אייגענע פיס גאָר טראָגן דיך.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָך געווען גאָרניט אַנטקעגן דעם, וואָס שפּעטער, ווען מ׳איז אין שטוב אַריינגעקומען און העשלען ביז אין זיין קאַבינעט אַריינבאַגלייט, איז געשען. אַריינקומענדיק אין קאַבינעט, איז העשל מיטן געפּעק שטיין גע־בליבן, ווי ניט האָבנדיק קיין כח אָדער קיין ווילן אים אַרויסצולאָזן, און אַז דער אָפּיצער האָט זיך אָן ווערטער צו אים אַ ווענד געטאָן: — נו, — דאָס הייסט, לאָז אַראָפּ, — איז ער ווייטער אַזוי געשטאַנען.

די דינסט האָט דעמלט צו אים אַ גיי געטאָן און דעם שווערן פּאַק פון די הענט אַרויסגענומען, און דער צווייטער, וועלכן ער האָט אין מויל געהאַט, איז אים אויך ווייטער געבליבן אין מויל, ביז די דינסט איז ווידער צו אים ניט צו און אויך דעם צווייטן ביי אים אַוועקגענומען. העשל איז אָבער אויך ווייטער מיט אַן אָפן מויל געשטאַנען — אָפן אויף אַזויפיל, אויף וויפיל דאָס הענטל פון טשע־מאָדאַן האָט פריער ביי אים אין מויל פּלאַץ פאַרנומען.

— מיין זון — האָט דער פאָטער, דערזעענדיק זיין פאַרגליווערטן אומגליק פאַר די אויגן, צו העשלען אַ גיי געבנדיק, אויסגעשריען. באַלד אָבער האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט, אַ קוק געבנדיק אויפן אָפּיצער, וועלכער האָט זיך שוין אין קאַבינעט באַלעבאָס געפילט און זיך געוואָלט נעמען צו זיין באַלעבאַטישקייט, זיך מאַכן באַקוועמלעך, און אָט די פרעמדע מענטשן, דאָס מיינט מען, דער באַלע־באָס, זיין זון און די איבעריקע, האָבן אים געשטערט.

— העשעניו! — האָט אויך דער געטרייער משרת צום באַלעבאָס׳ זון אַ גיי געטאָן, אים ווילנדיק דערוועקן און צו זיין פריערדיקן שטאַנד אים אומקערן.

— מאַרש! — האָט אַ געשריי געטאָן דער אָפּיצער, און העשל האָט זיך ווײַ־טער פון אָרט ניט גערירט און דעם אָפּיצערס אויסגעשריי האָט אויף אים קיין איינדרוק ניט געמאַכט, ער זאָל אים ווען אויספּאָלגן. ער איז אויך ווייטער אַזוי געשטאַנען מיטן געעפנטן מויל פאַרגליווערט, ביז דער באַלעבאָס און דער משרת האָבן, וויינענדיק, זיך איצט צו זיינע ביידע זייטן אַוועקגעשטעלט, אים פאַר די הענט אָנגענומען און אים אַרויסגעפירט פון קאַבינעט.

— ווי דעם טאַטן! — האָט העשלס פאָטער, אַריינפירנדיק העשלען אין צווייטן צימער און זעענדיק, אַז יענער, העשל, בלייבט אויך דאָ, ווי דאָרט, אינעם ערשטן, אין קאַבינעט, אַ שווייגנדיקער און מיט אַן אָפענעם מויל שטיין, אויס־געשריגן:

העשעניו, וואָס איז מיט דיר? — האָט דער משרת, דעם באַלעבאָס אונטער־העלפנדיק, זיך צעווײנט און איז גלייך נאָך אַ דאָקטער אַוועקגעלאָפן.

ער האָט געבראַכט אַ הימישן — אַזאַ, וואָס פלעג אַלעמאָל דאָס הויז באַזוכן. יענער האָט באַטראַכט, געקוקט און אַ שווייגנדיקע אומבאַהאָלפנקייט האָט זיך אויף זיין פּנים אָנגערוקט, ווייל העשל איז שוין ניט געווען העשל און דער דאָק־טער האָט שוין ניט געהאַט מיט וואָס זיינע אייגענע צו טרייסטן.

— אויס!... פון דעמלט אָן האָט שוין העשל ניט געוואוסט, וואָס אַרום אים טוט זיך. ניט געוואוסט, אַז אין אַ שייַנעם טאָג, באַלד נאָך דעם, ווי דער אָפּי־צער האָט זיך צו זיין פאָטער אין וואוינונג אַריבערגעצויגן, איז געקומען אַ באַ־פעל, אַז זיי, די אייגנטימער פון הויז, דאַרפן זיך פון דאָרט אַרויסציִען. מ'האָט עס געטאָן און מ'איז גאָר אין אַ געמיינער דירה, ערגעץ אין אַ פינצטערלעכן, אָפּ־געלעגענעם קוואַרטאַל, אַנגעקומען.

העשל האָט אויך ניט געוואוסט, אַז ער האַלט די גאַנצע צייט דאָס מויל אָפן, און אַז דער פאָטער אָדער שמאַי דער באַדינער האָדעווען אים, ווי מ'האָדעוועט אַ קינד אָדער אַ ציטערנדיקן זקן, וואָס נויטיקט זיך אין אַ צווייטנס הילף. ער האָט ניט באַמערקט, ווי מ'פירט אים שפּאַצירן אין יענעם קוואַרטאַל, וואוהין פיל, ווי זיי, זיינען איבערגעקומען אויסגעליידיקטע, אָן געלט, אָן אויסשטאַטונג און באַנומענע ביז די מלבושים; אָבער דאָך איז דער אומגליק פון זיין פאָטער פיל גרעסער ווי ביי אַנדערע, און יעדעס מאָל, ווען מ'האָט געזען דעם פאָטער אָדער זיין משרת פירן אים, העשלען, אויפן שפּאַציר, אַזוי פלעג מען זיך פאַר־האַלטן, קוקן, ווי יענער, העשל, האַלט דאָס מויל אָפן, גלייך ווי ער איז מיט אָט־דעם פעלער אַזוי געבוירן.

— ווי די יאָרן, — האָט מען אים באַדויערט, — אויף וואָס מ'איז איבער־געקומען, אַז ווער ווער וועמען האָט דאָ באַדאַרפט דאָס געפעק טראָגן.

— און וויאַזוי...

אוודאי איז פאַר אַזאַ מענטש אַזאַ בזיון ניט צום אַריבערטראָגן.

— זאָל מען זיי שוין אַרויסטראָגן, — האָט מען זיך שטילערהייט אין פאָלק געוואונטשן, — אויפן אומריינעם אָרט, ווי קעץ און הינט און אַלע אַנדערע פּגירות.

העשל האָט ניט באַמערקט, ווי דער פאָטער איז פאַר אַ קורצער צייט איינ־געבויגן און געבראָכן געוואָרן, אַרויסגעיאָגט פון זיין הײם, אין דער פרעמדער, און דערצו נאָך מיט אַ קראַנקן זון אויף דער עלטער.

אויך שמאַי איז שטאַרק אַראָפּ. ער האָט נאָך דעם, ווי ער מיטן באַלעבאָס, מיטן זון, זיינען פון זיין איינגעזעסענער היים אַרויסגעריסן געוואָרן, ווי אַלע, אָן מיטלען, אָן מלבושים, און דערצו נאָך ווילד דערבידעריקט, מיטן ספּעציעלן שאַנד־צייכן — מיט דער געוויסער לאַטע, וואָס יידן האָבן, לויטן באַפעל, געמוזט

טראָגן אויפן אַרבל, אָדער אויפן רוקן, אָדער אויף בײדע; נאָכדעם, אַז שמאי דער משרת, וואָס איז צו זײן באַלעבאָס׳ שטוב שטאַרק צוגעבונדן געווען, ווי צו זײן אײגענער, האָט דערזען דעם באַלעבאָס אין אַזאַ צרה, האָט ער אויף זיך גע־נומען פירן די געמײנע געקירצטע באַלעבאַטישקײט, אויף וויפל דעם באַלעבאָס׳ לעצט־געבליבענע מזומנים האָבן אים געקלעקט. ער האָט אויך גענומען אויף זיך העשלען נאָכצוקוקן, ווען דער באַלעבאָס, מיד און פון דערשלאָגנקײט שוין אַפּט קרענקלעך, פלעג צו בעט ליגן.

שמאי איז אויך אַראָפּ. ער פלעג שוין אָפּט ווי אַן עובר־בטל רעדן צו זיך אַלײן, ניט הערנדיק, וואָס ער זאָגט, און אַמאָל פלעג ער, שפּאַצירנדיק מיט העש־לען, אַ רײד טאָן צו יענעם ווי צו אַ פאַרשטאַנדיקן. — אוי, העשעלע, — פלעג ער זאָגן, — וואָס דיך און אונדז האָט דאָ געטראָפן... גאָט דער דערבאַרעמדיקער וואָלט זיך שוין געמעגט אַרומקוקן.

העשל האָט דאָס אַלץ ניט באַנומען. ניט באַנומען אויך, ווען אײניקע זײנע אַמאָליקע באַקאַנטע און פאַרערער, וואָס אויך זײ האָבן זײערע הײמען אַנגעוואָרן, און אויך זײ האָבן, ווי העשל און העשלס משפּחה, אַהער, אינעם אַפּגעלעגענעם, פינצטערן קוואַרטאַל אַרײנגעטראָפן, — פלעגן אים באַזוכן און מיט גרויס באַ־דויערונג אים קומען געוואויר ווערן, און אַט די באַזוכער פלעגן פאַר אים אין פנים רעדן וועגן אים און זײן געזונט־צושטאַנד, ווי וועגן אַ פרעמדן, אַן זײן אַנטײל.

ס׳פלעג אים ניט אָנגײן, ניט אַרן... ער איז נאָך אַלץ געבליבן אין זעלבן שטאַנד, ווי באַלד נאָך דעם, ווען דער אומגליק האָט אים געטראָפן, ווען ער האָט אָפּגעטראָגן און געבראַכט דאָס געוויסע געפּעק, ווי אַ הונט טראָגט נאָך זײן באַ־לעבאָס אַ זאַך אין די צײן — מיט אַן אָפן מויל, און אײנגאַנצן ער, ווי ניט קײן היגער, מיט אַ פאַרגליווערטן בליק אין זײנע אַלעמאָל גרוי־קאָלירטע אויגן, וועל־כע האָבן איצט באַקומען די מראה, ווי בײ אַ זויג־קינד, ווען דער מאַמעס מילך קומט אין זײ.

אמת, זעלטן־זעלטן פלעג זיך אים דער בליק אויך ענדערן צום בעסערן, צום מער באַוואוסטזיניקן. אָבער באַלד איז ער אים גלאָזיק־שטײף געוואָרן און די מילכיקע צעשוואומענקײט האָט באַקומען אַזאַ דראָענדיקן אויסדרוק, אַז מ׳האָט זיך געקאָנט שרעקן, אַז אָט־אָט גײט ער איבער פון שטילשטאַנד צו אויפגערײ־סענער ווילדעניש, וואָס איז אויף אַלץ פײאיק.

דאָס איז פאָרגעקומען אַלעמאָל דעמלט, ווען שפּאַצירנדיק אין יענעם קוואַר־טאַל, וועלכער איז באַשטימט געווען פאַר אַ וואוין־אָרט בלויז פאַר יידן, פלעג ער באַגעגענען אַ מענטשן פון דער פרעמד־אָנגעקומענער מאַכט — אַ מיליטער־מאַן, אַן אָפיצער אין דער זעלבער קלײדונג און פון זעלבן קאַליר, וועלכע ס׳האָט געטראָגן יענער, וועלכער האָט מיט אים די געוויסע שפּיל אָפּגעשפּילט און וואָס נאָך איר האָט אים געטראָפן וואָס געטראָפן.

ווען ער פלעג אַזאַ אַ אין דער געוויסער אוניפאָרם באַגעגענען, אַזוי פלעג ער זיך פלוצים אַ שטעל טאָן, גלײך ער האָט עפּעס אין קערפּער אַרײנבאַקומען

אַזוינס, וואָס האָט אים שטרענג אַנגעשטאַלט. ער פלעג זיך פאַרהאַלטן און אָפּ־שטעלן אין מיטן גיין, און יעדעס מאָל האָט ער דעמלט יענעם אין דער האַנט געקוקט, צי טראָגט ניט יענער עפּעס אַ זאַך, וואָס באַלד וועט ער זי אים הייסן איבערנעמען און אים צוהעלפן טראָגן, און ניט נאָר אין דער האַנט, נאָר אין מויל, ווי דעמלט... העשל פלעג דעמלט דאָס מויל עטוואָס ברייטער עפענען.

דאָס האָט זיך געמאַכט זעלטן, ווייל יענע מיליטער־לייט האָבן דאָ, אינעם אָפּגעלעגענעם קוואַרטאַל, ניט צו טאָן געהאַט. דאָס אָרט, — אַ פאַרשריגנס, און מחמת דער ענגשאַפט, צונויפגעדריקטקייט און איבערפולקייט פון דער באַפעל־קערונג איז דאָ אויך ניט איבעריק ריין געווען, אַז יענע, אַז אַנגעזעענע מיליטער־לייט זאָלן אַהער קומען זייער ליידיקע צייט פאַרברענגען, אָדער ווען דאָרט אַמאָל שפּאַצירן גיין. און דאָך פלעג אַמאָל אַזאַ איינער יאָ אַהין פאַרבלאָנדזשען. און קומען אַהער פלעג ער קומען בלויז צוליב איין זאַך, בלויז צוליב איין ציל, צוליב רציחה, דאָס הייסט צוליב כאַפּן אַ קוק, ווי אַזוי זייער פיינע מאַכט האָט דאָ די פיינע מלאכה אָוועקגעלייגט, שאַפנדיק די קויטיקע אָרעמקייט פאַר די, וואָס זי האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויסער נאָרמע און פון יענער זייט פון יעדן אָרט געזעץ.

ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז העשל האָט איינמאָל, אַזוי שפּאַצירנדיק, פאַרטראָגן אין זיין קרענק, אין דער באַגלייטונג פון זיין אָפּגעקומענעם און דערשלאָגענעם פאָטער, אין דער באַגלייטונג אויך פון שאַמיי, וואָס איז ביי זיין צווייטער זייט געגאַנגען, — האָט זיך פלוצים אַנגעשלאָגן אויף אַ גרופּע מיליטער־לייט, אַ דריי־לינג, וואָס איז אים פון דער אַנטקעגנזייטיקער ריכטונג אין פּנים אַנגעקומען.

ס׳האָט זיך ווייטער געמאַכט, אַז איינער פון די מיליטער־לייט, געקליידט אין דער זעלבער גרינער אוניפאָרם, ווי אָט יענער, וועלכער האָט העשלען מיט זיין געפּעק טראָגן באַערט, האָט איצט אויך עפּעס געטראָגן, — ניט קיין גרויסע זאַך, וואָס ס׳זאָל אים שווער זיין, ווייל דעמלט וואָלט ער געוויס אינעם אַ קוואַר־טאַל־איינוואוינער „איינגעלאַדן“, ער זאָל דאָס אים נאָכטראָגן, ווי ס׳פירן זיך אַלעמאָל אַזוינע „לייט“ אין אַזוינע קוואַרטאַלן. ניין, ניט קיין שווערס, גאָר אַ געַ־ווינלעך האַנט־פּעקעלע.

און דאָ האָבן פלוצים העשלס פאָטער פון איין זייט, ווי אויך שמאַי, וואָס איז פון העשלס צווייטער זייט געגאַנגען, באַמערקט, ווי העשל האָט זיך מיט־אַמאָל אַ לאָז געטאָן צו יענע דריי אַנטקעגנדיקע; און איידער העשלס פאָטער און אויך שמאַי האָבן זיך באַוויזן אומצוקוקן, אַזוי איז העשל שוין צו צו יענעם, וועל־כער האָט דאָס פּעקעלע אין האַנט געטראָגן, זיך צו אים מיטן פּנים און מויל אַ בויג געטאָן, ווי וועלנדיק דאָס ביי יענעם אָוועקנעמען... און אַז יענער האָט זיך געוווּרט, זיך אויך אַביסל דערשראָקן, זעענדיק מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, און אויך אין כעס ווערנדיק, וואָס ער, אָט דער דולער, הייסט עס, האָט די העזה געהאַט אים גאָר אינמיטן וועג אָפּשטעלן און פאַרהאַלטן און זיין שפּאַציר אים שטערן, און ער האָט אים געוואָלט אָפּשטויסן, — אַזוי האָט מען פלוצים דערהערט אַ ווילד געשריי פון יענעם, ווי פון אַ מענטשן, וואָס מ׳וואָלט אים מיטאַמאָל הייסן פּעך אויפן קאָפּ אַ גאָס געטאָן; און איידער יענעמס באַגלייטער, ווי אויך העשלס

פאַטער און שמאי האָבן זיך באַוויזן אומצוקוקן, אַזוי האָט מען דערזען העשלען אַ צוריק אויפגעשטעלטן פון פריערדיקן אָנבייגן זיך צו יענעמס האַנט. זיין מויל איז אים געווען פאַרבלוטיקט און אין מויל האָט אים געשטעקט אַ זאַך, וואָס ער האָט עס צו שטאַרק און ווי צו טייער מיט די ציין צוגעהאַלטן.

אין יענער רגע האָט העשלס פנים געלויכטן אי אויפגעלעבט, אי פול מיט באַזיגיקטער הנאה, גלייך ער וואָלט דאָ אָקאָרשט אַרויס אַ זיגער און אַ גרויס־באַפרידיקטער פון אַן אַפּגעטאָנענער טאַט, וועלכער ער האָט זיך אַליין ניט גע־ריכט, צי איז ער אויף איר, אויף אַט דער טאַט, גאָר פּיאיק.

העשל האָט אין מויל אַ שטיק אָפּגעביסענעם פינגער פונעם מיליטער־מאַנס האַנט אין די ציין פאַרקלאַמערט געהאַט, און אַן איבערגרויס גליק, האָט מען געזען, האָט אים ווי געטראָפן, וואָס פאַר דער גאַנצער צייט, זינט זיין אומגליק איז אים געשען, האָט ער איצט מיט פולער הנאה דאָס מויל צוגעמאַכט, — ניין, ניט צור־געמאַכט, נאָר צוגעשלאָסן, — ניין, ניט צוגעשלאָסן, נאָר אַזוי פאַרחתמעט, אַז מ'האָט ווידער געזען, אַז אַלע טייערקייטן פון דער וועלט וועלן אים ניט צווינגען דאָס צוריק עפענען און דאָס אַריינבאַקומענע, דאָס אָפּגעביסענע, אַרויסצולאָזן.

באַלד זיינען יענע צווי, וואָס האָבן דעם געשעדיקטן מיליטער־מאַן באַגלייט, פון דער ערשטער איבעראַשונג, פון דער פּלוצימדיקייט פון אָנפאַל און פון זייער חברס אויסגעשריי, צו זיך געקומען און זיך באַלד פאַרן געוווער געכאַפּט. זיי האָבן — איינער פון איין זייט און דער צווייטער פון דער צווייטער — גענומען שיסן אין העשלען פון די רעוואָלווערן, וועלכע זיי האָבן איילִיק פון די קאָבורעס אַרויסגעכאַפּט — אין קאָפּ, אין דער ברוסט, אין שלייף, און ווידער אין קאָפּ, און העשל איז באַלד אַנידערגעפאַלן, ווי אַ סנאָפּ.

ס'איז באַלד אַן אָנגעלויף געוואָרן פון פּאָליציי און מאַכט־לייט, וואָס האָבן דאָ דערזען אַן איבערפאַל אויף אַ זייעריקן און באַלד וואָלט שוין דער גאַנצער קוואַר־טאַל אין סכנה געשטאַנען פאַר מיטגעפיל צום איבערפאַלער, און אַ ווילדע גזירה וואָלט דאָ אויסגעבראָכן אויף אַלע. די גזירה איז אָבער דערווייל אָפּגעלייגט גע־וואָרן: די מאַכט האָט צייט אויך שפּעטער זיך אָפּצורעכענען.

מ'האָט באַלד דעם מת וואוהין מ'דאַרף אָפּגעפירט ביז דער גענויער אויס־פאָרשונג. מ'האָט אַפילו דעם פאַטער און שמאין ניט צוגעלאָזט זייער אייגענעם צו באַגלייטן און צו זאָגן אַ פאַרענטפערנדיק וואָרט פאַר אים.

מ'האָט העשלען לאַנג דערנאָך אויך צום באַגראָבן אויפן יידישן בית־עולם ניט אַרויסגעגעבן. ווען מ'האָט דעם מת לסוף אַרויסגעקראָגן, האָט מען אים גע־נומען טאָן דאָס רעכטע, ווי מ'טוט אַלע מתים: אים אַרומוואַשן און גרייט מאַכן... נאָר אַז מ'האָט זיך גענומען צו זיין מויל, געוואָלט דאָס עפענען און אַרויסבאַקו־מען, וואָס ער האָט פון ביס אַריינגעכאַפּט, — דעם מיליטער־מאַנס פינגער־גליד — האָט מען דאָס בשום אופן ניט געקאָנט: דאָס מויל איז אים געווען אַזוי ענג פאַרקלאַמערט, אַז מ'האָט מיט קיינע כוחות אים די אַנגלען ניט געקאָנט אויפ־רייסן.

אַ סברה, אַז אַזוי טאַקע האָט מען אים באַגראָבן, מיטןביינדל, ניט קאָנענ־דיק דאָס ביי אים אַרויסבאַקומען.

איציק פעפער

די טערקישע שאַל

איך קוק אויף דער זיידענער טערקישער שאַל,
און ס'טוט די דערמאָנונג אַ שלאָג ווי אַ קוואַל.

איך קוק אויף דער טערקישער שאַל און איך קלער,
ווי קומט זי, די אַלטע, אַצינדער אַהער...

יאָ, צייטן! איך הער אייער רוף, אייער שאַל
אין בונטע געמעלן פון טערקישער שאַל...

אין פאַרבן אין אירע איך פיל אייער דראַנג,
אין קנייטשן אין אירע איך פיל אייער גאַנג...

איך האָב זי, מיר דאַכט זיך, אַמאָל שוין געזען,
נאָר בראָט מיך און ברענט מיך, געדענק איך ניט ווען!

אין וועלכן יאָרהונדערט, אין וואָס פאַר אַ לאַנד,
מיר דאַכט, כ'האָב די זעלבע באַרירט מיט מיין האַנט,

געצערטלט דעם דינעם, דעם זעלטענעם שטאָף,
און אפשר האָב איך זי געזען גאָר אין שלאָף?

אוודאי די זעלבע! דער זעלבער קאָליר,
איך טו מיט אַ ציטער פון פינגער אַ ריר...

און כ'בלייב ווי פאַרכישופט, איך קוק אויף דער שאַל,
כ'געדענק אירע פאַלדן, וואָס טוען אַ פאַל,

אַזוי ווי די כוואַליעס די שטילסטע פון ים,
עס פעלט נאָר איר רויטקייט, אַמאָליקער פלאַם.

די בלויקייט איז אויך שוין ניט די וואָס אַמאָל,
די גרינקייט דערמאָנט אין אַ האַרבסטיקן טאָל.

מיר דאַכט, אַז אויף טונקעלע, רוישיקע מערק
האָט זי נאָך מיין זיידע געקויפט ביי אַ טערק

און האָט זי זיין כלה דער יונגער געבראַכט.
און זי האָט באַקוקט און באַוואונדערט: אַ פּראַכט!

מיר דאַכט, אַז מיין באָבע האָט שטיל פאַרן טויט
די טערקישע שאַל אירע טעכטער פאַרטרויט...

פון דורות צו דורות געגאַן איז די שאַל,
געזאַפּט אין די פעדעם פון טרערן די גאַל,

געהיט אויף די קוויטן די צאַרטקייט פון הענט
און האָט מיט איר בונטקייט דורך דורות געבלענדט.

זי האָט אין יום־טובים געלויבט אויף דער שיין
און היט די סימנים פון פלאַמיקן וויין...

אַ ניין, ס׳איז אַ טעות! איך קוק זיך אַריין,
ס׳איז ניט קיין סימנים פון פלאַמיקן וויין.

אַ טראָפּן פון וויין טוט אַ בלענד און פאַרקילט,
איך האָב אין די טראָפּנס אַ פייער דערפילט...

זיי בריען די פינגער און ס׳פלאַטערט אין זיי
אַן אַלטער, אַ הייסער פאַרבאַרגענער וויי...

פון וועלכן יאָרהונדערט — איך ווייס ניט אַצינד,
די טראָפּנס פאַרטויבן, זיי מאַכן מיך בלינד...

זיי שמעקן מיט פּחד, מיט פאַכן פון רוט,
זיי שמעקן מיט פּיקעס, געשווענקטע אין בלוט...

עס פאַלט אַ דערשטוינטער מיין טונקעלער בליק —
די שאַל איז צעריסן, עס פעלט איר אַ שטיק!

געווען איז אַן אָוונט, אַ נאַכט און אַ שלאַכט,
די שאַל האָט געוויינט ווי אַ פאָן אין דער נאַכט.

געוויינט, אויף אַ בלוטיקן שליאַך זיך געשפּרייט,
אַ קויל האָט די שאַל מיט מיין שוועסטער צעשיידט.

איך קוק אויף מיין שוועסטער, וואָס רוט ביי אַ קוואַל,
צוקאָפּנס ביי איר — די פאַרוואונדעטע שאַל.

אויפּסניי

עס רוען די שווערדן; עס רוישט ניט דער בליי,
און ס׳זעצט פון די פעלדער די בליאונג פונסניי.

ס׳איז לויטער און טרויעריק־רואיק די הייך,
און ס׳גייט פון די קוימענס אַ רואיקער רויך...

אין יאָרן נאָך ליגן די שפּורן פון קריג —
אַ ראָד פון אַן אויטאָ, אַ ליידיקע וויג,

אַן איינזאַמער שטיוול, אַ בלאַט פון תנ״ך,
בוריאַן אויף קורגאַנעס און ביינער אַ סך...

עס טראָגן נאָך ווינטן אַרום אַ געוויין,
נאָר ס׳וועט שוין די פאָן פון נצחון ביים ריין.

פאַרביי איז דער אומגליק דער גרויסער, פאַרביי...

און ווער ס׳האָט אַ סעדל געהאַט אין וואָלין,
האָט ווידער דאָס סעדל, ס׳איז נאָכאַמאָל גרין.

און ווער ס׳האָט אין האָמעל אַ כאַטע געהאַט,
לעבט ווידער אין כאַטע להכעס דעם קאַט.

און ווער ס׳האָט אין אומאַן אַ דעכל פאַרמאָגט,
האָט פון סאַמאַרקאַנד אַזש אַהינצו געיאָגט.

און ווער ס׳האָט אין קאָוונע אַ ווינקל פאַרלאָזט,
האָט אַזש פון טאַשקענט זיך אַהינצו געלאָזט...

פאַרביי איז דער אומגליק דער גרויסער, פאַרביי,

און ס׳בענקען די פעלדער נאָך זאַנגען אויפסניי,
און ס׳בענקען די שטעט נאָך געזאַנגען אויפסניי.

און ס׳בענקען די טייכן נאָך בריקן אויפסניי,
און ס׳ווילט זיך די הערצער דערקוויקן אויפסניי.

מיט פריילעכע קינדער, וואָס לאַכן אויפסניי
און שטיפן אויף זוניקע שליאַכן אויפסניי...

עס לויכט שוין אַ שמייכל, און ס׳קליגט שוין אַ שפּאַס,
און ס׳שפּילט שוין אַ פידל אויף פּרצעס גאַס...

נאָר ס׳טאָר ניט פאַרשווינדן די נעכטיקע פּיין
אין ביליקע טייכלעך פון ווערטלעך און ווײַן...

אין קלייניטשקע וואונטשן פון לעבן מיט טאַלק,
אַ מענטש איז אַ מענטש, און אַ פאָלק איז אַ פאָלק!

איז לאָמיר אַ וועק טאָן די קרעפטן אויפסניי,
די אַלטקייט און יונגקייט באַהעפטן אויפסניי.

פון חורבות אַ הייב טאָן געבייען אויפסניי,
די חרובע ווענט באַנייען אויפסניי.

פאַרטרייבן פון זיך אַלע מוראס אויפסניי,
און ציען דעם פאָדעם פון דורות אויפסניי.

און נחת, וואָס קומט אונדז אַנטקעגן אויפסניי,
און פרייטשאַפט, וואָס ווערט אויף די ווענגן אויפסניי,

און הוידען די קינדער אין וויגן אויפסניי,
און לעבן, און קעמפן, און זיגן אויפסניי.

עליע קאַהאַן

אַ יונג לעבן

וואָדים באַיקאָ, אַן אַרטילעריסט, אַן אויסשפּירער, אַ ניינצניאַריקער. מער איז נאָך דערוויל ביטאָ וואָס צו זאָגן וועגן דעם דאָזיקן יונגן, וואויל־פּנימדיקן סאָלדאַט.

ער גייט דורכן וואַלד און זינגט. אַ סאָלדאַט, פאַרשטייט זיך, גייט ניט גלאַט אַזוי. ער טראָגט אַפּ אַ פּאַקעט אין שטאַב. נאָר זינגען זינגט ער גלאַט אַזוי, ווייל ער איז יונג, ווייל דער וואַלד איז אַ וואַלד און דאָס לעבן איז אַ לעבן.

פּלוצים שטעלט ער זיך אָפּ. בידעריקער פונעם שטעגל, איבער וועלכן ער גייט, זיצט אַ טעלעפאָניסטקע אויף אַ שטאָם. אַ שוואַרצע, מיט ליכטיקע, פריילעכע אויגן, זעט זי אויס, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעשפּרונגען פון אַ רואיק באַ־וואוינט הויז מיט אויסגעהעפטע פאַרהענגלעך אויף די פענצטער, מיט רויטע הענער אויפן הויף און אויף די האַנטעכער אין שטוב, מיט אַן אויוון, וואָס אָטעמט מיט געבראָטנס, און מיט אַלע זיבן גליקן.

ער האָט זיך אַביסל פאַרלוירן פון איר דרייסטן בליק. דער זילבערנער אויפ־שריפט אויף דער מעדאַל, וואָס הענגט אויף איר ברוסט, די גלאַנצנדיקע אותיות „פאַר געוואַגטקייט", האָט זיך אים געדוכט, זיינען פאַרבונדן מיט איר בליק, זיינען אַ צושפּריך צום אויסדרוק פון איר פּנים.

זיינע ניינצן יאָר האָבן אים אונטערגעטריבן. ער האָט זיך דאָך געמאַכט האַרץ און געפרעגט:

— ווער ביסטו, מיידל?

— ווער בין איך? — דאָס מיידל האָט זיך אַביסל פאַרחידושט. — זעסטו דאָך אַליין, יינגל, אויף אָט דעם שטאָם האָט מען מיך אָוועקגעזעצט און געזאָגט: אַרבעט, קעמפט...

דעם יונגן וואָדימען האָבן מיט עפּעס באַצויבערט די דאָזיקע ווערטער — אַ מאָדנער חן ליגט אין זיי, זיי באַטייטן פיל מער וויפל זיי באַטייטן. באמת, עס גייט אַזאַ מלחמה, און דאָ האָט מען גענומען אַ מיידל און מ'האָט זי אַוועקגעזעצט אויף אַ שטאָם און געזאָגט איר „אַרבעט, קעמפט". און דער וואַלד איז אַ וואַלד, און דאָס לעבן איז אַ לעבן, און דאָס מיידל זעט אויס ציכטיק און פריש, ווי זי וואָלט נאָרוואָס געקומען פון אַ באַוואוינט הויז...

וועגן דעם האָט ער באַשטימט זאָגן איר:

— ווי פיין דו זעסט אויס, מיידל!

— פיין, זאָגסטו?

און ער האָט דערהערט דעם מיידלס קלינגעוודיקן, ריין־האַרציקן געלעכטער.

— האָסט שוין אַ?... — וואָדים האָט זיך פאַרכאַפּט. — כ'מיין — האָסט אַ היים?...

— איך האָב ניט קיין היים און האָב ניט קיין הויז, — האָט זי שטרענג אַ זאָג געטאָן, און וואָדים האָט דערפילט: דאָס מיידל וויל ניט קאַליע מאַכן דעם העל־פאַרביקן וואַלדיקן זומער־טאָג ניט זיך און ניט אים.

— און ווער ביסטו? — האָט זי פּלוצים אַ פרעג געטאָן, און ווי זי וואָלט גאָר ניט געוואָרט אויף אַן ענטפער, האָט זי באַלד גענומען אַרויסרופן דורכן טעלע־פאָן „נול פינף".

— איך?... אַ סאָלדאַט!

אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט עפּעס צוגעבן צו דער דאָזיקער „אויטאָ־ביאָגראַפיע".

— דאָס, וואָס ער האָט ניט געפונען מער וואָס צו זאָגן, האָט אים באַליידיקט און פאַרדראָסן: שוין זשע איז ביז אָט דער באַגעגעניש מיט איר אין זיין לעבן גאָרניט פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס איז ווערט, מ'זאָל עס דערציילן? און ער איז אויף אַ מינוט אָפּגעקילט געוואָרן צו איר. אים האָט זיך געדוכט, וואָס לענגער ער וועט לעבן איר שטיין, אַלץ פּוסטער וועלן אים און איר אויסזען אַלע זיינע פאַר־גאַנגענע יאָרן. און, ווי גרייט אַוועקצוגיין, האָט ער ניט דרייסט זיך אַ קער גע־טאָן. זי האָט עס תיכף דערפילט און אָנגעכאַפּט אים פאַר דער האַנט.

— נייַן, מיר... דאַרפסט גאָרניט דערציילן, יינגל.

ווער מיר „אָפּגעקילט צו איר", וואָס מיר „אָפּגעקילט"?... ער איז איצטער געשטאַנען ווי צוגעזאָטן צו איר. דער דרוק פון איר האַנט האָט אים געגעבן צו פילן, אַז ער איז אַ וואויל אוקראַיניש יינגל, אַ ליבער און שיינער, אַז אויסגעהאַ־דעוועט האָט ער זיך צווישן געטרייע שוועסטער, אַז אין זיין טייל האָבן אים אַלע ליב, אַז קיין מיידלעך האָט ער נאָך קיינמאָל ניט ליב געהאַט, קיין שלעכטס נאָך קיינעם ניט געטאָן... און זע, ווי זי ווייס עס אַלץ און רעדט וועגן דעם אָן ווער־טער, בלויז מיט אַ כאַפּ טאָן אים פאַר דער האַנט...

— ביסט אַ גאָלדן יינגל! — האָט זי אים שטיל אַריינגעפּליסטערט אין סאַמע אויער.

— מירע! — האָט זיך דערהערט אַ שטים פון צווישן די ביימער, — איך גיי דיך פאַרבייטן.

— גוט, אַניע, — האָט געענטפערט דאָס מיידל.

און אָפּגעגאַנגען צוויי טריט, איז זי געבליבן שטיין. אירע גרויסע שטראַלנ־דיקע אויגן האָבן אויף אים געקוקט מיט אַ לאַנגן, טראַסירנדיקן בליק. זי האָט אַ פּאָר סעקונדעס ווי געוואָרט, דערנאָך איז זי האַסטיק אַוועק.

ער האָט אָפּגעטראָגן דעם פּאַקעט און זיך אומגעקערט אין טייל.

אינעם זעלבן טאָג אין אָוונט גייט וואָדים און טראָגט צוויי קעסעלעך זופּ אין ביידע הענט, און צום רימען איז צוגעפעסטיקט אַן אַליומיניע־פליאַשקע, — ער טראָגט עסן אויפן פאָדערשטן באַאָבאַכטונגס־פּונקט פאַר די קאָמאַנדירן, וואָס געפינען זיך אין פּעכאָטע.

און פּונקט איצטער האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט די שלאַכט. האַרמאַטן־

קוילן רייסן זיך אַרום אים אין די זייטן. מיט צוויי קעסעלעך זופּ גייט ער אין פּייער אַריין. איצט ווייס ער: די שווערסטע זאַך אויף דער מלחמה איז פאַלן אויף דער ערד בעתן אויפרייס פון אַ האַרמאַטן־קויל און האַלטן צוויי קעסעלעך זופּ אין די הענט. ס'איז נאָך גוט, וואָס מ'פאַרשפּאַרט צו טראַכטן וועגן געפאַר. זיין געדאַנק איז קאָנצענטרירט נאָר אויף איין זאַך: צופאַלן צו דער ערד און ניט אויסגיסן דעם זופּ.

אויף עטלעכע סעקונדעס ווערט איינגעשטילט דאָס פּייער, דעמלט גיט ער אַ טראַכט: איך לעב... דאָך אויסגעגאָסן אַביסל זופּ, מיילע...

ווידער פּייער. אַ יונגער סאָלדאַט מיט צוויי קעסעלעך גייט דורך פּייער. אַ נאָענטער אויפרייס. עס שיט זיך אָן זאַמד אין די קעסעלעך. מיט באַדויערן טראַכט ער: זאַמד אין די קעסעלעך. ער נעמט אַרויס פון שטיוול דאָס לעפל און פאַרזוכט דעם זופּ: — דער זאַמד וועט בלייבן אויפן דעק, טראַכט ער. ווידער אַן אויפרייס. ער פאַלט און וויל אויפשטיין — נאָר די אויפרייסן הערן ניט אויף. ער וויל ניט פאַרלירן קיין צייט — ער שטעלט איבער פאַרויס זיך די קעסעלעך און פויזעט. ער זעט נאָר די גרויסע, גרינגע ערד. אָן אַ שיעור פליגעלעך, ווערעמלעך, פלעדערלעך. עס איז שטיל געוואָרן. „וועגן איר וועל איך טראַכטן שפּעטער" — קומט אים אויף אין געדאַנק — „איך קאָן נאָר טראַכטן קורץ וועגן דיר, טייערע. דו, מיט די טראַסירנדיקע אויגן..."

ער איז אַרויס פונעם פּייער־קרייז. איצט וואָיען מינעס. ווייטער גיין קאָן מען ניט. אין די קעסעלעך איז געבליבן נאָר דאָס געדיכטע.

פאַרויס, רעכטס, איז אַ וועלדל. ער באַשליסט זיך נעמען רעכטס — אַן אַרומגאַנג־מאַנעווער. דאָרט איז דער וועג פריי. ווי גוט איז גיין אויףביידע פיס און ניט צו קריכן אויף אַלע פיר.

אין וועלדל, פונקט אין דער מינוט, ווען ער דערפילט זיך דאָרט זיכער, כאַפּט מען אים אָן פאַר ביידע הענט. קוילן זיינען ניט שרעקלעך, מינעס זיינען ניט שרעקלעך, דייטשישע פנימער זיינען שרעקלעך. זיי כאַפּן אַרויס פון די הענט ביידע קעסעלעך. — „פּאַרטיק" — באַווייזט ער נאָך אַ טראַכט טאָן ביזן פאַר־לירן דעם באַוואוסטזיין. אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ, און אַ סך, אַ סך פונקען, פייערלעך, פאַרבן באַווייזט ער צו דערזען, און נאָר איין קלאַנג באַווייזט ער אויסריידן — „מממ"... אפשר איז עס דער אויסדרוק פון ניט־אויסגעשריגענעם ווייטיק און אפשר איז עס דער אָנהויב פונעם וואָרט „מאַמע".

ער קומט צו זיך פונקט אין יענער מינוט, ווען בעסער וואָלט געווען צו פאַר־לירן אַ צווייט מאָל דאָס באַוואוסטזיין. ער דערזעט זיך אין אַ דייטשישן אַקאָפּ, אַרום אים — נאָר בלויע און גרינגע פאַרבן: דייטשן מיט בלויע פנימער, אין גרינגע מונדירן, גרינגע מאַסקירונג אויפן קאָפּ, אַ בלויער הימל איבערן קאָפּ. נאָר פּלו־צים פאַרלירן זיך אַלע פאַרבן.

סאָוועטישע עראָפּלאַנען באָמבירן. פּונקט ווי די זון וואָלט פאַרגיין מיטאַמאָל. עטלעכע סעקונדעס איז טויט־שטיל. בוכשטעבלעך דערנאָך — ווי מיטאַמאָל דער־הערן זיך קרעכצן.

וואַדים דערזעט אַרום זיך, ווי די דייטשן מיט טויט־דערשראָקענע פּנימער אַנטלויפן מיטן לעצטן אָטעם. ער ווייס ניט, וואו איז מזרח און וואו איז מערב, ער ווייס נאָר, אַז ער לויפט אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון די דייטשן. ער לויפט און פילט ניט די אייגענע פיס. עס הערט זיך נאָר דאָס האַרץ, וואָס קלאַפּט ווי אַ פויק. און אַז ער דערזעט דאָס זעלבע וועלדל, פון וועלכן ער איז געקומען, מיטן זעלבן שטרענג־געאָמעטרישן דרייעק פון דער רעכטער זייט, דוכט זיך אים, אַז אין אים קלאַפּן שוין אַ גאַנצע באַטאַריע הערצער. און דעם גרעסטן פאַר־געניגן פאַרשאַפן אים די טרערן אין זיינע אויגן. איצט ווייסט ער וואָס איז שרעק, וואָס איז וויטיק און וואָס איז פרייד. דער וואַלד איז אַ וואַלד און דאָס לעבן הויבט זיך ערשט אָן.

דער קאָמאַנדיר דריקט אים די האַנט, אַן אַלטער סאָלדאַט קושט אים, דער קעכער גיט אים אָן אַ פול קעסעלע זופּ.

ער טראַכט: איצט וואָלט ער שוין געהאַט וואָס „איר" צו דערציילן! אָט איז דער אָנהויב פון זיין ביאָגראַפיע. אויף אַ מינוט פאַלט אים איין, אַז די גאַנצע געשעעניש איז אַזאַ ניט־געוויינלעכע, זי וועט אפשר גאָר ניט גלויבן. ניין, זי וועט גלויבן, נאָך מער ניט געוויינלעכע זאַכן טרעפט אויף דער מלחמה.

ער לויפט צום קאָמבאַט:

— חבר קאָמאַנדיר, דאַרף מען ניט אָפּטראָגן אַ פּאַקעט אין שטאַב? — מ'דאַרף ניט?... — חבר קאָמאַנדיר, איך דאַרף אָבער צוגיין אין וואַלד צוליב זייער אַ וויכטיקער זאַך... איך קאָן אייך ניט דערציילן... ביי אַ סאָלדאַט קאָן ניט זיין קיין שום זאַך, וועגן וועלכער ער זאָל ניט קאָנען דערציילן זיין קאָמאַנדיר?... נו, איז חבר קאָמאַנדיר, אין וואַלד האָב איך באַגעגנט...

— „איך דערלויב, גיי", — זאָגט דער קאָמאַנדיר, — דאָס איבעריקע וועסטו מיר שוין ראַפּאָרטירן דערנאָך. — און ער שמייכלט, דער קאָמאַנדיר.

וואַדים לויפט צום וואַלד. אויפן זעלביקן אָרט טרעפט ער אַ גרויסע גרוב — אַן אויפרייס־גרוב. ער רייבט זיך דעם שטערן און קאָן זיך בשום־אופן ניט דער־מאָנען, וואו זי איז געזעסן — אין דער דאָזיקער „וואָראָנקע", צי ניט? ער דער־מאָנט זיך, אַז דאָס שטעגעלע איז געווען העכער פונעם אָרט, וואו זי איז געזעסן, נאָר צי איז דאָ געווען אַ גרוב, געדענקט ער ניט. צי איז עס אַ פרישע „וואָראָנ־קע"?... און זי, מירע, זי לעבט צי ניט?...

ער פילט זיך ווי אַ מענטש, וועלכער האָט מיט די אייגענע פּראָסטע אויגן פלוצים דערזען די גאַנצע וועלט, אַלע אירע סודות, אַלע אירע זיסע פאַרגעניגנס און פאַרבן און איז באַלד דערנאָך בלינד געוואָרן.

מיט ניט זעענדיקע אויגן באַטראַכט ער די גרוב, און דאָך באַמערקט ער אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע אויף דער ערד. ער הייבט עס אויף. קיין זייטלעך זיינען אין דעם ניטאָ. אינעווייניק אויפן טאָוול דערזעט ער אַן אויפשריפט:

„איך בין דאָ געזעסן זעקס שעה נאָכאַנאַנד, און ס'איז מיר זייער אומעטיק געווען. פאַרביי איז דורכגעגאַנגען אַ יונג ייִנגל און האָט מיר ניט קיין קוש געטאָן."

אָט איצט כאַפּט ער זיך: איר געדאַרפט אַ קוש טאָן.. זיכער. „געדאַרפט אַ

קוש טאָן. דאָס איז געווען אַ גרויסער פעלער... וואָס איז געווען אַ פעלער?... וואָס האָט עס איצט פאַר אַ זין?... וואָס איז געווען אַ פעלער? עפּעס נעמט זיך פּלאָנטערן און בויטען ביי אים אין קאָפּ, פּונקט ווי אין אַ פיבער־חלום.

פּלוצים — צוויי הענט פאַרדעקן אים אויף אַ קינדערישן אופן די אויגן. די הענט לאָזן אים ניט אָפּ און ער דערזעט נעבן זיך מירען, אַ לעבעדיקע און שטראַלנדיקע, אַן אומגעריכטע און לאַנג־דערוואַרטע.

ניט־טראַכטנדיק, שליסט ער זי איין אין זיינע אָרעמס און טוט איר אַ קוש... דאָס קומט פאַר צו האַסטיק.

זי טרעט אָפּ צוויי טריט, מיט אָנגעשטרענגטע, פרעגנדיקע אויגן. אָן כעס, נאָר מיט פאַרביטערונג זאָגט זי:

— איך האָב אַנדערש געטראַכט וועגן דיר, סאָלדאַט. ניט דאָס, ניט דאָס... ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר ער דערפילט ווידער די יוגנט־שוואַכקייט, די פאַרהיל־צערונג פון צונג. אָן ווערטער דערלאַנגט ער איר דאָס נאָטיץ־ביכעלע. זי לייענט איבער דעם אויפשריפט און לאַכט זיך פאַנאַנדער מיט איר פאַר־מלחמהדיקן ציינשטראַלנדיקן געלעכטער.

— דאָס איז דאָך מיין חברטע אַניעס נאָטיץ־ביכעלע. זי האָט קאָנטיק אויך באַגעגנט אַ יינגל, נאָר מסתמא ניט אַזאַ, ווי דו.

— און איך האָב געמיינט... — האָט מיט אַזאַ טיפער אַנטוישונג געזאָגט וואָדים, אַז, קוקנדיק אויף אים, האָט מען געקאָנט צוזען, ווי אין יעדן ווינקל פון זיין פּנים לעשט זיך אויס די שיין, פּונקט ווי עס לעשט זיך אויס די שיין ביינאַכט אין אַ פילפענצטערדיק, באַלויכטן הויז.

זי טראַכט ניט קיין סך. פּונקט ווי זי וואָלט געווען אויפן ברעג און אים, וואָס האַלט ביי דערטרונקען ווערן, דאַרף מען ראַטעווען. אַלץ דאַרף געטאָן ווערן אויף באַלייכטן צוריק דאָס פּנים פון אָט דעם יינגל.

— טייער יינגל! — זאָגט זי צו אים מיט האַרץ, כדי בעסער צו פאַרדעקן דעם ליגן. — דאָס האָב איך געשריבן מיט מיינע אייגענע פינגער. ביסטו צו־פרידן?

איצט זיצן זיי ביידע, באַגאָסענע פון זון, ליכטיקע, ריינע און ווילד־יונגע. ער דערציילט איר וועגן די קעסעלעך זופּ, וועגן געפּענקעניש. דער וואַלד איז אַ וואַלד, אָבער דאָס לעבן איז ניט דאָס לעבן וואָס געווען. דער יונגער סאָלדאַט איז שוין דערגאַנגען אין זיין דערציילן צו די איבערגעשראָקענע דייטשן. די זון נעמט פאַרגיין און דער מערב ווערט רויט.

אין צוואַנציק יאָר אַרום, — זאָגט צו אים דאָס מיידל, — אין צוואַנציק יאָר אַרום, אַ קוק טוענדיק אויפן בלוטיקן מערב, וועלן מיר זיך נאָך אַלץ דער־מאָנען וועגן פראָנט און וועגן דעם בלוטיקן שונא.

— און וועגן אונדז ביידע אָט דאָ אין וועלדל, — גיט ער צו.

אויפן וואַלד־וועג, פאַרביי דעם יונגן פּאָרל, גייט דורך פון דער פאָדער־ליניע אַ גרופּע פאַרוואונדעטע רויטאַרמייער.

ערגעץ פון דער וויט, פונעם שונאס זייט, נעמט קלאַפּן אַ וויטשיסנדיקער

האַרמאַט... און ווי לאַנג קאָן מען דען גליקלעך זיין, כל־זמן עס גייט די ריזיקע שלאַכט מיטן ביטערן שונא?

פּלוצים — אַ האַסטיקע ענדערונג אויפן פּנים פונעם מיידל. דער בלוטיקער זונפאַרגאַנג שפּיגלט זיך אָפּ אין אירע אויגן, און די עטלעכע גליקלעכע מינוט פליען פון איר אַוועק, ווי טויבן אַרויסגעלאָזענע פון האַנט.

זי באַזייטיקט פאַרזיכטיק פון זיך דאָס יינגל, וועלכער האָט זיך נאָך ניט באַפרייט פון זיין פּלוצים־באַגעגנטן גליק.

דער יונגער סאָלדאַט האָט נאָך ניט באַמערקט די דאָזיקע ענדערונג.

— טייערע, — זאָגט דער יונגער סאָלדאַט, — איך וויל דיך זען שטענדיק אַ גליקלעכע.

דאָס מיידל טוט אויף אים אַ קוק, ווי אויף אַ יינגל בעת ער רעדט ניט דאָס, וואָס מ׳דאַרף.

דער יונגער סאָלדאַט דערזעט טרערן אויף אירע אויגן.

מיט דער אומגעוויינלעכער, ערשט אין דער מלחמה־צייט אַנטפּלעקטער קראַפט, טוט זי האַסטיק אַ ווייש אָפּ די טרערן פון די אויגן.

— אַנטשולדיק מיר, טייער יינגל.

שטיל האָט זי אים איינגערוימט אין אויער:

— דו ווילסט איך זאָל דיך ליב האָבן?

דער יונגער סאָלדאַט האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף ניט ענטפערן ניט „יאָ" און ניט „ניין". ווי אַן עלטערער ברודער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטאָם און אַ קוש געטאָן איר אין שטערן. אין יעדער באַוועגונג זיינער האָט זיך געפילט די זיכערקייט פון אייגענער קראַפט און האַלטונג. ער האָט אָפּגעווישט אירע טרערן.

— דו ווייסט, וועלכעס וואָרט דו דאַרפסט פאַרגעדענקען אויף אייביק? — האָט געפרעגט דאָס מיידל.

— איך ווייס, — האָט מיט זיכערקייט געענטפערט דער יונגער סאָלדאַט, און גענומען מיט זיין מעסערל אויסשניידן אויפן שטאַם, אויף וועלכן ער האָט באַגעגנט זיין מיידל, דאָס וואָרט — „נקמה".

און כאָטש זיי זיינען געזעסן צוזאַמען נאָך אַ צייט, האָבן זיי מער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

מיט דעם דאָזיקן וואָרט האָט זיך געענדיקט אין דער אויפריס־גרוב דער ליבע־געשפּרעך, וועלכער איז פאַרגעקומען אין זומער **פונעם דריטן יאָר פון** דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה, אינעם וואַלד, **זיבן קילאָמעטער** מערב־דיקער פונעם דאָרף מ.

שמואל ראָסין

אָשר שוואַרצמאַן

ווען כ׳זאָל וויסן וואו פאַרשוואומען
איז דיין ליכטיקער געביין, —
צו דיין קבר כ׳וואָלט געקומען,
ווי אַ ברודער קומט צו גיין.

נאָר דיין קבר ווייסט ניט קיינער,
ס׳האָט זיין שפּור זיך ניט פאַרהיט, —
וואו עס רוען דיינע ביינער
ווייסט ניט קיינער, קיינער ניט.

ערגעץ דאָרטן לעבן קאָרסון —
אויף דיין אויסגעפּרואווטן פערד —
האָסטו זיך אין שלאַכט געוואָרפן
און צוריק זיך ניט געקערט.

אוקראַינע האָט געפיבערט,
אוקראַינע האָט דערוואַכט,
און דיין אויפגעבראַכטע ליבע
האָט געטריבן דיך אין שלאַכט.

טריי דיין לאַנד געקאַנט האָסט דינען
מיט דער ליד און מיט דער שווערד, —
ווי מיין יונגער ברודער ביניע, —
דו ביסט טייער מיר, ווי ער.

ער איז אויך אַוועק אין שלאַכטן
פאַר דעם הימל, פאַר דער ערד,
און ווי דו — ער האָט פון שלאַכטן
זיך צוריק ניט אומגעקערט.

איר זייט דורכגעפלויגן בלענדיק
און פאַרשוואונדן ווי אַ בליץ;
איך געדענק איך, ברידער, שטענדיק,
שטענדיק לעבט איר אין מיין ליד.

וואו איז אייער ברודער־קבר,
ברידער מיינע, ווייס איך ניט,

נאָר ביי יעדער ברודער־קבר
פאַרהאַלט איך לענגער מיינע טריט.

אוקראַינער סטעפּעס בליען,
טייכן בלויען, ס׳גרינען בערג,
און מיר דוכט, איך זע דיך פליען
אויף דיין אויסגעפּרואוטן פערד.

ווי דו טראָגסט זיך יונג און וואַגיק
מיט דיין אויפגעפלאַמטן בליק,
ווי דו קערסט זיך פון אַטאַקע,
ווי דו קומסט צוריק מיט זיג.

ווען די שטורעם־שעה וועט שלאָגן,
איז מיין איינציקער באַגער, —
כ׳זאָל ווי דו זיך, אַשר, שלאָגן
מיט דער ליד און מיט דער שווערד.

1939

יוגנט

ווער ס׳זאָגט, אַז ס׳רוקט זיך אָן די עלטער,
אַז ס׳רוקט זיך לאַנגזאַם אָן די נאַכט,
אַז ביסלעכווייז מ׳ווערט געשטעלטער,
אַז יוגנט גיט מען אָפּ אָן שלאַכט?

נייך, איך גיב זיך נאָך ניט אונטער,
איך גיב ניט אָפּ אָן שלאַכט מיין אָרט, —
אויף דער גרויסער ערד באַזונטער
וויל איך לעבן טויזנט יאָר!

און וויפל פיין מיר איז געגעבן,
וואָלט איך וועלן מער און מער, —
ווייל די גרויסע לאַסט פון לעבן
וועט מיר קיינמאָל ווערן שווער.

און אויף די וועגן די צעגליטע
פון דער אויפגעבערויזטער ערד, —
כ׳וועל מיין יוגנט לאַנג פאַרהיטן,
ווי אַ הירש דעם שפּיץ פון בערג.

ניין, די צייט וועט ניט פֿאַרדאַרבן
אַט דעם הייסן יוגנט־בראַנד, —
און אין שלאַכטן וועל איך שטאַרבן
מיט מיין יוגנט האַנט ביי האַנט.

1939

מויערקעפּלעך

כ׳האָב געבראַכט דיר אַ מתנה
פון דעם וויטן, גרינעם קאַנט
מויערקעפּלעך, אַנגעקליבן
האָב איך זיי ביים ברעג פון ים.

ס׳הילכט אין זיי פון ים דער שטורעם,
און די סודות פון זיין טיף;
דער געשריי פון ווילדע ענטלעך,
און פון זינקענדיקער שיף...

דער גערויש, דער פלייץ פון כוואַליעס
און די שטילקייט פונעם ברעג;
ס׳הילכט אין זיי דער ווייטער אָפּקלאַנג
פון מיין וויטן לאַנגן וועג...

1918

אָשר שוואַרצמאַן

יוגנט

יוגנט, יוגנט!
ווי אַ שפּיגלדיקע וועל,
ווי אַ טרער פון פולע פרייד —
דיין שטעל,
דיין יונגע פרייד.

ווי פרילינג־צייט בערעזע־זאַפט
מיט שטיקלעך קאָרע אומריין־ריין
(דאָך גלייך פון בוים),
אַפילו טערפּקע אויפן טעם
(׳זוי איז דאָס שיין).

נאָר ס'שמעקט מיט גרינעם קנאָספּן־קלעי,
ביי הרעבליע רוישט אַ פריידגעשריי,
און זון, און וועלט,
און איך אין וועלט...
צעקלאַפּ דעם קאָפּ מיר אויף אַ שטיין —
איך דאַרף נישט מיין.

1917

און ס'וואָלט דעם סוד ביינאַכט די ערד . . .

און ס'וואָלט דעם סאָד ביינאַכט די ערד
דערציילט די ווינטן שטילערהייט,
וואָלט אינדערפרי גערוישט דער וואַלד,
און ס'וואָלט געדעדט שוין קינד־און־קייט:

זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...

דער קוואַל וואָלט איינגערוימט דעם טייך,
וואָלט ער בייטאָג אַנטקעגן זון,
אין ברייטן פעלד, פאַר וויטן שליאַך
דערציילט דערפון:

זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב!...

ס'וואָלט יעדער מענטש מיך, ווי אַ פריינט,
באַגריסט מיט ליבע ביי זיין שטוב,
און ס'וואָלט געשטראַלט,
און ס'וואָלט געשיינט:

זי האָט אים ליב?!
זי האָט אים ליב?!

כ'וואָלט אויפן העכסטן פעלדזן־שפּיץ
אַרויפגעגאַנגען, זיך געשטעלט
צו לאָזן וויסן מיט אַ בליץ
אַ האַלבער וועלט:

זי האָט אים ליב!
זי האָט אים ליב!

1911

פרילינג

איך גיי היינט אַרויס אין אַ טאָג אַ באַנייטן:
אויף פרילינג באַפרייטן
און האַרץ־ווייכן הימל
גייט קריהע, —
פון אַלע פיר זייטן
שוין ציען זיך פלאַפלענדיק אומריינע שטראָמען
און נישטערן, זוכן, ווי הינטעלעך בלינדע,
דעם פייכט־שוואַרצן בויך פון דער ערד.
און ערגעץ פונוויטן,
אין בלויען פאַרקלערט,
וואַרט אָפּ שוין אַ וואָלקן אַ מילדער, אַ ווייכער...
און ווען ס׳וועט פון נאַכט־פרעסטלעך זיין שוין קיין זכר,
און זיין וועט דער הימל אויך ריינער און העכער,
אין גאָרטן שוין ווייך און צעגראָבן די ערד, —
דאַן קומט בלויער וואָלקן אויף גאָלדענע פערד.

1918

יחיאל פֿאַליקמאַן

דער אַרטיסט

דער נ־ער פֿאָלק האָט פֿאַרנומען פּאָזיציעס אין דער באַלקע סאַטו. דעם גאַנצן טאָג איז דאָרט געווען שטיל. ביידע צדדים האָבן בלויז עטלעכע מאָל זיך אַ טויש געטאָן מיט אַרטילעריע־שאָסן. פֿון מאָל צו מאָל האָבן אויפֿן בערגל אַרום דער באַלקע געשטעפּט קוילנוואַרפֿערס. אַמאָל האָט דורכגעבליצט אַ טראַסירנדיקע קויל, וועלכע אַ רויטאַרמייער האָט אַרויסגעלאָזט אין אַ דייטש, וואָס האָט פֿרעך זיך אַרויסגערוקט פֿונעם שוצגראָבן. אָדער אַ דייטשישער אויטאָמאַט האָט אַ ביל געטאָן אויף אַן אומדזעריקן, וואָס האָט זיך ניט גאָר פֿאַרזיכטיק אָנגעבויגן, דורכקלייבנדיק זיך איבער אַ טראַנשייע. נאָר אין אַלגעמיין איז דעם דאָזיקן טאָג שטיל געווען אויף די פּאָזיציעס פֿונעם נ־ער פֿאָלק. און אין פּאָליטאָפּטייל פֿון דיוויזיע האָט מען געפֿונען פֿאַר מעגלעך צושיקן אַהין כאָטש איין אַרטיסט פֿון דער גרופּע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען פֿון אַ גרויסער, ווייטער סיבירער שטאָט געקומען באַדינען די אָפּערירנדיקע טיילן.

אַרויסגעזאָגט אַ פֿאַרלאַנג צו דערקלייבן זיך נעענטער צו די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס האָבן עטלעכע אַרטיסטן מיטאַמאָל. דאָס האָבן זיי, אייגנטלעך, אויפֿגעגעבן דעם דאָזיקן געדאַנק אין פּאָליטאָפּטייל. דער ערשטער האָט אַרויסגעזאָגט אַ וואונטש צו פֿאָרן אָדער צו גיין אויף דער פֿאָדערשטער שוצליניע אַ פֿאַרדינסטפֿולער אַרטיסט מיט אַן אָרדען אויף דער ברוסט, שוין אַן עלטערער, פּולבלעכער מענטש, מיט באַזילבערטע שלייפֿן. באַלד האָט פֿאַר דער דאָזיקער אידייע זיך אָנגעכאַפּט אויך אַ יונגע זינגערין, אַ דינינקע, ניט קיין הויכע, אַ שלאַנקע, מיט פֿריילעכע אויגן, באַשאָטנט מיט לאַנגע צוגעפֿאַרבטע וויעס. זי האָט זיך געלאָזט דאָס צו איין טוער פֿון פּאָליטאָפּטייל, דאָס צו אַ צווייטן, מיט איר ווייסער, דינער האַנט אָנגענומען יעדן פֿאַרן לאַץ פֿון שינעל און געוואָלט אַלעמען איבערציַיגן, אַז ס'איז איר ניט שרעקלעך, ניין, ס'איז איר זייער אינטערעסאַנט, ס'איז איר טרוים פֿון דער גאַנצער נסיעה.

אָפּגעשטעלט האָט מען זיך אָבער אין פּאָליטאָפּטייל דווקא אויפֿן פֿאָרלעזער פֿון דער גרופּע. דאָס איז געווען אַ מאַנצביל פֿון אַ יאָר זיבן און דרייסיק, העכער פֿון מיטעלן וואוקס, מיט אַ לענגלעך, גוט אויסגעגאָלט פֿאַרקלערט געזיכט, מיט גרויע, טרויעריקע אויגן, וועלכע זיינען געזעסן טיף אונטער העלע ברעמען און איבער וועלכע זיינע דינע, עטוואָס בלוילכע אויגן־לעפּלעך האָבן זיך פֿון מאָל צו מאָל אַראָפּגעלאָזט, ווי ביי אַ מענטש, וואָס איז מיד, זייער מיד. אַ קאָלטלעכער, אַזוי ווי אַ זייטיקער, איז ער געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט פֿונעם ערד־שטיבל, וואָס איז געווען באַקלאַפּט מיט גראָבע ברעטער, און האָט מיטן אַקסל געפּילט דעם שטילן, קוים מערקבאַרן ציטער פֿון דער ערד בעת די ווייטע האַרמאַטן־שאָסן. אונטער דער פּאַכווע האָט ער געהאַלטן עפּעס אַ פּעקעלע, מיט וועלכן ער האָט זיך ניט געשיידט. אָנגעטאָן איז דער דאָזיקער אַרטיסט

געווען אַביסל ניט געוויינלעך, — ער האָט געטראָגן אַ רויטאַרמייאישן שינעל איבערן ציווילן, טונקל־גרויען אַנצוג, און אַ בודיאָנאָווקע, וואָס איז געווען ניט באַ־קוועם אַראָפּגערוקט איבער די אויערן, נאָר אַזוי, אַז די העלע, גלאַטע האָר, פאַר־קעמט אויף אַרויף, האָבן זיך געזען איבער זיין הויכן שטערן. אויף די פּיס האָט ער געטראָגן וואַליקעס. געווען איז אין זיין גאַנצן אויסזען אַן אויסדרוק פון גלייכ־גילט, פון קאַלטער גרייטקייט און עפּעס אויך פון מידער אַנטשלאָסנקייט, און דאָך האָט ער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און אפילו ווי ניט צוגעהערט זיך צום שטרייט, ווער עס זאָל גיין אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס, מיטאַמאָל זיך אויסגעגלייכט און געזאָגט:

— נו, איז וואָס זשע רעדט מען דאָ אַזויפיל? איך וואָלט געגאַנגען. כ׳בין גרייט צו גיין...

מ׳האָט אויף אים אַ קוק געטאָן אַ ביסעלע פאַרחידושט, מ׳האָט אַפילו אים ניט געפונען וואָס צו ענטפערן — ווער וויל דען ניט גיין? — נאָר עפּעס איז געווען אין זיין טאָן אַזוינס, אַז אַלע האָבן דערפילט: יאָ, ער איז דער סאַמע פּאַסיקער. דער שעף פון פּאַליטאָפּטייל, וואָס איז געזעסן ביים טישל אין עק פון ערד־שטיבל און געוואָרעמט די פאַרפרוירענע פינגער אָן אַ בלעכן טעפּעלע טיי, האָט מיט־אַמאָל אָפּגערוקט אַביסל דאָס טעפּעלע און געזאָגט:

— איז אָט, וועט איר גיין... זאָל דער דאָזיקער חבר גיין. אויב ס׳וועט זיין מעגלעך, וועט איר פאַרלייענען עפּעס, נאָר אַזוינס, וואָרעמס, ס׳זאָל פאַר דער נשמה נעמען... די מענטשן אין די טראַנשייען האָבן זיך שוין פאַרבענקט נאָך דעם.

דער אַרטיסט האָט מיט אַ שאָקל פונעם קאָפּ און מיט אַ צעמישטן, שמייכ־לענדיקן בליק זיך געזעגנט מיט אַלעמען, וואָס האָבן זיך געפונען אינעם ערד־שטיבל, און איז אַוועק, טראָגנדיק זיין לענגלעך פּעקעלע אונטער דער פּאַכווע. אַ יונגער אויטאָמאַטלער האָט אים באַגלייט אין פּאָלק.

אויפן וועג צו דער באַלקע סאַטו זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען פיל אַנדערע באַלקעס, וואו ס׳זיינען געשטאַנען צונויפגעדריקט פורלעך, פערד, וואו עס האָבן פרידלעך גערויכערט פעלד־קיכן און קעכערס האָבן געהאַקט פאַרפרוירן פליישׂ, פאַרבייגעגאַנגען ערד־שטיבלעך, וואָס האָבן זיך ווי נאָרעס פון אַ מױלוואָרף גע־צויגן ביי די באַרג־שיפּועין, געמיטן אַרטילעריע — און מינענוואַרפער־באַטאַ־רייען. דער אַרטיסט האָט, שווייגנדיק, זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעם, ווי צו עפּעס געוואוינטס. ס׳איז אַפילו פאַרשוואונדן די פאַרזאָרגטקייט פון זיין געזיכט — אַזאַ טיפע רואיקייט איז אויף דעם געווען, ווי ביי דעם געוויינלעכן סאָלדאַט, דעם גרויען און פראָסטן, וואָס אַז ער איז געשיקט געוואָרן עפּעס טאָן, גייט ער.

סנאַריאַדן האָבן אַ פּאָר מאָל דורכגעפייפט איבערן קאָפּ, ערגעץ ניט ווייט מיט אַ קרעכץ געריסן זיך. דער אויטאָמאַטלער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, ניט געוועגדט קיין אויפמערקזאַמקייט דערויף, און דער אַרטיסט האָט זיך אויך ניט אומגעקוקט. ער האָט בלויז איין מאָל איבערגענומען דאָס ווייסע, לענגלעכע פּעקעלע אין דער צווייטער האַנט, שטאַרקער צוגעדריקט עס מיטן עלנבויגן,

געמאַכט אַ פּאָר שנעלערע שפּאַן, נאָר באַלד זיך צוריקגעכאַפּט און שוין מער זיך ניט געאײַלט, ווען אַ פּיף פון אַ סנאַריאַד האָט האַסטיק גענומען אַנוואַקסן אינדערלופטן...

ענדלעך איז מען געקומען אין אַ טיפער, געשלענגלטער באַלקע, ביי וועל־כער די שיפּויען זײַנען געווען באַדעקט מיט שיטערע קוסטעס — אין דער באַלקע סאַטו, וואו ס'האָט זיך געפונען דער שטאַב פון נ־ער פּאָלק. דער אויטאָמאַטלער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בלינדאַזש מיט אַ הילצערן דעכל און אַ געפּאַרב־טער טיר. דאָס איז געווען דער בלינדאַזש פונעם פּאָלק־קאָמאַנדיר.

דאָ איז געשטאַנען אַ וואַכטמאַן. דערוואוסט זיך, ווער ס'איז געקומען, האָט ער אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון די וואַליקעס און איז אַריין אין בלינדאַזש מיטטיילן. באַלד האָט די טיר ווידער זיך אָן עפן געטאָן, און ס'איז אַרויס אַ יונגער, בלאָנדער לייטענאַנט. אויף זײַן קיילעכדיקן, צערויטלטן און באַזונדערס אויפ־גערוימטן געזיכט האָט זיך צעפלאַקסן אַ שמייכל פון אַכטונג און גאַסטפריינט־לעכקייט. מיט אַ ברייטן מאַך פון דער האַנט האָט ער איינגעלאַדן דעם אַרטיסט אַריינגיין. און דער אַרטיסט איז אויך אין אַ באַזונדערס געהויבענער שטימונג, מיט אַזאַ אומבאַשטימטער, פרײדיקער דערוואַרטונג אַריבערגעטראָטן די שוועל פון ערד־שטיבל.

פונעם שניי און פון דער דרויסנדיקער ליכטיקייט האָט ער ניט באַלד באַ־מערקט, וואָס אין דעם גערוימען בלינדאַזש קומט פאָר און ווער ס'איז דאָרט פאַראַן. מ'האָט אים פרײַנטלעך באַגריסט, עטלעכע שטימען מיטאַמאָל האָבן געזאָגט: „יאָ, יאָ, צו אונדז אַן אַרטיסט, זייער פיין, זייער אַנגענעם". עפּעס האָט עמעץ פון אַ זייט געפרעגט, צי ער איז שוין לאַנג אין דיוויזיע, נאָר תיכף האָט די דאָ־זיקע שטים איבערגעדעקט אַן אַנגענעמער, פעסטער באַס, וואָס האָט באַלעבאַטיש־באַפוילעריש און ברייטלעך געזאָגט:

— נו, געגוג פאַרשיטן אַ מענטש מיט פראַגן, מ'דאַרף אים פריער אָוועק־זעצן, דעם גאַסט. אַנו, לאָזט אים צו נעענטער צום איוועלע.

און דער אַרטיסט, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צום האַלב־טונקל, האָט דער־זען אַ הויכן, קרעפּטיקן מאַנצביל מיט ברייטע אַקסל. ער איז געשטאַנען אינמיטן צימער אויף איין פוס. דער צווייטער, פון וועלכן דער שטיוול איז געווען אויס־געטאָן און די גאַליפע־הויזן פאַרהויבן ביז דער קני, איז געווען אַנגעשפּאַרט אָן אַ בענקל. אַ יונגע מעד־שוועסטער, מיט גלאַטע, ליינענע האָר, האָט זיך צוגעזעצט אויף די שפּיצפינגער לעבן בענקל און פאַרזיכטיק אַרומגעשמירט מיט יאָד אַן אָפענע וואונד אויף אַט דעם פוס. דאָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק — אַ פּאָדפּאָלקאָווניק.

דער אַרטיסט איז צוגעגאַנגען צום איוועלע. ער האָט טאַקע געוואָלט אַ וואַרעם טאָן די הענט. קיין הענטשקעס האָט ער ניט געטראָגן, האָט ער מעכאַ־ניש אָוועקגעלייגט אין אַ זייט, אויף אַ ציגל, דאָס פּעקעלע, נאָר באַלד זיך גע־כאַפּט און עס ווידער גענומען אונטער דער פּאַכווע, ווי ער זאָל דאָס מורא האָבן צו פאַרגעסן. דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק האָט מיט אינטערעס געקוקט אויף אים.

— כאָטש איר זייט אָנגעטאָן אין אַ שינעל און אין אַ בודיאָנאָווקע, נאָר כ׳זע אויף אייך אַ ציווילן אָנצוג, — האָט ער געזאָגט, צעציטערנדיק אין אַ שמייכל די פּולע, בוילעטע ליפּן, — כ׳האָב שוין לאַנג ניט געזען קיין ציווילע קליידונג... שוין וויפל? אַ חדשים זעקס זייגען מיר דאָ, אין די באַלקעס, וואו ס׳איז ניטא צו זען קיין ציווילן, און פריער איז אויך אויסגעקומען זיך וויניק צונויפשטויסן מיט מענטשן פון פרייען גראַד — שטענדיק אין די ערד־שטיבלעך... ס׳איז אָנגענעם דערמאָנען זיך אָן דעם אַמאָל, אָן דער היים... אַרויסרופן אין געדאַנק אַ שטאָטיש בילד...

דער אַרטיסט האָט געשוויגן, בלויז פאַרלוירן אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, ווי ניט וויסנדיק ווי אַזוי צו באַציען זיך צו די דאַזיקער ווערטער דעם פּאָדפּאָל־קאָווניקס.

— איך בין אַ קאַדראָוער מיליטערישער, — האָט פאַרגעזעצט דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק, — נאָר אין אַ פרייען אָונט האָב איך זיך אַמאָל ליב געהאַט איבערצוטאָן אין ציווילע קליידער און אַוועקגיין שפּאַצירן אין גאַס... פאַרלירסט זיך אַזוי צווישן אַלעמען, און ס׳איז גוט... עך, מאָלע וואָס מיר האָבן אַמאָל ליב געהאַט!

— כ׳בין געווען אין פּאָלקס־אָפּאָלטשעניע, אונטער מאָסקווע, — האָט דער אַרטיסט געזאָגט, ווי באַרעכטיקנדיק זיך און ענטפערנדיק אויף זיין אייגענער פאַרלעגנהייט, — איז פון דאָרט ביי מיר דער שינעל און די בודיאָנאָווקע. כ׳האָב געמוזט אַוועקגיין, ווייל כ׳בין לויטן געזונט ניט פּאַסיק פאַר מיליטער־דינסט, אַ שטאַרקער רעוומאַטיזם און נאָך פאַרשיידענע קרענק... און דער דאַזיקער אָנצוג אַז גאָר ניט קיין פיינער — האָט ער צוגעגעבן, — צעקנייטשט געוואָרן אין וואַגאָן און היפּש אָפּגעריבן...

— נו, יאָ, איך זאָג ניט, — האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק דערפילט די פאַרלעגנהייט פונעם אַרטיסט און, ווי איבערבעטנדיק אים, ווידער ברייט און האַרציק אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אַ קער געטאָן דעם פּוס, צו וועלכן די מעד־שוועסטער האָט אָקאָרשט געוואָלט צוליגן אין עפּעס אָן אָנגעווייקט גאַל שטיקל מאַרלע. — איז, וואָס וועט איר זינגען צי שפּילן? —האָט דער קאָמאַנדיר געפרעגט און נייגעריק אַ קוק געטאָן אויפן פּעקעלע, וואָס דער אַרטיסט האָט געהאַלטן אונטער דער פּאַכווע.

— ניין, כ׳וועל פאָרלייענען... כ׳בין אַ פאָרלייענער, — האָט יענער גע־זאָגט מיט אינערלעכער פּעסטקייט, צונויפגערוקט די העלע, געדיכטע ברעמען און מידלעך אַראָפּגעלאָזט די בלוילעכע דינע אויגן־לעפלעך.

— אַ, פאָרלייענער, גוט, גוט, דאָס איז אינטערעסאַנט... ס׳פאַרבענקט זיך אַמאָל נאָך אַ ביכל, און לייענען איז ניטאָ ווען און ניטאָ וואָס... אָט טשעכאָוו וואָלט איך געלייענט, כאָטש וואָס־ניט־איז. האָב איך אַנומלטן געשיקט מיין אַד־יוטאַנט אין אַ נאָענט דערפל, ער האָט דאָרט איבערגעגראָבן וואָס איר ווילט, — נאָר טשעכאָוו ניט געפונען... דערנאָך האָבן זיך דאָ ביי אונדז אָנגעהויבן אַזעל־

כע שלאַכטן, אַז ס׳איז שוין אין קאָפּ ניט געלעגן. אָט בלויז היינט איז אַביסל שטילער...

אין ווינקל האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. דער יונגער לייטענאַנט מיטן רויטן, פּאַרפּלאָמטן געזיכט, פון וועלכן ס׳איז די גאַנצע צייט ניט פאַרשוואונדן דער אויסדרוק פון פריידיקער גרייטקייט און אַכטונג, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טרייבל, עפּעס אַ זאָג געטאָן אין דעם, איינגעהערט זיך אַ ווילע און באַלד זיך געענדערט. זיינע דיגע, אונטערגעגאָלטע ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן שטערן, דאָס פּנים איז נאָך רויטער געוואָרן, די האַנט, מיט וועלכער ער האָט געהאַלטן דאָס טרייבל, איז געוואָרן ווייס און האָט אַ ציטער געטאָן. — וואָס?! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ פּלוצימדיקער הייזעריקייט, — באַלד, באַלד... אָט גיב איך עס איבער דעם באַלעבאָס...

ער האָט מיט אָפּגעשטעלטע, עטוואָס ברייטער צעעפנטע אויגן שווייגנדיק אַ קוק געטאָן אויפן קאָמאַנדיר פון פּאָלק, מיט אָט דעם שווייגן געבנדיק אים צו פאַרשטיין, אַז עפּעס איז געשען וויכטיקס, מיט איין האַנט גענומען אויסגלייכן דעם פאַרדרייטן טעלעפאָן־דראָט און מיט דער צווייטער דערלאַנגט דאָס טרייבל.

— „אויגן״? אַרכיפּאָוו? — האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק איליק אַ פרעג געטאָן און תיכף זיך אַ בויג געטאָן מיטן גאַנצן גוף צום טרייבל. — האַ? איך הער, וואָ־אָס?! — האָט ער אַ זאָג געטאָן אָפּגעהאַקט, מיט אַ פאַרענדערטער שטים און אַזוי הויך, אַז דאָס קאַנעצל, וואָס האָט טונקל געברענט אין אַ ווינקל פון בלינדאַזש, האָט זיך אַ וויג געטאָן, און דער אַרטיסט, וואָס איז געשטאַנען ביים איוועלע, האָט דערפילט, ווי ס׳איז אים אַ פיבער דורך איבערן לייב. — וויפל זאָגסטו? וויפל?! צוואַנציק?! און צום שכן אויך? — האָט דער פּאָדפּאָלקאָוו־ניק געשריגן אין טרייבל. ער האָט מיטאָמאָל פאַרגעסן, אַז מ׳בינדט אים איבער דעם פוס, אים אַ שטעל־אַראָפּ געטאָן אויף דער ערד און אַ טראָט געטאָן נעענטער צום טעלעפאָן. די מעד־שוועסטער מיט די גלאַטע, לייגענע האָר איז געבליבן זיצן אַ פאַרגליווערטע אויף די שפּיץ פינגער, — כ׳וועל אַליין אָנקלינגען צו „בעווא״, צו „וואָלגע״. שיק שוין אַ מענטשן, אויב קיין פאַרבינדונג איז ניטאָ. זאָלן זיי אַרויסרופן אַ פאַרצוים־פייער... וואָס, דו זעסט, אַז זיי האָבן שוין געעפנט פייער? אַליין? דאָך דאַרף מען זיך פאַרבינדן... נו, אַרבעט, איך קום באַלד אַליין...

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט אוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

— אויפהייבן די דריטע ראָטע! — האָט ער אָפּגעהאַקט אַ זאָג געטאָן צום אַדיוטאַנט, — זי וועט גיין מיט מיר! — דער אַדיוטאַנט איז אוועק. — טאַכטערקע, פאַרענדיק שנעל די מאַניפּולאַציע, — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו דער מעד־שוועסטער. זי האָט פלינק גענומען פאַרפעסטיקן דעם אַראָפּגערוקטן באַנדאַזש. — די פּלאַנשעטקע! די שווערד! — האָט דער קאָמאַנדיר טרוקן באַפוילן דעם אָרדינאַרעץ, אַן עלטערן רויטאַרמייער מיט פלינקע, האַסטיקע באַוועגונגען, און ביז יענער האָט אים דאָס אַלץ דערלאַנגט, האָט ער אַליין דערוויל אָנגע־קלונגען צו „בעווא״. דער אַרטיסט האָט זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעם און ניט

געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. דער פּאַדפּאָלקאָווניק האָט אַרויפגעשלעפט דעם שטיוול, אַ שטאַרקן קרים זיך געטאָן און איז אויפגעשפרונגען, אָנגעטאָן דעם שינעל, וואָס האָט אים געמאַכט שטאַלטנער און נאָך מער מענערישער, פאַרקרעמפּעוועט זיך מיטן רימען און מיט די פּאָרטופּייעס. און דאָ האָט ער שוין מיט אַן אָפּוועגנדיקן בליק זיך אָפּגעשטעלט אויפן אַרטיסט, מיטאַמאָל ווי דערמאָנט זיך אין אים, אַ צעפּיר געטאָן מיט די הענט און אַ שמייכל געטאָן: נו, אָט ווערט אונדז אויך היינט אויסקומען אָפּלייגן די פּאַרוויילונג... מ׳דאַרף אַן אַטאַקע אָפּשלאָגן... אויב איר ווילט אַוועקגיין, וועט אייך דער דאָזיקער חבר, מיין אָרדינאַרעץ אָפּפירן, און אויב איר קאָנט, וואַרט... מירן אייך גערן אויסהערן... — און ער האָט אַזוי באַשעפּטיקט, האַרציק און זיך אַנטשולדיקנדיק אַ שמייכל געטאָן, אַז אינעם אַרטיסט האָט אַלץ אַ קוועל געטאָן פון פרייד, פון אינערלעכער, טיפער וואַרעמקייט און גליק.

אין בלינדאַזש זיינען פאַרבליבן בלויז דער אַרטיסט מיטן אָרדינאַרעץ.

— איך קאָן אייך אָפּפירן אין דיוויזיע, — האָט דער אָרדינאַרעץ געזאָגט, צורוימענדיק פונעם טישל עטלעכע טעפּעלעך, אַ טעלער מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך וואורשט און אויסשטעלנדיק דאָס אַלץ אַקוראַט אויפן פּאָליטשקע, וואו ס׳האָט געברענט דאָס קאַנעצל.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער, אָנוואַקסנדיקער געוואַי, און עטלעכע מעכטיקע אויפרייסן האָבן אויפגעטרייסלט דעם בלינדאַזש. ערד־שטויב האָט זיך גענומען שיטן פון דער סטעליע, אַ מייזל איז הין און צוריק דורכגעלאָפן איבערן ראַנד פונעם הענגענדיקן שפּיגל, אַראָפּגעלאָזט זיך איבער אַ דיקן באַלקן און פאַרשוואונדן אין אַ זייטיקער שפּאַרונע. דער אַרטיסט האָט געקוקט ווי דאָס עקעלע פונעם מייזל איז פאַרשוואונדן, און האָט זיכער געזאָגט:

— ניין, כ׳וועל ניט גיין אין דיוויזיע... כ׳וועל צוואַרטן, ביז ס׳וועט זיך ענדיקן. — ער האָט אַ כמורע געטאָן די געדיכטע ברעמען, אַ קרים געטאָן די עקשנותדיק צונויפגעפּרעסטע ליפּן, ווי ס׳זאָל אים בכלל דערווידער זיין די דאָזיקע פראַגע. ס׳האָבן זיך ווידער דערהערט איינס נאָך איינס עטלעכע שטאַרקע אויפרייסן גאָר נאָענט. ער האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער מאַכט: „נו, יאָ, מ׳קאָן דען עפּעס אַנדערש דערוואַרטן?“ — ניט פרעגנדיק קיין דערלויבעניש, האָט ער מיט די איידעלע ווייסע פינגער זיך אַ צי געטאָן צום אָפענעם פּעקל ציגאַרן, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און פאַררויכערט.

ס׳האָט זיך גאַנץ בוילעט דערהערט אַ שטעפּן פון קוילנוואַרפערס, אַן אומקלאָר גרילצן און זשומען פון מאָטאָרן. דער אָרדינאַרעץ האָט אומרואיק און מיט אַכטונג אַ לאַנגן, שווערן קוק געטאָן אויפן אַרטיסט, דערנאָך, ווי אַנטשלאָסן זיך, געזאָגט:

— איך מיין, חבר, אַז ס׳וואָלט פאַר אייך טאַקע בעסער געווען אַוועקגיין. איך וועל אייך ווייזן דעם וועג. גאָרנישט קומט דאָ אַזוינס ניט פאָר, נאָר איר זייט דאָך ניט געוואוינט. אַזוי אַז... ווי איר פאַרשטייט... איכ׳ל דאָ אַ קוק טאָן אַרויף און תיכף אַריינגיין... — ער איז אַרויס אין דרויסן.

דער אַרטיסט האָט רואיק געדרויכערט. קיין שום זאָרג און פאַרקלערטקייט האָט זיין געזיכט איצט ניט אויסגעדריקט, פאַרקערט, די אויגן האָבן זיך אָנגע־צונדן מיט אַ קוים מערקבאַרן אינערלעכן פייערל, נאָר אויך דאָס איז באַלד פאַרשוואונדן. זיין גאַנצע פיגור האָט איצט אויסגעדריקט בלויז רואיקייט און גרייטקייט. ער האָט דאָס פּעקעלע געפּרוואוט אַריינרוקן אין קעשענע פון שינעל, נאָר ס'איז ניט געקראָכן, האָט ער עס ווידער פאַרפּרעסט אונטער דער פּאַכווע.

דער אָרדינאַרעץ האָט זיך אומגעקערט אַ פאַרזאָרגטער, אַ באַשעפטיק־טער, אַ מאָדנע אויפגערעגטער. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער נאַרע אַ קאַסטן, אַרויסגענומען פון דאָרט עטלעכע גראַנאַטעס, דערנאָך איז ער אַרויפ־געקראָכן אויף דער נאַרע און אַראָפּגענומען פון וואַנט אַן אויטאָמאַט. ער האָט די גראַנאַטעס פאַררוקט אין קעשענע; איינע, אַ גרויסע — צוגעפעסטיקט אויף אַ שטריקעלע צום רימען. דעם אויטאָמאַט פאַרוואָרפן אויפן אַקסל און זיך גע־לאָזט צו דער טיר.

— נו, איז זייט דאָ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום אַרטיסט מיט פאַרוואורף, שטרענג אַ קוק געטאָן אויף אים פון דער שוועל, ווי מ'קוקט אויף אַ מענטשן, וואָס טוט, אייגנטלעך, ניט דאָס, וואָס מ'דאַרף, נאָר אַ מע האָט קיין מאַכט ניט איבער אים, אַ מ'פאַרשטייט אים ניט. דער אַרטיסט האָט עס דערפילט. ער האָט אומרואיק אַ בלאָנדזשע געטאָן מיטן בליק איבערן ברייטן טונקעלן בלינ־דאַזש. דאָס מייזל, וואָס האָט פריער זיך געהאַט באַהאַלטן, איז שוין ווידער אַרומ־געקראָכן איבערן ראַנד פונעם שפּיגל, און ס'האָט אין אים קיין עקל ניט דער־וועקט ווי פריער. פאַרקערט, ער האָט זיך דערפרייט מיט דער דאָזיקער לעבע־דיקער באַשעפעניש.

ס'איז אים, אייגנטלעך, קיין נאָווינע ניט געווען אַזוינס, וואָס דאָ קומט פאָר, איבערצולעבן. ער איז געווען אַ סאָלדאַט, געגאַנגען מיט דער ביקס אין האַנט, איבערגעלעבט די אַלע געפאַרן. אונטער מאָסקווע האָט ער געקעמפט, ער איז געגאַנגען פאַרטיידיקן זיין מאָסקווע, וואָס איז אים אַזוי טייער, וואו יעדער סקווער, יעדער ראָג, יעדעס טרעפל קען אים, וואו ער איז אַזויפיל מאָל אַרויס־געטראָטן פאַר טויזנטער מענטשן. דערנאָך האָט מען געפונען פאַר בויטיק אים באַפרייען פון דער אַרמיי, מחמת דער קראַנקהייט, האָט ער זיך צו דעם באַצויגן, ווי צו אַן אומבאַשטרייטבאַרער זאַך, אָבער אין דער סיבירער שטאָט, וואוהין ער איז געקומען, האָט ער זיך קיין רו ניט געקאָנט געפינען. „נו, גוט, גוט,“ — האָט ער געטראַכט, — „זאָל זיין, ער גייט ניט מער מיט דער ביקס, אָבער ווי קאָן ער זיין דאָ, אַזוי ווייט פון די שלאַכטן, כאָטש מיט עפּעס ניט איבערלעבן דאָס וואָס ס'לעבן איבער די מענטשן אויפן פראָנט“? אָט דערפאַר האָט ער זיך גע־בעטן פאָרן אין די אָפּערירנדיקע טיילן, אָט דערפאַר איז ער געגאַנגען אין פאָלק און גרייט געווען גיין נאָך ווייטער, אויב מ'וואָלט געקאָנט, אין די בלינדאַזשן און ערד־שטיבלעך, וואו די רויטאַרמייער וואַרעמען זיך. ער וואָלט דאָרט, ביי אַן אייוועלע פאַרגלייענט פאַר זיי, געשמועסט מיט זיי, אָבער איצט גייט אַ שלאַכט, און ער פילט זיך עפּעס איבעריק און קליין. אַ שוואַכער איז ער, ער

וויסט דאָס, דער וויטיק קאָן אים אַ כאַפּ טאָן, וועט ער אינמיטן וועג בלייבן שטיין. בישטיק איז זיין קראַפט אַלס סאָלדאַט, פיל שטאַרקער איז ער אַלס אַר־טיסט, אָט דאָ איז ער שטאַרק, דאָ קאָן ער דערטראָגן דעם צויבער און די מעכ־טיקייט פון פושקין, לערמאָנטאָוו, מאַיאַקאָווסקי. דאָס איז אפשר פּאָרן אַרמייער פונקט אַזוי וויכטיק, ווי ווען ער זאָל זיך לייגן לעבן אים מיט דער ביקס אין האַנט. אפשר איז עס אַזוי, אפשר איז עס אַלץ אמת... נאָר ער האָט איצט פּאָרט ניט געקאָנט איינשטיין אין בלינדאַזש אויג אויף אויג מיטן מייזל, וואָס האָט זיך שוין איינגעאָנצן אָן שרעק איינגעמאָסטעט אויפן ראַנד פונעם שפּיגל, צונויפגעצויגן דאָס גופל אין אַ קנוילכל...

ער איז אַרויס פון בלינדאַזש, פאַררוקט דאָס פּעקעלע אין בוזעם. ער האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז די אויפרייסן פון די סנאַריאַדן און מינעס לייגן זיך אַזוי נאָענט. די געשלענגלטע, פאַרשנייטע באַלקע איז איינגאַנצן פאַרצויגן געווען מיט בלוילעכן פולווער־רויך, שוואַרצע זיילן מיט פייער־בליצן אין דער מיט האָבן זיך אַלעמאָל געהויבן דאָ און דאָרט, און דאָס דונערן און קנאַלן האָט זיך אַזוי אויסגעמישט, אַז מ׳האָט שוין קיין באַזונדערע אויפרייסן ניט געהערט. אומעטום — אַ פייפן פון קוילן, אָט דין און פישטשענדיק און אָט מיט אַזאַ געהויל, אַז דאָס בלוט ווערט אַזש פאַרקילט. דער אַרטיסט האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרלוירנ־קייט, אַראָפּגענומען די בודיאָנאָווקע און אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די האָר. אים האָט זיך געדוכט, אַז די האָר באַוועגן זיך און זיינען צעשויבערט. ער האָט זיך איינגעבויגן, אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל.

מיטאַמאָל האָט ער דערזען דאָס שטעגעלע, מיט וועלכן דער אויטאָמאַטלער, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט, איז אַוועק צוריק אין שטאַב פון דיוויזיע. נאָר טאָקע ווייל ער האָט עס דערזען און ס׳האָט אים אַהין אַ צי געטאָן, האָט ער זיך געלאָזט אין דער פאַרקערטער זייט, אַנגעבויגענערהייט גענומען אַריבער־לויפן צו דעם נידעריקן אָפּנויג פון דער באַלקע, וואו ס׳זיינען געוואַקסן שיטערע קוסטעס און וואו ס׳האָבן אין טיפן שניי געפּויזעט אַרויף־צו עטלעכע רויט־אַרמייער. דערלאָפן ביז טיפן שניי, האָט ער זיך אויך אַוועקגעלייגט און גע־נומען פויזען. ער האָט באַלד דערפילט, אַז עס פרירן אים די הענט, און מיט פאַרדראָס זיך דערמאָנט, אַז אין בלינדאַזש, אויף אַ בענקל, זיינען געלעגן עמעצנס הענטשקעס, מען וואָלט זיי געדאַרפט נעמען. דער שניי איז געווען מוראדיק־קאַלט. פון אָפּענעם פעלד האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, שאַרפע שניי־גרייפלעך האָבן געשטאָכן אין פּנים. דאָס אַלץ האָט ער געפילט בלויז אין די ערשטע מי־נוטן, אין אַ רגע אַרום האָט ער שוין אין דעם פאַרגעסן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן העכער, דערגרייכט צום ראַנד פון דער באַלקע, און שיער ניט קיין געשריי געטאָן פון פאַרוואונדערונג. איבערן ברייטן, ווייסן פעלד, אויף וויפיל דאָס אויג האָט געכאַפּט, האָבן זיך געזען שוואַרצע אויפרייסן, פייער־בליצן; טאַנקען זיינען געגאַנגען, מענטשן זיינען געלאָפן, געפאַלן, גע־פויזעט, וואו רייענווייז, וואו איינציקווייז און וואו אין שוואַרצע קופּקעלעך. לכתחילה האָט ער זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן וואו עס זיינען אונדזערע און וואו —

דער שונא. זיין אויג האָט בלויז פאַרפיקסירט אין דער ערשטער מינוט באַזונדערע בילדער: אַט האָט עמעצער אַ שפּרונג אויף געטאָן מיט אַ גראַנאַטע, זי אַ וואָרף געטאָן אין אַ טאַנק, וואָס גייט גלייך אויף אים. דער מענטש האָט אַ פאַל געטאָן און דער טאַנק האָט זיך איינגעהילט אין שוואַרצן. נאָר תיכף האָט האַרט לעבן אַר־טיסט עפּעס אַ האַסטיקן שטעפּ געטאָן. ער האָט אינגאַנצן זיך צונויפגענורעט, דערפילט, ווי ס׳האָט אים אַ קאַלטער שוויס באַשלאָגן — דאָס האָט אַ קוילנ־וואַרפער געטראָפן גלייך לעבן אים. ער האָט אינסטינקטיוו זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר שפּאַן נידעריקער אין באַלקע. איצט האָט ער שוין ניט געזען דאָס פעלד, וואו די שלאַכט איז פאָרגעקומען. קוילן האָבן געפּייפט איבער זיין קאָפּ. ער איז געלאָפן לענגאויס דער באַלקע און נאָר אומקלאָר פאַרשטאַנען, אַז ער זוכט געווער, אַ ביקס צי אַן אויטאָמאַט, ער זאָל אויך עפּעס קאָנען טאָן.

ער האָט דערזען אַ טראַנשייע אין אָפּנייג פון דער באַלקע, צוויי רויטאַרמייער זיינען דאָרט געשטאַנען און געשאָסן פון ביקסן. ער איז צוגעלאָפן צו זיי. יענע האָבן אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פאַרשוואַרצטע, פאַר אָנשטרענגונג און כעס איבערגעקרימטע געזיכטער און ניט פאַרשטאַנען אוודאי רעכט, וואָס דער דאָ־זיקער מענטש טוט דאָ, קיין צייט ניט געהאַט פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם און ווידער גענומען שיסן. איז ער אַוועקגעלאָפן ווייטער.

די גאַנצע צייט האָט ער געהאַט אַ געפיל, אַז די ערד באַוועגט זיך אונטער אים, ווי זי זאָל זיך באַלד אָט דאָ, וואו ער שטייט, דאַרפן צעשפּאַלטן, און אים האָט אַלץ געטריבן פאָרויס, ער איז אַריין אין איין טראַנשייע און מיטאַמאָל דערזען דאָרט דעם אָרדינאַרעץ. ער איז געשטאַנען ביים ליימיקן ווענטל, די פּיס צעשפּרייט, צוגעבויגן מיטן גאַנצן גוף צום אויטאָמאַט, וואָס איז געווען אָנגע־שפּאַרט אין אַ שנייאיקן ברוסטווער. דערהערט טריט, האָט יענער געגעבן אַ קער־רעווע אויס דעם קאָפּ און דערזען דעם אַרטיסט. דעם אָרדינאַרעצס פּנים האָט אויסגעדריקט פאַרוואונדערונג. נאָר באַלד זיך איבערגעקרימט אין בייזן פאַר־וואורף צי אפילו פאַראַכטונג. ער האָט, דוכט זיך, אפילו אַ געשריי געטאָן: „וואָס טוט איר דאָ, גייט אַוועק”. דער אַרטיסט האָט ניט פאַנאַנדערגעקליבן זיינע ווער־טער, בלויז אָנגעשטויסן זיך, וואָס יענער מיינט. האָט ער זיך אויסגעקערעוועט און איז ווידער אַרויס אין באַלקע.

און באַלד האָט ער דערזען, וואָס ער האָט צו טאָן. אויפן ראַנד באַלקע איז אויף צוויי פיסלעך געשטאַנען אַ לייכטער קוילנוואַרפער, דערנעבן איז געלעגן אַ דערהרגעטער רויטאַרמייער — אומנאַטירלעך אָנגעבויגן, ווי ער זאָל מיט די הענט וועלן פאַרשאַרן דעם שניי, איז ער געשטאַנען אויף די קני, און מיטן קאָפּ, פון וועלכן דאָס היטל איז אַראָפּגעפאַלן, זיך אָנגעשפּאַרט אין דער ערד. אַ רויטער פלעק האָט זיך אין שניי צערונען — די קויל האָט געטראָפן אין קאָפּ. אַ צוויי־טער רויטאַרמייער האָט צוגעפויזעט צום קוילנוואַרפער, גענומען שנעל זיך פאַרען אַרום אים, אַריינגעשטעלט אַ דיסק, נאָר ער האָט זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט פאַרן פּנים און ליגן געבליבן אַ רגע אַ פאַרגליווערטער. דער־נאָך האָט ער איילִיק, מיט איין האַנט, גענומען שעפּן הויפנס שניי און לייגן זיי צום

געזיכט, פון וועלכן ס'איז גערונען בלוט, און מיט דער צווייטער פיבערדיק זיך געפּלייסט אַ קער טאָן דעם קוילנוואַרפער. דער אַרטיסט האָט זיך אַנגעבויגן, איז צוגעלאָפן צו אים און זיך אַ לייג געטאָן אין שניי. דער רויטאַרמייער האָט אָפּגענומען פונעם פנים די האַנט מיטן רויטן, מיט בלוט דורכגעזאַפּטן שניי, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט איין גרויסן, פאַרלאָפענעם אויג. דאָס צווייטע איז ניט צו זען געווען אין דער טונקעלער שרעקלעכער קאַשע פון צעבראַקטן ביין און פלייש, האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַן איבערגעטריקנט, פרעמד, ניט מענטשלעך קול:

— קאָנסט זיך באַגיין מיט אַ קוילנוואַרפער? שיס, אָט זיינען די דייטשן! — און ווידער אַ כאַפּ געטאָן אַ הויפן שניי שוין מיט ביידע הענט און פאַרשטעלט זיך דאָס פנים.

דער אַרטיסט האָט אָן ווערטער אַ קער געטאָן דעם קוילנוואַרפער. ער האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס צינגל און אַרויסגעלאָזט עטלעכע קוילן איבער די דייטשן. זיי זיינען טאַקע נאָענט. מ'זעט זייערע ברייט־צעלאָזטע שינעלן, ווי פרויען־פעלערינעס, די אַראָפּגעלאָזטע פּילאָטקעס און די פּנימער, וואָס זיינען פאַרוויקלט מיט פאַרשיידענע שמאַטעס. עפּעס שרייען זיי, די דייטשן... איז נאָכאַמאָל אַ דריק אויפן צינגל פון קוילנוואַרפער. אַ־האַ, איין סאַמע קופּע געטראָפן, אָט האָט ווידער עפּעס בייז אַ שנייד געטאָן לעבן אים דעם שניי, פּונקט ווי דאַן, ווען ער איז נאָר אַרויס פון בלינדאַזש. אַ פריידיק געפיל, וואָס די קוילן־ריי האָט אין אים ניט געטראָפן, טוט אַ ברי דאָס האַרץ. און ליכטיקער ווערט פון דער דאָזיקער קורצער פרייד דאָס פעלד אַרום. נאָר די סכנה פלאַטערט איבערן קאָפּ. אָט האָט ווידער אַ קויל דורכגעפייפט איבער זיין אויער, אַ שוואַרצע זייל ערד האָט זיך אויפגעהויבן ניט ווייט פאַרויס. נאָר וועגן דעם אַלעמען דאַרף מען אַפילו ניט טראַכטן. ס'האָט ווידער זיך אויפגעהויבן אַ הייפל דייטשן און לויפן אַהער — איז צוגעזשמורעט דאָס אויג און אַ דריק דעם צינגל, אַ־האַ, אַזוי!

דער קויל־דיסק איז אויסגעגאַנגען. וואו זיינען די דיסקן? נאָר עפּעס אַ האַנט טוט תיכף אַ שטרעק אויס אַ פרישן דיסק. הער, דאָס איז דאָך דער פאַרוואונדעטער רויטאַרמייער! ער איז ניט אַוועקגעגאַנגען. בלוט האָט געדיכט פאַרגאָסן זיין שינעל, דעם אַרבל, בלוטיקע שניי־קייקעלעך ליגן אַרום און אַרום, נאָר ער גייט ניט אַוועק. דער אַרטיסט דערפילט אַ גרויסע צאַרטקייט צו אים, ער וואָלט אים עפּעס געזאָגט. דאָס אַלץ געדויערט אָבער איין אויגנבליק, דער קוילן־דיסק איז שוין אין זיינע הענט, מ'דאַרף אים אַריינשטעלן. ערשט איצט דערפילט ער ווידער, אַז די הענט זיינען ביי אים פאַרקאַוועט פון פראָסט, די פינגער פאָלגן ניט. און די דייטשן זיינען שוין זייער נאָענט, אַ דרייסיק שפּאַן, עטלעכע דייטשן אינגאַנצען, מ'דאַרף זיי אונטערשניידן. דער דיסק איז שוין אַריינגעשטעלט. אַ דייטש, וואָס איז נעענטער פון אַלע, טוט אַ הייב אויף דעם אויטאָמאַט, נאָר דער אַרטיסט האָט שוין אָפּגעזוכט מיטן פינגער דאָס צינגל. אַ דריק. דער קוילנוואַרפער נעמט אונטערשפּרינגען פון די שאָסן. איצט איז גוט, איצט — דריקן אַזוי און דריקן. עפּעס האָט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, עפּעס האָט ווי אויפגעפלאַמט פאַר די אויגן און איז תיכף אויסגעלאָשן געוואָרן. אפשר אויך פרוואון אַ כאַפּ טאָן שניי, נאָר ערגעץ וואַלגערט ער זיך גאָר דורך, ווי אין אַן אָפּגרונט. געדענקען געדענקט ער אָבער,

אַז ער דאַרף דריקן דאָס צינגל פון קוילנוואַרפער. און ער דריקט, דריקט מיט די לעצטע כוחות.

צו אָוונט־צו איז די אַטאַקע אָפּגעקלאַפּט געוואָרן. דער שונא איז אָפּגעטראָטן. אַ מידער, אַן אויפגערודערטער האָט דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק זיך אומגעקערט אין בלינדאַזש. דער פּוס האָט אים ווי געטאָן, ער האָט שטאַרק געהונקען. אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ בענקל, האָט ער זיצנדיק גענומען אויסטאָן דעם שינעל. ביים יונגן אַדיוטאַנט איז דער קאָפּ געווען פאַרבונדן מיט מאַרליע, אויף וועלכער ס'איז אַרויסגעטראָטן אַ רויטער פלעק. ער האָט זיך אַ מידער צוגעזעצט אויף דער נאַרע און פון שאַרפן ווייטיק צוגעמאַכט די אויגן, נאָר באַלד האָט ער זיי אָן עפּן געטאָן. דערזען, אַז דער פּאָדפּאָלקאָווניק באַמיט זיך אַראָפּשלעפּן דעם שטיוול, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אים העלפן. יענער האָט אים אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט, ער זאָל זיצן. דער באַיאַרטער אָרדינאַרעץ האָט זיך שטיל געפּאָרעט ביים איַיוועלע, מיט אַ דייטשישן טעסאַק אָפּגעשפּאָלטן דינע שפּענדלעך פונעם שייטל האָלץ.

— און דער אַרטיסט איז וואָס, טאַקע אָוועקגעגאַנגען אין דער דיוויזיע?

— חבר פּאָדפּאָלקאָווניק, — האָט דער אָרדינאַרעץ אויפגעהערט שפּאַלטן די שפּענדלעך און אויפגעהויבן זיך אויף די קני. כ'האָב אים געוואָלט אָפּפירן, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— איז וואו זשע איז ער?

— ער איז אומגעגאַנגען דאָ אין באַלקע בעת דער שלאַכט, — האָט דער אָרדינאַרעץ פאַרלוירן, נאָר מיט וואַגיקער ניט־באַווילליקונג געזאָגט, — מסתמא איז ער אַוועק אין דיוויזיע, נאָר איך האָב שוין קיין צייט ניט געהאַט אים באַגלייטן, כ'האָב אַליין געשאָסן.

דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק האָט אַנגעשטעלט אַ שטרענגן בליק אויפן אָרדינאַרעץ, וועלכער איז פאַרגליווערט געוואָרן מיטן שייטל האָלץ אין האַנט. דערנאָך אומרואיק איבערגעפירט דעם בליק אויפן אַדיוטאַנט.

— אָט אַ נייס... — האָט ער פאַרלוירן אויסגעצויגן.

אַ פעסטער, אַן אויפגערוימטער, אין אַ וויס, קורץ פּעלצל איז אַריינגעקומען דער פאַרטרעטער פונעם פּאָלק־קאָמאַנדיר און הויך זיך באַגריסט. ער איז דעם גאַנצן טאָג געווען אויפן באַאָבאַכטונגס־פּונקט און ערשט איצט זיך אומגעקערט אין בלינדאַזש.

— האָסט ניט באַמערקט, — האָט ער זיך געווענדט צום קאָמאַנדיר פון פּאָלק, — דאָ ניט ווייט, לעבן באַלקע, ביי אַ האַנט־קוילנוואַרפער ליגט אַ דערהרגעטער אין אַ שינעל, נאָר אין אַ ציווילן אָנצוג... עפּעס ניט קיין אונדזעריקער.

— וואָס?! האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק האַסטיק זיך געגעבן אַ הייב אויף. — אָנו, קום, באַווייז וואו?

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם שינעל אויף די אַקסל און איז אָן אַ היטל אַרויס אין דרויסן. נאָך אים — דער פאַרטרעטער און דער אַדיוטאַנט. ווייטער מיט אַ

פֿאַר שפּאַן — דער אָרדינאַרעץ. מ׳האָט זיך אויפֿגעהויבן אויפֿן ראַנד פֿון דער באַלקע, וואו ס׳איז בײטאָג פֿאַרגעקומען אַ בלוטיקער האַנט־געראַנגל און עס זיינען געלעגן פֿיל דײטשישע און אויך אונדזערע דערהרגעטע. דער פֿאַרטרעטער פֿונעם קאָמאַנדיר האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איינעם, וואָס איז געלעגן אין שניי, ביי אַ קוילנוואַרפֿער, ברייט פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן די הענט און די פֿיס, מיטן פּנים אַרויף, ווי ער זאָל זיך איינקוקן אין טיפֿן אויסגעשטערנטן הימל. איין פּאָלע פֿון זיין שינעל איז געווען פֿאַרבויגן און האָט אָפּגעדעקט אַ ציווילן קליאַש־הויז און אַ פֿאַרקיילעכיקטן ראַנד פֿון פּידזשאַק. אויף דער ברוסט ביי אים האָט, פֿאַררוקט אין שינעל, געשטעקט אַ פּעקעלע.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט זיך אָנגעבויגן איבערן אַרטיסט. גרייפּעלעך שניי זיינען געלעגן אין די ווינקלען פֿון יענעמס אָפֿענע פֿאַרגלייזטע אויגן, צווישן די געדיכטע וויעס און לעבן מויל. נאָר איינעם גאַנצן געזיכט, נאָך ניט קיין פֿאַרענדערטס פֿון טויט, אַ פֿאַרקאָוועטס פֿון פֿראָסט, איז געווען אַן אויסדרוק פֿון טיפֿער ווירדע און פֿאַרנומענקייט, ווי עס זאָל פֿאַרבאָרגן אין זיך, אַ שטרענגס און שטיינערנס, דעם לעצטן געדאַנק, דורך וועלכן ס׳איז באַגייסטערט געווען. דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט פּאַמעלעך זיך אויפֿגעהויבן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אין קני פֿון דעם געזונטן פֿוס, נאָר מיטאַמאָל ווידער זיך אָנגעבויגן און אַרויסגענומען דאָס פּעקעלע, וואָס איז געלעגן ביים טויטן אויף דער ברוסט. ער האָט עס פֿאַנאַנדערגעוויקלט. דאָס זיינען געווען אַ פּאָר שוואַרצע לאַקירטע שיך.

— קאָנצערט־שיך... — האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק שטיל געזאָגט, זיין שטים האָט אַ ציטער געטאָן, — אַן ערלעך האַרץ האָט דער דאָזיקער אַרטיסט געהאַט... לאָמיר אים אָפּגעבן כבוד, חברים...

אין דער טונקעלער נאַכט, ביי דער שיין פֿון ווייטע ראַקעטן, איז אַ הייפֿל מענטשן עטלעכע רגעס געשטאַנען מיט אַנטבלויזטע, פֿאַרנייגטע קעפּ.

1943

ליפע רעזניק

מאָנען און צאָלן

איך בלעטער איצט נאָכאַמאָל אַלטע פאַרגעסענע בלעטער
און מיש אויף דעם רום פון מיין פאָלק און זיין פיין און זיין צאָרן.
איצט וויל איך ניט גאָרנישט פאַרגעסן — איך וועק אין זכרון
פאַרגאַנגענע צייטן מיט בלוט און מיט טרערן געזעטיקט.

עס טליען אין שטעט דיינע, דייטשלאַנד, פאַרצייטיקע שפורן
פון בלוטיקן בלבול, פון לאַנד־לאַטעס, שייטערס, פאָגראָמען,
ניט אָפּגעווישט האָט זיי די צייט און ניט דראַנג און ניט שטורעם, —
איצט גליען זיי העל און באַלויכטן דעם וועג צו נקמה.

און זע איך דיין האַקנקרייץ איצט מיט די פינצטערע שלייפן,
און העלדזער פון ליכטיקע מיידלעך די שלייפן פאַרציען, —
דערמאָן איך די קרייצטרעגער דיינע, און היימען אין שרפות,
און גלייביקע יידעס, געהאָנגען מיט הינט אויף איין תליה.

און אָטעם דערשטיקטן אין פריש אָנגעשאָטענע קברים
אויף מאַמעס און קינדער אין קערטשער און קיעווער טאָלן,
און קדושים, געשאָכטן אין שפייער, אין מיינץ און אין וואָרמס. —
איצט וויל איך ניט מוחל זיין גאָרנישט, — כ׳וויל מאָנען און צאָלן.

די זין דיינע, דייטשלאַנד, מיט מעסערס פאַרקלעמט אין די ציינער.
(זיי האָבן פאַרפייניקט מיין ברודער און דיר אַ מתנה
געשיקט דיינע אָרעמע קליידער), — ביי זיי וועל איך מאָנען
פאַר איצט און פאַר פריער, און דו וועסט מיט בלוט זיי באַוויינען.

אויף זיי און אויף זיך וועסטו וויינען אין טאָן פון נקמה —
זיי האָבן מיין יידן געפּייניקט אין נאָמען פון קריסטוס,
איצט שענדן זיי קינדער, און שעכטן, און היימען פאַרוויסטן
אין דיין נאָמען, דייטשלאַנד — געשענדט איז אויף אייביק דיין נאָמען.

ניט אָפּוואַשן וועסטו מיט טרערן פון דייטשישע מאַמעס,
מיט בלוט פון די זין דיינע, דייטשלאַנד, דיין שאַנד און די קללה
פון פעלקער און דורות, און וועסט ניט פאַרלעשן די פלאַמען
פון האַס און פון צאָרן אין טאָג פון דערמאָנען און צאָלן.

הענעך שוועדיק

דער מאַמעס טרער

ווי געגאַנגען זיינען מיר דורך סאַמאַרקאַנד
צו דעם צוג, וואָס וועט אין שלאַכט אונדז פירן,
זיינען מאַמעס, מאַמעס נאָכאַנאַנד
אַרויסגעגאַנגען פון טויערס און פון טירן.

מיט וויפל אויגן כ׳האָב זיך ניט באַגעגנט,
איז אַלץ געווען מיין מאַמעס בליק,
און אַלע האָבן זיי ביי דער געזעגנונג
שטילערהייט געוואונטשן גליק.

אַזוי צאַרט האָבן גערעדט די אויגן,
און ס׳איז קלאָר אַזוי געווען דער זין,
אַז עס וואָלטן קיין שום ווערטער טויגן
ביי דעם שווייגן־געשפּרעך פון מאַמעס און פון זין.

אַ קליינע מאַמעשי (אויף מיינער אַזוי ענלעך)
האָט אויפן טראָטואַר אַרויסגעבראַכט
אַ גרויסן עמער וואַסער מיט צוויי קענדלעך
פאַר די זין אירע, וואָס גייען אויף דער שלאַכט.

ס׳איז אין עמער שטיל איר טרער געפאַלן,
און געזען האָב איך (ניט איך אַליין):
ס׳איז דאָס וואַסער גלייך געוואָרן מאָדנע שטראַליק,
אַזוי וואונדערלעך און זויבער־ריין.

וואו איך וועל ניט זיין (אין פייער און אין רויכן)
אויף מיין פיינפולער און שטרענגער ערד,
וועט מיר פאַר די אויגן שטענדיג לויכטן
אָט די קלאָרע, וואונדערלעכע טרער.

ס׳וועט די טרער מיר לויכטן ווי אַ שטערן,
און פאַרויס נאָך צילן וועט די טרער,
ביז עס וועט די גאַנצע ערד ניט ווערן
ריין און ערלעך, ווי אַ מאַמעס טרער.

פריינטשאַפט

טרעפט, מ׳זיצט אין סאַמע פייער,
קומט ניט אָנעט אַזוי גיך
אונדזער ליבע, אונדזער טייערע
פיר־רעדערדיקע קיך.

איז ביי איינעם ברויט אַ ברעקל,
שלינגט ער עס ניט איין אַליין, —
מעג עס אויף אײן צאָן בלויז קלעקן,
נאָר צעטיילט אויף אַלע ציין.

ווי מיר פלעגן איין ציגאַרל
רויכערן באַדריט, באַפערט,
ווי פון קליינינקן סוכאַריק
פיר סוכאַריקעס עס ווערט.

ווי ס׳איז וואַרעם אונדז אין פריינטשאַפט
אויף דער קאַלטער, נאַסער ערד.
גיי געפין אַזאַ מין פריינטשאַפט,
גיי שאַץ אָפּ איר ווערט.

ניט פאַר איר איך גיי זיך שלאָגן
מיט מיין ביקס און מיט מיין שווערד?
ניט פאַר איר דאָס בלוט דאָס טייערס
אין דער שלאַכט פאַרגאָסן ווערט?

זי וועט דורכגיין אַלע פלאַמען,
ווי דעם דיכטערס גרויסע ליד.
דיכטער שטאַרבן, נאָר די דיכטונג
וועט ניט שטאַרבן — קיינמאָל ניט.

ס׳וועט די גרויסע פריינטשאַפט קומען,
זעסט, זי מערט זיך אַלץ און מערט,
זי וועט קומען, זי וועט קומען,
און ס׳איז אויפגיין איר באַשערט
אין מיין לאַנד — מיין ליבער מוטער,
אויף מיין ריינער, אויף מיין גוטער,
וואונדערלעכער ראַטן־ערד.

מאָטל האַרצמאַן

ווען שלמה...

ווען שלמה געגאַנגען איז זיכער אין קריג,
איר בילד האָט אים דעמלט געגעבן
זיין הייסע געליבטע — אַ גאָלדענער בריק
זיך ציט פון איר האַרץ צו זיין לעבן.

און אומגעקערט האָט ער דאָס בילד אירס — און דאַן
געזאָגט איר: „איך וועל עס ניט נעמען,
אין האַרצן ביי מיר איז דיין אויסזען פאַראַן,
דיין אָדלערשער פּלי פון די ברעמען.

מיין האַרץ וועט געדענקען דיין בילד, ווי אַ טרייסט,
איך האָב עס אין האַרצן פאַרשלאָסן,
נאָר אויב־זשע איך וועל דיך פאַרגעסן, טאָ ווייס —
מיין האַרץ האָט דער שונא צעשאָסן”.

אַוועק איז אַ ייִנגל...

אַוועק איז אַ ייִנגל אין הייליקן שלאַכט,
אַ ייִנגל מיט ליכטיקע קרויזן,
נאָך אים זיין געליבטע אַוועק איז ביינאַכט
אין שטומען, אין פינצטערן דרויסן.

דאָס מיידל געפונען פאַרטאָג האָט איר פריינט,
געזאָגט: „עפן אויף דיינע אויגן”!
נאָר ס'האָט אויסגעשטאָכן די אויגן דער פיינט.
דאָס מיידל האָט שטיל זיך פאַרבויגן...

און זי האָט געוויינט: „איך בין אָרעם אַצינד,
צוויי דימענטן האָב איך פאַרלאָרן:
דער שונא געמאַכט דיינע אויגן האָט בלינד” —
ס'האָט הייליק געפלאַקערט איר צאָרן.

און זי האָט גענומען זיין קאַלטן נאַגאַן
דעם שונא דעם לעצטן צעשיסן.
אין אַ לויטערן טאָג זיינען ביידע געגאַן
אין מאַי, ווען עס בליִען נאַרציסן.

פרייד

דער ים האָט געברויזט: „ווער איז טיפער פון מיר
און ווער איז, ווי איך, אַזוי ברייט?"
געקומען אַ מאַן איז, פון ווילן געפירט,
און האָט אים געענטפערט: „מיין פרייד".

דו, ברייטער ים!

דו ברייטער ים, איצט קוקנדיק אויף דיר,
ווי זון און ווינטן יעדן שטראָם באַשאַפן, —
די אייביקייט דערמאָנט זיך מיר —
איר בלויער, וואונדערלעכער האַפן.

דאָ שווימען כוואַליעס צו דעם האָריזאָנט,
און פלאַם און דאָרשט זיי טראָגן אויף די קאַמען,
באַוועגונג אייביקע האָב איך דערקאָנט
אין זיי, אין כוואַליעס פון די ים'ען.

מיין האַרץ האָט אָבער זיך פאַרקלערט,
און ענטפער קען עס דאָ דערהערן:
אַנשטאָט דעם ים געווען איז אפשר ערד,
און ערד וועט אפשר דאָ נאָך ווערן.

א. י. קיפּניס

ברידער

(דער „רב“ און דער „סאָלדאַט“)

זיי זיינען אינגאַנצן ניט געווען געראָטן איינס אינעם צווייטן, סיידן דאָס, וואָס זיי זיינען ביידע געווען געלע.

ביי זלמנען מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד איז דער גאַנג שטענדיק אַ פּאַ־מעלעכער, ריידן רעדט ער שטיל בנעימות, כאָטש פון די אויגן קוקט אַרויס אַ קלוגער שמייכל, פונעם שמועס — אַ גלייך־וואָרט.

ביי פּיוויש בערעלען דערלעבט דאָס בערדעלע קיינמאָל ניט אויסוואַקסן מער, ווי ער ברויכט עס. דאָס קורצלעך גזול זעט אויס ווי אַ קירפּאַטע. פון די אויגן שפּריצט מיט געלעכטער און זיין גענגעלע הערט מען פאַר אַ ווערסט, פונקט ווי די עטוואָס־הויכלעכע אַפּצאַסן פון זיינע אויסגעפּוצטע שטיול וואָלטן געווען איינס מיטן טומלדיקן באַלעבאָס מיט זייערן.

ביידע — אי זלמן, אי פּיוויש־בערעלע — פיינען לייבלעכע ברידער, פון איין טאַטן, פון איין מאַמע און ביידע זיינען זיי שוסטער, בני שוסטער און וואוינען אַלע יאָרן אין איין און דעם זעלבן דאָרף.

צו יעדן פון זיי, ווער ס׳פאַרגייט אין שטוב, וועט ניט אַרויס פון דאָרט קיין הונגעריקער. פאַר אַ דורכפאָרער איז דאָרט גרייט אַ נאַכטלעגער און אַ גוט געמיט סיי ביי דעם באַלעבאָס אַליין, סיי ביי דעם גאַנצן הויזגעזינד.

די ברידער זיינען אַפילו גרייט מקנא זיין איינער דעם צווייטן אויף אַזאַ געפינס.

נאָר דאָס איז גאָרניט.

אויף אַ דאָרפס־יידן איז עס ניט קיין חידוש.

ביים מנין האָבן זיי זיך געזען אַלע שבת. און איבעמיטן דער וואָך פלעגט פּיוויש־בערעלע ביי יעדער געלעגנהייט זיך אַריינכאַפּן צום עלטערן ברודער. אַמאָל פעלט אים אויס אַ קליינער קאַפּול, אַמאָל לויפט ער פון עפּעס אַ כאַזאַין, וואָס וואוינט פון יענער זייט הרעבליע, איז ווי אַזוי פאַרלויפט מען ניט אין איינוועגס אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך ביי זלמנען? אַזוי טאַקע נאָר אויף איין פוס, זיך צוזעצן איז ניט די צייט. אַ קוק, אַ זאָג עפּעס און אוועקגעלאָפן.

אַ זייטיקן וואָלט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז דער גאַנצער כיוון פּיוויש־בערעלעס איז באַשטאַנען אין דרינען, ער זאָל זיך אַ רייך טאָן מיטן עלטערן ברודער.

אָט טרעפט ער אים, לאָמיר זאָגן, שטיין שמונה־עשרה אינעם גרויסן טלית־און־תפילין, דאָרט אין זאָלכל לעבן קאַנאַפּע ביי דער שטוביקער מזרח־וואַנט.

דאָ שטעלט אַן פּיוויש־בערעלע זיין פריילעכן בליק, וואָס מיט צעגאָלדענע

וויעס באַקרוינט. זיינע שטעכיקע קורצע וואָנצעלעך צעגייען זיך ווי די פּריי־לעכע נעדלעלעך — יעדעס הערעלע באַזונדער.

— קוק אים נאָר אָן, — טוט ער אַ וויז מיטן פינגער, — די סירניצער יידן ווייסן גאָרניט וואָס פאַר אַ רב זיי וואָלטן זיך דאָ קאָנען אויסקלייבן.

זלמן שטייט רואיק אויס די שמונה עשרי, ענטפערט פּיוויש־בערעלען אויפן „גוטן מאָרגן" און אויב יענער עסט זיך שוין צופיל איין אין דיביינער, קאָן ער אים ענטפערן בלויז מיט איין וואָרט:

— מ־מ־מ, סאָלדאַט — סאָלדאַט!

דוכט זיך, אַז זיי האָבן גאָר קיין אַנדערע נעמען איינס פאַרן צווייטן, ווי רב און סאָלדאַט.

ביידע ברידער באַנייען און באַשוכן אַ גאַנץ דאָרף מיט פויערים, פּויערטעס, יונגע און אַלטע.

דער יינגערער איז אַביסל רירעוודיקער ביי דער אַרבעט, דאָס העמערל גייט ביי אים פלינקער. דערפאַר איז זלמן מער צונויפגעוואַקסן מיטן ווערקשטאַט. ווינטער זעצט ער זיך אַוועק פאַרטאָג ביים גרויסן לאָמפּ און גייט אַוועק שלאָפן אַרום עלף ביינאַכט, ווען די גאַנצע גאַזע ברענט אויס. זומער הויבט זיך ביי אים אָן דער אַרבעטס־טאָג מיטן קילן פרישן קאַיאָר, אַז די בהמה איז נאָך אפילו אין שטאָל ניט געמאָלקן, און זיך אויסגלייכן גלייכט ער זיך אויס ערשט דאַן, ווען בעלקע ברענגט שוין פאַרנאַכט אַריין דאָס אויפגעשוימטע מעלקשעפל מילך. ערשט דאַן גלייכט ער זיך אויס, טוט זיך אַ ציי נאָכן לאַנגן טאָג, גייט אַרויס, וואוהין מ'דאַרף, דערנאָך וואַשט ער די פאַרמוליעטע הענט און שטעלט זיך אַוועק דאַווענען מנחה.

און ס'בלייבט נאָך צייט אויף אויסצוריידן מיט אַ מענטשן אַ וואָרט, אָפּ־זיצן אַביסל אויף דער פּריזבע און באַטראַכטן גאָטס וועלט. און דאָס לעבן גייט זיך.

אין די סאַמע ערשטע וואָכן, ווען די פינצטערע בורע מיט דער זאַווערוכע האָבן זיך אָנגערוקט אויף אונדזער לאַנד, זיינען זלמנס זין מיטן איידעם, ווי אויך פּיוויש־בערס יאַטן אַוועק זיך איינשטעלן פאַרן פאָטערלאַנד, יעדערער פון דעם פּלאַץ און פּאָסטן, וואו ער האָט זיך צו יענער צייט געפונען.

אַז די סכנה האָט זיך אָנגעהויבן רוקן נעענטער, האָבן ביידע שוסטער געדונגען פורן און אָפּגעשיקט די משפּחות אין שטעטל אַריין פאַר 28 קילאָ־מעטער פון דער רודניע און אַליין זיינען זיי געבליבן היטן דאָס ביסל גוטס.

אין לעדערנעם פּעקעלע ביי פּיוויש־בערן האָבן גענומען וואַקסן נאָדלען. אַרבעט איז נאָך אפילו דאָ, נאָר ער קאָן ניט איינזיצן. ער טוט אַ וואָרף דעם שטיוול מיט פּאַטיהייעץ, דאָס העמערל פליט אָפּ אין אַ זייט, ער פאַרמאַכט די טיר פון דרויסן אויף דער קליאַמקע און טוט אַ לויף דורך דעם זאַמדיקן דאָרף פאַרביי דעם ברייטן קלויסטער־פּלאַץ. ער כאַפּט אַ שמעק אין דאָרף־ראַט. דאָרט איז איצט כסדר עמעצער דאָ. פון דאָרטן דאַרף מען נאָר איבערשפּאַ־

נען דאָס קליינע בריקל, איז שוין זלמנס נידעריק גאַניקל מיט דער הויז־טיר.

דער ווערקשטאַט זלמנס, ניט געקוקט דערויף, וואָס די גאַנצע שטוב איז איצט ליידיק, שטייט זיך אויף זיין אַלטן אָרט אין קיך אַרום פענצטער.

— נו, רב, וועט איר עפּעס זאָגן?

פּיוויש־בערעלע פלעגט אויסשיסן די דאָזיקע עטלעכע ווערטער און זיך אונ־טערגעבן פריילעכקייט. אָבער אויף ליידיקן מאָגן גייט קיין טאַנץ ניט.

זלמן טוט אַ טיפן זיפץ. און דאָ האָסטו שוין דעם גאַנצן ענטפער.

אין אמתן, דאָס לעבן האָט זיך שוין אַזוי שיין געווען אויסגעשטעלט. די עלטערע קינדער זיינען שוין געקומען צו אַ וועג. די קלענערע האָבן זיך גע־לערנט, אַ דאַנק גאָט, ניט אין קיין דחקות, ניט אין קיין נויט, יעדערער לויט זיינע כוחות, לויט זיינע פעיאיקייטן.

פרעגט זיך, צו וואָס דאַרף דער אויבערשטער אויף זיין וועלט שפּינען, עקדישן, שלענג, וועלף און נאָך אַזעלכע ניט־גוטע ווי אַ המן, אַ פּעטליורע, אַ היטלער, ימח שמו זאָל ער ווערן.

נאָר דערוויל לאָזט זלמן אויס דאָס האַרץ צום יינגערן ברודער. למאי האָט ער פאַרגעסן אין יידישקייט, למאי דאַוונט ער ניט.

— מילא די יונגע... זיינען וואָס זיי זיינען זיך, נו, אין זיי מישט ער זיך ניט, זיי לייענען ביכלעך, זיי לערנען, זיי ווייסן זיך זייערס. אָבער דו! קיין עין־הרע אַ סאָלדאַט אין די יאָרן, וואָלט דיך דער גוטער יאָר אָוועקגעכאַפּט, ווען דו מעסט אויף זיך אָן דעם טלית און תפילין אַלע גאַנץ פרי און מאָליעסט זיך אָפּ?

פּיוויש־בערעלען איז, דעם אמת געזאָגט, אַביסל געווען אומהיימלעך זיך פאַרקריגן אין אַזאַ צייט מיט גאָט. נאָר די תפילין — זיי אַ בריה און זוך זיי אויף. זיי זיינען אָדער ערגעץ פאַרלייגט, אָדער די ווייב האָט זיי פאַרשלעפּט אין מירניצע צוזאַמען מיט די איבעריקע בעבעכעס.

— נאַ, מאַך אַ ברכה!

פּיוויש־בערעלע האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַן אַנגעוואָרעמט גלאָז מיט רויטע יאַגעדעס און פטור געוואָרן פון איבעריקע רייד.

דאָ אין דאָרף איז עס אַ נאָווינע, מ׳דאַרף נאָך זיי גיין אַזש צו די כור־טאָרעס.

ביידע ווייבער און זלמנס עלטערע טאָכטער האָבן איבערגעגעבן אַ צע־טעלע, אַז די קרובים אין שטעטל לאָזן זיי ניט פאָרן צוריק, פאַרקערט, גיכער פון אַלץ וועט זיי אויסקומען זיך לאָזן אינאיינעם קיין קראַסנע, דאָרטן וועלן זיי מסתמא פאַרפאָרן צו די מחותנים — צו משהס שוועער און שוויגער...

און איר זאָלט דאָרט זען ווי די צייט וועט ווייזן, ווייל דאָ זיינען נאָר פון אַסקאָלעס אַליין אַ סך מענטשן אַוועק פון דער וועלט.

פּיוויש־בערעלע האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויפן עלטערן ברודער

און לאַנג, לאַנג ניט אָפּגעלאָזט, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס געמאָנט ביי אים, איינער מיינט:

— דו ביסט דאָך, אַז מ'וויל זאָגן, אַביסל אַ רב... נו, אַדרבה, זאָג...

די רידניער יידן האָבן זיך שוין אַלע צעפאָרן. אַפילו די פּויערים, די קאַלווירטלעך האָבן געגומען קומען אין וואַלד אַריין.

ס'איז אַ סברא, אַז וואַסילקע קרוטש (אַ גנב שבגנבים) איז אַנטלאָפן פון דער טורמע. ער באַרימט זיך, אַז ער וועט קיינעם ניט טשעפּען, ער מוז נאָר אַריינשטעכן אַ מעסער אין האַרצן סערגעיען, דעם פאַרזיצער פון דאָרפסראַט.

אייגנטלעך אין טורמע האָט אים געזעצט ניט סערגעי און ניט קיין אַנדערער דאָ אין דאָרף. מ'האָט אים געהאַט געכאַפּט אין סירנעצע מיט אַ געגנבעט פערד, און אַהער האָט מען אים שוין מער ניט געבראַכט.

הקיצור ס'שלעכט.

דו זיצסט ביים ווערקשטאַט און קיינער דאַרף עס איצט ניט. ס'איז פּונקט ווי דו וואָלסט זיך נאָכגעקרימט פון זיך אַליין. פּשוט אַ מענטש וויל אַליין פאַר־טומלען דעם קאָפּ מיט עפּעס.

אין די שטילע גאַנצפריען הערט מען ווי ס'הודען עראָפּלאַנען, אַזוי ווי די איינגעגעסענע שמעלן, און ס'נודעט אַזוי ביים האַרצן, כאָטש טו זיך אַ מעשה אָן.

דער דאָרף רוקט זיך אין וואַלד אַריין שוין ניט נאָר מיט די קאָסטנס, נאָר אַנדערע אַפילו מיט די געזינדער.

אין דאָרפסראַט איז געווען אַן אסיפה, און מ'האָט באַלד נאָך דעם אַוועק־געטריבן די קאַלווירטישע טשערעדע ערגעץ ווייט. מ'זאָגט, אַז אין טיף ראַסיי.

זיך געדאַרפט אפשר צוטשעפּען צו די היידייעס און אַוועקגיין מיט זיי איב־איינעם.

לאַנגע, זייער לאַנגע טעג.

און דאָס הודען פון די עראָפּלאַנען סמאָקעט אַזוי ביים האַרצן, אַז איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

ענדלעך איז דאָ נאָענט דורכגעגאַנגען אַ סך חייל. אונדזערע זיינען דורכגע־גאַנגען. ס'געוואָרן אַ ביסל היימלעכער, גרינגער אויף דער נשמה. אָבער ניט אויף לאַנג. זיי האָבן זיך דאָ ניט אָפּגעשטעלט.

קרוטשיקן, דערציילט מען, האָט מען ווייטער געפּאַקט און איצט וועט ער שוין מער ניט קומען ניט אַהיים, ניט אינערגעץ. מ'האָט מיט אים קיין לאַנגע מחזוקות ניט געמאַכט — טכסיסי מלחמה!

פּיוויש־בערעלע איז ווייטער געקומען צו לויפן. זיינע אַלע רייד זיינען באַ־שטאַנען פון איין און איינציק קורצן אָפּגעהאַקטן „נו"?

— נו־ע־ע!

— פונדאַנען גיי איך ניט, — האָט זלמן געענטפערט, ווי ער וואָלט עמעצן עפּעס פאַרגעוואָרפן. מ'וואַרפט ניט אַוועק קיין שטוב און אַלץ מיט אַן אַנדער.

— און דער דייטש? — האָט פּיוויש־בערעלע אַרויסגענומען אין קליינינקע טענה, וואָס האָט געוואויגן פאַר הונדערט גרויסע.

זלמן האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער גענומען שטאַמלען.

— כ׳וויס?... כ׳מיין... ניע טאַקי טשאַרט סטראַשני יאַק יעהאָ מאַליוויוט.

זלמן איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און געדאַוונט. אַ סימן, אַז ס׳איז נאָך געווען גאָר פרי. אמת, דאָס דאַווענען איז אים ניט געגאַנגען אויף דער נשמה. דער קאַנט איז שוין געווען אָפּגעקוילעט און ער איז געווען איצט איינער אַליין ווי אַן אינדזל. פּלוצים האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר און צוויי מיטל־יעריקע מיליטערישע זײַנען אַרײַנגעלאָפן (אַנגעפּאַרענע אָדער אַנגעקומענע אין דער שעה פון ערגעץ) משמעות דייטשן. ווער דען אויב ניט זיי? און מיט אַ מינע פון פּאַרנומענע פאַרשווינען זײַנען זיי צוגעגאַנגען צו זלמנען. איינער האָט אַנ־געוויזן, דער אַנדערער האָט אַנגענומען פאַר בײַדע רציעות און אָפּגעפירט דעם אויף טויט דערשראָקענעם יידן אין קיך אַרײַן, אים אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום ברייטן אויוון־וואַנט און אים אַנגעזאָגט, ער זאָל זיך ניט אויסקערעווען „זאָנסט מאַכן מיר אײַנען קאַפּוט״!

זלמן איז שטיל און געהאָרכזאַם געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם אויסגעקילטן פון לאַנג געהייצטן אויוון. נאָר ער האָט דערפילט אַ בלײַענע שווערקייט אין אַלע אברים. אויך דער טלית און תפילין האָבן אויף אים מאָדנע געדריקט. אין דער זעלבער צייט האָט אים אַרומגענומען אַ גוואַלדיקע פּוסטקייט.

גאָט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן.

אַלע חושים זײַנען בײַ אים מאָדנע אָפּגעטעמפּט געוואָרן און אַ טונקלקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט און אים פאַרשטאָפּט אַלע רערן, אַלע דינסטע פּעדים, דורך וועלכע ער איז אַלע יאָרן געווען באַהאָפטן מיט עפּעס העכערס און אייד־לערס ווי דאָס געוויינלעכע. איצט זײַנען אים ווי אויף צו־להכעיס געקראָכן טמא זאַכן פאַר די אויגן: געפּגרטע פערד, אַרויסגעוואָרפענע געדערים, הינטישע מאָרדעס ביז די אויערן אויסגעבאָדענע בײַ דער נבילה טיף אין בויך, עפּעס אַלץ געדאַנקען אַזעלכע, וואָס זײַנען פאַרגרוזניעט געוואָרן אין שמוץ, אין קויט, אין קלעפּיקער שטינקעכץ, אין טויט.

די צוויי מלאך־המוותן האָבן זיך מיט עפּעס גע׳עסקט דאָרט בײַ אים אין שטוב. אפשר האָבן זיי שוין אַזוי פרי געגעסן אָנבייסן, אפשר האָבן זיי עפּעס גע־טיילט צווישן זיך און ניט געקאָנט איינטיילן. ס׳איז געווען שטיל אין קיך און קיל. בײַ זלמנען האָט אפילו באַוויזן אַ קאָך טאָן די בלוט.

היתכן? וואו איז עס פונדעסטוועגן געהערט געוואָרן? בײַ מיר אין שטוב, וואו איך בין אויסגעוואַקסן, וואו איך האָב אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן, אויפגעצויגן קינדער און זיי געבראַכט צו לײַטן! ניטאָ קיין באַלעבאָס, ניטאָ קיין עלטערס, ניטאָ גאָרניט?

אָבער די פינצטערניש האָט אים ווידער אַרומגעכאַפּט. ער פילט ווי די פיס ברעכן זיך אים אונטער. אָט־אָט לאָזט ער זיך אַראָפּ אויפן דיל...

אַ מאָדנע זאַך: ער ווייסט ניט, ווער ס׳פאַרשוועכט איצט וועמען: ער דעם טלית, צי דער טלית אים?! אַזוי פּלוצים אויסגעליידיקט ווערן פון אַלץ דאָס אײדעלע: ניט קיין הייליק וואָרט, ניט קיין דערהויבענער געדאַנק.

גאָט פון מיינע עלטערן, פון אברהמען, פון יצחק, פון יעקב, צי דען איז דיין ווילן דערביי?

אַ בריאַזג פון גלאָזוואַרג, אַ קלונג פון צעקנאַקטע געפעס האָט אים אויפגעוועקט פון זיין פאַרשטיינערטקייט. ס׳איז אים דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבער אַלע אברים, פון דער פּאַטיליצע איבערן האַלדז און נאַקן און ביז די שפּיץ טריט.

שוין ניט זייענדיק ביי זיך אין די הענט, האָט ער זיך אויסגעקערעוועט אינעם טלית און תפילין, ווי געווען, און איז געבליבן שטיין ביי דער אָפענער טיר פון זיין זלמן... און מאָדנע, זיי האָבן אים ניט געהרגעט, זיי האָבן אים ניט געשאָסן און אפילו קיין איינס פון די כלים ניט געשליידערט אין קאָפּ אַריין.

ביי אים איז אַזוי ווי געוועזן גרייט אַן אַרויסזאָגונג.

— וואָס זיינען עס פאַר אַ גענג? וועלכע געזעצן און רעכט האָבן זיי אויף דעם געפונען — ביי יענעם אין שטוב?

נאָר די ווערטער איז ניט מעגלעך געווען אַרויסצוברענגען, ווייל... ווייל די דאָזיקע צווויי באַשעפעניש זיינען ניט געווען ענלעך אויף קיין מענטשן, און וואָלט מען זיי כאָטש קאָנען פאַרגלייכן צו לייטישע אַרנטלעכע בעלי־חיים: אַ פערד, אַ בהמה, אַן עוף... ניין, ניין, אַהער קלעפּט זיך ניט קיין שום ווערטער, ס׳גייט ניט צו...

דורך די הויפן און הינטערגעסלעך האָט זיך בערעלע דערלאַנגט צום ברודערס גאָרטן. ער האָט זיך פאַרטאַיעט לעבן דער טויבער שטוב־וואַנט צווישן די טיטשקאָווע פאַסאָליעס און זיך גענומען איינהערן.

ער האָט שוין געהאַט געוואוסט, אַז אומגעבעטענע געסט רודעווען ביי זלמנען אין שטוב. נאָר צי איז נאָך דאָ אַ זלמן אויף דער וועלט אָדער שוין ניט, דאָס האָט ער זיך ניט געקענט דערוויסן.

עפּעס אַזוי ווי מ׳רוקט דאָרט דאָס מעבל, ווי כלים וואָלטן זיך געבראָכן. ער הערט, דוכט זיך, פון דאָרטן אַ הויכן פרעמדן לשון.

כלבים הינטישע, אַ סך האָבן זיי דאָ אָנגעגרייט, וואָס זיי זיינען געקומען באַלעבאַטעווען? זיך שיין דערלעבט!

נאָר ווי אַזוי דערוויסט מען זיך, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט זלמנען?...

פּלוצים האָט זיך אויפגעהויבן עפּעס אַ גערודער, די הויז־טיר האָט זיך ראַשיק צעפּראַלט. אַ טופּעריי, אַ הוקעריי.

פיוויש־בער האָט זיך צוגעטוליעט צום ראָג פון הויז און דערזען.

אייגנטלעך, וואָס זעט ער עס אַזוי נאָענט און אַזוי משונה פאַרענדערט?

ער האָט אַ רייב געטאָן מיט די האַרטע קליינע קולעקעס די אויגן. ער האָט שטאַרק, שטאַרק פאַרביסן די צונג, ער זאָל קיין קול ניט אַרויסלאָזן.

זלמן, דער ברודער זיינער, זלמן מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד, איז גע־

וואָרן אַ קאַרליקל, האַלב די גרויס. די באָרד זיינע שיער, שיער וואָס זי ווישט ניט אָפּ די שוועל.

וואָרט, ס'איז דאָך אָבער ניט קיין קאַרליקל. אַ קאַרליקל גייט אויף צוויי און דאָ גייט עמעצער געראָטן אין זיין ברודער, נאָר אויף אַלע פיר, ווי אַ חיה. און די אויגן! זע, ס'אַראַ אויגן! זיי וועלן אים, דוכט זיך, באַלד אַרויסקריכן אויף דער פּאַטיליצע.

יאָ, אין יענע יאָרן, ווען ער האָט נאָך געדינט אין סאָלדאַטן, האָט ער אַמאָל געזען אַ צירק. דאָרט האָבן זיך די קונצנמאַכערס געבראָכן און געוויזן אַלערליי שטיק. נאָר איצט איז ער, דוכט זיך, ניט אין קיין צירק.

פּיוויש־בערעלע האָט מיטאַמאָל מיט אַ מאָדנער שניידיקער קלאָרקייט דער־פילט, אַז ער איז איין ייד אויף אַ גרויסער שטיק וועלט... און זלמן? זלמן רעכנט זיך שוין ניט. זלמן דאָס איז אַ שעה אָדער צוויי מוטשעניגע און אַ נאַ־סער פלעק אויפן זאַמד. בלויז די נשמה וועט אַוועקגיין אַהין אַרויף צום הימל.

וואָס זשע קומט פאָרט אויס? אַז די דאָזיקע האָבן... אַז זיי פילן שוין גאָר קיין עלטערס איבער זיך? און ווי וועט זיין, אויב... אויב איך וועל דערויף ניט איינגיין, וועלן זיי אויף מיר ניט ווערן ברוגז?

געזונטע צוויי באַוודורעס. קוטניצעס מיט דר... און טאָמער האָבן זיי ערגעץ אינדערהיים ווייבער מיט קינדער?... מאַכט עס אויך ניט אויס, זאָלן זיי דאָרטן וואַיען נאָך זייערע קעפּ?

פּיוויש־בערעלען איז געוואָרן הייס. ער זעט שוין פונסניי מיט וויפל יסורים זלמן שטעלט איבער דער ערד די פּאָדערשטע, דערנאָך די הינטערשטע, און יענע ציען אים די רצועות, ווי מען שלעפּט אַ קליאַטשע פאַר דעם שטריקל. זע נאָר, זע.

פּיוויש־בערעלען איז אַזוי פאַרגאַנגען, אַז ער איז אַליין שיער ניט אַ בעלן געוועזן זיך אַ וואָרף טאָן אויף אַלע פיר, פאַרהייבן דעם קאָפּ און זיך צעהוילן איבער דעם גאַנצן דרויסן.

— ניעט, בראַט, — האָט ער שטיל אַ מאַך געטאָן צו זיך אַליין, — טאַק, בראַט, ניע גאַדיטסאַ.

ער האָט זיך אָנגעבויגן און אויסגעקאַלופּעט אין דער פייכטער מעזשע הויכן גראָז אַ פּאָר שאַרפע שטיינער, האָט זיך בריהש אָנגעצילט אָנטקעגן איי־נעם פון די מחבלים און אים געטראָפן אין שלייף אַריין, דעם צווייטן — אין פּאַטיליצע. ער האָט עס געמאַכט קונציק, ווי אין טאָן אַריין. יאָ, די ייִנגלשע שטיק קומען נאָך אַמאָל צונוץ...

דער ערשטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אומגעריכט אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, דער צווייטער האָט געגעבן אַ טאַנץ אונטער, ווי אויף אַ הייסער סקאָוואָראָדע, האָט עפּעס הויך אויסגעשריען און זיך אויך איבערגעקערט.

— אָט אַזוי האָב איך ליב! — פּיוויש־בערעלע האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער גיך. ניטאָ קיינער, קיין זייטיקע עדות, איז אַוודאי גוט. נאָר פאַרדראָסן האָט אים עפּעס אַנדערש: ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זלמנען און דערזען, ווי יענער איז צוגעפאַלן אויף איין קני און זיך אָנגעשפּאַרט אויף איין עלנבויגן, ווי

ער וואָלט אויסגענוצט די מינוט אויף איבערכאַפּן דעם אָטעם, וואָרים דערנאָך וועט מען דאַרפן ווייטער פאַרזעצן די שפּיל.

דאָ איז פּיוויש־בערל אָנגעצונדן געוואָרן:

— רבּ! — האָט ער מיט אַ צוגעשטיקטער שטים אויסגעשריגן. — אויף וואָס וואַרטסטו נאָך? אָנו, שפּיי זיי אָקאָרשט אָן אין די געפּיגערטע צורות (אין ביידע) און לאָמיר זיך גיכער אָפּטראָגן פונדאַנען!

זלמנס אויערן האָבן איצט גאַרניט געהערט. דאָך האָט ער ערגעץ באַגריפן, אַז מע רעדט צו אים און אויף יידיש און אַזוי קאָן רעדן בלויז איין פּיוויש־בערל אַליין — דער סאָלדאַט.

הייסט עס, אָנקלייבן אַ מויל מיט שפּייעכץ און שפּייען זיי אין די צורות אַריין (טאָקע בפועל ממש).

זלמן האָט זיך באַפרייט פונעם טלית, האָט זיך פאַמעלעך אויסגעגלייכט און באַטראַכט זיינע פּייניקער, די שליחים פון גיהנום. איינער איז געזעסן זייטיק אָנגעשפּאַרט און געגלאָצט מיט צווי אָפענע אויגן, וואָס האָבן שוין ניט געקוקט אין ערגעץ, דער צווייטער איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף שעיה־נחומס פּלויט, פון פאַטיליצע האָט געיושעט בלוט, ווי פון אַ דבר־אחר, און ער האָט געכאָרכלט ווי אַן אָקס ניט קיין דערקוילעטער.

און מאָדנע, אויך ביי זלמנען האָט זיך געבעטן דאָס זעלביקע וואָרט: אַ קוטניצע מיט דר...

די וועלדער און די כוטערס, וואו די וואַניטשער און רודניער מחנות האָלטן זיך אויף, זיינען זלמנען זייער נאָענט און באַקאַנט. די מענטשן, מיט וועלכע ער וואָגלט זיך אַרום, זיינען אויך אייגענע. וואָס דאַרף מען מער — אַפילו לייבע דער רודניער און זיינע צווי קלענערע יאַטן זיינען דאָך אויך פונעם ערשטן טאָג אָן.

פּיוויש־בערל מיטן ביקסל אויף די פּלייצעס, מיטן ברייטן לעדערנעם פּאַיאַס אויפן קורצן רעקל, איז יינגער געוואָרן אפשר אויף צוואַנציק יאָר.

ער וועט דיר דען איינזיצן אויף אַן אָרט? נאָר געלעטעט, נאָר געפלויגן. ס׳זיינען אוועק טעג און אַמאָל אַפילו וואָכן, אַז זלמן זעט אים ניט אין די אויגן. לעדער אויף נייעם און ריכטעוועץ דאָקאַזשעט מען, וואו מע דאַרף, און זלמן אַרבעט מיטן זעלבן פלייס ווי אין דער היים. ער לאַטעט און נייט אי ווייבערשע, אי מאַנצבילשע.

פּיוויש־בערל, אַז ער האָט אַ פרייע רגע, כאַפּט ער זיך אַראָפּ צו גאַסט. ער איז מכבד דעם ברודער מיט אַ געקאָכטן איי, אַמאָל מיט אַ ווייס פּלעצעלע. ער ווייסט, אַז דער „רבּ" זיינער באַנוגנט זיך מיט ברויט און מיט וואַסער און עסט ניט פונעם אַלגעמיינעם קעסל.

פּיוויש־בערל האָט גענומען אין האַנט אַ שטיקל אויסלענדישן לעדער.

— גוטע פּאָדעשווע, אַ כאָלערע אויף זייערע ביינער!

זלמן פירט דורך מיטן אָל דעם צוגעלאָטעטן פּאַדמעטעק. מאַכט אַ קריץ אַרום און אַרום און פאַרגיט ווי דרך־אגב זיין שטילן און שטענדיקן „וויפל"?

— זיי לאָזן זיך ניט, אַ בראָך צו זייערע קעפּ! דרייצן! דרייצן מכּות דעם געפּייגערטן טאַטן זייערן אויף יענער וועלט.

זלמן נעמט אַרויס פון זיין זייטיקער באַהאַלטענער קעשענע אַ טעוועלע פון אַן אַלטן ספר, מעקט אויס איין דריי־ציפערדיקע צאָל און שרייבט אָן אַ צווייטע — אויף דרייצן מער.

ער טוט אַ קראַץ מיט דעם קליין שטיקל בליישטיפט די פּאַטיליצע, פאַר־טראַכט זיך אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט עפּעס נאָכגעחשבונט אין געדאַנק, דערנאָך באַהאַלט ער די אַלע פּריטשינדאַלן אויף דעם פריערדיקן אָרט און גיט אַ שטילן זיפץ.

— וואָס איז, רבי, — פרעגט פּיוויש־בערל, — וואָס זיפצן מיר עפּעס?

— נו, נו, גיי, גיי, טו עפּעס, — ענטפערט אים זלמן, נאָר ער דערפילט גלייך אויפן אָרט, אַז ער האָט ניט דאָס געזאָגט. ער וויל, ער דאַרף ביז גאָר נויטיק, אַז דער „סאָלדאַט" זאָל נאָך לעבן אים אַביסל זיצן, עטוואָס אָפּרוען, ער זאָל דאָ זיין וואָס אָפּטער.

וואַנדערנדיק מיט דער מחנה פון איין אָרט צום צווייטן, האָט זלמן די גאַנצע צייט געאַרבעט און ביי דער אַרבעט געטראַכט:

. . . אויב גאָט וועט װעלן, מע זאָל צו אים דאַווענען, וועט ער פאַרטרייבן די טומאה פון דער ערד און וועט מאַכן די וועלט צוריק ווי געווען... וואו קאָן ערגעץ זיין עטל מיט אַזעלכע שוואַכע כּוחות, וואו זיינען די קינדער? אים, זלמנען, האָבן זיי שוין מסתּם לאַנג, לאַנג באַווײַנט, און . . . ווי דער אמת איז, ער וואָלט שוין מן־הסתּם לאַנג געווען „אַ קדוש", ווען ניט דער „סאָלדאַט". יענער, קיין־עין־הרע, האָט פאַר איין שוואַכן זלמנען געמאַכט זה כּפּרתי, זה חליפתי מיט צוויי געזונטע און גראָבע דייטשן... ס'האָט זיך אָנגעהויבן פון צוויי און איצטער גייט שוין, ברוך־השם, די דריטע מאה...

יעדער איבערגעפּעקלטער היטלעריסט איז דאָס זעלבע, וואָס צען געראַ־טעוועטע פריינט, און ער, דער ברודער זיינער, טוט גוט, וואָס ער מאַכט עס אַליין, ער פאַרלאָזט זיך ניט אויף יענעם.

און דער שוואָגער? דער שוואָגער דאַרט אינעם וויטן לאַנד מיט דער גאָלדענער קייט אויף דער ברוסט? ער שטעלט זיך כאָטש פאָר, ווי אַזוי זלמן לעבט דאָ? דער וואַלד איז זיין היים, די ערד — זיין געלעגער. אַ בוים איז אָפּט דער דאַך איבערן קאָפּ. אַ פּעניאַק — דער ווערקשטאַט... מענטשן באַוואָפנטע מיט פאַרשיידענערליי געווער שווינדלען דורך פאַרביי פון דער ווייט און פון דער נאָענט; אַז מע דערזעט דיך, גיט מען דיר אָפּ אַ גוטן מאָרגן. אַט־אַ פירט איוואַן דער וואָזניטשיער פאַסטעך פאַר אַ שטריק, וועמען מיינט איר? אַ ביק, אַ בהמה? ניין, ער פירט אַ „צונג". קענטיק, אַ געוועזענער עלטסטער. אַט דאָ לעבן זלמנען, האָט ער באַשלאָסן, איוואַן, זיך צוזעצן אָפּרוען. און יענער, ביי אים בלייבט עס, האָט זיך צעלייגט ווי אַ מידע בהמה. איוואַן האָט אַ נאַטור זיך אַביסל אַ באַרים טאָן, קען זיין, אַז דערפאַר האָט ער זיך דאָ צוגעזעצט.

— בסך־הכּל, — דערציילט ער, — איז דעם דאָזיקן געטשקע איינגעפאַלן

אונדז אונטערקויפן, מיך און פּעטראָ דעם געלן. ער שטופּט אונדז דעם זייגער, מיר זאָלן אים אָפּלאָזן. גאָט ווייס, צי מיר האָבן אַמאָל געזען אַ זייגער, אָדער ס׳איז אַ באַטרעף אָפּנעמען דעם זייגער, ווען ס׳וועט זיך נאָר פאַרוועלן. אַ שעפּסענער מוח!

זלמן טוט אַ קוק אַריבער די ברילן און באַטראַכט דעם נפש, וואָס ליגט דאָ ניט ווייט פון אים. אַ מאָדנע זאַך: הענט און פיס שיער ניט ווי ביי אַ מענטשן, נאָר ס׳איז ניטאָ קיין מענטשישער פּרצוף. אַ פאַרשיווע צורה און סע דאַרשט נאָך בלוט. אַ וואַלדישע חיה, אַז דיר גיט זיך איין דערזען, איז מיט עפּעס טשיקאַווע, און פון דער דאַזיקער קערט דיר צו דער גאַל.

אויף די רייד איז פון ערגעץ אַנגעלאָפן פּיוויש־בערל. דערזען דעם גאַסט, האָבן ביי אים אַ שפּיל געטאָן די געבליטן. ס׳האָבן זיך ביי אים צעבלאָזן די נאָז־פליגל, די קינבאַקן האָבן גענומען אונטערטאַנצן, די וואָנסעלעך האָבן זיך צע־שטעלט ווי נאָדלען. אויסער דעם דאַזיקן זמעי זעט ער שוין קיינעם ניט פאַר זיך. נאָר איוואַן האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— בערקאָ, — מאַכט ער, — האָב גאָט אין האַרצן, מע דאַרף דאָך אים פירן צום נאַטשאַלניק.

— וועמען, אַט דעם־אָ? — האָט פּיוויש־בערל איבערגעפרעגט.

— נו, נו, גענוג!

— אָבער ווער האָט אים דערלויבט דאָ זיצן אָדער ליגן, פאַרוואָס ליגט ער?... אויפשטיין! — האָט ער אויסגעשריען און אים דערלאַנגט מיטן שטיוול אונטער די ריפּן.

יענער האָט אויפגעטאַנצט ניט טויט און ניט לעבעדיק.

— שטיין, הונטעווויטש איינער, אין געהאַקטע וואונדן!

— שפּריכן זי דויטש, קאַמעראַד? — האָט דער נפש אַ פרעג געטאָן מיט אַ פאַלשער צוגעטויבטער שטים.

פּיוויש־בערלען און זלמנען פלעגט מען זייער אָפּט אָננעמען פאַר רוסישע דייטשן. זיי האָבן געוואוסט פון דעם.

— פאַרוואָס עפּעס דויטש, ווייל צו דער מאַמען דיינער! — איז פּיוויש־בערל מיטאַמאָל געוואָרן אויפגעמונטערט. — יודע!

פּיוויש־בערל האָט זיך וואוילויונגעריש אויסגעלייגט אויפן גראָז, זיך אָנ־געשפּאַרט אויפן עלנבויגן און באַוויזן מיט די אויגן אויף זלמנען.

— דאָס איז מיין ברודער זלמן, אַן איידעלער ערלעכער ייד; אַז ער זיצט לעבן ווערקשטאַט און נייט, מיינען אַנדערע אויף אים, אַז ער איז אַ שוסטער, צום סוף איז ער אַ רב. אַ רב איבערן גאַנצן מירגיצער ראַיאָן. (זלמן האָט שמייכלענ־דיק ווייטער געגעבן אַ קוק איבער די ברילן).

— און דערפאַר, וואָס איר פאַרגיסט אונדזער בלוט אָן אַ מאָס . . . אונ־דזער . . . וועט אייך אָפּגעצאָלט ווערן כפל־כפלים. און דו, קעלעוויאַקע, וועסט עס פאַרזוכן איינער פון די ערשטע.

פּיקוויש־בערל האָט זיך פונסניי אָנגעצונדן, די נאָזפליגל האָבן זיך ביי אים צעבלאָזן און ער רופט זיך אָן צו איוואַנען:

— איך בעט דיך, פיר אים אַוועק פונדאַנען, זאָל ער מיר דאָ ניט פאַרגאַזן די לופט! דו זעסט דען ניט, אַז אַ מענטש אַרבעט?!

— מיר וואַרטן אויף פּעטראָ דעם געלן.

— פּעטראָ, פּעטראָ! פּעטראָ וועט פון דיר אין ערגעץ ניט אַנטלויפן, און אַז ניט קאָן איך מיט דיר גיין.

— נאָ! — האָט איוואַן אַ צי געטאָן פאַרן שטריקל און זיך אָן חשק אויפ־געהויבן פון אָרט.

און זלמן איז ווייטער געבליבן אַליין. ער האָט באַגלייט מיטן בליק צוויי מענטשן, וואָס האָבן געפירט אַן אוממענטש, אַ חיה, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ראַכמאַנער קליאַטשע, ווייל ער פילט, אַז ער וועט שוין באַקומען זיינס צווישן גערעכטע מענטשן, אויף אומבאַזיגבאַרער ערד.

משה כּאַשטשעוואַצקי

אונדזער ערד

מיר האָבן ליב זי, אַט די ערד,
די שווערע, שטויביקע און האַרטע,
די ערד, וואָס טראָגט אונדז און וואָס נערט,
וואָס מיר האָבן מיט שוויס באַטרערט,
געכאַוועט זי מיט הענט מיט צאַרטע.

מיר האָבן ליב זי, אַט די ברייט,
די שטעט, די ביינער און די גראָזן,
דאָס אַלץ, וואָס וואַקסט אויף יעדער בייט,
וואָס טאַטעס האָבן אונדז פאַרגרייט,
וואָס מיר וועלן די קינדער לאָזן.

מיר האָבן ליב דעם הימל־בלוי,
דאָס לעבן ליב, די בונטע פאַרבן.
אָ, היימלאַנד, מוטער, ליבע פרוי,
מיר האָבן ליב דיך טיף אַזוי,
אַז ס'איז ניט שווער פאַר דיר צו שטאַרבן!

דוד האָפשטיין

אין טעג פון אָנהויב

איז וואָס, איז וואָס, אַז כ'בין שוין גראָו און אַלט געוואָרן,
אויף הויכער שאָפונג האָב איך אַלע שיינע רעכט.
צום אַלטן און פאַרהאַסטן כ'האָב אַזויפיל צאָרן,
איך האָב פון קינדווייז אָן געזען אַזויפיל קנעכט.
און צווישן ערשטע כ'האָב דערהערט דעם רוף פון האָרן,
וואָס האָט דעם אָנהויב פון באַפרייאונג אונדז דערקלערט,
אין שלאַכטן אומגעהייערע, אין פלאַם, אין פייער
בין איך מיט זיי געווען אַ דיכטער אַ געטרייער.

מיט זיי, מיט אַלע, מיט באַרימטע און מיט שטומע,
מיט אומבאַוואוסטע מיטגייער און גוטע פריינט

אויף שליאַכן ברייטע און אויף סטעזשקעלעך אויף קרומע
זיי אַלע כ׳וועל מיט האַרציקייט דערמאָנען היינט...
כ׳האָב אָט דעם שטילן יזכור לאַנג שוין אויפגענומען
נאָך ערב . . . פּלוצים אַנגעפאַלן איז דער פיינט, —
און יזכור, ווי אַ שטורעם האָט זיך דורכגעטראָגן
אויף אַלע וועגן פון דער וועלט, אויף אַלע ראָגן.

כ׳האָב פון מיין ווייטער קינדהייט דענסטמאָל אָנגעהויבן,
פון דענסטמאָל, ווען „אין תהום פון נאַכט, אין לאַנד פון שיין" —
אין קליינעם דערפעלע האָב איך מיט יונגן גלויבן
געגרייט זיך צו „פּראָצעסיע", צום אויסגעשריי
„איך גיי" . . . כ׳האָב פויגלען אויך באַשווערט מיין זיי ניט קלייבן . . .
און איצט . . . אין גרויס פאַרלוירנקייט פאַר אייך איך שטיי,
און איצט, איך שטיי מיט פריינט פאַריתומטע צוזאַמען
אויף קברים־פעלדער און אין מתים־שטעט אָן צאַמען.
אין אַנגעשטרענגטער האַנט איך האַלט מיט ציטער
מיין דינינק ביכעלע, וואָס הייסט נאָך אַלץ „איך גלייב",
כאָטש פאַר די אויגן פינצטער . . . ביטער
צוקוקן די ליד פון גרויסן לאַנד, איך הייב
די בליקן צו די העכסטע טורעמס . . . היטער
געטריי דאָרט שטייען . . . יאָ, איך גלייב, איך גלייב!
מיט בעסטער רעשט פון אַלע מיינע גרויסע קרעפטן
צום זיג־געשריי וועל איך, אויך איך מיין שטים באַהעפטן.
מיין זינגענדיקע שטים איצט פלעגט איך דרייסט אַריין
אין כאָר, וואָס וועט די ליד פון גרויסן זיג גיך זינגען,
וואָס וועט מיט רום מיט אייביקן דעם טיפן פּיין
באַדעקן און אים איינשליסן מיט פעסטע רינגען
אין קייט פון הויכע ליידן און פון שענסטן זיין,
אין קייט פון אונדזער פאָלק אויף רעכטן און אויף לינקן . . .
זיך גרייטן צו דעם ליד כ׳וועל קיינמאָל מיד ניט ווערן,
כ׳וועל שטענדיק זינגען זי מיט פרייד . . . מיט פרייד דורך טרערן . . .

אויף לענינס טויט

ביים רויש פון אַ ים
שווער איז צו הערן
דאָס קלאַפּן
פון אייגענעם האַרץ...

פאַרגעסן זאָל ווערן
מיין רעכטע האַנט,
אויב כ׳האָב דורך מיין לינקער געהערט
דאָס קלאַפּן
פון אייגענעם האַרצן,
ווען אַלץ איז געווען אין פלאַם,
ווען אַלץ איז אין פלאַם
און אין שוואַרצן...

און האָט מיך מיין גורל
געבראַכט אין זיין לאַנד,
הייב איך אָן מורא
מיין רעכטע האַנט
אַנטקעגן דעם טאָג.
איך זאָג:
פאַרגעסן זאָל ווערן
מיין רעכטע האַנט,
אויב כ׳וועל עס דערהערן,
דאָס קלאַפּן
פון אייגענעם האַרצן,
ווען אינגאַנצן דאָס לאַנד
איז אינגאַנצן אין פלאַם,
איז אינגאַנצן אין שוואַרצן...

1924

יאָסל קאָטליאַר

דאָס מיידל מיט די בלאָנדע האָר

האָסט ניט געהערט, ווי ס׳זינגט דער ברונעם
אין טיפער נאַכט מיט וואַסער־שטים
די שיינע האַרציקע ניגונים,
וואָס אויסזינגגען עס פלעג פאַר אים
מאַלקעלע, ווען זי פלעג שעפּן
זיין קלאָרע וואַסער אין קאַיאָר? —
אוי, האָט זי ליב געהאַט דאָס לעבן,
דאָס מיידל מיט די בלאָנדע האָר!

האָסט ניט געזען, ווי ס'וועלקן בלומען
און בענקען דאַרשטיק אויפן בייט
נאָך דער, וואָס צו פאַרנאַכט פלעג קומען
און זיי באַגיסן צאַרטערהייט?
וואָס פלעג אַזויפיל זאָרג זיי שענקען,
זיי' אויסכאַליען פון יאָר צו יאָר,
נאָך איר, נאָך מאַלקעלען, זיי בענקען,
דעם מיידל מיט די בלאָנדע האָר.

האָסט ניט געהערט? — וועסט שוין ניט הערן.
האָסט ניט געזען? — וועסט שוין ניט זען.
איצט זיינען עדות נאָר די שטערן:
זי האָט געלעבט, זי איז געווען!
זיי האָבן דאָך, די שטערן־שטראַלן,
באַקרוינט איר קאָפּ, ווי זילבער קלאָר,
ווען ס'איז אינמיטן וועג געפאַלן
דאָס מיידל מיט די בלאָנדע האָר.

פון שטאָט צום וואַלד איז אַ מהלך,
געפערלעך גיין! נאָר אַלע נאַכט
האָט מאַלקע, ווי אַ גוטער מלאך
די פאַרטיזאַנער שפּיז געבראַכט,
און טייערע מתנות יעדן:
דעם — בריוו, דעם — וועש, דעם — שיך אַ פּאָר
און איינעם נאָר — דאָס גליק צו גלעטן
און קושן אירע בלאָנדע האָר.

געחידושט האָבן זיך די יונגען
און אַלע מאָל געפרעגט מיט שרעק:
— ווי איז דיר, מאַלקעלע, געלונגען
פון געטאָ דורכמאַכן דעם וועג?
ביסט דאָך געגאַן דעם טויט אַנטקעגן!
און מאַלקעלע פלעגט שמייכלען נאָר . . .
וואָס פרעגט מען זי? דאָס דאַרפט איר פרעגן
ביי זיי, ביי אירע בלאָנדע האָר!

נאָר איינמאָל איז זי ניט געקומען.
פון געטאָ, וואָס אינמיטן שטאָט
געווען איז ענג אַרומגענומען
מיט רייען שטעכיק, שפּיציק דראָט,
איז מאַלקעלע אַרויסגעגאַנגען,

אַ צענדליק טריט געמאַכט און גאַר.
עס האָבן ווילדע הענט, ווי צוואַנגען
געכאַפּט זי פאַר די בלאָנדע האָר.

זי רייסט זיך אויס און לאָזט זיך יאָגן,
נאָר ס׳שיסט דער דייטש אין איר. זי פאַלט.
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

האָסט ניט געזען, ווי ס׳הויבט אָן טאָגן
אין וואַלד, אין אָסיענדיקן וואַלד?
ווי פאַרטיזאַנער זיצן, שוויַיגן,
ווי יעדן איינעם שטעלט זיך פאַר,
אַז ס׳קוקט אַרויס פון צווישן צווייַגן
דאָס מיידל מיט די בלאָנדע האָר...

אברהם גאָנטאַר

לאָהלע

דריי סאָסנעס האָבן עס געזען,
דריי שלאַנקע סאָסנע־ביימער.
איצט וויגן זיי די קרוינען
אויף אַ גרוב מיט ביינער.

מ׳האָט געבראַכט פון שטאָט אַהער
קליינע קינדער שטילע.
אויסגעטאָן די העמדעלעך,
די העמדעלעך אַפילו.

און אַ גרוב פאַר אַלעמען
איז שוין גרייט געשטאַנען,
און די קלענסטע לאָהלע
האָט גאָרניט ניט פאַרשטאַנען.

ס׳האָט געמיינט די שטיפערקע,
ס׳איז אַ שפּיל אַזאַ מין.

לאָהלע די לאָכערקע
האָט דעם קאָפּ פאַרריסן:
ווער עס שיט עס זאַמד אויף איר,
וויל די קליינע וויסן.

און געזאָגט האָט לאָהלע
צו דעם דייטש פון אויבן:
— פעטערל, וואָס שיט איר עס
זאַמד מיר אין די אויגן?

ס׳האָט דאָס פעטערל געקייכט
און געשאָטן פליִנקער.
מיר פאַר לאָהס אייגעלעך,
מיר פאַר אירע פינגער.

דריי סאָסנעס האָבן עס געזען,
דריי שלאַנקע ביימער שטומע.
וויגן זיי זיך וויינענדיק,
וויינען זיי און ברומען.

ניט קיין פעך פון ביימער טריפט,
בלוט אויף נאָדל־בלעטער.
קינדער מיינע, טייבעלעך,
אייביק לעבן וועט איר.

אַנע סטעלמאַך

איך און בארעלע

1.

נאָך וואָס בין איך דעמאָלט דורכגעגאַנגען פאַרביי דער דירעקציע? איך וואָלט געקאָנט געווען גיין דורך אַן אַנדער וועג. און אַלץ וואָלט געווען אַנדערש. איך וואָלט פאַרשפּאָרט איבערטראָגן די ליידן פון דעם דאָזיקן אָוונט, און די פריידן וואָלטן געקומען פון זיך אַליין.

נאָר איך בין דורכגעגאַנגען פאַרביי דער געביידע פון דער דירעקציע. ווער עס וואוינט ביי אונדז אין באָוואָ־קאַמענסק, דער וואָלט מיך פאַרשטאַנען: אונדזער שטאָט איז נאָך יונג. זי האָט זיך ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געגרינדעט אָט־דאָ, אויף דרום־אוראַל, אַרום דער בויאונג פון אַ גרויסן מעטאַלורגישן קאָמבינאַט. מיר וואוינען נאָך אַלץ אין באַראַקן, ערד־שטיבלעך און קיילעכדיקע ביידעלעך מיט מלחמה־אויפשריפטן — אונדזערע וואוין־הייזער זיינען נאָך ניט פאַרטיק. נאָר די געביידע פון דער דירעקציע איז שוין פאַרענדיקט. מיר האָבן זיך ניט ווייניק באַמיט צוליב דעם — ניט איין „שבתניק" אָפּגעאַרבעט דאָ און איצט שטייט זי אויף דער ניי־דורכגעהאַקטער גאַס, ווי אַן אמתער בריליאַנט צווישן פּשוטע גרויע שטיינער. זי איז פּרעכטיק שיין! מיט איר ווייסע קאָלאָנאַדע פון די דריי־עקיקע פראָנטאָנען און מיט די בארעליעפן איבער די אַריינגאַנג־טירן איז זי ענלעך אויף אַ גריכישן טעמפּל. נאָר דאָס שענסטע אין איר זיינען די צוויי סעדלעך אין דער גאַנצער לענג פון אירע צוויי ווייט־אויסגעצויגענע, לופטיק־ווייסע פליגלען. סעדלעך ביי אונדז אין דער מדבר,ביימלעך אויף אונדזערע ליימען און סאָלאָנטשאַקעס! וואונדער איבער וואונדער! אונדז אַלעמען ציט ווי אַ מאַגנעט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף די ביימלעך. זיי שטייען ווי די סטאַטעקעס, דינינקע, געשווירענע אַקאַציעס, ווי ציכטיקע, גוט־דערצויגענע, און דאָך ניט זייער קרעפּטיקע קינדער. גראָבע וואַסער־לייטונג־טרויבן, אַ סך גרעבערע ווי די שטאַמען, ליגן ביי זייערע וואָרצלען און האַלטן שטענדיק אין איין שטראָמען וואַסער. פריש־זאַפטיקע גרינע גרעזער וואַקסן אַרום די טרויבן, און ווער עס זאָל ניט גיין איבערן וועג, מוז צוגיין, אַריינרוקן דעם קאָפּ אינעם דורכשניט צווישן די שטאַכעטן און פאַרמאַכן די אויגן. דער מידער קאָפּ רוט אָפּ, די אָפּגעברענטע הויט דערפרישט זיך, און דעם מענטשן הויבן זיך אָן פאַרשטעלן: אַ קילע וואַלד־געדיכטעניש מיט גרין־דורכלויכטנדיקער קראָפּיווע און בערעסל־קעס, מיט שטראַלנדיקן שפּינוועבס און מיט אַ זשוקל, וואָס קריכט אַריין און אַרויס דורך די לעכעלעך פון אַ בלעטל. שווער אויסצוקלייבן אַן אַנדער וועג! אין אָוונט צעעפענען זייערע ווייסע שטערן די טאַבאַק־בלומען, אַ גאַנצן טאָג פריטשמעליעטע פון דער זון, און אַ שטאַרקער אומבאַקאַנטער דופט צעגיסט זיך אויפן אַרום. צוערשט דאַכט זיך, אַז דאָס שמעקט סקיפּידאַר אָדער באַקעליט פון די לאַבאָראַטאָריעס; דערנאָך — אַז דאָס טשאַדעט דער אָפּגעברענטער בענזין

פון די גאַראַזשן, און ערשט שפּעטער געוואוינט מען זיך צו צום לאַנג־פאַרגעסענעם געדרוך פון בלומען. אַט פאַרוואָס איך האָב יענעם אָוונט אויסגעקליבן דעם דאָזיקן מאַרשרוט.

ס׳איז אָבער מיטאַמאָל אַלץ אַוועק ניט ווי געוויינלעך. איך געדענק נאָך ווי איצט די געשעענישן פון יענעם אָוונט, און פרעגט מיך, ווען און ווי אַזוי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע, וואָס איז אַזוי געוויינלעך פאַר אונדז אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. דוכט זיך מיר, אַז אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דער ערשטער מינוט.

איך שטיי בײַ זיך אויף דער אַרבעט אין באַרג־פאַרוואַלטונג. אַלע זײַנען שוין אַוועקגעגאַנגען, און איך ענדיק מײַן דעזשורסטווע. אין דרויסן זעצט זיך די זון, אַ קיילעכדיקע, אָן שטראַלן, און די גאַנצע לופט זעט אויס ווי גרינלעך. איך נעם אַרויס אַ גראָבן רויטלעכן בוך, פאַרשרײַב די געשעענישן פונעם טאָג און שרײַב זיך אונטער: דעזשורנער געאָלאָג אַנע גאָלדענטראַכט. איך פאַרשליס די קאַבינעטן און גיב איבער די שליסל דעם וועכטער. דערנאָך לאָז איך זיך גיין אַהיים.

איך פּלאָנטער לאַנג אַרום פאַרשיידענע ריוון, קאַנאַוועס, טראַנשייען, וואָס זײַנען אומפאַרמײַדלעך אויף יעדער בויאונג: דאָ לייגט מען די וואַסער־לייטונג־טרויבן, דאָרט — די קאַנאַליזאַציע, ווייטער — די טעלעפאָן־קאַבעלן. צום סוף, קרייז איך אַרום אַ גרויסן קאַטלאָוואַן, און גיי אַרויס אויף דער ניי־דורכגעהאַקטער גאַס.

אַ שפּאַן הונדערט נאָך פאַר דער דירעקציע דערזע איך, אַז איך וועל דאָ גרינג ניט דורכגיין: דער גאַנצער פּלאַץ פון דער געביידע און די גאַס, וואָס ציט זיך דורך דעם דאָזיקן פּלאַץ, זײַנען פאַרשטעלט מיט אַלערליי מינים טראַנספּאָרט: מאַשינעס, פערד־און־וועגעלעך, וועלאָסיפּעדן, און אַפילו עפּעס אַ מאָטאָ־ציקלעט שטייט בײַ דער זײַט. אינגיכן קאָן איך שוין זאָגן, ווער עס געפינט זיך אין דער דירעקציע: איך דערקען דעם גרינעם „ווילליס" פונעם „דאָמנעסטרוי", די צווײ „עמאַטשקעס" פונעם „קאָקסכימסטרוי", דעם געלאָסענעם „לינקאָלן" פונעם „מעכאַנסטרוי", די געפּלאַכטענע בריטשקעס פון די „פּראַראַבן" און די וועלאָסיפּעדן פון די יונגטלעכע בריגאַדעס. בײַ אַ זײַט שטייען צוויי פּרעכטיקע לימוזינען, דאָס איז פונעם געגנט־קאָמיטעט. אַהאָ! בײַ די בויער איז הײַנט אַ „גרויסער טאָג".

מיטן וועג וועל איך שוין ניט דורכגיין — דאָס איז קלאָר. אומקערן זיך צוריק גלוסט זיך ניט. באַשליס איך דורכגיין דורך אײן גערטנדל ביז די ברייטע גריכישע טרעפּ פון דער דירעקציע, דערנאָך אַרומקרייזן זיי און אַרויסגיין דורכן צווייטן גערטנדל. דאָס איז ניט דערלויבט, נאָר מילא — איצט, פאַרנאַכטלעך און אין טאַראַראַם, וועט מען אפשר ניט באַמערקן.

איך גיי דורך דאָס ערשטע גערטנדל פאַרבײַ די ריזלענדיקע טרויבן און די שטערן פונעם ווייסן, דופּטיקן טאַבאַק, און דערנעענטער זיך צום שיין־געבויטן גאַניק מיט דער ווייסער קאָלאָנאַדע פון אויבן. פּלוצים דערהער איך מײַן נאָמען:

— אַניוטע!

איך קוק זיך אום. אונטער דער קאַלאַנאַדע שטייט אַרעלע־באַרעלע, אַראַנטשיק־באַראַנטשיק, „דער ברילִיאַנט פון דער גאַנצער וועלט״, אָדער אַנדערש גערעדט, דער פּאַרטרעטער פונעם הויפּט־אינזשענער, מיין יינגערער ברודער אַראָן באַריסאָוויטש גאָלדענטראַכט.

— באַרעלע! — שריי איך אויס, פול מיט פרייד, — זדראַוו! וואָס מאַכט מען עפּעס, ברודערקע?

— זדראַווענקי בולי, — ענטפערט מיר באַרעלע און לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ. — לאַפּקו!

איך צי אים אויס די האַנט, און ער שלעפּט מיך אַרויף פון דער זייט גלייך אויפן דריטן טרעפּל.

מיר גייען אַרויף אויף די טרעפּ און שטעלן זיך אַנידער אונטער דער קאַלאַנאַדע.

חברים טייערע! ווער פון אייך עס פאַרמאָגט אַ טייער ברודערל, אַ מעזיניק אין דער משפּחה, ווער עס באַגעגנט זיך מיט דעם דאָזיקן ברודערל איין מאָל אין דריי טעג, אין ראָש, אין טאַראַראַם, און שטעקט אים אַריין פאַרביילויפנדיק די האַנט: זדראַוו, זדראַוו, קאַק זשיזן? — ווער עס קריגט זיך מיט דעם דאָזיקן ברודערל אויף פאַרשיידענע באַראַטונגען, — וועט קאָנען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס איז באַגעגענען זיך מיט דעם דאָזיקן ברודערל אין אַ קילן זומערדיקן אָוונט אונטער אַ ווייסער קאַלאַנאַדע, ווען די פאַרגייענדיקע זון איז ענלעך אויף אַן אויפגייענדיקער לבנה.

— אַ, באַרעלע, — זאָג איך, קוקנדיק אויף מיין ברודערל, — וואָס ביסטו עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט?

אויף באַרעלעס דאַרע אַקסלען הענגט אַ פּרעכטיקער לעדערנער מאַנטל — די לעצטע פּרעמיע פון „נאַרקאָמסטרוי״; די געלע שטיוולעטן זיינען שיין אויסגעפּוצט, דער שניי־ווייסער קאָלנער איז גוט געפּרעסט (דער מאַמעס הענט, געזונט זאָלן זיי זיין!), איבערן קאָלנער ליגט אַ זיידענער קאַשנע.

— וואָס איך בין אויסגעפּוצט? — פרעגט איבער באַרעלע. — ווייל ביי אונדז איז היינט צוגאַסט דער נאַרקאָם.

— אַזוי? — וואונדער איך זיך. — איך האָב גאָרניט געוואוסט.

— אָודאי, — זאָגט באַרעלע, — ער איז געקומען אינדערפרי, אַרומגעקוקט די „אוטשאַסטקעס״ און איצט וועט זיין אַ באַראַטונג פונעם אַקטיוו. אָט דאָס שטיי איך טאַקע, כדי באַגעגענען אים, און דער אַקטיוו קלייבט זיך ביסלעכווייז.

— פאַרוואָס עפּעס דו? ס'איז דען ניטאָ קיין עלטערע פון דיר?

— ס'איז ניטאָ, שטעל זיך פאָר, — ענטפערט באַרעלע, — דער דירעקטאָר איז אין מאָסקווע.

— און דער אַלטער?

— און דער אַלטער איז קראַנק. אַן אַטאַקע פון רעוומאַטיזם אויף מיין מזל.

„דער אַלטער״ — דאָס איז דער הויפּט־אינזשענער פון דער בויאונג, דער

באַרימטער יאַזעפאָוויטש, דער אָנפירער פון אַ סך באַוואוסטע בויאונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— אַזוי, אַזוי! ביסטו, הייסט עס, באַרעלע, אַ בעל־שמחה —נו, נו, מזל־טוב דיר!

— אַ דאַנק, „טעכטערל״! — ענטפערט מיר ערנסט באַרעלע. ער רופט מיך, ווי דער טאַטע אַמאָל, „טעכטערל״, כאָטש ער איז יינגער פון מיר אויף אַכט יאָר... מיר רעדן האַלב־יידיש, האַלב־רוסיש...

אויף די טרעפ לויפן דורך איילנדיקע מענטשן. זיי גריסן זיך מיט אונדז, און אַלעמאַל, ווען זיי גיבן אַן עפן די טיר, דערהערט זיך ווי אַ גערויש פון אַ וויטן ים.

איך קוק אויף באַרעלען. ווי, ווי, וואָס די מלחמה האָט געמאַכט פון אים! וואו איז אַהינגעקומען זיין ליכטיק ראָז פנים, די שיינענדיקע אויגן, די געדיכטע קודלע האָר? אַ גרוי־געלע הויט ציט אַרום זיין פנים, די אויגן צווישן די רויטלעכע וויעס זייַנען שטענדיק מיד; פיר קאַרבן אויפן שטערן — דריי פון זאָרג און מי, דער פערטער — אַ שניט פון אַ שפליטער, אַריינגעכאַפּט אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה, בעתן בויען די באַפעסטיקונג.

ניט ווילנדיק טו איך אַ זיפץ.

— ביסט מיד, טעכטערל, — זאָגט באַרעלע, — גיי שוין, גיי אַהיים!

— איך גיי, — ענטפער איך און בלייב שטיין. מיר גלוסט זיך ניט שיידן זיך מיט באַרעלען.

אַ וואונדערלעכער גורל פון מענטשלעכע לעבנס! מיר האָבן געלעבט אַזוי פיל יאָרן באַזונדער — ברידער און שוועסטער, צעוואָרפן אין פאַרשיידענע שטעט, אָפּגעטיילט איינס פונעם אַנדערן אויף טויזנטער קילאָמעטער, שטענדיק געבענקט, געריסן זיך איינס צום אַנדערן, געטרוימט וועגן דער זעליקער און דאָך אומ־דערגרייכבאַרער מינוט פון ווידערזען, און פלוצים איז געקומען די גרויזאַמע מלחמה, וואָס האָט אונדז געזאָלט צעשיידן אויף שטענדיק, און אָט די דאָזיקע מלחמה האָט אונדז גאָר צונויפגעפירט צוזאַמען פון פאַרשיידענע עקן פונעם לאַנד אַהער, אויף דער בויאונג — ווען מ׳האָט אַהער עוואַקואירט, און ווער ס׳איז אַליין אַהער געקומען. ווייל די פון שטענדיק איינגעשטעלטע פאַרבינדונגען זייַנען צעריסן געוואָרן, און איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך געטראָגן אַ שטורעם, וואָס האָט געוואָרפן מענטשן, ווי אָפּגעריסענע בלעטער אין אַ האַרבסטיקן טאָג. מיר וואוינען דאָ דריי ברידער און אַ שוועסטער, און מיט אונדז די מאַמע און אַ גוטער האַלב טוץ קרובים, וואָס פאַר דער מלחמה האָבן מיר קוים געוואוסט פון זיי.

אין דער געביידע צינדט זיך אָן שיין.

— גיי, באַרעלע, — זאָג איך, — גיי, ס׳הויבט זיך שוין אָן.

— איך גיי, — ענטפערט באַרעלע און כאַפּט זיך ניט. אים גלוסט זיך נאָך שטיין אַביסל לעבן מיר אונטער דער קאָלאָנאַדע. ער זאָגט:

— ערשטנס, קאָן איך ניט אַוועקגיין פונדאַנען. עמעצער דאַרף דאָך באַ־געגענען דעם נאַרקאָם. און, צווייטנס, קערן זיי דאָרט האַלטן ערשט פון פאָרנט.

ס'פאַרט צו אַ מאַשין. אויף די טרעפּ לויפן אייליק אַרויף אַ גרופּע קאַזאַכן־ערד־גרעבער. ביי אייניקע אויף די קליידער גלאַנצן די צייכנס „פאַר פערגאַנער קאַנאַל".

מיר שטייען אונטער דער קאָלאָנאַדע. באַרעלע מאַכט צו זיינע מידע אויגן, אַ שטראַל פונעם לאַמטערן באַלויכט זיין אויסגעמאַטערט, שלאָפעדיק געזיכט.

אַ שטראָם ליכט פאַרטרינקט אונדזביידן. מיר שטייען אומבאַוועגלעך. מיר היטן זיך אַ קוק טאָן איינס אויפן אַנדערן. אַ פייכט הייטל הענגט איבער מיינע אויגן.

וואָס זאָגט מען עפּעס? ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון דעם כישוף? איך זאָג:

— ביסט מיד, באַרעלע?

באַרעלע שרייט ביין:

— גלעט מיך!

אַזוי שרייען מיר תמיד, ווען מיר ווילן אַראָפּוואַרפן פון זיך די נעץ פון צאַרטקייט, וואָס שוואַכט אָפּ אונדזער ווילן און דראָעט אונדזער איינגעשפּאַרטקייט.

און איך „גלעט" באַרעלען, ווי מיר טוען שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן: איך צי אים אויס די לינקע האַנט פאַר זיך און גלעט זי מיט דער רעכטער פון די פינגער צום עלנבויגן, אַזוי ווי דאָס מאַכן די אַרטיסטן פונעם „גאַסעט", בעת זיי שפּילן „דעם גט". דערביי זאָג איך מיט אַ פעסטענדיקן קול, ווי זיי:

— באַרעלע, קעצעלע, קאַטיקל...

באַרעלע לאַכט. די אָנשטרענגונג איז דורכגעגאַנגען. אַצינד קאָן איך גיין.

2.

מיר איז ניט באַשערט געווען אַוועקגיין.

אינעם לינקן גערטנדל האָבן זיך דערהערט שנעלע טריט, און אויף די טרעפּ איז לייכט אַרויפגעלאָפן אַ הויכער שלאַנקער בלאָנדין, מיט זיינע לאַנגע באַקנבאַרדן פון די שלייפן ביז דער מיט באַק, ענלעך אויף אַ דעקאַבריסט. דאָס איז אַדינצאָוו, דער נאַטשאַלניק איבער די קאַריערן, אַ יונגער פּיאַיקער אינזשענער.

ער פליט מיט אימפּעט צו דער טיר, נאָר באַרעלע שטעלט אים אָפּ:

— כאַפּט זיך ניט אַזוי, אַנדרעי אַנדרעיאיטש! דער נאַרקאָם איז נאָך ניטאָ.

אַדינצאָוו בלייבט שטיין. ער גריסט זיך מיט אונדז ביידע און נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס. פּלוצים מאַכט ער אַ פייערלעך פּנים און פאַרנויגט זיך פאַר מיר אין אַ טיפן רעווערענס.

— מאַדאַם, דערלויבט מיר באַגריסן אייך און אייער בכבודיקן אַנשטאַלט מיט די גרויסע דערגרייכונגען אין וויסנשאַפט און טעכניק, וואָס איר באַגליקט מיט זיי די מענטשהייט.

מיר ווילט זיך זייער ניט קאַליע מאַכן מיין גוטן אָוונט מיט באַרעלען! איך פּרוּווּ אָפּווענדן דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער זייט. איך זאָג אַדינצאָוון:

— איר האָט נאָר־וואָס אויסגעזען ווי קאַכאָווסקי, בעת ער האָט געוואָלט הרגענען דעם קייסער...

נאָר באַרעלע האָט אים שוין אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ נייע נומערן האָבן זיי שוין ווידער אָפּגעסמאָליעט?

„זיי“ — דאָס איז דער מעטאַלורגישער קאָמבינאַט, וואָס פון זיינעטוועגן שאַפן די בויער די נייע געביידעס, זאַוואָדן, הילפס־אונטערנעמונגען, סקלאַדן און וואוין־הייזער. „זיי“ — דאָס זיינען די „באַשטעלער“, וואָס ווילן, אַז אַלץ זאָל זיין אויסגעבויט וואָס גיכער און וואָס ביליקער, און „מיר“ — דאָס איז דער בוי־טרעסט פון „נאַרקאָמסטרוי“, — דער פּאַדריאַטשיק, וואָס שטרעבט פון זיין גאַנצן האַרצן צו דעם זעלבן, נאָר פּאַלט אַמאָל דורך מיט זיינע פּלענער, דעריבער זיינען „זיי“ און „מיר“ אין גאַנץ קאַלטע באַציאונגען. ביידע האָבן מיר באַזונדערע אָנשטאַלטן, פּערסאָנאַזשן און אַפילו קלובן און וואוין־קוואַרטאַלן. די באַרג־פּאַר־וואַלטונג געהערט צו „זיי“, דעריבער באַציט זיך צו מיר באַרעלע אַביסל מיט חשד.

— איר ווילט וויסן, וואָס פאַר אַ נומער? — זאָגט אַדינצאָוו. — זיי האָבן פאַרמאַכט די גרוב פון מאַרגאַנעץ־אַרץ ביי סוכאַראַיעווקע.

— ביי סוכאַראַיעווקע? די גרויסע? נומער 4? — באַרעלע שפּרינגט שיער ניט אונטער. — פאַרוואָס?

— פאַרמאַכט, וויל ס'האָט זיך אויסגעשעפּט דער אַרץ, — גיסט אונטער בוימל אויף פייער אַדינצאָוו.

— יאָ, יאָ, דאָס איז אַ פאַרברעך — שרייט באַרעלע אויסער זיך, — צע־טרענצלען אַזאַ גוטס!...

אַדיע, מיין גוטברודערשע ליבע מיט באַרעלען! נאָר וויבאַלד אַזוי, איז לאָמיר כאָטש קריגן זיך ווי מענטשן.

— וואָס גייט אייך אָן מאַרגאַנעץ? — זאָג איך. — איר דאַרפט עס צום בויען? ס'איז דאָך אָן אינערלעכער ענין פון מעטאַלורגן!

— ניין, — זאָגט באַרעלע, — ס'איז אונדזער ענין פּונקט ווי דיינער! אַניט, צוליב וואָס בויען מיר דעם קאָמבינאַט פּונקט אָט דאָ און ניט ערגעץ אַנדערש? וויל דאָ איז אייזנאַרץ, מאַרגאַנעץ, קאַלכשטיינער און אַנדערע זאַכן. נאָר וויבאַלד קיין מאַרגאַנעץ איז שוין ניטאָ, וואָלט דאָך געוועזן ריכטיקער בויען ערגעץ אַנדערש.

איך קום אַרויס פון איין בלוט מיט באַרעלען און בין אויך פאַר מיינע צוויי גילדן אַ כעסנטע.

איך זאָג:

— וויבאַלד עס גייט אייך אַזוי אין לעבן, פאַרוואָס־זשע האָט איר ניט אויס־געפילט דעם פּלאַן? ווער האָט אייך געשטערט דורכלאָזן ביז אַצינד די ערשטע דאָמנע?

ניין, דאָס האָב איך ניט געדאַרפט זאָגן! זע, ווי ווייטיקדיק עס פאַרקרימט זיך דאָס ליבע פּנים באַרעלעס.

די טיר האָט זיך געעפנט, און ס'איז אַרויס נינע, די סעקרעטאַרשע, אויס־געפּוצט און אָנגעקרויזלט, נאָך דערשראָקן.

— אַראָן באַריסאָוויטש, — זאָגט זי, — מע רופט אייך צום טעלעפאָן, פּונעם קאַריער . . . וואו די קאַלכשטיינער . . .

— פונעם קאַריער? — זאָגט באַרעלע. — וואָס קאָן דאָרט זיין?
זי זאָגט:
— עפּעס אָן אַוואַריע, צי וואָס; איך קאָן ניט פאַרשטיין.
באַרעלע און אַדינצאָוו גייען איילוק אַוועק.
איך שטיי אין אומרו און וואַרט. וואָס איז דאָרטן פאַרלאָפן?...
באַלד קומען ביידע צוריק.
— עפּעס קאָן מען ניט פאַרשטיין, — זאָגט באַרעלע. — זיי בעטן צושיקן אַהין אַן אינזשענער. איין זאַך איז קלאָר: קיין אומגליקלעכע צופאַלן זיינען ניט פאַרגעקומען.
אַדינצאָוו קנעפּלט זיין קורטקע.
— איך פאָר אַהין, אַראָן באַריסאָוויטש.
ער געזעגנט זיך און גייט אַוועק. איצט גיי איך אַהיים, און אויפן האַרצן איז מיר מאָדנע שווער.

3.

איך קום צו זיך אין צימער און לייג זיך אַנידער אויף דער קאַנאַפּע. עסן גלוסט זיך מיר ניט — נאָך אַ טאָג האַרעוואַניע אויף דער היץ, קומט ניט גלייך דער אַפּעטיט. הינטער דער וואַנט אין קאָרידאָר זינגט אַ בעסאַראַבער מיידל. זי קלייבט זיך אין קלוב אַריין טאַנצן און פּוצט די שיך ביי דער שוואַכער שיין פונעם עלעקטרישן לעמפּל. זי שטאַמט פונעם גרויסן שבט בעסאַראַבער שוסטער, וואָס פּילן אַן אונדזערע אַרטעלן, און זי זינגט זייער באַליבט ליד: „דער אומקום פון טיטאַניק". זי גרילצט מיט אַ הויך דין קול, און עס דאַכט זיך, אַז פונעם קול הערט מען, וואָס פאַר אַ לאַנגע, דאַרע און שוואַרצע זי איז:

צי האָט איר, מיינע לייטן געהע־ע־ע־ערט
פונעם אומגליק, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן?
אַמעריקאַנער שיף האָט זיך איבערגעקע־ע־ע־ערט,
און פיל מענטשן האָט דער אומגליק געטראָפן...

אויפן האַרצן איז מיר שווער. אַלץ שאַרפער און שאַרפער שניידט זיך דורך מיין אומרו פאַר באַרעלען. אַן אַוואַריע, — וועלכע זי זאָל ניט זיין, — איז ניט קיין פאַרגעניגן, באַזונדערס איצט, בעת ס'איז דאָ דער נאַרקאָם.
איך פּרוּאוו עפּעס טאָן. איך לייג זיך אַרום מיט פּאַפּירן און האַנט־ביכער און מאַך זיך, אַז איך וויל שרייבן אַ באַריכט, נאָר גאָרניט גלוסט זיך מיר ניט טאָן. וואָס האָט דאָרט געקאָנט געשען? צי איז שוין געקומען אַהין אַדינצאָוו?
עס גייען דורך נאָך פופצן מינוט. איך שטיי אויף, איך וועל צוגיין אין דירעקציע — מן־הסתם האָט שוין אַדינצאָוו געקלונגען. איך שלעפּ אַרויף אויף זיך מיין מאַנטל — די אויבנט זיינען ביי אונדז קאַלטע. איך גיי צו דער טיר און בלייב שטיין. ס'דערמאָנט זיך מיר די פאַרריסנקייט פון די בויער. די פאַר־וואונדערטע מינעס... ניין, איך וועל ניט גיין! מעגלעך, אַז דאָרט איז שוין אַלץ

אין אָרדענונג און באַרעלע זיצט אַן אויפגעלייגטער אין פּרעזידיום. וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך האָבן?

אין פינף מינוט אַרום טו איך זיך ווידער אָן. פאַר די פינף מינוט זיינען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין פינף מאָל פינף שווערע, פינצטערע געדאַנקען.

איך גיי מיט אַ זייטיק געסל און קום אַרויס צום לינקן גערטנדל. אויפן פּלאַץ שטייען מאַשינען, נאָך מער ווי פריער. די גאַנצע געביידע לייכט זיך, ווי אַן אילומינאַציע. איך גיי אַרויף אויף די באַקענטע טרעפּ און שטיי אַ פּאָר מינוט אונטער דער קאָלאָנאַדע... איך גיי דורך דעם ברייטן וועסטיביול און דורך די קאָרידאָרן. איבגיכן דערזע איך דעם פּרעכטיקן פּול־געפּאַקטן זאַל. איך זע אים דאָס ערשטע מאָל, זינט זיין דערעפענונג. ביי דער טיר שטייען די פאַרשפּעטיקטע — ס'האָט פאַר זיי ניט געקלעקט קיין ערטער. איך רוק זיך אַריין צווישן זיי און הויב אָן קוקן אין אַלע זייטן — צי וועל איך ניט דערזען דאָרט באַרעלען. נאָר איך זע אים ניט ערגעץ ניט. אין פּרעזידיום איז ער ניטאָ, אין זאַל אויך ניט. אייניקע דערקענען מיך און גריסן זיך, אַנדערע קוקן זיך איבער, נאָר דאָס דאָזיקע אינטערעסירט מיך איצט ניט — איך זוך באַרעלען. וואו איז ער?

פּלוצים טו איך אַ ציטער — איך דערזע אין פּרעזידיום יוזעפּאָוויטשן. איצט איז מיר אַלץ קלאָר: אויפן קאַריער איז עפּעס אַן ערנסטע מעשה; אַדינצאָוו האָט אַרויסגערופן אַהין באַרעלען, און באַרעלע האָט געמוזט אַרויסרופן דעם קראַנקן יוזעפּאָוויטשן. ניט ווייט פון מיר שטייט נינע, די סעקרעטאַרשע. איך גיב איר אַ וואונק, און מיר ביידע גייען אַרויס אין קאָרידאָר.

— אַראָן באָריסאָוויטש איז אויפן קאַריער?

— יאָ.

— און וואָס טוט זיך דאָרטן, נינע?

זי ענטפערט מיט איר קעלבלשן אויסדרוק:

— איך ווייס ניט.

אָוועקגיין ניט וויסנדיק קאָן איך ניט. איך גיי ווידער אַריין אין זאַל. איך זוך מיט די אויגן אַ מענטשן, וואָס זאָל מיר קומען צו הילף.

אויף דער טריבונע שטייט אַן אומבאַקאַנטער מענטש, אַ פּולער, ניט קיין הויכער וואוקס, עלעגאַנט געקליידט, און עפּעס איז אין אים דאָ פייערלעך־אָפּגעפּרעמדטס און צוציעודיקס.

אָך, דאָס איז דער נאַרקאָם זייערער. איך הער זיך איין אין זיינע רייד. ער האַלט אינמיטן.

פון אַ ווייטער באַנק פּאָכעט מיר עמעצער מיט דער האַנט. דאָס איז אַ באַקאַנטער אינזשענער פון פּראָיעקט־ביוראָ. ער וויזט מיר, איך זאָל אַרויס אין קאָרידאָר.

אין קאָרידאָר זאָגט ער מיר:

— אַראָן באָריסאָוויטש האָט מיך געבעטן איבערגעבן זיין פאַמיליע, מע זאָל זיך ניט באַאומרואיקן, טאָמער וועט ער קומען אַביסל שפּעטלעך, עפּעס איז ביי אים אַן אַוואַריע.

— אַן ערנסטע?
— איך ווייס ניט, — ענטפערט ער. און וואָס קאָן ער באמת וויסן — אַ פּראַיעקטמאַן! נאָר אַז ער גייט אַוועק, הויבט זיך מיר אָן דאַכטן, אַז ער ווייסט, נאָר ער וויל מיר ניט זאָגן.
איך קער זיך אום צוריק אַהיים, אין מיין צימער. הינטער דער טיר זינגען די בעסאַראַבער שוסטערס:

שטעלט איך פאַר, מיינע לייטן, די קאַרטינע,
ווי גרויס ס׳איז געווען דער צאַרן,
אַז דאָס וואַסער איז אַריין אין דער מאַשינע,
און די ליעקטריע איז פאַרלאָשן געוואָרן . . .

פו זאָלסטו ווערן! איך נעם צונויף מיינע פּאַפּירן און גיי אַוועק צו דער מאַמען. בעת איך קנעפּל צונויף מיין רעקל, כרושטשען אין בוזעם־קעשענע מיין אַדיקס בריוו. ווי לאַנג האָב איך געציטערט פאַר אַדיקן! געדאַכט האָט זיך מיר, אַז קיין שוואַכערע באַשעפעניש פון אים איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אַזוי ציטעריק, אַזוי ניט באַשיצט, אַזוי צוטריטלעך פאַר יעדן שונא. און איצט שטעלט זיך מיר פאָר, אַז ער איז שטאַרק ווי אַ מויער מיט זיינע צוויי פּאַגאָנעס, און שוואַך איז איצט באַרעלע — שוואַך ווי אַ פליג.

.4

דער מאַמעס צימער האָט ביי אונדז פאַרשיידענע צונעמענישן. מיר רופן אים: „דער מוזיי", „דער קלוב", „דער בודואַר". נאָר אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ גוט־איינגעאָרדנטער, גוט באַוואוינטער צימער. דאָס נעמט זיך פון דער מאַמעס כאַראַקטער. נאָך אַ האַלב יאָר עוואַקואַציע האָט זי אונדז געזאָגט:
— קינדער, גענוג זיין בעזשענצעס. מיר זיינען אויף דער בויאונג אויף לאַנג. מע דאַרף זיך איינאָרדענען, ווי ס׳געהער צו זיין.
צום אַלעם ערשטן האָבן מיר אַלע אָנגעטאָן אונדזערע אַלטע ספּעצאָווקעס און, אונטער איר אָנפירונג, אויסגעווייסט די צימערן. דערנאָך האָבן מיר זיי אַרומגעשטעלט און אויסגעפּוצט, מיט וואָס נאָר מיר האָבן געקאָנט. לאַנג האָבן זיך די באַפּוצונגען ביי אונדז ניט געהאַלטן, ווייל מיר זיינען ווייניק אינדערהיים. דערפאַר אָבער ביי דער מאַמען ווערט דאָס צימער אַלעמאָל שענער און פּרייט פּשוט אונדזערע העצער.
ביי דער מאַמען אין צימער שטייט אַ ברייטע, ווייכע טאַכטאַ און אויפן בעט ליגט אַן אמתע קישן פון פעדערן, די איינציקע, וואָס מיר האָבן באַוויזן מיטנעמען פון דער היים; אויף די פענצטער הענגען מאַרלענע פאָרהאַנגען, גוט אָנגע־קראָכמאַלעטע, מיט אויסגענייטע שפּיצן, און הינטער זיי שטייען וואַזאָנעס; איבערן טיש הענגט אַן אַבאַזשור, געפאַרבט געל (מיר פאַרבן דאָ אַלץ מיט אַקריכין; מיר זיינען אַלע אָפט קראַנק אויף מאַלאַריע און האָבן געגנוג טאַבלעטקעס); אויף די ווענט הענגען שיינע גראַווירן און פאַרשיידענע האַנט־אַרבעטן: אַפּליקאַציעס,

טעפּיבלעך, אויסגעניייטע האַנטעכער. אויפן טאַטנס לשון פלעגט עס אַמאָל הייסן „מעשטשאַנסקי וקוס״, און אויב עס פלעגן העגגען צווי אַזעלכע זאַכן, פלעגט ער זאָגן: „צוויי מעשטשאַנסקע וקוסן״. דעמאָלט פלעגט די מאַמע זיין איינ־שטימיק מיט אים, נאָר איצט, אַז מיר פּרוּוון אַפּלאַכן פון אירע באַפּוצונגען, זאָגט זי:

— אַלץ בעסער, ווי אָפּגעלאָזנקייט און יאוש. צי אפשר ווילט איר ניוניען?

ניין, מיר ווילן קיינער ניט „ניוניען״. מיר ווינקען נאָר אונטער איינער דעם אַנדערן אויפן גרויסן טעפּיך און אויף „דיומעס פּערספּעקטיווע״.

דער גרויסער „טעפּיך״ איבער דער מאַמעס בעט איז געמאָלט מיט אייל־פאַרב אויף ברעזענט. פאַרגעשטעלט זיינען, ווי געוויינלעך, מאַרקיזעס אין גע־פּודערטע לאָקן, קאַוואַליערן מיט מיידלשע פּנימער און וויסע שוואַנען אויף אַן אָזיערע. דאָס איז אַ פּראָדוקט פון מיין אייגענעם פּענדזל, מע האָט געדאַרפט האָבן נאָר דער מאַמעס איינגעשפּאַרטקייט אויף צו צווינגען מיך מאָלן אָט די „פּאַסקודסטווע״, אין יענע שווערע אומפאַרגעסלעכע טעג, בעת אונטער סטאַלינ־גראַד האָט זיך געלייזט אונדזער אַלעמענס גורל.

אַך, האָבן מיר דעמלט געאַרבעט! אַך, האָבן מיר געגעבן צייגערס! אַז עס טרעפט זיך מיר איצט אַמאָל אין די הענט אַ נומער פון אונדזער קליינינקער צייטונג, אַרויסגעלאָזט יענע צייטן, איז מיר נאָך שווער צו גלויבן, אַז דאָס האָבן מיר באַוויזן אַזעלכע גבורות. מיר פלעגן דעמלט אַרבעטן אָן אָפּרו־טעג, נאָר אויב עס פלעגט מיר אַמאָל אויספאַלן אַ פרייע מינוט, פלעגט מיך די מאַמע באַלד אַוועקשטעלן צום טעפּיך. אייניקע אין אונדזער קאָלעקטיוו האָבן זיך אַרומ־געטראָגן מיט שווערע שטימונגען: נאָך סטאַלינגראַד גייט דרום־אוראַל. זיי פלעגן קוקן אויף דער קאַרטע און מעסטן זי מיט די קליינינקע צונויפגעדרייטע מעטאַלענע מעטערס, וואָס מיר טראָגן שטענדיק אַרום אין די קעשענעס. און איך פלעג דאַרפן שטיין און מאָלן די ראָזעווע שמייכלען אויף די פּנימער ביי די קאַוואַליערן און דאַמעס. אָפט פלעגט לעבן מיר אויף דער קאַנאַפּע ליגן אַ צונויפגעקאַרטשעטער באַרעלע און פייניקן זיך פון די שרעקלעכע קאָפּ־ווייטיקן, וואָס פלעגן קומען צו אים אין זייער הייסע טעג. אים פלעגט אַנהויבן שטאַרק שניידן דער שטערן לעבן דער וואונד, און ער פלעגט אָפט ברעכן. צייטנווייז פלעגט מיר אַזוי צוטרעטן צום האַרצן פון אָט דעם אַלעמען, אַז איך פלעג זיך אַראָפּלאָזן אין קעלער, כלומרשט זוכן פאַרבן: דאָרט פלעג איך זיך שטאַרק אָנכאַפּן מיט דער האַנט פאַר אַ ברעטל, וואָס איז געגאַנגען אין דער ברייט פונעם קעלער, און פלעג רעדן צו זיך אַליין מאָדנע רייד, וואָס איך אַליין פלעג זיי אויס־טראַכטן און וואָס האָבן קיין שום באַדייטונג ניט געהאַט: עפּעס אַ ניי מין וואָרט אָדער אַ פּאָר שורות פון אַ געדיכט — וואָס ס'איז מיר דאָס ערשטע אַריינגעפאַלן אין מויל אַריין. די דאָזיקע ווערטער און שורות פלעג איך חזרן מעכאַניש אַזוי לאַנג, ביז צו מיר פלעגט זיך אומקערן דאָס גלייכגעוויכט. איינמאָל האָב איך אין קעלער דערזען מיין עלטערן ברודער טאַליען, ער איז געשטאַנען אַנגעכאַפּט מיט די פינגער פאַרן זעלבן ברעטל און האָט געקוקט ערגעץ אין רוים. אַ רגע האָבן

מיר אַריינגעקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, און איך בין באַלד אַרויס־געגאַנגען צוריק. טאַליע האָט אָפּגעוואַרט אַ שטיקל צייט און איז אויך אַריין אין צימער. צוערשט האָט ער געשוויגן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן זייער הויך און זייער געניי דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער נאָך עפּעס אַ שטיקל גלאָז.

סוף־כל־סוף האָב איך דעם טעפּיך פֿאַרענדיקט. און איצט הענגט ער שוין דאָס אַנדערע יאָר און רופֿט אַרויס ביי מענטשן אַ געפֿיל פֿון ליבע און דאַנק־באַרקייט. זיי דערמאָנען זיך די שווערע סטאַלינגראַדער טעג און די רו, וואָס זיי פֿלעגן דערפֿילן, אַז זיי פֿלעגן אַריינקומען צו אונדז און טרעפֿן מיך מאָלן די שוואַנען. די מאַמע זאָגט מיר:

— אַהאַ!

און די ברידער ווייזן מיר אויף דער מאַמען:

— לערן זיך, טעכטערל!

„דיומעס פּערספּעקטיווע", דאָס איז דאָס פּערספּעקטיווע בילד פֿון אונדזער בויאונג, אין אַזאַ אויסזען ווי זי וועט האָבן אין אַ יאָר 15־20 אַרום. זי פֿאַרנעמט אַ גרויסן בויגן וואַטמאַן־פּאַפּיר און הענגט פּונקט אַנטקעגן דעם טעפּיך. געמאָלט האָט זי אונדזער עלטסטער ברודער דיומע — דער שטאָט־אַרכיטעקטאָר אין דער סאָץ־שטאָט, וועלכע בויט זיך 12 קילאָמעטער פֿון אונדז. געמאָלט האָט ער עס לכתחילה פֿאַר אונדזער דירעקציע ווי אַ מין דעקאָראַציע אין הויפּט־זאַל. דערנאָך האָט מען דעם פּלאַן פֿון דער בויאונג געענדערט, קאָנקרעטיזירט, און דאָס געמעל האָט אויפֿגעהערט טויגן. דעמלט האָט דיומע אים אָפּגענומען און אוועקגעשענקט דער מאַמען. אויפֿן געמעל איז פֿאַרגעשטעלט די בויאונג אין פֿיר פֿאַרענדיקטע ציקלען: העל־גרינלעכע געביידעס פֿון צעכן און געהילף־אונטערנעמונגען פֿאַר־שטעלן טיילווייז די געלבלעך־ראָזעווע דאַמבעס, וואָס זיינען ענלעך אויף פּאַסיקלעך קאָנפֿעקטן־פּאַסטילאַ; די גרוי־בלוילעכע קאָופּערן באַקומען אַ גלייכגעוויכט אין די בלוילעכע צונגען, וואָס גייען אויפֿן האָריזאָנט. ווי אין יעדער אַזאַ געמעל, זיינען דאָ פֿאַראַן אַ סך קופּעס זאַפֿטיק־גרינע קוטשעראַוועביימער און פֿילפֿאַרביקע קלומבעס; העל־געפֿאַרבטע אויטאָמאָבילן דרימלען ביי די טראָטואַרן און שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער־גלאַנציקע אַספֿאַלטן; די דורכגייער זיינען העל און יום־טובדיק געקליידט.

די מאַמע האָט זייער ליב דאָס דאָזיקע בילד און שאַצט זייער דיומען. זי זאָגט אָפּט:

— ער איז זייער באַגאַבט און וואָלט געקאָנט מאַכן אַ פּרעכטיקע קאַריערע, ווען ער זאָל ניט זיין אַזאַ אידעאַליסט...

די מאַמע פֿאַרמאָגט אין איר לעקסיקאָן אַ סך אַזעלכע ווערטער, ווי: „פּראָ־גרעס", „צוואַנציקסטער יאָרהונדערט", „מיר — די מיטלע קלאַססע" (בפֿירוש „קלאַססע", — ניט קלאַס), נאָר מער פֿאַר אַלעמען האָט זי ליב די ווערטער „אידעאַליזם", „אידעאַליסטיש", וואָס באַטייטן ניט, ווי ביי אונדז, אַ באַשטימטע פֿילאָסאָפֿישע קאַטעגאָריע, אַ היפּוך פֿון „מאַטעריאַליזם" און „מאַטעריאַליסטיש",

נאָר אַ מין מאָראַלישע אייגנשאַפט, אַן ערך ווי ביי אונדז „אידייאישקייט", אידייאיש".

איך האָב געטראָפן די מאַמע, ווי שטענדיק, ביי אַן אַרבעט: זי האָט עפּעס געניייט. מיר דאַכט, אַז איך האָב זי קיינמאָל אין לעבן ניט געזען ליידיק. זי איז ניט יונג — דיומע איז שוין אַלט ביי די פופציק, נאָר זי איז שטענדיק פאַרנומען, שטענדיק פאַרטאָן — באַנייט און באַלאַטעט אַלע קינדער, די שניר און די איניק־לעך. זי קאָכט כמעט פון גאָרניט געשמאַקע מאכלים, וואָס זיינען זייער אַ גוטער צוגאָב צו אונדזערע וואָרמעסן אין גאָרקיד. זי האַלט זויבער־ריין די שטוב און געפינט נאָך צייט אויף לייענען אַ צייטונג. איר לאָזונג איז: „אַ מענטש דאַרף זיין דיעלנע", ד. ה. טעטיק, און פון קליינערהייט זיינען מיר געוואוינט צו דעם דאָזיקן לאָזונג. אַז עמעצער פון אונדז קערט זיך אום פון דער אַרבעט צוויי אַזייגער ביינאַכט, אָדער ער גייט אַוועק זעקס פאַרטאָג, ענטפערט ער אויף אירע טענות:

— מאַמאַטשקע, איך בין דיעלנע.

די מאַמע פּראָטעסטירט:

— אַלץ דאַרף זיין מיט אַ מאָס.

דאָס דאָזיקע מאָל פרעגט זי מיך לאַקאָניש, ווי שטענדיק (אַ סך צייט פאַטערן אויף רייד קאָן זי ניט):

— קאַשע?

— ניין, — ענטפער איך. — איך האָב געגעסן אין גאָרקיד.

און איך צי זיך אויס אויף דער טאַכטאַ.

די מאַמע קאָן ניט ליידן, אַז מע וואַלגערט זיך, דעריבער פּרוּווט זי מיך אַראָפּנאָרן פונעם געלעגער:

— גוטע קאַשע, אַ מחיה! האַלב הירזש — האַלב קלייען. דאָס האָט מיך נאַטאַליע איוואַנאָוונע אויסגעלערנט.

— איך וויל ניט. אַ דאַנק!

די מאַמע רייסט זיך אָפּ אויף אַ מינוט און וואַרפט מיר אַ צייטונג:

— נו, טאָ לייען דאָ רוזוועלטס נייע רעדע.

צו אָט די קורצע באַפעלן זיינען מיר זיך געוואוינט פון קינדהייט. אַמאָל הערן מיר פון דער מאַמען: „פּוץ אָפּ די שיך, זיי זיינען ביי דער שטויביק!" „לייען איבער מאַקאַרענקאָס „פּעדאַגאָגישע פּאָעמע" — זי ליגט ביי מיר אונטערן קישן!" „גיי בעט איבער ליזען (די שנור), זי איז אויף דיר ברוגז!"

מיר זיינען געוואוינט אין אַזעלכע פאַלן צו געהאָרכזאַמקייט, און דעריבער נעם איך רוזוועלטס רעדע און מאַך זיך, אַז איך לייען. ס'איז גוט דערמיט, וואָס איך קאָן זיך פאַרדעקן פון דער שיין און פון דער מאַמען.

איך פאַרמאַך די אויגן און דערזע פאַר זיך באַרעלען, ווי ער שפּאַנט איבערן קאָרידאָר אין דער געלבלעכער שיין פון די ווייט־צערוקטע לאַמטערנעס. איך זע, ווי ער שפּרינגט אין זיינע יום־טובדיקע שיך איבער די שאַרפע ראַנדן פון די פריש־אָנגעשאָטענע שטיינער. נאָך אים — אַדינצאָוו, נאָך אַדינצאָוון — דעמענ־

טשוק, דער קליינינקער טעכניקער, דער בריגאַדיר פון די אויפרייסלער. דריי שוואַכע שאָטנס גייען מיט זיי מיט איבער די שיינער און פעלדזן, ווי פאַרמערנדיק זייער צאָל. זיי האָבן אַ פאַרשיידענעם וואוקס, די דריי יונגעלייט, און פאַרשיידענע שטריכן פונעם פנים, נאָר אַ מאָדנע מין אויסדריקלעכקייט מאַכט זיי ענלעך איינס אויפן צווייטן און גלייכט זיי אויס אין וואוקס. זיי גייען אַלע קוים געבויגן, די קעפּ אויסגעצויגן פאָראויס און אַביסל געבויגט אויף אַ זייט, ווי כאַפּנדיק אַ ווייטן קוים־הערבאַרן קלאַנג. די מיילער זיינען ביי זיי קוים אָפן, די ציין — אַביסל אויסגעשטשירעט, די ווינקלען פון די ליפּן — אַרויף, אַרום דער נאָז און אויגן שווערע קנייטשן פון אָנשטרענגונג. זיי האָבן אַביסל אַן אויסזען פון אַ חיה, וואָס יאָגט זיך נאָך איר רויב, און פון די סטאַנדאַרטע אויסגעשטשירעטע סאַמורייען, וואָס מע מאָלט זיי אויף יאַפּאַנישע שפּאַליר־ווענטלעך, אויף זיידענע פּעכערס און אויף טיי־געפעס — נאָר דאָס אַלץ איז ביז די אויגן. אין די אויגן איז גאָר עפּעס אַנדערש. אין די אויגן איז דער גוט־באַקאַנטער פלאַם פון פאַרשערישער דרייסטקייט, דער פייכטער גלאַנץ פון איבערגעגעבנקייט און דער געלער אָפּשיין פון אונדזערע לאַמטערנס, צעשטעלטע אין דער מדבר. אַ גוטע חברישע אחדות בינדט צונויף די דאָזיקע דריי מענטשן, וואָס זוכן די שפּורן פון געפאַר. איך קען זי גוט, די דאָזיקע אחדות, און עס ווערט מיר גרינגער פאַר בארעלען — ער איז ניט אַליין. זיי זיינען ניט אַליין. מיר זיינען ניט אַליין. מיר זיינען אַלע איינאיינעם, ענג פאַרבונדן, פעסט געשלאָסן, ברידערלעך פאַרפלאָכטן אונדזערע הענט. דו האַלטסט מיין האַנט, איך האַלט דיין האַנט און ער האַלט נאָך עמעצנס — מיר זיינען שטאַרק!

איך באַרואיק זיך אַביסל און ליג האַלב־פאַרמאַכט די אויגן. די ציטונג פאַרשטעלט פון מיר די שטוב. און פּלוצים דערזע איך די גאַנצע געגנט אַרום דעם קאַריער, מיט די זאַמדן, מיט די פעלזן, מיט ניקל־אַרץ, מיט די מאַרגאַנעץ־אַרצן, אין דער טונקעלער נאַכט דורכגעשטעפּט מיט די שיטערע שורות פון אונדזערע לאַמטערנס. וואָס קאָן זיין שענער ווי לאַמטערנס איבער אַ ווילדן, ווייט־פאַרוואָרפענעם סטעפּ! איך דערזע די זעלבע געגנט אין אַ ברען־סאַרפעדיקן זומער־טאָג, ווען דער ליימיקער סטעפּ איז צעטראַסקעט און אין אַלע ריכטונגען ווי אַ פריש־אויסגעטריקנטע קאַליוזשע, און די שפּאַלטן זיינען אַזוי גיגאַנטיש־גרויס, אַזוי גיגאַנטיש־ברייט, אַז עס דאַכט זיך, זיי גייען ביז די טיפסטע טיפענישן פון דער ערד־אויבערפלאַך, ביז דער פייער־פליסיקער מאַגמע, און פון דאָרט גייען עס אַרויס די אָנגעגליטע שטראָמען לופט, וואָס הייבן זיך אויף און ציטערן אינעם רוים. אין אַזאַ מינוט זעט מען זייער דייטלעך, ווי ווייט דאָרט, פאַר אַ האַלבן קילאָמעטער, אויפן „קאָקסכים"־זאַוואָד, בויט מען די הויכע צילינדרישע קוילן־טורעמס. די סילועטן פון די אַרבעטער אויף די פּלאַטפאָרמעס, וואָס קרוינען די טורעמס, זייערע פאַרפאַרטע באַוועגונגען רופן אַרויס די ווייטסטע אַסאָציאַציעס: מיטלעלטערלעכע שלאַכטן, באַלאַגערונגען פון פעסטונגען, דער גרייז־גרויער אשור און די באַוועגלעכע טורעמס ביי די פיינטלעכע ווענט.

דערנאָך דערזע איך די זעלבע געגנט אין אַ פּראַסטיק־פֿייער־שיסנדיקן טאָג, ווען מענטשן האַלטן זיך אומיסטן אויף די ברייטע וועגן, כּדי דערהערן באַצייטנס די דורכגייער: „אייער באַק פֿרירט אָפּ — זי איז ווייס!" די זון שטייט דאָן אויפֿן הימל אין אַזאַ קעניגלעכן בלענד, אין אַזאַ מין איבערפֿלוס פֿון לאַנגע מוטערפֿערלנע שטראַלן, אַז מענטשן האָבן מורא פֿאַטערן די ראיה און האַלטן זיך דעריבער מיטן רוקן צו דער זון, נאָר ווער עס קערעוועט זיך צו איר אויס מיטן פּנים, דערזעט די צוויי ברייטע קוים־אויסגעבויגענע רעגן־זיילן, וואָס שטייען אין בײדע זייטן אירע ווי צוויי וועכטער, אָדער ווי צוויי פּרעכטיקע זיילן פֿון איר קעניגלעכן טראָן, און זאָגט: „דער פֿראָסט ווערט זיך נאָך שטאַרקן." אין אַזעלכע טעג הייבט זיך אויף איבער די פֿריש־געבויטע ווענט אַ דאַמף פֿונעם אַנגעוואַרעמטן געמישעכץ, וואָס מע צעמענטירט מיט אים די ציגל. דער דאַמף זעצט זיך אויף די ברעמען, בערד און וואָנצעס פֿון די מוליאַרעס און פֿאַרוואַנדלט זיך אין ווייסן פֿראָסט. און צום סוף טאָג, בעת די צוויי זיילן פֿאַרשווינדן און פֿון דער זון ציען זיך אויס צוויי לאַנגע בלוטיק־רויטע שפּיצן אַרויף און אַראָפּ פֿון איר, זאָגט דער בריגאַדיר: „חברה, גרייט אָן די מאַטעס, עס גיפּעלט מיר ניט דער הימל." די בלוטיק־הויטע זון פֿאַרזינקט הינטערן האָריזאָנט צוזאַמען מיט איר אונטערשטער שפּיז, נאָר די אויבערשטע בלײַבט נאָך שטיין אַ פּורפּורנע, אַ שמאָלע, אַ דראָענדיקע, און אַז זי צעשווימט זיך אינדערלופֿטן, הענגט נאָך לאַנג אין יענער זייט הימל אַ ברייטע שוואַך־רויטלעכע צונג. די אַרבעטער פֿאַרענדיקן די אַרבעט און דעקן איין די האַלב־פֿאַרענדיקטע ווענט מיט די מאַטעס. אויף די מאַטעס לייגן זיי אַרויף שווערע שטיינער — דער בוריאַן זאָל ניט צונישט מאַכן זייער אַרבעט אויף די ווענט.

פֿאַר מײַנע אויגן שווימען דורך פֿאַרשיידענע בילדער פֿון דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט: איך זע אונדזערע צוויי עשעלאָנען בעת דער עוואַקואַציע, די וואַנדער־פּלאַטפֿאָרמעס מיט די מעכאַניזמען, אַרומגעשטעקט מיט גרינע וועלקנדיקע צווײַגן — אַ באַשיצונג פֿון פֿײַנטלעכע עראָפּלאַנען — און די צוויי „דנעוואַלנע" מיט די ביקסן, וואָס מיר פֿלעגן אַרויסשטעלן יעדן טאָג לעבן זיי; איך זע אונדזערע ערשטע ביידלעך, דעם ערשטן נאַכטלעגער אין מוראַדיק־קאַלטן סוף־זומערדיקן סטעפּ און דעם ערשטן העליש־ברענענדיקן אַרבעטס־טאָג, וואָס איז געקומען נאָך דער ערשטער נאַכט. מיר שטייען דאָרט בעתן ערשטן וואַרמעס־איבעררייס אַרום אונדזערע ביידלעך. די דרום־מזרחדיקע ווינטן רייסן די לייוונטן און די דעכער אַרום אונדז און מיר שטייען האַנט בײַ האַנט און מיר קוקן אַלע אין פּנים אַרײַן די נײַע ווינטן אויף דער נײַער ערד, אונדזערע ערשטע טריט אויף דער בויאונג און אונדזערע ערשטע דערגרייכונגען. די ערשטע קאַטלאָוואַנען און טראַנשייען. די ערשטע אויסגעבויטע צעכן און אַ גײעג נאָך וועלף, און די ערשטע בעטאָן־אַרבעטן אויפֿן פֿראָסט, און דעם גרויסן געוויסער פֿון 1942. און אונדזערע ערשטע קינדערלעך געבוירן אין דער עוואַקואַציע, וואָס הייסן מיט פּאַטעטישע נעמען נאָך טײַכן, בערג און מעטאַלן, אָדער מיט שיינע סימבאָלישע נעמען — נאַדיעזשדאַ, וויקטאָר, וויקטאָריאַ.

אַ מאָדנע זיסער ווייטיק שטעכט דורך מיין האַרץ, דאָרט שניידט זיך דורך אַ נייער געוויקס פון מיין ליבע צו דער נייער היים. ער שניידט זיך שווער און ווייטיקדיק, ווי אַ צאַרטער שפּראָצלינג דורך אונדזערע פאַרהאַרטעוועטע באָדנס, נאָר ער שניידט זיך, ער וואַקסט, ער צווייגט זיך אין אַלע זייטן. ער וואַקסט דורך דורכן פליייש, ער גייט דורך דורך די ביינער, ער דערגרייכט ביז די אַקסל. די אַקסל טוען מיר ווי!... זיי ברעכן מיר... איך קאָן מיך ניט איינהאַלטן פון אַ קרעכץ.

די מאַמע פרעגט:

— ווידעראַמאָל די אַקסל?

איך ענטפער:

— עט, אַ קלייניקייט.

וואָס קאָן איך זאָגן? וועגן מיינע געדאַנקען? וועגן דעם נייעם געוויקס, וואָס שטעכט דורך מיינע ביינער? צי וועגן מיינע שווערע אומרועז פאַר באַרעלען? חלילה! נאָר ניט דאָס דאָזיקע! וועגן באַרעלען טאָר זי גאָרניט וויסן. זי האָט אַ שוואַך האַרץ.

רוזוועלטס רעדע פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד.

5.

די מאַמע באַמערקט, אַז די צייטונג איז אַראָפּגעפאַלן, און פאַרשטייט, אַז איך לייען ניט. הויבט זי אָן נייען לאַנגזאַמער. איך זע, אַז זי באַטראַכט עפּעס. זי טראַכט געוויס, וואָס פאַר אַ באַשעפטיקונג זאָל זי מיר אויפגעבן. סוף־כל־סוף באַשליסט זי פאַרפירן מיט מיר אַ „וויכטיקן שמועס", זי שטעקט אַריין די נאָדל אינעם געניי און זאָגט מיר:

— איך האַלט אין איין טראַכטן, איך טראַכט וועגן טאַליעס וואָפּראָס. ווי איז דיין מיינונג וועגן דעם?

„טאַליעס וואָפּראָס" איז מיר באַקאַנט אין אַלע זיינע איינצלהייטן, און די מאַמע ווייסט שוין פון לאַנג מיין מיינונג וועגן דעם, ווייל מיר האָבן שוין ניט איינמאָל גערעדט אויף דער דאָזיקער טעמע, נאָר זי האַלט, אַז בעסער רעדן אָן איבעריק מאָל וועגן אַ וויכטיקן ענין, איידער זיך וואַלגערן אָן אַ טאָלק אויף דער קאַנאַפּע. טאַליע איז מיין עלטערער ברודער, צווישן מיר און דיומען. ער איז אַן אינזשענער אַ מעכאַניקער, מיט גרויסע דערפינדערישע פיאַיקייטן. די לעצטע יאָרן האָט ער געאַרבעט אין מאָסקווע אין אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. זיין „וואָפּראָס" באַשטייט פון זיינע באַציאונגען צו זיין וויסנשאַפטלעכער קאַריערע.

— דו ווייסט, — זאָגט די מאַמע גלייך ווי זי זאָל מיר דערציילן אַ נייס, — ער האָט זיך דאָך פאַרפעסטיקט דאָ אויף דער בויאונג אויף 12 יאָר. גוט, וואָס מ'האָט פון אים מער ניט געפאָדערט. ער זאָגט, אַז די בעסטע לאַבאָראַטאָריע איז דאָ, ביי דער פּראַקטישער אַרבעט.

טאַליעס שפּיצלעך זיינען מיר שוין פון לאַנג באַקאַנט. קיין שום זאַך גייט ביי אים ניט אין קליינע מאַסשטאַבן, אַלץ גייט „הורטאָם". דערפאַר האָט ער ביי אונדז דעם צונעמעניש „דער פּראַגער גולם". ווי ס'איז באַוואוסט, האָט דער

דאָזיקער גולם אויך ניט געוואוסט פון קיין קליינלעכקייטן — אַז מע פלעגט אים שיקן פאַרמאַכן די לאָדן פון שטוב, פלעגט ער פאַרמאַכן די לאָדן אין דער גאַנצער שטאָט; אַז מע פלעגט אים שיקן נאָך אַן עמער וואַסער, פלעגט ער פאַרטרינקען די שטאָט. טאַליע, אַז ער דאַרף זיך קויפן אַ קעסטעלע ציין־פּראָשעק, אָדער אַ „האַנט־ביכל פאַר מעכאַניקער", קויפט ער מיטאַמאָל אַ 10־20 שטיק און נאָך דעם גייט ער אום צווישן באַקאַנטע און בעט, אַז מע זאָל זיי ביי אים נעמען צום אָנדענק.

— מאַמאַטשקע, — זאָג איך, — ווילסט וויסן ענדגילטיק מיין מיינונג, איז הער מיך אויס: לאָז צורו טאַליען, ער איז שוין ניט קיין קינד. ער קאָן שוין אַליין זיין שטעטל באַשטיין.

— ניט קיין קינד? — זאָגט ביטער די מאַמע (אין די פראַגן, וואָס געהערן צו אירע קינדער, איז זי שטענדיק ליידנשאַפטלעך). — ער איז ערגער פון אַ קינד, ער איז אַ פאַרטראַגענער מלאך און אַ דאַן־קיכאָט. מע טאָר ניט זיין אַזוי אידעאַליסטיש געשטימט.

אַליין פלעגט זי אונדז, קליינוואַרג, דערציילן אַנשטאָט קינדער־מעשהלעך די ביאָגראַפיעס פון סאָפיע פעראָווסקע און דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, און איצט קאָן זי ניט פאַרשטיין, וואָס טוט זיך עס מיט אירע קינדער.

זי איז זייער אומצופרידן מיט מיר. זי זאָגט מיר:

— הער זיך אויף וואַלגערן אָן אַ זין. דערצי שוין ביז עלף און לייג זיך שלאָפן. ספּענסער זאָגט, אַז אַן אָנגעשטעלטער דאַרף אויפשטיין זיבן אינדערפרי און זיך לייגן עלף אין אָוונט.

ספּענסער איז אונדזערער אַן אַלטער באַקאַנטער. לויט „ספּענסערס סיסטעם" פלעגט מען אונדז קינדוויז אויפוועקן פאַרטאָג און רייבן לאַנג דאָס גאַנצע לייב מיט גראָבע האַנטעכער איינגעטונקטע אין זאַלץ־וואַסער — די מאַמע, דער טאַטע, די מומעס. דערנאָך פלעגט דער טאַטע אַוועקלויפן צו דער אַרבעט אין קאַנטאָר (ער איז געווען אַ בוכהאַלטער און פלעגט אויפשטיין נאָך פריער ווי ספּענסער האָט געהייסן), און די מאַמע פלעגט פאַר אונדז קאָכן אַ זופּ פון האָבער־גרויפּן, וואָס איז געווען זייער היגיעניש און האָט געקאָסט זייער וואָלוול. צי זיינען מיר געוואָרן געזינטער פון „ספּענסערס סיסטעם", ווייס איך ניט, נאָר פיינט געקראָגן האָבן מיר אים גרינטלעך, ביז היינטיקן טאָג.

פלוצים דערמאָנט זיך עפּעס די מאַמע:

— אַניוטע! — זאָגט זי. — איך האָב גאָר פאַרגעסן: אויף דער טומבאַטשקע לעבן דיר ליגט אַ בויגן: „הילף די קינדער פון פראָנטאָוויקעס". שרייב זיך אונטער און גיב מיר עפּעס פאַר די קינדער.

וואָס קאָן איך זיי געבן? — וואונדער איך זיך, — אַז חוץ דעם טישל און הילצערנעם באַנק־בעטל ביי מיר אין צימער פאַרמאָג איך גאָרנישט ניט. די מאַמע דערמאָנט מיר:

— דו האָסט ווייסע וואָלענע הענטשקעלעך. פאַר אַ קינד איז דאָס אַ גוטע מתנה.

אַך, מיינע וואַלגנע הענטשקעלעך? דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך פון מיינע שיינע טואַלעט־קליינינקייטן פון דער היים. בעת איך טו זיי אָן, וויזט זיך מיר אויס צייטנווייז, אַז איך בין געקליידט פון אויבן ביז אַראָפּ אין שיינע, לייכטע, עלעגאַנטע קליידער, אַזעלכע ווי איך האָב ליב. אַוועקגעבן די הענטשקעלעך? עס טוט מיר באַנג! נאָר וויבאַלד די מאַמע האָט אויף זיי געוואָרפן אַן אויג, איז פאַרפאַלן. איך שרייב זיך אונטער, גיב אָפּ די הענטשקעלעך און פרעג פאַר אַ שפּאַס:

— און וואָס גיסטו, מאַמע?

די מאַמע ווערט פּלוצים טונקל אויפן פּנים און זאָגט מיט אַ ניט־זיכערן טאָן:

— דו פאַרשטייסט, איך האָב באַשלאָסן אונטערשרייבן מיין פוקס. קיין אַנדער זאַך האָב איך ניט און זאַמלען זאַכן און אַליין זיך ניט אונטערשרייבן איז ניט שיין. ווי זאָגסטו?

— זוך אויס עפּעס אַנדערש פאַר די קינדער. ווייסטו גאָר וואָס? גיב זיי אַ שטיקל ברויט אָדער עטלעכע טאַלאָנען פון די ברויט־קאַרטלעך.

די מאַמע פאַרטראַכט זיך. ס'איז אַ שווערע זאַך. גרינגער אַוועקגעבן אַ חפץ פון שטוב,

די מאַמע קוקט אויפן ברויט, וואָס איז געבליבן אויף מאָרגן צום פרישטיק: זייער ווייניק. איך קוק אויך אויפן ברויט. מיר קוקן אַזוי פיל מאָל אין טאָג אויפן ברויט, אַז עס קאָן ניט סטייען נאָר פונעם קוקן. דערנאָך שטייט די מאַמע פּלוצים אַנטשלאָסן אויף, גיט אַ נעם דאָס שטיקל ברויט און לאָזט זיך צום קעסטל — באַהאַלטן עס פאַר די קינדער. טראַגנדיק, וועגט זי עס אויף דער האַנט און זאָגט מיט אַ געדיכטן סאַלידן קול:

— אַ היפּשע פּאַרציע! ס'וועט זיי צוניץ קומען. מאָרגן גאַנץ־פרי וועל איך עס אַוועקטראָגן אין גאָרקיך.

דאָס מיינט זי די גאָרקיך פאַר קינדער פון פראָנטאָוויקעס. אַ סך פרויען קומען אַהין אינדערפרי און ברענגען די קינדער אַ צוגאָב צו זייערע פּאַרציעס עפּעס היימיש געקעכץ, צוקער, ברויט. דאָס הייסט ביי אונדז „לעבעדיקע הילף״. איך פיל די גרויסע באַדייטונג פון דער מתנה און די מאַמע לייענט עס אין מיינע אויגן. זי בלייבט צופרידן.

מיינע אומרועןֿ גייען דורך. מיר דאַכט זיך, אַז באַרעלע איז שוין ווידער אויף דער באַראַטונג. איך וויל עסן. נאָר שטאַרקער נאָך וויל איך שלאָפן. איך גיב זיך אַ לייג אויף דער טאַכטאַ און שלאָף איין.

6.

איך כאַפּ זיך אויף פון אַ געוויש: פאַרזיכטיקע מענערשע טריט, שטילע שמועסן און צוגעטויבטע קלאַנגען פון איבערגערוקטן מעבל. איך עפן אויף די אויגן. אינמיטן שטוב שטייט טאַליע, אַן אויסגעפּוצטער, אַ פריש־ראַזירטער, נאָר מיט אַ מאָדנע צעדרייטן אויסזען, עפּעס ניט אַזוי ווי שטענדיק. אַלע טישלעך און בענקלעך זיינען אָפּגערוקט פון זייערע ערטער, די שאַפּקעלעך — אָפן. די

מאַמע שטייט אויף די קני לעבן דער טומבאַטשקע און זוכט דאָרט עפּעס. טאַליע באַמערקט, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, און פרעגט מיך:

— אַניוטע, האָסט מיינע טעזיסן ניט געזען? ראָזעווע, אויף ראָזעוון פּאַפּיר.

איך קום צו זיך און דערמאָן זיך גלייך: די באַראַטונג, באַרעלע, די אוואַריע... אַ פרעג טאָן ביי טאַליען: דו האָסט באַרעלען ניט געזען? ער קען וויסן, און אפשר ניין? אַזאַ צעטראָגענער מלאך, צו וואָס דאַרף ער די טעזיסן? מן־הסתם אַרויסטרעטן אויף דער באַראַטונג. ער אַרבעט אין דער היגער אָפּטיילונג פון „סאַיוז־עקסקאַוואַציע" און עפּעס קומען זיי ניט דורך מיטן בוי־טרעסט.

— ניין, טאַליע, איך האָב ניט געזען די טעזיסן.

טאַליע קוקט אומבאַהאָלפן אונטער די טישן, אונטער די בענקלעך, רוקט אָפּ צוליב עפּעס דעם עמער אויף דער באַנק און מורמלט פאַר זיך:

— אַט ניט לאַנג זיינען זיי דאָ געווען. — ער בעט דער מאַמען:

— מאַמוסיע, עפן מיר די פּייער־קאַסע!

די „פּייער־קאַסע" — דאָס איז אַ פּשוט הילצערן קעסטל, וואו מיר האַלטן אונדזערע דאָקומענטן, געלט, אָבליגאַציעס. דאָס קעסטל שטייט ביי דער מאַמען, וואו עס שטייען אירע אַלע אונדזערע ווערטפולע זאַכן. טאַליע האָט אַ טבע שטופן אין „פּייער־קאַסע" אַלץ, וואָס אים קומט נאָר אונטער דער האַנט.

די מאַמע עפנט די „פּייער־קאַסע", טאַליע הויבט דאָרט אָן נישטערן, און פּלאָנטערט דאָרט אַלץ איבער. דערנאָך שטעלט ער אַרויף דאָס קעסטל אויף צוויי בענקלעך און זאָגט מיט אַ קינדעריש קול:

— מאַמאָטשקע, גיב דו אַ זוך. עפּעס קאָן איך ניט געפינען.

די מאַמע הויבט אָן זוכן מיטן פּנים צו דער שיין, מיטן רוקן צו מיר.

טאַליע גייט צו און שטעלט זיך אַנידער גלייך אַנטקעגן מיר.

וואָס באַטייט זיין קוק? וואָס?

איך הייב זיך אונטער און דרינג אַריין אין זיין בליק.

וואָס וויל ער זאָגן? וואָס?

מיר זיינען געוואוינט רעדן צווישן זיך מיט די אויגן, נאָר איצט קאָן איך אים ניט פאַרשטיין.

זיינע אויגן ווערן גלאַנציקער, קיילעכדיקער.

— באַרעלע!!! — שריי איך אויס, ניט מיט מיין קול, און פאַל אויף דער קישן און רייס מיר שיער ניט אויס אַלע האָר...

ניין — איך שריי ניט אויף אַ קול. די מאַמע קאָן דערהערן. די מאַמע דאַרף מען היטן. זי האָט אַ שוואַך האַרץ. נאָר טאַליע דערזעט דעם ווילדן אויסגעשריי אין מיינע אויגן. ער קערעוועט זיך אָפּ אין אַ זייט, הייבט גדלותדיק אויף דעם קאָפּ און זאָגט מיט אַ טרוקענעם אומצופרידענעם טאָן, זיך ווענדנדיק צו דער מאַמען:

— מאַמוסיע, דו זוכסט ניט דאָרט, וואו מע דאַרף.

דאָס דאָזיקע איז געזאָגט געוואָרן ניט צו דער מאַמען, נאָר צו מיר. טאַליע דרייט זיך אַוועק און גייט אָפּ אָן אַ זייט. איך אָטעם אָפּ אַביסל, אַפּנים די געפאַר

איז ניט אַזוי גרויס, ווי איך האָב געמיינט. וואָס אָבער ווייסט ער, טאַליע ? ווי אַזוי צווינגט מען אים צוגיין ? איך הויב אָן קלאַפּן מיט מיין זייגערל אין דער טומבאַטשקע. טאַליע זאָגט :

— ווערסט צעבראָכן דעם זייגער, — און צוגייענדיק צו דער מאַמען, זעצט ער פאָר :

— געדולד, געדולד — דער איינציקער מיטל — געדולד.

דאָס דאַזיקע איז ווידער געזאָגט צו מיר און, אפשר, אויך זיך אַליין.

צי ער ווייסט טאָקע עפּעס ? צי רעדט ער וועגן עפּעס אַנדערש ? נאָר די מאַמע האָט שוין געכאַפּט די אומגעווינלעכקייט פון זיינע רייד. זי הייבט אויף דעם קאָפּ און כאַפּט אַ קוק אויף אונדז מיט חשד.

דערנאָך נעמט זי ווידער בישטערן און געפינט פלוצים די טעזיסן.

טאַליע ווערט מלא־גדולה. אַט איצט וועט ער אָפּרעדן זיין רעדע אויף דער באַראַטונג און וועט פטור ווערן פון איר. זי שטייט אים ווי אַ ביין אין האַלדז — אַזוי זאָגט ער.

— רעד אָפּ און קום גלייך עסן וועטשערע, — זאָגט די מאַמע, — דער זייגער איז האַלב איינס.

— איבערגעפּוצעוועט ספּענסערן, — לאַכט פאַרן אַוועקגיין טאַליע. ער וויל אונדז ניט איבערלאָזן אין אַן אומעטיקער שטימונג. איך זע, ווי ער זוכט אין קאָפּ עפּעס אַ חכמה. ער זאָגט :

— איך וועל באַלד פונעם בוי־טרעסט מאַכן אַ מאַטשענקע. איך וועל זיי מאַכן אַ „זאַקוציע".

טאַליע האָט שטאַרק ליב פאַרשיידענע אַלטמאָדישע אויסדרוקן. „זאַקוציע" האָבן אונדזערע עלטער־זיידעס פאַרגרייזט פונעם וואָרט „עקזעקוציע", וואָס האָט אין זייער צייט באַטייט שמיץ, קלעפּ, ניקאָלאַיעווסקע שפּיץ־רוטנס. נאָר דאָס וואָרט איז אַזוי קאָמיש, אַז איך הויב אָן לאַכן. אַט דאָס טאָקע דאַרף טאַליע. ער געזעגנט זיך אָפּ און גייט אַרויס, און בעת ער גייט אַרויס, זע איך אין זיין בליק, אַז ער איז זייער ניט רואיק.

די מאַמע שיט אָן אַביסל הירזש אין אַן ערדן שיסעלע און הויבט עס אָן איבערקלייבן פאַר דער מאָרגנדיקער קאַשע. זי האַלט דאָס שיסעלע נאָענט צו אירע קורצזיכטיקע אויגן און יאָגט זיך מיט גרויס ערנסט נאָך יעדן זעמדעלע, נאָך יעדן שטיקעלע שאָלעכץ... אירע גרויע קוטשערן שיינען ווי זילבער. זי איז, ווי שטענדיק, שיין פאַרקעמט און אָנגעטאָן מיט געשמאַק.

פּלוצים שטעלט זי אַוועק דאָס שיסעלע און קערעוועט זיך אויס צו מיר. זי פרעגט הארב :

— אַניוטע, וואָס איז געשען ?

איך מאַך זיך ניט־וויסנדיק : וואָס האָט געזאָלט געשען ?

נאָר די מאַמע חזרט איבער :

— וואָס איז געשען ? אי דו, אי טאַליע זייט איר זייער ראַסטראָיעט. זאָג מיר בעסער דעם אמת.

זאָג איר דעם אמת! איך קאָן איר זאָגן: דער קאָפּ טוט מיר ווי, איך בין אויפגעשטאַנען זעקס פאַרטאָג, איך בין געווען דעזשורנע, אַרומגעטרייסלט זיך רייטנדיק אויף אַ שלעכט פערד. נאָר עס וועט דען העלפן? זי וועט ניט גלויבן. דעריבער זאָג איך:

— איך האָב זיך צעקריגט מיט די בויער.

— פאַרוואָס?

— ווייל זיי זיינען אויסוואורפן. — אין מיין קול ציטערן אַזעלכע אויפריכטיקע טרערן, אַז די מאַמע הויבט מיר אָן אַביסל גלויבן. זי האַלט פאַר מעגלעך מאַכן מיר אַ באַמערקונג:

— דריק זיך ניט אויס גראָב. ס'איז אַ מיאוסע מידה, קאָנסט זיך נאָך צוגעוואוינען. פאַרוואָס, פונדעסטוועגן, האָסטו זיך מיט זיי צעקריגט?

גיי דערצייל איר די גאַנצע מעשה! נאָר פאַרשווייגן איז נאָך ערגער. איך גיב איר איבער מיין קריג מיט די בויער. זי איז אויסגעקאָכט אין אַלע קלייניקייטן פון דער בויאונג און איז אויסער זיך, אַז זי דערוויסט זיך וועגן סובאָראַיעווקער אַרץ־גרובן, פאַרמאַכט דעם נומ. 4, אויסגעשעפּט דעם מאַרגאַנעץ! ס'איז דאָך הימל עפן זיך!

— נו, און מיר זיינען ניט גערעכט?

זי טראַכט אַ ווייַלע און געפינט, אַז ביידע צדדים זיינען אומגערעכט. אַזוי איז ביי איר שטענדיק, נאָר זי איינע איז שטענדיק גערעכט. זי גיט צו:

— איך בין געווען אַזוי אומרואיק, איך האָב געמיינט, עפּעס מיט אַריקן.

אַריק איז מיין זון, דער יונגיטשקער לייטענאַנט, וואָס ליגט איצט אין קיבישעווער שפּיטאָל.

— ניין, ניין, ביי אַריקן איז אַלץ אין אָרדענונג. דו האָסט דאָך געלייענט היינט דעם בריוו.

זי באַרואיקט זיך און נעמט זיך ווידער צו דער הירזש.

אין טיר גיט מען אַ לייכטן קלאַפּ. די מאַמע גייט אַרויס און באַלד גייט זי אַריין צוריק. ווער איז דאָס, ווער?

— ס'איז דאָרע (די שכנה), אָפּגעבראַכט דאָס וואַשברעטל. דאָס קומט זי פון דער באַראַטונג. ס'האָט זיך דאָרט נאָך ניט געענדיקט, ס'איז שוין אָבער נאָך איינס.

— וועגן וואָס רעדט מען דאָרט?

— זי זאָגט: מע קריטיקירט די וועג־אַרבעטן.

די שכנים אין אונדזערע הייזער לייען פאַרשיידענע חפצים אייער ביי דעם אַנדערן. מיר זיינען אַלע געקומען אַהער אָן שטוב־באַלעבאַטישקייט. דערפאַר אָבער געפינט זיך אין יעדער שטוב כאָטש איין נויטיקע זאַך: דאָ — אַ שער, דאָרט — אַ פּרעסל, אַ וואַשברעטל, און אונדזערע באַלעבאָסטעס זיינען רייכער אין באַלעבאַטישקייט ווי אַמאָל אין אונדזערע אַלטע היימען, ווייל זיי גייען צו די שכנים, ווי צו זיך אין קאַמער אַריין, און קיינעם שיינט עס ניט מאָדנע. און דאָך איז מיר אַ וואונדער אויף דאָרען — זי וואָלט, דאַכט זיך, געקאָנט אָנקלאַפּן

מאָרגן אינדערפרי. אָך, ווען מע קאָן זי אַ פרעג טאָן, וואָס הערט זיך דאָרט?

די מאַמע זאָגט:

— לייג זיך, טאַכטער, שלאָפן. נעכטיק היינט ביי מיר. נאָ דיר די קישן.

„די קישן" הייסט ביי איר די קישן „פון אמתע פעדערן". זי לייגט זי מיר אונטערן קאָפּ. איך ליג האַלב־שלעפעריק, האַלב־וואַך. דער לאָמפּ שיינט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די מאַמע קלייבט איבער די הירזש. אינדרויסן רעדט ערגעץ אַ ראַדיאָ...

און ערגעץ ווייט דאָרט בלאָנדזשעט אַרום באַרעלע מיט זיינע חברים און פאַר קעלט נורען זיי זיך אין זייערע נידעריקע זומערדיקע קאָלנערס און קריכן אַריין אין זיי ביז איבער דער קין. און ווייטער, ווייטער אויף מערב ליגט אין שפּיטאָל מיין יינגעלע אַריק, וואָס האָט שוין איצט יעדן פרימאָרגן 36.9° און יעדן אָוונט ניט מער ווי 37.5°, און אַז ער וועט ווערן געזונט, וועט ער ניט אָוועקפאָרן אויף אַ שטעקעלע רייטנדיק צו דער מאַמען אין פעלענע אַריין, נאָר ער וועט אָוועקפליען אויף אַן עראָפּלאַן פון דער גייסטער קאָנסטרוקציע אַהין, וואו די מאַמעס פאַרלירן זייערע רעכט... און ערגעץ ווייט, ווייט דאָרט ליגט אַ קופּע פאַררויכערטע ציגל — דאָס איז מיין הויז אין דער גרויסער אוקראַינישער שטאָט, און איך בין דאָ, און גאָר דאָ איז מיין היים. וואָס־זשע איז דאָס אַלץ? אַ פאַרפלאָנטערניש... עפּעס ציט זיך אַ דינער קלאַנג אינדערלופט... איך ווער אַנטשלאָפן...

7.

דאָס מאָל חלומען זיך מיר שווערע, אומרואיקע חלומות. מיר חלומט זיך, אַז איך לעב מיין געוויינלעך לעבן, נאָר עס קומט פאָר אויפן גרונט פונעם ים. אַלץ איז ווי שטענדיק, נאָר אַלץ איז געפאַרבט אין אַ גרינבלעכן קאָליר און אַלץ איז אָנגעזעטיקט מיט בענקעניש און אַלץ איז ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, ניט אַזוי, ווי מע דאַרף, און גאָרניט גייט מיר ניט איין.

איך שווים צו אַ גרויסער גרינבלעכער שטאָט, איך זע אַלע אירע הייזער, ברייטע גאַסן און פילשטאָקיקע בנינים, און פּלעצער. מיר איז דאָ אַלץ גוט באַקאַנט, איך ווייס אַלע אַריינגענג און אַלע אַרויסגענג. נאָר עפּעס גלוסט זיך מיר ניט אָפּשטעלן זיך אין אָט דער שטאָט, קיין זאַך גייט מיר דאָ ניט איין, ס'איז דאָ עפּעס ניט בשלום, און איך שווים אָוועק ווייטער. אינמיטן ים הייבן זיך אויף גלאַטע, גרינע זאַמד־בערגלעך אָן שום גרעזער אויף זיי. איך שווים צו און לייג זיך אַנידער אויפן זאַמד. פּלוצים הויבט אָן ערגעץ ביי דער זייט ריזלען וואַסער, און איך דערהער נאָענט לעבן זיך באַרעלעס קול — איך לאָז זיך נאָכן קול. עס ווערט אַלץ ווייטער און ווייטער און איך שווים און עס ברעכן מיר פונעם שווימען די אַקסל. פּלוצים פאַרשווינדט דאָס קול, און עס הערט זיך נאָר דאָס ריזלען פונעם וואַסער, און מיטאַמאָל דערהער איך באַרעלען רעדן האַרט לעבן מיר. איך דערפריי זיך שטאַרק. נאָר ער ווערט ווידער אַנטשוויגן, און נאָר דאָס פאַרדראָסיקע ריזלען פונעם וואַסער הערט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. איך

צי זיך אין דער זייט, וואו כ'האָב ערשט געהערט באַרעלעס קול, נאָר פּלוצים גיט אַ שיין אַ בליץ, ס'פּליט אַראָפּ אַ פּוגאָסנע באַמבע און צעררייסט זיך...

איך עפן אויף די אויגן. לעבן מיין קאָפּ פאַרמאַכט די מאַמע דאָס שאַפקעלע. אַנטקעגן מיר, ביים וואַש־טישל, שטייט באַרעלע און וואַשט זיך. איבערן שטוב בלאַנדזשעט אַרום טאַליע, דער צעטראָגענער מלאך. באַרעלע האַלט אין איין רעדן, דאָס וואַסער ריזלט און גיסט זיך אויף זיין קאָפּ, אויף זיין האַלדז, אויף די הענט... איך קום צו זיך.

— באַרעלע! — שריי איך אויס און וואַרף זיך צו אים. — באַרינקע, טייערער, וואָס איז מיט דיר געשען?

איך וואַרף זיך אים אַרויף אויפן האַלדז, און ער כאַפּט מיך אַרום מיט די עלנבויגנס, ווייל די הענט זיינען ביי אים נאַס.

— ווייניקער אימפּעט! — זאָגט קאַלטבלוטיק די מאַמע. — לאָז אים זיך אָפּווישן.

נאָר ער ווישט זיך ניט. ער קושט מיך פאַרזיכטיק אין די האָר, אין די אויערן, אין האַלדז, ער זאָל מיך ניט פאַרנעצן, און דאָך בין איך שוין פּיטש־נאַס.

— אַן אידיאָט קושט זיך מיט אַן אידיאָטקע, — זאָגט טאַליע, — אַ בילד פאַר די געטער, אַ גדולה מיט גריוון.

— באַרעלע, זאָג, וואָס־זשע איז דאָרט פאַרגעקומען? — בעט איך זיך.

— לאָזן זיי דיר דערציילן, — זאָגט באַרעלע.

די מעשה דערציילט מיר, סוף־כל־סוף, די מאַמע, און ס'איז דאָ וואָס צו הערן!

אַז די אַרבעטער זיינען געקומען פאַרנאַכטלעך אויפן קאַריער, האָבן זיי פאַרלייגט אַמאָנאַל אויף אַ גרויסן שטח אין אַ סך גרויסע בויער־לעכער. זיי האָבן באַשלאָסן אויפרייסן מיטאַמאָל אַ גרויסע נאַרמע שטיין, ווייל מ'האָט זיך געקליבן פאַרלייגן אַ סך נייע אָביעקטן. געטאָן האָבן זיי אַלץ לויטן סדר — אויסגעשטעלט די וואַך און אונטערגעצונדן דעם שנור. אַז ס'האָבן זיך געענדיקט די אויפרייסן, האָבן זיי דערזען אַ מערקווירדיקע זאַך: אַ טייל שטיינער זיינען געווען ווייסלעכע, ווי געוויינלעך, און אַ טייל — שוואַרצע, ווי סאַזשע — ניט אַזעלכע ווי די, וואָס מע נוצט אין דער בויאונג.

איך הער, און פּלוצים טוט מיר עפּעס אַ בליץ אין מוח, נאָר איך שוויג — ווייטער, ווייטער!

— נו, איז געקומען אַדינצאָוו און האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. האָט ער געהייסן פאַרלייגן אַ פּאָר אַנדערע אויסגעבויערטע לעכער, פון צוויי פאַרשיידענע זייטן, האָט איינע געגעבן קאַלכשטיין, און די אַנדערע . . .

— מאַרגאַנעץ? — שריי איך אויס.

— נו, פאַרשטייט זיך, — זאָגט באַרעלע. — זעסטו שוין, טעכטערל, אַז מיר האָבן גאָר ניט געדאַרפט אַזוי זיך אַמפּערן. ביי אונדז אויפן אוראַל ווערט מען ניט פאַרפאַלן. אָט אַזוי, דאַכט זיך, ניט געווען, און אָט איז ווידער דאָ.

— נאָר וואו האָסטו פאַרבראַכט די נאַכט?

— דאָרטן. אַדינצאָוו האָט מורא געהאַט שטעלן אויף זיך, האָט ער מיך

אַרויסגערופן, און דאָס זיינען מיר דאָרט אַרומגעגאַנגען ביז אַט ערשט — גע־פּראָוווט דעם באָדן. דו ווייסט, ס'איז דאָרט אַ שלל, און אַזוי נאָענט.

— קומט אויס, באַרעלע, אַז דו האָסט אָפּגעאַרבעט די נאַכט פאַר „זיי", פאַר די באַשטעלער...

— אַוודאי! וואָס דען! מיר דאַרפן דען מאַרגאַנעץ? איך האָב גוטע עטלעכע שעה אָפּגעהאָרעוועט פאַר אונדזערע טייערע באַשטעלער, וואָס איך האָב זיי אַזוי ליב!...

— דו דריקסט זיך אויס ניט פּינקטלעך, — פאַרריכט אים טאָליע, — מע זאָגט ניט „איך האָב זיי ליב", נאָר „איך האָב זיי זיס".

— נו יאָ, וואָס איך האָב זיי זייער זיס.

באַרעלע באַמערקט מיין אָנגעכמורעט פּנים און זאָגט:

— ערגער זיך ניט, טעכטערל, איך האָב דאָך טאַקע אין דער אמתן געאַרבעט פאַר איך, — איינגעריסן די שיך און דורכגעלאָזט דעם נאַרקאָמס רעדע. איך בין דאָך שוואַרץ ווי אַ קוימענקערער פונעם אָרץ.

איינגעריסן, נעבעך, די שיך... נו, זאָגט, איז נאָך דאָ אַזאַ באַרעלע אויף דער וועלט? ניט אומזיסט רופט מען אים „דער בריליאַנט פון דער גאַנצער וועלט".

די מאַמע שרייט:

— קינדער, גענוג פּלאַפּלען. גייט עסן וועטשערע!

די מאַמע טיילט זיך קאַשע אויף פיר חלקים. די שניר שלאָפן שוין — דער זייגער איז דריי, דיומע איז אין שטאָט.

פּלוצים זאָגט טאָליע:

— מער פון אַלעמען היינטיקן אָוונט האָב איך איבערגעלעבט.

— דו? — שרייען מיר אַלע אויס מיטאַמאָל.

— יאָ, איך, און זיבער פאַנטאַזיעס. איר פאַרשטייט, איך קום אויף דער באַראַטונג, פאַרשפּעטיקט אַביסל . . .

— ווי שטענדיק!

— זעץ איך זיך אַוועק און הויב אָן זוכן מיט די אויגן באַרעלען. אין ערגעץ איז ער ניטאָ. צום סוף דערזע איך, אַז אין פּרעזידיום זיצט יוזעפּאָוויטש, — איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. איך האָב באַלד אַ נעם געטאָן דעם, יענעם, ביז איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דער „אַוואַריע". דאָ איז אויף מיר הימל און ערד געפאַלן. אינדערפרי האָב איך אַוועקגעשטעלט אַרבעטן אַן עקסקאַוואַטאָר, וואָס גראָבט קאַנאַוועס ניט ווייט פונעם קאַריער, בייטאָג בין איך צוגעפאָרן געוואויר ווערן און טו אַ פרעג דעם עקסקאַוואַטאָרשטשיק: „נו, ווי אַזוי גייט די אַרבעט?" ענטפערט ער מיר: „נו גוט, איך מאָך 12 מעטער אַ שעה" (און די נאָרמע איז 7 מעטער). — „הייסט עס, אַז דער גרונט איז אַ ווייכער?" ענטפערט ער: „דער גרונט איז ניט קיין ווייכער, נאָר עפּעס איז ער מאָדנע." איך גיב אַ נעם אין האַנט דעם גרונט: ער איז געלעכערט און פּיצעלעך קאַלך אין אים. טראַכט איך זיך: אַ צרה, דער באָדן וואַלגערט זיך אָפּ. דאָ, אויף דרום־אוראַל, טרעפן אַזעלכע זאַכן. דעריבער, אַז מע האָט מיר דערציילט די מעשה מיט דער אַוואַריע,

האָט זיך מיר גלייך פֿאַרגעשטעלט אַן אונטערערדישער חלל, און איר פֿאַרשטייט דאָך וואָס... האָב איך געוואָלט כאַפּן אַ מאַשין און פֿליען אַהין, זאָגט מען מיר: איר זייט פֿאַרשריבן צום וואָרט. איך גיב זיך אַ כאַפּ — ניטאָ די טעזיסן, בין איך צוגעלאָפֿן אַהער — זוכן די טעזיסן און אפֿשר וועל איך עפּעס הערן וועגן דעם „בריליאַנט". איר שטעלט זיך פֿאָר?

מיר שטעלן זיך פֿאָר און ענטפֿערן:

— הממממ...

ווייל אונדזערע מיילער זיינען פֿול מיט קאַשע.

באַרעלע לויבט:

— אַ פּרעכטיקע קאַשע! נאַטאַליע איוואַנאָוונען קומט אַן אָרדען!

די מאַמע ענטפֿערט:

— ניט נאַטאַליע איוואַנאָוונען קומט אַן אָרדען, נאָר מיר, ווייל . . . איך האָב פֿון דער ערשטער מינוט זיך דערוואוסט וועגן באַרעלעס געשעפֿטן היינטיקן אָוונט. איך האָב אָבער ניט געוואָלט מאַכן קיין פּאַניקע.

— דו? — שרייען מיר אַלע אויס. — פֿון וועמען?

— פֿון נינען, דער סעקרעטאַרשע. מ'האָט זי דריי מאָל געשיקט היינטיקן אָוונט אַהער זיך אָנפֿרעגן וועגן באַרעלען. ער האָט זיי אַפֿילו ניט אָנגעקלונגען.

— איך האָב ניט געקאָנט, מאַמע, מיר זיינען צו ווייט פֿאַרגאַנגען. נאָר פֿאַרוואָס האָסטו גאָרנישט ניט געזאָגט אַניוטען?

— צו וואָס? מיר וואָלט שוין דערפֿון געוואָרן גרינגער?!

די ברידער גלעטן דער מאַמעס הענט (קושן זיך האָט זי פֿיינט) און חזרן אַן אַ סוף:

— מאַלאַדיעץ, מאַמוסי!

זיי שפּיגלען זיך אין דער מאַמעס האָר, אין דער מאַמעס הענט, אין אירע קליידער, און ווי קינדערווייז, ווי יינגלווייז, ווי מענערווייז שרייען זיי אויס מיט דער גרעסטער זיכערקייט:

— מאַמוסי, דו ביסט די שענסטע פֿרוי אין דער וועלט!

און ווידער צו מיר:

— לערן זיך, טעכטערל!

נאָר איך נעם שוין כמעט ניט קיין אָנטייל אינעם שמועס. איך בין מיד, מיד...

איך פֿאַררוק זיך אין אַן עק טיש. איך פֿאַרנורע דעם קאָפּ אין די הענט און אַזוי ליג איך. איך טראַכט: לערנען זיך ביי דער מאַמען! נאַראָנים! וואָס מע דאַרף, האָב איך שוין לאַנג זיך אָפּגעלערנט פֿון דער מאַמען, נאָר וואָס האָב איך בכלל געקאָנט פֿון איר זיך אָפּלערנען? קאָן מען דען גלייכן מיין לעבן צו דער מאַמעס לעבן? די מאַמע איז אַלט געווען 40 יאָר, בעת זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ מלחמה, און איך? איך דערמאָן זיך מיין לעבן: די קינדהייט — אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, די פֿריע יוגנט — אינעם בירגער־קריג, דערנאָך די שוועריקייטן פֿון אויפֿבויען דאָס נייע לעבן... האָט געוואוסט פֿון דעם אַלעמען די מאַמע? האָט זי געוואוסט פֿון די סאַרפּעדיקע וויגטן פֿון אחריות? איז זי

געשטאַנען אין איין ריי מיט די אַטלאַסן, וואָס האַלטן אויף זייערע אַקסלען דעם ערד־קיילעך? און מיר גלוסט זיך זיי זאָגן: קינדערלעך, איך בין אַ וועטעראַן! אַמאָל, אין דער רוסישער אַרמיי, וואָלט מען מיר שוין געגעבן עטלעכע העקטאַר ערד צום אייביקן באַזיץ און אַ דעמיסיע ביזן סוף פון מיינע יאָרן. נאָר ווער דעמיסיע, וואָס דעמיסיע! קיינער טראַכט ניט וועגן דעם, און איך די ערשטע טראַכט ניט. איך טראַכט ניט וועגן מיין עלטער, איך טראַכט ניט וועגן מיין געשלעכט. איך גיי אַרום אין מענערשע קליידער, איך פאָר אַרום רייטנדיק, און מעגלעך, אַז די מאַמע איז גערעכט, אַז דערפון ברעכן מיר אַזוי די אַקסל, און אפשר פונעם קלימאַט, וואָס בייט זיך עטלעכע מאָל אין טאָג...

איך הער, ווי די מאַמע זאָגט:

— שאַ, זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן...

און טאַליע זאָגט:

— זי האָט זיך היינט שטאַרק פאַרמאַטערט. זי איז ווידעראַמאָל אַרומגעפאָרן אויף דער גרינער קליאַטשע. זיי קאָנען ניט באַזאָרגן זייער פערסאָנאַל מיט פערד און וועגעלעך, אָדער כאָטש די רייט־פערד צופעסטיקן צו יעדן באַזונדער, אָן אַנאָנימקעס.

נאָר באַרעלע קען מיך בעסער פון אַלע. ער זאָגט:

— זי שלאָפט ניט, זי איז נאָר זייער מיד.

און באַלד דערהער איך לעבן זיך זיין ליב קול:

— אַ קליינינקע... אַ מידינקע... נעבעך...

דאָס דאַזיקע איז שוין פאַר מיר צו פיל. איך שפּרינג אויף און שריי בייז:

— גלעט מיך!

באַרעלע „גלעט מיך“, ער ציט אויס פאַר זיך זיין לינקע האַנט און גלעט זי מיט דער רעכטער, פון די פינגער צום עלנבויגן, ווי די אַרטיסטן פונעם „גאָסעט“. דערביי רעדט ער, ווי זיי, מיט אַ פעסטשענדיק קול:

— טעכטערל... קעצעלע... קאַטיקל...

און ער מאַכט אַזעלכע העוויות, אַז מיר קייכן אַלע פאַר געלעכטער. דערזען אַזאַ דערפאָלג, באַווייזט אונדז באַרעלע זיינע איבעריקע נומערן. ס'איז שפּעט, און ער איילט זיך, דעריבער מאַכט ער זיי אויף גיך, און דערפון זיינען זיי נאָך קאָמישער. ער ווייזט, ווי אַזוי דער דירעקטאָר האַלט אַ רעדע צו די קאָזאַכן, און ווי אַזוי יוזעפאָוויטש גיט פאַנאַנדער די איבערגאַנג־פאָנען און פלאָנטערט די יוגנטלעכע בריגאַדעס, און די מיידלעך פון די בריגאַדעס ווישן זיך די אויגן פאַר פרייד. צום סוף זינגען מיינעביידע ברידער די ליד וועגן דעם פּרעכטיקן „טיטאַניק“ און וועגן די מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין שיפלעך און זיינען צוגעקומען צו נייע, גאַסטפריינטלעכע ברעגן.

נעמט אַראָפּ איך, מיינע לייטן, אַ מוסר,
אַז אַ מענטש טאָר זיך קיינמאָל ניט שרעקן.
די כוואַליעס האָבן די שיפלעך, אוי צעשמיסן,
נאָר זיי זיינען דאָך פאַרגאַנגען ביז די ברעגן...

8.

די ברידער זיינען אַוועקגעגאַנגען צו זיך, און איך נעכטיק ביי דער מאַמען. מיר גלוסט זיך אָבער ניט שלאָפן. איך האָב אָפּגעגעסן און זיך אָנגעלאַכט, און איצט מוז איך עפּעס טאָן, ערגעץ גיין, מיט איין וואָרט — זיין „דיעלנע". מער פון אַלץ גלוסט זיך מיר צום נייעם מאַרגאַנעץ — אויסמעסטן אים מיט מיינע טריט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז די שטיוול זאָלן ווערן פול מיט קליינע הרודקעלעך ערד, זיי זאָלן שניידן אין די טריט, זיי זאָלן שטעכן אין דער הויט און זאָלן מיך ניט לאָזן גיין. מיר גלוסט זיך אַראָפּוואַרפן אַן אָרבל פון דער ספּעצאָווקע און אַריינקריכן מיט דער נאַקעטער האַנט ביזן אַקסל אין דער בויער־לאָך און אַרויסנעמען זי אין רויטע צעדראָפּעטע פּאָסן און דאָס פּנים זאָל זיך דערביי באַדעקן מיט שוואַרצע פלעקן — אויפן שטערן און אַרום דער נאָז. מיר גלוסט זיך אָננעמען פולע אָרעמס מיט די נייע און אַלטע רייכטימער און אַריינרוקן צווישן זיי דעם קאָפּ און שמעקן זיי, פּרואוון אויף דער צונג און פאַלן מיט זיי און קייקלען זיך אין זיי. מיר גלוסט זיך נאָך אַ סך אַזעלכע זאַכן, נאָר ס'איז פיר אַזייגער ביינאַכט, ביז טאָג איז נאָך ווייט...

— מאַמאַטשקע, וואָס זאָל איך עפּעס טאָן?

— וואָס הייסט, וואָס? לייג זיך שלאָפן.

— עס גלוסט זיך מיר ניט שלאָפן.

— נו, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט ווי ביי לייטן. ווען מע דאַרף וואַכן, שלאָפסטו; ווען מע דאַרף שלאָפן, וואַכסטו.

— מאַמאַטשקע, לאָמיר איבערפּרעסן די וועש.

— וואָס פאַר אַ וועש? וואָס חלומט זיך דיר?

מיר חלומען זיך די פרידלעכע צייטן. מיר גלוסט זיך, מיר זאָלן האָבן אַ סך פריש־איבערגעטריקנט זויבער־צוגעבלאָווט וועש, מע זאָל עס טראָגן פון דרויסן און עס זאָל שמעקן מיט ריינקייט, מיט קראַכמעל און מיט ווייכער פרילינג־דיקער לופט; מיר גלוסט זיך, אַז אַ סך זאָל נאָך הענגען אויף די שטריק און רייצן אונדז פונדערווייטן מיט די פריינטלעך־רופנדיקע אָרבל פון די מענערשע העמדער. און אומעטום זאָלן זיין די פענצטער אָפן, און די לאָמפּן זאָלן העל שיינען דורך די פרישע בוקעטן און דורך די טולענע פאָרהאַנגען, און מע זאָל זיך אומעטום ריכטן אויף געסט, און איך זאָל פּרעסן מיט צוויי פּרעסלעך מיט־אַמאָל, איינס אין די הענט און איינס זאָל גליען, און איך זאָל שרייען אַ בייזע: „גיכער הענגט אויף די גאַרדינען, עס פאַלט צו די נאַכט!", און מע זאָל מיר אַלע אינאיינעם ענטפערן טומלענדיק: „שוויג אַ מינוט, דער שטראָדל ברענט צו."

— מאַמאַטשקע, לאָמיר באַקן אַ שטראָדל.

— אַניוטע, איך זאָג דיר, לייג זיך שלאָפן. אָט באַלד לעש איך אויס די שיין.

— מאַמאַטשקע, לאָמיר קויפן אַ שפּיגל.

— אַניוטע, איך פאַרלעש די שיין. דו האָסט זיך אויסגעשלאָפן, און איך ניט.

אַזוי, איצט זיץ איך שוין אין דער פינצטער. טאָן קאָן איך גאָרניט, גיין קאָן איך אין ערגעץ ניט. איך קאָן נאָר טראַכטן, און טראַכטן האָב איך פון וואָס:

קינד מיינס, אַדיק! וואָס טוסטו איצט? איך האַלט אין די הענט דיין בילד, אַ פאָטאָגראַפיע, אַראָפּגענומען ערגעץ אין וועג. איך געפין זי שטענדיק אין דער פינצטער, ווייל זי איז אומנאַטירלעך גלאַט און גלאַנציק פון דער רעכטער זייט. גאָט באַהיט, זי אַ קוש טאָן אין דער זייט אַריין — ווערט באַלד אַ פלעק, און אַ נעפּל פאַרשטעלט אויף שטענדיק דיינע טייערע שטריכן. איך קוש זי שטענדיק פון דער לינקער זייט, און מיך אַרט ניט, אויב דער קוש פאַלט ניט אויף דיינע טייערע אויגן, וואָס איך בענק אַזוי נאָך זיי. מיר איז גוט, וואוהין דער קוש זאָל ניט טרעפן, אַלץ־איינס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט, קינד מיינס. דרייסטער זון מיינער, שלאַנקער סאָלדאַט אין דער גרין־בלויער פילאָטקע, וואוהין קוקסטו פון אונטער די פאַרבראָכענע ברעמען דיינע? וואָס ווילן זאָגן דיינע בלוי־גרויע פאַרשטאַנדיקע אויגן? אַך, דיר איז אויך אויסגעפאַלן אַ שטיק פון אונדזער גוט־באַקאַנטער שווערער אַרבעט: אויסראָטן די מיסט־גרעזער פונעם פרעכטיקן גאָרטן, וואָס רופט זיך אונדזער ערד, צעטרעטן די שלענג און עקדישן, וואָס פאַרשטערן אונדזער יום־טוב. נו, איז וואָס, זונו? העכער דעם קאָפּ און שטעל זיך אין איין ריי מיט אונדז, עלטערע! מיר וועלן דיר דערציילן אַ סוד, וואָס דו ווייסט אים מן־הסתם אַליין: אויף דער וועלט איז דאָ אַ גרויסער אוצר, און דער אוצר רופט זיך אָן: לעבן, נאָר מע דאַרף פאַרדינען דאָס רעכט צו געניסן פון דעם דאָזיקן אוצר. דערמיט פאַרנעמסטו זיך איצט, איז זאָל דיר ניט שווער זיין דיין מי, זאָלן דיך ניט שרעקן די שווערסטע געפאַרן. פאָראויס, קינד מיינס, דער זיג איז שוין ניט ווייט!

איך לייג אַוועק אַריקס בילד אויף מיין שויס. אָדער גאָר דאָרט, וואו עס געפינט זיך דאָס צאַרטע גריבעלע ביים אָנהייב האַלדז. אַהין פלעגט אַריק ליב האָבן קינדוויז פאַררוקן זיינע פינגערלעך מיט די לאַנגע ברעקעלעך נעגעלעך אויף זיי. איך פלעג קושן, ווי אַ דולע, די קליינינקע פינגערלעך און פלעג באַ־דויערן, הלמאי זייבען מיינע ליפּן אַזוי גרויס און די פינגערלעך אַזוי קליין און אַזוי ווייניק קושן קאָן איך שענקען זיי. נאָר אַריקל פלעגט פלוצים אויסשרייען: „אַ—בו"... און פלעגט זיך מיטאַמאָל אַריינבייסן מיט זיינע ווייכע יאַסלעלעך אין מיין האַלדז, און דעמלט פלעג איך דריקן זיינע טייערע פיסעלעך, וואָס אויף זיי איז אַצינד אַזאַ גרויסע „וואַווע"...

איך טו זיך אויס און לייג זיך אַריין אין בעט. איך דערמאָן זיך וועגן דעם נייעם מאָרגאַנעץ. באַרעלע איז געקומען אַהיים אַ גאַנצער. מאָרגאַנעץ האָבן מיר באַלד לעבן זיך. דער שונא אַנטלויפט אַלץ ווייטער אויף מערב און ליידט אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה... אַך, ס'איז גוט, מיינע טייערע! ס'איז „גימל", ווי טאַליע זאָגט.

אַ ווייכע שיין גיסט זיך אין פענצטער אַריין, דורכגעשניטן מיט די בליצן פון די עלעקטרע־צעכן. מיין קינדס בילד ליגט אויף מיין האַרצן, מיט דער לינקער זייט צו מיר, מיטן פּנים געווענדט צו גאָר דער וועלט. איך נעם אַראָפּ דאָס בילד און לייג עס לעבן זיך. איך כאַפּ אַרום מיט ביידע הענט די קישן פון די אמתע פעדערן און ווער אַנטשלאָפן. אַ גוטע נאַכט!

יוסף קערלער

היימלאַנד

1

פאָטערלאַנד, מיין אויסדערוויילטער ווײ,
מיינע ליפּן לעש איך אין דיין שניי...

אין דיין אומרו איז מיין גליק פאַרשאַרפט,
ווייסטו, וואָס אין לעבן איך באַדאַרף? —

זײ מיר נענטער פון מיין גענאָלצן העמד,
ווען דאָס האַרץ פון בענקשאַפט איז פאַרקלעמט.

ווען אַרום איז חושכדיק און שוואַרץ,
זאָל דיין וואָלגע־ליד אַ שטראָם טאָן פונעם האַרץ!

זאָלסט זיך שפּיגלען אין מיין לויטערן געוויסן,
און ווען איך פאַל, די אויגן מיר פאַרשליסן.

2

פון אויגן מיינע נעם די שיין,
פון לונגען — דאָס געדעך,
לאָז איבער מיר דעם האַס צום פיינט,
דאָס רעכט אויף זיין גערעכט!

קיין קינד, קיין רינד, קיין ברעקל דאַך,
און ס'איז מיין לייב צעאַשט...
צי דאַרף אַזאַ מין מענטש אַ סך?
לאָז איבער מיר דעם האַס!

ווי אויף דער תליה קרעכצן שטריק,
סע קרעכצט מיין בלוט אין אָדער —
מיין ערד, מיין ווייב פאַרגוואַלדיקט ליגט
און ווייַנט, און מאָנט, און פאָדערט.

סע שליידערט מיך אַרום איר פּיין
און טרייבט מיך אום און רודפט —
לאָז איבער מיר דעם שטאַרקן ווייַן
פון שונאס לעצטן שוידער!

פון אויגן מײַנע נעם די שײַן,
פון לונגען — דאָס געדעך,
לאָז איבער מיר דעם האַס צום פײַנט,
דאָס רעכט אויף זײַן געדעכט!

1943

מאָטע גרוביאַן

ווײַסרוסלאַנד

פון אַלע דײַנע טײַכן וואַסער פאַרזוכט,
אין אַלע דײַנע וועלדער געשלאָפן,
פון אַלע דײַנע סעדער געגעסן פרוכט,
מיט אַלע דײַנע שלאַכטזין זיך געטראָפן:

בײַם פּריפּעט און בײַם בוג,
בײַם סאָזש, בײַ דער בעריאָזע,
אויף אַלע דײַנע טעכטער מיט ליבע געקוקט
ווי גראַמירן זיי פלעגן אַבאָזן.

בײַ אַלע דײַנע שײַטערס געוואַרעמט די הענט,
און אַלע דײַנע טרערן געקליבן,
אין אַלע דײַנע פײַערן מיט דיר געברענט
ביז דעם ביטערסטן שונא פאַרטריבן.

פון אַלע דײַנע זאַסיקעס קאַרטאָפל געשיילט,
איבער אַלע דײַנע פלויטן געשפּרונגען,
מיט אַלע דײַנע גראָזן די וואונדן געהיילט,
ווײַסרוסישע, ייִדישע לידער געזונגען.

פון אַלע דײַנע לײַנען העמדער געשטריקט,
אונטער אַלע דײַנע רעגנס געוואַקסן,
ווי טיף איז דײַן בלוילעך־רײַנער בליק,
ווי גרין — דײַנע באַוועלדערטע אַקסל.

פון אַלע דײַנע יאַגדעס ווײַנען געשטעלט,
מיט אַלע דײַנע קרײַטעכצער דעם קאָפּ געצוואָגן,
מיט אַלע דײַנע דערפלעך, טײַכן און שטעט
דיך בײַם האַרצן געטראָגן.

אהרן ווערגעליס

דער פּאַנטאַן

די שטוב און דעם סאַד האָט אַ פייער פאַרברענט,
די ביימער פאַרקוילט און די פייגל פאַרטריבן,
נאָר איינער־אַליין, ווי ס׳וואָלט גאָרניט געשען,
אין חורבן, אין בראָך אַ פּאַנטאַן איז געבליבן.

עס איז דער פּאַנטאַן דאָ אַזוי אומגעריכט!
פאַר וועמען מיט זיילן געשליפענע לייכט ער?
באַדאַרפט וואָלט ער בלייבן, אַזוי ווי אַ לייכטער,
אין וועלכן מ׳האָט אויסגעלאָשן די ליכט.

ווייזט אויס, אַז בכיוון ער וויל מיט זיין גלאַנץ
באַשיינען דעם דעמער פון טויטע רואינען,
צי אפשר איז ער גאָר אַראָפּ פונעם זינען
און טאַנצט אויף דעם חורבן דעם לעצטן טאַנץ?

ער טוט פון דער שטאָלענער הויך זיך אַ ריס,
די שטערן אין זילבערנע זיילן פאַרפלעכט ער,
דערגרייכט צו לבנה ווי צו אַ באַשערטער,
און וואַרפט זיך אַוועק צו די אייגענע פיס.

דער סאַד איז פאַרברענט און דאָס הויז איז פאַרקוילט,
עס זינגט דער פּאַנטאַן, ווען די ווינטן דאָ קלאָגן,
ער וויל ניט מיט ערד זיך פאַרשטאָפּן דעם מויל,
נאָר אייביק דאָ ריזלען און אייביק דאָ שלאָגן!

מ. אַראַנסקי

צווישן יידישע קברים

קיינער ווייסט ניט גענוי, וויפל זי איז טאַקע אַלט, די באָבע שיינע־ריווע. זי אַליין וויל ניט ציילן אירע יאָרן. ס׳איז נאָר באַוואוסט, אַז ווען מ׳האָט אין שטעטל געבראַכט דעם מאַניפעסט וועגן אָפּשאַפן פּאַנשטשינע, האָט זי שוין געהאַט אַ פולע שטוב מיט קינדערלעך. נאָך איז באַוואוסט, אַז ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע ווייטע צייטן, האָט זי זייער יונג חתונה געהאַט, אַפילו קיין זעכצן ניט געווען. אַלע יאָר געבוירן אַ קינד און אַמאָל טאַקע אַ צווילינג. און סך־הכל האָט זי געהאַט עלף זין און טעכטער, און זי האָט זיי אַלעמען איבער־געלעבט. די זין און טעכטער האָבן, ווי טאַטע־מאַמע, יונג חתונה געהאַט און געהאַט אַ סך קינדער. דאָס זעלבע די אייניקלעך. איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס זי האָט בשום־אופן ניט געקענט אונטערציילן, וויפל־זשע האָט זי אייניקלעך און אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך. איז געקומען וויליע, אַ שילער פון אַכטן קלאַס, און באַשטימט אַריינברענגען אָרדענונג אין אירע צעטלען.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באָבע האָט זעקס און זעכציק אייניקלעך, הונדערט מיט איין און דרייסיק אור־אייניקלעך און צוועלף אור־אור־אייניקלעך, סך־הכל, אַ חוץ אים, צוויי הונדערט מיט ניין. ער, ווילע, איז דער צוויי־הונדערט־צענטער.

און ווען ווילע האָט פאַרפירט דעם גראָבן העפט מיט דער וואונדערלעכער רעגיסטראַציע, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז צווישן די אַלע צוויי הונדערט מיט צען איז פאַראַן זעקס דאָקטוירים, צווישן זיי ווילעס טאַטע־מאַמע, פאַראַן פינף אינזשענערן, איינע אַן אַקורשערקע, אַכט שאָפערן, אַ טעסלער און דריי קצבים, צוויי זינגערס, דריי פידלערס, אַ ביאָלאָג און אַן עסיק־מאַכער. אַלע מלאכות פון דער וועלט אין דער באָבע שיינע־ריוועס הויז־געזינד.

וואוינען וואוינען זיי אין אַלע עקן לאַנד. אין מאָסקווע און אין לענינגראַד, אין קאָנאָטאָפּ און אין באַקו, אין יאַמפּאָל און אין אָמסק, לעבן שוואַרצן ים און אַפילו לעבן ווייסן.

האָט זיך ווילע געווענדט צו אַלע צוויי הונדערט מיט ניין און זיי דער־מאָנט, אַז זיי האָבן אַ באָבע, אַן עלטער־באָבע, גאָר ניט קיין שפּעטנע יידענע, מע דאַרף אָן איר ניט פאַרגעסן, איר לאָזן צו וויסן וועגן זיך, און זאָל זי קלייבן נחת.

פון דעמלט אָן גייט אַהער אין שטעטל צו דער באָבע שיינע־ריווע אַ גרויסע, גרויסע פּאָטשט. בריוו און קאַרטלעך און גאַנצע פּאַקעטן.

די באָבע שיינע־ריווע איז שוין לאַנג בלינד, ווייסע הייטעלעך האָבן פאַרצויגן אירע אויגן, נאָר זי הערט נאָך, און דער געדאַנק איז קלאָר און לויטער. האָט זי ליב צו זיצן אויף דער שטיינערנער שוועל אַנטקעגן דער זון און הערן, וואָס

ווילי לייענט איר אויס פון די בריוו וועגן די גרויסע מעשים, וואָס אירע אייניק־לעך און אור־אייניקלעך טוען אויף. זי ווידער דערציילט ווילין וואונדערלעכע געשיכטעס וועגן דעם, וואָס זי האָט געזען און געהערט פאַר איר אומענדלעכן לעבן.

אַז ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה, איז די באָבע שיינע־ריווע געוואָרן שטאַרק אומרואיק. זי האָט פיינט מלחמות. זי געדענקט נאָך סעוואַסטאָפּאָלער קריג, און דער טאַטע אירער האָט געדענקט נאַפּאָלעאָנען... יאָ, זי האָט שטאַרק פיינט מלחמות, דאַן קומט דער טויט פריער, ווי מע דאַרף, און שטאַרבן שטאַרבט מען משונהדיק. ווילי האָט זי באַרואיקט, זאָל זי בעסער וועגן טויט ניט טראַכטן. פאַראַן ווער ס'זאָל זיך אָננעמען איר קריוודע. פיר און זיבעציק אייניקלעך און אור־אייניקלעך זיינען אַוועק אויפן פראָנט, צווישן זיי זיין טאַטע־מאַמע אויך. זיי האָבן צוגעשיקט בריוולעך פון אַרמיי און גיבן איר איבער אַ גרוס...

זי האָט אַ רגע געשוויגן, די ווייסע היטעלעך אויף די אויגן זיינען געווען אומבאַוועגלעך, נאָכדעם האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו עמעצן, וואָס געפינט זיך ערגעץ אויבן אין בלויען הימל און אויסגעשריען:

— האַ? — געהערט עפּעס אַזוינס? מיינע, מיינע פיר און זיבעציק אור־אייניקלעך און אייניקלעך זיינען געגאַנגען מלחמה האַלטן מיטן דייטש...

זי האָט עפּעס אָנגעהויבן שטיל, שטיל שעפּטשען. נייך, זי האָט ניט גע־דאַוונט. דאָס האָט זי געשאָלטן, געשאָלטן דעם שונא.

דער דייטש האָט זיך אָבער געריקט אַלץ נעענטער און נעענטער, זיינע עראָ־פּלאַנען האָבן זיך אַלץ אָפטער געדרייט איבער די דעכער. וואָס האָבן זיי געזוכט אין אַט דעם קליינינקן שטעטעלע? קיין פאַבריקן איז דאָ ניטאָ, אַפילו קיין מיל ניט. און דאָך האָבן די פאַשיסטישע עראָפּלאַנען טאַקע אונטערגעצונדן דאָס שטעטעלע. די ווייסינקע, בלויאינקע און גרינינקע הייזלעך האָבן געפלאַקערט, ווי סטורקאַטשן.

אַ באָמבע האָט געטראָפן אויך אין דער באָבעס שטיבל. אָפּגעברענט — און ניטאָ דער באָבעס שטוב. די שטיינערנע שוועל איז געבליבן. די באָבע שיינע־ריווע איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע. זי האָט ניט געוויינט, יידענעס פון העכער הונדערט וויינען ניט. זי האָט אַפילו ניט געשריגן. העכער הונדערט יאָר שרייט מען שוין ניט.

אַלץ פאַרברענט געוואָרן, פאַרפאַלן געגאַנגען אין פייער און אין רויך. איר עלטער־זיידנס פסחדיקער בעכער און איר באָבעס מעשענע לייכטער, און די תכריכים. שוין אַוודאי העכער פופציק יאָר, אַז די תכריכים אירע ליגן אין קאָמאָד. און ניטאָ דער בעכער און די לייכטער, און ניטאָ דער קאָמאָד, און די תכריכים אויך ניטאָ.

— מע וועט מיך באַהאַלטן אָן תכריכים, ווי אַ געפּייגערטע קאַץ?...

פאַרביי זיינען געלאָפן פורלעך און מאַשינען און ברישקעס. מענטשן זיינען אָן אויפהער געגאַנגען פאַרביי. דאָס איז איר שטעטל אַוועקגעגאַנגען אויף מזרח.

— און וואָס שטייט איר, שיינע־ריווע? מיר וועלן אייך אַריינזעצן אין פאַעטאָן פון אויספּירקאָם.

זי האָט ניט געענטפערט. זי איז געשטאַנען לעבן דער עלנטער שטיינערנער שוועל, אַ שוועל אָן אַ טיר, לעבן איינזאַמען שוואַרצן קוימען, און די בלינדע אויגן האָבן גאָרנישט ניט געזען. נאָר די שפּיץ נאָז האָט געציטערט, ווי זי זאָל איינזאַפּן אין זיך דעם ריח פון ניט־אָפּגעקילטע האָלעוועשקעס... דעם זיידנס בעכער, דער באָבעס לייכטער און אירע תכריכים...

— מילא! תכריכים קאָן מען אויפנייען אַנדערע... קומט!...

די באָבע האָט אַוועקגעמאַכט מיט די הענט:

— חס־וחלילה! איך וועל זיך שוין פונדאַנען אין ערגעץ ניט רירן... אַזוי־פיל לאַנגע יאָר געוואָרט אויף אים... און איצט וועט ער מיך אַפילו ניט קענען געפינען, גאָטס שליח... חס־וחלילה! וואוהין קאָן איך שוין גיין?...

די מענטשן, וואָס אַרום איר, האָבן זי ווי דאָס ערשטע מאָל דערזען. ווייסע אויגן, אַ הויכער שטעקן אין האַנט. און זי אַליין — הויט און ביינער. שרעקלעכע הויט און ביינער, און אַ שרעקלעכער הויקער, פון סעוואַסטאָפּאָלער צייטן אַ הויקער. בנימין דער באַגרעבער האָט זיך פּלוצים צוגערוקט און אַ דונער געטאָן מיט דער גראָבער שטים זיינער:

— אויב דו ביסט שוין, שיינע־ריווע, יאָ נשרף געוואָרן, געבליבן אָן אַ כוסה און אַ קרקע, קענסטו זיך באַזעצן אין מיין בית... וועט מען דיך אַפילו ניט דאַרפן טראָגן...

מענטשן זיינען שוין געוואוינט, אַז בנימין איז חוצפּהדיק אין זיין רעדן. ער האָט גענוג גוואַלדן פון מוטערס און יתומים און אלמנות געהערט לעבן אָפענע קברים, ס'האָט אים שוין פון לאַנג אויפגעהערט רירן. נאָר ווען ער האָט איצט אַ זאָג געטאָן: „מע וועט דיך אַפילו ניט דאַרפן טראָגן", איז אַלעמען געוואָרן קאַלט אין אַט דעם שוידערלעכן זוניקן טאָג, אינעם מלחמה־טאָג. עמעצער האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן:

— צוויי הונדערט צען אייניקלעך און אור־אייניקלעך אויף דער וועלט, און דאַרף בלייבן אַליין אויפן אַלטן פערד...

בנימין האָט געוואוינט אין אַ קליין שטיבעלע ביים ראַנד פון בית־עולם, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אָן אַ זייט פון שטעטל. אַ קליין שטיבעלע, ווי יהושיע דעם בעל־תשובהס אוהל. און ביי אַט דעם שטיבעלע, וואָס איז אַליין, ווי אַ מצבה, — אַ גאָרטן, אַ קו, ציגן און הינער... האָט זיך יעדן געדוכט, אַז מצבות ברענען ניט און דערפאַר האָט היינט בנימינס אוהל אויך ניט געברענט. ווידער האָט עמעצער אַ שווערן זיפץ געטאָן, ווי ער זאָל וועלן זאָגן:

— מע קאָן דאָ אָבער ניט שטיין און וואַרטן...

שיינע־ריווע האָט אויפגעהויבן דאָס בלינדע פּנים אירס און אַ רוף געטאָן:

— ווילע, וואו ביסטו ערגעץ...

זי האָט אויף קיין ענטפער ניט געוואַרט און נאָך געפרעגט:

— ווילע, ווער וועט מיר אַרויסציען וואַסער פון ברונעם?...

איז ווילע מיט איר געבליבן.

און ווי האָט עס געקאָנט אַנדערש זיין? די קרובים און די שכנים זיינען

אַוועק, טאַטע־מאַמע זיינען אויפֿן פֿראָנט, און די באָבע שיינע־ריווע קאָן שוין ניט גיין און קאָן שוין אַפּילו ניט פֿאָרן. זאָל ער זי לאָזן אַליין? וואָס פֿאַר אַ תּירוץ וואָלט ער געענטפֿערט דעם טאַטן און דער מאַמען און דער גאַנצער משפּחה, אַז זיי וועלן זיך אומקערן צוריק, אַהיים?... ער איז דאָך אַ שילער פֿון אַכטן קלאַס, און ער איז שוין פֿינף חדשים אַ קאָמיוגיסט... ניין, ניט געטאָרט לאָזן די באָבע אַליין אין אַט דער ווּיסטע.

ס'האָבן אין קאָפּ געקלונגען די געוויינען פֿון די אַוועקגייענדיקע, ס'האָבן גע־קלאַפּט די רעדער פֿון די אָפּפֿאָרנדיקע, ס'האָבן געגרילצט אין די אויערן די געשרייען פֿון די דייטשן, וואָס זיינען אַריין אין אָפּגעבערענטן שטעטעלע, דערזען, אַז ס'איז קיין שטוב ניט פֿאַרבליבן, און ווילדע, צעכעסטע אַוועקגעלאָפֿן ווייטער אין די דערבייאיקע כוטאָרס און דערפֿלעך. ווּיליע איז פֿאַרטשאַדעט פֿון גע־זעענעם און געהערטן, פֿון שיסעריי און קנאַקעריי, פֿון געשרייען און גוואַלטן און פֿונעם ריח. לאַנג, לאַנג האָבן זיך נאָך געדרויכערט די האַלעוועשקעס פֿון די אָפּגעברענטע הייזער, און אַלץ האָט געשטונקען מיט קוילן און סמאָלענע. די הענט, דאָס היטל, דאָס העמד. אין מויל האָט געאיבלט דער ריח פֿון אַש און שוועבל, און דאָס וואַסער איז געווען שוואַרץ און געפֿינטלט. אַ פֿאַסקודנער טשאַד אין קאָפּ...

און פֿאַרטשאַדעט איז, ווייזט אויס, אויך די באָבע שיינע־ריווע. ער דערקענט זי ניט. אַן אַנדער באָבע געוואָרן זינט דער מלחמה. מייניסטנס ליגט זי, די אויגן פֿאַרמאַכט. צי זי דרעמלט, צי זי האָט שוין קיין כּוח ניט. ער רעדט צו איר, ער דערציילט איר עפּעס און ווייסט ניט, צי זי הערט, צי ניין. און אויב זי וועט טאַקע שטאַרבן, וואָס וועט ער מיט איר טאָן? ער פֿלאָטערט פֿאַר פּחד. ער וויל צו טאַטע־מאַמע, צו ברידער און פֿריינט... ער וויל ערגעץ לויפֿן, עפּעס טאָן... ווייניק וואָס פֿאַראַן צו טאָן אויפֿן פֿאַרלאָזטן בית־עולם, בנימין האָט מיט זיך גענומען די קו, די הינער, דעם הונט אַפּילו. בלויז די ציגן געלאָזט. נאָר ווּיליע האָלט די ציגן אין שטוב. ווען די דייטשן דערזעען די ציגן, געפֿינען זיי די באָבע... זיצן זיי פֿאַרשפּאַרט אינעם בית־עולם־שטיבל, פֿיר נפֿשות: צוויי ציגן, אַן עלטער־באָבע און אַן אור־אייניקל.

ווּיליען איז פּשוט שטאַרק אומעטיק, שוין מער פֿון אַ וואָך, אַז עס גיסט... אָן אַן אויפֿהער גיסט ער, אַט דער שווידערלעכער נודנער רעגן. די כמאַרעס זיינען איבערן קאָפּ, און אינמיטן טאָג איז פֿינצטער...

און וואו איז דער ערשטער סעפּטעמבער? וואו איז ער, דער גאָלדענער שיינער טאָג, ווען דער הימל איז אַזוי לויטער, דער טאַטע איז אַזוי פֿריילעך און די מאַמע באַקט אַ זיסינק געבעקסל?... וואו איז ער אַהינגעקומען, אַט דער ליכטיק־סאַמעטענער ערשטער טאָג פֿון לערניאָר, ווען אַלע חברים און חברטעס זאַמלען זיך פֿון די אַרומיקע דערפֿער און כוטאָרעס פֿול מיט נייס. מע שמעקט מיט עפּל און מיט וויינטרויבן. אין די גרויסע קלאַסן — אַ ים מיט פֿרייד. וואו איז ער?

ניט געווען הייַנטיקס יאָר קיין ערשטער סעפּטעמבער!... ניט געווען קיין

אַנהויב פון לערניאַר!... דער טאַטע האָט ניט אַ גלעט געטאָן דעם קאָפּ און ניט אַ פּאַטש געטאָן איבער די פּלייצעס... דער טאַטע איז אויפן פראַנט, די מאַמע אויך...

נו, און וואו זיינען די חברה־לייט זיינע? די שילער פון זיין קלאַס? אַ!... זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט די טאַטעס און מאַמעס... מיט די זיידעס... און פּעטריק סופרון?... פון ערשטן קלאַס זיצט ער מיט אים אויף איין פּאַרטע... אפשר איז ער ניט אַוועק, ער איז נאָך אַלץ ביי זיך אין כוטאָר „שטילע ווערבעס"?...

אַנומלטן האָט זיך/ ווילי׳ען געדוכט אַז סעמען, דער טאַטע מיכאַסיעקס, דרייט זיך עפּעס צווישן די מצבות. ער האָט אַ שפּיי געטאָן. וואָס דוכטן זיך אים אַזוינע נאַרישקייטן?... וואָס האָט סעמען צו טאָן אויפן בית־עולם? ער איז מסתם ביי זיך אין כוטאָר. לעבן אים מיכאַסיעק. ווילי וועט טאַקע פּרואוון זיך דורכלויפן צו זיי. אינגאַנצן אַן אַנדערהאַלבן ווערסט פון דאַנען.

מיכאַסיעקן האָט ער אָבער שוין ניט געטראָפן. מיכאַסיעקס מאַמע האָט צו־געדריקט ווילי׳ען צום האַרצן:

— ווילי!... ליבטיק קינד מיינס! זיי האָבן אים דערהרגעט... דערהרגעט מיכאַסיעקן... און סאָווען אויך, דעם אַלטן טאַטן מיינעם...

ווילי איז בלאַס געוואָרן, קוים־קוים אויסגעשטאַמלט:

— פאַרוואָס?... פאַרוואָס דערהרגעט מיכאַסיעקן?...

— ווייל זיי זיינען דייטשן... די רוצחים זיינען אַהער אַריינגעלאָפן, אָנגעכאַפּט דעם אַלטן פאַר דער באָרד... „דו ביסט בריגאַדיר פון פּאַסיעקע... דיינע בינען האָבן צעביסן זעקס דייטשישע סאָלדאַטן?..." זיי האָבן דעם טאַטן מיינעם גע־שלעפּט צו דער טיר. מיכאַסיעק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיי, פאַרשטעלט דעם אַלטן. „טשעפּעט ניט מיין זיידן!..." ביידן האָט דער אויטאָמאַט דורכ־געלעכערט...

ביי ווילי׳ען האָט אַפּגענומען דאָס לשון. ער האָט פאַר זיך דערזען די גרינע פּאַסיעקע, די באַרימטע פּאַסיעקע פון קאָלווירט „שטילע ווערבעס"... זעקס גראָבע נפשות קריכן מיט די לאַפּעס נאָכן זיסן האָניק. בייזערן זיך די בינען, זשומען און רופן אַנדערע בינען, וואָרפן זיך אויף די פּאַשיסטישע פרעסערס, בייסן און שטעכן... די רויבער רעווען פון ווייטיק און כעס...

זיי האָבן דערהרגעט מיכאַסיעקן. ווילי קאָן זיך שוין ניט צוריקהאַלטן. ער צעכליפּעט זיך יינגלש אַזוי, וואָרגט זיך מיט די טרערן.

— שאַ, שטילער!... ביסט דאָך שוין אַ גרויסער!

ער הערט גלייך אויף. יאָ, פריער מיט פינף חדשים זיינען זיי מיט מיכאַסיעקן אָנגעקומען אין קאָמיוג. קאָמיוגיסטן וויינען ניט.

נו, דאַרף מען גיין צוריק. די באָבע איז געבליבן אַליין און ווייס ניט, וואו איז ער אַהינגעקומען, און ווייס ניט, אַז מ׳האָט מיכאַסיעקן דערהרגעט דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרשטעלט דעם זיידן, דעם באַרימטן בריגאַדיר פון פּאַסיעקע „שטילע ווערבעס"...

— ווילי! וועסט זיך אַרויסכאַפּן מיט דער הינטער־טיר און וועסט אַוועק־

גיין מיט די גערטנער... דער געלער הונט — דער סטאראסטע שפּירט נאָך יעדן ריר מיינעם און נאָך יעדן, וואָס עפּנט מיין טיר...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, אויפמערקזאם אַזוי געקוקט, ווי זי זאָל עפּעס וועלן איבערלייענען אין זיין פּנים...

— ביסט שוין טאָקע אַ גרויסער, ווילי...

ער האָט ברייט צעעפענט די טרויעריקע אויגן, אויסגעצויגן דאָס גאַנערישע העלדזעלע, פאַררוקט די קורצע אָרבל...

— אָט וואָס, ווילי!...

איר פּנים איז שטרענג און ערנסט. זי קוקט זיך אום צו די פּאַרליאַפּעטע פענצטער, צו דער גאַס, וואו עס לויערט ערגעץ דער געלער סטאראסטע.

— ווייסט דאָך, ווילי, דעם אַלטן בית־עולם ?

ער האָט ברייט צעעפענט די אויגן, אַ קנייטש געטאָן אַ שמייכעלע אויפן פּנים.

— צי ער ווייסט דעם אַלטן בית־עולם... פאַראַן דאָרט אַזאַ קבר, ווי אַ שאַפן־שטעלכעלע די גרויס, מיט אַ סטעליע און אַ דאַך, פיר ווענטלעך אָן אַ פענצטער... גאָר אַן ערלעכער מענטש ליגט דאָרט... — יהושיע דער ערלעכער...

— אָט דאָרט באַהאַלט זיך מיין סעמען... ס'איז אים מסתמא נאַס און קאַלט... טראָג אים אָפּ אָט דאָס בינטעלע... האָ ?...

ס'איז אַוודאי שווער צו זאָגן, מיט וואָס סעמען האָט זיך מער דערפרייט: מיטן ניט־דערבאַקענעם קאַרזש, מיטן טוטין, צי מיטן גרוס פון דאָרף און פון זיין וויב... ער האָט זשעדנע געריכערט, פאַרצויגן טיף, טיף.

אין פענצטער פון אוהל האָבן זיינע אויגן ווי געדראָפּעט זיך אויף ווילי׳ס פּנים:

— דערציי! דערצייל, נאָך דערצייל!

ווילי האָט שוין ניט געהאַט מער צו דערציילן, און סעמען האָט שוין ניט געהאַט מער צו פרעגן. וועגן אַלעמען זיך דערוואוסט, וועגן שכנים און פריינט, וועגן געלן הונט, דעם סטאַראָסטע, און וועגן די דייטשן, וואָס וואַרעמען זיך ביי אים אין שטוב.

עמעצן, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, האָט סעמען אַ טאָרע געטאָן.

— וואָס פּאַפּט ער ?... ער פייגערט דאָך נאָך אַ זשמעניע טוטין...

ווילי האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט אויף דער פינצטערניש:

— ווער ליגט דאָרט ?...

— אַ שיסער אונדזערער !... יאַשקע בוקעט !...

— יאַשקע בוקעט ?... פון דאַבראַדיעווקער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע ?...

— טאָקע ער.. קענסט אים ?...

— איינער פון מיין באַבעס אייניקלעך... ווי־זשע קומט ער אַהער ? ער איז דאָך אַוועקגעגאַנגען אין אַרמיי...

— אָפּגעשניטן געוואָרן פון אונדזערע טיילן... ניט געוואָלט גיין אין געפענגעניש... מיט אונדז אַוועקגעגאַנגען... עי, דו !... חבר יאַקאָוו !... דיין קרוב האָט דיר געבראַכט צו פאַררויכערן...

יאָשע האָט ניט באַוויזן צו פרעגן עפּעס ביי וויליען, ניט באַוויזן צו פאַרציען זיך מיטן ערשטן ציגאַר, האָט סעמען אַ זאָג געטאָן קורץ און אָפּגעהאַקט:

— מיר וועלן זיך ניט האַיען... גלייך ווי די נאַכט וועט צופאַלן, וועט שוין דער געלער סטאַראָסטע האָבן זיין טויט באַקומען... און זיינע פאַשיסטישע געסט מיט אים... פאַרגאַרטל זיך, יאָשע, און טו אָן דעם נאַגאַן.

טיפע נאַכט ערשט האָט יאָשע אַ קלאַפּ געטאָן אין בנימינס פענצטערל. נאָך אין דרויסן ביי דער שוועל אַ שמייכל געטאָן צו וויליען:

— דער כוטאָר „גרינע ווערבעס״ איז שוין אָן אַ סטאַראָסטע און אָן אַ גאַרניזאָן...

געעפנט די טיר:

— וואָס טוסטו עפּעס, באַבעניו?...

זי האָט געשוויגן. און אין דער פינצטער איז ניט צו וויסן געווען, צי שלאָפט זי, צי ניין. און אפשר גוססט זי... יאָשקע האָט עפּעס פריילעך דערציילט, און זי האָט זיך ניט גערירט און ניט געענטפערט.

— נו, וועל איך גיין אין יהושיע דעם ערלעכנס אַפּאַרטאַמענטן... איך האָב פיינט, אַז פענצטער קוקן אויף מיר...

ער האָט מיט אַ וואונק גערופן וויליען מיט זיך:

— יאָ, ברודערקע, אַזוי איז עס, אונדזער פאַרטיזאַניש לעבן... איך לייג זיך שלאָפן מיט יהושיע דעם ערלעכן און סעמען לעבן מיר... אין אָטשערעט נאָך דריי, אויפן וויהאָן זעקס. נו, און אין די כוטאָרס און אין די יאַרן... און אין די באַלקעס... נאָר קיין טעלעפאָן האָבן מיר ניט, קיין טעלעגראַף אויך ניט... קיין ראַדיאָ אוודאי ניט...

אויף אַ רגע איבערגעריסן, אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף וויליען.

— איז אָט, ווילי! ... סעמען האָט באַפוילן, אַז דו, טייערער יאָט מיינער, וועסט ווערן אונדזער ראַדיאָ־טעלעפאָנישער טעלעגראַף... און ווי קען עס אַנדערש זיין?.. אַ זשאַוואָראָנאָק קאָנסטו נאָכמאַכן?... איז אָט... זיי וועלן דער־הערן דאָס קולכל, וועלן זיי שוין וויסן, אַז דאָס האָט סעמען געשיקט...

ס׳וועט שוין באַלד אפשר טאָגן, און ווילי שלאָפט ניט. ער וואַרעמט זיך אויפן אויוון, — נאָך ניט אויסגעטריקנט זיך נאָכן טאָג, וואָס איז אַזוי פול געווען מיט געשעעענישן און איבערלעבונגען... און פלוצים הערט ער, די באָבע רעדט. פּאַוואָלינקע צילעט זי די ווערטער:

— אין יהושיעס אוהל בעכטיקט ער... איך געדענק אים נאָך, יהושיע דעם ערלעכן... אַ פּשוטער ייד געווען, אַ זאָטלמאַכער, אַלע רייטערס פון אַרום זיינען געזעסן אויף זיינע זאָטלען... נאָר ער האָט געהאַט אַ חולאת... שטאַרק ליב געהאַט פערד און פיינט געהאַט פערד־גנבים... ווי נאָר מ׳האָט ערגעץ געהערט וועגן אַ גנבה אין אַ שטאַל, איז יהושיע באַלד אויפן אָרט... אָך און ווי דעם גנב, אַז ער האָט אים געפּאַקט... יהושיע האָט אים געשלאָגן מכות־רצח און טאַקע ניט געקוקט, צי איז עס אַ ייד, צי אַ יוון, צי אַ וואָלעך, צי אַ ציגיינער... זיי האָבן געציטערט פאַר אים אימת־מוות און פיינט געהאַט שנאת־דם... אַ גלח האָבן מיר

געהאט א צורר־היהודים... און יענעם יאר, ווען מ׳האט געהרגעט אלעקסאנדער דעם צווייטן, האט ער געהאלטן אין איין טשעפען זיך צו אונדז. „די יידן האבן געטויט דעם קייסער״... „געהרגעט גאטס געזאלבטן״... אין אלץ זיינען שולדיק די יידן... פאר יום־כיפור האט ער צוגעטראכט א ווילדן בלבול... א יידישע שקאפע איז כלומרשט פארקראכן אין צווינטער ביים קלויסטער און פאראומ־רייניקט א הייליקן קבר. און פונקט צו כל־נדרי, ווען אלע זיינען אין שול, האט ער גאר פארנומען די פערד פון שטעטל... ביי די באלעגאלעס, ביי די וואסער־פירערס, ביי די שמאטע־קלייבערס... אפילו דאס מת־וועגעלע, אויף וועלכן מע פירט די מפילעך צו קבורה, האט מען פארנומען, צוזאמען מיט דער קליאטשע... באלד מ׳האט אפגעפאסט, האט יהושיע געגומען עטלעכע יונגען פון חברה קצבים, חברה שמייסערס און בינדיוזשניקעס, געקומען צום גלח: „ביסטו א גלח, טא זיי ניט קיין פערד־גנב. וואס האסטו צו ארעמע יידן?״ — דער גלח איז געווען ווייס ווי קאלך, די פערדלעך האט ער אומגעקערט. נאר גלייך האט דער קלויסטער געגומען קליגגען „נאַ־גוואלד״, ווי אויף א שריפה...

מ׳איז זיך צונויפגעלאפן פון אלע עקן, סע ברענט... דער גלח איז געשטאנען און געדרשנט:

— ווי און וויי!... די יידן האבן אונדזער הייליק ארט פארשוועכט: געוואלט רייסן דעם צלם פונעם קלויסטער, און יהושיע האט געוואלט ממיתן גאטס באַ־דינער... — ס׳איז צווישן די קריסטן געווארן א ויצעקו. ווער ס׳האט געגלויבט און ווער אפשר ניט, נאר די פערד־גנבים און סתם די, וואס זיינען „וואס אין דער קארט״, האבן זיך דערפרייט, א לאז געטאן זיך מיט העק און קאסעס אויפן שטעטל... ע, פאוואלינקע, כאפט זיך ניט!... יהושיע האט נאך פארפריער צונויפ־געקליבן זיינע יונגען פון חברה שמייסערס, קצבים, קאוואליעס און שטיינהעקער... די גראבעזשניקעס זיינען אפגעקילט געווארן. נאר אכט טעג האט דאס שטעטל געלעבט אין פחד און אין מורא. אויפן ניינטן טאג איז געקומען דער איספראווניק מיט סטראזשניקעס... מ׳האט יהושיען געשמידט אין קייטן און אוועקגעפירט אין אויעזד. דער בלבול איז געבליבן א בלבול, מ׳האט אים געמשפט אין גובערניע. און דערפאר, וואס ער האט כלומרשט געשענדט דעם יוזלס נאמען און געשלאגן א גלח, איז ער אפגעזעסן אין תפיסה דריי יאר. געקומען פון דארטן א גרייז־גרויער. די הענט ציטערן, דאס קול הייזעריק, נאר דער קאפ... איי, א ליכטיקער קאפ. גרויסע חכמה און א ים מיט פארשטאנד. פון גאר דער וועלט איז מען צו אים געפארן, ווער מיט א בוררות און ווער מיט א מחלוקת, ווער ס׳האט קיין נחלה ניט צעטיילט און ווער ס׳איז מיט א שותף ניט אויסגעקומען... גאר אן ערלעכער מענטש געווען, פאר גאנץ קהל זיך איינגעשטעלט, געליטן וויטיק און פיין. איך האב זיך טאקע געקויפט אן ארט ניט ווייט פון זיין אוהל... —

ווילע איז געזעסן אויפן אויוון א געפלעפטער און געהערט די מעשה. ס׳איז אים איצט געווארן קלאר, אז אלץ האט די באבע געהערט.

טאג איז אים ניט צו קורץ, און די נאכט ניט צו לאנג. ער מעלקט אויס די ציגן, פון יענעם טאג אן ווייסט ער שוין ניט פון קיין אומעטיקע שעהען. דער

קאַכט עפּעס אָפּ פּאָר סעמענען מיט יאַשען, באַזונדער פּאַר דער באָבעס וועגן, און שמוגלט זיך אַרויס אין דרויסן. און קיינער זעט ניט, ווי ער גייט צו סעמענס באַהעלטעניש, קיינער זעט ניט, ווען ער גייט איבער די פעלדער, ווען ער רוקט זיך לעבן פאַרטאַיעטע דאָרפישע הייזלעך, ווען ער וואַרפט זיך אַריבער איבער אַ ריוו צי איבער אַ פּלויט. נאָר אין אַ שפּעטן, האַרבסטיקן אָוונט, צי אין די ערשטע פרעסט פון ווינטער־טאָג צעקלינגט זיך פלוצים אַ שטיל פרילינגדיק געזאַנג פון זשאַוואָראָנאָק... און אויב אַ פאַרזאָרגטע דאָרפישע אלמנה צי אַ פאַריתומט קינד דערהערט אָט דעם געזאַנג, דערמאָנען זיי זיך, אַז ס'וועט נאָך זיין ליכטיק און אַ בלויער הימל וועט נאָך הענגען איבערן קאָפּ. אין די יאָרן אָבער און אין די באַלקעס ווייסט מען, אַז דאָס גייט דאָס יינגל ווילי פון פאַרטיזאַן צו פאַרטיזאַן.

איז אָט אינמיטן ווינטער געקומען איינע אַ נאַכט. אַ שווידערלעכע נאַכט. בנימינס שטיבל האָט זיך געוויגט און געטרייסלט, און מיט אים האָט זיך געוויגט און געטרייסלט די גאַנצע ערד. אין קוימען האָט די זאַווערוכע געקלאָגט, פאַרגאַנגען זיך אין יאָמער, און אין איינציקן פענצטער האָט זי געווילדעוועט און געריעוועט. די אַלטע איז אַראָפּגעקראָכן פון איר געלעגער, געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, זיך צוגעהערט, ווי די וועלט בושעוועט, און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר.

— וואו איז מיין ווילי אין אַזאַ מוראדיקער נאַכט?...

זי האָט צעפּראַלט די טיר, געשריגן צום דרויסן:

— וואו ביסטו, קינד מיינס?

דער ווינט האָט מיט אַ בייזן גרימצאָרן פאַרקנאַקט צוריק די טיר. איר געשריי האָט אַפילו דער טויער ניט געהערט. זי איז נאָך אַ רגע געשטאַנען אַ פאַרלאָרענע, אַ הילפלאָזע. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז שוין קיין קיין וועלט ניטאָ, איבערן ווייסן עולם־התוהו אַ קבר, אין קבר אַ ניט־געשטאָרבענע יידענע.

זי האָט קוים צעבלאָזן דאָס פייער אין אויוון, זאָל עס פריילעכער ברענען.

אין יענער נאַכט האָט אַ מאַשין געבלאָנדזשעט אין סטעפּ. געבליבן שטיין, וויטער לאָזן ניט די זאַווייען. דרייען זיינען געזעסן אין מאַשין, דריי דייטשישע שטאַב־אָפיצערן.

— לאָמיר גיין, אפשר וועלן מיר דערגיין צו אַ שטוב...

שלעפּט זיך דער ערשטער דער שאָפער. די אָפיצערן נאָך אים, האַלטן זיך איינער פאַרן אַנדערן, זיי זאָלן ניט פאַלן. דער שאָפער בלייבט שטיין.

— וואָס האָט זיך געטראָפן?

— קברים!... יידישע קברים גייען אונדז נאָך.

— ביסט משוגע?

דער שאָפער גלאָנצט מיט די אויגן, די קני טאַנצן אַ כישוף־טאַנץ. ער שטאַמלט:

— קברים... יידישע קברים פאַרשטעלן דעם וועג... אָט זע איך די אותיות! אַ!... אפשר זיינען עס פראַסקוראָווער און אפשר ראָוונער קברים... אַ סך יידישע קברים געלאָזט אויף אונדזער וועג...

זיי ווערן ווילד פונעם שאפערס רייד, קאנען שוין דעם אטעם ניט כאפן. און פלוצים:

— שיין!

— און סע שמעקט מיט רויך!...

— אוי, ליא, ליא! ליא, ליא, ליא!...

די טיר איז צעפראלט. סע בלאזט און סע גיט א שיט מיט קאלטע גרויפן.

— ביסט געקומען, ווילי?

ניין, ניט ווילי. פרעמדע שטימען, חיהשע שטימען. די אלטע רוקט זיך אפ צום פריפעטשיק.

— איז דאס אפשר דער מלאך־המות געקומען נאך איר נשמה?

די דריי אפיצערן ווארעמען די הענט קעגן פייער. דער עלטסטער גיט די וואליזקע דעם שאפער.

— לייג אוועק אין א זייט!... דאקומענטן פון שטאב...

נאר דער שאפער איז שוין אינגאנצן משוגע. ער קוקט אויף דער אלטער מיט קעלבערשע באלעכעס, טוליעט זיך צו די ווענט.

— ס'איז זי, די אלטע, וואס איך האב אויפגעהאנגען אין בערדיטשעוו לעבן דער ווייסער קאר־שול... אירע הויט און ביינער... זי...

דער עלטסטער איז אין כעס געווארן.

— פון ווען האבן עס דייטשישע זעלנער מורא פאר מתים?

ער האט געוויזן אויף דער שטוב:

— א סטעליע! פייער! און א זופ אין אויוון...

געזשמורעט זיך פאר תענוג:

— און די הויפט־זאך איז, וואס אין אזא נאכט וועלן שוין די פארטיזאנער ניט קריכן פון זייערע נארעס... און די יידענע...

ער האט א רעווע געטאן:

— ניט געוועזן אזוינס, אלטע יידענעס זאלן זיין אין איין שטוב מיט א דייטשישן שטאב־אפיצער.

ער האט א וואונק געטאן צו זייניקע:

— פארשטאנען, הא?

דער יינגסטער איז צוגעגאנגען צו דער אלטער, אנגעכאפט זי פארן קאלנער פון פעלצל און ארויסגעשליידערט אין דרויסן.

אויף א רגע איז געווארן שטארק שטיל, ווי דער דרויסן זאל פון אומ־דערוואַרטקייט דערשטוינט ווערן: אזא אלטע פרוי אין אט דעם וועטער אין פעלד? סע קאן ניט זיין...

זי האט א געשריי געטאן:

— אייניקלעך מיינע, וואו זיינט איר?

די ווינטן האבן זיך א ריס געטאן פון דר'ערד, טיזולאניש זיך צעלאכט און אוועקגעטראגן איר געשריי ערגעץ מיט זיך. די אלטע האט זיך גענומען גיין. געזונקען אין שניי און געגאנגען.

— מיינע אייניקלעך וועל איך זוכן, זאָלן זיי נעמען די מערדערס!

די זאַווערוכע בילט, כאַפּט זי פאַרן האַלדז, רייסט אַראָפּ די פאַטשיילע פון קאָפּ. קריכט זי אָן אַ פאַטשיילע. פאַלט און שפּאַנט ווייטער. אַט דאָ ציט זיך אַ שטיקל פּאַרקן, נאָכדעם גייט אַ שורה טאָפּאָליעס. מיט אירע שוואַכע הענט אַרעמט זי די טאָפּאָליעס און פּויזעט ווייטער.

— אייניקלעך מיינע! וואו זיינט איר?

נאָר אַז זי לאָזט אַרויס דעם לעצטן טאָפּאָל פון האַנט, יאָגן ווידער אָן די ווינטן, וואַרפן פון די פיס, רייסן די האָר, פאַרשטאָפּן דאָס מויל.

— שוין, דאָס איז ער, דער סוף מיינער... אַזויפיל לאַנגע יאָר געוואָרט אויף אַ שטילן טויט... און אַט גאָר... וועלף וועלן כראַמטשען מיינע ביינער... קיין זכר אפילו וועט פון מיר ניט בלייבן...

זי האָט זיך קוים אויפגעהויבן און ווידער אַוועקגעפּויזעט. הימלען און פעלדער וואַיען. אַ גרימצאָרן אויף דער וועלט. און ס'איז שוין גאָר קיין וועלט ניט. אַ תוהו־ובוהו און מער גאָרניט.

— גאָט מיינער! מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט? פאַרוואָס שטראָפסטו מיך מיט מיתה־משונה?

זשאַשפּערעס זיינען אַריין אין די אָנגעפּרוירענע הענט. דער ווייטיק פאַרגייט אונטערן האַרצן. ביין, זי קען שוין ווייטער ניט גיין. זי האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די מצבות. אַט דאָ ערגעץ דאַרף זיין יהושיע דעם ערלעכנס אוהל. און דאָ ערגעץ האָט זי זיך געקויפט אַ שטיקל אָרט. ווידער פאַלט זי און קאָן זיך שוין ניט אויפהייבן. די זאַווערוכע פליט אָן מיט איר בייז געלעכטער און פאַרשיט מיט ברענעדיקן פּריסעק.

— קינדער מיינע! איר זאָלט זיי באַצאָלן, די מערדערס...

איר לעצטן געשריי האָט דער ווינט געבראַכט צו סעמענס באַהעלטעניש.

— סאַ? מ'האָט, דוכט זיך, געהערט אַ מענטשלעכן געשריי, און גאָר נאָענט...

ווילע איז געזעסן לעבן פייער־טאָפּ אונטער אַ פעלץ און אָנגעשפּיצט די אויערן.

— אוי, אוי, דוכט זיך, דער באָבעס געשריי...

מ'האָט די אַלטע אַריינגעבראַכט, מיט שניי געריבן, געפּאָיעט מיט הייסער טיי... זי האָט צעעפנט די ווייסע ליפּן:

— דאָרט, ביי בנימינען... מערדערס... גייט און נעמט זיי!

מ'האָט די אַלטע אַריינגעבראַכט, מיט שניי געריבן, געפּאָיעט מיט הייסער פאַרזופּט מיט אַ ביסעלע קאָניאַק פון אַ טאַשן־פלאַקאָן. דער עלטסטער האָט זיך נאָך אַלץ געריצט מיטן שאָפער:

— האָסט נאָך מורא?...

— אָ, ביין!...

— אוודאי ביין!... אָן אויסגעצייכנטע נאַכט! אין אַזאַ נאַכט ליגן די פּאַרטיזאַנער אין דער ערד און שטעקן קיין נאָז ניט אַרויס... אַנו, וואו איז די וואַליזקע?...

ער האָט צאַרט געגלעט די וואַליזקע, ווען סעמען האָט צעפּראַלט די טיר...

יענע נאַכט איז אין פּאַרטיזאַנישן שטיבל שטיל געשטאָרבן די באָבע שיינע־ריוועו... ביי איר צוקאָפּנס איז געשטאַנען דער צוויי־הונדערט־צענטער פון אירע אייניקלעך, ווילי בוקעט, וועלכן מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן „דער פּאַרטיזאַנישער זשאַוואָראָנאָק״.

ער האָט פאַרמאַכט אירע אויגן.

אויף מאָרגן האָט מען זי באַגראָבן אויפן קליינינקן בית־עולם. אַ בית־עולם אָן אַ שטעטל. מ׳האָט זי איינגעוויקלט אין אירע תכריכים. פּאַרטיזאַנער האָבן זי געטראָגן אין איר לעצטן קורצן וועג. אויפן פרישן בערגל אָוועקגעשטעלט אַ גרינע יאָלקע. אַרום און אַרום האָט געשעמערירט און געפינקלט אַ שיינע, ווייסע וועלט. די ווייסע וועלט האָט טרויעריק געשוויגן. אַ סאַלוט האָט געשפּאָלטן די שטילקייט.

די טעג זיינען די פּאַרטיזאַנער געווען באַזונדערס בייסיק.

1943

בינעם העלער

פאַר דעם, וואָס וועט נישט קומען

און פאַר דעם, וואָס וועט צוריק נישט קומען,
בליען עטוואָס אַנדערש איצט די בלומען.

קוק זיך איין: די רויטע רויז איז רויטער,
קוק זיך איין: די ווייסע — מער נאָך לויטער!

אויפן פעלד דער קאָרנבלום איז בלויער,
די קאַנוואַליע־קעפּלעך — מער אין טרויער!

און אַפילו ס׳פּראָסטע געלע בלימל
פּילט זיך נע׳נטער צו דעם וויטן הימל...

און פאַר דעם, וואָס איז אין שלאַכט געפאַלן,
ווי אַן אָרדען ברענט די זון אין שטראַלן.

אין איר ליכט ווערט גאָלד פון גרינעם קאָרן,
פולע זאַנגען — זיינע יונגע יאָרן.

ס׳וועט זיין ברודער זייער שפּע דרעשן
און דעם טרויער פון זיין מאַמען לעשן.

און פאַר דעם, וואָס איז אין בלוט געבליבן,
וועלן שיינע מיידלעך שענער ליבן.

גרויע אויגן וועלן ווערן גרויער.
יעדע ליידנשאַפט — געמישט מיט טרויער.

טוליען וועט זי זיך אין ליבנס אָרעם,
טראַכטן: ס׳וואָלט דאָך וער געווען אַ פּאָר אים...

און דערוויילע וועלן קינדער וואַקסן,
ביז זיי וועלן גרייכן זיינע אַקסל.

פון די גרויסע, שיינע מעשיות הערן,
וועגן דעם, וואָס וועט צוריק נישט קערן.

און אין רוסלאַנדס וואונדער־שיינע לידער
וועט ער אויף זיין שלאַכט־פעלד רייטן ווידער.

נישט אויף דערווייל

נישט אויף דערווייל בין איך אַהער געקומען,
און נישט אַ גאַסט בלויז בין איך אין דעם לאַנד דאָ...
ניין, פאַר אַ היים האָב איך דאָס לאַנד גענומען
און פאַר אַ סוף צום טרויעריקן וואַנדער.

איך האָב אין ערד פאַרזעצט מיין גלות־שטעקן,
בכדי ער זאָל זיך אין אַ בוים פאַרוואַנדלען
און אין זיין בליען זאָל ער ווידער שמעקן,
ווי אין דעם ליד פון ראָזשינקעס און מאַנדלען.

און אין זיין שאָטן זאָל מיין קינד זיך שפּילן
און נאָכאַמאָל מיין קינדהייט איבערלעבן:
דאָס אומבאַמערקטע ווערן פון דעם ווילן,
דאָס וואַקסן, וואָס איז איינמאָל בלויז געגעבן...

און מיך אַליין, מיך זאָל די וועלט דערהערן
דורך אַלע הונדערט זינגענדיקע שפּראַכן —
מיין יידיש ליד זאָל אַלעמען געהערן
און אַלע הונדערט מאָל אויפסניי אויפוואַכן!

משה בראָדערזאָן

אוי, מאַמע!

— אוי, מאַמע טייערע, דו לייגסט אין זאַק אַ קניילכל באַוול:
טאָמער אפשר וועל איך דאַרפן צונייען אַ העמד...
נישט צו טאָן אין די מרחקים עמעצן אַן עוולה
גיי איך איצט פון דיר אַוועק אין ווייטער, ווייטער פרעמד.

— מאַמע האַרציקע, מע איז דיך אומגעריכט באַפאַלן,
שטיקער גאַנצע האָט מען אויסגעריסן פון דיין גוף,
כ׳זע, ווי אויפגעעפנט האָבן זיך די טרערן־קוואַלן,
טאָג ווי נאַכט איך הער דיין שטילן זיפצנדיקן רוף.

— מאַמע ליכטיקע, פאַרפינצטערט האָט מען איצט דיין לעבן,
אין דער שלאַכט אַוועק עס זיינען טאַטעס און די זין,
דיינע זין געטרייע — העלדיש און איבערגעבן —
אין דער ווינטערדיקער ווייסקייט, אין דעם זומערס גרין.

— מאַמע גאָלדענע, דעם גאָלד פון ברייטע פעלדער דיינע
האָט פאַרמיסטיקט דער געקאָוועטער דעם שונאס טראָט,
שעמט זיך זון און די לבנה איצט אויף אים צו שיינען,
חרוב־אָפּגעברענטע שטייען אונדזער דאָרף און שטאָט.

— מאַמע אייביקע, איך גיי אין שלאַכט נאָך מיינע ברידער,
ווייס איך גוט, וואָס דיך פאַרלירן, אוי, עס איז דער ווערט —
ווען אַ קויל אין שלאַכט מיך וואַרפן צו דער ערד אַנידער, —
וועל איך דיך אומאַרעמען, מיין מאַמע — ערד!

שפּעטער מ׳עט דערציילן פון אַ העלד: „אַמאָל . . . כך־הוה . . .
עמעצנס אַ האַרץ וועט בלייבן אויף אַ ווייל אין צער פאַרקלעמט.
— אוי, מאַמע איינציקע! יאָ... לייג אין זאַק דאָס קניילכל באַוול:
טאָמער אפשר וועל איך דאַרפן צונייען אַ העמד.

ישראל עמיאָט

באַגעגעניש מיטן ערשטן רויטאַרמייער

איך ווייס נישט, צי האָסטו מיך דעמלט דערקענט,
מיין פּורל געפאַרן איז פּונקט דיר אַנטקעגן,
דער דעמער — ווי דעמער, די זון האָט דערברענט,
די וועלדערשע קרוינען אויף ראַנד פון די וועגן.
אַליין זיך אַ פּאַכע געטאָן האָבן הענט,
אין וועלט אָפּגעזעגנט, אַ צווייטע באַגעגנט.

געדענקסט מיך? צי ווייסטו, ווי כ׳האָב דיין געשטאַלט
טיף אין מיין האַרצן אויף אייביק פאַרזיגלט?
כ׳געדענק יעדעס ביימעלע דעמלט אין וואַלד,
דאָס שטעגל, וואָס פירט דאָרט אַרויף־צו צום היגל,
און עפּעס אַ הייזל דאָרט חרוב און אַלט,
און לעבן דעם הייזל — צעוואָרפענע ציגל.

כ׳געדענק פון דיין פּנים דעם מינדעסטן שטריך,
וואָס בענקשאַפט האָט ליכטיק געקריצט אין נשמה,
וויפל פייגל געוועזן דאָן, כ׳וואָלט געציילט דיר אויפגיך,
די שטילקייט אַפילו גערופן ביים נאָמען,
דער שטערן אין הימל — געשטעלט וואָלט ער זיך
אַן עדות פון אונדזער באַגעג׳ניש מסתמא.

אַ מיבוט נאָר אַזעלכע אַ לעבן אַנטשיידט.
קיין וואָרט האָסטו דעמלט, נאָר אַ טרער אין די אויגן...

די וועלט ניי באַשאַפֿן פֿאַר דיר איצטער שטייט,
דרייסיק יאָר לעבן ווי נישט געשטויגן.
און ס׳איז דיין געמיט ווי מיט סטרונעס גענייט,
יעדער סטרונע געשפּאַנט איז און וואַרט אויף אַ בויגן.

אַ האַרץ ווי אַ האַרץ — דערגייסט דאָ קיין טאָלק,
ברויז פֿון געפֿילן, און שטום זיינען ווערטער.
וויינט עס די מאַמע, און נויט איר פֿאַרפֿאָלגט,
אויף שוועל פֿון איר עלנט מיין אָפּשייד באַטרערט זי,
און אפשר צעווייבט זיך אין מיר האָט מיין פֿאָלק,
וואָס וואַרט שוין יאָרטויזנט אויף דערלייזונג באַשערטער?

און טראָגט זיין ירושה פֿון דור איבער דור
אַ הייפֿל פֿאַרשעמטע, פֿאַרפּייניקטע קנעכט.
איך האָב איצט דערהערט, דערהערט אַזוי קלאָר
דעם גאַנצענעם גרויל פֿון טעג און פֿון נעכט,
וואָס האָבן אין שוידערלעכן ריזיקן כאָר
פֿון שונא דערציילט, וואָס פֿאַרלענדט און פֿאַרשוועכט.

אַ טרער נאָך אַ טרער... און דיין שמייכל ווי לינד:
„חבר, וואָס וויינסטו?״ — געטאָן האָסט מיך פֿרעגן,
נאָר איך — ווי אַ בלאָנדזשענדיק, וואָגלדיק קינד,
וואָס האָט פּלוצלונג אין וואַלד אויף ווילד־פֿרעמדע וועגן
די מאַמע באַגעגנט און וויינט נישט געשטילט,
נאָר זיין געוויין איז אי צער אי פֿרייד איבער ברעגן.

דער ווינט האָט די גראָזן פֿאַרוויגט אין זיין וויג
און געגאַנגט פֿון דער טיף אַזאַ ליולענדיק ליד.
און דיך האָט נאָך אַלץ געאָרעמט מיין בליק
און אויסגעקושט, אויסגעקושט איטלעכן גליד...
און די אָרעמס זיך וואַרפֿן עס ציט מיך מיין טריט,
און טרעט נאָר אַ ווילע אָפּ שעמעוודיק צוריק.

האָסט זיכער פֿאַרגעסן מיך פֿון זיג צו זיג,
נאָר איך טראָג דיין בילד נאָך אַלץ אין מיין זינען,
ווי איך טראָג דער מאַמעס ליד איבער מיין וויג,
ווי איך טראָג איר ליבשאַפֿט אין האַרצן פֿאַרשפּינען,
וואָס אָן אַ שיעור ווייטיק און צער איז דערין
און גליק אָן אַ מאָס, אומגעהייערן גליק.

1940

יעקב שטערנבערג

אינעם בעסאַראַבער שטעטל

אינעם בעסאַראַבער שטעטל אויף דער דלאָניע פונעם טאָל
מיט די גאַניקעס די הויכע צו די סעדער־בערג אַרויף,
וואָס מיט זאַטער שפּע נערן אָט די גאַנצע געגנט דאָ —
אינעם בעסאַראַבער שטעטל פאַרן טויער פון שפּיטאָל
איז געלעגן אויף אַ וואָגן־ברעט אַ רויטאַרמייער־גוף.

אויף זיין טויט געזיכט האָט נאָך אַ טרער געלעבט,
און אַוודאי ניט געזען האָט ער,
ווער צוקאָפּנס אים האָט מאַמע־טריי געשוועבט,
און די שפּראַך געוויס דערקענען איז געווען אים שווער —
אויב אַפילו נאָך געדינט האָט דעמלט דער געהער.

ס'איז די גאַס געווען מיט פרויען איבערפולט,
און געקלאָגט זיי האָבן, ווי יום־כיפור אין דער שול.
ס'האָט אַ זאָגערין דעם ניגון מיטן צוגעטרעפטן וואָרט
פונעם אַלטן אוצר יידישן געשעפּט און ניט געשפּאָרט
דאָרט אַרום דעם וואָגן פאַרן טויער פון שפּיטאָל
אינעם בעסאַראַבער שטעטל אויף דער דלאָניע פונעם טאָל.

און די גאַניקעס, וואָס קוקן צו די סעדער־בערג אַרויף,
זיך פאַרבויגן האָבן אַלע צו דעם רויטאַרמייערס גוף.

נ ח ל ו ר י ע

פ ו ן אָ נ ה ו י ב

.1

שעווע גאָרעליק איז אָנגעקומען אין ציורופּאָווקע פאַרנאַכט. פאַראויס פאַר איר, ווייט אויסגעצויגן איבער דער גראָז־פּאַרוואַקסענער גאַס, האָט זיך געגליטשט איר שאָטן. מער האָט מען קיינעם ניט געזען. ביי ביידע זייטן אויפן אָרט פון די הייזער זיינען געווען ברוכשטיקער און קופּעס אַש. פון דער פאַרבייגייענדיקער זון איז אויף זיי געפאַלן אַ רויטלעכע שיין. ווייכשל־ביימלעך האָבן געבליט צווישן די חורבות. ס'איז געווען פרילינג.

אַ באָרוועסע, מיט אַן אָרעם קלומעקל אין דער האַנט, איז דאָס מיידל געגאַנגען דורך דעם ישוב, וואו זי איז אויסגעוואַקסן, און האָט אים קוים דערקענט. ווייטער אויף דער גאַס האָבן זיך באַוויזן ווייניקער־צעשעדיקטע געבייען: ווענט, וואו־ניט־וואו איבער זיי — טיילן פון אַ דאַך. ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי וואוינט עמעצער צווישן די ווענט. ס'איז ניט געווען צו באַמערקן קיין הינטל, קיין עוף.

פאַר איינער אַ פּוסטקע, כמעט ביים עק פון ישוב, האָט שעווע זיך אָפּגעשטעלט. עטלעכע שערבלעך האָבן זיך געוואַלגערט אין גראָז, ברוינע, מיט גרינע בלימלעך באַמאָלט, פון פאָליוועטער ליים. שעווע האָט זיי דערקענט. דאָס זיינען געווען רעשטלעך פונעם שיסעלע, וואָס זי האָט פונעם פאָטער קינדווייז באַקומען אַ געשאַנק, און אַ פּאָר טעג פאַר דער מלחמה אומגעשיקט צעבראָכן. שעווע האָט אַריינגעבויגן דעם קאָפּ אין איינער פון די פענצטער־עפענונגען. די צימערן זיינען געווען ליידיק, קיין בענקל, קיין בעט. אין די ווינקלען האָט געהויערט אַ פינצטערניש. קווי־ריק, קווי־ריק! האָט אַ רויב־געשריי פון אַ נאַכט־פויגל אויסגעגראַגערט פון דאָרטן. אַ פאַרציטערטע האָט שעווע אָפּגעפּראַלט פונעם פענצטערל.

עטלעכע טריט פון איר איז געשטאַנען אַ מענטש. זייער אַ הויכער און אַ ברייטער, אַ ווייניק־באַוועגלעכער, עטוואָס אַן אָנגעבויגטער, האָט ער פונוויטן אויסגעזען, ווי אַ שאַפע, וואָס מע האָט אַרויסגעשטעלט אין דרויסן, ווען די שטוב האָט געברענט. נעענטער האָט מען באַמערקט די וואַרעמקייט פון זיינע אַלטע אויגן. זיינע האָר, אין דער באָרד און אויפן קאָפּ, זיינען געווען איינצייטיק רויטלעך און גרוי. ס'האָט זיך געדאַכט, זיי טליען און דעקן זיך טליענדיק צו מיט אַש. אויף די אָנגעדראָלענע באָרוועסע פיס האָט ער געטראָגן אומגעוויינלעך־גרויסע שקראַבעס.

— ר' שמעון! — האָט זיך שעווע דערפרייט.

— ווי דו זעסט, — האָט דער אַלטער געענטפערט. — אַלע אונדזערע זיינען דאָ. מיט אַ טאָג צוריק זיך אומגעקערט אַהיים.

— אַהיים, — האָט זיך שטווע אָפּגערופן, ווי אַן עכאָ.

— וואָס קאָן מען טאָן? מען מוז אָנהויבן פונדאָסניי... און דו?

— איך ווייס ניט, — האָט דאָס מיידל געזאָגט, ווי אָפּוועגנדיק אירע כוחות. — איך בין איינע אַליין.

— מיר האָבן געהערט. כ'האָב נאָר געוואָלט פרעגן, ווי־אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט, פונוואַנען קומסטו אָן?

— אַ סך צו דערציילן.

— נו, פאַרשטייט זיך. ניט איצט. קום, וועסט זיך אָרומוואַשן, עפּעס עסן. וועסט נעכטיקן ביי אונדז.

אויף מאָרגן גאַנץ־פרי איז שטווע ווידער געקומען צו איר שטוב. אָנגעהויבן האָט זי פונעם גאָרטן. אָנגעצייכנט אַ גאַנץ היפּשן פּירעק, וואו זי זאָל האָבן געניג אָרט פאַר אַלץ, וואָס זי דאַרף, און זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. צעגראָבן אַ שטיקל און אָפּגערוט אַ מינוט, אַן אויסגעגלייכטע געשטאַנען אָנ־געשפּאַרט אויפן רידל און געקוקט אַרום זיך. פון די הויפן זייגען וואָר־ניט־וואו אויפגעגאַנגען רויכן. מענטשן האָבן אויף צונויפגעלייגטע ציגל געקאָכט עסן. אינמיטן גאַס האָבן זיך געזען גריבער. מינעס האָבן זיך גאָר ניט לאַנג צוריק דאָ געריסן. העכער הינטערן דאַרף האָט געגרינט דער פערדישער צווינטער. דאָרט ליגן זיי: דער טאַטע און די מאַמע, די עלטערע שוועסטער מיט זייערע קינדער, די יינגערע ברידערלעך און נאָך אַ סך יידן.

אַ שטרענגע איינגעהאַלטנקייט איז געווען אין די באַוועגונגען פונעם יונגן מיידל, פונקט ווי זי וואָלט געדעכנט פאַר אַ באַליידיקונג אַליין די מעגלעכקייט צו געפינען אַן אויסדרוק פאַר דעם, וואָס איז געשען. אויף די באַקן, וואָס האָבן אויסגעזען עטוואָס קינדיש מחמת אָפּגעצערטקייט, האָבן געשפּילט חן־גריבעלעך. דער בליק איז געווען מער צאַרט ווי טרויעריק. געאַרבעט האָט זי פויעריש, ניט געכאַפּט. מיד פונעם גאָרטן, האָט זי גענומען אַרומגיין איבער די רואינעס, אַרויסגראַבלען לייסטלעך, ברעטלעך, טשוועקעס, שטיקלעך בלעך. דאָס אַלץ האָט זי געטראָגן צו זיך און צונויפגעלייגט אויף אַן אָרט. זי האָט אויך פאַרגרייט ליים און זאַמד. דער אַלטער שמעון גלוזמאַן איז געקומען. ס'איז אים ניט קלאָר געווען, פאַר וועמען דאַרף זי אַזאַ גאָרטן, פאַר וועמען בויט זי איר וואוינונג, ווי אַ פויגל זיין נעסט, נאָר זאָגן האָט ער גאָרניט געזאָגט: „נאָך אַזעלכע יסורים איז אַרבעט די בעסטע רפואה...“ — האָט ער געטראַכט.

איין מאָל אין צוויי טעג איז פאַרבייגעגאַנגען דער פּאַסאַזשיר־צוג אַהין און צוריק. די סטאַנציע איז געווען נידעריקער מיט אַ פיר קילאָמעטער. פונעם עק דערפל האָט שטווע געזען די איילנדיקע גרינע וואַגאָנעס, פּנימער אין די אָפענע פענצטער. אַ צערודערטע, אַ פאַרטרוימטע איז זי איטלעך מאָל געשטאַנען פאַר דעם דורכלויפנדיקן צוג, ווי מע וואָלט איר געוויזן אַ זעאונג פון אירע גורלות.

פון וואָך צו וואָך האָבן זיך אַלץ מער יידן אומגעקערט פון די ווייטע געגנטן, וואו זיי זיינען פאַרוואַגלט געוואָרן. מע האָט געגעכטיקט אינדרויסן, געטוליעט

זיך צו די עטלעכע משפחות אונטער איין גאַנץ־געבליבענעם דאַך. דער אַלטער האָט פּאָר שעווען דערציילט:

— אַז מיר זיינען אין זעקס־און־צוואַנציקסטן יאָר אַנגעקומען אַהער פון פּאָדאָליע, איז דאָ געווען הימל און סטעפּ. מיר מיט דיין טאַטן, זכרונו־לברכה, זיינען געווען פון די ערשטע. אַנדערע האָבן געמורמלט, געקוקט אויף צוריק, און מיר פּלעגן אייַנטענהן מיט זיי: האַנדלען מיט זעלצער־וואַסער איז אַוודאי גרינגער, ס׳איז אָבער צייט צו קלערן וועגן אַ תּכלית. אַ וועלט הויבט אָן פון אָנהויב, מעגן מיר אויך. שווער איז נאָר, ביז מע פאַרטשעפּעט זיך מיט די וואָרצלען, נאָכדעם וועלן שוין אויסוואַקסן אי צווייגן אי בלעטער... יאָ, מיר האָבן זיך נאָר אַרויפגעשטעלט אויף אַ וועג, איז אונטערגעשפּרונגען אָט דער אומגליק. פאַרשטייט זיך, די געהרגעטע וועלן שוין ניט אויפשטיין. דאָס האָט ער דערגרייכט, דערמיט מעג ער זיך איבערנעמען... אָבער די, וואָס זיינען געבליבן... איך בין שוין אַלט, אָבער די ייִנגערע...

שעווע האָט געהערט דעם אַלטנס רייד און פאַמעלעך געטאָן איר אַרבעט. ביסלעכוויַיז האָט זי צורעכט געמאַכט, ווי ס׳האָט זיך געלאָזט, איינס פון די צימערן אין איר שטוב, אויסגעשמירט די פּאָדלאָגע מיט ליים, די פענצטער מער ווי העלפט פאַרשטעלט מיט ברעטלעך, אַ פּאָר שייבלעך צונויפגעשטוקעוועט פון שטיקלעך גלאָז. גלוזמאַן האָט איר צוגעהאָלפן. קומענדיק צו איר, פלעגט ער איטלעכס מאָל מיט זיך עפּעס ברענגען: אַ לעפל, אַ מעסער, אַן עמער, וועלכע ער פלעגט פאַר אירטוועגן אויסבעטן ביי שכנים. ער שטייט און קוקט ווי זי עסקט זיך, און וויל וויסן: פאַר וועמען? פאַר זיך אַליין? מילא, ווּעסנע, זומער קאָן מען נאָך ווי־עס־איז דורכקומען, אָבער ווינטער, אין די לאַנגע נעכט, אין די זאַווערוכעס... און בכלל, ווי אַזוי זיצט מען עס אַליין ביי אַ טיש, וואָס פאַר אַ טעם האָט דעמלט דאָס עסן?

— טאָכטערקע, — האָט ער איינמאָל געזאָגט, — זיי ניט בייז, וואָס איך פרעג: ווי וועסטו דאָ לעבן איינע אַליין?

זי איז גאָרנישט בייז געווען. זי האָט קינדיש אָנגענומען זיין גרויסע האַריקע האַנט און דאַנקבאַר, צוטרויליך קוקנדיק אים אין די אויגן, געענטפערט פּראָסט:

— איך וואַרט דאָ אויף איינעם. איר קענט אים.

— ווער איז?

— איך וועל אייך אַמאָל זאָגן. ס׳איז אפשר אינגאַנצן אַ חלום. ניט איך ווייס וואו ער איז, ניט איך ווייס צי ער לעבט, צי ער האָט מיך אין זינען.

אין דער חורבה, אָן אַ בענקל, אָן אַ טיש, האָט שעווע געוואוינט. אין פענצטער האָט זי, ווי אַן אָפּגערעדטן צייכן פאַר אַ דערוואַרטעטן גאַסט, אויסגעשטעלט אַ בוקעט פרישע פעלד־בלומען. אַ ווינקל פאָדלאָגע אויסגעבעט מיט גראָז איז געווען איר געלעגער.

אינמיטן דער נאַכט האָט שעווע פון שלאָף איינמאָל דערהערט אַ קול, וואָס האָט זי אַ הויב געטאָן פון אָרט. „רוצחים, וואו זיינען מיינע קינדער?...“ האָט זי פאַרנומען דייטלעכע ווערטער. זי איז צוגעפאַלן צום פענצטער, אַרויס

פון דער טיר, נאָר ס'איז שוין געווען שטיל. אַ שטומע פינצטערניש, קיין שאָטן, קיין טראָט פון אַ מענטשן. פּלוצים האָט עס ווידער אויסגערופן מיט כּוח: „רוצחים, וואו זיינען מיינע קינדער?״ דאָס איז געווען אַ שטאַרק מענעריש קול פול מיט צאָרן און פּיין. איצט איז עס ניט באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. „וואו איז מיין ווייב? וואו איז מיין אַלטע מאַמע?״ האָט עס געדונערט אין דער נאַכט. „רוצחים, וואו זיינען מיינע קינדער?״

דאָס קול איז געגאַנגען פון דער שכנישער שטוב מיט די ברייטע שוואַרצע לעכער אין די ווענט. קיינער האָט זיך אויף די געשרייען ניט אָפּגערופן. די גאַס איז געווען פּוסט, און אויך די שטוב האָט אויסגעוויזן פּוסט — ניט צו זען דאָרט קיין סימן, ניט צו פאַרנעמען קיין באַוועגונג.

אין די ווייטערדיקע נעכט האָט זיך עס איבערגעחזרט. פיבערדיק האָט שעווע פון איר געלעגער זיך איינגעהערט אין אָט דעם איינזאַמען שוידערלעכן רוף. זי האָט געוואוסט: יוסף דער פאַסטעך נעכטיקט אין דער שטוב. ער איז באַצייטנס אַוועק מיט דער קאַלווירטישער טשערעדע און די זייניקע זיינען דאָ אַלע אומ־געקומען. מיט אַ וואָך צוריק האָט ער זיך אומגעקערט. אַ בלייכער מיט אַ שוואַרץ בערדל געמישט מיט גרוי, שטייט ער בייטאָג צווישן מענטשן, גלייכגילטיק, פאַר־שלאָפן, און מע הערט ניט פון אים קיין וואָרט. שעווע קומט אויף אים און גלויבט ניט, אַז זיינע קולות דונערן עס אַזוי נאַכט אין נאַכט.

צוויי יאָר איז שעווע געזעסן אין אַ ווינקל אַ פאַרשטעלטע, ווי אַ ווינשטאָק צוגעדעקט אויף ווינטער. ניט געלעבט, בלויז באַהאַלטן זיך פון אומקום. מיט־אַמאָל איז איר אין די אויגן ווידער ליכטיק געוואָרן. די רויטע אַרמיי איז געקומען אין דער געגנט צוזאַמען מיטן פרילינג.

באַלד ווי ס'איז טריקענער געוואָרן, האָט זיך שעווע געלאָזט אין וועג אַריין. זי האָט געוואוסט אַלץ וואָס מיט אירע אייגענע איז געשען. ס'האָט געצויגן אַ קוק טאָן אויף דעם מוראַדיקן אָרט וואו זיי ליגן. זי איז געווען אויף דעם אָרט, געהערט דאָס קול פון דער ערד: „פאַרגעדענק...״ נאָר אַוועקגייענדיק, האָט זי מיט דער גאַנצער קלאָרקייט פון פראָסטן ערלעכן האַרץ שוין פאַרשטאַנען, אַז ניט צוליב אָט דער מינוט אַליין איז זי אַהער געקומען.

אויף אַלע סטעזשקעלעך זיינען דאָ ביי איר געווען סימנים, גאָר ניט צו באַמערקן פאַרן אויג פון אַ זייטיקן, און מחמת דעם זיינען זיי געבליבן ניט גערירט. דאָ זיינען זיי אָפּט ביידע געגאַנגען. אויף דעם שטיין פלעגט זי פאַרבייגייענדיק שטענדיק אַרויפשפּרינגען. צוליב וואָס — ווייל זי האָט געוואָלט אויסזען פאַר אים העכער און שענער? ווייל זי האָט ניט געקאָנט פליען, ווען ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט?... אויף דעם אָרט האָבן זיי ווינטער אויפן אייז ביידע איינצייטיק זיך אויסגעגליטשט, דערנאָך לאַנג און פריילעך געלאַכט. פון אָט דער אַקאַציע האָט ער אָפּגעריסן אַ צווייגל און צוגעמאָסטן עס איר צו די האָר.

פון די קינדער־יאָרן אָן האָבן זיי זיך ביידע באַגעגנט, געלערנט אין איין קלאַס, געשלאָגן די סוסליקעס אין פעלד, געקליבן די זשוקלעך פון די זאַנגען, און שטענדיק זיינען זיי געווען קידער־ווידער, אויף וואָס איינער האָט געזאָגט טאָג,

האָט דער צווייטער געזאָגט נאַכט. מיטאַמאָל איז געוואָרן אַנדערש. אַליין חידושנדיק זיך, האָט זי אויף אַלץ, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל, געגומען זיך אָפּרופן: „אַזוי טאַקע, יאָ, איך האָב עס געוואָלט זאָגן״, פונקט ווי זייערע גע־דאַנקען וואָלטן געהאַלטן שטענדיק אין נייגן זיך איינע צו די אַנדערע און איבערשעפּטשען זיך, ווי די גראָזן אין אַ לינדן ווינט.

דאָס איז געווען זייער לעצטער זומער, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן. אין די פאַרנאַכטן זיינען זיי אָפּט אַרויס אין סטעפּ. איינעמס האָנט פאַרלייגט אויף דעם צווייטנס רוקן, זיינען זיי געזעסן אויפן קורגאַן און שווייגנדיק געקוקט ווי די זון פאַרגייט. וואָס האָבן זיי ניט געזען אין די פלאַמענדיקע וואָלקנס, וואָס האָבן זיי ניט געלייענט אין דער פאַרשטענדלעך־אומפאַרשטענדלעכער פאַרבן־שפּראַך, אין איר אַנאויפהערלעכער באַוועגונג ?... ענג צוגעטוליעט זייט צו זייט, זיינען זיי געגאַנגען צוריק מיט איין טראָט, מיט איין אָטעם, מיט איין בלוט־ריטם אין צווילינגדיקן לייב.

און אויף מאָרגן נאָך איינעם אַזאַ שפּאַציר האָט די ראַדיאָ געבראַכט די ידיעה, אַז דער שונא איז באַפאַלן דאָס לאַנד. צוויי טעג שפּעטער האָבן זיי זיך געזעגנט. די מאַשינע איז שוין געשטאַנען גרייט, ווען ער האָט זי אַרויסגערופן. עטלעכע בחורים זיינען געזעסן אויבן אויף זייערע קעסטלעך, מיט זיי מאַמעס און טאַטעס, וואָס האָבן באַגלייט די זין ביזן ראַיאָן. „אין דער אַרמיי, אויפן פראָנט !״ האָבן געהילכט יונגע קולות. זי מיט אים זיינען געשטאַנען עטלעכע מינוט, געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן — און גאָר, קיין איין באַדייטנדיק וואָרט איז ניט געזאָגט געוואָרן.

— דאַניע קושניר געדענקט איר ? — האָט שעווע ביים אַלטן אָן קיין שום קענטיקער געלעגנהייט איינמאָל אַ פרעג געטאָן.

— אַ שאלה אַביסל ! ווי דען ?

— דאָס איז ער.

איצט האָט זי געלייענט די סימנים פון די פאַרגאַנגענע טעג, געזוכט אין זיי באַשטעטיקונג, אַ דערמאָנונג, אַ וואונק. צוויי סאָלנעשניקעס זיינען אויס־געוואַקסן ביים ראַנד פון איר גאָרטן און זיך צעבליט מיט פּרעכטיקע רעדער, כאָטש זי האָט גאָר קיין סאָלנעשניקעס ניט געזייט. דאָס מיידל האָט אין זיי געזען אַ וואונדערלעכע אַנטפּלעקונג, אַ צושטימונג צו אירע געדאַנקען פון דער ערד אַליין, וואָס פאַרהיט אַלע שפּורן ; אָן אַנזאָג, אַז דאָס, וועגן וואָס זי טראַכט, וועט זיך אויסלאָזן ווי זי האָפט. זי האָט נאָכגעשפּירט נאָך דעם פלי פון די שוואַלבן איבערן יאַר, ווי זי וואָלט זיך ריכטן אויף אַ צייכן פון זיי. זי האָט זיך צוגעהערט צום קלאַפּן פון אייגענעם האַרצן. אפשר וועט פון דאָרטן קומען עפּעס אָן אָנדייטונג. זי האָט געטייטשט אירע חלומות.

ס׳פלעגן זיך מאַכן ביטערע שעהען. „נאַר, דו נאַר,״ — פלעגט זי טענהן מיט זיך, — „וואָס רעדסטו זיך איין ? ער גייט דורך אַזעלכע וועגן, די ערד ציטערט אונטער זיינע פיס. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָסטו, ער זאָל דיך געדענקען ? די ערשטע בעסטע, וואָס טראָגט אים צו אַ טרונק וואַסער, איז אים נעענטער ווי דו.

און וואָס איז צווישן אונדז געווען? מיר האָבן זיך אַלע ווײַלע געמוזט זען, ניט געקאָנט אויסקומען אײנער אָן דעם אַנדערן, מיר זײַנען געגאַנגען צוזאַמען שפּאַצירן, מיר האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר די הענט. צי קען מען עס אַפֿילו אָנרופֿן ליבע?"

און טאַקע באַלד פֿלעגט זי עס אָפּוואַרפֿן מיט דער גרעסטער לײַדנשאַפֿט־לעכקייט. ניין, יענע שפּאַציר־גענג, יענע שעהען, ווען זיי האָבן זײַערע הערצער געטראָגן, ווי קרוגן פֿול מיט עפּעס אַ הייליקן געטראַנק, קאָן ער ניט פֿאַרגעסן. אויב ער לעבט, אויב ער וועט אַ לעבעדיקער אַרויס פֿון פֿײַער, וועט ער זיך אומקערן צו איר.

ס'איז אַריבער דער זומער. די זון האָט נאָך געשענקט איר וואַרעמקייט מיט מלכותדיקן גנאָד, נאָר אויף די נעכט האָט זי שוין קיין שליטה ניט געהאַט. נאַכט אין נאַכט איז שטיל, פֿרעמד און האַרט איז אַ קעלט אַרײַן אין סטעפּ און אים געהאַלטן אין צוואַנג ביזן פֿרימאָרגן. שעווע איז געלעגן אין דער פֿינצטער אָן אַ קאָלדרע, אָן אַ קישן, די עלנבויגנס צוגעדריקט צו די קני, און צום ערשטן מאָל זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך. ס'גייט אַ לאַנגער ביטערער ווינטער, און זי — אין אָט דער חורבה, אײנע אַליין. צי וועט זי עס אויסהאַלטן, צי וועט זי זיך דערוואַרטן, צי האָט זי אויף ווען צו וואַרטן? און אַזוי פֿאַרוואָרפֿן און עלנט האָט זי זיך דערזען מיטאַמאָל, אַזוי אומבאַוואָרנט און הויל. זי איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן. ס'האָט זיך געוואָלט אַרויסלויפֿן, אַנקלאַפּן אין אַ וואַרעמער שטוב, צו מענטשן, און זי האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. אַ שטומקייט, ווי אַ שווערע פֿעסטונג־מויער, האָט זי אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן.

אינדערפֿרי האָט דאָס מיידל ווידער אויפֿגעלעבט, אָן אויסגעבענקטע נאָך וואַרעמקייט, דאַרשטיק אונטערגעשטעלט איר לײַכט־געקליידט לײַב אונטער דער זון, זיך געפֿרייט מיט דער טיפֿער דורכזיכטיקייט פֿונעם רוים איבערן סטעפּ, אָפּט זיך פֿאַרקוקט צום ווײַטן הימל־ראַנד, פּונקט ווי פֿון דאָרטן האָט געזאָלט אָנקומען די בשורה, אויף וועלכער זי האָט געוואַרט.

מיט פֿיבערישער עקשנות און זאַכלעכקייט האָט זי גענומען זיך גרייטן צום ווינטער. אין קאָלווירט, וואו זי האָט געאַרבעט, האָט מען איר געגעבן שטרוי, נאָר קיין פֿור איז ניט געווען, האָט זי דאָס שטרוי טיילווײַז אַריבערגעטראָגן אויף אירע פּלייצעס. פֿון סטעפּ האָט זי ניט אויפֿגעהערט צו שלעפּן קורעי, וויאַרסטן ווײַט געגאַנגען נאָך אים, ווען נעענטער איז ניט געווען צו קריגן. זי האָט אַרומ־געשמירט די ווענט פֿון דער שטוב, פֿאַרלייגט אַלע שפּאַרונעס און לעכער, פֿאַר־שטאָפּט און פֿאַרלייגט די פֿענצטער, אַרומגעשלאָגן מיט שמאַטעס די טירן. פֿון פֿינצטער ביז פֿינצטער ניט גערוט, כסדר עפּעס געטאָן. דער אַלטער גלוזמאַן האָט איר געהאָלפֿן צורעכט מאַכן דעם אויוון.

— וואָס, — האָט ער אינמיטן־דעריבען אַ פֿרעג געטאָן, — ס'איז ביי אײַך געווען אָן אָפּגערעדטע זאַך?

— ניין, — האָט זי געענטפֿערט, גלײַך זיך אַנגעשטויסן, וואָס ער מיינט.

— וואָס־זשע דען?

— איך גלויב, מיר דוכט זיך... אויב ער לעבט, וועט ער קומען.

— אַוודאי וועט ער אם־ירצה־השם קומען.

„און טאָמער ניט ?" — פלעגט אַמאָל דורכלויפן אַ געדאַנק, און די הענט פלעגן אַראָפּפאַלן. יעדע באַוועגונג פלעגט אָנקומען שווער. די שיין פון דער זון איז ניט איינגעגאַנגען.

.2

נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט ביי דער דרעש־מאַשין, האָט זיך שטווע אומגעקערט פון סטעפּ. דאָס איז געווען פאַר איר די שווערסטע שעה ; ווידער אַריינגיין אין דער ליידיקער שטוב, אין דער שטומער פינצטערניש אויף אַ לאַנגער נאַכט. אַזוי איינ־געשרומפּן און קליין האָט זי זיך געפילט פאַר אָט דער גרויסער נאַכט, אַז ס'האָט געצויגן צופאַלן צו דער ערשטער באַגעגנטער שכנה און בעטן : „איך וועל אייך די פיס וואַשן, טוליעט מיך צו ווי־עס־איז, נעמט מיך אַרויס פון דער איינזאַמ־קייט !" זי האָט געמוזט זיך אָנטאָן אַ כוח ניט אַרויסצואווייזן פאַר מענטשן איר אָנמוט. פּלוצים האָט זי דערזען, אַן עלטערער לייטענאַנט מיט אַ קענטלעך פּנים שטייט מיטן אַלטן גלוזמאַנען אויפן וועג — דאַניע קושניר.

זי האָט טיף איינגעאָטעמט, ווי מע וואָלט איר געגעבן אַ שמעק צו טאָן פון עפּעס אַ צויבערלעכער רפואה. אַ זינגענדיקע לייכטקייט האָט דורכגענומען אַלע אירע גלידער. ס'האָט זיך געוואָלט פליען. נאָר צוגעגאַנגען איז זי דווקא שטיל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט מיט איר צו־האַסטיקער באַוועגונג אָנטדעקן דעם וואונדער, וואָס הויבט אָן פאַרווירקלעכט ווערן. ער איז געווען אין שטיוול, אין אַ גימנאַסטיאָרקע, אָן אַ היטל. די זאַכן האָט ער איבערגעלאָזט ביי די גלוזמאַנס. איבערן ווייסן איידעלן שטערן האָבן זיך ווייך געקרייזלט די שוואַרצע האָר. אויף דער ברוסט איז געווען אַ מעדאַל, אַן אָרדען פון רויטן שטערן, אַ סטענגעלע מיט געלע און רויטע פּאַסיקלעך. ער האָט אויסגעזען העכער, ווי זי האָט אים געדענקט, און אַ סך עלטער, מענערישער, כאָטש אָט די מענערישקייט האָט זיך אַלץ נאָך פאַראייניקט מיט צאַרטקייט, וואָס איז איצט געווען אויסגעדריקט אַפילו שטאַרקער ווי אַמאָל. בעענטער האָט זי באַמערקט : דער רעכטער אַרבל איז פּוסט. „איך דאַרף זיין לעבן אים, ער איז מיינער", איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, און אַ הייסע כוואַליע האָט איר אַ שטאַרקן ברי געטאָן דאָס האַרץ.

— מיר וואַרטן דאָ אויף דיר, — האָט ער געזאָגט פּראָסט.

דער אַלטער איז באַלד אַוועק. וויטער זיינען זיי געגאַנגען אינצווייען.

— וואָס שווייגסטו ? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט ניט געענטפערט. דאַן האָט ער זי אָנגענומען פאַר אַן אַקסל און אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער שיין, וואָס האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן אין דער מערב־זייט הינטער זייער רוקן. אַ רויטלעכער פלאַם איז געפאַלן אויף איר פּנים. אין די אויגן האָבן געפינקלט טרערן. שמייכלענדיק דורך טרערן, האָט זי געקוקט אויף אים, אַן אויסגעמאַגערטע און אַ פאַרשוואַרצטע, אָנגעטאָן אין רעדנע און

זאַק און דאָך שיין, ווי נאָר די יוגנט קאָן עס זיין. ער האָט זי אַרומגענומען מיט דער לינקער האַנט. אַזוי זיינען זיי צוגעגאַנגען ביז צו דער שטוב.

— כ׳וועל זיך אַרומוואַשן, מאַכן עפּעס עסן, כל־זמן ס׳איז נאָך ניט פינצטער,
— האָט זי די ערשטע זיך אָפּגערופן.

— האָסט גאָרניט קיין ליכטל, קיין טראָפּן גאַזע?

— ניטאָ.

ער האָט געוואָלט ברענגען וואַסער, האָט זי אַרויסגעכאַפּט דעם עמער, פלינק אַוועקגעלאָפן, גיך זיך אומגעקערט, כאָטש דער ברונעם איז געווען גאָר ניט נאָענט. אַלץ האָט זי געטאָן אומגעריכט גיך, אָן שום סימן פון מידקייט נאָכן שווערן אַרבעטס־טאָג. צו די קאַרטאָפליעס, וואָס זי האָט געקאָכט, האָט ער געבראַכט אַ קעסטעלע פליייש־קאָנסערוון. איצט, אין היטל און שינעל, האָט ער שעוען אויסגעוויזן ווידעראַמאָל ניי — אי וויטער, וויניקער באַקאַנט, אי ליבער — נעענטער צום האַרצן.

פיר דרענגלעך אַריינגעשלאָגן אין דער ערד, צוויי לייסטלעך אויף זיי, דריי ברעטלעך פון אויבן — דאָס איז געווען דער טיש, אויף וועלכן זיי האָבן די סעודה אָפּגעריכט. ביי דעם טיש, ניט אויפהייבנדיק זיך פונעם אָרט, אין טיפער פינצטערניש, האָבן זיי דערציילט איטלעכער וואָס מיט אים איז געשען זינט מע האָט זיך צעשיידט.

די ביינאַכטיקע קעלט האָט אָנגעהויבן אַנגרייפן דורך די ווענט. דאָניע קושניר האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם שינעל.

— רוק זיך צו, — האָט ער אַ רוף געטאָן. — וואו ביסטו?

איינער דעם אַנדערן האָט ניט געזען. זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים. ער האָט זי אַרומגענומען מיט אַ פּאָלע. אַזוי־אַ, איינגעוויקלט אין איין שינעל, זיינען זיי געזעסן, גערעדט, געשוויגן. פון דער שכנישער חורבה האָט פּלוצים אויס־געדונערט: „רוצחים, וואו זיינען מיינע קינדער?...״ אַ פאַרציטערטער האָט דאָניע זיך איינגעהערט אין דעם געשריי, ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז.

ס׳איז געווען שוין זייער שפּעט, נאָר זיי האָבן זיך ניט געלייגט. זיצנדיק האָבן זיי געדרעמלט. דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן זיין אַקסל, איז זי איינגעשלאָפן גאַנץ שטאַרק. פון אים האָט זיך די שלעפעריקייט גיך אָפּגעטאָן. איינהערנדיק זיך אין איר גלייכמעסיקן אָטעם, די אויגן אָפן, האָט ער געוואַכט, ווי ס׳איז אים ניט איינמאָל אויסגעקומען צו וואַכן אין די ערטער, וואו ער האָט די לעצטע יאָרן פאַרבראַכט זיינע נעכט. צעבראַכן פונעם זיצן, האָט זי אָפּט געענדערט איר לאַגע, געזוכט, ווי זיך באַקוועמער צו מאַכן, נאָר זיי האָבן זיך ניט געלייגט. עפּעס האָט זיי אָפּגעהאַלטן דערפון. אינדערפרי האָט זי דערזען אין זיינע שלייפן גרויע האָר, וועלכע זי האָט פאַרנאַכט ניט באַמערקט, ווייסע קאַלטע פעדעמלעך, ווי דער פראָסט וואָס האָט זיך אין דער שעה געזילבערט אויף די גראָזן.

זיי זיינען געווען ביי דער גרוב אין סטעפּ אויפן אָרט פונעם געוועזענעם פערדישן צווינטער. אַלץ איז דאָרט פאַרוואַקסן מיט הויכן בוריאַן. די זון האָט

געוואַרעמט, אַ ווינט האָט געשאָקלט די פּאַרטריקנטע שטענגלעך, וואָס האָבן זיך אַלץ געבויגן, אַלץ געשעפּטשעט עפּעס צו די באַהאַלטענע דאָרט אונטן.

צוריקוועגס האָבן זיי באַגעגנט דעם אַלטן. ער האָט זיי באַגלייט, געזעסן מיט זיי אַביסל אויף דעם קלאָץ פאַר דער שטוב.

— וואָס קאָן מען טאָן? — האָט ער געזאָגט נאָך אַ שווייגן. — מע מוז אָנהויבן פון אָנהויב. אין זעקס־און־צוואַנציקסטן יאָר, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אַהער, איז דאָ געווען הימל און סטעפּ. איך און אייערע ביידנס טאַטעס זיינען געווען פון די ערשטע. איך וויל זאָגן, איר זייט די אייניציקע פאַרבליבן פון אַזעלכע צוויי גרויסע משפּחות. פון יעקבן מיט רחלען זיינען שבטים אַרויסגעקומען...

שעווע האָט אים געענטפערט מיט אַ דאַנקבאַרן בליק.

1945

חיים מאַלטינסקי

ס׳איז געווען הינטער וואַרשע

נאָך קינדווייז כ׳האָב אַ קללה געהערט:
„קייען זאָלסטו די ערד״ —
כ׳האָב עס דאַן ניט פאַרשטאַנען.
מיר זייַנען הינטער וואַרשע געשטאַנען.
ס׳האָט געפּאַקט מיך דער דייטש
אויף אַ פעלד אויף אַ גלאַטן,
מיך באַהאָגלט מיט פייער
פון שווערע האַרמאַטן.
געקנאָטן די ערד אַרום מיר —
כ׳בין געקראָכן אויף אַלע שוין פיר.
מיין בליק האָט געניטשערט אַ גריבל
דעם גוף צו פאַרדעקן,
אַ שפּאַלט כאָטש דעם קאָפּ צו פאַרשטעקן,
געפייפט האָבן שפּליטערס, אויף מיר זיך געשאָטן,
און גראָד אַזאַ גלאַטקייט אַרום,
כאָטש פאַרקריך אונטער אייגענעם שאָטן.
ליג איך פאַרטייעט און שטום,
מיט ביינער און ריפּן,
מיט מויל כ׳האָב זיך שטיף צו דער ערד צוגעפּרעסט,
נאָך שטייפער, ווי צו מיידלשע ליפּן.
ס׳קריכט דער זאַמד אין די ציין, אויפן גומען,
און דער פייער מיך דרעשט,
און די שפּליטערס נאָך מער זיך צעזשומען.
און דאַן האָט זיך פּלוצים צעשמייכלט
מיין רואיקער ניכטערער שכל:
„קייען זאָלסטו די ערד״ —
איז דאָס איצט באַשערט.

דער שאָטן

געגאַנגען מיט מיר ז׳ער דורך טויט און דורך פייער.
ער קושט מיינע טריט, וואו אַ קער זיך איך גיב.
ר׳האָט אַלץ מיך נאָך ליב,
מיין שאָטן געטרייער.

געהאַוועט, געשמאַיעט, ווי איך, נאַכאַנאַנד,
און רירעוודיק שטענדיק און מונטער.
ווי איך גייט ער איצט מיט אַ שטעקן אין האַנט
און ווי איך — הינקט ער אונטער.

ביידע רוען מיר אָפּ מידערהייט ביי אַ פּלויט;
זיך ווישן דעם שוייס פונעם שטערן.
איך וואָלט אים, מיין גינציקן שאָטן, פאַרטרויט,
נאָר איך וויל זיין געמיט ניט באַשווערן.

אויף זיינע לענגלעכע פּיס כ׳וואַרף אַ טרויעריקן בליק,
צווישן ליפּן פאַרשטיק איך דעם שמייכל, —
ווען ר׳האָט כאָטש אַ טראָפּעלע שכל,
פאַרשטייט ער דעם וויי,
אַז האַלץ דאָך אַ שטיק
איז דאָך איינע פון זיי,
נאָר כ׳בין אים, מיין טייערן, מוחל.

געגאַנגען מיט מיר ז׳ער דורך טויט און דורך פייער.
ער קושט מיינע טריט, וואו אַ קער זיך איך גיב.
ר׳האָט אַלץ נאָך מיך ליב — מיין שאָטן געטרייער.

1946

אַ מוטער באָדט איר עופּהלע

דאָס בלוט פון שלאַכט האָט אָפּגעשיינט, ווי שקיעה אין די אויגן.
ווי די גראַנאַטע ז׳האָרט געוואָן אין פראָסט דאָס ברויט.
אין איין שערענגע איז געגאַן מיט אונדז דער טויט —
כ׳האָב שטענדיק גוט געפילט זיין שאַרפן עלנבויגן.
איך, דער סאָלדאַט, דער פראָסטער, אויסגעשולטער,
וואָס ניט פאַרלוירן כ׳האָב מיין קאָפּ אין קריג,
וואָס קאָן זיין איצטער ליבער פאַר מיין בליק —
זען, ווי אַ מוטער באָדט איר עופּהלע אין מולטער?
איר אויסגעשפּרייטע האַנט אין כוואַליעס וויגט זיך,
און ס׳פּליעסקעט זיך דאָס קינד און קוויקט זיך,
און ווי דערמאָנט זיך, אַז דאָס וואַסער איז צו וואַרעם,
עס הייבט אויף אַ געשריי און אַ געליאַרעם.
איך קוק מיט שמחה פול — דאָס שענסטע אויפן ערדן־קיילעך
ווען ס׳קינד מע נעמט אַריין אין פרישן, קלאָרן ליילעך,

און ביי דער פולער ברוסט אַנטשטילט סע ווערט,
ווען ס׳זויגט אַזוי פאַרטיפט די זיסטע זאַפטן פון דער ערד.
צו אַלדע שוואַרצע יאָרן די וויסטע קריגן!
לעבן זאָלן, וואַקסן זאָלן קינדער אין די וויגן!

מענדל ליפשיץ

אַ קינד שטייט אויף

אַט ערשט האָט נאָך דער וואַלד געברענט
און בלוט האָט זיך געמישט מיט פייער,
און איצט דורך קאָרע פונעם דעמב
זיך שניידט אַדורך אַ צווייג אַ נייער.

אַט ערשט נאָך האָבן שטאָל און בליי
צעגאָסן זיך אין גרויען חלל,
איצט פלייצט איר ליכט די זון פון מאַי
אויף בערג, אויף טייכן און אויף טאָלן.

און דאָ, וואו ס׳איז פאַרבליבן בלויז
דער גרויער אַש און ציגל ברוינע,
באַווייזט זיך שפּיגל־ניי אַ הויז
פון קרעפטיקע סאָסנאָוועביימער.

און דאָ, וואו ס׳פעלט נאָך אויס אַ טיר,
אַ פענצטער ניט באַוויזן שטעלן,
אַ קינד שטייט אויף פון אַלע פיר,
און זיינע אויגן זיך צעקוועלן.

אַזוי איז איינגעפירט די וועלט:
די פּיין גייט דורך ווי אַ געוויטער,
דאָס פאָלק אַ דענקמאָל יענעם שטעלט,
וואָס האָט פון אומקומען פאַרהיט אים.

און ס׳איז שוין איינגעפירט אַזוי:
די שווערסטע לאַסט מוז ווערן גרינגער,
ווען פויגלען ציען זיך צו בלוי,
צו אַרבעט ציען זיך די פינגער.

1946

שירקע גאָמאָן

דינסטיק

ערשט איצט האָט זיך מנחם סאַנדלער געכאַפּט, אַז ער איז אַליין. זיין פּערל איז אויף אייביק געבליבן אינעם דאָרף לעבן שקלאָוו. אינדערפרי האָט זי נאָך צו אים געזאָגט: „מנחם, זופּ אויס אַ פּאָר לעפל וואַרעמס", און, קומענדיק פון דער אַרבעט, האָט ער זי געטראָפן אַ טויטע. זי האָט געהאַט אַ האַרץ־פעלער.

פון יענעם טאָג אָן איז דאָס שרעקלעכסטע פאַר אים געוואָרן דאָס אויפכאַפּן זיך. דער ערשטער געדאַנק — „ניטאָ פּערל". דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פּיינלעכע, וואָס האָט אים ניט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין רגע: „האָט מען — שאַנעוועט מען ניט, פאַרלוירן — וויינט מען." אַלעמאַי האָט ער קיינמאָל ניט געזאָגט: „פּערל, זיק, אָט גיס איך דיר אָן אַ גלאָז טיי." אין דער אמתן איז ער ניט אַזויפיל שולדיק געווען, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן. שולדיק איז גאָר געווען פּערל. קיינמאָל האָט ער פון איר ניט געהערט: „העלף מיר, איך האָב קיין כּוח ניט", אָדער „דאָס קאָן איך ניט". זי האָט אַלעמאָל „געהאַט" כּוח, תּמיד פאַרלאָפן אַלע וועגן. ניין, פּערל איז ניט געווען פון די ווייבער, וועלכע זאָגן: „מיין מאַן האָרעוועט אַזויפיל, אַז איך האָב שוין גאָר קיין כּוח ניט!"

ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע, האָבן זיך אים אויפסניי געעפנט די וואונדן. ער האָט אַלץ געדאַרפט אָנהויבן פון אַלף — און אָן פּערלען... פון דער גאַנצער נחלה זיינען אים געבליבן נאָר עטלעכע פלעקער פון פּאַרקן. און דאָס איז געווען די התחלה...

עס האָט זיך באַקומען אַ וואוילער, אַ געדיכטער פּאַרקן, דאָס איז אָבער געווען אַ בישטיקער פּרט לגבי דעם גרויסן שווערן אָנהויב. געהילץ, ציגל האָט אים געגעבן די מלוכה — זיין איינציקער זון איז געווען אויף דער מלחמה, און איז נאָך ביז היינט ערגעץ אין עסטרייך. מנחם האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן; ער האָט באַקומען זריעה, און מע האָט זיך גלייך געדאַרפט נעמען צום גאָרטן. בשעת ער האָט אָנגעהויבן גראָבן, האָט זיין נאָענטסטע שכנה צו אים אַריבערגעשריען: „וואָס ציט איר רצועות! ווי איז מיר, אַ פייג וועט ביי אייך אויסוואַקסן — ניט קיין בולבע! גראָבט ברייטערע בייטן. עס פעלט אייך ערד?"

זי איז אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקן, געוויזן אים ווי אַזוי צו טאָן, און איז אַוועק. מנחם האָט געקוקט ווי אַזוי לאה שפּאַלט די ערד אויף הויכע, פּיר־קאַנטיקע בייטן, און געטראַכט: „געווען אַ תּם — געבליבן אַ תּם." ער קען זי, לאהן, שוין היפּשע עטלעכע צענדליק יאָר. אמת, אַ בריה איז זי אַ גרויסע, נאָר אַ מוראדיקע שרייערין. דערפאַר, אַפּנים, האָט ער, מנחם, זי געהאַלטן פאַר אַ מרשעת. דאָס איז אָבער געווען ניט ריכטיק, וואָרים אַפילו איצט, ווען זי איז געבליבן אַ צעבראָכענער שאַרבן — דעם מאַן, אַ טאָכטער, צוויי אייניקלעך האָט דער דייטש אומגעבראַכט; דער איידעם, צוויי זין זיינען אומגעקומען אויף מלחמה — אַפילו איצט האָט זי זיך געהאַלטן ביי אירע מידות: גרייט געווען

יעדערן מיט עפּעס אַרויסהעלפן און ניט אויפגעהערט צו טענהן: „מע האָט אַריבערגעלעבט אַזאַ תהום צרות, אונדזערע הערצער זיינען אויסגעוויקט אין בלוטיקע טייכן — דאַרף מען דאָך עפּעס אָפּלערנען דערפון!” גאַנצע טעג האָט זי געהאָוועט. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ביי איר געווען אין שטוב ליכטיק, וואַרים, אַחוץ אַלע אַרבעטן, איז זי נאָך געווען אַ „באַדאַמניצע” — געניית גרעט פאַר אַן אַרטעל. הערן ווי זי שרייט, זען ווי זי איז פאַרטאָן, האָט מען אודאי געקאָנט מיינען — ביי איר איז אַ פולע שטוב מיט קינדער.

ווען די יונגע בולבע־שפּראָצונגען האָבן מיט פאַרוויקלטע, טונקעלע, שטייפע צינגלעך דורכגעשטאָכן די ערד, איז מנחמס שטוב געשטאַנען, ווי אַ מחותן, וואָס איז ווינציקער ווי אויף האַלב גרייט צו דער שמחה... איבער די פיר־קאַנטיקע פענצטער־לעכער איז דער גרינער מאָך אַראָפּגעהאַנגען, ווי צעשויבערטע ברעמען. נידעריקער איז דאָס געהילץ געווען שוואַרצלעך — צו דערקענען, אַז ס'איז אַרויס פון פייער. דער נייער ציגל־יסוד האָט מיט אַ רויטן פּאַס היימלעך אַרומגעכאַפּט די פאַרסמאַליעטע קלעצער, שטייף צוגעגאַרטלט צו דער ערד... די קראָקוועס האָבן זיך שפּיציק צונויפגעפּלאָכטן. מנחם האָט געקוקט אַרויפצו און געטראַכט: „דער לעבעדיקער דערלעבט.”

לאה האָט ניט גערוט און ניט געלאָזט רוען דעם שכן — געהייסן צעקעמען מיט דער האַבליע די ערד, צעררייבן די הרודעס. דערזען אַ מוליער מישט ליים, איז זי צוגעלאָפן מיט אַ ברייטער דעה:

— האָט רחמנות, דרייט ניט קיין קאָפּ מיט אייערע פּליטקעס, מנחם, לאָזט זיך ניט פירן אין באָד. פאָלגט מיך — שטעלט אַ קליינעם רוסישן אויוון, וועט איר האָבן אַ גדולה אין שטוב. ווילט איר — באַקט איר קאָרענע, האָט איר — באַקט איר ווייצנס. אינאיינעם מיטן געבעקס שטעלט איר זיך אַנידער דעם וואַרעמס מיט דער וועטשערע און — פּטור! איר דאַרפט ניט טראָגן דעם מאָגן אין קאָפּ. אייער זון וועט זיך אומקערן, וועט איר, אם־ירצה־השם, קיין קסיאָנדז ניט ווערן. די שנור וועט אייך זאָגן טויזנט דאַנקען. אַ קלייניקייט — אַ רוסישער אויוון!

ביים אַרומהויפן די בולבע האָט זי אַרויסגעריסן די לאָפּעטע און געמאַכט מנחמען צונישט: „אַ מענטש גראָבט! וואָס גראָבט ער? פרעג אים בחרם! אַ בולבע גייט אויס נאָך פוכקע ערד, ווי אַן עלטערער מענטש נאָך אַ וויכן געלעגער. היינט וואָס האָט איר צום גאָרטן, אַז איר ווייסט ניט פונדאַנען אַהין?”

ניט איין מאָל איז שוין מנחמען געלעגן אויף דער צונג עפּעס אַזוינס, וואָס אָט־אָט פאַלט עס אויף דער יידענעס קאָפּ, אָבער עס איז גאָרנישט ניט געפאַלן.

די שטוב איז שוין כמעט פאַרטיק, מנחם האָט צוגעמאָסטעט אַ טיר. און כאָטש פון אויבן איז געווען אַ ברייטער שפּאַלט, פונדעסטוועגן פלעגט ער פאַרן אַוועקגיין צו דער אַרבעט אויפהענגען אַ גרויסן שלאָס, וועלכער האָט לאהן ניט געשטערט אַריינצוטראָגן אין שטוב אַ פאַרטיקע וועטשערע... דאָס טעפּל האָט געהאַט אַן אָנבליק פון אַן אומגעלומפּערטער ליאַלקע, ווייל ס'איז געווען איינגעוויקלט אין לאהס וואַטניק. איידער ער פלעגט זיך נעמען צום עסן, פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן דעם וואַטניק, צולויפן צו לאהס שטיבל, עפענען אַ קאַפּל די טיר, און, ווי נאָר

זי פלעגט צונעמען דאָס געבראַכטע, האָט ער זיך געלאָזן צוריק — אַקוראַט, ווי זי וואָלט אים נאָכגעיאָגט.

* * *

פונעם זון האָט ער געהאַט אַן אַטעסטאַט. אַליין האָט ער אויך פאַרדינט. וואָלט שוין אַלץ געווען אין אָרדענונג, האָט אים אָבער פאַרדראָסן, וואָס די לעצטע צייט איז לאה אַנטשוויגן געוואָרן, ווי אַ פיש. „וואָס האָב איך איר געטאָן, וואָס זי שרייט ניט אויף מיר?״ — האָט ער איניקע מאָל אַ טראַכט געטאָן. שבת פאַרנאַכט, ווען מנחם האָט זיך גראָד געקליבן אַריינגיין צו דער שכנה, איז זי אַריינגעקומען און האָט מיט רוגזה געפרעגט:

— אַ מענטש דאַרף זיך וואַשן?

— עס וואָלט ניט געשאַדט.

— עס וואָלט ניט געשאַדט? איז גייט, זייט מוחל, נעמט מיין פעסל מיט מיין מולטער. די טשוהונעס וועט איר קאָנען אַרויסשלעפּן פונעם איווון? זינט איך לעב האָב איך ניט געזען, אַ באַלמעלאָכע זאָל זיין אַזאַ „בעלאָרוצקע״!

אויף מאָרגן איז לאה אַריינגעגאַנגען אויסהייצן. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן און נאָר אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט — קיין פּאָסיקערן מיטל אויף אויסצודריקן איר התפּעלות האָט זי ניט געפונען.

אין שטוב איז געווען וואַרעם, צוגעקליבן, אויפן טיש — אַ ווייסער טישטעך מיט לאַנגע פרענדזן, אין אַ ליימענער שיסל אַ היפּש שטיקל פּוטער, גאָמעלקעס און צוואָרעך.

— איר האָט פאַרשפּאָרט אַ מענטשן אַ גאַנג, — האָט ער צו איר געזאָגט, זיך אויפהייבנדיק פונעם איינציקן בענקל. ער האָט דערלאַנגט צום טיש אַ קריגל רויט־איינגעבריטע מילך, אַ סקאָוואָראָדע געפּרעגלטע קאַרטאָפל און, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, האָט ער זי געבעטן צום טיש, ווייל אין דער אמתן האָט ער דאָס געטאָן טשיקאָווע: די ערשטע זאַך, איז ער רויט געוואָרן; ווען די רויטקייט האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע פּנים, איבערלאָזנדיק אַ קאַפּל בלייכקייט אין די טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין אַ ניט־באַשטימטער ריכטונג, אַנבויגנדיק אַהין זיין קורץ־געשוירענעם גראָען קאָפּ.

מע וואָלט ביז היינט ניט געוואוסט, צי לאה האָט ריכטיק אויסגעטייטשט זיין מאַך מיט דער האַנט און זיין נויג מיטן קאָפּ, ווען זי וואָלט ניט אַרויסגעלאָפן און אויגנבליקלעך זיך אומגעקערט מיט אַן אייגענעם שטול.

— מנחם, איר זייט דאָך אַ בראַנד־בריה, אויף מיינע נאמנות! גאָט זאָל געבן — אייער זון... — נאָר ביי די ווערטער האָט זיך איר שאַרפע צונג אָפּגעזאָגט צו פאָלגן איר גוטן ווילן... פון אירע אויגן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן. די טרערן האָבן זיך געקייקלט, און זי האָט געשמירט פּוטער אויף אַן המוציא ברויט. עס האָט היפּשלעך געדויערט ביז זיי האָבן זיך גענומען צום עסן. אין שטוב איז געווען שטיל, ווייל ער, מנחם, איז פון תמיד אָן געווען אַ קנאַפּער בריה אויף שמועסן, וועמער רעדט איצט... און זי? — דאָס איינציקע, וואָס האָט אים געראַטעוועט — איר שווייגן. מע קאָן זאָגן מיט דער טיפסטער אחריות, ווען לאה זאָל, חלילה, זאָגן איין וואָרט, וואָלט אפשר די מעשה קיין מעשה ניט געווען...

אָפּגעגעסן, האָט לאה גענומען איר שטול און איז אַוועק. זי האָט געהאַט איר כלל:

„פרייען דאַרף מען זיך אינאיינעם, אָבער וויינען מאַכט ניט אויס באַזונדער...״

* * *

די קומענדיקע וואָך האָט לאה ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס טוט זיך עס אויף דער וועלט. ווי פרי זי איז ניט אַריינגעגאַנגען צום שכן, האָט זי דאָרט קיין שטאָך אַרבעט ניט געפונען: אויסגעהייצט, אָפּגעקאָכט, די זאָסלענקע צו־געשפּאַרט מיט אַ ציגל; דער דאָזיקער ציגל איז איר אַריין אין דער לעבער. „וואָס מיינט ער, איך וועל אַריינקוקן אין טעפּל?״ — האָט זי געטראַכט, און טאַקע גלייך אָפּגערוקט דעם ציגל, אויפגעהויבן די זאָסלענקע, באַטראַכט וואָס אין אויוון איז געשטאַנען, און ס׳האָט איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

ס׳איז געווען זונטיק, אַקוראַט אַ וואָך ווי זי האָט געגעסן אָנבייסן מיט אים. „הייסט עס — ער וויל בעסער עסן בולבע אין העמדלעך, אַבי ניט אָנקומען צו מיין טרחה?״ — האָט לאה געטראַכט, נייענדיק. און ס׳האָט געטראָפן אַ מיאוסער טעות: אַנשטאָט איינצושניידן אויף איין ברעג מאַנזשעט־לעכלעך, האָט זי איינ־געשניטן אויף ביידע ברעגן. איצט האָט זי געזוכט אַן עצה, ווי אַזוי צו פאַר־צירעווען, עס זאָל קיין בראַק ניט זיין. אָט ביי דער „אָפּעראַציע״ האָט זיך געעפנט די טיר, און דער שכן איז אַריינגעקומען.

לאה האָט אַראָפּגענומען די ברילן, אַרויפגעכאַפּט די פּאַטשיילע פון די פּלייצעס אויפן קאָפּ, פאַרשאַרט ביז איין הערעלע און אַ פּאַטש געטאָן אויפן שטול, פון וועלכן זי האָט זיך אויפגעהויבן.

מנחם האָט אָפּגעלייגט דעם קאָלנער פון פּעלצל, זיך אָפּגעקנעפּלט, ווידער פאַרקנעפּלט און אָנגעהויבן: „איך מיין, ווי איר זאָגט, אַ מענטש . . . האָב איך געטראַכט און געטראַכט, איז מיר אַרויף אויפן זינען, אַז צוויי מתים פּרואוון גיין טאַנצן, זיינען זיי שוין גאָר קיין מתים ניט. ווייל . . .״ מער האָט ער קיין ווערטער ניט געפונען. זיינע ליפּן זיינען בלייך געוואָרן, און זיינע דלאָניעס האָבן אַזוי אַרומגעכאַפּט דעם שטול, אַז די קנעכלעך פון זיינע פינגער זיינען געוואָרן ווייס.

לאה האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף איין אָרט, פאַוואָלינקע גענומען אָפּקלייבן די פעדעמלעך פון קלייד, אויף גיך איינגעהייצט די פּליטקע, געמאַכט טיי.

און כאָטש די עטלעכע גלעזער טיי האָבן ניט באַריידעוודיק געמאַכט ניט אים, ניט זי, פונדעסטוועגן איז געווען צו זען, אַז עפּעס איז געשען ניט אויף קאַטאָוועס.

מנחם האָט געהאַלטן די קליאַמקע פון טיר, לאה האָט מיט דער קאַטשערע אַרומגעקלאַפּט די האַלאַוועשקעס, גערעדט ניט צו אים — צו די רויטע קוילן אין פּליטקע: „אַ מענטש רעדט!... כיי וואָלט מען זיך בעסער פאַסטאַרעט אַ פּורל!״ מנחם האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און זי האָט מיטאַמאָל צו אים אַ געשריי געטאָן: „וואָס שאָקלט איר, וואָס? אַ מענטש האָט דערהערט אַ פּורל, מיינט ער — אָט לויף איך! עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. מאָרגן איז מאָנטיק! מאָנטיק וועל איך זיך פון אָרט ניט רירן — דינסטיק!״

זלמן טעלעסין

אויפן ווייסל

א פוסטע שטוב. ווי גוט, וואָס ס׳איז דאָ שטיל, —
מיר וועלן אפשר אויסשלאָפן זיך קאָנען.
אַ מידער כ׳פאַל אַנידער אויפן דיל
אונטער אַ קאַטוילישער איקאָנע.

און ס׳קומט דער חלום פריער פונעם שלאָף
און טראָגט אַוועק מיך אויף אַ פערד אַ ווייסן,
צו דערחלומען אַ גוטן סוף
פאַר מיין שטעטעלע ביים פריפעט־טייך אין רייסן.

אריינגעריטן כ׳האָב אין צויבער־לאַנד
מיט ביקס און רוקזאַק אויף די פּלייצעס...
האָט אַ צעבלוטיקטע סאָלדאַטסקע האַנט
אַ כאַפּ געטאָן די גאָלדענע צוויי לייצעס.

קאַפּויר האָט זיך געטאָן דאָס פערד אַ שטעל,
די טלאָען אויף אַ וואָלקן ערגעץ ווייט דאָרט,
און האָט מיך פון זיין פייערדיקער פעל
אַראָפּגעשליידערט.

אַ זעץ. כ׳שפּרינג אויף. אַ הליבע שוואַרצע נאַכט
ברעכט זיך אָפּ און קראַכט אין רויטן ווייסל.
האַרמאַטן רעווען אויף. מיר וואַרפן זיך אין שלאַכט
פאַר מיין שטעטעלע ביים פריפעט־טייך אין רייסן.

אי. באָרוכאָוויטש

אין אַ דייטשישן ביר־הויז

אין ביר־הויז איז געדיכט די לופט
פון גלעזער־קלאַנג, פון רעגן־דופט,
פון רויך, וואָס טאַפּט די סטעליע בלינד.
כ׳בין דורך די שוועל, ווי דורך אַ זינד
די טיר פאַרמאַכט און הינטער גלאָז
דעם פרילינג שטיין האָב איך פאַרלאָזט.

כ׳האָב קיין גוטמאָרגן ניט געזאָגט
און זיך אַפילו ניט געזאָרגט,
וואָס אויגן האָבן מיך באַטראַכט
פון אונטער ברעמען מיט פאַרדאַכט.

עס איז געוואָרן מאָדנע שטיל,
פונקט ווי פאַרשלונגען וואָלט דער דיל
דעם טומל פונעם פרילינג־טאָג,
אַפילו פונעם האַרץ דעם שלאָג.

איך האָב דערזען:
אַן אַלטער זיצט,
ס׳איז גנביש־פרום זיין יעדער זיפץ,
ער טוט פון פענעך ברויט אַ קניפּ,
וואָס דין איז ווי זיין קנייטש ביים ליפּ,
ווי ער וואָלט אַפּציען דעם טויט
נאָר מיטן ריח פונעם ברויט.

אַנטקעגן אים — אַ יונגע פּאָר —
דאָס פּנים טעמפּ און בלאָנד די האָר.
אַ האַנט זיך צאַפּלט אין אַ האַנט
ווי פיש פאַרוואָרפן אויפן זאַמד.
און ס׳איז, ווייזט אויס, אים היימיש גוט
אין לייכטן שאָטן פון איר הוט.

. . . מיין שוועסטער האָט דאָך אויך געבענקט
נאָך שטומער שפּיל פון מענער־הענט,
נאָך זיסן ווי פון מוטער־פליכט,
נאָך יענער אויסגעקלאָרטער ליכט,
וואָס לייכט אַזוי אין פּיצל בלוי —
אין אויג ביי מיין געליבטער פרוי.

קיין נחת האָט אויך ניט באַגליקט
מיין מאַמען, וואָס האָט אין דער וויג
קיין אייניקל נאָך ניט געזען
און ניט גענומען אויף די הענט
און ניט געבענטשט אים . . .

אָפּגעברענט
עס האָט איר לעבן ווי אַ שטרוי . . .
. . . און ס׳ווערט מיר הייס און שווער אַזוי...

עס האָט אַ שאָטן אויף דער וואַנט
אַ ריס געטאָן זיך נאָך מיין האַנט
און ס'האָט אַ מורא אויפגעפלאַמט
אין אויג ביים בלאָנדן יונגנמאַן,
און צו דעם אַלטן אונטער הויט
האָט באַלד פאַרקליבן זיך דער טויט.

נאָר ס'האָט אין גלאָז געברויזט דער ביר
ווי פרילינג דאָרט, אַהינטער טיר,
און ס'האָט אַ ווייסער שוים געקוועלט:
פאַרפלייצן קאָן ער דאָך די וועלט,
ווען ניט דאָס גלאָז, וואָס אים פאַרשפּאַרט...
און ערגעץ איז איצט אַנהויב מאַרט,
און ס'איז די ערד נאָך בייניק־האַרט,
און בינען־שנייעלעך געשווינד
פון בינשטאָק טרייבט אַרויס דער ווינט, —
אַ זעקסטל וועלט אין ווייסקייט זינקט.

און מאָסקווע שניידט זיך דורכן פראָסט
מיט קרעמל־שטערן.
ערגעץ לאָזט
איר נאַרטע אַ טונגוסן־פרוי —
אַ וויטן שטערן זיך פאַרטרויט.
ניין, ניט פאַרבייטן וועט מיין האַנט
די האַרבע שטראָף פון גאַנצן לאַנד.

נאָר אין מיין האַרצן, אין מיין לייב,
מיין פּיין, פאַרבלייב, מיין צער, פאַרבלייב,
און דרינג אַריין אין בלוט און גלי —
איך זאָל ניט אָפּקילן צו פרי.

1946

רבקה רובין

וועמען דער שלאָס האָט געהיט...

די זון איז געשטאַנען אינמיטן דעם ברייטן אומענדלעכן הימל און געשיט און געוואָרעמט, ווי אין אַלע פריערדיקע גוטע זומער־טעג. זי האָט מיט אַ ברייטער האַנט געזייט ליכט אויף די גאַסן, געסלעך און פּלעצער, ווייל ניט קיין הייזער און ניט קיין ביימער האָבן ניט פאַרשטעלט איר דעם וועג. אַנטקעגן דער נאַקעטער זון האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטער טונקל־גרויער שטויב פון די רואינען און פון סאָלדאַטישע שטיוול.

אַ רויטאַרמייער איז שנעל געגאַנגען איבער די גאַסן פון דער שטאָט. ער האָט אומגעדולדיק אַריבערגעשפּרייזט איבער שווער־צעוואָלגערטע שטיקער ווענט, איבער צעבראָכענע מעבל, פאַרחלשטע קליידער און חפצים, וואָס האָבן געבענקט נאָך אַ מענטש. ער איז לאַנג געגאַנגען, ניט דערקענענדיק די אייגענע שטאָט, און האָט זיך פון צייט צו צייט אָפּגעשטעלט אַ פאַרלוירענער, ניט וויסנדיק וואוהין צו גיין. נאָר אָט איז דער גוט־באַקאַנטער רויטער מויער. ער שטייט אַן אויסגעלאָשענער, אָן איין שויב אין די פענצטער, אַ גרויסער, אַן אומגעלומפּערטער אין דער אַרומיקער פּוסטקייט. דער רויטאַרמייער איז אַרומגעגאַנגען דאָס הויז פון אַלע זייטן און האָט זיך דערנעענטערט צו אַ נידעריק טירל, אויף וועלכן עס איז געהאַנגען אַ גרויסער שלאָס. ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט: אויב עס הענגט אַ שלאָס אויף דער טיר, הייסט עס, אַז אין קעלער איז נאָך עמעצער פאַראַן. דער רויטאַרמייער האָט מיטן פּריקלאַד אַראָפּגעשלאָגן דעם שלאָס, אַ ריס געטאָן צו זיך די טיר און גענומען שרייען אין דער פינצטערניש פונעם טיפן, ברייטן סקלעפּ:

— זלמן, דבורה, וואו זייט איר? דאָס בין איך, ברוך. איך האָב זיך אומגעקערט.

קיינער האָט דעם רויטאַרמייער ניט געענטפערט. אין קעלער איז געווען שטיל.

— יידן, קומט אַרויס! האָט קיין מורא ניט! — האָט דער רויטאַרמייער ווייטער געשריען.

אין קעלער האָט זיך ניט געהערט קיין מינדסטער קלאַנג.

„צי דען איז דאָרט קיינער ניטאָ?“ — האָט אומרואיק אַ טראַכט געטאָן דער רויטאַרמייער. — „וועמען־זשע האָט געהיט דער שלאָס?“

ער האָט אַ וויש געטאָן מיט דער דלאָניע דעם שווייס פונעם צעהיצטן שטערן און אויפגעציטערט מיטן גאַנצן לייב פון דער קעלט, וואָס האָט געטראָגן פון אונטן. ער האָט געוואָלט באַלייכטן דעם קעלער מיט זיין עלעקטרישן לאַמטערנדל, נאָר זיין האַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועג צו דער קעשענע. ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענע טעג, ווען אויך ער איז צוזאַמען מיט אַלעמען געזעסן אין אָט דעם קעלער. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי די טיר פלעגט זיך האַסטיק

אַן עפּן טאָן און איבערן קעלער פלעגן נעמען אַרומטאַנצן קליינע, ליכטיקע קרייזן. די דייטשן פלעגן קיין מאָל ניט באַוויליקן זיך אַראָפּצולאָזן אין קעלער, זייערע שוואַרצע אָן־פּנימדיקע סילועטן פלעגן בלייבן אויף דער שוועל און אַרויסשרייען פון דאָרט באַפעלן און זידל־ווערטער. זייערע עלעקטרישע לאַמטערנדלעך פלעגן אומרחמנותדיק באַלייכטן דעם עלנט און אומבאַהאָלפנקייט פון זייערע קרבנות, און זיי דאַרטן, אונטן, די לעבעדיק־באַגראָבענע האָט זיך דאָן געוואָלט אַריינ־דריקן אין די נאַסע ווענט, צונויפגיסן זיך מיטן ערדענעם דיל, ניט ווערן, אַבי ניט צו פילן אויף זיך די טאַפּנדיקע, רוצחישע בליקן פון די דייטשישע לאַמ־טערנדלעך. ניין, ער, דער רויטאַרמייער, וועט זיי ניט דערמאַנען איצט יענע טעג. ער וועט זיך אַראָפּלאָזן אין דער פינצטער. דעם וועג וויס ער גוט. ער וועט שטיל און צערטלעך רופן זיי ביי די נעמען, ביז זיי וועלן אָנהויבן גלויבן אין זייער גליק און וועלן זיך אָפּרופן. ער האָט שוין געמאַכט אַ טראַט פאַראויס. אָבער דאָ האָט ער דערהערט אַ שטילן שאָרך און באַלד נאָכדעם טריט פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך, קענטיק, לאַנגזאַם גערוקט פאָראויס, פּאַזע די ווענט, ווי אַ בלינדער. די טריט זיינען געוואָרן אַלץ נעענטער און אָט האָט ער שוין דערזען פאַרזיכטיק־אויסגעשטרעקטע קליינע הענטלעך. אויף דעם שוועל פונעם קעלער האָט זיך באַוויזן אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר פינף־זעקס מיט אַ שוואַרץ, געקרייזלט קעפּל.

דאָס מיידעלע האָט אויפגעציטערט פון דער שטויביקער היץ, וואָס האָט אויף איר מיטאַמאָל אַ פּאַכע געטאָן פונעם אָנגעגליטן דרויסן. אַ פאַרבלענדטע פון דער זון, האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צוריק צום קעלער. דערנאָך האָט זי מיטן רעכטן הענטל געמאַכט אַ דעכעלע איבער די אויגן און אַ קוק געטאָן אויפן רויטאַרמייער ערנסט און מיט חשד.

— ווער איז דער פאָן און ווע‍מען זוכט ער? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן אויף פויליש.

דער רויטאַרמייער האָט דאָס מיידעלע ניט געקענט. ווען ער איז אַנטלאָפן פון דאַנען, איז זי נאָך דאָ ניט געווען. האָט ער אויף איר געקוקט ווי אויף עפּעס אַ וואונדער און זיין גוטמוטיק געשטופּלט פּנים האָט אויפגעשיינט.

— קינד! — האָט ער געזאָגט צו דעם מיידעלע. — איך בין ניט קיין פּאַן. איך בין אַ רויטאַרמייער. און זוכן זוך איך דיך, אויף אַרויסצושלעפּן פון אָט דער באַגרעבעניש. גיי, קליינינקע, זאָג זיי דאַרטן, זיי זאָלן אַהער אַלע אַרויסגיין. זאָג, אַ רויטאַרמייער אַ ייד איז נאָך זיי געקומען.

דאָס מיידעלע האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט.

— שטילער, פּאַניע! זאָל דער פּאָן קיינעם ניט אויסזאָגן, אַז ער איז אַ ייד. אַניט וועט מען אים אויך אַריינוואַרפן אַהער אין קעלער. און מע וועט אים טרייבן אויף אַרבעט, און מע וועט אים שלאָגן...

דער רויטאַרמייער האָט אַ נעם געטאָן דאָס מיידעלע אויף די הענט, ער האָט געקושט איר אויסגעהונגערט פאַרבלאַטיקט פּנימל און צערטלעך גערעדט צו איר:

— שרעק זיך מער פאַר קיינעם ניט, מיין קינד! מע מעג שוין זאָגן, אַז מע

איז אַ ייד. קיין דייטשן זיינען שוין דאָ מער ניטאָ. אַט זעסט, איך האָב אַ ביקס, האָב איך מיט דעם־אַ ביקס דערשאָסן אַלע דייטשן, דערפאַר וואָס זיי האָרגענען יידן. אַלע ביז איינעם...

— אַלע דייטשן דערשאָסן? — האָט דאָס מיידעלע פאַרחידושט אַרויס־געזיפצט.

זי האָט נאָך אַ ווײַלע געקוקט אויפן רויטאַרמייער מיט אומצוטרוי, דערנאָך האָט זיך אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענטלעך און האָט פריילעך זיך צעלאַכט. דאָס געלעכטער האָט זיך באַלד איבערגעריסן און דאָס מיידעלע איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל, ווי פאַרוואונדערט פון די הויכע קלאַנגען, וואָס זיינען אַרויס פון איר האַלדז.

דער רויטאַרמייער האָט אַריינגעלייגט אינעם מיידעלעס דאַרן, בלאַטיקן הענטל אַ גרויסן, רויטן עפּל. זי האָט געריסן מיט די ציינדלעך היפּשע שטיקער און שנעל געשלונגען, ניט צעקייענדיק. אינמיטן עסן האָט זי אויפגעהויבן אויפן רויטאַרמייער אירע ערנסטע, שוואַרצע אויגן, ווי זי וואָלט זיך מיטאַמאָל אָן אים דערמאָנט. זי האָט באַטראַכט זיין ברייט געשטופּלט פּנים, וואָס איז געווען פול מיט גוטסקייט צו איר, און אַרויסגעזאָגט מיט אַנטציקונג:

— אוי, פעטער, סאַראַ שיינער איר זייט!

דאָס מיידעלע האָט אַ פאַרוואונדערטע באַמערקט, אַז דעם רויטאַרמייערס פּנים האָט זיך מאָדנע אַ קרים געטאָן, ווי צום וויינען. דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז איין רגע. זי האָט זיך ווידער פאַרטיפט אינעם עפּל. דער רויטאַרמייער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אויף דער ערד.

— נו, און איצט גיי, מיין ליבינקע, גיי זאָג זיי אַלעמען, זיי זאָלן אַרויסגיין.

— איך וועל אַהין ניט גיין! — האָט זי שטיל געזאָגט. — איך האָב מורא! זיי שווייגן דאָרט אַלע די גאַנצע צייט. זיי זיינען געשטאָרבענע. מע האָט זיי אַלעמען געפירט שלאָגן, זיינען זיי געקומען און געשטאָרבן. מיך האָט די מומע פערל פאַרגראָבן אין אַ גריבעלע ביי דער וואַנט פון קעלער און געהייסן שווייגן. איך האָב געשוויגן, האָט מען מיך ניט געפירט שלאָגן, און זיי האָט מען געפירט שלאָגן, און איצט זיינען זיי אַלע געשטאָרבענע.

דאָס מיידעלע האָט אַלץ איבערגעחזרט אויף אַ קוויטשיקן קינדערשן קולכל די ווערטער „זיי זיינען אַלע געשטאָרבענע", ווי מורא־האָבנדיק, אַז דער רויט־אַרמייער וועט זי ניט ריכטיק פאַרשטיין. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן איר אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, און געפילט, אַז די פיס ברעכן זיך אים אונטער.

— ווען איר האָט געעפנט די טיר, — האָט דאָס מיידעלע ווייטער גערעדט, — האָב איך געצויגן די מומע פערל פאַר אַן אַרבל. איך האָב איר געזאָגט, אַז עמעצער גייט אין קעלער. זי האָט מיר אָבער גאָרנישט ניט געענטפערט. מיין מומע פערל איז שוין אויך אַ געשטאָרבענע!

דעם מיידעלעס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און האָבן שוין פאַר זיך גאָר־נישט ניט געזען. זיי זיינען געווען קיילעכדיק און גרויס, פול מיט פּיין און מיט שרעק פאַר דעם גרויזאַמען און אומפאַרשטענדלעכן, וואָס האָט געקלונגען אין

אירע אייגענע רייד. אַזוי איז זי געשטאַנען מיטן ניט־דערעסענעם רויטן עפּל אינעם דאָרן בלאַטיקן הענטל, ביז זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז דער רויטאַרמייער איז שוין לעבן איר ניטאָ. דאָס מיידעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צוריק צום קעלער. זי האָט זיך איינגעבויגן, נאָר דער רויטאַרמייער איז שוין פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש. אַ פאַרצווייפלטע, האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען:

— פעטער, פאַרוואָס זייט איר אַוועק פון מיר? איך וויל ניט, איר זאָלט דאָרטן זיין! קריכט גיכער אַרויס!

דער רויטאַרמייער האָט איר געשריי ניט געהערט און האָט איר ניט גע־ענטפערט. אינגיכן האָט ער זיך באַוויזן. ער האָט זיך שווער אויפגעהויבן אויף די טרעפּ און זי האָט דערזען זיין פנים, וואָס איז געווען פינצטער, שטרענג און אומבאַקאַנט.

דאָס מיידעלע האָט זיך צעוויינט. דער רויטאַרמייער האָט שווייגנדיק אַ גלעט געטאָן אירע האָר, אָנגענומען זי פאַר אַ האַנט און אַוועקגעפירט מיט זיך. דאָס מיידעלע האָט אומזיכער געטוליעט זיך מיט איר צעשויבערטן געלאָקטן קעפּל צו זיין האַנט און אָנגעהויבן ווידער צו עסן. זי האָט זשעדנע געקייט דאָס לעצטע שטיקל עפּל און זיין זיסער זאַפט האָט זיך געמישט מיט אירע טרערן.

שלמה רויטמאַן

פונעם ציקל „וואָס הייסט אַ ברודערל״

צווייטע ליד

צום טויט־לאַגער אַט דער וואַלד געהער,
אַ וואַלד אַ געמישטער פון סאָסנעס און יעלן,
און ווען מ׳האָט געבראַכט אים, מיין ברודער, אַהער,
איז אים דאָס אָרט אַפילו געפעלן.

צי וויל מיין ברודערל האָט שוין געוואוסט,
אַז איין טראָט פונעם לאַגער אַרויס קאָסט טייער,
האָט זיך אים קריכן אין הייכן פאַרגלוסט,
דאָרט אויף אַ בוים זיך דערפילן כאָטש פרייער.

צי וויל ער איז גלאָט נאָך געוועזן אַ קינד,
און אַ קינד איז פאַרשייט, און אַ קינד וויל שטייגן,
האָט ער אַ הייב זיך געטאָן, ווי אַ ווינט,
און האָט זיך געוויגט, ווי אַ פרי אויף צווייגן.

און ס׳האָט פון די סאָסנעס אַ ווייע געטאָן
מיט ריחות פון ברויטן, באַשיטע מיט קימל,
מיט ריחות פון בייגל, באַשפרענקלט מיט מאָן,
ווי ס׳וואָלט זיך אַ סעודה געפּראַוועט דער הימל.

און ס׳האָט זיך מיין ברודערל עסן פאַרוואָלט,
ס׳האָט געדאַכט, אַז אַ וועווריקל זוכט מיט פיסלעך
דאָרט הויך אויפן בוים צווישן נאָדעלעך גאָלד:
אפשר וואַקסן אויף סאָסנעס ניסלעך.

נאָר ס׳האָבן זיך שישקעס געוויגט נאָר פאַרדאָרט,
און ס׳האָבן נאָר נאָדלען דעם הימל געשטאָכן,
אַראָפּ אויף דער ערד איז מיין ברודער באַ׳צער׳ט,
און ס׳האָט זיך אין אים ווי אַ צווייגל צעבראָכן.

און דערפילט האָט דאָס קינד, ס׳זיינען ביימער פאַרשוועכט,
דאָס האָבן בכיוון געטאָן די עס־עסן:
געמאַכט אָט דעם דופטיקן וואַלד אַזוי שלעכט,
ווייל אין אַ וואַלד וויל מען שטאַרקער נאָך עסן.

נײַנטע ליד

װען איך װײס, װאו צעשיט האָט דער טויט דײַן געמיט,
װאָלט איך קלײַבן דיך אבר נאָך אבר,
איך װאָלט זיך געשטעלט בײַ דײַן קאָפּ, װי אַ ליכט,
װײס איך ניט, װאו איז דײַן קבר.

אויב אַ באַרג איז אַרויף אויף דײַן יונגן געבײן,
האָט ער זעלבסט אָנגעהויבן זיך רוקן,
עס איז אים געװאָרן אַ בושה צו שטײן
אויף אַזאַ מין אַ קינדערשן רוקן.

און אויב נאָר אַ טײַך הילט, מײַן ברודער, דיך אײַן,
איז קאָן דען אַ כװאַליע דיך צאַמען,
זי טראָגט דיך אַרײַן װי אַ שיפעלע פײַן
אין זיבן אַנבערעגיקע ים'ען.

און אויב אונטער װאָרצלען דו ליגסט אין אַ װאַלד,
אין אַ זאַפטיקן גרונט אין אַ װײכן,
זײ נעמען געאָרעמט אַרום דײַן געשטאַלט,
און װי קאָן איך צו דיר דען דערגרײכן.

מײַן ברודער, איך װעל דיך ניט זוכן אַרום,
מע זוכט דען אין זון, װאו אַ שטראַל איז?
ביסט אַװעק, ביסט ניטאָ, דו זאָלסט זײַן אומעטום,
דו זאָלסט זײַן אומעטום און אין אַלעס.

איך װעל דיך שוין מערער ניט זוכן װי פריער,
מיט בלאָנדזשענדע פיס דיך ניט טרעטן,
װײַל װאו כ'װעל ניט פאַלן, װעל איך פאַלן אויף דיר
און װעל מיט דעם האַרצן דיך גלעטן.

לייזער קאַצאָוויטש

אין אוזבעקיסטאַן

(פונעם בוך „פון היים צו היים")

נאָך איינער אַ פּראָדוציר־באַראַטונג וועגן פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע איז שעוועליאָוו צופוס אַוועק אין שטאָט, אין ראַיאָנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט. ווען ער האָט געעפנט די טיר פונעם סעקרעטאַרס קאַבינעט, האָט זיך פון דאָרט אים אַנטקעגן אַ שאָט געטאָן אַ גרופּע מענטשן, דאָ האָט זיך נאָר־וואָס געענדיקט אַ זיצונג. ער האָט אויסגעוואַרט ביז די מענטשן זיינען אַרויס און אין קאַבינעט איז געבליבן נאָר דער סעקרעטאַר — סאַביר מוכאַמעדאָוו.

דערזען שעוועליאָון, האָט זיך מוכאַמעדאָוו אויפגעהויבן און מיט צעשפּרייטע אָרעמס זיך געלאָזט גיין אים אַנטקעגן. זיי האָבן זיך באַגעגנט ווי אַלטע גוטע־פריינט.

— זדראַווסטוואויטע, זדראַווסטוואויטע! — האָט אים מוכאַמעדאָוו אויסגעשטרעקט ביידע הענט.

שעוועליאָוו האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— סאַליאַם אַלייקום! יאַקשימיסיז!

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט, צופרידן פון דער באַגעגעניש. מוכאַמעדאָוו האָט גענומען שעוועליאָון אונטערן האַנט, צוגעפירט אים צו דער סאָפע, אַוועקגעזעצט זיך צוזאַמען מיט אים און זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן דער אַרבעט פון זאַוואָד, הגם ער איז ערשט די טעג אַליין געווען אויפן זאַוואָד און האָט גוט געוואוסט, ווי ס'האַלט דאָרטן.

שעוועליאָוו האָט אים אין קורצן אינפאָרמירט און צוגעגעבן:

— איך בין געקומען צו אייך, חבר מוכאַמעדאָוו, וועגן אַן ערנסטן ענין. דער זאַוואָד האָט באַקומען אַן אויפגאַבע אין דער נאָענטסטער צייט צו פאַרגרעסערן זיין פּראָדוקציע.

— יאָ, דאָס איז זייער אַ וויכטיקער ענין. מיט וואָס קאָנען מיר אייך קומען צו הילף? — האָט שטיל געפרעגט מוכאַמעדאָוו.

— פריער פון אַלץ מיט עלעקטרע־ענערגיע, — האָט שעוועליאָוו געענטפערט.

— אָן דעם קאָנען מיר זיך ניט רירן פון אָרט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. מוכאַמעדאָוו האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אַ פאַרטראַכטער אַ ווילע אַרומגעשפּאַנט איבערן קאַבינעט.

— יאָ, — האָט ער אָפּגעזיפצט. ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן שעוועליאָון און, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן, געזאָגט: — ס'איז גאָר אַן ערנסטער ענין. די לאַגע איז איצט אַזאַ, אַז מיר וועלן מוזן פאַרקירצן די עלעקטרע־ענערגיע, וועלכע איר האָט באַקומען ביז איצט.

שעוועליאָוו האָט אים אַ ווילע אָנגעקוקט אַ צעטומלטער, דערנאָך איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און מיט אַ פאַרשטיקט קול געזאָגט:

— איך פאַרשטיי אייך ניט, חבר מוכאַמעדאָוו! וואָס הייסט, פאַרקירצן? איר שפּאַסט?

— ניין! — האָט מוכאַמעדאָוו אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — איך שפּאַס ניט. איר דאַרפט עס אַליין פאַרשטיין.

— נו, יאָ, איך פאַרשטיי. מיר האָבן צוגענומען כמעט די גאַנצע עלעקטרע־ענערגיע. די שטאָט איז געבליבן אָן באַלויכטונג, כ׳פאַרשטיי, ס׳איז שווער. ניט אַלע ווילן עסליידן. נאָר צי דען האָט מען דאָ ביי אייך פאַרגעסן אין דער מלחמה? — שעוועליאָוו האָט זיך פּלוצלונג צעהיצט און זיך צעשריען: — קיין געפאַר דראָעט דאָ ניט. דער דייטש וועט אַהער ניט דערגיין. קיין באָמבעס וועלן ניט פליען איבער די קעפּ!

מוכאַמעדאָוו איז בלייך געוואָרן. זיינע שמאָלע אויגן האָבן זיך נאָך מער פאַרזשמורעט. ער האָט שאַרף אָנגעקוקט שעוועליאָוון.

— וועגן וועמען רעדט איר עס, חבר שעוועליאָוו? — האָט ער מיט אַן איינגעהאַלטענער רואיקייט געזאָגט, נאָר די ליפּן זיינע האָבן געציטערט. — ניט גוט אַזוי, ניט גוט צו האָבן אַזעלכע געדאַנקען. — ער האָט אָפּגעזיפצט, אַ ווײַלע געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך וועלן באַהערשן, און נאָכדעם אַ זאָג געטאָן מיט אַ פריידלעכן טאָן: — לאָמיר רעדן רואיק. יעדן טאָג קומען אָן אין אוזבעקיסטאַן אַלץ נייע און נייע זאַוואָדן, אַזוינע ווי אייער זאַוואָד און נאָך־גרעסערע, עוואַקוּאירטע פון דער פראָנט־זאָנע. אויך אונדזער ראַיאָן פאַרמאָגט שוין אַחוץ אייער זאַוואָד נאָך איינעם, וועלכער איז נעכטן אָנגעקומען. ער פאָדערט אויך עלעקטרע־ענערגיע, — דאַרף מען אים געבן, צי ניין?

— וועגן דעם נייעם זאַוואָד האָב איך ניט געוואוסט, — האָט שעוועליאָוו אַ מורמל געטאָן. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר מוכאַמעדאָוו האָט אים איבערגעשלאָגן:

— ניט נאָר אין דעם גייט עס, חבר שעוועליאָוו. טויזנטער עוואַקואירטע מענטשן קומען אָן. מע דאַרף זיי באַזאָרגן מיט אַרבעט, מיט וואוינונגען, מיט עסן, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. מיר דאַרפן געבן ברויט דעם פראָנט, מיר דאַרפן געבן בוימוואָל. זייער פיל ברויט פאָדערט זיך און זייער פיל בוימוואָל! אָט וועגן וואָס עס גייט אַ רייד. מע דאַרף האָבן וואַסער אויף צו באַגיסן נייע שטחים ערד! און וואו וואו נעמט מען וואַסער? וואו זאָל אונדזער ראַיאָן נעמען עלעקטרע־ענערגיע פאַר די צוויי נייע זאַוואָדן? און אויב מאָרגן וועט צו אונדז אָנקומען נאָך אַן עוואַקואירטער זאַוואָד, וואָס וועלן מיר טאָן? זאָלן מיר אים אפשר אָפּשיקן צוריק?

מוכאַמעדאָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן. שעוועליאָוו איז געשטאַנען מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן. ער האָט זיך געפילט שולדיק און טיף אין האַרצן זיך ניט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך צעשריען.

— יאָ! — האָט ער שולדיק און פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן. ער איז פּלוצ־לונג צוגעגאַנגען צו סאָבירן, אַרויפגעלייגט אים די הענט אויף די אַקסלען און,

טיף אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן, שטיל געזאָגט: — איך זע, אַז איך האָב זיך אומזיסט געהיצט, אַנטשולדיקט...

מוכאַמעדאָוו האָט אים מיט אַ ווייכן שמייכל געענטפערט:

— ס'טרעפט... ניט אין דעם גייט עס, חבר שעוועליאָוו. איך מיין בלויז, אַז פון דער ענערגיע, וואָס מע פאַטערט אויף געשרייען, וועט קיין עלעקטרע־ענערגיע ניט צוקומען. ניט אמת?

— אמת! — האָט שעוועליאָוו געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אַראָפּגענומען דיברילן, פאַרזשמורעט די אויגן און פאַרטראַכט אַ זאָג געטאָן: — וואָס־זשע טוט מען פאַרט? צי דען קאָן מען ניט געפינען קיין אויסוועג פון דער לאַגע?

— מיר וועלן געפינען! — האָט מוכאַמעדאָוו מיט זיכערקייט געזאָגט. — דערויף זיינען מיר באָלשעוויקעס! עלעקטרע־ענערגיע וועט זיין. בוימוואָל וועט זיין. ברויט וועט זיין. אַלץ וועט זיין! נאָר ניט געהיצט זיך. ביי אונדז איז פאַראַן אַן אויסגעצייכנט גלייכוואָרט: „פון דעם, וואָס דו וועסט רעדן וועגן האָניק, וועט אין מויל ניט ווערן זיס."

אַ ווײַלע זיינען זיי ביידע געשטאַנען שווייגנדיק. שעוועליאָוו האָט צוריק אָנגעטאָן די ברילן, אַרומגעקוקט זיך און אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן קאַבינעט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף סאַבירן און אַ פרעג געטאָן:

— וויפל קילאָמעטער איז ביזן טייך?

— פופצן, — האָט סאַביר אויפגעלעבט אַ זאָג געטאָן. — אָט אַזוינע רייד פאַרשטיי איך! איר האָט געטראָפן! טאַקע וועגן דעם טייך דאַרף מען איצט טראַכטן. דאָס איז אונדזער רעטונג. פאַר אייער קומען האָב איך דורכגעפירט אַ באַראַטונג וועגן בויען אַ נייע הידראָעלעקטרע־סטאַנציע. מיר טרעטן צו גראָבן אַ קאַנאַל.

זיי זיינען לאַנג געזעסן זאַלבעצווייט און גערעדט וועגן קאַנאַל, באַטראַכט, ווי בעסער און גיכער צו אָרגאַניזירן די בויאונג. מוכאַמעדאָוו האָט דערציילט, אַז דער פּלאַן פון בויען אַ הידראָעלעקטרע־סטאַנציע איז געווען צוגעגרייט נאָך פאַר דער מלחמה. איצט ווערן אַריינגעטראָגן אינעם פּלאַן אייניקע קאָרעקטיוון, און ווי נאָר דער פּלאַן וועט ווערן פאַרטיק, וועט מען תיכף צוטרעטן צו דער בויאונג פונעם קאַנאַל און פון דער דאַמבע. די הויפּט־זאַך באַשטייט אָבער דערין, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג, פון קליין ביז גרויס, זאָל דערפילן, וואָס פאַר אַ וויכטיקע באַדייטונג די בויאונג האָט באַזונדערס איצט, אין דער צייט פון מלחמה. די אַרבעט מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאָלקס־ בויאונג.

זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, אַז אויך שעוועליאָוו וועט איבערשליסן אַ טייל פון זיינע אַרבעטער אויף דער בויאונג. דערנאָך האָט זיך סאַביר מיט אים צעזעגנט און באַגלייט אים צום אַרויסגאַנג.

שעוועליאָוו איז גיך געגאַנגען אין דער ריכטונג צום זאַוואָד. וויט ביים האָריזאָנט האָבן זיך געזען בערג, איינגעהילטע אין אַ בלוילעכן רויכל. ער האָט פאַרטראַכט געקוקט אין יענער זייט. דאָרט, ווייסט ער, פליסט שטורמיש און

האַסטיק אַ טייך, וואָס ווערט געבוירן אין אַט די ווייטע בערג. ער, דער טייך, דאַרף עס געבן די זאַוואָדן עלעקטרע. און איצט גייט אַזויפיל ענערגיע לאיבוד, פּונקט איצט, ווען מע דאַרף זי אַזוי ווי ברויט, אַזוי ווי לעבן!

פאַרטאַן אין זיינע געדאַנקען, איז ער צוגעקומען צום זאַוואָד. אַ ווײַלע האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם גערודער פון די ווערקשטעלן, צוגעקוקט זיך, ווי פלייסיק עס אַרבעטן די מענטשן, און איז אַוועק צו זיך.

אין איבעררייס האָט שעוועליאָוו פאַרזאַמלט די אַרבעטער און האָט זיי דער־ציילט וועגן זיין שמועס מיט סאַביר מוכאַמעדאָוון.

מע איז געבליבן שטיין אויף די ערטער פאַרגליווערט, מיט ברייט־צעעפנטע, פאַרוואונדערטע אויגן. גיטע האָט לכתחילה אַפילו ניט פאַרשטאַנען, אין וואָס עס גייט. דערנאָך האָט זי אַ פליעסקע געטאָן מיט די הענט און ניט מיט איר קול אויסגערופן:

— איז וואָס־זשע וועט זיין? — זי האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט. — איטשע, וואו ביסטו? וואו ביסטו, פרעג איך? וואָס שווייגסטו, איטשע?

— איך בין דאָ! — האָט זיך דערהערט פיינשטיינס קול. ער האָט זיך גענומען דורכשטופן צו גיטען. — אָט בין איך! — האָט ער געזאָגט, דער־נעענטערנדיק זיך צו איר, — מיט וואָס ווילסטו דערפרייען מיין האַרץ?

גיטע האָט אים עפּעס געוואָלט ענטפערן, נאָר מע האָט זי מער ניט געלאָזט רעדן. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך גענומען אויפמערקזאַם צוהערן צו שעוועליאָווס ווערטער.

אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט האָט יעדעס וואָרט זיינס געקלונגען באַזונדערס וויכטיק און וואָגיק. ער האָט דערציילט וועגן דעם, אַז ס'איז באַ־שטימט געוואָרן תיכף צוטרעטן צו בויען אַ הידראָעלעקטרע־סטאַנציע און אַז די גאַנצע באַפעלקערונג וועט דאַרפן אָנטייל נעמען אין דער בויאונג. ער האָט גערעדט אויך וועגן דעם אָנטייל פון די זאַוואָדישע אַרבעטער אין דער בויאונג.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן באַוויליקנדיקע שטימען. שעוועליאָוו האָט פאָרגעלייגט באַהאַנדלען די פראַגע אין יעדן צעך באַזונדער, און יעדער צעך זאָל אויסטיילן אַ געוויסע צאָל אַרבעטער פאַר דער בויאונג פון דער עלעקטרע־סטאַנציע. נאָכדעם האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו גאַליען.

— איך וואָלט איך פאָרגעלייגט, —— האָט ער געזאָגט, —— צו שאַפן אַ בריגאַדע פון יוגנטלעכע.

גאַליע האָט מיט פרייד אָנגענומען דעם דאָזיקן פאָרשלאָג.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך דער שכנישער קישלאַק, פּונקט ווי פיל אַנדערע קישלאַקעס אינעם ראַיאָן, געקליבן אין וועג אַריין. די מענטשן האָבן זיך געַ'עסקט אַרום די הויכע אַרבאָס, וועלכע זיי האָבן געלאָדן מיט זעקלעך מעל און רייז, מיט רידלען, קירקעס און קעטמענעס. מע האָט אויך געלאָדן אַלטע ברעטער, בערוונעס און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן.

די קאָלווירטניקעס זיינען געפאָרן אויף אַ לענגערער צייט. איידער מע וועט צוטרעטן בויען דעם קאַנאַל, וועט מען קודם־כל דאַרפן: אויסבויען פאַר זיך

ערד־שטיבלעך, מע זאָל האָבן וואו דעם קאָפּ אײַנקלייגן. דעריבער האָט מען געמוזט צענעמען אַלטע שטעלכלעך און אַנדערע אומנוציקע געביידעס און מיט־נעמען דאָס געהילץ.

אין קישלאַק איז געווען טומלדיק, ערגעץ־וואו האָבן געשפּילט מוזיקאַנטן, ס'האָבן זיך איבערגערופן באַזונדערע שטימען, געהערט אויסגעשרייען, געלעכטער.

כאַלימאַ און נאָבי האָבן איינגעשפּאַנט זייער אייזל, אָנגעלאָדן די אַרבאַ און, אַרויספאָרנדיק אויפן גאַס, אָוועקגעשטעלט זיך אין דער ריי פון די פורן.

נאָכדעם האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צום צענטער פון דאָרף. דאָרט האָבן געשפּילט מוזיקאַנטן און אויף דער מיט־זון־פּאַרגאָסענער שטויביקער גאַס האָבן געטאַנצט עטלעכע מיידלעך. זיי האָבן געטאַנצט אין אַ קרייז פון מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום און אַרום און לעבעדיק און פריילעך געמונטערט די מיידלעך, צופּאַטשנדיק מיט די הענט צום טאַקט פון דער מוזיק.

אָנגעטאָן אין מענערישע בגדים, מיט שווערע שטיוול אויף די פיס, האָט גאַליע אויך צוגעטופּעט און אי אַלע אַנדערע אויסגעשריען אוזבעקישע ווערטער. דאָס איז געפעלן געווען דער יוגנט, וואָס האָט זיך געפונען לעבן איר. זיי האָבן געלאַכט און האָבן איר גוטברודעריש געפּאַטשט איבערן פּלייצע.

פּלוצלונג האָט זיך גאַליע אַ ריס געטאָן פונעם אָרט, שטיפעריש אַ פּיר געטאָן מיט די אויגן, און באַגלייט מיט באַגייסטערטע אויסגעשרייען פונעם המון, איז זי אַוועק טאַנצן. איר צעהיצט פּנים האָט זיך גערויטלט, די אויגן האָבן געשײַנט. גראַציעז און שיין האָט זי געטאַנצט אַ רוסישן טאַנץ אונטער דער זעלביקער אוזבעקישער ריטמישער מוזיק.

דערווײַל האָט זיך די צאָל געלאָדענע פורן פאַרגרעסערט, און די ריי האָט זיך צעצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס.

ענדלעך, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק צום אָפּפאָרן, האָט זיך באַוויזן דער עלטסטער מענטש פונעם קישלאַק — יולדאַש־אַטאַ. ער האָט געשפּאַנט מיט אַ צווייעטער ווייסער באָרד, עטוואָס אַ סוטולער, מיט אַ קעטמען אויף די אַקסלען. דער המון האָט פאַר אים געמאַכט אַ וואַרע.

יולדאַש־אַטאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט אַלעמען מיט זײַנע קלוגע, גוטע אויגן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די מוזיקאַנטן. ס'איז געוואָרן שטיל.

— קינדער מײַנע! — האָט יולדאַש־אַטאַ געזאָגט. — מיר גייען היינט אַוועק, כדי צו דערשלאָגן זיך גליק. וואָס פאַר אַ האַרץ וועט עס ניט דערפילן? נאָר אַ בלינד האַרץ. אַ מענטש אָבער מיט אַ בלינד האַרץ איז ערגער פון אַ מענטשן מיט בלינדע אויגן. ווער עס האָט געזשאַלעוועט צו נעמען מיט זיך זײַן בעסטן קעטמען, דער וועט נים קענען אַרבעטן. אַ שלעכטע שווערד מאַכט אויך דעם רייטער פאַר אַ שלעכטן שלאַכטמאַן. איצט, הערט וואָס איך וועל אײַך זאָגן. מײַן זיידע און מײַן טאַטע האָבן זייער גאַנץ לעבן געטרוימט וועגן ערד. „יענס פעלד איז רײַך, וואָס פאַרמאָגט ערד", — פלעגן זיי זאָגן. נאָר אַרום און אַרום איז געלעגן די וויסטע, — און וואָסער פלעגט מען זיי געבן געציילטע טראָפּנס. אויף

יעדנס קאַרק איז געזעסן דער בעי, און פאַר יעדן טראָפּן וואַסער פלעגט מען אים צאָלן מיט בלוט. און דעמלט האָט זיך ניט געקענט דערדעדן אַ מענטש מיט אַ מענטשן, ניט אַ קישלאַק מיט אַ קישלאַק און ניט אַ פאָלק מיט אַ פאָלק. אַ קללה איז געהאַנגען איבער אונדזערע קעפּ. איך בין געווען אַן עדות פון די אַלע אומגליקן, און איך געדענק דעם טאָג פון דער באַפרייאונג, דעם טאָג פון פרייד און גליק, ווען אַ מענטש מיט אַ מענטשן, אַ קישלאַק מיט אַ קישלאַק און אַ פאָלק מיט אַ פאָלק האָבן זיך צונויפגערעדט, באַפריינדעט, און גענומען לעבן צוזאַמען. און דער טרויער איז אַוועק פון אונדז און פון אונדזערע קרובים! מער־נישט, דעם שונא האָט עס געשטאָכן די אויגן, דעם שונא האָט פאַרדראָסן, אַלעמאַי מיר לעבן אויף דער וועלט. אַ געבאַרענער פון אַ הונט ווערט קיינמאָל קיין מענטש ניט זיין. ער בילט און בייסט זיך. דער פאַרשאָלטענער שונא איז מיט אויסגעשטשירעטע ציין אָנגעפאַלן אויף אונדזער לאַנד. איך בין אָבער זיכער, אַז אונדזערע זין וועלן דעם הונט אַרויסשלאָגן די ציין און וועלן אים פאַרטרייבן, און מיר אַלע וועלן זיי אין דעם העלפן!

יולדאַש־אַטאַ האָט אויפגעהויבן זיינע ביינערדיקע הענט און געבענטשט דעם עולם, שעפּטשענדיק עפּעס אין דער שטיל. ווען ער האָט געענדיקט, האָבן זיך דערטראָגן באַגיטיקונגס־שטימען. אַלע זיינען אַוועק צו די פורן, און די מוזיקאַנטן האָבן ווידער גענומען שפּילן.

סקריפּענדיק מיט די גרויסע רעדער, האָבן זיך די אַרבאָס געלאָזט אין וועג אַריין. נאָך זיי איז אַוועק דער פריילעכער המון קאָלווירטניקעס. קינדער און אַלטע פרויען, וואָס זיינען פאַרבליבן אין קישלאַק, האָבן זיך מיט זיי געזעגנט.

ווען די מענטשן זיינען אָנגעקומען צו די בערג, האָט זיי באַגעגנט אַ האַסטיקער, בייזער און וואַיענדיקער ווינט. דער ווינט האָט געבויגן די ביימער ביים טייך און אויפגעהויבן וואָלקנס שטויב.

נאָר ניט דער ווינט און ניט די מידקייט האָבן ניט געקאָנט גובר זיין דעם ווילן פון די מענטשן. שוין אין דעם ערשטן טאָג, ווי זיי זיינען נאָר געקומען אַהער, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן בויען ערד־שטיבלעך. אויף דער הוילער ערד צווישן גריבער און קליינע בערגלעך האָט מען אויסגעלאָדן די פורן מיטן בוי־מאַטעריאַל. מע האָט פון די אַרבאָס אַראָפּגענומען ברעטער, אויסגעשמירטע אין ליים, אַרויסגעצויגן און אויסגעגלייכט די קרומע טשוועקעס און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. עס האָבן זיך צעפּייפט די זעגן, — ס'האָט זיך צעהילכט די האַק.

גאַליע האָט מיט אַ גרופּע מיידלעך אויך געגראָבן אַן ערד־שטיבל. זייערע פּנימער זיינען געווען פאַרשוויצט, און דער ווינט האָט געשויבערט זייערע האָר. זיי האָבן איינע די אַנדערע געמונטערט, געחכמהט זיך, געלאַכט, און די אַרבעט האָט זיך אויף אַ מינוט ניט אָפּגעשטעלט.

צו אָוונט־צו זיינען שוין די וואוינונגען געווען פאַרטיק. דאָס ערד־שטיבל ביי די מיידלעך האָט אויסגעזעזן היימיש, מיט אַ וואַרעמען „סאַנדאַל“ אינדערמיט, איבער וועלכן עס זיינען געווען פאַרשפּרייט קאָלירטע וואַטאָווע קאָלדרעס און טעפּיכער.

האַרט ביי די ערד־שטיבלעך האָבן די מענטשן אויסגעגראָבן גריבער פאַר די קעסלען, און ביינאַכט האָט זיך אונטער דעם אויסגעשטערנטן הימל, אַרום די קעסלען, געגומען וויקלען אַ רויך און ס׳האָט זיך דערהערט דער ריח פונעם פעטן פּלאָוו.

סאַביר מוכאַמעדאָוו איז מיט נאָך איינעם, וואָס האָט געהאַלטן אַ רולעטקע אין דער האַנט, אַרומגעגאַנגען פון ערד־שטיבל צו ערד־שטיבל, באַטראַכט זיי, זיך אינטערעסירט, ווי אַזוי מע האָט זיך איינגעאָרדנט, און גערעדט באַזונדערס מיט די עלטסטע פון יעדער גרופּע וועגן דער פאַרשטייענדיקער אַרבעט. אומעטום האָט מען אים פריינטלעך באַגריסט און געבעטן מיטעסן. און ער האָט פריילעך זיך צוגעזעצט לעבן יעדער ערד־שטיבל, געשפּאַסט און געחכמהט זיך און אין אַ ווײַלע אַרום געשפּאַנט ווייטער.

פאַרטאָג האָט זיך צעטרומייטערט דער קאַרניי. אַלע האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון די ערד־שטיבלעך און אויסגעשטעלט זיך אין איין ריי, ווי מיליטער־לייט. סאַביר מוכאַמעדאָוו האָט אַלעמען באַקאַנט מיטן הויפּט־אינזשענער פון דער בויאונג, וועלכער האָט אויפן אָרט דערציילט אין קורצע און פּשוטע ווערטער וועגן דעם פּלאַן פון דער בויאונג, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט דאָס אָרט, וואו ס׳וועט זיך באַלד אָנהויבן די ערד־אַרבעט.

נאָך דעם האָט מען זיך גרופּעסווייז געלאָזט גיין צו דער טראַסע. די אינזשענערן און טעכניקער האָבן אָנגעוויזן יעדער גרופּע באַזונדער איר אַרבעט־באַצירק און די גרופּעס האָבן צווישן זיך צעטיילט אויף גלייכע חלקים די ערד, וואָס דאַרף אויפגעגראָבן ווערן.

די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן מיטאַמאָל. די לופט איז באַלד אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ געהילך און גערודער פון מעטאַל. טויזנטער שטאָלענע קעטמענעס, קירקעס און רידלען האָבן זיך צעבליצט אויף דער זון, קנוילנווייז האָט זיך געוויכערט דער שטויב.

די אוזבעקישע מיידלעך זיינען געווען געוואוינט צו דער אַרבעט, גאַליען אָבער איז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ שווערער פיזישער פּראַצע. צוקוקנדיק זיך, ווי אַזוי די אַרבעטער אַרבעטן מיט די קעטמענעס, האָט זי אויך גענומען האַקן די ערד, וואָס איז געווען האַרט און שטייניק. זי האָט באַמערקט, אַז דאָס אוזבעקישע מיידל באַסיאַט, וואָס האָט געאַרבעט בשכנות, יאָגט זי אַריבער, האָט זי זיך גענומען צואיילן. זי איז אָבער באַלד פאַרשוויצט געוואָרן, פאַרלאָרן די כוחות און געמוזט אָפּרוען. איצט האָט זי שוין ניט געצווייפלט אין דעם, אַז זי וועט אָפּשטיין פון די איבעריקע, און דאָס האָט זי פאַרדראָסן.

טויזנטער מענטשן האָבן ענערגיש געהאַקט די ערד. פיל מענטשן האָבן זיך ווי מורעשקעס באַוועגט פון באַרג צום טייך און צוריק. זיי האָבן געשלעפּט אויף זיך זעקלעך מיט ערד, געגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן מיט טראָג־בעטלעך, אָנגעלאָדענע מיט ערד, געשטויסן פאַראויס טאַטשקעס.

די זון האָט אָנרחמנותדיק געסאַרפּעט, דער שטויב האָט געשטיקט אין האַלדז,

נאָר דער דונערנדיקער געהילך האָט זיך איינגעשטילט ערשט שפּעט אין אָונט.

נאָכן עסן האָט גאַליע צונויפגעקליבן איר בריגאַדע. זי האָט דורכגעלייענט די פּונקטן פון סאָצ־אַפּמאַך. די שכנותדיקע גרופּע האָט אַרויסגערופן אויף אַ סאָצ־פּאַרמעסטונג די יוגנט־בריגאַדע. די מיידלעך האָבן איינשטימיק אָנגענומען דעם אַרויסרוף.

שליסנדיק די פאַרזאַמלונג, האָט גאַליע געזאָגט:

— מיידלעך, איך ווינטש אייך אַ רואיקע נאַכט! זאָלן זיך אייך חלומען גוטע חלומות, נאָר געדענקט, ווי אָנגענעם עס זאָל ניט זיין דער חלום, וועלן מיר אים אין זעקס פאַרטאָג איבעררייסן און אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל. דער זייגער איז אָנגעשטעלט אויף זעקס און וועט אייך אויפוועקן צו דער צייט.

די מיידלעך האָבן איר געענטפערט מיט אַ הילכיקן געלעכטער און זיינען אַוועק שלאָפן. גאַליע האָט זיך אויך געלייגט, צוגעמאַכט די אויגן, נאָר איינשלאָפן ווערן האָט זי ניט געקאָנט. זי האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, נאָכדעם האָט זי זיך עטוואָס אויפגעהויבן אויפן עלנבויגן און זיך צוגעהערט. די מיידלעך זיינען שוין אַנטשלאָפן געוואָרן. גאַליע איז אויפגעשטאַנען און איז שטיל און פאַרזיכטיק אַרויס פונעם ערד־שטיבל.

די נאַכט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך־שטילע. אַ רואיקער, אויס־געשטערנטער הימל האָט זיך צעשפּרייט איבער די הויכע בערג, איבערן טאָל און האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם טייך. אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז ס'האָט זיך געהערט פון דערווייטנס דער פּליעסק פון וואַסער און דאָס פּאַרטוויבטע כראָפּען, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט דערטראָגן פון דער טיף פון די ערד־שטיבלעך. עטלעכע מינוט האָט זיך גאַליע צוגעהערט צו דער שטילקייט און זיך איינגעקוקט אין דער פינצטערניש. נאָכדעם האָט זי טיף איינגעאָטעמט פרישע לופט, פאַרטראַכט אַדורכגעגאַנגען אַרום דער ערד־שטיבל און האָט זיך פּאַוואָליע געלאָזט גיין צום טייך.

ס'האָט זי עפּעס אַ ציי געטאָן צו דעם אָרט, וואו זי האָט בייטאָג געאַרבעט. זי האָט געשפּאַנט איבער די הרודעס אָנגעוואָלגערטע ערד, געקראָכן איבער די פריש־אויסגעגראָבענע גריבער און איז געגאַנגען ווייטער.

דער טייך איז געלעגן אַ באַשאָטענער מיט זילבערנע שטערן. גאַליע איז געגאַנגען מיטן ברעג, פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען. זי איז געגאַנגען ניט געאיילט. זי האָט זיך אַ קער געטאָן אין יענער זייט, וואו ס'איז געלעגן דער באַצירק פון איר בריגאַדע, און האָט פּלוצלונג דערזען אַ מענטשן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרוואונדערטע.

דער מענטש איז געגאַנגען איר אַנטקעגן, און ווען ער איז צוגעקומען נעענטער, האָט זי אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען שעוועליאָוו. ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און פאַרוואונדערט און צופרידן זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר. זיי האָבן זיך באַגריסט.

— אָט דאָס, פאַרשטיי איך, איז אַ באַגעגעניש, — האָט שעוועליאָוו פריילעך אַ זאָג געטאָן, דריקנדיק פעסט איר האַנט. — איך מוז זיך מודה זיין, איך האָב

זיך דערשראָקן, — האָט ער צוגעגעבן לאַכנדיק, — איך האָב געמיינט, ניט אַנדערש, אַז אַ וואַסער־פּעיע איז אַרויס פון טייך.

— און איך האָב געטראַכט, — —האָט גאַליע כיטרע צוגעשמייכלט, — אַז דאָס וואָגלט אַרום אַ לונאַטיק.

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט.

— זעט איר אָבער, — האָט שעוועליאָוו לאַכנדיק געזאָגט, — פאַר אַזאַ וואַסער־פּעיע האָב איך קיין מורא ניט.

— אַזאַ לונאַטיק איז מיר אויך ניט שרעקלעך! — האָט אים גאַליע געענטפערט. פּלוצלונג האָט זי זיך אומרואיק אַרומגעקוקט און האָט מיט אַן ערנסטן טאָן געפרעגט: — נאָך וואָס זייט איר אַהער געקומען?

שעוועליאָוו האָט געשוויגן. ער האָט איר נאָר געקוקט אין די אויגן און עטוואָס צוגעשמייכלט. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זאָל דאָס באַדייטן, און איבערגעחזרט איר פראַגע:

— אַזוי שפּעט, נאָך וואָס זייט איר געקומען?

ער האָט שטיל, ווי ער וואָלט איר פאַרטרויט אַ סוד, אַ זאָג געטאָן:

— איך זוך דאָ אַן אוצר... — און האָט שיער ניט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

גאַליע האָט באַליידיקט אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

— איך פרעג דאָך ערנסט.

— אויב אַזוי, — האָט געזאָגט שעוועליאָוו, — וויל איך אויך וויסן, וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפּעט? נאָך וואָס זייט איר געגאַנגען צום טייך?

— איך זוך דאָ אויך אַן אוצר, — האָט זי זיך צעלאַכט, זיך געטראָפן מיט זיין בליק און האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — פּשוט, ס׳האָט זיך מיר ניט געשלאָפן, האָב איך באַשטימט זיך דורכגיין אַ ווײַלע, באַרואיקן זיך. דערוויל האָב איך געוואָלט אַ קוק טאָן אויף מיין באַצירק.

— וואו איז ער?

— אָט! — האָט זי אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף ניט קיין טיפער גרוב און איז צוגעגאַנגען צו דעם אָרט. — אָט דאָ האָב איך היינט געאַרבעט. איר זעט, איך בין אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע. נאָר איך האָף, אַז איך וועל מאָרגן אָניאָגן.

שעוועליאָוו האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן דעם קעטמען, וואָס איז געלעגן לעבן אים, און גענומען האַקן די ערד.

— כ׳וועל אייך אַביסל העלפן.

— מע דאַרף ניט! — האָט גאַליע געזאָגט. — איך וועל זיך אַליין ספּראַווען. כ׳דאַרף נאָר כאַפּן דעם שניט, וועט שוין ביי מיר גיין!

נאָר שעוועליאָוו האָט זי ניט געהערט און האָט מיט אַלע כוחות געהאַקט די ערד.

— לייגט אַוועק דעם קעטמען, אויב איר ווילט זיך מיט מיר ניט צעקריגן! — האָט גאַליע געוואָרנט. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קעטמען, אָפּגעוואָרפן אים אָן אַ זייט, און בעמענדיק שעוועליאָוון אונטערן האַנט, האָט זי אים אַ צי געטאָן נאָך זיך. — קומט!

— זאָל זיין אַזוי, — איז מסכים געוואָרן שעוועליאָוו. ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן באַצירק, ווי ער וואָלט וועלן פאַרגעדענקען דאָס אָרט וואו ער געפינט זיך, און איז אַוועק מיט גאַליען.

זיי האָבן לאַנגזאַם געשפּאַנט אין דער ריכטונג צו די ערד־שטיבלעך.

— ס'איז אייך שווער דאָ צו אַרבעטן, ווייזט אויס? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, שווער, איך לייקן ניט, — האָט זי אָן חשק געענטפערט.

— און ווי פילן זיך די איבעריקע? — האָט זיך שעוועליאָוו פאַראינטערעסירט. — ווי האָבן זיך איינגעאָרדנט די אַרבעטער פון זאַוואָד?

— ניט שלעכט, אין די באַדינגונגען קאָן בעסער ניט זיין, — האָט זי געזאָגט און האָט אָפּגעזיפצט. — זיי פילן זיך אַ סך בעסער ווי איך. איך בין דאָך איידל געקנאָטן, אַ ניט־דערבאַקענער היסטאָריקער...

גאַליע איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַזוי שווייגנדיק זיינען זיי צוגעגאַנגען צום ערד־שטיבל און האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— ניין, גאַליע! — האָט שעוועליאָוו זי געוואָלט טרייסטן. — איר זייט ניט קיין ניט־דערבאַקענער היסטאָריקער, איר אַליין מאַכט געשיכטע! — און ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם טייך, דעם באַשאָטענעם מיט שטערן, און אויף דער טונקעלער טראַסע.

גאַליע איז געשטאַנען קעגן אים אין אַ מענערישן אָנצוג, אין שווערע שטיוול. זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. עס האָט זיך איר ניט געוואָלט אַוועקגיין.

ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן, און אַריינשטעקנדיק די האַנט אין קעשענע צו נעמען דאָס נאָזטיכל, האָט ער פאַרוואונדערט אַ שמייכל געטאָן:

— שיער ניט פאַרגעסן!

ער האָט מיטן נאָזטיכל אויף גיך אָפּגעווישט די ברילן און האָט באַלד אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ פּאָר הענטשקעס.

— דאָס האָט אייך מיין מוטער געשיקט, — האָט ער געזאָגט. — איר זעט ווי די „אַרבעט־שוץ״ זאָרגט וועגן אייך.

— די הענטשקעס וועל איך ביי אייך ניט נעמען, — האָט גאַליע געזאָגט. — ניין, ניין, איך וועל ניט נעמען. נאָר גיט איבער אייער מאַמען, אַז איך בין איר זייער דאַנקבאַר, גיט איר איבער... — אומגעריכט האָט זי אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט, אַ קוש געטאָן און איז נעלם געוואָרן אינעם ערד־שטיבל.

שעוועליאָוו האָט נאָך צוגעוואַרט עטלעכע מינוט, געמיינט, זי וועט זיך ווידער ווייזן, נאָר גאַליע איז שוין מער ניט אַרויס. ער האָט זיך אַ קער געטאָן און איז פון אָנהויב לאַנגזאַם, נאָכדעם אַלץ גיכער אַוועק אין דער ריכטונג צום טייך. שפּאַנענדיק אַזוי, האָט ער טרוימעריש באַטראַכט דעם אויסגעשטערנטן הימל, די הויכע בערג און די אומענדלעכע ווייטקייט פון טאָל. מיטאַמאָל האָט אים באַהערשט אַ געפיל פון פרייד, און ער האָט זיך שטיל צוגעזונגען.

צוקומענדיק צו דעם אָרט, וואו ער איז דאָ ניט לאַנג געשטאַנען מיט גאַליען,

האָט ער אויפגעזוכט דעם קעטמען, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און האָט זיך אָ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט האָבן זיך צעהילכט טויבע קלאַנגען. אַן איינזאַמער מענטש האָט לאַנג און מיט גרויס חשק געהאַקט די ערד מיט אַ קעטמען.

גאַליע האָט זיך אויפגעכאַפּט פּונקט זעקס, ס'האָט זי אויפגעוועקט דער שאַרפער קלונג פונעם וועקזייגער. זי האָט צעעפנט די אויגן, זיך אַ צי געטאָן און האָט אַרויסגעשריען:

— חברה, אויפגעשטאַנען זאָל ווערן!

נאָר קיינער האָט איר ניט געענטפערט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט אַנגעשטרענגט דאָס האַלב־טונקעלע ערד־שטיבל און מיט פאַרוואונדערונג ערשט איצט דערזען, אַז אַרום איר איז ניטאָ קיין לעבעדיקער נפש. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די מיידלעך האָבן אויף אַ שפּאָס זי איבערגעלאָזט דאָ אינעם ערד־שטיבל ביז ס'וועט זיך צעקלינגען דער וועקזייגער, און אַליין זיינען זיי אַוועק אויף דער אַרבעט אַ סך פריער.

זי איז אויפגעשפּרונגען פונעם געלעגער, אויף גיך זיך אָנגעטאָן און איז אַרויסגעלאָפן פונעם ערד־שטיבל. זי איז געלאָפן אַהין, וואו ס'האָט זיך באַוועגט אַ קאָכיקער שטראָם פון מענטשישע לייבער. אינעם גאַנצן אַרום האָט געררוישט און געבליצט, ווי אין אַ מוראדיקן קעסל. זי איז אָנגעקומען צו איר באַצירק און האָט מיט פאַרדראָס אַ זאָג געטאָן צו די מיידלעך:

— ווי שעמט איר זיך ניט? נעמען און איבערלאָזן מיך אַליין דאָרט.

די מיידלעך האָבן געלאַכט.

— מיר האָבן געזשאַלעוועט דיך צו וועקן.

און באַסיאַט האָט, אָנווייזנדיק אויף דעם אָרט, וואו גאַליע האָט געאַרבעט, אַ זאָג געטאָן:

— נאָכיאָגן זיך וועט אונדז סיי־ווי זיין שווער.

ערשט איצט האָט גאַליע דערזען, אַז דער קאָטלאָוואַן, וואו זי האָט נעכטן געאַרבעט, איז פיל טיפער אויסגעגראָבן. זי האָט זיך פאַרוואונדערט.

— ווער האָט דאָ געאַרבעט? — האָט זי געפרעגט, און מיינענדיק, אַז די מיידלעך האָבן דאָ אַן אַרבעט געטאָן ביז איר קומען, האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט: — נו, מילא, איך וועל עס אָפּגעבן מיט פּראָצענטן!

זי האָט זיך איינגעבויגן, כדי אויפצוהייבן דעם קעטמען, און האָט פּלוצלונג באַמערקט אויף דער ערד אַ פּאָר הענטשקעס. זיי זיינען געלעגן דאָ דערביי ציכטיקע, נייע, ניט קיין געטראָגענע. גאַליע האָט זיך דערמאָנט אָן דער ביי־נאַכטיקער באַגעגעניש מיט שעוועליאָוון און ס'איז איר איצט אַלץ קלאָר געוואָרן.

אַרום און אַרום האָט געדונערט און געררוישט, פּונקט ווי אַ גיגאַנטישער וואַסערפאַל וואָלט געשטראָמט פון די בערג, און דער שטאָל פון די קעטמענעס, קירקעס און רידלען האָט געבלישטשעט אויף דער זון מיט טויזנטער בליצן.

רחל בוימוואָל

אַן אומבאַוואוסטער רויטאַרמייער

ניט איך האָב געטראָגן אים אונטער מיין ברוסט.
ניט איך — פון זיין פּאָקן און מאָזלען געוואוסט.

ניט איך האָב אָן אלף־בית אים געקויפט.
ניט איך האָב געזען, אין שול ווי ער לויפט.

ניט איך האָב באַגלייט אים אין רויטער אַרמיי
און אויסגעזוכט כוחות צו זאָגן אים „גיי".

ניט איך פלעג באַקומען די בריוו נאָכאַנאַנד
און עפענען זיי מיט ציטער אין האַנט.

ניט איך האָב דערזען פאַר די אויגן זיין וויג,
ווען כ׳האָב זיך דערוואוסט פון זיין אומקום אין קריג.

נאָר איך בין אַ מאַמע, און איך בין אַ פרוי,
און כ׳ווייס, אַז דאָס אַלץ איז געווען פונקט אַזוי.

בסדר איך זע פאַר די אויגן די שלאַכט.
איך ווייס וואָס דאָס הייסט: גיין אין אָנגריף ביינאַכט.

און וואָך זיין פאַרטאָג — און אין אָוונט זיין גרייט,
און טיילן מיט טויזנט זיין ברויט און זיין פרייד.

אַ וואָרעם וואַרט נאָך האָבן אין מויל
און פלוצים אַ פאַל טאָן אויף דר׳ערד פון אַ קויל.

די רגעס די לעצטע דערלעבן אויף גיך,
דערזען די מאַמע, וואָס זי איז ניט איך.

נאָר איך בין אַ מאַמע, און איך בין אַ פרוי,
און כ׳ווייס, אַז דאָס אַלץ איז געווען פונקט אַזוי.

משה טייף

די באַלאַדע וועגן דער שבועה

פון וואָלגע האָט אין סטעפּ געפייפט
אַ פראָסטיק־שניידנדיקער ווינט,
און אויף די פנימער איז נאָך געווען פייכט
די לעצטע טרער פון ווייב און קינד...

אין מויל האָט נאָך געצאַפּלט הייס
דער לעצטער קוש און לעצטעס וואָרט,
מיט פרישער מילך און וויכן היי
פון שטאַל אין דעם פאַרשנייטן דאָרף.

אין די שינעלן — ניי און גלאַט,
(דערווייל קיין פולווער ניט געשמעקט...)
אויף יעדער ברוסט — אַן אויטאָמאַט,
אַ לעפל פון כאַליאַווע שטעקט...

דער סטאַרשינאַ, ער קוקט און קוועלט:
די ברוסט — פאָראויס! ביסט אַ סאָלדאַט!
די שטיוול-נעזלעך גלייך צעשטעלט,
ווי ס'וואָלט אין מאַמע אונדז געהאַט.

עס שניידט דער פראָסט. נאָר שוויג און שטיי!
די ברוסט — פאָראויס! און ניט גערעדט!
דער קלענסטער — לעצטער אין דער ריי,
פון מינסק אַ יידישער פּאָעט.

ווי איך די גרויס און ווי ביי מיר
אין געטאָ ליגט זיין קינד געטויט...
נאָר „סמירנאָ" — שרייט דער קאָמאַנדיר,
און ווי אַ סטרונע שטייט דער סטראָי.

עס קלינגט ביים פּאָליטרוק די שטים,
אין האַנט — אַ בויגעלע פּאַפּיר,
ער לייענט הויך און מיר נאָך אים,
מיין פאָטערלאַנד, מיר שווערן דיר! —

אַז אויב אַ לעבעדיקן נעמט
דער שונא דיך מיט טויט און גרויל,
איז הייב ניט אויף פאַר אים די הענט,
נאָר זיך אין מויל די לעצטע קויל!

און . . . „שאַגאָם 'אַרש!" און פריילעך גיי!
עס בריט דער פראָסט, איז ניט גערעדט,
דער קלענסטער — לעצטער אין דער ריי,
פון מינסק אַ יידישער פּאָעט.

און דאָרט, וואו ס'האָט דער קאַלטער ווינט
געהערט, ווי ס'רעדט דער פּאָליטרוק,
האָט ער דערזען: עס שטייט זיין קינד —
די שבועה האָט אויף אים געקוקט!

ה ע ר ש ל   פ אָ ל י אַ נ ק ע ר

דער פאַרדינסטפולער קעכער פון פאָלק

פאַרדינסטפולער קעכער פון פאָלק — מיט דעם טיטל האָבן אים געקרוינט די רויטאַרמייער פון זיין פּאָלק. און אין דער אמתן, וואָס נאָך וואָלט מען געקאָנט צוטראַכטן פאַר אים, אַז אַ מעדאַל פאַר געוואַגטקייט האָט ער שוין באַקומען, אַן אָרדען פון רויטן שטערן אויך, כבוד פון אַ גאַנצן פאָלק אַוודאי.

זלמן קאַראַס שמייכלט אונטער. ס'אַרט אים ניט, ווען די חברה גיבן אַמאָל אַ שפּאַס איבער אים. ער איז אַליין אויך אַזאַ פאַרשויק, וואָס האַלט ניט פון קיין מרה־שחורהניקעס און נודניקעס.

— בכלל האָבן די חברה אַ טבע אַ לאַך טאָן, אַ שפּאַס טאָן איבער אַ קעכער, — זאָגט קאַראַס. — ס'איז שוין אַזאַ מין פּראָפעסיע, איבער וועלכער מע קאָן אַ לאַך טאָן. זאָל מען לאַכן געזונטערהייט. מענטשן וואָס האָבן נאָך קיינמאָל קיין פולווער ניט געשמעקט, מיינען אַוודאי, אַז אויפן פראָנט גייט מען אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט זויערע צורות, ווי פאַרזעסענע מוידן. אַ נעכטיקער טאָג! דאַכט זיך, אַז אין ערגעץ איז ניט אַזוי פריילעך, ווי צווישן אמתע סאָלדאַטן. פרעגט וועמען איר ווילט, וועט איר הערן. נו, און אַז די חברה וואַרפן אַ ווערטל, וועלן זיי ביי מיר קריגן אויסגאַב זעקס, ווייל נאָך קיין וואָרט דאַרף קאַראַס אין קעשענע ניט קריכן און אין אָדעסער גובערניע איז ער אַמאָל אויך געווען...

קאַראַסן האָט בלויז ניט אָפּגעגליקט מיט די קאָרעספּאָנדענטן, וואָס האָבן אים באַשריבן אין די ציימונגען. מע האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ קראַסאַוועץ, נאָר קיין שיינער איז ער ווייט ניט. אַ קורץ־וואוקסיקער, דאָס פּנים — פול מיט קלייען, די נאָז — אַ קורצע, עטוואָס פאַרריסענע. נו, און וואָס איז שייך די אויגן, — געוויינלעכע העלע אויגן. הכלל, מיט גאָרניט שיידט ער זיך ניט אונטער פון אַ סך רויטאַרמייער פון זיין פאָלק. אַז מע קומט אָבער אַהער און מע דערהערט, אַז אַ פּשוטער קעכער טוט אויף ניסים, קומט מען צו אים און מע באַשרייבט אים פון קאָפּ ביז די פיס. איינער אַ קאָרעספּאָנדענט האָט אַפילו אָנגעשריבן וועגן אים אין אַ בכבודיקער צייטונג אַ מעשה, אַז ער, קאַראַס, האָט אין די שווערסטע מינוטן פון שלאַכט זיך דערמאָנט אָן זיין כלה מאַרוסיע. אַז ער, קאַראַס, האָט גאָר ניט קיין כלה מאַרוסיע, ער האָט אַ ווייב מיט אַ קינד. ווען דאָס ווייב האָט איבערגעלייענט אין בלאַט די געשיכטע מיט מאַרוסיען, איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן און זי האָט אָנגעשריבן דעם קאָמיסאַר פון פּאָלק אַ בריוו, ער זאָל אויספאָרשן ביי אים, ביי קאַראַסן, וואָס טראַכט ער זיך און וואָס הייסט, ער זוכט זיך אַ כלה אין דער צייט, ווען ער האָט אַ ווייב מיט אַ קינד. נאָך ביז היינטיקן טאָג קאָן ער ניט איבערצייגן זיין פרוי, די באַשיידענע ראָזע, אַז די מעשה מיט

דער כלה איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה. אין שלאַכטן איז ער טאַקע געווען און אַ סך מאָל, דאָס איז אמת, נאָר ער קיין כלה האָט ער ניט און ער דאַרף זי ניט האָבן. נאָר גיי רייד! באַך אַ סך צרות האָבן אים אָנגעטאָן די קאָרעספּאָנדענטן, און צוליב דעם טאַקע האָט ער ליב אַליין צו דערציילן זיין קורצע געשיכטע, אַז מע בעט אים נאָר שטאַרק און ער האָט אַ פּאָר פרייע מינוטן. קאַראַס דערציילט אַזוי:

— אַליין בין איך אַ קעכער אַ פעכאָטנער, כאָטש מיין קיך איז אויף גומענע רעדער. די גאַנצע מלחמה גיי איך מיט אונדזער פעכאָטע, וואָס האָט שוין אויס־געהאַלטן געגנוג שלאַכטן מיטן פאַרשיוון דייטש. אַז אַ פעכאָטנער פאָלק באַקומט דעם טיטל גוואַרדייאַישער און דערצו נאָך אַן אָרדען, איז דאָס ערלעך פאַרדינט און ס'איז ניט קיין פשוטער פאָלק. יעדער פון אונדז האָט צוגעלייגט אַ האַנט, דער פאָלק זאָל האָבן אַ פיינעם שם. נו, און איך פערזענלעך האָב אויך אַ חלק דערין, ווייל אַליין זייט איר ניט קליין צו פאַרשטיין, אַז דער חבר קאַלינין וועט ניט געבן קיין אָרדען און קיין מעדאַל בלויז פאַר קאָכן באָרשטש... עפּעס אַ דייטשישער גענעראַל האָט שוין אַפילו באַקומען פון היטלערן אַ צלם פאַר צעקלאַפּן אונדזער פאָלק, נאָר אַ נעכטיקער טאָג! אונדזער פאָלק שלאָגט זיך און וועט נאָך באַווייזן וואָס ער קאָן. דערפאַר איז ער דאָך אַ גוואַרדייאַישער! מיט אונדזערע חברה וועט מען אין ערגעץ ניט פאַרשעמט ווערן. די טאַנקיסטן, מיט וועלכע מיר גייען אָפט אין אַטאַקע, האָבן צו אונדז קיין טענות ניט, דערפאַר די דייטשן האָבן טענות און גרויסע טענות: הלמאי מיר פאַלן אָן אויף זיי דעמלט, ווען זיי וואַרטן ניט אויף אונדז...

און וואָס איז מיין זאַך? מיין זאַך איז זען, אַז די יאַטן זאָלן האָבן צו דער צייט און געשמאַק אָפּצועסן. ווייסן זיי טאַקע, די יאַטן, גוט, אַז ס'מעג דונערן און איינלייגן די וועלט, סיי־ווי וועל איך מיינע חברה ניט איבערלאָזן אָן געקעכץ.

איך דאַרף זיך אַליין ניט לויבן, נאָר איין זאַך קאָן איך אייך זאָגן, אַז קאַראַס קאָן אָפּקאָכן אַ באָרשטש און אַנדערע געשמאַקע זאַכן. איך האָב ליב גרייטן געקעכצן מיט פאַנטאַזיע. אונדזער צרה איז טאַקע, וואָס אויפן פראָנט זיינען פאַראַן אַ סך קעכער, וואָס פאַרמאָגן ניט פאַר קיין דריי גראָשן פאַנטאַזיע. איך, ווידער, טראַכט צו אַזוינע געריכטן, וואָס מע זאָל זיין מיט צוועלף קעפּ, זוייסט מען ניט, ווי אַזוי ס'איז צוגעגרייט. נאָר ס'איז געשמאַק און די חברה זיינען צופרידן. אויב, ברודער לעבן, ביסט אַ קעכער, דאַרפסטו וויסן זיין, אַז דריי מאָל אַ טאָג ביסטו אויף דער צונג ביי אַ גאַנצן פאָלק. גאַנץ־פרי — בשעתן איבערבייסן, בייטאָג — בשעת וואַרמעס, און פאַרנאַכט — ביי וועטשערע. טאָ זע, אַז מע זאָל ניט וואַרפן אויף דיר קיין אומחן. פאַרשטייט זיך, אַז אויף דער מלחמה — דאָס איז דיר ניט אין וויניצע, אין גרויסן רעסטאָראַן, וואו די פּליטע איז אַ פּליטע, דאָס וואַסער איז אונטער דער האַנט, טרוקן האָלץ, שפּענער, פעטרעשקע, מערן, דאָס, יענס — און דו קאָנסט מאַנעווורירן. אָבער דאָ אינמיטן פעלד אָדער אינמיטן וואַלד — גיי, זיי אַ בריה! דערפאַר טאַקע דאַרפסטו זיין ניט קיין פשוטער קעכער, נאָר אַ מיליטערישער קעכער, דאָס הייסט, אַ מענטש מיט פאַנטאַזיע. אָט זעצסטו זיך, למשל, אַוועק אונטער אַ בוים מיט דיינע געהילפן

גרייטן דאָס פלייש אויף וואָרמעס, שיילן קאַרטאָפליעס, און די דייטשישע אַרטילעריע טאָפּט אָן דאָס אָרט און הויבט אָן שיסן אויף אייך סנאַריאַדן, מינעס, און דו מוזט בייטן דיין פּאָזיציע. אָדער שטעלסט זיך אין פעלד גרייטן וועטשערע, צעלייגסט פייער און ס׳פאַלט צו די נאַכט און דו דאַרפסט זיך מאַסקירן. נאָר אַן עסן וועסטו דאָך דעם עולם ניט איבערלאָזן, דאַרף דיר שוין העלפן די פאַנטאַזיע.

אָדער ס׳מאַכט זיך אַזוי: מע דאַרף אַוועקטראָגן דאָס עסן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. נעמסט דיין ביקס אויפן אַקסל, עטלעכע גראַנאַטעס, אַ טערמאָס עסן, אַ פּאָר לעבלעך ברויט און לאָזסט זיך אַוועק אַהין. קומסט אַהין צו גיין, און דער דייטש הייבט זיך אויף אין אַטאַקע, וועסטו אים גיין דערציילן, אַז דו ביסט אַ קעכער? דו לאָזסט זיך אַוועק קעגן דייטש באַגלייך מיט אַלעמען. דערצו ביסטו דאָך אַ קעכער ניט אין וויניצע, נאָר אויפן פראָנט.

איך פיר זיך מיין חשבון מיטן דייטש. אַלץ ווערט ביי מיר אין ביכעלע פאַרשריבן. פאַר דער צייט פון דער מלחמה האָב איך אַוועקגעלייגט צוויי־און־פופציק רומענער, דרייסיק איטאַליענער און אַכט־און־צוואַנציק דייטשן. ס׳טרעפט, דו פאַרסט איינער אַליין און ס׳פאַלן פּלוצים אָן אויף דיר דייטשן אָדער אַנדערע רוחות. נו, פאַרגעסטו אַז דו ביסט אַ קעכער און נעמסט זיך פאַר דער עבודה — הרגענען די אויסוואורפן. קורץ גערעדט, מיט דער פעכאָטע האָבן מיר זיך אַזוי צונויפגעלעבט, ווי אייגענע ברידער.

טרעפט אַ געשיכטע, אין זעניטנעם פּאָלק ווערט דערהרגעט דער קעכער און מע באַפעלט מיר אַריבערגיין צו די זעניטשיקעס אויף אַרבעט. ס׳איז מיר געוואָרן גאַנץ קאַלעמוטנע. וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך צו זעניטשיקעס? זיי זיינען טאַקע טייערע חברה, נוצלעכע מענטשן, נאָר איך וויל זיך מיט זיי ניט אָנקערן. עפּעס אַ נודנע אַרבעט ביי זיי. מע קוקט גאַנצע טעג און נעכט אין הימל. און אויף צו טרעפן דאַרפסטו האָבן מאַטעמאַטיק, חשבונות, מיט איין וואָרט, אַ גאַנצע תורה. און נאָך אַלע זיבן זאַכן, מאַכט זיך, אַז מע שיסט און מע טרעפט ניט.

נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַ באַפעל איז אַ באַפעל. האָב איך זיך געזעצט אויף דער מאַשין און בין אַוועקגעפאָרן צו די זעניטשיקעס.

ס׳שטייען זיך זייערע פיינע מאַשינעס, — גלאַנצן, אַ מחיה צו קוקן. נאָר די חברה זיינען עפּעס ניט אַזעלכע, ווי ביי אונדז אין פעכאָטע. גאַנצע פּראָפעסאָרן, אייזערנע שוויגער. ניטאָ מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט.

דעם ערשטן טאָג האָב איך אָפּגעקאָכט אַ וואָרמעס, און ער האָט אויסגענומען. אַלע לויבן, נאָר איך שוויג. דערוויל איז אין דער הויך רואיק, אומעטיק. אין הימל שפּאַצירן אַרום וואָלקנס און צווישן זיי די לבנה, ווי אין די שיינע פרידלעכע צייטן. זי, די אַלטע, ווייסט ניט פון קיין חכמות. און איך קאָן זיך אונטער איר קיין אָרט ניט געפינען. דער קאָמאַנדיר פרעגט מיך, ווי געפעלן מיר די זעניטקעס. „זייער שיין, — זאָג איך, — נאָר מיך נעמען זיי ניט.״ — „אפשר וועסטו זיך נעמען לערנען שיסן. אַלץ קומט צונויף״, — זאָגט ער. זאָג איך: „מיטן גרעסטן כבוד. אמת, איבעריקס ציען זיי מיך ניט, נאָר אַז צייט איז פאַראַן, פאַרוואָס זאָל

מען זיך ניט צולערנען? אין טעאָריע אין די קליינע אותיותלעך וועל איך אפשר אַביסל אונטערהינקען, נאָר אין פּראַקטיק וועט זיך, דאַכט זיך, באַקומען." און אַזוי צוביסלעך האָב איך אויסגעשטודירט די האַרמאַטלעך, און ניט שלעכט.

יענע וואָך קום איך צו פאָרן אויף אַ באַטאַרייע מיטן עסן. אין הימל איז שטיל. פּלוצים גיט מען אונדז איבער אין טעלעפאָן, — פריץ פאַרט. פון די וואָלקנס גיט אַ פאַל אַרויס איין עראָפּלאַן, אַ צווייטער. נו, דאָ האָבן אונדזערע זעניטשיקעס געוואָרפן דאָס עסן און זיינען אַוועק צו די האַרמאַטן, האָבן גענומען אַרבעטן און איינעם תיכּף אַראָפּגעשמיסן. שפּעטער מיט אַ האַלבער שעה זיינען אַהער געקומען נאָך דריי שטיק און אַראָפּגעוואָרפן עטלעכע באָמבעס, און דער פּערסאָנאַל פון איין האַרמאַט איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָ האָב איך גע־וואָרפן דעם טערמאָס, זיך אַוועקגעלאָזט צום האַרמאַט און גענומען שיסן, ווי מע האָט מיך געלערנט. מיטן פינפטן סנאַריאַד האָב איך אים אַראָפּגעקלאַפּט, דעם מעסערמשמידט, און מער זיינען זיי יענעם טאָג אַהין ניט געקראָכן. קאַראָס האָט ניט ליב, אַז מע קריכט אויפן קאָפּ.

ניט געקוקט אויף אַלץ, איז דאָ פאַרט אומעטיק. איין גליק, וואָס מע האָט מיך צוריק אַריבערגעפירט צו מיינע יאָטן, אין אונדזער גוואַרדייאישן פאָלק. ס'גאַנצע לעבן מיינס האָב איך ליב פּעכאָטע. צוליב וואָס־זשע דאַרף איך ווערן אַ גאַנצער אַסטראָנאָם, אַז איך האָב קיינמאָל ניט ליב געהאַט שטאַרק די לבנה, און בפרט איצט, ווען ס'גייט אַזאַ מלחמה.

נו, איז בעט איך ביי אייך: אויב איר ווילט עפּעס אָנשרייבן פון מיר, איז שרייבט אַזוי ווי איך האָב אייך דאָ דערציילט און מאַכט מיך ניט פאַר קיין העלד, פאַר קיין חתן־בחור און שרייבט מיר ניט צו קיין כּלות, ווייל חוץ סקאַנדאַלן פונעם אייגענעם ווייב, וועט קיין זאַך דערפון ניט אַרויסקומען.

אַזוי ענדיקט זיין געשיכטע זלמן קאַראָס, דער פאַרדינסטפולער קעכער פון אונדזער פאָלק.

מ. טאַלאַליִעווסקי

אום ווינטער אַ רעגן

אוי, ווען דו ווייסט, וויפל אייזערנע קללות
שוועבן איצט אום אויף די פראַנטישע וועגן...
און ניט וויל ס׳דערמאָנט זיך דאָס גוטס, דאָס אַמאָליקס,
ניין! ווייל אום ווינטער עס כליופּעט אַ רעגן.

עס כליופעט אַ רעגן אויף בערג און אויף טאָלן,
ס׳פּלייצט פונעם הימל אַ פאַרטיקע בלאָטע...
פון לאַנגע שינעלן פאַרקאַטשעט די פאָלעס,
שפּאַנט אינעם פלייץ אונדזער גרויע פּעכאָטע.

גרוי ווי דער הימל, וואָס ווערט ניט געלייטערט,
מיד, נאָר עקשנותדיק, מיד און אין כעס.
ווערסט ניט צעלייגן אין פעלד דאָ אַ שייטער —
ס׳איז שוין דאָס וועש און די אָנעטשע נאָס.

כ׳קלאָג זיך ניט, כ׳בעט ניט קיין מיטלייד ביי קיינעם,
שווייגנדיק קנעט איך די בלאָטע און גיי...
נאָך שווערער וואָלט זיין, ווען איך בין ניט אינאיינעם
מיט די, וואָס מאַרשירן אין פאָדערשטער ריי.

אוי, ווען דו ווייסט, וויפל אייזערנע קללות
שוועבן איצט אום אויף די פראַנטישע וועגן...
אַמאָל פלעגט מען זאָגן: לאַנג ווי דער גלות,
און איך זאָג איצט:
לאַנג ווי אום ווינטער אַ רעגן.

1942

מ. גערשענזאָן

פאָן־וואַנץ

(אַ משל)

אין דייטשלאַנד פאַרגעקומען איז אַזאַ מין פאַל:
אין איינעם אַן אַנשטאַלט,
וואָס היט די ריינקייט אָפּ פון ראַסן
(דערציילט האָט מיר אַ מענטש, וואָס האָט ניט ליב צו שפּאַסן),
געקומען איז צוגיין אין פולן גלאַנץ
אַ וואַנץ.
— וואָס ווערט איר זאָגן, וואַנץ? — האָט מען ביי איר געפרעגט.
— איך וויל, — האָט זי געזאָגט מיט ווירדע און רעספּעקט, —
דאָ איינשטעלן ביי אייך מיין יחוסדיקן סלופּ:
געבוירן בין איך אין אַן עכטער דייטשישער שטוב
און אָנגעזאָפּט בין איך מיט ריין אַריש בלוט.
דאָס גיט מיר רעכט און מוט
זיך שטעלן אויבן־אָן
און פאָדערן פאַר זיך דעם טיטל „פאָן".

פון דעמלט אָן
איז צווישן וואַנצן דאָ אַ גרויסע מאַסע,
וואָס געהערן צו דער דייטשישער ראַסע.

יחיאל שרייבמאַן

דריי זומערס

ווידעראַמאָל פרילינג. שוין דער ווייפלטער?

יונגע ציגעלעך שפּרינגען ווידער אום אויף ליימענע פּאַרוואָקסענע דעכער, צופּן דאָס גראָז און ווייסן ניט, אַז ערשט פאַראַיאָרן, פּונקט אַזוי־אַ, אַן זאָרג, ביי־געבוירן, חנעוודיק, האָבן די מוטערס זייערע אומגעשפּאַצירט אויף די זעלבע דעכער, געדראַפּעט זיך איבער די זעלבע פּלויטן, און היינטיקס יאָר זיינען זיי שוין גאַנצע דאַמעס ערנסטע, האָבן שווערע צעפּאַרענע אייטערס און דעם גרויסן עול פון טשערעדע, מילך, וואָל און פּיצלעך זויג־קינדער.

ווידעראַמאָל קוואַקען זשאַבעס אין גרין־געוואָרענע וואַסער־גרובן.

אין יעדן טאָל, אויף יעדן בערגל שטייען פאַר׳מרה־שחורהטע אייזלען, מאָלע־גירען די פּאַשע מיט אַזאַ וואַזשנער פּאַרטיפּטקייט אין די פּנימער, גלייך זיי וואָלטן כאַטש מאַלעגיירעט עפּעס רעכטס און ניט קיין געוויינלעכע יונגע שטעכלקעס.

סטאַדעס מיט הויכע פעטע הינטנס נידערן אַראָפּ צום וואַסער, הייבן זיך דערנאָך אויף אין בערג צו דער קיל, טוען די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע אַרבעט זייערע מיט גרויסע יללהדיקע שחיטה־געשרייען.

ווידער שטויב, ווידער היץ, ווידער פרילינג.

אין אייניקע ווינקלען — דער פּייזאַזש אַ ווינטערדיקער. אין טאָל צווישן די ווייגגערטנער שטייען די צעצוויטע אוריוק־ביימער, מיט ווייסן שניי אָפּגעשיטע. לויפט אַן אַ ווינטל אין טאָל, בלאָזט עס די שנייעלעך אָפּ פון די צווייגן, הייבט זיך אויף אַ זאַווערוכע צווישן די ווייגגערטנער. פראָסט האָט זיך אין די לעצטע ווינטער־חדשים פאַרפּלאָנטערט אין נחום פּאַטלאַזשאַנערס פּאַרדרייטע וואַנצעס און וועט זיך שוין קיינמאָל מער ניט אויפּפּלאָנטערן. מרדכי בעסאַראַבערס צע־שויבערטע באָרד האָט פאַרלוירן דעם אויסזען פון אַ באָרד — אַ שטיק אייז אַ זילבערנס הענגט אַראָפּ פון מרדכיס געמבע. חבר בראַוועך, ווידער, האָט דעם ווייסן קאָפּ זיינעם געשוירן און געשוירן, געגאָלט און געגאָלט און דעם געפּאַלענעם שניי פון קאָפּ ניט אָפּגעשוירן, ניט אָפּגעגאָלט.

דערפאַר איז אָבער אויפן האַרצן פרילינגדיק: אין די לעצטע עטלעכע טעג האָט מרדכי בעסאַראַבער געקריגן אַ נייעם צונאָמען אויף דער ערד, אַ שווערן, אַ לאַנגן, אַ מאָדנעם, נאָר אַ שיינעם און אַ שטאָלצן צונאָמען: „גאָסודאַרסטווענע גראַניצע״. צום סטראַטעגישן וויכוח, וואָס בראַוועך פירט מיט פּאַטלאַזשאַנערן שוין ביי די דרייסיק חדשים, האָט זיך מרדכי בעסאַראַבער דווקא קיינמאָל ניט געמישט. וואָס ט׳ער זיך גיין שפּאַרן וועגן זנאַמענקע און זשמערינקע, אַז אויב ער איז דאָרטן בסך־הכל שוין יאָ דורכגעפאָרן, האָט מען מסתם דעם עשעלאָן זייערן פאַרדוקט ערגעץ אויף אַ זיבן־און־זיבעציקסטער באַן־ליניע, דער רוח

ווייסט וואו. נאָר איצטערט־אָ, אַז מ׳איז שוין צוגעקומען צום דניעסטער, מ׳האָט שוין אָפּגענומען זיין פּלאַרעשט, זיין קאַפּרעשט, מע גייט שוין אויף זיין קישיניעוו, מ׳איז שוין ביי זיין פּרוט... ער איז אַרויס פון די כלים. ער האָט ניט אויס־געהאַלטן, מרדכי. מילא, האָט עולם אַביסל אַ לאַך געטאָן. ווען האָט אָבער מאָסקווע פון גאַנצע דריי הונדערט פיר און צוואַנציק „אַרטילעריעס” אויס־געשאָסן?... ער היצט זיך, מרדכי, און דאָס זילבערנע שטיק אייז אונטער דער געמבע צעפּאַלט זיך אויף זעקס. ערשטנס, איז דאָס קיין שפּעטנע צונאָמען ניט. צווייטנס — זאָלן די שונאים אַזויפיל געדויערן, וויפל דער צונאָמען וועט גע־דויערן. ווער וועט אים דען פאַרגינען, ווער? און ווידער — אַט דאָס איז עס שוין, אַט דאָ בלייבט מען? די ליפּן זיינע ציטערן, מרדכיס:

— עולם, דאָס שיינע הויבט זיך שוין אָן!... מע וועט גיין אויף יאַס, מ׳עט נאָך זיין אין גאַלאַץ, עולם!...

— היינט דאָס דאַזיקע, ווי הייסט עס דאָרטן, פּלאָעשטי?...

בראָוורס לשון איז פאַרלעגערט און געבראָכן, ווי ביי אַ חולה־מסוכן. מיט אַלצדינג האָט זיך טאַקע באַקומען, ווי ער האָט געוואָלט: אי מיטן נצחון, אי מיטן איבערלעבן, אי מיטן אַהיים פאָרן, נאָר פאַרוואָס איז עפּעס פונעם זון, פון יאַנקלען, שוין אַ זעקס־זיבן וואָכן קיין בריוו נישטאָ? פּונקט איצט? פּע!... וויפל די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען אין אַ סכנה, זיינען מיר אויך געווען אין קאָן. אָבער איצט? וואָזנעסענסק, בראָווערס, איז דאָך שוין אויך ביי אונדז. היינט־מאָרגן גייט אָדעס אויפן צעטל. אַ האַלבער קישלאַק פאָרט שוין אַהיים... פּונקט ביים סוף באַנאַרישן זיך אין די חכמות? פּע, יאַנקל!...

נחום פּאַטלאַזשאַנער מיט איין אויג אַ צוגעמאַכטס בלאָזט אָן אַרום זיך אַ טשאַדנעם הארבן מאַכאַרקע־רויך. דאָס שטיק גראָבע פּאַפּיר פון ציגאַר טוט אַ פלאַקער צווישן די פינגער זיינע פון איין עק צום אַנדערן, נאָר ער זעט ניט דעם פלאַם און פילט דאָס פייער ניט. מיטן אָפענעם אויג איז ער ערגעץ ווייט־ווייט. און דאָ, נאָענט, קנייטשט ער דאָס פאַרמאַכטע. דער גאַנג איז אים עפּעס איצטער קשה, פּאַטלאַזשאַנערן, צו וואָס איז מען אַוועק אַהינצו, אַז מע האָט גאָר געקאָנט אַ גיי טאָן אַהערצו? שטיי נאָר! וואו איז וויניצע און וואו איז קאַמענעץ־פּאָדאָלסק? ווי אַזוי איז מען פּלוצים אַריין קיין טשערנאָוויץ?

— בראָוער, מע נעמט אים אין קלעם!... ער׳ט אַנטלויפן פון אָדעס אין די מייטקעס, בראָוער!...

נאָר גראָד איצט, ווען פּאַטלאַזשאַנער גיט זיך איינגאַנצן אונטער, גייט עס בראָווערן ניט אין קאָפּ אַריין. ער טוט אַ זיפץ, דער אַלטער, אַ שווערן טיפן זיפץ, טאַמער, חס־וחלילה... די שנור, רבקה... די דריי פּיצלעך קינדער... גרויסע טראָפּנס שווייס זעצן אים אויפן געלן גערונצלטן שטערן אַרויס, פונעם שטערן — אויף אַ האַרטער איינגעדאַרטער דלאָניע, צווישן די פינגער. ער נעמט זיך אין די הענט אַריין, דער אַלטער.

— אַזוי־אַזוי, פאָרט, הייסט עס, די ניקאָנענקעס אַהיים היינט? און די בערדיטשעווסקים? אוי־וואַ!... געקומען די לעצטע אין קישלאַק און פאָרן אַפּ

די ערשטע. וואָס־זשע שטייען מיר דאָ, נאַראָנים, קומט־זשע צו אַהין, צו זיי!
מיט די צוויי רויטע טעכטער זיינע, מיטן הינקענדיקן ווייב און מיט די קינדער די טעכטערס האָט שלמה בערדיטשעווסקי אָפּגעשטעלט זיך אין טאַש־קענט, געשווירן שאַף אין בוכאַרער געגנט, אין פערגאַנער טאָל פּרוכטן געטריקנט, געאַרבעט אין אַ בוימוואָל־סאָווכאָז, און ווער ווייסט, וואוהין ער וואָלט נאָך געווען אַנגעשפּאַרט, דער דאַזיקער שלמה בערדיטשעווסקי, ווען דער דייטש זאָל נאָך, חלילה, אין ווינטער געווען בערדיטשעווו האַלטן.
אויף דער „טעראַסע״, פּונקט קעגנאיבער כאַדזשי־מושקענטער שאָסיי־וועג, אין אַווינקל, זיצט די ניקאַנענקאַ, אַריינגעזעצט אין פּעק, איינגעקאַרטשעט, זויער, ווי ווינטער אויף אַ באַן־סטאַנציע. מיקאַלקע און מיקיטקע ווילן ניט וויסן, אַז די אויגן קריכן שוין באַלד אַרויס אויף אַ מאַשין וואַרטנדיק, און פּאַרוועטן זיך דאָ צום לעצטן מאָל, ווער ס׳וועט גיכער צולויפן צו די בערגלדיקע קברים אויפן אוזבעקישן בית־עולם. שרייט די ניקאַנענקאַ: „כלאָפּצי, באַטשטע, טשויטע, כלאָפּצי!...״ און ליפּן האָט זי גרויסע, צווייענדיקע, מיקאַלעס און מיקיטעס איינ־געשרומפּענע מאַמע, איז דאָס געשריי אירס גרויס און פליישיק, אויף איבער־צושרעקן זיך, ווי פון צוויי פּאָר ליפּן אַרויס.
אויף דער טעראַסע אין אַ צווייט ווינקל, אויף צווייטע פּעק, וואַרטן די בערדיטשעווסקיס.
דער איינגעדאַרטער, פּאַר׳מרה־שחורהטער, שווערער שלמה איז פלינק איצטער, אויסגעפּוצט און ווערטלזאַגעריש. וואו האָט ער אָפּגעזוכט די אָפּגעפּוצטע שטיוול, דעם גלאַנציק־זיידענעם שנור אויפן העמדל, די דאַזיקע גיכע וויציקע רייד זיינע? קעגן דער ניקאַנענקאַ, אין איין שורה, זיצט דאָס הינקענדיקע ווייב שלמהס, פּונקט אַזוי־אַ אונטערגעשפּאַרט מיט פּעק, אַזוי־אַ אַנגעצויגן, פּאַר־פּאַליעט, גרייט, ווי אַ מחותנתטע קעגן אַ מחותנתטע. זאָל דער בדחן נאָר די גראַמען אָנהויבן, וועלן ביידע אויף איין קול, מיט איין ניגון, טאָן זיך אַ צעכליפּע, די וויבער די צוויי. אין שטוב איז דאָס ליימענע „מעבל״ שוין צעוואָרפן, די פענצטער — אַרויסגעשלעפּט, דאָס געשיר אין די פּעק פּאַרפּאַקט. פייגל און פריידל, די צוויי האַלב־אַלמנהדיקע רויטע טעכטער בערדיטשעווסקיס, זידן אויף אַ טשייניק טיי אויף ציגל, איינע אין דער זייט פייער, די אַנדערע אין דער אַנדערער זייט פייער, און די פּנימער זייערע זיינען איצטער רויטער און פּאַר־פלאַמטער, ווי סע וואָלט אויף זיי אַ שיין געטאָן אַ רויטער זון־פּאַרגאַנג. טיי טרינקט מען שוין פון אַ סלאַי, שוין אויף די פּיס שטייענדיק, הוילן אָקרעפּ, ניט קיין טיי, נאָר אַן קריוודע און אַן חידוש, אַקוראַט ס׳וואָלט גאָר ניט געווען קיין דריי יאָר אין דער מיט, נאָר ס׳איז פּאַרגעזעצט יענער ערשטער וועג, וואָס מ׳האָט אים אָנגעהויבן אין בערדיטשעוו און מע דאַרף אים אַן אָפּשטעל, פּאַרעקשנט, ענדיקן אין בערדיטשעוו.
דאָס הינקענדיקע ווייב שלמהס ברעכט פּיסקעס:
— ס׳זאָל כאָטש ניט פליען קיין באָמבעס אויפן וועג, פּינצטער איז מיר!
— בהמה!... — ענטפערט איר שלמה שמייכלענדיק, ווי ער וואָלט איר

געזאָגט: „חיות מיינער", כאַפּט מרדכי בעסאַראַבערס באָרד אין די הענט און הויבט אָן דערציילן אַ פּאַסירונג מיט אַ בעסאַראַבער יידענע, וואָס מ'האָט ביי איר אין קראַסנאָוואַדסק אין פּאַרט אַ „גלאָוונע" רענצל צוגעשלעפּט. פרעגט מען ביי דער יידענע: „מומע טייערע, וואָס האָט איר אַשטייגער פאַרמאָגט אינעם גלאָוונעם רענצל?" „אינגאַנצן, פינצטער איז מיר!" — כליפּעט די יידענע. „וואָס־זשע האָט איר עפּעס אַריינגעלייגט אינגאַנצן גראָד אין יענעם רענצל?" „אומיסטן! ס'איז געווען אָן אָפּגעריבן רענצל, ווינד איז מיר!..." „זע נאָר, לייטישע גנבים! געגומען ביי אייך אָן אָפּגעריבן רענצל!..." „הערט איר דאָך אָבער, אַז ס'איז געווען דאָרטן אינגאַנצן, פינצטער איז מיר!..." מרדכי לאַכט מיט אַ האַלבער באָרד, אַ האַלבער ליפּ, אַ האַלבער נאָז, איין אויג, ווי אַ פּאַראַ־ליזירטער. ווען טאַקע נאַראָנים נאָך דער איצטיקער מלחמה אויך ניט קליגער ווערן?...

די שלמהכע לאָזט זיך ניט. איבערן עולם אַריבער פאַררייסט זי דעם קאָפּ צו דער ניקאַנעַנקאָ און טענהט דורך איר מיטן מאַן אירן:

— לאָקש וויסטער, וואָס'ט זיך אַשטייגער פאַרפּוצט אין די בלויע הויזן? האָסט שוין די איידעמס אָפּגעזוכט? ס'וויב איז דיר גלייך געוואָרן?...

ווי אַ שיף אַ גאַנצע לאָזט זי אַרויס פון זיך אַ לאַנגן פייפנדיקן יאָמער. דער יום־טובדיקער שלמה איז שוין ווידער וואָכעדיק, ווידער איינגעדאַרט, פאַר־מרה־שחורהט ווידער. וואָס קאָן מען טאָן קעגן אַ ווייבס טרערן? נאָר איצטער־אָ, איצטער־אָ טרערן גאָר?...

אין דרויסן איז נאָך גאָר פרי. ניט לאַנג איז די זון אַרויס, ערגעץ אין הימל שטייט נאָך אַ גרויסע לבנה אַ פאַרשעמטע. פונעם וועג, אויפן בערגל אַרויף, קומט אָן אַ היגער געדריידלטער ניגון. יולדאַש נאַסערדין, דער מלחמה־איב־וואַליד, באַווייזט זיך אויף אַ פערד רייטנדיק. אַ גאַנצע נאַכט איז ער אומגעפאָרן איף די פעלדער. ער איז פאַרזיצער אין דאָרף־סאָוועט איצט, נאַסערדין יולדאַש. דאָס פערד גייט טריט ביי טריט, ווי דער ניגון דעם רייטערס.

„אַליס יולדאַן קעלאַמאַן..."

„פון אַ וועג אַ ווייטן קומט ער, הייסט עס, צו פאָרן. די פּאַטשיילע איז מיט בלוט אים פאַרפלעקט געוואָרן." די אויגן יולדאַשס זיינען רויט און מיד: אין קאָלווירט גייט די פרילינגדיקע פאַרזיי־קאַמפּאַניע. דער ניגון מאַכט שלעפעריק. צום פערדס זאָטל זיינען צווי הילצערנע קוליעס צוגעבונדן. „ער האָט אין אַ הייסן שלאַכט באַטייליקט זיך, ער האָט אין אַ הייסן שלאַכט געהייליקט זיך."

נחום פּאַטלאַזשאַנער, חבר בראַווער און מרדכי בעסאַראַבער באַגריסן דעם פאַרזיצער מיט גרויס אָפּשיי. שלמה בערדיטשעווסקי דרייט אויף גיך אָן די טעכטער זיינע, זיי זאָלן אַ שפּרונג טאָן צום „קאָפּ". שוין אַריבער אַ מעת־לעת מיט אַ מאַשין אָפּגערעדט. פערד זיינען טאַקע טייער איצט, סע ברענט אין קאָלווירט, אָבער אפשר גיט ער פאָרט אַ פור, דער טאַוואַרישטש פּרעדסעדאַטיעל?

— נו, מוידן!... ער איז באַלד ווידער נישטאָ... רירט אייך!...

נאָר ביז פייגל און פריידל, איינע אין איין זייט פערד, די אַנדערע אין דער

אַנדערער זייט פערד, הויבן אָן אַרויסלייגן די גאַנצע געשיכטע נאָסערדינעך, דער־הערט זיך אַ פּיף אין קישלאַק. מיקאַלקע און מיקיטקע לויפן אָן פון בית־עולם מיט אַ פרייד: „די מאַשין פאָרט! די מאַשין פאָרט!" כמאַרעס שטויב פאַרשטעלן די זון. הינער פליען איבער פלויטן. קראָען קראַקען. אייזלען צעבריקען זיך, ווי מע וואָלט פלוצים אָנגעהויבן שיסן אין דאָרף.

דער שאָפער איילט זיך. אַ שטורעם הייבט זיך אויף אויף דער טעראַסע. וועלכע פּעק זיינען דער ניקאַנענקאָס, וועלכע די בערדיטשעווסקיס? מרדכי בעסאַראַבער, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, כאַפּט אַ טאָרבע מעל אויף די הענט, פאַרשמירט זיך ווי אַ רוח און הויבט אָן גערעטן ווערן אין אַ בעקער־יונג, ניט אין מרדכי בעסאַראַבער.

פייגל און פריידל מיט די קינדער אויף די הענט, ווי פאַרבלאָנדזשעטע, דרייען זיך לעבן דער מאַשין אַהין און אַהער, אַרום און אַרום און קאָנען זיך בשום־אופן ניט דערדראַפּען צו איר.

שלמה בערדיטשעווסקי געפינט דאָס פאַרלוירענע היטל זיינס. חבר בראָווער דערהערט פון שאָפער, אַז מ'האָט די נאַכט אַדעס אָפּגענומען, צעקושט ער זיך מיט דער ניקאַנענקאָ, כאַפּט ער אַרום אַ פרעמד ווייב אַ הינקענדיקס. אַרדענונג אויף דער מאַשין מאַכן מיקיטקע מיט מיקאַלקען.

נחום פאַטלאַזשאַנער באַקרעכצט די טייערע אויוונס אין די לײדיק־געוואָרענע שטיבלעך און ברענגט פון דאָרט צו טראָגן אַ פּאָר פאַרזשאָווערטע לעפל און אַ טעלער אַ געפּלאַצטן.

שלמה ציט דאָס ווייב אַרויף אויף דער מאַשין, ווי פון אַ מסוכנער טיפקייט אַרויס.

ווייבער בלייבן שטיין אויף די טירן מיט שטיקער טייג אין די הענט. אומ־בעקיש קליינוואַרג צעפּאַכעט די טיובעטייקעס. די מאַשין פאָרט אָפּ.

און אַז די מאַשין פאָרט אָפּ, בלייבן מרדכי בעסאַראַבער, נחום פאַטלאַזשאַנער און חבר בראָווער פאַרגאַפטע און פאַרחידושטע: „דאָס איז עס, הייסט עס? אַזוי פשוט? הער אַ מעשה!... הער אַ מעשה!..." דער שטויב צעגייט זיך. דאָס קליינוואַרג צעלויפט זיך. קוואַטשקעס אָנגעבלאָזענע, מיט ווייסינקע קליינינקע הינדעלעך, קומען ווידעראַמאָל אַרויס אין גאַס און פאַרפלען ווידעראַמאָל אָן מורא. אַ קאַראַוואַן קעמלען שניידט דורך דעם וועג מיט אַ קלינגעריי. אייזלען צערעווען זיך. אויף אַ דאַך שטייט אַן איבערגעראַשטער אוזבעק און האַלט אויף קולי־קולות אין איין פרעגן דעם קישלאַק וועגן אַ יונג ציגל, אַ געפּינטלטס, אַ געפּלעקטס, מיט ווייסע שטרייפעלעך אויף די פיס, צי ס'האָט קיינער ניט געזען, קיינער ניט באַ־גע־גנ־ט?

אוזבעקיסטאַן. פרילינג. שוין דער וויפלטער? שוין דער לעצטער?

א י י ז י ק פ ל אַ ט נ ע ר

כ׳וועל קיינעם ניט דאַרפֿן דאָרט פֿרעגן

כ׳וועל קיינעם ניט דאַרפֿן דאָרט פֿרעגן,
און מער וועט שוין קיינער ניט זאָגן,
אַליין וועלן פֿירן די וועגן
אַהין, וואו די פֿיס וועלן טראָגן.

וועט יעטווידער פֿלאַץ מיך דערקאָנען,
אַ שטיין פֿונעם ברוק וועט דערציילן,
די קוימענס, וואָס סטאַרטשען, דערמאָנען
די וואונד, וואָס איז שווער צו פֿאַרהיילן.

דער וואָלף קערט זיך אום צו זיין נאָרע,
די פֿויגלען — צו זייערע נעסטן;
די פֿעלדער, — פֿאַרזייטע מיט קברים,
נאָר שווער איז די היים צו פֿאַרגעסן.

די שוואַלב וועט איר נעסט ניט געפֿינען,
וואָס זי האָט געבויט פֿאַראַיאָרן;
און איך האָב געטראָפֿן רואינען,
מיין היים איז דאָ חרוב געוואָרן.

די צווייג צו דער זון טוט זיך ציען,
דאָס גראָז שפּראָצט אַרויס פֿון די שטיינער,
די ערד וועט זיך ווידער צעבליען
אויף אַש פֿון פֿאַרסאַרפּעטע ביינער.

מיט פֿלייס פֿונעם קליינינקן פֿויגל
מיין היים וועל איך ווידער זיך בויען.
ביז ביטערן שוויס אין די אויגן
די ציגל כ׳וועל שלעפּן צום מויער.

און דאָרטן, וואו בלוט איז געפֿלאָסן
פֿון מיינע געפֿאַלענע ברידער,
קיין קלאַנג זאָל ניט ווערן פֿאַרלאָשן,
און אויפֿגיין דאָס לעבן זאָל ווידער.

1944

הערץ ריווקין

אין דעם קעסל־צעך

(אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער דערציילונג)

מיט זיין קליינעם הויזגעזינד איז שיקע גאַרבער אָנגעקומען אין פּערגאַנער טאָל — אויף דער בויאונג פונעם גרויסן וועבער־קאָמבינאַט — שוין אין סאַמע האַרבסט. דער דרויסן האָט זיך געשטעלט דאָ אַ קאַלטער, מיט קורץ־דויערנדיקע, אָבער געדיכטע, עסנדיקע רעגנס. די היגע איינוואוינער געדענקען שוין לאַנג ניט, אַז דער זומער זאָל זיך דאָ אָפּטראָגן אַזוי גיך, אַזוי פּלוצים.

דער וואוין־אָפּטייל פון קאָמבינאַט האָט ניט באַוויזן צוגרייטן צוזאַמענ־וואוינונגען און די הייזער צוםווינטער. דאָס ערשטע, וואָס מע האָט געדאַרפט באַזאָרגן, איז דאָס אָפּרעמאָנטירן די אַלטע און מאַכן נייע הרובעס. שיקען האָט מען תיכף איינגעשלאָסן אין דער „הרובע־קאָמפּאַניע". נאָך די ערשטע עטלעכע „בעסאַראַבקעס", וואָס ער האָט אָוועקגעשטעלט, איז ער געוואָרן דער געקרוינטער הרובע־מייסטער פון באַצירק.

„מיט אַלע מעלות, און דער עיקר, — מיט אַ שפּענדל אַ גאַנצע וועטשערע."

— אַזוי דערציילט ליבע, מעשה־רעקלאַמע, אין די שטיבער, וואו מע נעמט זי אַרבעטן, און כאַפּט אַלעמאָל אַריין אַ נייעם פּסק פון שיקען.

שיקעס אַלטע טבע: ער האָט פיינט זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס בשעת דער אַרבעט און האָט זייער ניט ליב, אַז מע הויבט אים דעמלט אָן צו שטופּן דעות. און שטייט עמעצער צו אים צו און באַמערקט ניט, אַז ער, שיקע, האַלט שוין ביי ברוגז ווערן, און זעט ניט, אַז שיקעס נאַזלעכער האָבן זיך שוין צופּיל אָנגעבלאָזן, — איז שוין יענעם אַוודאי ניט מקנא צו זיין. עס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפן ביי אַזאַ פאַל, אַז דאָס לאָפּעטקעלע מיטן טינק זאָל זיך געבן אַ רייס אַרויס פון שיקעס האַנט, ניט, חלילה, אויף צו טרעפן דעם בעל־דבר, נאָר גלאַט אַזוי, אויף צו טאָן אַ פלי אַרויס דורך די ניט־אָנגעגלאָזטע פענצטער. אַזוי איז ער, שיקע, זאָגט ליבע, פון תמיד אָן: הייס געבאָדן.

ווי אַזוי־זשע קומט ער אויס איצט מיט ליבעס טענהן און קלאָגן, פון זינט עס איז ניטאָ קיין ידיעה פון די עלטערע צוויי טעכטער זייערע און פון לייבלען דעם בן־יחיד, וואָס איז פון די ערשטע טעג אַוועק אויפן פראָנט? ס'איז טאַקע נימאָ וואָס מקנא צו זיין אים. אפשר דערפאַר איז זיין טאָכטער הינדל ניט גע־גאַנגען אַרבעטן אין וועבער־צעך און האַלט זיך לעבן טאַטע־מאַמע.

די ערשטע צייט איז שיקע געווען אָנגעכמורעט, אַריינגעטאָן עקשנותדיק אין זיך, פונקט אַזוי ווי אין די טעג פון נע־ונד, אין די טעג פון די עשעלאָנען. די באַוואַקסנקייט האָט אים געמאַכט נאָך ווילדער, מגושמדיקער. ערשט אַז ער האָט אָנגעהויבן קומען אין פאַרשיידענע שטיבער און זיך אָנהערן מיט פרעמדע צרות, ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל פרעמדן אומגליק, —

האָט זיין אייגענער ווייטיק זיך אַנגעהויבן באַהאַלטן טיפער, טיפער אין האַרצן און איז דאָרט געבליבן ליגן אַ פאַרשטיינערטער. די הענט זיינע האָבן זיך אָנ־געהויבן באַוועגן גיכער, פלינקער. די אַרבעט האָט געברענט אונטער די פינגער. אַלץ אָפטער האָט מען געקאָנט הערן, ווי שיקע גיט אַ געשריי אויפן נישטער: „ציגל!" „טינק!" און נאָך הייזעריקער:

— ליבע, האָסט זיך צוגעלייגט? ליבע, דו שלאָפסט?

מ'האָט אים גאָרניט געקאָנט נאָכהאַלטן. ליבע האָט זיך ביי אים געבעטן: „דו וועסט דאָך, חלילה, פאַלן פון די פיס, דו וועסט זיך אַרויסשלאָגן, מיינע שונאים, פון די כוחות." עס האָט גאָרניט געהאָלפן. ער האָט נאָר אַנגעשטעלט אַלעמאָל אויף איר און אויף דער טאָכטער אַ שאַרפן בליק. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער קוקט אויף זיי ווי אַ פרעמדער, און וויל רק דערגיין אין איינציקע זאַך: ניט שוין־זשע זיינען זיי אויך געווען מיט אים, ווען די שטאָט איז אַוועק מיט פייער?

ליבע מיט הינדלען האָבן ניט גערוט: געזיפּט זאַמד, געקנאָטן ליים, פולע עמערס האָבן זיי אַלע ווילע אויסגעליידיקט צו שיקען אין קעסטל, ציגל, ברוך.

מ'האָט אים גאָר ניט געקאָנט אָנזעטיקן.

ער האָט אַפילו אויפגעהערט צו באַמערקן, אַז ליבע האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט אַזוי פאַרערגערט, אַז דאָס שוואַרצע כמאַרעלע, וואָס האָט פאַרצויגן איר דורכגעאַקערט פנים, ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער, געדיכטער.

שיקע איז איינגעקלאַמערט אין דער אַרבעט ניט אויף קאַטאָוועס. וואָס פאַר אַ ווערט, טראַכט ער, וואָלט ער, מישטיינס־געזאָגט, געהאַט נישט נאָר ביי יענעם אין די אויגן, נאָר אויך ביי זיך אַליין, ווען ער האָט ניט איצט מיט זיך אָט־די צוויי מולירישע הענט?

אינמיטן טעסען מיטן העמערל פאַרטראַכט זיך פּלוצים שיקע עפּעס ניט גאָר לויט זיין שטייגער. זיין שאַרפער בליק פאַלט אויף ליבען. ער לייגט אַוועק דעם אָנגעהויבענעם ציגל, נעמט אַ צווייטן. איין קלאַפּ — און דער ציגל באַקומט אַן אַלכסונדיק געזל. מע זעט באַשיינפערלעך, ווי שיקע האָט זיך אַליין איבער־געשלאָגן מיטן העמערל זיינע מחשבות. ווער קאָן ווייסן וואָס שיקען דעם מולער איז אין אָט דער רגע דורכגעלאָפן דורכן זכרון?

ליבע, — גלייך זי לייענט אַרויס זיינע געדאַנקען, ענטפערט אים מיט אַ זיפץ, מיט אַ שווערן זיפץ. שיקע בייגט זיך אָן, קאָן עפּעס ניט געפינען דעם נייטיקן ציגל און גיט אַ בייזן ברום אין דער ניט־פאַרענדיקטער הרובע אַריין:

— מ'עט זיי אָפּזוכן, נישקשה, די וועלט גייט נאָך ניט אונטער.... מ'עט אים נאָך דערלאַנגען דעם גוטן גאָב, 'עט מען אים...

פון שיקעס אָפּגעטעסעטע שטיקער געדאַנקען ווערט ליבען אַביסל גרינגער אויפן האַרצן. זי מישט דעם טינק און קנעט אַריין אין אים צוויי מאָמעדיקע הייסע „הלוואיען". הלוואי, הייסט עס, זאָל מען אים שוין טאַקע געבן, דעם „קוילער", דעם אמתן „גאָב", און הלוואי זאָל זי שוין אויך זוכה זיין אָפּצוזוכן אירע קינדער.

אַ גאַנצן טאָג גייט נאָכדעם די אַרבעט, ווי אַ „מזמור". שיקע מאַנט ניט קיין ציגל, קיין טינק. די עמערס, די ציגל שפּרינגען צו אים אַליין גלייך אין די הענט אַריין. אין יעדן קלאַפּ, אין יעדן הילך, אין יעדן מינדסטן ריר הערט ער דאָס ווידערקול פון זיינע אייגענע רייד:

— נישקשה, די וועלט גייט נאָך ניט אונטער... מ'עט אים נאָך דערלאַנגען, 'עט מען אים...

פאַרנאַכט, אַז שיקע הייצט אונטער די הרובע אויף פּראָבע און די נייע „מחותנתטע" גיט אַ צי דעם פלאַם, כאַטש יאָג אים נאָך, זעצן זיי זיך אַלע דריי אַרום דער הרובע. שיקע פאַררויכערט. דער אָפּשיין פון פלאַם לייגט זיך אויף זיין פאַרוואַקסן פּנים. ער זעט דאַן אויס מילדער, רואיקער. אַ גוטער טאָג געווען היינט ביי אים. זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ. די ציגל האָבן זיך אַפילו אים עטלעכע מאָל געשטעלט פּאַפּערעק, זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן זיין פלינקער האַנט. אָ, די רויטע, דינינקע הרובע־ציגעלעך, אַבי זיי דערפילן נאָר, אַז שיקע איז פאַרחושט, עטוואָס זיך אַריבערגעפּעקלט פון זיי אויף אַ פרעמד מחשבהלע, איז זיי ניט צו דערקענען. גיי פּרוביר דערנסטמאָל מיט זיי אַ שמועס טאָן, אָפּ־טעסען אַ „טיטשאַק", אַ „ווינקל", אַז די שאַרף פון מוליער־העמערל קריכט דיר גאָר גלייך אין פינגער אַריין, שניידט זיך איין אין לעבעדיקן פלייש.

ליבע רוקט זיך צו צום פייער. זי גלייכט אויס די שפּענדלעך. הינדל זעצט זיך אונטער שיקעס פּלייצעס. דאָס קורצע, פאַרריסענע נעזל איז עטוואָס פאַר־שמירט מיט ליים. פון איר אַלטער אַרבעט־ספּעצאָווקע קוקט אַרויס איר יונג, שטאַלטנע קערפּערל. אויך דאָס טיכל איז פאַרבונדן מיט אַ חנעוודיק קנייטשיקל. דאָס פייער ברענט, קנאַקט. שיקע גיט זיך אַ דריי אויס צו הינדלען. די ווערטער קומען ביי אים אַרויס ווי שטאַרק־אַנגעוואָרעמטע ביים פלאַקער פון דער הרובע:

— נו, קאַרנאַס, האָבן מיר, הייסט עס, היינט אָוועקגעשטעלט נאָך איין הרובע אויף גאַטס וועלטל. און מכוח אַליין אויפשטעלן אַזאַ שטיק מעבל — האַסטו אַ טראַכט געטאָן?

הינדל פאַררויטלט זיך. ניט איין טאָג וואַרט זי אויף אָט דער מינוט. זי הייבט זיך גלייך אויף, לויפט צו צום קוישיק און ברענגט אין איין אָטעם צו טראָגן אַ גראָבן בוך; שיקע, פאַרוואונדערט, שלעפּט אַרויס פאַמעלעך פון קעשענע די צעבראָכענע ברילן — פון אים אַליין צונויפגעמייסטרעוועט — און לייענט פּאַוואָליע, ניט געאיילט, די גרויסע אותיות אויפן גרינעם טאָוועלע:

„קאָמענניע אי פּעטשניע דעלאָ".

— אַזוי? „מיט איין שאָס ביידע אינאַיינעם!" — און שיקע גיט אַ בלעטער: דריבנע אותיותלעך, ניט פאַר זיינע אויגן, דערפאַר אָבער זיינען די „מענטשעלעך", די צייכענונגען ווי פון הרובעס אָראָפּגענומען.

הינדל, הייסט עס, האָט שוין בשתיקה באַוויזן דורכצולערנען דאָס גאַנצע ביכל. זי פלעגט זיך צוקוקן, — ווי דער פאָטער שטעלט אויף אַ „בעסאַראַבקע", אַ „האָלאַנדקע", פונקט לויטן געשריבענעם.

— אַזוי, הייסט עס, קאָן איך יאָ די מלאכה? פונקט, זאָגסטו, ווי אין ספרל?

ליבע, — מ׳דאַרף אָפּקאָכן אַ גוטשע וועטשערע. אַ נייער מוליער אין דער משפחה.

אינדערהיים, אַ גאַנצן אויפדערנאַכט, האָבן הינדל מיטן פּאָטער זיך געפּאַרעט ביים ספרל. שיקע האָט זיך געפּרואווט מבטל זיין, אָפּלאַכן. ס׳האָט אים גאָר ניט געהאָלפן. דער בלייער אין אירע הענט האָט אַלץ פּאַרענטפערט. זיי זיינען אַזוי וויט אַוועק, שיקע האָט זיך שוין געהאַט אַזוי פאַרגעסן, אַז ער האָט אָנגעהויבן זיך נאָכצופרעגן פּאַר אַ נאָווינע ביי הינדלען, ביים ביכל, ווי אַזוי דורכצופירן אַ שמאָלן קוימען־דורכגאַנג, ווי אַזוי דורכצולייגן דעם רויך־וועג ביי אַ צוויי־זייטיקער „דוכאָווקע״. ס׳האָבן זיך אויף הינדלען געגעבן אַ שיט שאלות, כלומרשט, אויף זי צו פאַרהערן, אָבער הינדל האָט דערפילט, גוט דערפילט, אַז דאָס זיינען אַלץ זאַכן, אין וועלכע דער טאַטע אירער טאַפּט אין דער פינצטער. זי האָט זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק און אַלץ אַרויסגעלייגט. שיקע האָט זי באַ־טראַכט פון אויבן־אַראָפּ, אויסגעצויגן אויף איר אַלעמאָל אַ פּאָר אויגן און זיך אַלץ ניט געקאָנט צונויפנעמען:

— פונוואַנען שלעפּט זי אַזוינע סטענגעס, פונוואַנען?

הינדל האָט געשמייכלט אַ צופרידענע, אַ זיגערין.

— טעכגראַמאַטע, טאַטע, טעכגראַמאַטע...

* * *

אין יענער נאַכט האָבן זיך שיקען געהאַלטן אין איין באַמבלען טשיקאַווע, מאָדנע חלומות. אַט רייסט אים עמעצער פון דער האַנט אַרויס די לאָפּעטקעלע, דאָס העמערל, וויל אים אויסטאָן דעם פאַרטעך. שיקע ווערט זיך, שרייט פון שלאָף: „וואָסי דאָס? אינמיטן העלן טאָג גאָר אויס קאָפּעליוש־מאַכער?״ ער קוקט זיך גוט איין, שיקע, ס׳איז גאָר שעווע, די עלטסטע טאָכטער זיינע. „גיב אַהער, טאַטע, — מאַכט זי, — כ׳וועל דיר איבערנעמען אַביסל די האַנט, מעגסט זיך אָפּרוען.״

— „אָפּרוען? איבערנעמען די האַנט? נו און . . . יאָכלען, עפּעס דאַרף מען דאָך קענען. „טיטשאַק״, „לאָזשאַק״, צי זי האָט שוין אויך אַריינגעקוקט אין הינדלס גרין ספרל? שעווע, וואו איז זי, שעווע? וואָס טוען דאָ די צוויי פרעמדע יונגעלייט, וואָס? די הרובע בינדן זיי? שלעפּן זי צו דער טיר? שוין ניט געפונען קיין גרינגערן חפץ אין שטוב? שיקע לאָזט זיך צו זיי, ער וויל זיי דויערעסן. עמעצער טאַרעט אים ביים אַקסל. ס׳איז הינדל. ער האָט זיך פאַר־שלאָפן, עס שאַריעט שוין אויף טאָג. ס׳האָט שוין געפּייפט דער ערשטער „הודאָק״.

* * *

אויפן גרויסן פּלאַץ צווישן דער שפּינדל־פאַבריק און די נייע וועבערייי־קאָרפּוסן שטייט זי אַ הויכע, אָן הויכע, אָן אויסגעפּוצטע און קוקט מיט ברייטע, פרישע־אָנגעגלאָזטע שויבן אין אַלע פיר זייטן, ווי אַ ריזיקער שומר, שניידט דורך דעם רוים דער ניט־לאַנג אויפגעהויבענער, גרין־געפאַרבטער פערציק־מעטראָוועער קוימען. דאָס זאָגט ער אָן מיט גדלות דער גאַנצער געגנט: ס׳איז די געביידע

פונעם נייעם קעסל־צעך. לענגאויס דעם ברייטן, אויסגעגלייכטן פלאַץ ציט זיך, ווי אַ ווירע, דער נייער באַן־אַנשיט. איןביידע זייטן פון אַנשיט האָט מען שוין אָנגעהויבן לייגן די שמאָלע ליניעס פאַר וואַגאָנעטקעס. דערווײַלע איז נאָך דער גאַנצער פלאַץ פאַרשפרייט מיט נידעריקע, דריבנינקע גרעזעלעך. גיך וועלן אַהער אָנהויבן אָנקומען לאַנגע וואַגאָנעס מיט קוילן. צום צעך וועלן אָן אויפהער לויפן פולע וואַגאָנעטקעס, זיי וועלן זיך אויסליידיקן האַרט לעבן די הייך־טירלעך, און דער גאַנצער צעך וועט אָן אָטעם טאָן מיט געדיכטע, שוואַרצע קנוילן רויך.

שיקע גאַרבער מיט זיין געזינדל לאָזן זיך אַראָפּ פון באַן־אַנשיט. קענטיק, אַז דער גאַנצער ענין, מיטן איבערפירן אַהער אויף דעם נייעם הור־האַ און מיטן נייעם נאַטשאַלניק, מיט אַט־דעם מיאַסקיווקערן, איז שיקען ניט אינגאַנצן צום האַרצן. ער גיט אַ הייב מיט די אַקסל:

— אָנגעשיט אַביסל, ניט געזשאַלעוועט. ס׳קאָסט זייער טייער באַרלעך, צי וואָס?

הינדל קאָן ניט פאַרליידן דעם פאָטערס פלוצימדיקן רוגז. זי פּרוּווט אים ענטפערן מיט אַ ווערטל. ס׳הערט זיך אָבער קלאָר איר פאַריבלדיק ביי־טענדל:

— שוין, אויפן ניכטערן טאָג, טאַטע?

זיי גייען לענגאויס דעם אַנשיט. שיקע גייט און שווייגט. ער איז דאָ, ווייזט אויס, דאָס ערשטע מאָל...

אַריינגעקומען אינעווייניק, דערלאַנגט שיקע דעם ערשטן אָוועקמאַכנדיקן ביטול־שמייכל: „איז אַט דאָס קליינע פּראַראַבל, הייסט עס, וויל עס לאָזן אַזאַ גרויסע מאַכינע?“

דאָס טראַכט ער, שיקע. פון זיינע טראַכטענישן וואַרפט ער צו אויך ליבען מיט הינדלען אַ פענעץ:

— ס׳אַ מעשה מיט גריוון!

די ווערטער זיינע קלינגען ווי אַן אורטייל, וואָס קיינער וועט ניט זיין ביכולת אָפּצודינגען פון דעם „כי־זה“, אַ האָר ניט!

אין דער געביידע פון קעסל־צעך ווימלט ווי אין אַ בינשטאָק. די עלעקטרע־שווייסער אַרבעטן שוין. זיי שוויסן צו די אויבערשטע פּלאַטפאָרמעס אַרום די קעסלען. גאַנצע זשמוטן פייער צעפליען זיך איבערן צעך. הערשל מיאַסקיווקער שטייט ביים ערשטן קעסל, ביי די הויכע מעטאַלענע קאַרקאַסן. צווישן דעם גאַנצן האָוועגדיקן עולם פאַכלייט, איז ער גיכער ענלעך אויף אַ שילער, ווי אויף אַ „נאַטשאַלניק“. הינדל קוקט זיך אַרום, עמעצער פאַרטשעפּעט זי ביים אַרבל. ס׳איז כאַסיל מומינאַוו, אַ יונג אוזבעקיש בחורל, אַ שכן. ער טראָגט אַ גרויסע משונהדיקע ווענטיל. הינדל קען אים, ער איז אַ שלאָסער. „הינדאַכאָן, — מאַכט ער צו איר היימיש, — איר ווילט דאָ אַוועקשטעלן אַ הרובע?“ און גיט אַ פּינטל מיטן לינקן אויג. ער האָט זיך ליב צו וויצלען, כאַסיל. הינדל גיט אַפילו ניט קיין שמייכל, זי ווייזט אים אָן אויפן ערשטן קעסל. אייגנטלעך, וואָס האָט זי דען צו כאַסילן, אַז דער עיקר איז זי ברוגז גאָר היינט אויפן פאָטער, אויף זיינע קאַפּריזנע, פריקרע געגגלעך.

הערשל מאַסקיוועקער דערזעט שיקען, לייגט ער אַוועק דאָס מעסטן און הויבט גלייך אָן אים אַרויסלייגן, מסביר זיין דעם גאַנצן פּראָצעס, דעם גאַנג פון דער אויסמויערונג. אין איין האַנט האַלט ער דעם „פּלאַן" פון קעסל, און מיט דער צווייטער צייכנט ער מיט אַ גראַבן, סטאָליערישן בלייער אויפן בעטאָנענעם דיל. דאָס ווייזט ער, הערשל, ווי אַזוי לויט די בוי־נאָרמעס דאַרפן זיך בינדן די דרויסנ־דיקע ציגל, די פּשוטע, די רויטע, מיט יענע פון אינעווייניק, די געלע, די ציטעריקע, וואָס דאַרפן אַריבערטראָגן אויף זייער לייב דעם גאַנצן פלאַקער־פייער, די הויכע טעמפּעראַטורן.

— איבער פינף רייען, — מאַכט ער, — איבער פינף רייען.

הינדל שלינגט יעדן וואָרט. מיט אַלע אירע כוחות האַלט זי זיך אויף, כדי ניט נאָכצובאַמקען אינדערהויך מיאַסקיוועקערס רייד. ער לייגט ממש אַלץ אַריין אין מויל אַריין. שיקע איז קענטיק, דווקא ניט גוואַלדיק נתפּעל. הערשל באַ־מערקט עס ניט. ער איז אַליין פאַרכאַפּט פונעם אויפגעשטעלטן בילד. ס׳איז ביי אים דאָס ערשטע „קינד". ער וויל זיך האַלטן מיט שיקען אַן עצה, ווי מיינט ער, וועט לייכטער זיין צוצוטרעטן צום אונטערשטן בונקער — פון אינעווייניק, צי פון דער דרויסנדיקער זייט? אָט דאַרטן ביי דער פּשוטער מויערונג וועלן שטיין צוויי יונגע מוליערס פון דער יוגנטלעכער בריגאַדע. מע דאַרף אויף זיי נאָך האַלטן אַן אויג. ניט לאַנג געענדיקט דעם פ.ז.אָ.

שיקע ענטפערט ניט. ער באַטראַכט די צוויי בחורים — זיינע „שותפים". הערשל האָט עפּעס פאַרגעסן, ער אַנטשולדיקט זיך, דעם עיקר ניט געזאָגט: דער באַצירק־אָנפירער כאַנין האָט באַשלאָסן, אַז גאַרבער זאָל איינצייטיק זיין דער בריגאַדיר פון דער גאַנצער קעסל־מויערונג. שיקעס באַזלעכער זיינען נאָך אַזוי אָנגעבלאָזן, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געווען. אַלנפאַלס, הינדל געדענקט עס ניט. אויך די פאַרקיסנטע אויגן זיינען עפּעס דאָס מאָל איבער דער מאָס פאַרזשמורעט.

אַזוי גאָר, מ׳האָט אים, הייסט עס, חתונה געמאַכט אונטער די אויגן. צונויפ־געפּאָרט „עם כל הנערים", און דערצו נאָך נאַ דיר, הייסט עס, אַ פּאָר שנעקעס און שטעל אויף מיט זיי אַ לופט־באַלאָן.

די ווערטער קומען ביי אים אַרויס הייזעריקע, אויפן דינסטן נישטערל:

— אַ שיינעם דאַנק פאַרן כיבוד, נאָר קיין באָבע בין איך ניט געוואָרן דאָ אויף דער עלטער.

פאַר מיאַסקיוועקערן איז עס געקומען ווי פונעם הימל. ער מאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק. זיין אויסזען, ווי אַן עלטערער, באַיאָרטער מענטש.

— ס׳איז קיין רייד ניט פון כיבוד, חשובער חבר. עס האַנדלט זיך דאָ אין עפּעס ווינטיקערס. דאָ גייט ניט וועגן אַ ווענטל אויפשטעלן, וועגן עפּעס אַ הרובע. דאָ גייט אַ רייד וועגן דעם האַרץ פון גאַנצן קאָמבינאַט, ס׳אַ „שוכאָווסקי" קעסל, אַ „שוכאָווסקי"...

שיקעס בליקן ציען זיך אַרויף כמעט צו די ברעמען. די ברילן וואַרפט ער ווי צוויי שפּיזלעך צו מיאַסקיוועקערן. געהייסן האָט עס: „אַזוי גאָר! ערשט אַנומלטן געקלאַפּט מיט די לעפצן און געלויבט מיינע הרובעס פאַר אַ גאַנצן עולם

אין קלוב, און איצט איז עס ביי דיר געוואָרן אַ טפל, אַ גאַרנישט מיט אַ נישט. איצט האָט דיר צוגעטראָפן אַ „שוכאָווסקי", אַזוי גאָר..."

געזאָגט האָט ער גאַרנישט. ער האָט נאָר געקוקט לאַנג, בייז אָנגעדראָלן. הערשל מיאַסקיווקער האָט שוין, ווייזט אויס, סיי־ווי ניט געוואָרט אויף קיין תשובה, ער האָט געזוכט אַן אויסוועג, געמוזט עפּעס אויפן אָרט צוטראַכטן. ס׳האָט אים אַ שאַרפן שניט געטאָן דעם אָנפּירערס נעכטיקער זאָג, אַז דער ערשטער גוט־מאָרגן באַשטימט דעם גאַנג פון טאָג.

פּלוצים, אומגעריכט, האָט פון הינטער שיקעס פּלייצעס זיך געגעבן אַ רוק אַרויס הינדל. דאָס פּנים איז איר געווען בלייך, און דאָס שאַרף, פאַרריסן נעזל האָט אויסגעזען לענגער, אויסגעצויגענער. אין איר גאַנצער האַלטונג איז געווען אַ סך קינדערשס. די ליפּן אירע האָבן אַזוי געציטערט, אַז ס׳האָט זיך געקאָנט דאַכטן — טאָמער, חלילה, וועט מען זי ניט נעמען ערנסט און עמעצער וועט פּרוּוון געבן דעם מינדסטן שמייכל, וועט זי זיך אַזוי צעכליפּען, אַז איינשטילן זי וועט שוין ניט זיין קיין גרינגע זאַך. זי האָט געמאַכט נאָך איין שפּאַן אין הערשלס זייט און איין אָטעם אָפּגעקנאַקט:

— אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך זיין בריגאַדיר...

חנה לעווין

אויפן ברעג ים

וויגוט עס איז דאָ, ווי שיין, דער ים איז גרין און פריש,
עס שפּילן זיך מיט זון, ווי דאַמפּערס, לאַנגע פיש,
פרויען באַרוועס, מענער ברוין, האַלב־הוילע,
מונטערע און גליקלעכע און פוילע,
שפּאַנען אום און שטיינדעלעך דאָ זוכן,
עס מישט זיך זאַלץ־גערוך מיט וויינטרויבן־גערוכן,
מיידלעך ברענגען ווינטרויבן אין קיילעכיקע קוישן —
אַזוינע בלויע, גרינע, אָנגעזוניקט־גרויסע,
זיי זעצן זיך, די מיידלעך, אויף די פּיאַטקעס
און קוקן לאַכנדיק מיט אויגן שוואַרצע, טיפע,
און פון די קוישן, פון געפאַרבטע גראַטקעס,
פרישער זאַפט אויף זאַמדן הויבט אָן טריפן...

איך בין ניט אָפּגעברענט און פיל זיך טאָפּל־נאַקעט...
אַ מחנה קינדערלעך דעם זאַמד האָבן צעאַקערט,
לאַכן, קייקלען זיך, דעם הייסן זאַמד צעשטופּן,
עס פלאָנטערן זיך פיסלעך אין בערגלעך זילבער־שופּן,
און שוואַרצע ים'ען־גראָזן
פון סאַמע דנאָ, פון ים'ען־דעק געבראַכט.
אַ שטורעם האָט גערעוועט דאָ ביינאַכט,
און ים'ען־גראָז און פישלעך דאָ געלאָזן...

דער ים איז מיר באַקאַנט פונוויטן, ניט פון נאָוונט,
איך וויל פאַרשטיין זיין רויש, איך שפּיר אים טעג און אָוונט,
און קענטשאַפט איך פאַרפיר מיט פישערס אויפן ברעג,
פון פיש און פישעלעך די נעמען איך צעפרעג.
די פישער רופן אָן און פריינטלעך־ערנסטע לאַכט מען,
די נעצן שפּרייטן זיי אויף קניעס, אויפן זאַמד,
און מיט נאָדלען ביינערנע די נעצן לאַנג באַטראַכט מען
און נייען אויף זיי מיט געניטער האַנט.
ביים זייט אַ שייטער ברענט,
די זון איז נאָך אַ שייטער —
אַזוי געשמאַק פון שייטער איז דער רויך,
און אויפן שייטער פיש אין בייכעדיקן קעסל,
און אַ דינע פאַרע זיך שלענגלט אין דער הויך.

אַן אַלטער פישער זיצט און קוקט אין בלויע ווייטן,
דערנאָך אויף מיר ער קוקט, גלייך עפּעס וויל ער טרעפן,
און זאָגט: „גוט־מאָרגן" פּלוצים, און פריינטלעך גיט אַ לעפל,
אויף דעם קעסל וויזט, וואו ס׳קאָכט זיך פרישע פיש,
און שמייכלענדיק פאַרבעט: „נו, זעץ זיך, פריינט, צום טיש!"
דער טיש — דער הייסער זאַמד, דער טישטעך — מיינע קני,
מעוועס גריסן זיך, און כוואַליעס גרויס און קליינע
וואַשן מיר די פיס אין שטראַלנדיקן גלי.

י. ראַבין

אַ רייזע אויף צוריק

1

איך פאָר צו מיין געבורט־שטאָט, צו מיין היים, צו מיין שטוב. איך קער זיך אום צו מיין יוגנט. פאַרוואָס נאָר צו מיין יוגנט? צו מיין קינדהייט; מיר דוכט, אַז דער איילנדיקער צוג וועט מיך ברענגען צו מיין וויגעלע. איך וועל זיך אַליין אין וויגעלע דערזען. צי וועל איך זיך דערקענען?

דורך די פענצטער פון מיין וואַגאָן קאָן איך זען, ווי פון ביידע זייטן וועג איז איין און דער זעלבער פרילינג. איך זע עס ניט, וויל מיינע אויגן זיינען צוגעמאַכט. איך זע איצט ניט מער ווי מיין געבורט־שטאָט. איך זע מיין וויגל, איך זע זיך אַליין. אָט ליג איך פאַרוויקלט אין וויקעלעך, איך קוק פאַרוואונדערט און נאַריש אַרום זיך. וואָס טראַכט איך דעמלט? איך קאָן ניט פאַרשטייז, וועגן וואָס טראַכט איך ליגנדיק אין וויגעלע. נאָר וועגן וואָס טראַכט איך איצט, מיט פאַרמאַכטע אויגן קוקנדיק אויף מיין קינדהייט? איך טראַכט: גוט איז, וואָס די הענט און פיס האָט געפענטעט אַן אייגענע מאַמע. גוט איז זיין נאַריש, גוט איז זיך וואונדערן. איצט איז אַ וויגעלע מיר קליין און ווינציק. קיין מאַמע איז ניטאָ. איך וויל ניט ליידן, ווען מע זאָגט, איך בין אַ נאַר. און וואָס העלפט מיר, אויב ניט קיין נאַר? איצט וואונדער איך זיך מער ניט.

איך ליג אין וויגעלע, איך קוק נאַריש אַרום זיך.

געוויס קוקט אויף מיר די מאַמע מיט ליכטיקע בליקן. זי האָט שוין אונטער מיין וויגעלע אַזויפיל ווייסע ציגעלעך אויסגעלייגט, מיט אַזויפיל ראָזשינקעס און מאַנדלען האָבן די ציגעלעך געהאַנדלט, אַז די מאַמע איז זיכער: אַ גאַנץ לעבן וועט מיר זיין גוט. די מאַמע איז אַפילו זיכער, אַז מיינע אויגן, וואָס קוקן נאַריש און פאַרוואונדערט, זיינען פול מיט קלוגשאַפט און חכמה.

אַזוי טראַכט די מאַמע, ווען זי וויגט מיין וויגעלע מיט איין פוס. אירע הענט זיינען פאַרנומען מיט „חיונה". אירע פינגער באַוועגן זיך פלינק, זיי גיבן גיך אַ שאַר איבער טאַבאַק, אַ כאַפּ אַביסל מיט די פינגער און אַ לייג אַרויף אויפן קערטל, דאָס קערטל דרייט זיך שנעל צונויף, ווערט אַריינגעשטופּט אין אַ הילזע און תיכף פאַלט אויפן טיש אַ פּאַפּיראָס. די הענט אַרבעטן פלינק, גיך. די פּאַפּיראָסן וואַקסן אויפן טיש. די מאַמע וויגט מיט איין פוס מיין וויגל, קוקט אויף מיר מיט ליכטיקע בליקן און איז איינגאַנצן זיכער: איר זון איז קלוג, מלא חן און פול מיט מזל.

זי האָט געהאַט אַ טעות, די מאַמע.

איך עפן מיינע אויגן און זע טאַקע, ווי פון ביידע אַנטקעגנדיקע פענצטער פאַלט דער פרילינג אַריין אין וואַגאָן. דער צוג לויפט און פירט מיך צו אַ שטאָט אין מערב־ווייסרוסלאַנד, וואו צוזאַמען מיט מיין וויגל זיינען אויך געשטאַנען

וויגעלעך פון נאָך פערציק־פופציק טויזנט יידן. איצט ווייס איך, אַז קיין וויגעלעך שטייען דאָרט מער ניט, אַז קיין יידן זיינען דאָרט ניטאָ. דער צוג פירט מיך אַהין, ווייל איך וויל נאָך וויסן: צי איז ריכטיק, אַז צווישן די דרייצן לעבעדיקע יידן געפינט זיך אויך מיין כלה?

2

אַז די מאַמע קוקט אויף מיר, האָט זי אַ ליכטיקן בליק. נאָר צי דען קאָן די מאַמע אויף מיר שטענדיק קוקן? איך בין ניט קיין איינציקער ביי איר. איך בין דער קלענסטער, נאָר ניט דער איינציקער און אפשר ניט דער לעצטער. אמת, די מאַמע רופט מיך מעזיניק. זי רופט דווקא דעמלט, ווען דער טאַטע איז דערביי. דער טאַטע וויל זיך אָבער ניט אָנשטויסן, ער וויל ניט פאַרשטיין...

איך ווייס נאָך ניט, אַז די מאַמע מיינע — אויסער אירע בליקן צו מיר, האָט זי נאָך אַ גאַנצע וועלט אין זיך. זי פאַרשטייט, אַז דער מאַן אירער, דאָס הייסט מיין טאַטע, איז אַ וואוילער מאַן און אַ גוטער טאַטע, נאָר קיין מזל האָט ער ניט. און גראָד מזל איז פאַר מיין מאַמען דאָס וויכטיקסטע. וואָרים וואָס הייסט פאַר מיין מאַמען מזל? — חיונה.

אַ גאַנץ לעבן האָט זי עס געוואָלט זאָגן דעם טאַטן, נאָר קיינמאָל ניט אַרויס־געבראַכט פאַר איר מויל. זי קאָן אים אַזאַ חרפה ניט אָנטאָן. זאָגן אַ מאַנצביל, אַז ער איז ניט קיין פאַרדינער, איז דאָס זעלבע, ווי זאָגן אַ פרוי, אַז זי איז ניט קיין שיינע. אדרבא, זאָל עמעצער זאָגן דער מאַמען, אַז זי איז ניט קיין שיינע — וועט עס איר ניט פאַרדריסן? און דער עיקר: פון אַזויפיל בחורים, וואָס זיינען אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט, האָט זי דווקא אים אויסגעקליבן צוליב זיין מאַנצבילשער ווירדע, צוליב זיין מענטשלעכן פּאַרנעם, צוליב זיין זעלבשטענדיקייט. אַלע אירע מיידלשע יאָרן האָט זי געחלומט, אַז די וועלט זאָל באַוואונדערן איר שיינקייט און איר מאַנס ווירדע און זעלבשטענדיקייט, וואָס באַגלייט און באַהיט איר שיינקייט.

נאָר די מאַמע... אויב עס שוויגט ביי איר די צונג — רעדן אירע אויגן. דער טאַטע און די קינדער ווייסן שוין אַלע באַדייטונגען פון איר בליק. און כאָטש פון די אויגן ביז דער צונג איז אַ היפשער מהלך ביי דער מאַמען, כאָטש זי באַוויזט עפּעס באַטראַכטן און ענדערן... אַזוי, אַז די צונג פאַרגלעט אָפּט אַ סך, וואָס דער בליק זאָגט, דאָך ווייסט מען, אַז ניט די צונג איז דער באַלעבאָס, נאָר דער בליק — ער זאָגט דעם אמת. און בכלל קומט די צונג שטאַרק אָפּ ביי דער מאַמען: זי עסט ווינציק, טרינקט ווינציק, אַפילו רעדט אויך ניט קיין סך.

דערפאַר איז זי אָפּט פאַרנומען מיט געדאַנקען.

אָט די געדאַנקען פאַרדריסן דעם טאַטן.

קנייפּן די באַקן, אַז די פאַרב זאָל שטיין — האָט מען געוויס אויסגעטראַכט באַזונדערס פאַר מיין טאַטן. וואָס דאַרף עמעצער וויסן, וואָס ביי אים אין האַרצן טוט זיך? וואָס מער דעם טאַטן גייט ניט — אַלץ מער מאַכט ער דעם אָנשטעל, אַז ביי אים גייט אַלץ כשורה און עס איז ניט צו פאַרזינדיקן. ער גייט אַלעמאָל

ריין אַנגעטאָן. ער איז מיט אַלעמען העפלעך און פֿאַדערט דאָס זעלבע צו זיך. ער זאָל נאָר ביינאַכט ניט געווען זיפּצן פֿון שלאָף — וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז פֿול מיט מזל. דער טאַטע פֿאַרשטייט דער מאַמעס געדאַנקען. ער לייענט אַלץ אויף איר פּנים. זי טראַכט: „אַזאַ טעות האָבן אין אַ מענטשן!“

וויפֿל מאָל איז ביי אים געווען דער פֿאַרלאַנג זאָגן: „זידל מיך, האָב טענות, נאָר טראַכט ניט אַזוי וועגן מיר...“

דער טאַטע וועט עס ניט זאָגן. ער וועט זיך מאַכן ניט פֿאַרשטייענדיק און ביינאַכט נאָך מער זיפּצן אין שלאָף.

אַ גאַנץ לעבן פֿאַרשטייען זיי זיך ביידע און אַ גאַנץ לעבן באַהאַלטן זיי עס אויס, ווייל דאָך האָבן זיי האָפֿענונגען, אַז אפֿשר וועט נאָך גוט זיין. ווען ביים טאַטן באַווייזט זיך האָפֿענונג, בליט ער אויף, ער ווערט שענער, זיינע אויגן קוקן אויף דער מאַמען. ער נעמט דעמלט אַליין רוימען די שטוב און קערן דעם דיל. קוקנדיק אויף אים, נעמט אויך האָפֿן די מאַמע: „עס קאָן נאָך אַלץ גוט זיין.“

נאָר וויפֿל דויערט עס? אַ טאָג, צוויי, דריי. און ווידער איז אַלץ ווי פֿריער, ווי אַמאָל, ווי געווען. קינדווייז האָב איך עס באַמערקט, יינגלווייז פֿאַרשטאַנען, איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך עס באַנומען און זיך פֿאַרטראַכט.

טאַטע־מאַמע זיינען דאָך שוין ניט קיין קינדער, פֿאַרוואָס נאַרן זיי זיך מיט האָפֿענונגען? פֿאַרוואָס שפּילן זיי אין אַ קינדער־שפּיל אויף „בעסערע צייטן“?

כ׳פֿלעג דעמאָלט ניט וויסן: צי דאַרף מען פֿאַרדריסן אויף זיי, צי דאַרף מען אויף זיי רחמנות האָבן.

איצט, פֿאָרנדיק אינעם צוג, וואָס טראָגט מיך געשווינד אין פֿרילינג אַריין, נעמט פֿאַרדריסן אויף זיך אַליין. איך זאָג זיך: „און דו? פֿון פֿופֿציק טויזנט יידן זיינען געבליבן דרייצן מענטשן, ווילסטו געפֿינען דיין כלה? צי ביסטו אַליין ניט געראָטן אין דיין טאַטע־מאַמע? צי דאַרף מען אויף דיר רחמנות האָבן, צי דאַרף עס פֿאַרדריסן? און צי וואָלט גלייכער ניט געווען, ווען דו מאַכסט אַ סוף צו דער יידישער האָפֿענונג, וואָס האָט אַלעמאָל אָפּגענאַרט, זיך פֿאַרענדיקט מיט בלוט און אומקום?“

מיר דוכט... ניין, איך בין אַפֿילו זיכער, אַז דער יונגערמאַן, וואָס זיצט אַנטקעגן מיר און וואָס זעט מיר אויס אַביסל קענטלעך, לאַכט פֿון מיר. איך לייען אין זיין בליק, וואָס טענהט:

— רעכנסט צווישן אַ שטאָט אומגעקומענע יידן געפֿינען אַ כלה?

איך פֿאַרשעם זיך און מאַך ווידער צו די אויגן.

3

ווער איז דער קענטלעכער יונגערמאַן? ער טראָגט אַ שינעל און איז אַנגעטאָן האַלב־מיליטעריש. איך האָב נאָך פֿריער באַמערקט, אַז ער שפּאַרט זיך אָן אויף אַ שטעקל, דער לינקער פֿוס איז פֿאַרוואונדעט. ער איז ברייטלעך אין די פּלייצעס און שטאַרק דאַר אין פּנים. דאָס פּנים איז פֿאַרשוואַרצט, ווי עס זאָל זיין אָפּגעברענט. אויפֿן שוואַרצן דאַרן פּנים זעען אויס זיינע אויגן אָפּלאַכעריש

און, ווי מיר דוכט, צו קלוג. וועגן אַלץ, וואָס זיי זעען און באַקוקן, האָבן זיי אַ מיינונג, זיי שאַצן אַלץ אָפּ און ווערן, אַפּנים, פון קיין זאַך ניט איבערראַשט. דער יונגערמאַן שווייגט און רעדט מיט קיינעם ניט. אַמאָל דוכט נאָר, אַז ער רעדט מיט זיך אַליין, ער באַוועגט מיט די שמאָלע טונקעלע ליפּן און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער דערגייט זיך אַליין די יאָרן. ער האָט ניט נאָר אַ שלעכטע מיינונג וועגן דער גאַנצער וועלט, נאָר ער האָט אויך אַ שלעכטע מיינונג וועגן זיך אַליין.

אייגנטלעך, פאַרוואָס בין איך ביז איצט מיט אים ניט באַקאַנט? איך טראָג אויך אַ שינעל, איך גיי אויך האַלב-מיליטעריש אָנגעטאָן. איך בין ניט לאַנג פון שפּיטאָל. מיר פאָרן שוין באַלד אַ גאַנצן טאָג אין איין וואַגאָן, איינער ניט ווייט פונעם אַנדערן און... גאָרניט. וואָס מער איך קוק אויף אים — אַלץ מער זעט ער מיר אויס קענטלעך.

איך האָב מיט אים פאַרפירט אַ שמועס. און עס לאָזט זיך אויס, אַז כאָטש יידן זיינען אויף דער ערד געבליבן מיט זעקס מיליאָן ווייניקער, דאָך גילט דער אַלטער כלל: צוויי יידן, אַז זיי באַגעגענען זיך אין וועג, באַקענען זיך, רעדן זיך פאַנאַנדער, לאָזט זיך אויס — אַז זיי זיינען פון איין שטאָט, כמעט פון איין גאַס. אויב זיי זיינען ניט קיין פריינט, זיינען זיי אָדער באַקאַנטע אָדער האָבן געמיינזאַמע באַקאַנטע.

ניין, קיין פריינט זיינען מיר ניט. מיר זיינען, אמת, פון איין שטאָט אין מערב-ווייסרוסלאַנד און כמעט פון איין גאַס. מיר זיינען באַקאַנט. אים רופט מען ראובן, מיך — שמעון. מיר דערמאָנען זיך פאַרגאַנגענע טעג, מיר האָבן זיך וועגן וואָס צו דערמאָנען, וואָרים מיר ביידע, לאָזט זיך אויס, ווייסן, אַז בחורוויז איז זיין טאַטע געווען שטאַרק פאַרליבט אין מיין מאַמען. איך ווייס, עס האָט געפעלט זייער ווייניק, אַז מיין מאַמע זאָל פאַר אים חתונה האָבן. זיין טאַטע, שוין נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער אַלץ ליב געהאַט מיין מאַמען, פלעגט זי כאָטש פון דערווייטן וועלן זען און באַגעגענען. און מיין מאַמע, ווען איר פלעגט שטאַרק שלעכט זיין, פלעגט זי זיך אויך דערמאָנען, אַז זי האָט געקאָנט פאַר אים חתונה האָבן.

ניט איינמאָל האָבן זיך אונדזערע טאַטעס באַגעגנט אין גאַס, זיך געגעבן „שלום" און פאַרפירט אַ שמועס. אָט זע איך זיי ביידן. מיין טאַטע: אַ געבויג הויכער אין וואוקס מיט אַ בלאָנד געשאָרן בערדל, מיט אַ פּנים, וואָס זעט אויס זייער רואיק, מע קאָן לויט אים גאָר ניט דערקענען, וואָס ער טראַכט און וואָס ער פילט. ס'איז ריכטיק, וואָס שכנים זאָגן, אַז מיין טאַטנס פּנים איז ווי אַ זייגער אָן ווייזערס. דער מעכאַניזם אַרבעט, די רעדלעך דרייען זיך, מע הערט דעם טיק-טאַק, נאָר מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן, ווי האַלט עס מיט דער צייט. זיין פּנים ווייזט ניט קיין געפיל און קיין שטימונג.

ראובנס טאַטע איז עטוואָס נידעריקער פון מיין טאַטן, ער איז דערפאַר ברייטער און געזעצטער. זיין פּנים קאָן גאָרניט אויסבאַהאַלטן. ער אַליין שטייט ניט רואיק און אויך יעדער קנייטש, יעדער שטריך פון זיין פּנים רוט

ניט, האַלט זיך שטענדיק אין באַוועגן — פרייט זיך אָדער טרויערט. אַז זיי באַ־געגענען זיך, איז מיין טאַטנס בלאַס־מאַט פּנים שטאַרק גלייכגילטיק. זיין האַנט, וואָס ער דערלאַנגט, איז, דוכט זיך, אַ קאַלטע. זיינע אויגן קוקן אין יענעמס טיף אַריין, און אַליין זאָגן זיי גאָרניט. ראובנס טאַטע רוילט זיך, ער נעמט זיך אַפילו פּאַרהיקען, זיינע אויגן זיינען אומרואיק. מיין טאַטע קאָן אַ ווײַלע שטיין און שווייגן. ראובנס טאַטע מוז גלייך אָנהויבן רעדן.

— יעקב (מיין טאַטנס נאָמען), פאַרוואָס זעט מען דיך זעלטן? ווי לעבט זיך?

— גוט, און פאַרוואָס זעט מען דיך ניט, ישראל? ווי לעבט זיך?

— גוט, יעקב. שכנים זיינען מיר... חברים געווען... פאַרוואָס, אייגנטלעך... אפשר דאַרפסטו אַ גמילת־חסד? אַלטע באַקאַנטע...

— ניין, ניין; אַ דאַנק, ישראל. כ'האָב גענוג...

נאָכדעם האָט מען ניט מער וואָס צו רעדן.

אַז ביי אונדז אין שטוב זיינען מיטאַמאָל צוויי קינדער שטאַרק קראַנק געוואָרן, האָט ראובנס טאַטע, ישראל, אָפּגעוואַרט מיין טאַטן און געזאָגט:

— יעקב, אַנטליי ביי מיר געלט. ראַטעווע די קינדער...

מיין טאַטע האָט גאָרניט געענטפערט און איז אַוועק ווייטער. דעם טאַטנס פּנים איז אויפגערעגט און רויט פון פּליאַמעס. ער האָט „פאַרגעסן", אַז איצט איז ניט באַכט, און ער שלאָפט ניט, ער האָט אינמיטן האַלבן טאָג, אינמיטן דער גאַס אַ זיפץ געטאָן. אין שטוב ביי אונדז איז ניט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען די קינדער. דער טאַטע איז געגאַנגען ביי עמעצן לייען געלט. ביי ישראלן קאָן ער דען לייען? ישראל לייט עס דבורהן (מיין מאַמען), וועמען ער האָט נאָך ביז היינט ליב. דער טאַטע ווייסט עס.

דעם זעלבן טאָג איז צו אונדז אין שטוב דאָס איינציקע מאָל אין זיין לעבן אַריין ראובן. ער איז אַריינגעקומען, ווען דער טאַטע איז ניט געווען, ער איז צוגעגאַנגען צו מיין מאַמען, איר אַ שטופּ געטאָן עפּעס אין דער האַנט, אַ זאָג געטאָן „דער טאַטע"... און איז באַלד ניט געוואָרן.

די מאַמע האָט דערזען אין איר האַנט געלט, אַ סך געלט.

די מאַמע האָט זיך דערשראָקן. עס האָט זי גענומען וואַרפן אין היץ און אין קעלט. „דער טאַטע"... — איז ישראל. אָט דער, וואָס איז בחורוויז נאָך איר טראַט נאָכגעגאַנגען און געווען איבערגליקלעך פון אירן אַ שמייכל. זי ווייסט, ער האָט זי נאָך איצט אויך ליב. ער וויל איר העלפן, ער וויל ראַטעווען אירע קינדער. זי קאָן אָבער ניט נעמען קיין געלט, וואָס אַ פרעמדער מאַנצביל וועט אַריינשיקן. אַ פרעמדער מאַנצביל, וואָס האָט זי אַמאָל ליב געהאַט און... און האָט זי אפשר איצט אויך ליב. זי וועט אָפּגעבן צוריק. געוויס! וואו איז דאָס יינגל, ראובן וואו איז? קינדער, רופט ראובנען, ברענגט אים אַהער! תיכף, באַלד!

ראובנען האָבן מיר ניט געפונען.

— רופט דעם דאָקטער, — האָט זי געזאָגט. — אויב די קינדער איז באַשערט לעבן, איז זייער מזל.

די קינדער איז, אַפּנים, געווען באַשערט לעבן. זיי זיינען געזונט געוואָרן. די מאַמע האָט זיי געשטעלט אויף די פיס. מיט יעדן טאָג וואָס די קינדער האָבן זיך געפּילט בעסער, האָט איר פּנים אַלץ מער גליק אַרויסגעשיינט. מיט יעדן מאָל וואָס דער טאַטע פלעגט אויף איר אַ קוק טאָן, פלעגט זי ווערן פינצטער ווי די ערד.

דעם טאַטן האָט זי גאָר ניט דערציילט. ווי קאָן זי אַזוינס דעם טאַטן דער־ציילן? דער טאַטע האָט גענומען אָפּטער זיפצן אַפילו בייטאָג.

די קינדער זיינען אינגאַנצן געזונט געוואָרן. ס'איז געווען ערב פּסח. דער פּסח איז שוין אין שטוב געווען. דער טאַטע נאָר איז ניט געווען קיין יום־טוב־דיקער. ער האָט אויף קיינעם ניט געקוקט און האָט זיך אַפילו געענדערט אין אויסזען, אַ געלקייט האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים.

ער האָט זיך געוויס אָנגעשטויסן, נאָר גאָרניט געזאָגט.

סאַמע ערב יום־טוב, סאַמע ערב פּסח, מע האָט זיך שוין גענומען גרייטן אין שול, האָט ער אַפּנים באַשלאָסן ווערן פריילעך. גיכער אפשר צוליב דעם, מע זאָל זיך ניט אָנשטויסן, וואָס ער לעבט איבער. און אפשר נאָך צוליב דעם, וואָס אויף היינטיקן פּסח איז דער טאַטע געבליבן מיט זייער אַן אויסגעריבן רעקל. פון אַלטקייט און פון אָפּט פּוצן און רייניקן איז דער אויבערשלאַק געוואָרן שיטער און דורכזיכטיק. אין אַזאַ רעקל דאַרף זיך דער טאַטע באַווייזן יום־טוב צווישן מענטשן. אויף טרייסטן זיך און טרייסטן די שטוביקע האָט ער זיך גענומען מאַכן לוסטיק. גערעדט וועגן פּסח און פריילינג, וועגן קניידלעך און ארבע־כוסות. די מאַמע האָט אים גענומען אונטערמונטערן. עס האָט גענומען דוכטן, אַז אין שטוב באַווייזט זיך ווידער די האָפענונג, אַז ווידער נעמט מען גלויבן אין מזל און גליק, וואָס וועט געוויס קומען. אין אַזאַ שעה, ווען די האָפענונג באַווייזט זיך, ווען דער טאַטע איז פריילעך, האָט די מאַמע זיך באַשלאָסן. זי זוכט שוין לאַנג אַ פּאַסיקן צופאַל. זי האָט פאַרן טאַטן אַ מתנה.

— יאָ, — זאָגט די מאַמע, — קלייבסט זיך אין שול, איז טו אָן אַ ניי רעקל.

דער טאַטע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט זי.

— יאָ, מיין מאַן... אַ ניי רעקל. מיינסט טאַקע, אַז דיין ווייב האָט דיך שוין אויפגעהערט ליב האָבן...

זי האָט אים דערלאַנגט, אמת ניט קיין ניי, נאָר אַ גאַנץ און שיין רעקל.

געוויס האָט דער טאַטע אין דער שעה פון זיין טויט ניט אויסגעזען אַזוי שרעקלעך, ווי אין יענער מינוט. שוין דאָס אַליין, וואָס ניט ער קויפט דער מאַמען, נאָר די מאַמע אים; שוין דאָס אַליין, וואָס אַלע וויסן געוויס, אַז ער איז אַ שלימאַזל, ניט קיין פאַרדינער, קאָן ניט אויסהאַלטן קיין משפחה און מאַכט נאָר אַ נאַרישן אָנשטעל; שוין דאָס אַליין, וואָס ביי אים רייסט זיך אַפילו בייטאָג אַרויס אַ זיפץ און די קינדער פאַרשטייען, ווי שווער און שלעכט ס'איז זייער טאַטן, איז נאָך ניט גענוג — נעמט די מאַמע און דערלאַנגט אים אַ מתנה אַ רעקל, וואָס עמעצער האָט אוודאי פון זיינעטוועגן געקויפט, געקויפט פון רחמנות וועגן... זיינע קינדער האָט מען אויף די פיס געשטעלט, אין שטוב דעם יום־טוב אַריינ־

געטראָגן, אים אַ מתּנה געקויפט... דער טאַטע פאַרשטייט, ווער... ער קאָן מער ניט איינשטיין, אים ברעכן אַלע ביינער. ער איז געל, זיין געמבע טרייסלט זיך. אַלע זיינע כּוחות קלייבט ער צונויף, אַז פון אים זאָל זיך קיין געשריי, קיין געוויין ניט אַרויסרייסן. די אויגן זיינען אָבער סיי־ווי פייכט. ער שטאַרקט זיך, ער וויל זיך ניט אונטערגעבן, ער וויל אַראָפּשלינגען דעם שווערן און ביטערן וויטיק.

אָט, אָט וועט דער טאַטע וויינען. צי דען וועט דעם טאַטן ניט קלעקן קיין כּוחות אויף זיך איינהאַלטן?

די מאַמע איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. וואָס האָט זי מער דערשראָקן, וואָס האָט זי מער איבערראַשט? צי וואָס דער מאַן אירער וויל וויינען, צי וואָס זי האָט גענומען געלט אַן דעם מאַנס וויסן, — גענומען ביי אַ פרעמדן מענטשן, וואָס האָט זי אַמאָל ליב געהאַט, וואָס האָט זי איצט אויך ליב... — פון שרעק פאַרמאַכט זי דאָס מויל.

די מאַמע ווערט ווי פאַרגליווערט. מיטאַמאָל האָט זי דערזען און דערפילט אַזוינס, וואָס זי קען עס ניט באַנעמען, קען ניט פאַרשטיין. אַז דער גליווער לאָזט זי אָפּ, איז זי גרייט שינדן פון זיך זיבן הויטן, דורכפאַלן דורך דער ערד.

זי האָט זיך דערפילט ניט ריין און שטאַרק אומגערעכט. זי האָט באַליידיקט, פאַרשעמט דעם טאַטן. איצט איז איר מיט איינמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן. איר לעבן איז געענדיקט, אַ לעבן אָן האָפענונג. היינט איז אַלץ פאַרשפּילט.

זי האָט דווקא געוואָלט וויינען און ניט געקאָנט. זי קאָן ניט וויינען...

דערפאַר וויינען די קינדער. זיי וויינען ביטער ביז פאַרגיין זיך:

— טאַטע, טאַטע, ניט וויין!

פון יענעם יום־טוב אָן האָט דער טאַטע אָפּט געזיפצט און געקרעכצט ביי־טאָג. זיין פּנים איז געוואָרן געלער, די האָר גרוי. פון יענעם יום־טוב אָן איז דער מעזיניק שוין פאַרבליבן אויף שטענדיק אַ מעזיניק.

איצט פרעגט מיך ראובן:

— די מאַמע לעבט?

— ניין. אומגעקומען.

— דער טאַטע?

— אויך. און דיינע עלטערן? — פרעג איך.

— אויך.

דוכט זיך, דאָס וויכטיקסטע, וואָס עס דאַרפן זיך פרעגן צוויי יידן, ווען זיי באַגעגענען זיך, — האָבן מיר געפרעגט. צו אַזוינע ענטפערס זיינען מיר ביידע צוגעוואוינט. מיר שווייגן אַ ווײַלע...

ראובן זאָגט:

— דיין מאַמע . . .

איך דערפיל, אַז וועגן מיין מאַמען וויל ער עפּעס זאָגן ניט גאָר גוטס. איך

גיב אַ דריי אויס דעם קאָפּ און שטעל אויף אים אָן אַ פּאָר אויגן, וואָס דריקן אויס מער גרייטקייט זיך שלאָגן, ווי הערן.

— וואָס מיין מאַמע?

— דיין מאַמע איז מיר לאַנג, לאַנג פון קאָפּ ניט אַרויס. איינמאָל נאָר בין איך ביי איר אין שטוב געווען. דער טאַטע האָט מיך געשיקט. איך האָב דעמלט מיטאַמאָל אַלץ פאַרשטאַנען.

— אַלץ?

— שמעון, איך ווייס דען ניט, אַז דיין טאַטע איז ניט שולדיק? נאָר איך בין איר געווען אַ שונא. און דיך האָב איך דען ניט פיינט געהאַט? און זיך האָב איך דען ניט פיינט געהאַט? אויף מיין טאַטן האָבן איך רחמנות געהאַט. איך האָב באַשלאָסן דעמלט קיינמאָל אין מיין לעבן ניט חתונה האָבן. און דאָך האָב איך אַ כלה געהאַט און אַ ליבע געפירט...

ראובן איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע אויגן האָבן איצט מער ניט אָפּגעלאַכט, ניט באַשולדיקט קיינעם. זיי זיינען געווען איינגעטראַכט אין זיך אַליין. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן, נאָר שטיל און אַפילו טרויעריק:

— געווען אַ לעבן. פיינט געהאַט, ליב געהאַט. טאַטעס זיינען געווען, מאַמעס. איצט? — פּלוצים האָט ער געהעכערט די שטים. — וואוהין פאָרסטו?

— אַהין...

— אַהין... אַהיים, הייסט עס.

— אַהיים.

זיין בליק ווערט אָנגעצונדן און ווערט ווידער אָפּלאַכעריש. ווידער האָט ער אַ שלעכטע מיינונג וועגן דער וועלט, וועגן מיר, וועגן זיך...

— דיין היים איז אַ בית־עלמין. צי ווילסטו דאָרט עמעצן ניט טרעפן? צי האָפּסטו ניט אָנהויבן אַ לעבן אויפסניי? יידן האָבן אַ קורצן זכרון. מע פאַרגעסט שוין היינט, וואָס נעכטן איז געווען. — ער ווערט אַלץ אויפגערעגטער, זיין פּנים ווערט שוואַרצער און דאַרער, זיינע טונקעלע ליפּן קרימען זיך אויס, ער ציטערט אַזש מיטן גאַנצן קערפּער. — אַהין... אַהיים, אַ בית־עלמין! גענוג, רעד מער ניט! רעד ניט! — ער האָט געשריען צו מיר, איך זאָל ניט רעדן, כאָטש גערעדט האָט ער אַליין און איך האָב געשוויגן. — איך וועל מיט מיין שטעקן שלאָגן איבערן קאָפּ... גענוג!

ער האָט זיין שטעקל אויפגעהויבן.

עס איז געוואָרן טונקעלער און קילער. צי האָט זיך די זון ניט דערשראָקן פאַר ראובנס שטעקן? זי האָט גענומען גיך צעשווענקט ווערן, ענדערן איר אויס־זען: אָט אַ פייערדיקער באַרג וואָס פאַלט, אַ שיף וואָס טרינקט זיך, און אָט גאָר אַ מענטש אָן אַ קאָפּ, באַגלייט אונדזער צוג. דער צוג איילט זיך אין נאַכט אַריין, און די זון איילט אין נאַכט אַריין. פון דעם אַנטקעגנדיקן פענצטער זעט מען, ווי די נאַכט ציט אויס אירע פאַדערשטע טונקעלע לאַפּעס און וועט באַלד

אַ שפּרונג טאָן פון וואַלד אַרויס, פאַרדעקן די ערד און פאַרשלינגען די לעצטע ראַזלעכע סימנים פון טאָג.

ס׳קומט אָן דער אָוונט און צוזאַמען מיט אים דער אומעט — אָן אומעט, פאַר וועלכן איך האָב מורא, וועלכער רופט אַרויס אַ בענקעניש נאָך אַ היים, נאָך אַ נאָענטן מענטשן, וואָס זאָל דיך פאַרשטיין און פילן; אָן אומעט, ווען די גאַנצע בענקעניש פון אדם־הראשון ביז היינטיקן טאָג קריכט אַריין אין דיר איינעם. עס ווילט זיך שטיל, שטיל, פאַר זיך אַליין אויסוויינען... צום פענצטער צוזאַמען מיט דער פינצטערניש פאַלן אויף צו באַקאַנטע געזיכטער, וואָס זיינען אַזוי נאָענט און וואָס שרעקן אַזוי. עס קוקט אַריין דער זיידע, וואָס פלעגט מיך אַלעמאָל איבערן קאָפּ גלעטן, דער טאַטע אין זיינע טעג פון האָפענונג, מיין שוועסטער אין אירע כלה־קליידער. עס קומען מומעס און פעטערס, גאַנצע גאַסן קוקן אַריין אין שטוב. זיי קומען מיר דערמאָנען, אַז איך זאָל אין זיי ניט פאַרגעסן. גאַנצע דורות קוקן אַרויס אויף מיר, דעם איינציקן לעבן־געבליבענעם, דעם איינציקן יורש פון הונדערטער יאָרן לעבן. מיט מיר קאָנען זיך ענדיקן אַלע חלומות, מיט מיר קאָנען זיך אָנהויבן אַלע האָפענונגען. מיר דוכט, אַז זיי שרייען צוזאַמען מיטן רויש פון די רעדער: ביסט דער לעצטער, דער לעצטער... זיי וועלן ניט אָפּטרעטן, ביז זיי וועלן ניט וויסן: איך בין לעבן, צי נאָר אַ סימן, אַן אָנדענק, אַז אַמאָל איז געווען אַ לעבן...

דער אומעט גייט אַריבער אין שרעק: צי איז שוין טאַקע אַלץ, אַלץ גע־ענדיקט? איך מוז מיט עמעצן רעדן, פרעגן אָדער בעטן. אפשר וועט עמעצער טרייסטן, אפשר אַ גוט וואָרט זאָגן.

ראובן, ווי ער איז פריער געבליבן שטיין מיטן שטעקל אין דער האַנט, אַזוי שטייט ער נאָך אַלץ קעגן פענצטער. ער קוקט אַרויס דורכן שויב, נאָר זעט געוויס גאָרניט. עס קאָן נאָר דוכטן, אַז ער קוקט ערגעץ, אין דער אמתן ליגט ער גאָר אויפן דעק פון זיין אייגענער נשמה, ער איז אין זיך אַליין.

— ראובן... — זאָג איך.

— ראובן... — ענטפערט ער. — ראובן... — און חזרט ווידער איבער ווי פאַר זיך. — ראובן, ראובן...

— און דו וואוהין? — פרעג איך.

— וואוהין? אַהיים!

— אַהיים?

— אַהיים!

ערשט אין עטלעכע רגעס אַרום דערגייען צו ראובנען זיינע אייגענע ווערטער. ער קערט זיך אויס צו מיר און נעמט זיך פאַרענטפערן.

— איך לאָז זיך פאַרפירן פון דער לעצטער האָפענונג. דרייצן מענטשן זיינען געבליבן, דרייצן מענטשן לעבן... אפשר, שמעון, אפשר... אפשר מיין כלה אויך...

איך פיל — ממש אָנצוטאַפּן מיט די פינגער, — אַז מיט זיין גאַנצן וועזן בעט ער זיך ביי מיר, איך זאָל אים אַנטשולדיקן פאַר זיין לייכטזין, פאַר זיין

נאַרישן האָפן. ער בעט, איך זאָל ניט דערווידערן און ניט אָװעקטרייבן זיין גוטן חלום.

איך גיב אים נאָך.

4

מיר פאָרן צוזאַמען אַהיים — ראובן און שמעון. מיר פילן זיך ווי לאַנג־יאָריקע חברים. מיר וועלן צוזאַמען אַנקומען און אפשר אונטער איין דאַך לעבן.

מיין באַנק איז די אויבערשטע, זיינע — די אונטערשטע. מיר ליגן אויף אונדזערע ערטער, אוןביידע זיינען מיר פאַרנומען מיט אונדזער יוגנט. און כאָטש יעדער טראַכט און טרוימט פאַר זיך, איז אונדזער ביידנס דערמאָנונג געווענדט צו איין גאַס, צו איין שטוב, צו צוויי פענצטער פון דער שטוב, וואָס קוקן אַרויס אין צוויי באַזונדערע שמאָלע געסלעך. אין איין פענצטער קוק איך, אין דעם צווייטן — ער. וואָס זע איך אין מיין פענצטער?

אַ היפּש צימער, ענג פאַרשטעלט מיט שטוב־חפצים. אַנטקעגן פענצטער ביי דער וואַנט — אַ גרויסער שפּיגל. ביים שפּיגל שטייט אַ מיידל. איך זע איר פּנים אין שפּיגל. איך זע איר פלייצע דורכן פענצטער. איינציייטיק איר פּנים און איר פלייצע האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען. און דעריבער דוכט מיר, אַז ניט נאָר אירע אויגן קוקן ווי שטענדיק פאַרוואונדערט־פאַרייליעדט, ווי זיי וואָלטן אַלץ האַלטן אין איין אַנטדעקן אַנגענעמס און טשיקאַוועס, נאָר איר מיידלשע אומרואיקע פיגור איז אויך פול מיט פרייליעכער פאַרוואונדערונג. איך זע אין שפּיגל, אַז זי אַליין געפעלט זיך און פון דעם איז זי צופרידן. נאָר אָט, אַפּנים, דערזעט זי אין שפּיגל אַ קאָפּ אין פענצטער. ער איז איר באַקאַנט. זי וויל זיך מאַכן ניט וויסנדיק, נאָר זי האַלט ניט אויס, זי קערט זיך אום און שפּרינגט צו צום פענצטער. אונדזז טיילט אָפּ אַ שויב. מיר זיינען צום גלאָז צוגעפּאַלן מיט אונדזערע ליפּן. איך שטיי אין געסל, און מיר דוכט, אַז איך פלי, איך שוועב, אַרומגענומען מיט די הענט די גאַנצע וועלט. עס אַרט מיך ניט, וואָס עס גייען פאַרביי מענטשן, עס קימערט מיך ניט, וואָס זיי וועלן טראַכטן וועגן אַ בחורל, וואָס שטייט לעבן אַ פרעמדן פענצטער. זיי קאָנען טראַכטן: אַ גנב. זיי קאָנען מיינען: אַ דולער. זיי וועלן זיך אפשר אָנשטויסן, אַז אַ פאַרליבטער. אַלץ־איינס... זאָלן זיי טראַכטן וואָס זיי ווילן. נאָכדעם באַוויזט זיך לאה אַליין אין געסל. מיר כאַפּן זיך פאַר די הענט און איילן אין זומערדיקן אָוונט דורך גאַסן און געסלעך צו די סעדער. מיר רעדן קיין וואָרט ניט, מיר קוקן ניט איינער אויפן אַנדערן, מיר האַלטן זיך נאָר פעסט פאַר די הענט און פליען, ווי אַן איינגעשפּאַנט פּאָרל. מיר שטעלן זיך ביידע מיטאַמאָל אָפּ און נעמען זיך אַרום.

אָפּט, אָפּט פלעג איך קומען צום פענצטער. צו איר פענצטער. ניין, ס'איז מיין פענצטער. און וועמענס פענצטער איז עס איצט?

מיין חבר ראובן אויפן אונטערשטן באַנק שטייט נאָך איצט ביי דער שויב. לויט זיין פּנים זע איך, אַז ער האָט זיין גאַנצן קאָפּ צוגעדריקט צום גלאָז. ער האָט זי דערזען... זיין פּנים זאָגט עס, זיינע אויגן דערציילן עס, ער האָט דערזען

רחלען. זיין פאַנטאַזיע, מסתמא, טראָגט זיך לאַנגזאַם. איך האָב שוין געזען אַ סך ווייטער, און ער האַלט נאָך ביים אָנהויב...

איך וויל אים ניט שטערן. נאָר פאַרוואָס האָט זיך ראובן אויפגעשטעלט? ער האָט אַפילו פאַרגעסן נעמען דעם שטעקן אין דער האַנט. ער וויל עפּעס פרעגן.

— שמעון, געדענקסט אפשר... וואו איז ביי רחלען געווען דאָס חן־פּינטעלע, אויף דער רעכטער באַק צי אויף דער לינקער?

— דאָס חן־פּינטעלע, ראובן, דאָס חן־פּינטעלע איז געווען אין פענצטער.

5

מיר זיינען אָנגעקומען אַהיים — ראובן און שמעון.

מיר שטייגן אַרויס פון וואַגאָן און דערקענען ניט, ניט דעם וואָקזאַל, ניט די שטאָט, ניט די גאַסן.

היימשטאָט אין מיינע בלוטן, אין מיין לייב און לעבן האָב איך איינגעזאַפּט די ליבע צו דיר! וואָס ווייטער פון דער היים — אַלץ שענער האָסטו זיך מיר געחלומט. די זון אויף דיינע געסלעך איז געווען גאָלדענער ווי אומעטום, דאָס וואַסער אין דיין טייך פרישער און וויכער ווי אין אַלע טייכן און ים׳ען. דיינע קוואַלן און קרענעצעס האָבן געערוישט מיטן געזאַנג פון מיין יוגנט. דער שטויב פון דיינע גאַסן איז געווען אָנגענעם, דער רויך פון דיינע קוימענס איז געווען ליב. דיינע סעדער און גערטנער איינגעבאַקן אין האַרצן. דיינע מיידלעך — די שענסטע, דיינע איינוואוינער — די בעסטע. מיין היים, מיין היימשטאָט, ביסט מיר ליב געווען ווי די ערשטע ליבע.

איצט שטיי איך אויף דיינע גאַסן, ווי אַן אָבל, ווי אַן אָפּגעמשפּטער, ווי אַ מענטש, וואָס קומט אויף אַ חתונה און טרעפט אַ לוויה.

דיינע גאַסן זיינען חרוב, דיינע הייזער צעבראָכן, דיינע שויבן צעזעצט. סעדער דיינע האָבן ניט קיין גרינס און קיין שאָטן. פּניאָקעס, פוילע פּניאָקעס סטאַרטשען פון דיין ערד, ווי אונטערגעשניטענע יאָרן. דיינע קוימענס שטייען פאַרלאָזטע, אָן רויך. דיין בית־עלמין איז געבליבן אָן מצבות. דיין אייביקע רו איז צעאַקערט...

איך מיט ראובנען גייען איבער די גאַסן פון אונדזער היימשטאָט. אין שינעלן, מיט קלומקעס אויף די פּלייצעס. ראובן מיט אַ שטעקל, זעען מיר איצט אויס ווי וואַנדערער, וואָס געפינען, פאַרלירן און זוכן ווידער.

דער וועג פירט אונדז צו אַ באַקאַנטער גאַס. מיר זוכן די שטוב, וואָס אירע פענצטער גייען אַרויס אין צוויי באַזונדערע שמאָלע געסלעך. די גאַס איז חרוב. די שטוב, די צוויי־גאָרנדיקע שטוב מיט די דאַכלקעס, איז פאַרבליבן. כמעט דאָס איינציקע הויז אויף דער גאַס. מיר דוכט, איך גיי אויף די שפּיץ פינגער. דער אָטעם פאַרכאַפּט. אַרום איז שטיל, ווי אויסגעשטאָרבן. מיר זיינען פאַרכאַפּט פון דער שטילקייט און פון אומגעריכטער דערוואַרטונג. וואָס וועלן מיר זען און וועמען באַגעגענען?

ביים פענצטער בלייבן מיר שטיין. איך האָב מורא אויפהייבן די אויגן, איך שרעק זיך אַריינצוקוקן. איך שטיי ביים פענצטער און שאָקל זיך, ווי דער ווינט

וואָלט מיך געבויגן. איך וויל זיך עפּעס דערמאָנען, נאָר גאָרניט, גאָרניט קומט אויפן זינען.

איך קוק אַריין אין פענצטער. אַ פּוסטע שטוב, אַ פאַרשטויבטע, אַ פּאָר־שמוציקטע. די אַנטקעגנדיקע וואַנט טראָגט דעם סימן פון אַ שפּיגל, וואָס איז דאָ אַמאָל געשטאַנען. איך רוק אַריין דעם קאָפּ אין פענצטער און וויל זען, צי איז אפשר פאַרבליבן אַ סימן פון מיין ליבע, פון מיין יוגנט. איך זע נאָר שפּינ־וועבס אין די ווינקלען. איך מאַך ווידער צו מיינע אויגן. ווידער שאָקל איך זיך, ווי דער ווינט וואָלט מיך געבויגן, און ווידער קומט מיר גאָרניט אין געדאַנק.

איך עפן די אויגן און ווער איבערראַשט. אין פענצטער איז געבליבן אַ ווינקל שויב. צי איז עס ניט יענס שטיקל גלאָז, צו וועלכן מיר האָבן אונדזערע ליפּן צוגעלייגט? דער זכרון גיט מיטאַמאָל אַ שפּרונג און נעמט אויסשפּילן אַזויפיל דערינערונגען. איך קאָן מער רואיק ניט איינשטיין. פון מיין היים, פון מיין שטאָט, פון מיין משפחה, פון מיין ליבע און יוגנט איז געבליבן גאַנץ נאָר איין שטיקל גלאָז אין אַ ווינקל ראַם.

און ווידער פאַל איך צו איר צו מיט מיינע ליפּן.

נאָך לאַנג אַרומגיין און זוכן דערזעען מיר אַ יידן.

דער ייד שטעלט זיך אָפּ, און מיר שטעלן זיך אָפּ.

דער ייד קוקט אויף אונדז און וואונדערט זיך. מיר קוקן אויף אים און וואונדערן זיך. מיר פרעגן ניט, צי איז ער אַ ייד. אויף זיין פּנים ליגט דער גלות אין דייטשישן גיהנום. ער אונדז גיט יאָ אַ פרעג:

— יידן?

— יידן.

— טאָקע יידן! שלום־עליכם. גערן צו זען אַ יידישן פּנים. צוויי יידן צו־געקומען. וואו האָט איר זיך אָפּגעשטעלט? צי האָט איר וואו צו נעכטיקן? צי זייט איר ניט הונגעריק? קומט מיט מיר, איך וועל אייך פירן צו יידן.

— אַ סך יידן?

— אין אַ שטאָט פון פופציק טויזנט זיינען מיר צוזאַמען מיט אייך פופצן.

מיין חבר ראובן, אַז ער האָט שוין געכאַפּט אַ יידן, וויל ער וויסן:

— און אַלע דרייצן קענט איר?

— געוויס. איך וויים מיין גאַנץ פאָלק.

מיין חבר ראובן וויל נאָך וויסן:

— און פרויען זיינען אויך פאַראַן?

— פרויען אויך.

— פרויען אויך... — צי איז עס ניט רחל, ניט לאה? ראובן קאָן ניט איינ־שטיין רואיק. ער איז איצט געראָטן אין זיין טאַטן. אויף זיין פּנים, ווי אין אַ שפּיגל, זעט מען אַלץ, וואָס ביי אים אויף דער נשמה טוט זיך. דורך זיינע אויגן לייכט אַרויס דער פאַרלאַנג אָנצוכאַפּן דעם יידן פאַר דער האַנט און פרעגן איין וויכטיקע פראַגע:

— אַ מיידל מיט אַ חן־פּינטעלע פֿאַראַן ?
— מיט אַ חן־פּינטעלע ?... יאָ. פֿאַראַן אַ מיידל מיט אַ חן־פּינטעלע, פֿאַראַן.
— קומט, — שרייט אויס ראובן, — מיר גייען. פֿירט אונדז...
ווידער דוכט זיך מיר, אַז ראובן איז ענלעך אויף זיין טאַטן. ער פֿאַרהיקעט זיך אַפילו.
— צי ווייסט ער ניט ווי מע רופֿט זי ? — פֿרעג איך.
— דאָס מיידל, — זאָגט דער ייד, — מיטן חן־פּינטעלע... אַוודאי ווייס איך. איך ווייס עס גאַנץ גענוי. זי הייסט לאה.
— לאה הייסט זי ? חברים, — שריי איך אויס, — וואָס שטייען מיר ? קומט ! מיר איילן זאַלבעדריט.
איך וויל וויסן, ווער איז לאה. ראובן וויל דערזען דאָס מיידל מיטן חן־פּינטעלע. דער ייד איילט נאָך אונדז ביידן. ער איז שטאַרק צופֿרידן.
— איר ווייסט ניט, ווי מע וועט זיך דערפֿרייען. נאָך צוויי יידן...

6

איך לויף מיט ראובנען זען און אָנקוקן די איינציקע געבליבענע רחל אָדער לאה.

די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט געפֿינט זיך איצט אין איין דירה. אין אָוונט זיינען אַלע אויף אַן אָרט. אַלע באַגעגענען אונדז און וואַרפֿן זיך קושן.

— יידן, נאָך צוויי יידן ! היגע יידן.

די דרייצן מענטשן ווילן אַלע רעדן מיט אונדז. מיר פֿאַרשטייען עס און בעטן זיי :

— רעדט, חברים, רעדט, דערציילט...

אָבער פֿריער ווילן זיי עפּעס פֿרעגן. זיי ווילן אַלע וויסן :

— צי איז ריכטיק, אַז ערגעץ לעבן נאָך יידן ?

— מיר האָבן געמיינט... מיר, די דרייצן, זיינען די איינציקע איבער־געבליבענע פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק.

און מיר, די צוויי געקומענע, זיינען עדות, אַז יידן לעבן נאָך.

אויפֿן טיש איז ברויט און זאַלץ און צוקער. עס ברענט אַ קעראָסין־לאָמפּ. צוויי פֿאַרשטייער פֿון די לעבעדיקן יידן מיט דרייצן פֿאַרשטייער פֿון די אומ־געקומענע פֿראַוון אַ סעודה.

מיר בעטן זיי : דערציילט אונדז פֿון אונדזער אומגליק.

זיי בעטן אונדז : דערציילט אונדז פֿון אונדזער גליק.

פֿון דער גרויסער שיסל קאַרטאָפֿל אויפֿן טיש שלאָגט אַ פּאַרע. מיר זיצן אַלע אַרום טיש. זיי נעמען ביסלעכווייז דערציילן. איינער, אַ צווייטער און אַ דריטער. פֿאַר איינעם אַלץ אויסדערציילן איז אוממעגלעך. אָט דערציילט אויך לאה, לאה מיטן חן־פּינטעלע. איך מיט ראובנען דערמאָנען זיך נאָך וואָס מיר זיינען געקומען. ביידע ווערן מיר געוואָר : ניט מיין לאה, ניט זיין רחל. אַ יונג

מיידל מיט חן אין פּנים, ניט געקוקט אויף אירע צרות, מיט קלוגשאַפט אין די אויגן. איך ווייס ניט, וואָסער געדאַנק וועט אין מיר נעמען הערשן? צי וועגן דעם, אַז יוגנט קאָן אַלץ איבערלעבן, צי וועגן דעם, אַז ווען איך האָב געזוכט, האָב איך ניט געפונען, און צי זאָל איך גאָר הערן, וואָס לאה דערציילט.

מיר הערן, וואָס לאה דערציילט. זי דערציילט קורץ און סטאַרעט זיך זיין רואיק. גאַנצע גאַסן יידן האָט מען אַרויסגעטריבן אויפן מאַרק. ס'איז ווינטער. געהייסן האָט מען מיטנעמען לעפל. דער דייטש האָט באַפוילן: מיט די לעפל אַפּרוימען דעם מאַרק פון שניי און אייז. אַ גאַנצן טאָג האָבן יידן זיך געמאַטערט און גערייניקט דעם מאַרק. פאַרנאַכט האָט מען זיי אַוועקגעפירט שיסן. זי אַיינע האָט זיך געראַטעוועט.

7

מיר זיינען שוין דאָ פינף טעג. אַלע פינף טעג טרעט ראובן ניט אָפּ פון לאהן. עס איז אַריבער נאָך אַ וואָך, און לאה קוקט אויף ראובנען מיט גליקלעכע אויגן.

מיך פאַרדריסט עס.

וואָס, אייגנטלעך, מיינט אָט דער ראובן? צי רעכנט ער ניט אויף חורבות אָנהויבן אַ ניי לעבן? צי וויל ער ניט ווערן אַ מצבה אויפן גרויסן בית־עלמין? כ'וועל דערמאָנען ראובנען, אַז ער פאַרגעסט היינט, וואָס נעכטן איז געווען. שוין אַ טאָג צוויי ווי איך מייד אים אויס. אָט איז אַריבער נאָך אַ טאָג, און איך וויל אים ניט זען. איך בלאָנקע אַרום איינער אַליין. מיך פאַרדריסט, וואָס ישראלס זון, ראובן, איז איינגעפאַלן אַ ווילדע פאַנטאַזיע — אָנהויבן אַ לעבן פונדאָסניי.

לאהן וויל איך זען. אויף צו־להכעיס זיך אַליין, זע איך זי ניט. אויך אויף איר בין איך ברוגז. פאַרוואָס? כדי זיך ניט ענטפערן אויף „פאַרוואָס", פלאָנטער איך מיינע אייגענע געדאַנקען. איך נעם זיך אַפילו איינרעדן, אַז דערפאַר, ווייל זי טראָגט דעם נאָמען לאה. איך וויל זיך דערמאָנען, אַז לאה האָט ניט געהאַט קיין חן־פינטעלע. מיר נעמט זיך דוכטן, אַז יאָ.

— וואָס איז מיט אייך, שמעון? איר זייט צעטראָגן? — פרעגן מיך יידן.

— צעטראָגן? אויף קיין האָר. איך קלייב זיך פשוט צוריק.

— צוריק? וואָס רעדט איר, שמעון?

זיי האָבן פון דעם פאַרדרוס. זיי ווילן, אַז מענטשן זאָלן אַהיים קומען. אָבער אַוועקפאָרן פון זיי? אַפילו לאה כאַפּט מיך אָן מיט אַ טענה:

— צי דען, שמעון, ווילט איר פון אונדז אַוועקפאָרן?

— איך וויל.

— עס וועט ראובנען שטאַרק פאַרדריסן.

„עס וועט ראובנען שטאַרק פאַרדריסן". און איר, לאהן, ניט? אָדער אפשר, וואָס עס פאַרדריסט ראובנען, פאַרדריסט אויך לאהן? איך וואָלט עס געפרעגט, נאָר צי דען דאַרף לאה וויסן, וואָס איך פיל און טראַכט? איך וויל נאָר וויסן, ווען וועט זיי קומען מזל־טוב?

עס גיט אַ שפּיל אויף די קלוגשאַפט אין אירע אויגן. דער חן אויף איר פּנים רויטלט זיך. זי זאָגט:

— ווי מע וויל. אַז מע וויל, ווערט אונדז נאָך ערשט קומען מזל־טוב. אַז מע וויל, האָט מען שוין פּערשפּעקטיק.

— מזל־טוב אײַך, לאה! מיט מזל זאָלט איר לעבן!

— אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק!

צי קאָן איך דאָ בלײַבן אין דער שטאָט? איך פאָר צוריק.

ראובן האָט מיך אויפגעזוכט.

— שמעון, דו פאָרסט צוריק?

— און דו, ראובן?

— איך בלײַב!

— בלײַבסט... צי האָפסטו ניט אָנהויבן אַ לעבן פונסניי? האָסט אַ קורצן זכרון.

— יאָ, איך הויב אָן אַ ניי לעבן.

— אויף אַ בית־עלמין אָן קברים? קיין לעבן איז דאָ מער ניטאָ.

— עס הויבט זיך ווידער אָן אַ לעבן. ליב האָבן, פיינט האָבן — איז לעבן.

ראובן פאַרשטייט ניט. אים, ראובנען, זע איך. ראובן מיך — זעט ניט. ער וויל לעבן, וויל ער האָט געפונען לאהן. אַלע זעען זיין פרייד, אַלע פילן זיין גליק. אַז איך בין מקנא — זעט ער ניט. אַז מיך פאַרדריסט — פאַרשטייט ער ניט. אַז מיך ציט צו לאהן — שטויסט ער זיך ניט אָן. ביי אים איז אַלץ אָפן. ביי מיר — פאַרמאַכט און פאַרזיגלט.

מיט מיין קומען אַהער האָב איך צוויי מאָל פאַרלאָרן. כ׳האָב ניט געפונען יענע, וועלכע איך האָב געזוכט. כ׳האָב פאַרלאָרן די, וואָס ראובן האָט געפונען.

ראובן פאַרשטייט עס ניט. ער וויל מיך באַרואיקן. ער וויל מיך דערפרייען און דערציילט וועגן לאהן. איז פאַרוואָס, פאַרוואָס פאָר איך אַוועק? ער נעמט מיר ווידער איינרעדן, אַז דאָ וועט זיין אַ לעבן, אַז מע טאָר ניט פאַרלירן די האָפענונג. מע דאַרף ניט נאָר פיינט האָבן, נאָר אויך ליב האָבן.

מיין פאַרדרוס איז ווייט פאַרגאַנגען. זיין ווייכע שטים ערגערט מיך, זיין גוטפריינטשאַפט איז דערווידער. איך וויל שווייגן, נאָר איך קען ניט. איך צעשריי זיך אויף אים. אויפן שפּיץ צונג ליגט מיר אַזוינס, וואָס איך וויל ניט אַרויסזאָגן. איך בין גרייט אָפּשניידן די צונג צוזאַמען מיט די רייד. דערווייל זאָג איך זייטיקע זאַכן. איך נעם פילאָסאָפירן. מענטשן האָבן אַזויפיל דורכגעלעבט, אַז יעדערן איז איצט גרינג צו זיין אַ „פילאָסאָף״.

איך בין צופרידן וואָס איך רעד אַלץ אַרום און אַרום און לאָז ניט אַרויס די ווערטער, וואָס בעטן זיך אַראָפּשפּרינגען פון צונג. אויף ראובנען ווירקן ניט מיינע רייד. ער שמייכלט אַפילו. ער טראַכט מסתמא וועגן לאהן. ער איז צופיל צופרידן, און איך האַלט ניט אויס...

— איך זאָל בלײַבן, ווילסטו? — פרעג איך אָן אויפגערעגטער מיין צופרידענעם חבר.

אין דער מינוט דוכט זיך מיר, אַז איך דערקען אים ניט. ער זעט אויס אַנדערש. זיין פרייד האָט געענדערט דעם קאָליר פון זיינע אויגן, זיי האָבן פאַרלאָרן זייער אָפּלאָכערישקייט. זיין פּנים איז מער ניט אָפּגעבּרענט, זיינע טונקעלע ליפּן זיינען געוואָרן העלער. ער האָט איצט אַ גוטע מיינונג וועגן אַנדערע און וועגן זיך.

— איך זאָל בלייבן, ווילסטו? — חזר איך איבער. אָבער איך פיל שוין אַליין ניט דעם באַדייט פון די ווערטער, ווייל איך טראַכט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש.

איך טראַכט וועגן דעם, אַז מיין חבר ענדערט זיך און ווערט אַן אַנדערער. איך קוק אים אָן, ווי ער שטייט לעבן דער שטוב, וואָס בויט זיך. נעכטן איז די שטוב געווען גלייך מיט זיינע אַקסלען, היינט איז זי שוין אַריבער זיין קאָפּ. איבער דעם פריש־געלייגטן געטעסעטן קלאָץ פאַלט די זון־שיין אויף זיינע פּלייצעס. דער גאַנצער צו־להכעיס, וואָס איך וויל אים טאָן, צעגייט. מיין פאַרדרוס וועפּט זיך אויס. סוף־כל־סוף... וואָס האָב איך צו אים? ער האָט ליב, מען האָט אים ליב. פאַרוואָס זאָל איך אים ניט ווינטשן מזל? דעם אַזויפיל אָנגעליטענעם מענטשן ווינטשן גליק? דוכט זיך... אַזוי וועל איך טאָן... וואָרים דאָס, וואָס עס איז אַוועק, וועט צוריק ניט קומען, און וואָס עס קומט, — איז ניי און אַנדערש. צי קומט ניט אַ ניי לעבן פאַר אונדז? יאָ. דוכט זיך, איך וועל אים ווינטשן גוטס... נאָר לאָזט זיך אויס, אַז איך קאָן עס ביי זיך ניט פּועלן. איך זאָג מיט צו־להכעיס:

— איך זאָל בלייבן, ווילסטו? איך זאָל ווי דיין טאַטע קרעכצן אין שלאָף, ווייל אין חלום וועל איך זען לאהן...

קיינער האָט זיך נאָך ביז היינט ניט דערטראַכט, ווי צו כאַפּן צוריק אַן אַרויסגעזאָגט וואָרט. אין דער מינוט, ווען איך האָב עס געזאָגט, וואָלט איך אַלץ אָפּגעגעבן אַבי צוריק צו כאַפּן. פאַרוואָס האָב איך עס געזאָגט? צוליב צו־להכעיס, צוליב ניט־פאַרגינען? צוליב מקנא זיין?

מיין חבר איז קליגער פאַר מיר.

— שמעון, — זאָגט ער, — איך גלויב ניט, ניט דאָס ווילסטו זאָגן... מיר זיינען דען ענלעך אויף אונדזערע טאַטעס? אונדזערע טאַטעס זיינען געווען רויטאַרמייער? זיי האָבן ניט געלעבט, נאָר געליטן. ניט דאָס ווילסטו זאָגן, שמעון... דאָס לעבן ליגט אין אונדזערע הענט, אַ חרובע שטאָט האָפט אויף אונדז.

איך בין געבליבן און אים אָפּגעגעבן מזל־טוב.

עזרא פינינבערג

פאַרבלוטיקטע ביכער

אַ יונג, וואָס איז געקומען פון דער שלאַכט,
אַ יונג, וואָס האָט באַדינט קאַנאָנעס,
האָט מיר דערציילט אין מאָסקווע אויפדערנאַכט:

— ווען ס׳האָט געברענט די שטאָט וואָראָניעזש,
ווען ס׳איז געפלויגן אין דער הייך די שרעק,
ווען אויפגעריסן האָט די ערד דער מערדער מיט די העק,
האָב איך אין הויף פון אַ צעשמעטערטער ביבליאָטעק,
לעם שטיין און ביין, וואָס איז צעבראָקט און איז צעשפליטערט,
אין אויסגעמיש פון בלוט און מענטשן־גלידער
געפונען אייערן אַ בוך מיט לידער,
אַ בוך מיט יידישע געזאַנגען.
איך האָב אים אויפגעהויבן פונעם בלוט און פונעם אַש,
כ׳האָב אים אַריינגעלייגט אין קאָמאַנדירישן, אין גרויסן טאַש
און בין מיט אים אין שלאַכט אַריין אַוועקגעגאַנגען.

איז, הייסט עס, דורכן הייסן בלוט פון בייזסטע קריגן
געגאַן בין איך, געגאַן איז אויך מיין ניגון?

כ׳האָב זיך דערמאָנט:
ס׳האָט אויף אַ שטאָט דער כעס דעם פלאָם צעוויכערט.
כ׳האָב פון אַ קלוב אַ חרובן
געראַטעוועט אַ בינטל ביכער.
כ׳האָב זיי אַרויסגענומען פון דער שריפה,
פון די פייערדיקע רייפן.
באַלאָדן כ׳האָב די פלייצע מיינע
מיט אַ שווערן זאַק
און זיך געלאָזט דורך באָמבע־וועג,
דורך ליידיקן באַלשאַק,
צו מיינע גוטע־ברידער לעם קאַנאָנעס און מיט שפּיזן —
צו פאָלק מיינעם, צו מיין דיוויזיע.
געפלויגן איבער מיר מיט שווארצן טויט
דער הענקער.
מיט ביכער האָט גערעדט מיין האַרץ:
— חברים דיכטער און חברים דענקער!

די ברידער מיינע אין שלאַכט
איך שענק אייך!
איר זאָלט, פילאָסאָפן,
איר זאָלט, פּאָעטן,
מיט די ברידער מיינע
ווי די פריינט די נאָענטסטע אַ רעד טאָן.
ס'קאָן יעדן אויגנבליק
אַ באָמבע אין מיין ברודערס ברוסט אַ קלאַפּ, אַ זעץ טאָן,
זאָל אייער וואָרט ביים ברודער זיין
דאָס גלעטנדיקסטע וואָרט אין אויגנבליק אין לעצטן.
נישטאָ קיין העכער גליק,
ווי זיין אַ האַרציקער באַגלייטער
אַריבער גרענעץ שאַרפסטער,
צו דער וועלט דער צווייטער!
איר דאַרפט, פילאָסאָפן,
איר דאַרפט, פּאָעטן,
מיט די ברידער מיינע
ווי די פריינט די נאָענטסטע אַ רעד טאָן!

אויף גרויסן וועג די שיין האָט זיך געלאָשן.
געגאַנגען בין איך מיט מיין ליבן עול
דורכן גרויסן וועג, דורך באַרג און טאָל.
און פּלוצים כ'האָב דערהערט אַ קול —
ס'האָט עמעצער גערופן הויך:
— טאָוואַרישטש קניגאָנאָשאַ! —

אַ מאַשין, וואָס גלאַנצט אין שקיעה־שטראַל.
אין דער מאַשין — אַ יונגער רויטער גענעראַל.
דעם וועג צום פּאָלק מיינעם איך זאָל אים אָנווייזן,
ר'האָט מיך געבעטן.

— וואָס טראָגט איר, חבר קאָמאַנדיר? —
— איך טראָג פילאָסאָפן און טראָג פּאָעטן
צום פּאָלק מיינעם, צו מיין דיוויזיע.
מיין פּאָלק? אָט דאָרט, ביים האָריזאָנט, אָט איז ער!
ער האָט מיך איינגעלאַדן אין מאַשין,
כ'האָב צו דער מחנה מיינער אים דעם וועג געוויזן.
כ'האָב אַלץ אים דערציילט.
כ'האָב אויך דערציילט אים, אַז צוריק מיט יאָרן
עס האָט אין לאַנד אין אונדזערן,

אין אַ שטאָט פון דרום
געלעבט אַ ייד, וואָס האָט געהייסן מוכר־ספרים.
געשריבן האָט דער ייד דער קניגאָנאָשאַ
אויף דער שפּראַך פון פאָלק מיינעם, אויף מיין מאַמעס לשון.
אין אָדעס ער שלאָפט אַצינד, דער זיידע.
אַרום אים — אויף טויזנט מייל
די אויסגעקוילעטע, די פאַרברענט עדה.
אין אַ יאָר פון וויטיק,
אין אַ יאָר פון אומגליק בייזן
האָט דער זיידעניו געהייסן:
— שרייבן זאָלן אייניקלעך מיט גאַל,
מיט בלוט מיט הייסן. —
איצט גייט אַדורך מיין פאָלק דורך וואָרעמס און דורך קאָלטס.
איצט שטעקט ביים פאָלק מיינעם אַ מעסער אינעם האַלדז.
פון ראָטערדאַם און ביזן שוואַרצן ים —
מתים, מתים, מתים.
טיפער קאָן אויף גאָר דער ערד ניט זיין קיין וואונד,
טיפער קאָן אויף גאָר דער ערד קיין ווי זיין.
שרייבן איצטער, חבר גענעראַל,
שרייבן היינט די אייניקלעך מיט גאַל,
מיט לעבן אייגענעם,
מיט בלוט מיט הייסן...

עס יאָגן שטראָמען אויפן שליאַך און אינעם וואַלד,
אויף שטעגלעך דאָרפישע און אויף די פלעצער פון די הויפּטשטעט:
— באַצאָלט, באַצאָלט, באַצאָלט פאַר אַלץ! —
די שטראָמען פון מיין פאָלק, אָ, חבר גענעראַל,
פאָדערן דעם לוין דעם רויטסטן...

פ אָ ל ק

דאָס פאָלק רעדט דיכטונג,
און סע ווייסט ניט פון דערפון,
ווי ס׳ווייסט ניט פון איר ליכטיקייט
די זון.

און איך גיי נאָך דעם
און הער און ניט פאַרשרייב.
נאָר פערל אינעם האַרץ מיינעם
איך קלייב.

איך נעם און נעם פון דאָרט —
אַ וועלט מיט אוצרות בלייבט.

דאָס פאָלק לעבט דיכטונג,
און סע שטויסט זיך גאָר ניט אָן,
אַז הייס זיין דיכטונג,
ווי זיין בלוט און ווי זיין פאָן.
אַז יעדער קאָפּ זיינער
ווערט אין די צאַרטסטע הייכן שוין געמאָלט,
אַז יעדער טראָפּ זיינער
איז פּרעכטיקער פון גאָלד,
אַז צויבערדיק און זויבער
איז זיין גלויבן און זיין עול,
אַז יעדער אות זיינער
איז דימענט, איז קרישטאָל.

און איך גיי מיטן פאָלק
דורך ליכט און קלעם,
און אַלץ דערזע איך שטיל,
און אַלץ פאַרנעם.
און איך — איך זינג מיט דעם,
איך לעב מיט דעם.
איך בין אַ היטער
פון זיין וואונדערלעכן שם.

און ס'טרעפט אַ דור,
וואָס זיך צעפלאַקערט פייער־רויט,
ווען ס'גייט דאָס פאָלק
מיט הויך געזאַנג דורך טויט,
ווען ס'פאָלק דורך אייגן בלוט,
ווי נח'ס תיבה, גייט,
דורך אייגן בלוט,
ווי דורך אַן אייביקייט,
ווען אומקום פייערדיקער
איז דער שענסטער צוויט,
ווען שטומקייט פייערלעכע
איז די שטאַרקסטע ליד,
ווען ס'פאָלק מיט לייב מיט טייערן
די שריפות נערט,
כדי דאָס פאָלק
זאָל אייביק לעבן אויף דער ערד,

כדי ס׳זאָל פריילעך זיין די שפּיל,
די שאָפּונג און די מי,
כדי אַ קינד זאָל זינגען
אין אַ מאָרגנפרי.
דאַן קומט דאָס פאָלק צום זיג,
וואָס קיינמאָל קיינער ניט פאַרגעסט.
דאַן איז דאָס פאָלק אין וואונדער־וועלט
דער העלסטער נס.
און דאַן אויף שריט און טריט
ס׳פאַרקריצט זיך און פאַרשרייבט:
— דאָ לעבט דער גייסט פון פאָלק,
זיין הייליק לייב,
זיין גוף זיין הייליקער,
וואָס האָט דורך אַפּגרונט דורכגעשוועבט
און זיך אין שיין אַריינגעוועבט
און לעבט און לעבט. —

כ׳בין מיטן פאָלק געגאַן,
און ס׳איז מיר גוט באַקאַנט
דאָס שטיין מיט די המונים
ביי דעם סאַמע ראַנד,
ביים שאַרפן ברעג,
ווען ס׳איז שוין ניט באַוואוסט,
וואו ענדיקט זיך דאָס עטעמען,
וואו הויבט זיך אָן די פּוסט.
כ׳בין מיטן פאָלק געגאַן
און ווייסן ווייס איך וואויל,
וואָס הייסט —
מיט ציטעריקן לעבן האָדעווען דעם גרויל,
וואָס הייסט —
אַ שטאָם אַ הייסער צו די פלאַמען איילט,
און ליידיק אייביקער ווערט קערפּערלעך,
און אייביק־הויך עס ווערט די ווייל.

כ׳בין מיטן פאָלק געגאַן,
ס׳איז היינט זיין זיג
צעלויכטן אינעם אויג מיינעם,
צעשמייכלט אין מיין בליק.
פון יעדן ברעקל ערד
מיט אויסגעווייגטן חן

עס זינגט דאָס גרויסע פאָלק,
דאָס פאָלק אַליין,
עס זינגט דער שטאַם,
וואָס האָט אַדורכגעשפּאַנט
דורך טיפסטן ראַנד
אויף אַנרירן, אויף אַנטאָפּן
מיט צאַפּלדיקער האַנט
דאָס ליכט דאָס פעסט־ממשותדיקע
און דעם מילדן בלי —
דאָס קינד, וואָס לאַכט אין גאָרטן
אין אַ מאָרגנפרי.

כ׳גיי מיטן פאָלק
און קוק זיך איין, און הער זיך איין:
עס מאָנט די פּיין,
עס מאָנט די שיין,
אַז יעדער קערעלע,
אַז יעדער רירעלע פון ז י י ן —
זאָל זיין אַ כוס
מיט יענעם כישופדיקן וויין,
וואָס איז פון אָנפאַנג וועלט
אין טיף־באַהאַלטעניש געהיט
פאַר מיין, פאַר דיין,
פאַר אַלעמענס געמיט.

ש י ר אָ ה אָ*)

אַ געזאַנג פון די באַרג־יידן דעם חבר סטאַלין

דער עפּאָס „שיראָהאָ“, וואָס ווערט דאָ געגעבן געקירצט, איז געשאַפן געוואָרן אין דאַגעסטאַן אין דער אוראַלטער שטאָט דערבענט. דאָ לעבן די באַרג־יידן העכער צוויי טויזנט יאָר.

היי, דבורהס טעכטער,
לבנה־מיידלעך,
שפּרייט אויס אַ טעפּיך,
אַ גאָלדנעם אויפגאַנג,
אַ פרילינג־חופּה,
אַ רעגנבויגן
אינעם גן־עדן
פון אונדזער באַרג־לאַנד,

היי, זין פון פעלדזן,
שמשונס איגיטן,[1]
דערלאַנגט די טאַרן[2]
מיט שטראַלן סטרונעס,

---

*) שירה, געזאַנג.
[1] רייטער־העלדן.
[2] נאַציאָנאַלער אינסטרומענט פון די באַרג־יידן.

וואָס שפּילן צערטלעך,
ווי דוד׳ס האַרפּע,
וואָס הענגט פאַרבאָרגן
אין הייל אין ווייטער.
איר מוטערס, טעכטער,
איר יפת־תוארס,
מיט צעפּ מיט לאַנגע,
רייסט אָן פּיל הענגלען
מיט שטערן־טרויבן,
לייגט אויפן טעפּיך
פאַר יעדן אורח
און בעט די אורחים
פון פולן האַרצן
ניט בלויז פאַרזוכן,
נאָר אַלע טרויבן
אין זיך באַהאַלטן.

מיר, די שאירן,[3]
די שירים־זינגער,
האָבן געטרונקען
פון אונדזער אור־קוואַל
און צו די פעלדזן,
וואו ס׳איז באַהאַלטן
די אַלטע האַרפּע,
וואָס שפּילט אונדז אייביק,
מיט לייב־און־לעבן
זיך צוגעטוליעט
און די געזאַנגען
פאַרטרויט די טאַרן.

ס׳איז אַ געזאַנג דאָ,
וואָס אַלע זינגען,
דער שיר־השירים
פון אונדזער לעבן;
ס׳איז דאָ אַ גיבור, וואָס אַלע לויבן,
דער גרויסער גיבור
פון די גיבורים;
איז לאָמיר זינגען
דעם שיר־השירים

און לאָמיר לויבן
דעם גרויסן גיבור.

• • •

אין יאָרן ווייטע,
אין צייטן גרייזע
איז אינעם באַרג־לאַנד
פון הונדערט שבטים
געקומען לעבן
אויך אונדזער שבט
פון דרייסטע טאַטן,
וואָס האָט געוואַנדערט,
וואָס האָט געוואָגלט
און דאָ געפונען
אַ היים, אַ היימלאַנד.
מיר האָבן פעלדער
געזייט מיט טרערן,
מיר זאָלן שניידן
מיט פרייד די תבואה.
געזייט די זריעה
ווי אינעם גליל,
און זייער פלייסיק
געשניטן תבואה,
געזונגען לידער
— נאָר ניט פון פריידן
פון טיפן טרויער,
פון שוואַרצע וואָלקנס,
מיר האָבן נעצן
געשפּרייט אין קאַספּי,
אין גרינער ים־טיף
און אין סאַמורער
צעקרימטן שפּיגל,
און אין סולאַקער
צעברויזטן הימל,
געפאַנגען קאַרפּן
אין גאָלדענע פאַנצערס,
נאָר אָפט ביים מאָלצייט
אונדז פלעגן ביינער
די קעל צעשטעכן.

---

[3] זינגער.

צו קליינע קערנער
אונטערן מילשטיין
איז אונדזער שבט
געווען געגליכן.
ס׳איז שווער און גרויזאַם
געווען דער מילשטיין,
נאָר מיר, די טאַטן,
די קליינע קערנער,
האָבן די הערצער
געשטאַרקט, געפעסטיקט,
די קערנער־הייטלעך
אין שטיין פאַרוואַנדלט.
ס׳האָט ניט צעריבן
דער גרויסער מילשטיין
די קליינע קערנער,
ער האָט זיך אָפּטלעך
מיט זיי פאַרכלינעט
און ניט געדרייט זיך,
און אַלע פעלקער,
די בערג און באַרג־לייט
האָבן מיט חידוש
געזאָגט: „ס׳איז שטאָל־שטיין!“
מיר זייַנען פעלדזן
צווישן פעלדזן,
מיר זייַנען אָדלערס
צווישן אָדלערס,
מיר זייַנען באַרסן
צווישן באַרסן,
מיר האָבן כוח,
מיר זייַנען שמשונס
געפּרוּאווטע יורשים.
מיר פלעגן שמידן
קינזשאַלן, שווערדן,
ווי בלאַנקע מוילערס,
און ס׳זאָל דאָס מזל
אונדז גיין אַנטקעגן,
און ס׳זאָלן שונאים
אונדז ניט פאַרשטערן
דאָס גליק פון פריידן,
מיר פלעגן היטן
ס׳געווער דאָס שאַרפע,
ווי אין די ברוסטן
די הייסע הערצער.

דער צער־און־צאָרן,
די קנאה־שנאה,
דער האַס דער שוואַרצער,
די שלאַנג די בייזע
האָט לאַנג געשיפּעט, —
און הויפנס ווערעם
האָבן געטאָטשעט
דעם „באַרג פון שפּראַכן“
אַזויפיל דורות!
ס׳וואָלט שוין אין אָפּגרונט
דער באַרג געפאַלן!
נאָר אין אַ שטורעם,
אין אַ געוויטער
איז פונדערווייטנס
אַראָפּגעפלויגן
צום „באַרג פון שפּראַכן“
דער פרייהייט־אָדלער
מיט פייער־פליגל,
מיט שטערן־אויגן,
און אויף די פליגל
האָט ער געטראָגן
די גרויסע זון־ראָד.
אין אונדזער היים־שטאָט, —
וואו פון קדמונים
מיר זייַנען תושבים,
האָט ער געניִדערט.
געבראַכט די לוחות.
שוראַ, אָ, היים־שטאָט,
שוראַ, ביסט הייליק,
זינט ס׳האָט דער אָדלער,
דער פרייהייט־אָדלער
מיט פייער־פליגל
דיך אומגעאָרעמט
און דיך פאַראייביקט.

און אַלע פעלקער
האָבן שלוחים
געשיקט צום אָדלער
און ווי דעם גרעסטן,
בעסטן אורח
אים אויפגענומען,
און אויסגעשפּרייט אים —
דעם שענסטן טעפּיך,
און ס׳האָט געדונערט
אַ „יישר־כח״,
און אַלע שבטים
האָט ער פאַרחברט,
און אַלע שטאַמען
האָט ער פאַרברידערט,
און אַלע פעלקער
צונויפגעשמאָלצן,
ווי גאָלד מיט זילבער,
ווי שטאָל מיט קופּער.
דער „באַרג פון שפּראַכן״
האָט אים געשוואָרן
צו לעבן אייביק
אין גרויסער אחדות.

און ס׳האָט דער אָדלער
אין רויטן חייל,
וואָס איז אַנצאָליק,
ווי ביי דעם קאַספּי
די טיפע זאַמדן,
אונדז, פרייע באַרג־לייט
פון אַלע פעלקער,
אַריינגענומען
און אונדז געטראָגן
אין אַלע שלאַכטן
אויף פרייהייט־פליגל.
דער פעלקער־אָדלער
מיט פייער־פליגל
מיט שטערן־אויגן,
האָט אונדז געגעבן
דער זון־ראָדס שטראַלן —
דעם גרויסן אמת,

די טיפע חכמה,
דאָס גליק און פרידן
און האָט באַשיצט אונדז,
און אונדז באַשירעמט
פון אַלע שונאים.
דעם „באַרג פון שפּראַכן״
האָט ער פאַראייניקט
צום לאַנד פון פעלקער,
וואָס איז אומענדלעך
און שטאַרק און מעכטיק,
און אויף דור־דורות,
לעולם־ועד
מיר זיינען ברידער,
איין פאָלקס־משפּחה, —
איין גרויסער בינשטאָק,
איין נעסט פון אָדלערס,
איין שטאַרקע פעסטונג.
דער פעלדזן־שבט,
די בני־יהודה,
די פרייע טאַטן,
די זאַכמעטשקעשן —
דעם שלום־אָדלער,
נצחון־אָדלער
די העגגלען טראָגן
מיט בעסטע טרויבן
פון דרום־גערטנער,
די אַלטסטע וויינען
פון טיפע קעלערס.
אָ, זון! אָ, אָדלער!
פאַר דיר פאַרנייגן
די קעפּ די גרייזע
די אַקסאַקאַלן,
די באַרג־איגיטן,
די פעלדזן־מיידלעך, —
די פּראַכט פון דרום,
דיר זינגען שירה
און לויב־געזאַנגען,
און למנצח
דיר זינגען פעלדזן!

פון באַרג־יידיש: **מ. העלמאַנד**

איקוף פאַרלאַג

לידער און פּאָעמעס

י. קאַצענעלסאָן — דאָס ליד פונעם
אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק — — $1.25
ה. גראַדע—דורות (לידער און פּאָעמעס) 1.75
דוד האָפשטיין — איך גלויב (לידער) 1.50
ז. וויינפער—געזאַנג פון אַ גלויביקן — 1.50
ז. וויינפער — ביים גרענד־קעניאָן — 1.75
דאָרע טייטלבוים — אינמיטן וועלט — 1.00
ל. מילער — שטורעמס און רעגנבויגנס 2.00
א. סוצקעווער — די פעסטונג (לידער) 1.00
א. סוצקעווער — לידער פון געטאָ — .50
י. פּאַפּערניקאָוו — געקליבענע לידער— 2.50
איציק פעפער — די שאָטנס פון
וואַרשעווער געטאָ ——— — — — 1.50
ה. קאַטיליאַנסקי — פאָלקס־געזאַנגען — 5.00
יוסף ראָלניק — געקליבענע לידער — 2.50

דערציילונגען און ראָמאַנען

אויף נייע וועגן (אַלמאַנאַך) — — — 3.00
שלום אַש — געקליבענע ווערק —
ב. 1 : דאָס שטעטל, ר׳ שלמה נגיד,
דער פאַרבאָרגענער בחור — — — 2.50
ב. 2 : געזאַנג פון טאָל — — — 2.50
שלום אַש — דער ברענענדיקער דאָרן 2.50
שלום אַש — דער תהילים־ייד (ראָמאַן) 3.00
י. אַלקאָן —די מלחמה אין מידלוויל — 2.50
ש. אַפּטער — אין דער רוימישער
געטאָ (ראָמאַן) — — — — — — 3.00
ש. אַפּטער — דער בונט און אַנד. — .25
אברהם ביק — ר׳ יעקב עמדין — — 2.50
דוד בערגעלסאָן — פּרינץ ראובני — 1.50
מ. י. בערדיטשעווסקי — יידישע
כתבים, באַנד 1 — — — — — — 3.00
מ. גאָלדשטיין — ביראָבידזשאַנער
אויפן אַמור — — — — — — — 1.50
ז. וויינפער — אויף די זאַמדן
פון יהודה (ראָמאַן) — — — — — 2.00
חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן — פּאַרהאַנג 2.50
דער נסתר — די משפּחה מאַשבער —
צוויי טייל — צו — — — — 3.00
ל. קאָברין —ריווערסייד־דרייוו (דראַמע) .25
ל. קאָברין — דער פאַרלוירענער
ניגון (ראָמאַן) — — — — — — 3.00
לעאָ קאָץ—נקמה (ראָמאַן), יידיש י. ס. 2.50
א. ראַבאַי — איז געקומען אַ ייד
קיין אַמעריקע — — — — — — 1.50

מענדעלע מוכר ספרים — געקליבענע
ווערק — באַנד 1 : דאָס קליינע
מענטשעלע, די טאַקסע ; ב. 2 : די
קליאַטשע, מסעות בנימין השלישי ;
ב. 3 : פישקע דער קרומער, דער
פּריזיוו ; ב. 4 : דאָס ווינטשפינגערל
יעדער באַנד צו — — — — — — — 3.00

אויטאָביאָגראַפיעס און זכרונות

ראובן בריינין — פון מיין לעבנס־בוך 3.00
אהרן גאָרעליק — שטורעמדיקע יאָרן 3.00
אַל. גראַנאַך — אַט גייט אַ מענטש !
(יידיש יעקב מעסטל) — — — — 3.00
שלום לעווין — אונטערערדישע
קעמפער (זכרונות) — — — — — 2.50
יעקב מילך—אויטאָביאָגראַפישע סקיצן 2.50
א. ראַבאַי, מיין לעבן, 2 בענד, צו — 2.00

קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

100 הייננצייטיקע אַמעריקאַנער יידישע
מאָלער און סקולפּטאָרן (אַלבאָם) — 10.00
ש. אַלמאַזאָוו — מיטן וואָרט צום פאָלק 3.00
ג. בוכוואַלד — טעאַטער (אילוסטרירט) 3.00
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם
19טן י״ה, צוויי בענד, צו — — — 3.00
דר. חיים זשיטלאָווסקי — ייד און וועלט 2.50
דר. ח. זשיטלאָווסקי — דער זין פון
מענטשלעכן לעבן — — — — — — 2.50
אברהם טייטלבוים — וויליאַם שעקספּיר 3.00
דר. א. מוקדוני—י. ל. פּרץ און דאָס
יידישע טעאַטער — — — — — — 3.00
נ. מייזיל — צווישן חורבן און אויפבוי 3.00
נ. מייזיל — י. ל. פּרץ (זיין לעבן
און שאַפן) — — — — — — — — 3.00
נ. מייזיל — פאַרגייער און מיטצייטלער 3.00
פּ. נאָוויק — אייראָפּע—צווישן מלחמה
און שלום — — — — — — — — 3.00
פ. ענגעלס — לודוויג פייערבאַך
(איבערזעצט ש. ווינער) — — — — 1.25
בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ —
געזאַמלט נחמן מייזיל — — — — 3.00
ב. ריוואָקין — הויפּט־טענדענצן אין
דער יידישער ליטעראַטור — — — 3.00
קעגן די אָנפאַלער אויף דר. חיים
זשיטלאָווסקי (זאַמלונג) — — — — .35
באַריכט פונעם קולטור־צוזאַמענפאָר — .50
צען יאָר איקוף — — — — — — — .25

אדרעס : Ykuf, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.